STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09422

DI GESHLEKHTS-FRAGE

Auguste Forel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די געשלעכטס־פראגע

א וויסענשאפטליכע, פסיכאלאגישע, היגיענישע
און סאציאלאגישע פארשונג

— פון —

אוגוסט פארעל

דאקטאר פון פילאזאפיע, געוועזענער פראפעסאר פון פסיכאט־
ריע און דירעקטאר פון משוגעים־אנשטאלט אין צוריך, שווייץ.

איבערזעצט לויט דער ענגלישער אויסגאבע
— פון —
דר. ד. בארוכסאן

צווייטער באנד

פארלאג זעלבסט־בילדונג

1920

אינהאלט:

זייט

קאפיטעל IX.

די ראלע פון היפנאטיזם אין געשלעכטס־לעבען.
דער ליבעס־רויש 7

קאפיטעל X.

די סעקסועלע פראגע און איהר שייכות צום געלד אדער פריוואט איינענטום, געלד־הייראט, פראסטיטוציע, די באַרדעל פראפעסיע, קאקאטקעס און מעטרעסען (דאס בעצאלטע קאנקובינאט) 29
1. אלגעמיינע בעמערקונגען 29
2. געלד הייראט 33
3. די פראסטיטוציע און די בארדעל האלטעריי 37
4. קאקאטקעס און מעטרעסען (דאס בעצאלטע קאנקובינאט) .. 73

קאפיטעל XI.

דער איינפלוס פון דער סביבה אויף דעם געשלעכטס־לעבען 80
דאס קלימאט 80
דאס לעבען אין דער שטאדט און אויף דעם לאנד, איינזאמקייט, געזעלשאפטליכקייט און דאס פאבריק לעבען 81
וואגאבונדעטום 87
אמעריקאניזם 88
דער שענק און דער אלקאהאל 90
רייכטום און ארימקייט 92
יחוס און שטאנד 94
דאס אינדיווידועלע לעבען 97
צייטונגען און אנאנסען 99
אינטערנאטען 100
אלערליי 101

קאפיטעל XII.

רעליגיע און געשלעכטס־לעבען 102

קאפיטעל XIII.

דאס געזעץ אין געשלעכטס־לעבען 124
1. אלגעמיינע רעכטס־בעגריפען 124
2. דאס ציוויל־געזעץ 139
3. דאס שטראף־געזעץ 179
אנהאנג צו קאפיטעל דרייצען — א געריכטס־פאל 203

קאפיטעל XIV.

מעדיצין און געשלעכטס־לעבען 214
סעקסועלע היגיענע 217
פראסטיטוציע 222
סעקסועלע באפרידיגונג 227
סעקסועלע קאנטינענץ 229
היגיענע פון דער הייראט 232
מעדיצינישע סודות 243
די בעהאנדלונג פון געשלעכטס־קראנקהייטען 250
די סעקסועלע שווינדלעריי 258
אנהאנג צו קאפיטעל פופצען — צוויי פאלען 281

קאפיטעל XV.

די סעקסועלע מאראל 260

קאפיטעל XVI.

די סעקסועלע פראגע אין דער פאליטיק
און אין דער פאליטישער עקאנאמיע 290

קאפיטעל XVII.

די סעקסועלע פראגע אין דער פעדא־
גאגיק 303

קאפיטעל XVIII.

דאס געשלעכטס־לעבען און די קונסט 336

קאפיטעל XIX.

א בליק אויף צוריק און די צוקונפטס־
אויסזיכטען 352
אומאפיסטישע געדאנקען וועגען דער אידעאלער הייראט פון
דער צוקונפט 380

קאפיטעל IX.

די ראָלע פון היפּנאָטיזם אין געשלעכטס-לעבען. דער ליבעס-דרויש.

די דערקלערונג פון דעם פענאָמען פון סוגעסציע אדער היפּנאָטיזם, וועלכע איז געגעבען געוואָרען פון ליבול און בערנהיים איז געווען אן אמת'ע וויסענשאַפטליכע ענטפלעקונג פאר דער מענשליכער פּסיכאָלאָגיע. צום בעדויערען איז זי געבליבען מיספערשטאַנען אי פון דער גרויסער מאסע און אי פון דער גרעסטער צאָל דאָקטוירים און יוריסטען. היינט נאָך זעהט מען מיינסטענס אין דעם גאַנצען ענין, אדער כשוף און סודות, אדער אבערגלויבען, שאַרלאַטאַניזם און שווינדעל. דאָס איז די פּעולה פון דער אונפעהיגקייט פון די מיינסטע מענשען צו דענקען אויף א פּסיכאָלאָגישען און פילאָזאָפישען אופן, זיך גופא ריכטיג צו בעאָבאַכטען און צו ווערען קלאָר מכח דעם שייכות צווישען אונזער נשמה און אונזער געהירן-טעטיגקייט.

איך מוז דאָ וואָרענען געגען דעם אפּטען טעות פון א סך היינטיגע דאָקטוירים, וועלכע, ניט פערשטעהענדיג דעם היפּנאָטיזם, שטעלען זיי איהם אוועק אלס א היפּוך צו דער פּסיכאָטהעראַפּיע און צו דער סוגעסציע אין א וואַכיגען צושטאַנד. היפּנאָטיזם און סוגעסציע אין א וואַכיגען צושטאַנד זענען איין און דיזעלביגע זאַך. אבער דאָס וואָס יענע דאָקטוירים (צ. ב. דובאָיז) האַלטען פאר סוגעסציע, איז ניט מעהר ווי א באָם פון ווערטער, א קאַריקאַטור צונויפגעשטעלט פון שלעכט פערשטאַנענע פּסיכאָלאָגישע ערשיינונגען. ווי מיר האָבען געזעהען, זענען די פּאַטאָגענע ווירקונגען און דער פּסיך-אַנאַליז בלויז בעזונדערע קאַפּיטלען פון דער סוגעסציאָנס-לעהרע (אויטאָ-סוגעסציע) און פּסיכאָטהעראַפּיע.

איך פערווייז זיך דאָ אויף מיין בוך: „דער היפּנאָטיזם און די סוגעסטיווע פּסיכאָטהעראַפּיע“ (פיפטע אויפלאַגע 1907, שטוטגאַרט). מחמת דאָ קאָן איך דעם ענין ניט בעהאַנדלען באריכות. פונדעסטוועגען וועל איך פּרובען צו דערקלערען דעם תמצית פון דער היפּנאָטישער

ווירקונג, כדי פאר דעם לעזער קלאר צו מאכען איהר שייכות צו די סעקסועלע געפיהלען.

די סענסאציע בעשטעהט אין דער ווירקונג פון אידעען און פארשטעלונגען אויף דער טעטיגקייט פון אונזער געהירן בכלל, און אויף איינצעלנע פון די געהירן־טעטיגקייטען בפרט. איטליכע פארשטעלונג, וואס ערשיינט אין אונזער בעוואוסטזיין, איז אין דערזעלביגער צייט א געהירן־טעטיגקייט. דאס שייכות פון דעם שפיל צווישען אונזערע בעוואוסטע פארשטעלונגען (אונזער רייה פון געדאנקען) און אונזער אזוי־גערופענע אונבעוואוסטע געהירן־טעטיגקייט, וועל איך בעלייכטען מיט א ביישפיל. צוליב אורזאכען, די דערקלערונג פון וועלכע וואלט מיך צו ווייט אוועקגעפירט (זעה מיין בוך איבער היפנאטיזם), רוף איך „אונטער־בעוואוסט“ אלעס דאס, וואס ווערט געווענליך גערופען אונבעוואוסט, מחמת איך האלט, אז העכסט וואַרשיינליך — איך זאג ניט אהן ספק — איז ניט פאראן קיין שום אונבעוואוסטעס אין אונזער נערוועז־טעטיגקייט, און דאס, וואס אונז שיינט צו זיין אונבעוואוסט, איז אויך ניט אונבעוואוסט, הגם בעגלייט פון אן ענטשפרעכענדער אונטערגעאָרדנעטער אינטראספעקציע (ד. ה. פון א בעוואוסטזיין). געווים, זי ווערט מיינסטענס ניט בעמערקט פון אונז מיט אונזער אויבערשטען געווענליכען בעוואוסטזיין, וועלכעס איז פערבונדען מיט דער אפערצעפציע (אויפמערקזאמקייט). אבער דערפאר האבען מיר א סך בעאבאכטונגען, בעזונדערס א דאנק דעם היפנאטיזם, וועלכע בעווייזען דורך פערגלייכונגען די עקזיסטענץ פון געהירן־טעטיגקייטען פון אן אונטער־בעוואוסטזיין, וועלכעס שיינט בלויז צו זיין אונבעוואוסט.

צום ביישפיל, איך דענק פון מיין פרוי. דער דאזיגער געדאנק וועקט באלד אויף א צווייטען געדאנק, וועגען א רייזע, וועלכע איך האב בדעה אנצוהויבען אין אכט טעג ארום, און די פארשטעלונג מכח דער רייזע וועקט ווידער אויף דעם געדאנק וועגען א קופערט, וועלכען איך וועל דארפען האבען. כמעט אזוי שנעל ווי א בליץ פאלגט נאך איין געדאנק דעם אנדערען: 1.) וועגען מיין פרוי, 2.) וועגען מיין רייזע, 3.) וועגען דעם קופערט. ווערליג עס ווייזט אויס, און אויך לויט דער סכאלאסטישער לעהרע, ווערט דער געדאנק וועגען מיין רייזע אויפגעוועקט פון דעם געדאנק וועגען מיין פרוי (וועלכע דארף

מיטפּאַרען), און דער געדאַנק וועגען קופערט ווערט ווידער אויפגעוועקט פון דעם געדאַנק וועגען דער רייזע, און אויף דעם דאָזיגען אופן אויך פערוואַכט. מען מוז אָבער באַלד מערקען, אַז דאָס נאָכפאָלגען פון אונזערע בעוואוסטע געדאַנגען קאָנען בשום אופן ניט דערקלערט ווערען אויף אַזאַ פּשוט'ן סדר, מחמת אַ סך מאָל קומען אויך אַרויף אַזוינע פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבען ניט קיין שום לאָגישע פערבינדונג מיט די פאָרשטעלונגען פאַר זיי, און וועלכע ק אָ נ ע ן גאַ איינגאַנצען ניט פערוואַכט ווערען דורך זיי, און אויך ניט דורך דרויסענדיגע אויפנעהמונגען, פון די חושים. ניט קענענדיג אונזער געהירן און ניט פערשטעהענדיג זיין טעטיגקייט, האָט מען געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון אַ פריי־שוועבענדיגען געדאַנק און אין אַ פרייען ווילען, וועלכע, זייענדיג אונאָבהענגיג פון דעם קאַוזאַליטעטס־געזעץ (אַז יעדע ־רשיינונג איז אַ פּועל יוצא פון אַ פריהערדיגער ערשיינונג, וועלכע האָט זי פערוואַכט), זענען זיי פריי פאַר זיך און בעהערשען אונזער גייסטיג לעבען. די דאָזיגע מיינונג איז אָבער געבויט אויף אונוויסענהייט.

לאָמיר זיך צוריקקערען צו אונזער משל: פאַרוואָס רופט אַרויס דער געדאַנק וועגען מיין פרוי גראָד דעם געדאַנק וועגען דער רייזע? ער האָט פּונקט אַזוי גוט געקאָנט אויפוועקען (עקספּאָרירען) אַנדערע געדאַנקען. בכדי עס זאָל זיך אויפכאַפּען דער געדאַנק „רייזע“ ווירקט איז דער אמת'ן אַ גרויסע צאָל אַנדערע אונטער־בעוואוסטע געדאַנקען, ד. ה. אונטער־בעוואוסטע טעטיגקייטען פון מיין גרויס געהירן. די דאָזיגע רייזע איז דאָך שוין געווען מיין ענטשלוס, אַ ענטשלוס, צו וועלכען איך בין געקומען נאָך פריהער פאַר מייז געדאַנק „רייזע“ אין יענעם מאָמענט, און דער דאָזיגער ענטשלוס האָט איבערגעלאָזט אונטער־בעוואוסטע דרעמלענדיגע איינדרוקען (ענגראַמען) אין מיין געהירן: צום ביישפּיל, דעם דאַטום פון דער אָברייזע, די צייט ווי לאַנג די רייזע וועט דויערען, איהר ציל און איהר צוועק, די זאָרג פאַר דער בעל־הבית'ישקייט בעת אונזער אַבוועזענקייט, די זאַכען וואָס מען דאַרף מיטנעהמען, די רייזע־הוצאות א. אז. וו., א. אז. וו. בעת דער קורצינקער רגע, ווען די פאָרשטעלונג „רייזע“, צווישען דער פאָרשטעלונג „פרוי“ און דער פאָרשטעלונג „קופערט“, בליצט אויף אין מיין בעוואוסטזיין, קומען מיר די דאָזיגע אַלע געדאַנקען ניט „צ ו ם ב ע־

ז ו א ו ס ט ז י י ן". אבער פונדעסטוועגן זענען זיי אויך אן אזוי־גערופענעם א ס א צ י א ט י ו ו ע ן אופן פערבונדען מיט יענעם געדאנק ד. ה. זיי זענען מיט טויזענד שטראמען פון א דרעמלענדיגען אונטער־בעוואוסטער געהירן־דינאמיק אין די צעלען און פעדים פון דעם געהירן, פערקניפט מיט דעם געדאנק „רייזע", און טאקע דערפאר רופען זיי ארויס דעם דאזיגען געדאנק און ציהען אויף איהם מיין אויפמערקזאמקייט; אין דערזעלביגער צייט אבער שוואכען זיי אב, צוליב זייערע פערשידענערליי ווירקונגען, די קראפט פון דעם רייגעם רייזע־געפיהל און פערהינדערען אויך, אז אלע מעגליכע מעהר דירעקטע געפיהלען און פארשטעלונגען, וועלכע שטעהען אין שייכות מיט דעם געדאנק „רייזע", זאלען ניט קריגען די אויבערמאכט.

דאס, וואס ערשיינט אזוי בליצשנעל אין מיין בעוואוסטזיין, איז א נעבעלדיגע און אלגעמיינע פארשטעלונג פון מיין רייזע, א פארשטעלונג וועלכע דאס ווארט „רייזע" סימבאליזירט. די ווערטער פון דער שפראך זענען עס, וועלכע גיבען מיר די מעגליכקייט קאמפליצירטע און אלגעמיינע אידעען צוזאמענצופאסען אין אזא אבגעקירצטער און דעפיניטיווער פארם. דעריבער, איז אין דער אמת'ן דער דאזיגער בליץ אין מיין געהירן — „רייזע" — וועלכער פאלגט נאך דעם געדאנק וועגען מיין פרוי, אויף קיין פאל ניט ארויסגערופען געווארען פון דעם דאזיגען געדאנק אליין: דער עיקר איז ער אוועקגעשטעלט געווארען פאר דעם ליכט פון דעם אויבער־בעוואוסטזיין, און אויך בעשטימט זיין קוואליטעט, דורך דער טעטיגקייט פון די צאלרייכע אונטער־בעוואוסטע שטראמען. אין דערזעלביגער צייט אבער בעשטימען ביז א הויכען שטאפעל די דאזיגע אונטערבעוואוסטע שטראמען, אהין מיין וויסען, דעם כאראקטער פון דעם פאלגענדיגען געדאנק, דעם געדאנק „קופערט". וועגען וועלכען עס דאכט זיך, אז ער איז אויפגעוועקט געווארען בלויז פון דעם געדאנק „רייזע" אליין. דער געדאנק „רייזע" האט פונקט אזוי גוט געקאנט אויפוועקען אנדערע געדאנקען, צ. ב. די פארשטעלונג וועגען די בעקענטע וואס איך וועל בעגעגענען, די פארשטעלונגען וועגען דער שטאדט וואו אהין איך פאר א. אז. וו. וואס עפעס גראד דעם געדאנק וועגען קופערט? פשוט, מחמת אונטער־בעוואוסט האט אין מיין געהירן שטארק געארבייט די זארג מכח די זאכען, וועלכע איך מוז מיטנעהמען, מכח דעם פלאץ, וואס זיי וועלען

פערנעהמען א. אז. וו. און דעריבער האט זי בשעת־מעשה איבערגעוועלטיגט די אַנדערע אונטער־בעוואוסטע אסאָציאַציעס.

פון דעם דאָזיגען איינפאַכען קליינעם משל זעהען מיר, אז פּאַקטיש ווערען אַלע דריי פאַרשטעלונגען „פרוי, רייזע און קופערט“ א סך מעהר אורזאַכליך בעשטימט אונטער דעם איינפלוס פון אונטער־בעוואוסטע געפיהלען, אידעען און שוין פון פריהער געפאַסטע ענטשלוסען, איידער זיי בעשטימען זיך איינע די אַנדערע, הגם אין מיין בעוואוסטזיין לייכטען זיי אויף אין איין רייהע איינע נאך דער אנדערער. אבער די דאָזיגע אונטער־בעוואוסטע טעטיגקייטען גופא זענען ווידער דאָס פּראָדוקט פון אַנדערע קאָמפּליצירטע, נאך פריהער פאָרויסגעגאַנגענע און פערשידענע טעטיגקייטען פון מיין געהירן.

מיר ווילען דעם ענין מאכען נאך אביסעל מעהר קאָנקרעט און מעהר פערשטענדליך דורך א פערגלייך. א מענש געפינט זיך צווישען א גרויסען, געדיכטען און געהענדיגען עולם. ער רופט עפּעס אויס זעהר הויך, כדי אויף זיך צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דער מאַסע. זיין שטים ווערט געהערט בלויז פון די נאָהענסטע ארום איהם; ווייטער פערהאַלט זי זיך און ווערט פערלוירען אין דעם אויפגערעגטען עולם. אין געטומעל ווערט דער דאָזיגער מענש קעגען זיין ווילען מיטגעריסען אין יענער ריכטונג, וואו דער עולם דרענגט זיך אַמשטאַרקסטען. זיין ווידערשטאַנד איז אומזיסט. אבער ווען דער עולם וואָלט געשטאַנען שטיל און רוהיג, וואָלט דער דאָזיגער מענש זיך געקאָנט לאָזען הערען. ער וואָלט אפשר געקאָנט זיך דורכשטופּען דורך דער מאַסע און טיילמאָל זי איינגאַנצען אָדער טיילווייז מיטרייסען מיט דער קראַפט פון זיין שטים און זיינע ווערטער. ענליך צו דעם איז די ווירקונג פון אַן איינצעלנעם געדאַנק. ווערליג אין א וואַסער געהירן ער ווערט ארויסגערופען; אין א טעטיגען, אויפגעוועקטען און שטאַרק אסאָציאירטען געהירן אָדער, אדרבה, אין א געהירן וואָס רוהט און דרעמעלט. דאָס שטאַרק אסאָציאירטע און אויפגעוועקטע געהירן קאָן געגליכען ווערען צו דעם אויפגערעגטען עולם. וועלכער אין זיין געדרענג רייסט ער אַלעם מיט מיט זיך. אין דעם דאָזיגען פאַל מעג דער איינציגער געדאַנק (פּונקט ווי דער איינציגער מענש) ווי הויך ניט שרייען, ד. ה. ווי שטאַרק ניט

אויפטרעטען: טאמער האט ער ניט שוין פון פריהער א בעזונדערס גרויסע מאכט איבער דעם געהירן (דעם עולם), דורך ערינערונגען וועלכע ער קאן פון דאס ניי אבפרישען און דורך דעם פערשטארקען זיין ווירקונג, וועט ער ווערען מיטגעריסען, ד. ה. זיין ווירקונג וועט ביז א הויכען שטאפעל ווערען דערשטיקט. ווידער דאס רוהענדיגע אדער גאר דרעמלענדיגע, ד. ה. דאס שוואך אסאציאירטע און ניט אקטיווע געהירן, איז, פערקערט, געגליכען צו דעם רוהיג שטעהענדיגען עולם. דא קאן א פארשטעלונג, אפילו ווען זי איז ניי און האט נאך ניט קיין שום ווארצלען אין געדעכניש, פון דער מאסע טיפער אריינדרינגען, אויפברעכען נייע וועגען און ארויסרופען בעזונדערס בעוועגונגען אין איהר דענקען. טאמער האט זי אבער, זאג איך נאך אמאל, פריהער שוין די מאסע (ד. ה. די מאסע פון די אסאציאירטע געהירן-טעטיגקייטען) אפטמאל מיט זיך מיטגעריסען, אזוי, אז די דאזיגע מאסע איז דעריבער געוואוינט איהר נאכצופאלגען, דעמאלט וועט די פארשטעלונג אפשר זיין בכח זיך צו לאזען הערען אין דער סאמע מיט פון דער אויפרעגונג.

איך וויל דא דערמאנען דעם לעזער וואס עס איז געזאגט געווארען אין קאפיטעל 1, מכח דער מנעמע. סעמאן׳ס מנעמע-טעאריע מאכט אויך קלאר דעם דאזיגען ענין. איך האף אז דער לעזער האט אויך פערשטאנען דעם פערגלייך וועלכען איך האב דא געמאכט.

ערשטע ארבייט פון דעם מענש, וועלכער וויל דעם אנדערען סוגערירען, ד. ה. היפנאטיזירען, איז, אויף א געשיקטען אופן קודם כל אריינברענגען דאס געהירן פון דעם וועמען מען דארף היפנאטיזירען אין א צושטאנד פון א רעלאטיווער רוהיגקייט, בכדי דערמיט צו צוגרייטען א גינסטיג פעלד, וואס זאל קאנען אויפנעהמען סונגערירענדע פארשטעלונגען. דערנאך זוכט ער דורך צוגרייטענדיגע סוגעסציעס אלץ מעהר צו פערשטארקען דעם רוהיגען דרעמעל אדער שלאף-ענליכען צושטאנד, בכדי אויף דעם אופן אבצושוואכען די טעטיגקייט פון די אויבען-דערמאנטע שטראמען פון דער אונטער-בעוואוסטער אסאציאציע. ענדליך בעטאנט ער אויף דעם שטארקסטען אופן, אויף אן אופן וועלכער שליסט מאמענטאן אוים יעדען ווידערשפרוך, יענע סוגעסציע (ד. ה. יענעם געדאנק), די ווירקונג פון וועלכען ער וויל ארויסרופען אין דעם געהירן פון דעם היפנאטיזירטען.

צו דעם צוועק מוז ער אלעס בענוצען: אסאציאציעס, וועלכע ער האט
געשיקט ארויסגערופען, אנגענעמע אדער, אדרבה, עקעלדיגע געפיה־
לען, ליידענשאפטען, ענטשלוסען, א. אז. וו. קיין שום זאך איז ניט
בכח אזוי שטארק צו פאראליזירען די ווירקונג פון א סוגעסציע, איי־
דער שוין עקזיסטירענדיגע ליידענשאפטען, געפיהלען און נייגונגען,
וועלכע ווירקען אנטקעגען איהר, ניט קוקענדיג צי זיי קומען פון מורא,
פערצווייפלונג, האס, טרויריגקייט, פרייד, ליבע אדער אויפרעגונג בכלל;
דאסזעלביגע געהירן, וועלכעס קאן זעהר לייכט אויפנעהמען אלערליי
סוגעסציעס, וועט אבער ניט אויפנעהמען א בעשטימטע סוגעסציע דער־
פאר, מחמת עס פיהלט א טיפע סימפאטיע פאר איהר היפוך. בכלל
וועט זיין אומזיסט די מיה א פערליבט מיידעל צו סוגערירען האס און
פיינדשאפט צו איהר געליבטען, מחמת דאס סעקסועלע ליבעס־געפיהל
איז א סך שטארקער איידער די ווירקונג פון דער פרעמדער סוגעסציע.

ווי מיר האבען ערשט אויבען אין אונזער פערגלייך אנגעוויזען,
בלייבט איבער פון יעדער געלונגענער סוגעסציע א טיפע שפור אין
געהירן. די סוגעסציע האט דורכגעבראכען אלע שטערונגען און בעז־
שאפען א שוואונג־באן, וועלכע וועט זיין אין דער צוקונפט א סך לייכ־
טער צו ברענגען אין בעוועגונג (צו עקפארירען). אט דערימער איז
ביים אנהויב נויטיג אזא גרויסע רוהיגקייט פון געהירן בכדי צו עפענען
א וועג פאר א סוגעסציע, בעת שפעטער קאן מען די ווירקונגען פון
די פריהער שוין געלונגענע סוגעסציעס ארויסרופען טיילמאל אפילו
בעת א שטארקער אויפרעגונג און אין דער מיט פון אן אסאציאירטער
טעטיגקייט פון געהירן. א פרוי, וועלכע איך האב שוין פריהער היפ־
נאטיזירט, איז איינמאל פלוצלונג געקומען צו מיר אין דער טיפסטער
פערצווייפלונג, מיט געדאנקען פון זעלבסטמארד, צוליב דעם שרעקלי־
כען טויט פון איהר מוטער און שוועסטער אין א פייער. מיר איז
געלונגען זי צו היפנאטיזירען און זי באלד אזוי וויט צו בערוהיגען, אז
פון איהר גאנצער פאמיליע איז זי געווען די איינציגע וואס האט אלעס
רוהיג און קאלט בעטראכט און אלעס געברענגט אין ארדנונג.

דאס כאראקטעריסטישע פון א סוגעסטיווער פארשטעלונג איז:
וואס זי שניידט דורך די א ו נ ט ע ר ־ ב ע ו ו א ו ס ט ע ווע־
גען, אזוי, אז איהר ווירקונג בעווייזט זיך אונערווארטעט און פערוואונ־
דערענדיג אין אונזער בעוואוסטזיין. צום ביישפיל, איך סוגעריר עמי־

צען, אז עס וועט איהם שמארצען זיין שטערן. בעת ער דערפיהלט דאס בייסען ווערט ער זעהר פערוואונדערט, ניט קאנענדיג פערשטעהען ווי אזוי פון מיין נביאה האט זיך פערווירקליכט אן אמת געפיהל פון בייסען. פון איצט אן גלויבט ער אין מיין מאכט איבער איהם, ד. ה. זיין געהירן ווערט אנטקעגען מיינע ווערטער מעהר נאכגעביג, מעהר צוגענגליך: איבערצייגענדיג זיך אין דעם ווערט פון מיינע נביאות. שטעלט זיין געהירן ארויס אנטקעגען מיר ווייניגער ווידערשטאנד: עס איז קיין חלוק ניט אויב די נביאה איז נוגע די ווירקונגען פון זיינע געפיהלען אדער זיינע בעוועגונגען (טיילמאל אויך זיין בלוט-בעוועגונג, ווי ביים ווערען רויט אדער בלאס בעת מען סוגערירט די מענסטרואציע א. אז. וו.), אט אזוי ווערט ער אנטקעגען מיר, ווי מען דריקט זיך אויס, אלץ מעהר סוגעסטיבעל, ד. ה. זיין געהירן געוואוינט זיך צו פאלגען מיינע איינגעגעבענע סוגעסציעס און עס לאזט זיי דיססאציאירען זיין טעטיגקייט. דער דאזיגער גלויבען. דאס דאזיגע זיך לאזען בעיינפלוסען" דורך סוגערירטע פארשטעלונגען, שטעקט אן זעהר לייכט דורך א ביישפיל. ווען ב ווערט מיט ערפאלג סוגערירט פון א, און אויב דערביי זענען געווען אנוועזענד ג, ד, ה, ו און ז און דאס אלעס צוגעזעהען, וועלען זיי א סך לייכטער סוגערירט ווערען פון א: און אזוי ווייטער. דערין ליגט דער שליסעל פון דער מאסען-סוגעסציע.

עס איז קיין חלוק ניט אויב אין דעם היפנאטישען צושטאנד איז פאראן אמאל מעהר אדער ווייניגער דאס סוביעקטיווע געפיהל פון שלאף. דאס דאזיגע געפיהל איז אבהענגיג דאס רוב נאר פון דעם זיין אדער פון דעם ניט זיין פון א מעהר אדער ווייניגער שטארקער אמעגזיע נאך דער ערוואכונג. (אמענזיע מיינט ערינערונגסלאזיגקייט). אבער די אמענזיע הענגט נאר אב פון דעם אפטמאל צופעליגען און ניט וויכטיגען איבערדריים פון דער קייט פון זכרונות אין בעוואוסטזיין. ביי די מעהר סוגעסטיבלע היפנאטיזירטע מענשען, ביי די אזוי-גערופענע סאמנאבוליסטען, קאן מען מיט איין סוגערירט ווארט, ווי מען וויל, אדער די אמנעזיע אראבדריקען אדער זי אויפהויבען, ד. ה. מען קאן סוגערירען, ווי מען וויל, אדער די פערגעסענקייט אדער די ערינערונג. איך מוז בעטאנען דעם דאזיגען פונקט, מחמת, ווי שוין געזאגט, צווישען די דאקטוירים הערשט אין דער לעצ־

טער צייט די מאָדע אויף א דאָגמאַטישען אופן צו מאַכען א פּרינ־ציפּיעלען חלוק צווישען סוגעסציע איז א וואכיגען צושטאנד און היפּ־נאָטיזם, א חלוק וועלכער איז געבויט אויף דעם פּשוט'ן ניט פער־שטעהען פון דער גאַנצער רייה ערשיינונגען. איך וויל בעטאָנען נאָך אַמאָל און איך זאָג, אז וואַך־סוגעסציע און היפּנאָטיזם זענען איין און דיזעלביגע זאַך, דאָס הייסט, זיי אונטערשיידען זיך בלויז דורך דער סוגעסציע פון דער אַמנעזיע, אדער פון דעם סוביעקטיווען געפיהל פון שלאָף; אדער אויב מען וויל בעסער, דורך דער סוביעקטיווער ערינערונג פון שלאָף להיפוך דער ערינערונג, אז מען איז געווען וואך. אבער די דאָזיגע ביידע ערינערונגען קאָנען נוגע זיין פּונקט איין און דעמזעל־ביגען צושטאנד!

אונטער אוטאָ־סוגעסציע מיינט מען די ווירקונגען פון ספּאָנטאַן אויפגעכאַפּטע סוגעסציעס — ד. ה. ווירקונגען וועלכע ווערען ניט ארויסגערופען דורך דעם איינפלוס פון אנדערע מענשען — אבער וועל־כע זענען גלייך צו די ווירקונגען פון א פרעמדער, דרויסענדיגער סו־געסציע. אן אוטאָ־סוגעסציע ענטשטעהט דערפאַר, מחמת עפּעס א גע־דאַנק אדער א געפיהל בעהערשט מיט א געוואַלדיגער מאַכט אונזער געהירן, איבערוועלטיגט אלע אַסאָציאירטע געגנער־כחות — אלע גע־גענ־געדאַנקען — און פּונקט ווי די סוגעסציע רופט זי ארויס געוואַל־דיגע ווירקונגען ערגייץ וואו אין נערוועו־סיסטעם. נאַטירליך איז גע־איז אפּטמאָל געגוג צו פירען צו שלאפלאָזיגקייט. די בלויזע פאָרשטע־לונג, אז מען איז סעקסועל אימפּאָטענט, קאָן פּלוצלונג פירען צו דעם ווייך־ווערען פון דעם פּעניס, שטערען די ערעקציעס און דורך דעם מאַכען אונמעגליך א געשלעכטס־פערקער. די פאָרשטעלונג פון גענ־צען רופט ארויס דאָס גענעצען, די פאָרשטעלונג פון געשלעכטס־פער־קעך רופט ארויס ערעקציעס און טיילמאָל אויך געפיהלען פון תאוה; די פאָרשטעלונג פון בושה — דאָס רויט־ווערען, די פאָרשטעלונג פון שרעק — דאָס בלאַס־ווערען, די פאָרשטעלונג פון רחמנות — טרערען און וויינען.

ווען מען האָט אבער אין זין, אז אפּטמאָל, צ. ב. ווען א מענש געניצט, סוגערירט ער אונבעוואוסט דעם אנדערען מענש אויך צו געניצען; אדער אז מען קאָן ווערען סוגערירט דורך דעם אנבליק פון

געגענשטאנדען אדער דורך הערען געוויסע קלאנגען, אז צ. ב. דער אנ־בליק פון מלבושים וואס געהערען צו א געליבטער פרוי, קאנען זיין גענוג ארויסצורופען אן ערעקציע; אז דער ריח פון א שפייז, מיט וועל־כען מען האט זיך פריהער פערדארבען דעם מאגען, קאן ארויסרופען אן איבעלקייט, — אז מען האט דאס אין זין, מוז מען צוגעבען, אז צווישען דער אוטא־סוגעסציע און דער פרעמד־סוגעסציע איז פאראן א גאנצע רייה איבערגענג, אין דער פארם פון סוגעסציעס וואס קומען פון געגענשטאנדען און אין דער פארם פון ניט בעאבזיכטיגטע פרעמד־סו־געסציעס, איבערגענג וועלכע פערווישען די גרעניץ. דער בעגריף פון דער אייגענטליכער, געוואלטער און אבזיכטליכער פרעמד־סוגעסציע שליסט אין זיך איין דעם בערעכענטען און געפלאנטען ענטשלוס צו בעיינפלוסען אן אנדערען דורך א סוגעסציע; דאס איז דאס איינציגע קריטעריום. אויב דער וואס סוגערירט אבזיכטליך, האט דערביי אין זין די טובה (טיילמאל די היילונג) פון דעם סוגערירטען, אדער אדרבה ער מיינט איהם צו טון שלעכטס דערמיט אדער איהם צו מאכען פאר זיין ווערקצייג, איז א גאנץ אנדערע פראגע.

סימפאטיע, ליבע און סוגעסציע. — דער עיקר איז פאר אונז וויכטיג דער פאקט, אז ביי דער ווירקונג פון דער סוגעסציע שטיצט מען זיך אמשטארקסטען אויף די געפיהלען פון צוטרויען און סימפאטיע, וועלכע מען וועקט אויף ביים סוגערירטען. אפילו ווען ער ווערט פון דעם היפנאטיסט בעשווינדעלט, קאן ער זיך פונדעסטוועגען נאך אלץ איבערגעבען, כל זמן ער האט נאך דעם שווינדעל ניט דערקענט און מעהר פון אלעם, ניט ד ע ר פ י ה ל ט. דא מוז מען זיך אב־שטעלען אויף א געוויסען פונקט. א מענש קאן א געוויסע זאך קלאר און שארף בענעמען מיט זיין שכל און לאגיק; ער קאן זעהען דעם שאדען פון דער זאך, ער קאן אפילו די דאזיגע זאך פערשילטען אין זיינע געדאנקען, און טראצדעם ציהען איהם אונטער־בעוואוסטע, אינ־סטינקטיווע סימפאטיע־געפיהלען צו אט דער דאזיגער זאך אדער דעם דאזיגען עפעס, פונקט ווי עס ציהט א שמעטערלינג צום פייער, אדער ווי עס ציהט דעם גריכישען ים־פארער צו א סירענע. די פאלגענדע צוויי ביישפילען וועלען דעם דאזיגען פונקט אמבעסטען אילוסטרירען און אין איין צייט אונז אויך צופירען צום סאמע תוך פון אונזער ענין:

א פעהיגער שוישפּילער האָט זיך פערליבט אין א היסטערישער פערהייראַטער פרוי. די דאָזיגע פרוי האָט ניט בלויז אָבגענאַרט איהר מאַן אליין, נאָר אויך דעם שוישפּילער און אַנדערע. דער שוישפּילער האָט דאָס אַלעס געוואוסט און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין שכל האָט ער זיך געראַנגעלט און זיך געריסען צו בעפרייען פון דער מאַכט פון דער דאָזיגער סירענע. אָבער די אַנציהונגס־קראַפט פון דער דאָזיגער פרוי איז געווען אַזוי געוואַלדיג, אַז קיין שום זאַך האָט ניט געהאָלפען און ער איז אַלץ געפאַלען פאַר איהר. אין זיין פערצווייפלונג איז ער געקומען צו מיר און מיך געבעטען, פון איהם צו פערטרייבען די דאָזיגע ליבע מיט היפּנאָטיזם. איך האָב באַלד געזעהען די שווערקייט פון דער גאַנצער זאַך, אָבער איך האָב, הגם אָהן האָפענונג, אַנגעווענדעט מיין גאַנצע מיה איהם צו העלפען. מיינע סוגעסציעס, טראָצדעם וואָס זיי זענען געווען אין א האַרמאָניע מיט זיין שכל, זענען אָבער פולשטענדיג געשלאָגען געוואָרען פון דער קראַפט פון זיינע סעקסועלע געפיהלען, וועלכע האָבען איהם געצויגען צו דער היסטערישער פערפירערין: איך האָב אָבסאָלוט גאָרניט אויסגעפירט.

א זעהר געבילדעטע, ניט פערהייראַטע פרוי האָט זיך אַזוי הייס פערליבט אין א יונגען מאַן, אויך א זעהר געבילדעטען, אַז זי איז פון איהר ליבע פשוט פערצערט געוואָרען, זי איז געוואָרען מאָגער, זי האָט פאַרלוירען איהר אַפּעטיט און איהר שלאָף א. אז. וו. אָבער מיט איהר שכל און לאָגיק איז זי געווען איבערצייגט, נאָכדעם ווי זי האָט געהאָט מיט איהר געליבטען עטליכע אויפגערעגטע געשפּרעכען, אַז זייערע ביידענס כאַראַקטערס פּאַסען זיך ניט צוזאַמען און, אַז נאָך דער חתונה וועלען מוזען אויסברעכען אַלערליי מחלוקות צוליב זייער זיך ניט קאָנען פערטראָגען. זי האָט דעריבער געקעמפט מיט איהר גאַנצער ענערגיע און איז אויך געקומען צו מיר אין איהר פערצווייפלונג, כדי אַז זאָל איהר ליבע פערטרייבען דורך היפּנאָטיזם. געדענקענדיג מיין פריהער דערמאָנטען דורכפאַל, בין איך צוגעטרעטען צו מיין נייער אויפגאָבע מיט ניט איבעריג גרויסע האָפנונגען. איך האָב אָבער אַנגעווענדעט מיין גאַנצע קונסט צו דערגרייכען דעם געווינשטען ציעל. אָבער מיין פיאַסקאָ איז געווען פונקט אַזוי גרויס ווי ביים שוישפּילער. מיר האָבען ענדליך געמוזט אויפגעבען די גאַנצע זאַך, נאָר די שיידונג און

די צייט האבען ביסלעכווייז געקאנט די פרוי צוריקברענגען צו איהר גלייכגעוויכט.

די דאזיגע ביידע ביישפילען זענען זעהר לעהררייך. די סוגעס־ציע קאן בעקעמפען מעכטיגע געפילען נאר דעמאלט, ווען זי וועקט אויף, אויף א געשיקטען אופן ביסלעכווייז אנדערע סימפאטיע־געפיהלען, וועלכע ווערען שטארקער און שטארקער און אזוי ארום איבערוועלטיגען זיי די פריהערדיגע געפיהלען. דאס ברענגט אונז צו א קאמפליצירטער און שווערער פראגע.

בכדי סוגעסטיוו צו ווירקען אויף אנדערע מענשען, מוז מען ביי זיי קודם כל זעהען די סוגערירטע פארשטעלונג צו פערקניפען מיט סימפאטיע־געפיהלען און אין זיי אויפוועקען דעם איינדרוק, אז צו דעם ציל, צו וועלכען מען וויל דערגרייכען, שטרעבען זיי ניט אויף דער קאמאנדא פון דעם היפנאטיסט, נאר, אז אין זיך גופא איז דער ציל אדער ווינשענסווערט און אנגענעם אדער לכל הפחות א נויטיגקייט צו וועלכער מען מוז זיך אונטערוואַרפען. אין די געפיהלען פון דעם וואס גיט זיך איבער אין די הענד פון דעם זיגער, ליגט, בעזונדערס ביי דער פרוי, אויך א מין געפיה' פון א הנאה. ביי דער פרוי, אבער אויך ביי דעם האמא־סעקסועלען מאן, פערקניפט זיך אפטמאל אזא געפיהל מיט פאסיווע סעקסועלע ליבעס־געפיהלען. דער דאקטאר וואס היפנא־טיזירט מוז דעריבער ביים היפנאטיזירען אויפוועקען סימפאטיע־גע־פיהלען, בכדי מיט זייע' הילף צו קאנען בעקעמפען דעם פעהלער, וועלכען מען זוכט צו פערטרייבען. בכלל ליגט דערין קיין שום געפאר, אויב צווישען דעם היפנאטיסט און דעם היפנאטיזירטען איז ניט פא־ראן א געשלעכטליכע אנציהונג; אויב צ. ב. איין נארמאלער מאן היפ־נאטיזירט אן אנדערען נארמאלען מאן, איין נארמאלע פרוי היפנאטי־זירט אן אנדערע נארמאלע פרוי, אדער אויך אויב איין האמא־סעק־סועלער מאן היפנאטיזירט א האמא־סעקסועלע פרוי. אניט ליגט דערין א געפאר אויפצואוועקען סעקסועלע געפיהלען, פון וועלכע מען קאן זיך שפעטער ניט אזוי לייכט בעפרייען, אויב מען ווענדט ניט אן די נויטיגע פארזיכטיגקייט. די דאזיגע סעקסועלע געפיהלען קאנען נוגע זיין דעם היפנאטיזירטען אזוי גוט ווי דעם היפנאטיסט און קאנען זיך ענדיגען מיט די טראגישסטע ליבעס־געשיכטען. אזוינע ליבעס־געשיכטען האבען זיך צ. ב. אבגעשפילט אין דעם טשינסקי פאל, וואו א היסטערישע באַ־

ראַנעסע, וועלכע מען האט געשלעכטליך אויפגערעגט דורך היפּנאָטיזם, איז אריינגעפאַלען אין דער ליבעס-נעץ פון איינעם מיט דעם נאָמען טשינסקי. אין דער באַראָנעסע האט זיך אויפגעוועקט א מין סוגעריר־טע ליבע, קעגען וועלכער איהר שכל האט זיך מעהר אָדער וועניגער גע־ווערט, בעת דער היפּנאָטיסט, וועלכער איז געווען פערליבט איבער די אויערען, האט גאָר פערלוירען דעם שכל. אין אַזוינע פאַלען קאָן מען זאָגען, אַז די סוגעסציע פערשטאַרקט נאָר יענע אמת מענשליכע גע־פיהלען, וועלכע מיר געפינען אין אַלע ליבעס-געשיכטען פון טאָג-טעג־ליכען לעבען. צווישען דער נאָרמאַלער און דער סוגערירטער ליבע גע־פינט זיך א ים פון שאַטירונגען, שטאַפּלען און איבערגענג, וועלכע מאַ־כען אונמעגליך אַנצואווייזען די גרעניץ וואָס טיילט זיי פאַרנאַנדער.

א היפּנאָטיסט קאָן מיסברויכען זיין סוגעסטיווע מאַכט, בכדי אויסצוניצען די ארויסגערופענע ליבע פון דעם היפּנאָטיזירטען. איך האָב בעהאַנדעלט א פאַל, וואו אַן אַלטע, מאוסע ספּיריטואַליסטקע האט היפּנאָטיזירט א יונגען, רייכען מאַן און אַזוי ווייט געקראָגען די מאַכט איבער איהם, אַז ער האט פערלאָזט די פאַמיליע און מיט איהר געהייראָט. פּונקט ווי ביי דעם טשינסקי פאַל, איז דאָ דער מיסברויך געלעגען אויף דער האַנד. דער דאָזיגער פאַל איז אָבער געווען נאָך ערגער, מחמת ביי דער אַלטער פרוי איז עס געווען א פּשוט'ע געלד ספּעקולאַציע און בכדי נאָך דער חתונה, ניט צו פערלירען איהר סוגעס־טיווע ווירקונג, האט זי גופא איהר יונגען מאַן בעזאָרגט מיט יונגע מיידלעך: דאָ איז דעריבער געווען א ריינע געלד ספּעקולאַציע, בעת טשינסקי איז אַליין אויך געפאַנגען געוואָרען אין דער נעץ.

בכלל קאָן מען זאָגען, אַז דאָרט, וואו די אורזאַך פון א ליבעס־רויש איז אַן אַבזיכט.יכע פרעמדע סוגעסציע, פיהלט דער סוגעסטיוו פערליבטער א געפיהל פון געצוואונגענקייט, א געפיהל וועלכעס ער קאָן שפּעטער, ווען עס קומט ענדליך צו א פערהער, שילדערען אויף א זעהר כאַראַקטעריסטישען אופן. אין זיין איך פיהלט ער א מין דאָפּעלט־קייט. ער מערקט, אַז די רייצונג פון זיין געשלעכטס-טריב און זיין ליי־בע טראָגען אויף זיך א געצוואונגענעם עפּעס, קעגען וואָס ער זוכט זיך צו ווערען. געוויס, דאָס דאָזיגע זיך-ווערען קומט אָבער מיינסטענס ערשט שפּעטער, ווען די סימפּאַטישע ווירקונג פון דער סוגעסציע הויבט אָן בּיסלעכווייז צו פערשווינדען. דאָ אויך זענען דאָ אַלערליי נואַנצען און

גראדען. און מען מוז זיך שטארק אבהיטען כדי ניט צו דאגמאטיזירען די דאזיגע ערשיינונג, מחמת, אויב דער היפנאטיסט איז זעהר געשיקט און ער קאן פארזיכטיג בעהאלטען זיין סוגעסטיווע אבזיכט, דעמאלט קאן דאס סוביעקטיווע געפיהל פון א פערמדען צוואנג אבסאלוט פעהלען, ד. ה. עס קומט ניט צום בעוואוסטזיין; אויב אבער פערקערט, ער איז ניט געשיקט און די היפנאטיזירטע פערזאן איז היסטעריש, דעמאלט קאן זיך ביסלעכוויז די ליבע פערוואנדלען אין א האס, ווי עס טרעפט אפט ביי אזוינע קראנקע, און זי קאן שפעטער דורך אוטאסוגעסציע זיך דערמאנען אין איהר פריהערדיגער ליבע אלס אין א קינסטליכען ליבעס־צוואנג און זייענדיג אין דעם איבערצייגט, מאלען פאנטאסטישע פאסירונגען פונקט ווי זיי וואלטען געווען אמת: בעת זי איז געווען פשוט פערליבט אויף דעם אופן פון היסטעריקער.

בעצם אנדערש מוז מען אבער קוקען אויף יענע פאלען, וואו א היפנאטיסט ברענגט אריין א היפנאזירטע פרוי אין א צושטאנד פון א טיפען סאמנאמבוליזם, און דערנאך מיסברויכט ער זי אהן איהר וויסען. דא איז דער קרבן איינגאנצען אהן א ווילען, און קאן זיך ניט פערמייטיגען. די דאזיגע פאלען זענען אבער א סך לייכטער צו אורטיילען, בעזונדערס פון דעם געזעצליכען שטאנדפונקט.

פאר אונז זענען אבער וויכטיגער די ערשטע פאלען. די ליבעס־אויסשטראלונגען וועלכע די ליבידא סעקסואליס רופט ארויס, ווירקען צוריק אויף דער ליבידא און פערשטארקען זי; זיי וועקען אויף געפיהלען פון א געגענזייטיגער סימפאטיע און זיי ווירקען פונקט ווי מאגנעטישע כחות, וועלכע ציהען זיך געגענזייטיג צו. מיר האבען אבער נאר־וואס געזעהען, אז די ווירקונג פון א סוגעסציע הענגט אב פון דעם פאקט, וואס מען איז גובר די שטארק אסאציאירטע אונטער־בעוואוסטע קעגען־פארשטעלונגען. און פון דער אנדערער זייט, זענען מיר אויך דערגאנגען די קרובה'שאפט צווישען די סעקסועלע געפיהלען און די געפיהלען פון סימפאטיע: די לעצטע זענען דאך, טיילוויז דירעקט און טיילוויז אינדירעקט, די פילאגענעטישע אויסוואוקסען פון די ערשטע. פון דער דאזיגער איינפאכער נעבענאנאנדער־שטעלונג פון די פאקטען זעהט מען וואסערע געוואלדיגע קרובה־שאפט עס איז פאראן צווישען סוגעסציע און ליבע. איך זאג קרובה־שאפט: יא, מיר מוזען זיך שטארק היטען בכדי דידאזיגע קרובה־שאפט דאגמאטיש ניט

צו פערוואנדלען אין א גלייכקייט, מחמת דאס וואלט געווען בעצם פאלש. ליבע און סוגעסציע זענען לגמרי ניט איין און דיזעלביגע זאך. צום גליק קאנען די מיינסטע קראנקע, נאטירליך אזוי גוייט ווי זיי זענען היילבאר, גובר זיין זייער קרענקליכען, צושטאנד און ווערען געהיילט דורך דער אויפוועקונג פון א שוואכען גראד סימפאטיע און דורך דער פעריינגערטער אנשטרענגונג פון דעם היפנאטיסט און דעם היפנאטיזירטען אהן דערביי זאל זיך ענטוויקלען עפעס אנדערש ווי בלויז א געפיהל פון פריינדשאפט און דאנקבארקייט צום היפנאטיסט. פון דער צווייטער זייט אבער קאנען צוויי מענשען זיין געגענזייטיג סעקסועל שטארק פערליבט, און פון דעסטוועגען זאל אייגער דעם אנדערען אבסאלוט ניט אימשטאנד זיין צו היפנאטיזירען; דאס טרעפט מייגסטענס דערמאלט, ווען צוויי מענשען (צ.ב. א פארפאלק) קענען זיך גענוי זינט א סך יאהרען, אדער ווען צוויי העכערע אינטעליגענטען, זייענדיג ניט צופיל אבהענגיג פון דער ליבידא סעקסואלים, ד. ה. פון זייער סעקסועלען פערקער, קומען זיך גייסטיג אנטקעגען. איך מוז דעם דאזיגען פאקט אבסאלוט פעסטשטעלען, בכדי מיינע בעהויפטונגען זאלען ניט שלעכט פערטייטשט ווערען דורך פאלשע און האסטיגע כללים. פערקערט אבער, ווען א מענש מיט א שטארק אסאציאירט געהירן סוגערירט סימפאטיע-געפיהלען א שוואכער געהירן פון דעם צווייטען געשלעכטס און אויף א געשיקטען אופן וועקט ער מיט זיי די ליבידא סעקסואלים, קאן ער דורך דעם ארויסרופען א סוגערירטע ליבע, וועלכע זאל זיין ענליך צו דעם נאטירליכען ליבעס-רויש, פונקט ווי איין איי איז ענליך צום אנדערען. אויב די סוגעסטיווע ווירקונג ווערט שפעטער אבגעשוואכט אדער צושטערט דורך דער צייט, אדער דורך דער ענדערונג, אז דער היפנאטיסט האט מיסברויכט זיין מאכט אדער האט בעגאנגען א שווינדעל, קומט דעמאלט דער היפנאזירטער צום שכל. די ענטוישונג, דער וועהטאג און די חרטה קאנען אפילו די איצטיגע ליבע פערוואנדלען אין א האס, אדער עס צינד זיך אן א כאראקטעריסטישער קאמף צווישען דער ליבידא און די אילוזיע פון אן אבגענארטער ליבע, א קאמף וועלכער ווערט אויסגעניצט אלס דער טראגישער מאמענט פון דער געוועהנליכער מענשליכער ליבע אין דער גרעסטער צאל ראמאנען און דראמעס.

דער ליבעס־רויש. — לאמיר איצט פערגלייכען די דאזיגע ערשיינונגען מיט די ערשיינונגען פון דעם געוועהנליכען לעבען, וועלכע מען רופט בקצור דער ל י ב ע ס ־ ר ו י ש. די ענליכקייט ווארפט זיך אין די אויגען. עס בעגעגענען זיך א מאן און א פרוי און זיי געפעלען זיך. די געגענזייטיגע ווירקונג פון זייערע בליקען, זייערע ווערטער און בערירונג, בקצור פון דעם גאנצער מעכאניזם פון זייערע חושים און גייסט וועקען ביי ביידע גלייך סימפאטיע־געפיהלען און א סעקסועלען בעגער וועלכע ווידער פון זייער זייט פערשטארקען זיך געגענזייטיג. דער געשלעכטס־בעגער פערצירט און בעשעהנט איטליכע האנדלונג און דאס גאנצע אויסזעהן פון דעם געליבטען אביעקט מיט אן אייביגען ליכט־קרייז פון גלאנץ און פראכט, און די דאזיגע ליכט־שטראלען וועלכע שטראמען פון די סעקסועלע געפיהלען פערשטארקען ווידער פון זייער זייט די געפיהלען פון סימפאטיע; און פערקערט, די סימפאטיע געפיהלען פערשטארקען דעם סעקסועלען בעגער. דורך ג ע ג ע נ ־ ז י י ט י ג ע ס ו ג ע ס צ י ע ס וואקסט און וואקסט דער דאזיגער שנעע־באל און ער קאן דערגרייכען יענע הויך, וועלכע איז בעקענט אונטער דעם נאמען „מ ש ו ג ע פ ע ר ל י ב ט".
אבער דער גאנצער שפיל איז א געגענזייטיגע פערבלענדעניש. וואס שטורעמדיגער, נארישער, ניט בערעכענט און ניט צוגעגרייט עס איז אזא ליבע, און וואס ווייניגער די פערליבטע זענען בעקענט מיט זייערע געגענזייטיגע כאראקטערס, אלץ מעהר האלט זי זיך אויף אילוזיעס, וועלכע וועלען צוזאמענפאלען ווי א קארטען־שטיבעל אזוי גיך ווי די צוויי פערליבטע וועלען זיך אנהויבען אויסניכטערען; אט אזוי קומען גלייכגילטיגקייט, עקעל און אפילו האס באלד נאך דער „ליבע". דא קאן מען קלאר דערקענען דאס סוגעסטיווע עלעמענט אין דער ליבע. אט פונקט ווי א היפנאזירטער קאן מיט דעם גרעסטען אפעטיט אראבשלינגען א רויהע קארטאפעל און גלויבען, אז ער עסט א פאמעראנץ, אט פונקט אזוי קאן א משוגע פערליבטער מאן האלטען פאר א געטין דאס מאוס'סטע און ערגסטע מיידעל, אדער א משוגע פערליבט מיידעל קאן זעהען דאס אידעאל פון דער מענליכער קראפט און ריטערליכקייט אין א געזונקענעם דאן זשואן און מאוס'ען עגאיסט.

אבער די קרובה'שאפט ווייזט זיך נאך שארפער דארט, וואו דער ליבעס־רויש געפינט זיך בלויז אויף איין זייט, בעת די אנדערע זייט

שפּילט די בעקענטע ראָלע פון אַ פערפירער: וואו (אויב די שמוציגע געלד־מאָטיווען זענען ניט די איינציגע אורזאַך פון דער פערפירונג) ער לאָזט מיטשפּילען זיין אייגענע ליבידאָ סעקסואַליס, אַבער ער איז דער־ביי פאָרזיכטיג און אויסגערעכענט, אַז זי זאָל ניט גובר־זיין זיין געהירן, ד. ה. זי זאָל ניט ארומכאַפּען זיין גאַנצע נשמה, דאָרט וואו ער בענוצט זיין סעקסועלען אַפּעטיט אלס אַ מיטהעלפער אין זיין פערפיר־אַרבייט. אין אַזאַ פאַל קאָן מען זאָגען, אַז איינער איז דער פערפירער און דער אַנדערער איז דער פערפירטער. דער פערפירער שפּילט דאַ די ראָלע פון דעם היפּנאָטיסט, וועלכער סוגערירט, בעת דער פערפירטער, אויב ער גיט זיך נאָר ניט איבער אויס מורא, שוואַכקייט אַדער גוטמוטינקייט, איז דער היפּנאָטיזירטער. אמת דער פערפירער געפינט זיך אויך מייג־סטענס מעהר אַדער וועניגער אונטער אַן עראָטישען איינפלוס, אַבער קיינמאָל נים איינגאַנצען. פערקערט אַבער, דער פערפירטער ווערט פול־שטענדיג זיין געגענשטאַנד און געפינט זיך כמעט אין אַלע פרטים אונטער זיין מאַכט. זיין דענקען און פיהלען, זיין ווילען, אַלעס בעווענט זיך ווערליג די אימפּולסטען וועלכע דער פערפירער בעיינפלוסט, און צו דער דאָזיגער מאַכט איז דער לעצטער דערגאַנגען מייסטענס מיט דער הילף פון דער ליבידאָ סעקסואַלים און איהר סוגעסטיווער קראַפט. פונדעסטוועגען זענען אויך דאַ פאַלען, וואו די ליבע און דאָס זיך־אי־בערגעבען ווערט בעשאַפען דיין סוגעסטיוו און אָהן אַ געשלעכטליכען אַפּעטיט. דאָס זענען גראַד יענע פאַלען, וועלכע דאָס געזעץ זעהט ניט און וועלכע די יוריסטען פערשטעהען ניט. אין געוועהנליכען לעבען שפּילט בכלל דער מאַן די ראָלע פון דעם היפּנאָטיסט, וועלכער פער־פירט: דאָס איז אַבער אַבסאָלוט ניט אַלעמאָל אמת. דער רוימישער טריומוויר אַנטאָניוס, וועלכער איז געפאַלען צו די פיס פון קלעאָפּאַטראַ און זיך אונטערגעוואָרפען צו איהר פאַנטאַפעל־הערשאַפט, איז אָהן ספק געווען היפּנאָטיזירט. אַזוינע אַנטאָניוס׳ בעגעגענען מיר נאָך היינט צוטאָג אויף שריט און טריט, אַבער זיי שטעלען מיט זיך נים פאָר גים קיין נאָרמאַליטעט און ניט קיין כלל.

די נאַר־וואָס געשילדערטע ראָלע פון דער סוגעסציע אין דער ליבע נעהמט ארום אַ ברייטען שטח און דערקלערט ביז אַ הויכען שטאַפּעל אַלע אילוזיעס און פערבלענדענישען פון דעם ליבעס־רויש. ניט ווע־לענדיג זיך צופיל פערזינדיגען קעגען דער קונסט, וועלכע בעזינגט

איהם, און ניט קוקענדיג אויף דער פרייה און ענטציקונג, וועלכע בע־גלייטען איהם, מוזען מיר דאך מודה זיין, אז דער אונקאנטראלירטער ליבעס־רויש, מיט זיינע אילוזארישע סוגעסציעס, ברענגט מעהר גיפט איידער גליק אין דעם מענשליכען לעבען. איך וועל פריפען דעם ענין צו דערקלערען נאך דייטליכער. ווען צוויי מענשען מיט ערעלע כא־ראקטערס, האבען זיך געגוג דערקענט, נאכדעם ווי זיי האבען ערליך און גרינדליך אויפגעדעקט זייערע געגענזייטיגע געפיהלען, און אין דערזועלבינער צייט צוריקגעדרענגט דאס ריין ליידענשאפטליכע אין זיי־ער געשלעכטס־בעגער און אבגעשאצט דאס לעצטע, אויף וויפיל עס איז מעגליך, מיט אן אביעקטיווער רוהיגקייט, בכדי אויף אזא אופן, אויף ווי ווייט עס לאזט זיך, שכל׳דיג צו ווערען איבערצייגט און קאנען האפען אויף א דויערהאפט און גליקליך צוזאמענלעבען, דעמאלט ערשט דארפען זיי זיך אהן א געפאר לאזען טראגען פון דעם ליבעס־רויש. דאס, וואס דער ליבעס־רויש ווייזט איטליכען צד אין די אויגען פון דעם אנדערען צד אין דעם אידעאלסטען ליכט, וועט דעמאלט נאר צו־נוץ קומען בכדי די סימפאטיע־געפיהלען וואס מעהר צו פערשטארקען און מאכען דויערען פאר דעם גאנצען לעבען. אבער פון דער אנדערער זייט קאנען אויך האבען צוויי קיהל אויסגערעכענטע עגאאיסטען, אפילו ווען זיי האבען א שטארקע ליבידא סעקסואלים, אבער וועלכע בלייבט בעשרענקט אויף א חיה׳שען אינסטינקט, און וועלכע זארגען זיך קנאפ־וואס מכח שכל׳דיגקייט און אינטעלעקט, א רעלאטיוו גליקליך צו־זאמענלעבען וועלכעס איז פשוט געבויט אויף א רוהיגער קאנווענציא־נעלער אויסרעכענונג, א צוזאמענלעבען ביי וועלכען די סוגעסציע פון דעם ליבעס־רויש שפילט גאר קיין שום אדער א גאנץ קליינע ראלע. איך מוז זאגען, אז די לעצטע פאלען זענען די אפטסטע.

די שעהנע ליטעראטור, וועלכע האט מיינסטענס איהר חיות אין דער שילדערונג פון וואונדערבארע ראמאנטישע געפיהלען און וועלכע ווייזט א בעזונדערען חשק פאר סענזאציאנעלע, אויסערגעוועהנליכע, אפטמאל פאטהאלאגישע סיטואציעס, מאכט אונז ניט זעלטען פערגע־סען, אז אפשר די מיינסטע דורכשניטליכע מענשען זענען נאר ווייניג עמפינדליך און מסוגל פאר א סוגעסטיווען ליבעס־רויש, און בערעכענט. מיט א גאנץ קיהל הארץ און מיט א רוהיג געמיהט, גיבען זיי זיך איבער צו זייערע סעקסועלע געפיהלען אויף אזא אופן, ווי א שטייגער

א פרעסער נעהמט זיך צו זיינס עפּעס א געזוכט און געליבט מאכל. אמת, איך בין מודה, אז דאס איז טאקע זעהר ווייניג פּאעטיש, אבער דערפאר איז עס מעהר מענשליך און נאך מעהר מענליך; אבער א סך פרויען ווערען אויך אט אזוינע פרעסערס. אין דעם דאזיגען גאנצען סעקסועלען שפּיל, פערשטעהט זיך, געפינען מיר נאר־גאר ווייניג פּאעזיע פון ליבעס־רויש. דאס איז ניט מעהר קיין ליבע, נאר דער סאמע פּשוט'סטער געשלעכטליכער גענוס, וועלכען מען האט צוגעפּאסט צו די איבריגע פּראסטע און טרוקענע זאכען צו וועלכע מען האט גרויס חשק, ווי א שטייגער געלד, יחוס, געשעפט א. אז. וו. ווען פּאעטישע בעלי־חלומות און מאראל־פּרעדיגער זענען אויף מיר אין כעס און שרייען, אז דאס איז די פּראסטיטוציע פון דער ליבע, וועל איך מוזען פּראטעסטירען. כל זמן דער סעקסועלער גענוס איז ניט קיין סחורה, וועלכע מען קאן קויפען, האנדעלט עס זיך ניט מכח פּראסטיטוציע. נאך אלעם האט דער מענש א רעכט אויף א געוויסע אנגענעמע בעפרידיגונג פון זיין געשלעכטס־טריב, אפילו אהן געהויבענע שטימונגען און התפּעלות, פּונקט ווי ער האט א רעכט צו בעפרידיגען זיין הונגער און דורשט מיט געשמאקע מאכלים, כל זמן ער טוט נאר קיינעם ניט קיין שאדען. אבער איך זאג נאך אמאל, אז דער גאנצער עסק האט גארניט צו טון מיט דעם ליבעס־רויש. דער לעצטער איז א געוואלדיגע אויפטרייסלונג, א „מיט זיך רייסען“ פון דער גאנצער נשמה, פון די הויפּט שטראמען פון דעם גרויסען געהירן דורך א סוגעסציאנס־ווירקונג געוועגליך מיט, אבער טיילמאל אויך אהן דער הילף פון דעם געשלעכטס־טריב.

דער ליבעס־רויש האט נאטירליך אלערליי גראדען סיי אין שטארקקייט און סיי אין קוואליטעט, וועדליג די מענשען וועלכע שטעהען אונטער זיין איינפלוס. ער קאן ברויזען און רייסען ווי א שטורימווינד, און ער קאן ווי א זעפיר גלעטען און מורמלען; ביי אן אידעאלער נאטור קאן ער בערירען די פיינסטע און צערטליכסטע סטרונעס פון די מענשליכע געפיהלען, בעת א נידעריגער, נארישער און אומגעלומפּערטער מענש קאן פּונקט ווי אן אקס טראמפּלען אין דער בלאטע. זיינע פארמען האבען מיר שוין געשילדערט אין א פריהערדיגע קאפּיטעל. ער טרייבט דעם פערליבטען צו די איבערגעטריבענסטע ליבעס־אויסדרוקען, וועלכע זענען אפטמאל דוקא נאריש און האבען א האפט כל זמן דער

רויש דויערט: שפעטער, ווי מיר האבען געזעהען, נעהמט דער שפיל אפטמאל אן פונקט א פערקערטע ריכטונג.

די סוגעסציע אין דער קונסט. — די סוגעסציע האט ניט בלויז א ווירקונג אויף די סעקסועלע געפיהלען אליין, נאר זי נעהמט ארום דאס גאנצע נשמה־לעבען. זי האט א געוואלדיגען און אונווידערשטעהליכען איינפלוס אין דער עסטעטיק און אין דער קונסט, וועלכע איז די אורזאך פון די אלע זיך בייטענדיגע בעגייסטערונגען פון דער מאדע. דער דורכשניטליכער און געוועגליכער קינסטלער איז אן אמת'ער שקלאף פון די עסטעטישע סוגעסציעס וואס זענען אין דער מאדע, און דער דורכשניטליכער מענש, וועלכער קומט זיין דער מבין אויף דער קונסט, ער איז ערשט פולשטענדיג אונטער זייער מאכט. געוויסע אימפרעסיאניסטען איז למשל געלונגען איינצורעדען דעם עולם, אז גראזען און בלעטער האבען א קאבאלט־בלויען קאליר, אט פונקט ווי זיי האבען געמאלט זייערע בילדער, און נאך ענליכע פערזעהענישען.

די סוגעסציע אין סעקסועלע אבנארמאליטעטען. — מיר ווילען פריהער דא דעם לעזער אנווייזען אויף דעם, וואס מיר האבען געזאגט אין קאפיטעל 8 מכח די סעקסועלע אבנארמאליטעטען און פערווערזיעס, די אורזאך פון וועלכע זענען געווען סוגעסציעס, אוטא־סוגעסציעס און פאטאגענע ווירקונגען. פון יענעם ווערט קלאר, אז ביי זעהר סוגעסטיבלע אדער היסטערישע מענשען קאן דער געשלעכטס־טריב בכלל בעיינפלוסט ווערען אויף אלע אופנים, בעזונדערס אבער קאן ער לייכט פערפירט ווערען אויף קרומע וועגען דורך יענע איינדרוקען אויף די חושים, וועלכע רופען ארוים פערוועהרזע פארשטעלונגען. צום ביישפיל, אז עראטישע פאנטאזיע פון א זעהר עמפינדליך, בעזונדערס פון א היסטעריש אינגעל, ווען זי ווערט אינדירעקט אויפגערעגט דורך דעם עראטיזם פון אן אנדער אינגעל, קאן אפילו דאס דאזיגע אינגעל לייכט מאכען פאר דעם ציל פון זיין געשלעכטליכען אפעטיט. אט אויף אזא אופן קאן דורך סוגעסציע בעשאפען ווערען א האמא־סעקסועלע נייגונג, וועלכע קאן ביסלעכווייז ווייטער ענטוויקעלט ווערען דורך א געגענזייטיגען אנאניזם, פעדעראסטיע א. דגל. דער משך פון דער דאזיגער נייגונג הענגט מייסטענס אב פון דער מאכט מיט וועלכער דער געשלעכטס־טריב איז סוגעסטיוו אויפגערעגט געווארען פון א פער־

ווערזער און עראָטישער פאַנטאַזיע. דאָסזעלביגע איז אויך דער פאַל צ. ב. מיט דער אימפּאָטענץ, מיט דעם אָנאַניזם, מיט דער סעקסועלער נייגונג צו חיות (סאָדאָמיע) א. ד. גל.

אָבער טאַקע די נאַר־וואָס דערמאָנטע פאַקטען ווייזען אונז קלאָר און שארף, ווי פון דער אנדערער זייט קאַן די סוגעסציע האָבען א היילענדיגע אָדער לכל הפּחות א מילדערענדיגע ווירקונג אויף אַבנאָר־מאַליטעטען פון דעם געשלעכטס־לעבען. פּונקט אַזוי גוט איז זי אימ־שטאַנד דעם געשלעכטס־טריב צו בערוהיגען אָדער איהם צוריק אַרויפ־פירען אויף דעם גלייכען וועג, אויב זיין פערווערזיע איז ניט געקומען בירושה. צו אָפּטע זאַמען־אויספלוסען, אָנאַניסטישע געוואוינהייטען און פערווערזע נייגונגען קאַן מען כמעט אַלעמאָל ביז א הויכען שטאַפּעל מילדערען און ניט זעלטען אינגאַנצען קורירען. דערביי מוז איך אָבער זאָגען, אַז דאָס געלינגען צו פערטרייבען דורך א סוגעסציע א פּער־ווערזיע, דער יסוד פון וועלכער איז פון תמיד אָן געווען מיינסטענס א בירושה'דיגע דיספּאָזיציע, גיט אונז ניט קיין רעכט צוצולאָזען, ווער שמועס'ט שוין פון צורעדען, צו א היירואָט; ווייל אין די דאָזיגע פּאַ־לען איז דער ערפאָלג פון דער היילונג אַלעמאָל ניט מעהר ווי רעלאַ־טיוו (זעה אויבען). אויף וויפיל עס ווענדט זיך אין דעם גוטען ווילען און אין דער פאַרזיכטיגקייט פון דעם היפּנאָטיסט, וועט אילוסטרירען דער פאָלגענדער אָהן ספק זעהר קאָמפּליצירטער פאַל, וועלכען איך האָב בעהאַנדעלט:

א יונג, שעהן און אַנשטענדיג מיידעל האָט געליטען פון א שרעק־ליכער סעקסועלער אויפרעגונג. זי האָט ניט נאָר ניט געקאָנט גובר זיין דאָס מאַסטורבירען, נאָר אין שלאָף האָט זי געהאַט עראָטישע חלומות, אַז מענער און חיות האָבען אַנגעריהרט איהרע געשלעכטס־אָרגאַנען, אַז זי איז געווען שרעקליך אויפגערעגט און, אַז זי האָט פול־שטענדיגע אָרגאַזמען, פּונקט ווי בעת א געשלעכטס־פערקער. עס איז קלאָר, אַז אין אַזאַ פאַל איז א סוגעסטיווע בעהאַנדלונג, וועלכע דאַרף געטון ווערען פון א מאַן, איינע פון די שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע פּראָבלעמען. פונדעסטוועגען איז מיר געלונגען, דורך א צוגעפּאַסטער מיינדליכער סוגעסציע, און מיט דער הילף פון א לאָקאַל בערוהיגונגס־מיטעל (א מאַגנעט) וועלכעס נאַטירליך האָט נאָר געזאָלט און געקאָנט האָבען א סוגעסטיווע ווירקונג, ניט בלויז צו אונטערדריקען די מאַס־

טורבאציע. נאר אויך כמעט פולשטענדיג צו קורירען די נערוועזע אויס־געמאטערטקייט פון דעם מיידעל, אזוי אז זי האט צוריקגעקראגען איהר ארבייטס־פעהיגקייט און ווירער געקאנט אנהויבען ארבייטען.

אנוועגדענדיג אביסעל טאקט לאזען זיך אזוינע פאציענטען היפ־נאטיזירען אין דער געגענווארט פון אנדערע מענשען; ס'איז אבלל פון וועלכען מען זאל קיינמאל ניט אבווייכען. היינט, הגב, ווען מען אין א סך פאלען אנווענדען דעם פסיך־אנאליז, אויב מען קאן מיט דעם היפנאטיזם אליין ניט דערגרייכען צום ציל (זעה קאפיטעל 8).

ווי איך האב שוין געזאגט, קאן איך דא ניט בעהאנדלען מיט מעהר גענויאיגקייט דאס דאזיגע אויסערגעוועהנליך ברייטע פעלד — דאס שייכות פון דער סוגעסציע צו דעם געשלעכטס־טריב און צו דער ליבע אבער דאס געזאגטע דארף זיין גענוג, דער לעזער זאל דעם גאנ־צען ענין גענוג קלאר פערשטעהען, אז עס זאל איהם מאכען נאכדענ־קען און, אז ער זאל אין א קאנקרעטען פאל קאנען דערקענען די וויר־קונג פון דער סוגעסציע.

קאפיטעל X.

די סעקסועלע פראגע און איהר שייכות צום געלד אדער פריוואט־אייגענטהום. געלד־הייראט, פראסטיטוציע, די בארדעל־פראפעסיע, קאקאטקעס און מעטרעסען (דאס בעצאלטע קאנקובינאט).

1. אלגעמיינע בעמערקונגען.

אין קאפיטעל 6 האבען מיר שטודירט די היסטארישע ענטוויקלונג פון דער מענשליכער הייראט אלס א פארטזעצונג פון דער פילאגעניע, און מיר האבען געזעהען, אז די קויף־הייראט און די פאליגאמיע זענען א מין צווישען־שטופע, און אין דערזעלביגער צייט א פערקרימונג אדער א פערבלאנדזעניש פון דער ציוויליזאציע, וועלכע מען דארף בעטראכטען אלס פועל יוצא פון דער ענטוויקלונג פון מענשליכע געזעלשאפטען און פון דער געבורט פון פריוואט־אייגענטום. באמת, ווען אזא גייסטיג הויך ענטוויקעלט בעשעפעניש ווי דער מענש, אין וועמען דער אינדיווידואליזם צוזאמען מיט דעם אינסטינקט פאר דער בעשאפונג און פאר דעם וואוילזיין פון אן אייגענער פאמיליע איז אזוי טיף איינגעווארצעלט, ווערט פון דער נויט געצוואונגען צו לעבען אין א געזעלשאפט מיט אנדערע מענשען, קומט נויטיגערווייז, צוליב דער פילזייטיגקייט און דער געוואלדיגער אינדיווידועלער פערשידענקייט פון זייער געהירן־ענטוויקלונג, דערצו, אז איינציגע יחידים, וועלכע זענען העכער ענטוויקעלט און מעהר פעהיג, זאלען זוכען גובר צו זיין און צו עקספלואטירען די שוואכערע און ווייניגער בעגאבטע פאר זייער אייגענער טובה וועגען און פאר דער טובה פון זייערע פאמיליעס. סמנים פון די דאזיגע שטריכען זעהען מיר ביי חיות. מיר זעהען ווי די אלטע, אזוי־גערופענע רויב־בינען פערנעהמען פאר זיך די פרוכט פון דער ארבייט פון אנדערע בינען. מיר זעהען ווי די מור־ראזשקעס פראקטיצירען א געוויסע פארם פון שקלאפעריי, הגם נע־

בויט אויף אן איסטינקט, ביי וועלכער א שטארקערער מין רויבט צו די פופען פון אן אנדערען שוואכערען מין. ווען זיי בריהען זיך אויס פון די פופען, ארבייטען די דאזיגע שקלאפען אינסטינקטיוו פאר זייערע רויבער. מיר זעהען, ווי אין די ניט פולקאמענע נעזעלשאפטען פון זויג־חיות (ביי מעלה גרות, ביי געוויסע סארטען אפען), נעהמען איבער די אלטע זכרים, טיילמאל אויך די מעהר געוואגטע נקבות (צ. ב. ביי קיה) די פירונג פון דער גאנצער טשערעדע. ביי זיי אבער נעהט עס ניט אין א פערזענליך פערמאגען פון געגענשטאנדען און פון לעבעדיגע בעשעפענישען, מחמת די דאזיגע חיות זענען דערוויילע נאך ניט דערגאנגען דעם ווערט פון די דאזיגע זאכען.

פונדערסטוועגען געפינען מיר שוין סמנים פון א פערזענליכען בעזיץ ביי חיות וואס לעבען פאר זיך און אבגעזונדערט, יענע צ. ב. וועלכע בעטראכטען אלס פריוואט־אייגענטום די נעסט און אלעם ארום דער נעסט, מיט דעם פראוויאנט און אפילו מיט דער ארומיגער געגענד. נאך קלארער ענטוויקעלט זעהען מיר דעם אינסטינקט פון דעם קאלעקטיווען בעזיץ פון אייגענטום ביי בינען, וועספען און בעזונדערס ביי די מוראזשקעס,וועלכע בעטראכטען אפטמאל די בוימער מיט אלע אינסעקטען אויף איהם, אלס א טייל פון זייער נעסט און וועלכע ווערען פון זיי קאנסעקווענטערוייז פערטייטיגט.

דער מענש ערשט, אזוי גיך ווי ער איז ארויף אויף א געוויסען קולטורשטאפעל, האט אינדיווידועל בעגריפען דעם נוצען, ניט בלויז וועלכען ער קאן ציהען פון דעם וואס ער וועט פערמאגען דאס לאנד און די ארבייטס־פראדוקטען, נאר אויך דעם נוצען וואס ער קאן ציהען פון אנדערע מענשען, פון זייער ארבייט. דער שטארקערער טייל פון די מענשען, דער מאן, האט באלד פערשטאנען דעם דאזיגען נוצען פון אייגענטום צו פערבינדען מיט דער בעפרידיגונג פון זיין געשלעכטס־טריב, מאכענדיג דאס שוואכערע, ווייבליכע געשלעכט אלץ מעהר און מעהר אבהענגיג פון זיין מאכט און זי אויסגענוצט. אויף אזא סדר איז די פרוי געווארען א סחורה צום פערקויפען און אויסבייטען אויף אנדערע נויטיגע זאכען, א סחורה, וועלכע, א חוץ וואס זי איז א מיטעל דעם קויפער צו בעפרידיגען זיין געשלעכטס־טריב, איז זי אין דערזעלבינער צייט א ווערטפולער שקלאף און ארבייטער אזוי גוט ווי א בעשאפערין פון קינדער, א נייער קוואל פון ארבייטס־כחות.

אויף דעם דאזיגען פשוט'ען יסוד, וועלכער ווערט היינט־צוטאג אזוי קלאר בעלויכטען פון דער עטהנאלאגיע און פון דער געשיכטע, האט זיך ענטוויקעלט דער גאנצער האנדעל מיט דער ליבע, אדער בעסער מיט דעם געשלעכטס־גענוס. מיר האבען שוין גערעדט מכח דעם נוצען וואס די פאליגאמישע בארבארען האבען געצויגען פון דעם וואס זיי האבען פערמאגט א סך פרויען און קינדער, און ווי צוליב דעם זענען פרויען און קינדער געקויפט און פערקויפט געווארען ווי א סחורה. די דאזיגע צושטאנדען האבען א שטארקע ענליכקייט צו דעם האנדעל מיט שקלאפען און זיי זענען מיט איהם ביז א הויכען שטאפעל ענג פערבונדען. צום גליק האט אונזער איצטיגע מאדערנע קולטור אבגעשאפט יענע בארבארישע צושטאנדען. דערפאר האט דאס געלד ניט קיין פיל בעסערען איינפלוס אויף אונזער מאדערנעם געשלעכטס־לעבען. ווי מיר האבען געזעהען אין קאפיטעל 6, ווערען די פרוי און די קינדער, א דאנק דעם קאמפליצירטען און פערפיינערטען לעבען פון דער מאדערנער צייט, אלץ מעהר און מעהר לוקסוס־געגענשטאנדען און זיי הערען אויף צו זיין א קוואל פון עשירות ווי אין די אלטע צייטען. אין דעם זענען שולדיג צוויי אורזאכן. פון איין זייט האט א פרייערער און מעהר מענשליכער בעגריף מכח דעם סאציאלען שטאנד פון פרויען און קינדער כסדר פערגרעסערט זייערע רעכטען: אלץ וועניגער און וועניגער קאן זיי דער מאן עקספלואטירען, אזוי ווי ער האט דאס געטון אין דער צייט פון פאטריארכיזם. אדרבה, דער פאמיליען־פאטער טראגט דעם חוב אויפצוהאלטען ווייב און קינדער און ער זארגט פאר די קינדער'ס גוטע ערציהונג. אמת, ביי ארימע איז דאס אויסנוצען פון ווייב און קינדער נאך אלץ גאנץ שטארק פערשפרייט; אבער ביי די רייכע און געבילדעטע קלאסען איז דער צושטאנד מיינסטענס א פערקערטער. מיט דער אויסרעכענונג זיין פאמיליע צו מאכען גליקליך און אנגעזעהען, ווערט זי אפטמאל פון פאטער ערצויגען אזוי ווייט אין לוקסוס און אין פוילענצען, אז עס ברענגט איהר דעם גרעסטען שאדען. א חוץ דעם איז די פעולה פון דער פערפיינערונג, אדער בעסער פון דער ראפינירטקייט פון דעם מאדערנעם לעבען און זיינע פערגעניגענס, א מין ווייבקייט, א ווייבליכקייט פון די אויפפירונגען. זי כאפט ארום די גאנצע מענשליכע געזעלשאפט און ווערט דעגענערירט ביז אזא שטאפעל אין א מין יאגען זיך נאך פראכט און גלאנץ, אז וואס ווייטער ווערט אלץ

שווערער צו ערציהען אן איינפאכע, ערנסטע, געזונדע און אויסגעניכ־טערטע פאמיליע. מענער און פרויען, בעזונדערס אבער די לעצטע, שטרענגען אן אלע זייערע כחות די אנדערע איבערצושרייען מיט זייער צירונג און מיט זייערע מלבושים, מיט זייערע רייכע און בעקוועמע וואוינונגען, מיט זייערע תענוגים און וואוילטאג, מיט זייער ברייטקייט, מיט זייערע סעודות, אבער מעהר פון אלעם מיט זייער גלאנץ און פראכט. אט אזוי ווערט א ים פון מענשליכער ארבייט פערלוירען אויף צאצקעס און צירונגג; די פעולה דערפון איז, אז א קולטור, וועלכע האט א דאנק דער וויסענשאפט און דער טעכניק ווייט אריבערגעיאגט אלע פריהערדיגע קולטורען מיט איהרע פראדוקציאנס-מיטלען פאר די לע־בענס-נויטען פון דער מענשהייט, ווייזט טראצדעם ניט בלויז אן איבער־פלוס פון דער ברייטסטער עשירות פון איין זייט און א ביטערע נויט און ארימקייט פון דער אנדערער זייט, נאר צוליב „שפארזאמקייט" האט מען וואס ווייטער אלץ ווייניגער חתונה און מען האט ווייניגער קינדער. א חוץ דעם ווערט דער נאכקומענדיגער דור פון אונזער געזעלשאפט דע־גענערירט דורך א פערקערטער צוכטוואהל, דורך דעם געברויך פון נאר־קאטישע מיטלען (אלקאהאל) און דורך דעם איינזייטיגען און קרענקלי־כען לעבען וואס זיי פירען. אמת, זייער דרויסענדיג אויסזעהן, א דאנק דער גוטער פלעגע און זאטקייט, פערדעקט די דאזיגע דעגענעראציע, אבער דערפאר ווארפט זיך אין אויג זייער כסדר וואקסענדיגע נער־וועזיטעט. זיי ווערען צוגעוואוינט צו א סך קינסטליכע בעדערפענישען מיט דער פעולה אז זיי פערלאנגען מיינסטענס פון דער געזעלשאפט א סך מעהר איידער זיי ברענגען נוצען פאר איהר; בעת דער היפוך דארף זיין דער כלל ביי איטליכען יחיד פון דער געזעלשאפט. אלס א בעזונדערס שלעכטען צייכען וויל איך דא דערמאנען דאס גארניט-טון, דאס פוסט-און-פאסעווען פון די פרויען אין נארד-אמעריקא.

איצט לאמיר זעהען די שעדליכע פאלגען פון דעם דאזיגען צו־שטאנד פאר דעם געשלעכטס-לעבען פון אונזערע מאדערנע קולטור־מענשען. זיי זענען דרייערליי: 1.) די געלד-הייראט, 2.) די פראסטי־טוציע און די בארדעל-האלטערס, און צווישען די צוויי 3) די בעצאלטע קעבס-ווייבעריי און מעטרעסען.

2. די געלד־הייראט.

די געלד־הייראט איז די מאדערנע פארם (די נאכפאלגעריין) פון דער קויף־הייראט. פארצייטענס האט מען זיך געקויפט א פרוי און פערקויפט א טאכטער; היינט פערקויפט מען זיך צו א פרוי און מען קויפט זיך אן איידעם. אמת, דער עסק איז היינט מעהר ניט אזוי שלעכט, מחמת דאס שייכות צווישען דער קויפעריין און דעם געקויפטען איז ניט מעהר ווי דאס שייכות צווישען אן אייגענטימער און א סחורה וועלכע מען בעזיצט. פונדעסטוועגען פירט דער היינטיגער געלד־שאכער אין דער הייראט צו די שמוציגסטע ספעקולאציעס און זשעדנעקייט. די דאזיגע זאכען זענען איטליכען אזוי גוט בעקענט, אז עס איז ניט נויטיג זיך דא לאנג צו פערנעהמען מיט זיי. אנשטאט ליבע, כאראקטער, פעהיגקייט, הארמאניע פון די געפיהלען, און א גייסטיגע און קערפערליכע געזונדקייט, איז דער אויסקוק אויף געלד דער אנהויב און דער סוף פון דעם חשבון אין דער הייראט. דאס געלד פערבלענד די מיינסטע מענשען אזוי ווייט, אז זיי ווערען פשוט בלינד און זיי זעהען ניט, אז א קערפערליכע און גייסטיגע געראטענקייט און געזונדקייט פון א פרוי איז א קאפיטאל וועלכעס איז א סך זיכערער איידער די ווערט־פאפירען וועלכע זי האט ליגען אין דער באנק און וועלכע צורינען ווי וואסער ווען די קינדער זענען קראנק בירושה אדער ווען זיי ווערען שלעכט ערצויגען. אט אויף אזא אופן טרעפט כסדר דאס אונגליק, מחמת אי צוליב דער אונוויסענקייט פון די ירושה־געזעצען און אי צוליב דער געלד־גיריגקייט ווערט בעשאפען א דור פון דעגענעראטען. אדרבה, מענשען געזונדע און פעהיגע בלייבען אפטמאל ניט פערהייראט און קינדערלאז, ווייל זיי האבען ניט קיין געלד. זיי ווערען פון קאפיטאל עקספלואטירט אלס ארבייטער און זיי ווערט שווער פארטצופלאנצען זייער ראסע.

א כאראקטעריסטישער און פרינציפיעלער סימן פון דער דאזיגער איינפיר געפינען מיר אין דער דייטשער ארמעע, וואו אפיצירען, וועלכע קומען פון אן ארימען שטאנד, טארען ניט חתונה האבען מיט א פרוי אויב זי האט ניט א געוויס פערמעגען אדער עפעס אן הכנסה, מחמת פרוי און פאמיליע מוזען זיך פירען „לויט דעם שטאנד“. דער דאזיגער איינפיר, וועלכען מען פריפט צו רעכטפערטיגען מיט כל־

ערליי טענות מכח צוועק און תכלית, ווייזט אזוי קלאר, ווי טיף דאס קניען פאר דעם גאלדענע- קאלב און די קלאסען־פארורטיילען האבען פון דארבען אונזערע מידות און מינהגים. פשוט ניט זייענדיג רייך קאן מען מעהר ניט דינען זיין פאטערלאנד אלס אפיציר און, הייראטען, ניט פערקויפענדיג זיך צו א רייכער פרוי פון א געוויסען שטאנד. מיט אנ־דערע ווערטער, אלס אפיציר טאר מען ניט חתונה האבען לויט זיינע אייגענע ליבעס־געפיהלען און נייגונגען, כיבא מען בעזיצט צופעליג א געוויס פערמעגען. אמת, עס זענען פאראן אפיצירען וועלכע הייראַ־טען אויס ליבע, אבער בכדי צו קריגען די ערלויבניש צו הייראטען, פער־לאנגט מען ניט נאר א געוויס פערמעגען אדער הכנסה, נאר די פרוי מוז אויך האבען א געוויסען יחוס און בילדונג; אויב דאס פערמעגען איז גרויס, איז מען ניט אזוי הארב בנוגע צו דער בילדונג. די פרוי פון אן אפיציר מוז קומען צו די אפיציר־בעלער, זי מוז זיין אנוועזענד ביי אלע אפיציעלע איינלאדונגען א. אז. וו., זי טאר עפענטליך ניט אנ־פירען קיין שום פשוט'ע געשעפטען, יא, אפילו איהרע עלטערען טארען ניט האבען קיין קראמען. איינע פון מיינע נאהענטע פערוואנדטע האט אין א דייטשער שטאדט געהערט א מוטער זאגען צו א טאכטער, וועל־כע האט זיך ניט געקאנט ענטשליסען צו הייראטען א געוויסען מאן וועמען זי איז געפעלען: „אויב דו ווילסט איהם ניט. דאן לאז איהם געהען: מיר ווילען דיך ניט צווינגען; מיר זענען גענוג רייך. אויב דו ווערסט שפעטער ווילען הייראטען, קאנען מיר פאר דיר נאך אלעמאל קויפען אן אפיציר".

ביי דער טיראניי פון דער אזוי־גערופענער קלאסען־הייראט, שפילט הייגט כמעט אלעמאל נאר דאר געלד די ערשטע ראלע. פריהער האבען יחוס און אן אדעלשטאנד געגאלטען פאר אלעס. זיי האבען געברענגט מאכט און פערמעגען. היינט־צוטאג, ווי עס איז בעקענט, האט דאס געלד פערנומען זייער פלאץ, און מען קאן זאגען, אז געלד אליין שטעלט מיט זיך פאר די גאנצע מאכט. ווען א מענש רעוואלטירט קאנסעקווענט און ענערגיש אנטקעגען דעם, וועלענדיג זיך צוריקקערען צו די פשוט'ע און בעשיידענע מנהגים פון אמאל, ווען ער טראגט איינפאכע קליידער, ארבייט מיט זיינע הענד, עסט מיט זיינע דינערס ב איין טיש אהער ווען ער בענעהט זיך אין גאנצען אהן דינערס, ווערט ער פעראכט און ער ווערט ניט אויפגענומען אין ז'ער אזוי־גערופענער

בעסערער געזעלשאפט. אפילו יעדער קעלנער אין א האטעל, יעדעס משרת־איינגעל, קוקט מיט אן אנגעבלאזענער גערינגשאצונג צו איהם אראב; ער ווערט בעטראכט פאר „ניט פיין“, פאר א קמצן, פאר א טפש, וועלכער דארף זיצען אין א משוגעים־הויז. מען קאן דעריבער בלויז ביז צו א געוויסען שטאפעל און מיט דער גרעסטער פארזיכטיג־קייט ווירקען אנטקעגען דער מאכט פון אונזערע מאדערנע געלד־מנהגים און, גראד ביי דער הייראט ווערט די זאך אמשווערסטען און מען מוז זיין אמפארזיכטיגסטען. א געבילדעטער מאן, אבער אהן געלד, וועלכער וויל צ. ב. חתונה האבען אלס סטודענט, בכדי אויסצומיידען די פראס־טיטוציע אדער אנדערע פערדארבענקייטען, וועלכער איז צופריעדען מיט זיין פרוי צו לעבען אין איין צימער און האבען בלויז די סאמע נויטיגסטע זאכען, וועט שווערליך קאנען געפינען א געבילדעט מיידעל, וועלכעס זאל וועלען דערויף איינגעהען. אלצדינג מוז געהען לויט דער איינגעפירטער מאדע און „לויט דעם שטאנד“. און דעריבער ווערט די הייראט אין די מיינסטע פאלען געמאכט אונמעגליך. פון דעסטוועגען קאן דערזעלביגער סטודענט ניט פערהייראטערהייט לעבען צוזאמען מיט א גריזעט, מחמת ביי אזא צוזאמענלעבען ווערט יא צוגעלאזט די דער־מאנטע איינפאכקייט. אבער פארוואס קאנען ניט דיזעלביגע לעבענס־מיטלען, וועלכע זענען גענוג פאר אן אונפעהייראט צוזאמענלעבען, זיין גענוג פאר א פערהייראט צוזאמענלעבען ? מיט דער דאזיגער פרא־גע וויל איך דא בלויז אנרירען אן ענין צו וועלכען מיר וועלען שפעטער צוריקקומען. און אין דערזעלביגער צייט וויל איך אויפמערקזאם מא־כען אויף דער מכה, וועלכע פער'סמ'ט דאס געשלעכטס־לעבען פון אונ־זער מאדערנער צייט.

אונטער געלד־הייראט ווערט פערשטאנען די הייראט, דער יסוד פון וועלכער איז ניט קיין ליבע, נאר א געלד־אויסרעכענונג. אבער דאס בלויזע געלד קומט ניט אלעמאל אליין אין בעטראכט. שטאנד, נאמען און בעקוועמליכקייט האבען אפטמאל א חלק אין דעם חשבון, און דער־מאלט זענען פאראן אלערליי שטאפלען. איינמאל האט חתונה אן אב־געקומענער ארעלמאן מיט א טאכטער פון א רייכען סוחר, בכדי ווידער צו ווערען רייך, בעת דער שטאלץ פון דעם מיידעל איז דער ארעליגער טיטעל. אן אנדער מאל וועט א קאקעטקע דורך א געשיקט פלירטען מאכען אן אנשטעל פון א ליבע, וועלכע זי פיהלט ניט, בכדי ארייצו־

כאפען אין איהר נעץ א רייכען מאן. מיינסטענס אבער מאכט מען חשבונות אויףביידע זייטען, מען ספעקולירט אויף ירושות און מען בע־שווינדעלט זיך געגענזייטיג. דאס רוב זענען עס די מענער, וואס מא־כען אפטמאל דעם חשבון פונקט פאלש, אויסזוכענדיג זיך א פרוי פון אזויפיל און אזויפיל געלד, מחמת זיי אונטערשאצען דעם קלענערען ווערט פון איהרע כאראקטער־אייגענשאפטען. עס איז א פאקט, אז רייכע לייט זוכען זייערע ניט געראטענע קינדער חתונה צו מאכען דורך א גרויסען נדן מיט בראווע אבער ארימערע מענשען.

ניט בלויז ביי די גרויסע און רייכע עקזיסטירט די געלד־הייראט, נאר מיר געפינען זי טאג־טעגליך אויך ביי די קליינע, צווישען פאלק, ביי די פויערים און ארבייטער, און איבעראל האט זי איהר שעדליכע ווירקונג. צוליב א קליינער סומע פון עטליכע הונדערט מארק אדער פראנק, וועלכע א דינסט־מיידעל האט שווער און ביטער פערהארעוועט און אבגעשפארט, האט מען אפטמאל מיט איהר חתונה, און שפעטער פערלאזט, נאכדעם ווי דער זויבערער „מאן" האט דאס געלד פער־שווענדט. טיילמאל קאן דער געלד־אבמאך זיין אן ערליכער און די ליבע קאן שפעטער אויך נאכהינקען, בעזונדערס דעמאלט ווען איין אדער ביידע צדדים האבען אין זייערע ספעקולאציעס ניט נאר איינ־גערעכענט דאס געלט אליין, נאר אויך דעם כאראקטער, די געזונדקייט א. אז. וו.

בכדי ניט אריינצופאלען אין באנאלע בעהויפטונגען, וועלען מיר דער ענין פון דער געלד־הייראט, וועלכער, הגב, איז שוין ארויף אלערליי אופנים אויסגעדראשען געווארען אין מאדערנע ראמאנען און אין מא־דערנע געשפרעכען, ווייטער ניט בעהאנדעלט באריכות: מיר ווילען בלויז שליסען מיט דער קורצער בעמערקונג, אז די געלד־הייראט עפענט טיר און טויער פאר כל המינים היפאקריטסטווע, שווינדעל און מאוס'ע בעהאנדלונגען. ניט מיט אונרעכט האט מען זי אנגערופען די העכערע, אריסטאקראטישע פארם פון פראסטיטוציע. בשום אופן זאג איך אבער ניט, אז די געלד־הייראט איז היינט מעהר פערשפרייט איידער פאר־צייטענס. די גרעסערע וואהל־פרייהייט פון די יונגע מענשען איז היינט־צוטאג א געזונד גלייכגעוויכט. די קינדער זענען פריהער א סך מעהר איידער איצט פון זייערע עלטערן מיט געוואלט פערהייראט געווארען.

איינענטליך פערשאכערט געווארען. דערפאר אבער שאכערען היינט די הייראטס־קאנדידאטען גופא אפשר נאך מעהר.

3. די פראסטיטוציע און די בארדעל־האלטערס.

ווי מיר האבען געזעהען אין קאפיטעל 6, איז די פראסטיטוציע שוין זעהר אן אלטע אינסטיטוציע און אלס א סמן פון רעגענעראציע געפינען מיר זי ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער. דארט, וואו די פרוי איז א סחורה, וועלכע מען קויפט און פערקויפט, איז קיין וואונדער ניט, אז געוויסע נידעריג געזונקענע פרויען זענען געקומען אויף דעם געדאנק אריינצונעהמען, ווען זיי קאנען, דעם גאנצען האנדעל אין זייערע אייגענע הענד, ד. ה. צו פערקויפען דעם גענוס פון זייער רייץ צו די מענער, אנשטאט זיך איבערצוגעבען אלס א געגענשטאנד וועלכעס מען קויפט און בעזיצט אויף א פערהייראטען אופן. אבער אזוי ווי דער מאן איז דער שטארקערער, קומט איהם אויס אפטמאל זעהר לייכט אין די נאך נידעריגע, בארבארישע קולטור־שטאפלען, אויך דאס דאזיגע געשעפט צו מאנאפאליזירען פאר זיך, און די פרויען, וועלכע געפינען זיך אונטער זיין הערשונג אריינצופירען אין דער פראסטיטוציע. מיר האבען געזעהען, ווי אויף אזא אופן האבען עלטערן זייערע טעכטער, און מענער זייערע פרויען איבערגעגעבען צו דער פראסטעטוציע.

אין אונזער מאדערנער ציוויליזאציע, איז די פרוי וואס פראסטיטואיוט זיך צוליב דערזעלביגער אורזאך שטענדיג אין א געפאר, צו ווערען ברוטאל מיסברויכט און ניט קריגען בעצאלט. בעזונדערס ווען מען נעהמט אין בעטראכט די צווייפעלהאפטע קוואליטעט פון זייערע קונדען. עס איז דעריבער גאנץ נאטירליך, אז זי זאל זוכען מיטלען בכדי צו בעשיצען איהר האנדעל. זי נעהמט זיך דערפאר אלס א שיצונג א מאן, א געליבטען, וועלכער קריגט פון איהר בעצאלט (א בעשיצער), אדער זי פערדינגט זיך צו די געשעפטס־לייט, וועלכע ציהען א נוצען פון דער פראסטעטוציע — די בארדעל־אייגענטימער. טיילמאל שפילען דער געזעצליכער מאן, די מוטער אדער פאטער פון דעם מיידעל די ראלע פון דעם בעשיצער אדער פון דעם בארדעלניס. אט אזוי זענען געווען און זענען נאך איצט די בעשיצערס און קופלערס (בארדעלניקעס, די אייבינע בעגלייטער פון דער פארסטיטוציע

די פראסטיטוציע האט שוין געבליהט אין אלטערטום און אין מיטעלאלטער. בעזונדערס אבער נאך די קרייצצוגען (זעה קאפיי

טעל 6). מיר ווילען דא ניט שרייבען איהר געשיכטע: פאר אונזער צוועק איז פולשטענדיג גענוג צו זיין בעקענט מיט דער מאדערנער פראסטיטוציע. מיר ווילען אבער בלויז בעמערקען, אז ביי א סך פרימיטיווע פעלקער און ביי א סך יונגע פראנרעסיווע נאציעס, וועלכע זענען נאך געווען סעקסועל ניט פערדארבען, האט די פראסטיטוציע, נעבען דעם נארמאלען געשלעכטס־פערקער, קוים אדער ביז צו א גאנץ שוואכען גראד זיך געקאנט ענטוויקלען. פאר איהר היינטיגער פארם פון ארגאניזאציע קומט הויפטזעכליך א דאנק נאפאלעאן I. פונקט ווי זיין גאנצע געזעצגעבונג בנוגע דער הייראט און דעם געשלעכטס־פערקער, איז זי אויך א לעבעדיגער אויסדרוק פון זיינע כללים ווי אזוי צו בעהאנדלען די פרויען: די אונטערדריקונג פון דער פרוי, די פעראכטונג פון זייערע רעכטען און די דערנידערונג פון דער פרוי צו דעם שטאפעל פון א גענוס־מיטעל פאר דעם מאן, און צו א מאשין פאר פארטפלאנצונג.

די ארגאניזאציע פון דער פראסטיטוציע. — מיר האבען נאר־וואס געזעהען די סאציאלע בעדינגען אונטער וועלכע עס ענט־וויקעלט זיך נאטירליכערווייז די ארגאניזאציע פון דער פראסטיטו־ציע, מיט איהרע בעשיצערס און בארדעל־האלטערס (קופלערס): א דאנק דער מעדיצינישער וויסענשאפט, קומט צו נאך א פאקטאר. אין קאפיטעל 8 האבען מיר בעהאנדעלט די ווענערישע קראנקהייטען. אזוי ניך ווי דאס דאזיגע געשלעכטס פו דער מענשהייט איז וואס אמאל געגויער דערקענט געווארען, איז אויך אלץ מעהר און מעהר געווארען קלאר זיין נאהענט שייכות מיט דער פראסטיטוציע. די אנשטעקענדיגע באצילען פון סיפילים און גאנארעע נעפינען זיך געוועהנליך אין די מענליכע געשלעכטס־ארגאנען און אין דער שייד און אין דעם אורין־קאנאל פון דער פרוי. יעדער געשלעכטס־פערקער צווישען אן אנגעשטעקטען און א געזונדען קאן דעם לעצטען אנשטעקען. דעריבער פערשטעהט זיך אויף א גאנץ קלארען אופן, אז די געפאר פון דער פערשפרייטונג פון דער דאזיגער אנשטעקונג פערגרעסערט זיך מיט דער צאל פון די געשלעכטליכע איבערביטונגען. ווען א שטייגער א פרוי פערקויפט זיך סיסטעמאטיש צו אלע מענער וועלכע ביטען זיך נאר אן, איז, פערשטעהט זיך די וואהרשיינליכקייט אונגעהייער גרויס, אז זי ווערט באלד פון איינעם ווערען אנגעשטעקט. איז זי אבער

שוין אליין אנגעשטעקט, דעמאלט כפל'ט זיך איטליכם מאל די אינפעקציאנס־געפאר, מחמת אזוי ווי די דאזיגע פרוי פערקערט אליין ווייטער מיט נייע מענער, וועלען די מייגסטע פון זיי ווידער פון איהר ווערען אנגעשטעקט, אויף דער דאזיגער פשוט'ער אריטמעטישער וואדהיים האט מען זיך ליידער זעהר וועניג אומגעקוקט: בעת מען האט זיך בלויז פערנומען מיט איהרע פאלגען. מיר מוזען דא נעהמען אין בעטראכט, אז די פולשטענדיגע היילונג פון סיפילים איז זעהר שווער פעסטצושטעלען בלי ספק; אז די דאזיגע קראנקהייט איז אהן א שעור אנשטעקענדיג, לפחות אין די ערשטע צוויי יאהרען פון איהר ענטוויקלונג און, אז זי איז פערשפרייט אין דעם גאנצען ארגאניזם און אויך אין בלוט, אזוי, אז ניט בלויז קאנען אנשטעקען גרויסע דרויסענדיגע געשווירען וועלכע מען קאן זעהען, נאר אויך קליינע בעהאלטענע וואונדען אין די שליימהויטען, אין דער שייד, אין מויל ג. א. וו. מען מוז אויך אין זין האבען, אז די גאנארעע (דער טריפער) איז וועניגער שמערצליך ביי דער פרוי, און אויך ביים מאן הערט זי אויף צו זיין שמערצליך, ווען די קראנקהייט ווערט כראניש, וואס דאס טרעפט אזוי אפט; אז איהרע אנשטעקענדיגע מיקראבען (די גאנאקאקען) זענען ביי דער בעהאנדלונג זעהר שווער צו דערגרייכען, ליגענדיג בעהאלטען אין אלע קליינע פעלבעלעך און ווינקעלעך אין די שליימהויטען פון די געשלעכטס־ארגאנען און, אז ביי דער פרוי דרינגען זיי אפטמאל אריין ביז אין דער געבערמוטער און, אז דעמאלט איז אויך די קראנקהייט אונמעגליך אדער כמעט אונמעגליך צו קורירען.

ווייטער, אויב מען געדענקט נאך, אז די ווייבליכע געשלעכטס־ארגאנען פארמירען טיפע, פערשטעקטע פאלבען, וועלכע, טראץ אלע מאדערנע אינסטרומענטען און טראץ אלע אנשטרענגונגען, זענען טיילווייז כמעט ווי אונמעגליך פ ו ל ש ט ע נ ד י ג צו ענזאמינירען, אז אויך דאס מויל פון די פראסטיטוטקעס איז אפטמאל ווענעריש אנגעשטעקט געווארען צוליב די מאוס'ע און אונאטירליכע מאניפולאציעס אין דער פראסטיטוציע און, אז איבערהויפט קיין איין אבר פון איהר לייב קען ניט גוט־זאגען געגען אנשטעקונג, דעמאלט ווערט מען אהן מיה בעגרייפען וואסערע אונגעהייערע אינפעקציאנס־געפארען עס ליגען בעהאלטען אין דעם דאזיגען זומפ פון

דעם קויפליכען געשלעכטס־גענוס. דערמאנט זיך צ. ב. אין דעם פאל פון יענעם מאן (קאפיטעל 4), וועלכער האט אין א משך פון פינף יאהרען געהאט א פערקער מיט 2000 פרויען און ער איז געווען אנ־געשטעקט. אויב דער דאזיגער פאל איז אן אויסנאהם, זענען אבער פא־ראן זעהר א סך ענליכע פאלען אין א קלענערער מאס. היינט, ווי קאנען די הורען זיין געזונד ? אין פערגלייך איז די פאליגאמיע פון שלמה המלך מיט זיינע 1000 ווייבער, כמעט געווען א מילדע זאך, יעדענפאלס אבער ניט געפערליך. אין דער פאליגאמיע פון אונזערע געלד־קעניגען אין די כלומרשט מאנאגאמישע קריסטליכע שטאאטען, זאל מען דע־ריבער אביסעל אריינבליקען.

אלזא דערזעהענדיג די געפאר פון די ווענערישע קראנקהייטען, האבען די דאקטוירים פון נאפאלעאן'ס צייט איינגעפירט דאס סיס־טעם צו רעגולירען די פראסטיטוציע, מיט דער גוטער אבזיכט אב־צושאפען אדער לכל הפחות צו פערקלענערען איהר געפאר, מחמת זיי האבען פערשטאנען, אז די פראסטיטוציע אלס אזוינע צו אונטער־דריקען, איז אונמעגליך. דאס סיסטעם בעשטעהט דעריז, אז די פאליציי האט די פליכט אויפצוזוכען איטליכע פרוי וואס פראסטיטואירט זיך און זיי צווינגען צו דער אזוי־גערופענער איינשרייבונג. זיי קריגען א בילעט און זענען פערפליכט זיך צו מעלדען צו א מעדיצינישער אונטערזוכונג איין־אדער צוויי־מאל א וואך אדער אלע 14 טעג, אניט ווערען זיי ארעסטירט און בעשטראפט. א חוץ דעם, בכדי צו פער־איינפאכען דאס סיסטעם, פלאגעוועט מיינסטענס די רעגולאציע די הורען איינצוקווארטירען געמיינשאפטליך אונטער דער פירונג פון א קופלער אדער א קופלערין אין די אזוי־גערופענע באָרדעלען אדער הורען־הייזער, וועלכע ווערען שפעטער מעדיציניש רעגעלמעסיג קאנ־טראלירט. אין דער טעאריע, פערשטעהט זיך, דארף דאס באָרדעל ניט זיין דוקא א שטאאטליכע אינסטיטוציע: מען נוצט דעריבער בנוגע דעם באָרדעל און די פרויען מיט די בילעטען, דאס ווארט „דול־דונג" און מען וויל דערמיט אויסטייטשען, אז מען לאזט זיי צו, ניט חלילה אלס א וואוילטעטיגע איינריכטונג, נאר אלס אן איבעל וועל־כען מען טאלערירט. אבער דער דאזיגער אונטערשיד האלט זיך אין דער לופטען. דולדען, טאלערירען, ערלויבען, ארגאניזירען, גוט־הייסען, און דערנאך פערטייטיגען, אונטערשטיצען און רעקאמענדירען זעי־

נען אלע געגריפען, וועלכע האבען א כמעט ניט אונטערבראכענע רייה פון איבערגענג. כל זמן דער שטאאט טאלערירט די פראסטיטוציע און די בארדעלען, מוז ער זיך דורך זיינע אפיציעלע ארגאנען אריינלאזען אין פערהאנדלונגען מיט פראסטעטוטקעס און בארדעל־האלטערס, אויף דעם אופן אנערקענט ער זיי. פאר זיין בעמיהונג מוז דערנאך דער שטאאט קריגען בעצאלט. און דעריבער איז די פעולה, אז פראסטיטוטקעס און בארדעל־בעלי־בתים מוזען דורך געלדער פאר ערלויבנישען און פריוויליגיעס דעם שטאאט און זיינע דאקטוירים בעצאלען זייער חוב.

עס איז דא א שפריכווארט „ווער עס צאלט, האט די דעה". דא דארף דאס דאזיגע שפריכווארט ניט גענומען ווערען אות־באות, אבער פונדעסטוועגען האט דער וואס צאלט אלעמאל א איינפלוס אויף דעם וואס קריגט בעצאלט, און אויף דעם סמך פיהלען זיך די בארדעל־האלטערס און די פרויען מיט די בילעטען, אזוי־צוזאגען אלס א מין שטאאטליכע איסטיטוציע, א פאקט וועלכער הויבט אויף זייער שטאנד ניט בלויז אין זייערע אייגענע אויגען נאר אין די אויגען פון דער נארישער מאסע. אויף וויפיל די דאזיגע פאקטישע ארגאניזאציע פון א געזונקענער, סאציאלער אבנארמאליטעט צומישט די מוחות אין נארישע קעפ, וועל איך בעווייזען מיט צוויי ביישפילען:

א צער פון מיינע בעקענטע האט זיך פערנומען מיט דער בעשעפטיגונג פון דער שטאאטליכער רעגולאציע פון דער פראסטיטוציע. ניט פערשטעהענדיג דעם גאנצע עסק, קומט איינמאל צו איהם א פרוי און בעקלאגט זיך ביטער איבער דעם לייכטזיניגען און צולאזענעם לעבען פון זאיהר טאכטער, און פרעגט איהם צום סוף, אויב ער קאן איהר ניט העלפען זי אריינצוגעבען אין א בארדעל וואס ווערט קאנטראלירט פון דעם שטאאט: וועניגסטענס וואלט דאס געווען א שטאטליכע אינסטיטוציע וואו אלעס ווערט רעגולירט מיט דער גרעסטער ארדנונג!

אין פאריז קומט איינמאל אן אלטע קופלערין צום פאליציי־פרעפעקט און בעט איהם, צו טראנספערירען די קאנצעסיע פון איהר בארדעל צו איהר ניינצעהן־יאהריגער טאכטער. איהר הויז, זאגט זי, ווערט געפירט ערליך, אין א לאיאלען און רעליגיעזען גייסט: איהר טאכטער איז זעהר געראטען, קלוג און פעהיג, זי איז גרינדליך בעקענט

מיט אלע צווייגען פון דעם געשעפט און זי וועט זיכער אלעס ווייטער פירען אויף דעם זעלביגען ערליכען וועג.

איך מיין, אז די דאזיגעביידע ביישפילען פון מענשליכען נאַי־וויטעט אדער פון דער מענשליכער אונבעוואוסטער געפאלענקייט, דאַר־פען זיין גענוג צו כאראקטעריזירען די מאראל פון דעם סיסטעם. אין זיין נאוועלע "La Maison Tellier" האט גיו דע מאפאסאן אויף א מייסטערהאפטען אופן געשילדערט די פסיכאלאגיע פון די פראסטיטוטקעס, דער באָרדעל־האלטערין און זייערע קליענטען.

פון די אויבען געברענגטע אורזאכען זעהען מיר אז פון איין זייט קאן מען זיך אבסאלוט ניט פערלאזען אויף דער מעדיצינישער בע־האנדלונג פון די פראסטיטוטקעס, און פון דער אנדערער זייט, אדרבה, ניט זי נאך די מענער א פאלש געפיהל פון זיכערקייט, א געפיהל אין וועלכען זיי זענען לײדער שוין צופיל גרייט זיך צו לאזען איינרעדע־לען, כדי זיך שפעטער אריינצוווארפען אין די ארימט פון דער פראס־טיטוציע. דער צוועק פון די דאזיגע מעדיצינישע וויזיטען איז דאך, כדי קראנקע פראסטיטוטקעס אבצוזונדערן, פון דער צירקולאציע און זיי צו צווינגען זיך צו בעהאנדלען אין א שפיטאל. אבער ווער עס איז בעקענט מיט די פאקטען ווייסט, ווי ווענינ דאס ווערט דער־גרייכט. אין א רעלאטיוו קורצער צייט ווערען כמעט אלע פראסטיטו־אירטע אנגעשטעקט. פון איין זייט, האבען די פראסטיטואירטע גופא, אזוי גוט ווי דער באָרדעל־האלטער, אן אינטערעס ווי ווייט מעגליך צו פערקירצען די צייט אין שפיטאל; און פון דער אנדערער זייט, לעבט דער באָרדעל־דאָקטאר טיילווייז אויף דעם געלד פון די דאזיגע מענשען, וועלכע ער מוז דעריבער מעהר אדער ווייניגער שוינען. אויף אזא אופן פערפלאנטערט זיך א פראבלעם, וועלכעס איז כמעט ניט מעגליך צו לע־זען מחמת די בעהאנדלונג פו אזוינע קראנקע אין זעהר א פערצוויגענע און איהר ערפאלג איז אויך א קנאפ צופערלעסיגער. א געוויסענהאפטער, האלענדישער דאָקטאר, כאנפלורי וואן איסזשעלשטיין, וועלכער האט געוואלט ערליך דורכפירען די אבזונדערונג פון אלע אנגעשטעקטע פראסטיטוטקעס, איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט כמעט אלע מיידלעך פו די באָרדעל־הייזער געדארפט פערשיקען פאר א לענגערער צייט אין שפיטאל. דאס האט ארויסגערופען אן אמת'ע רעוואלוציע. און זיין לעבען איז געוועזן אין א סכנה. אפילו אין דער געוועהנליכער

שפיטאל פראקטיקע דריקט מען צו אן אויג: מען היילט בלויז די געשווירען וועלכע מען קאן אנזעהען, מען ווארט ביז די שטארקסטע גאנגרענישע אויספלוסען שטעלען זיך אב און מען לאזט די פרויען ווייטער לויפען. א חוץ דעם ווערט די אונטערזוכונג געמאכט על רגל אחת, מחמת ווען מען וואלט געוואלט איטליכע פראסטיטוטקע אלע אכט טעג אונטערזוכען פון קאפ ביז די פיס, וואלטען ניט די באדרעלען, ניט די פראסטיטוטקעס און ניט זייערע דאקטוירים געקאנט עקזיסטירען.

איוואן בלאך אליין שרייבט: „אט אזוי, בעת עס איז קלאר אז יעדע דריטע פראסטיטוטקע האט א טריפער, איז אין בערלין אין 1889 ווי עס הייסט ערשט ביי דער 200טער, און אין 1884 אפילו ערשט ביי דער 1873טער אונטערזוכונג קאנסטאטירט געווארען איין (1) טריפער־פאל!!“ שוין ביי דער בערימטער „דייטשער גרינדליכקייט“ איז אט דאס די צופעלעסיגקייט און די גאראנטי פון דער מעדיצינישער אונטערזוכונג פון די פראסטיטוטקעס! עס איז מיר א פרייד דא צו זאגען, אז די ספעציאליסטען פאר וועגערישע קראנקהייטען (בלאשקא, י. בלאך און אנדערע) זענען ענדליך אויך געקומען צו דער דאזיגער איבערצייגונג, די ריכטיגקייט פון וועלכער זיי איז, שוין זינט יאהרען בעוויזען געווארען פון ניט פראפעסיאנעלע מענשען אנשליסענדיג זיך אן פרוי באטלער'ס אבאליציאניסטישער בעוועגונג. איך גופא האב מיט די שטארקסטע בעווייזע ענערגיש פערטראטען דעם אבאליציאניסטישען שטאנדפונקט געגען קאפאזי'ן, אויף דעם שטאקהאלמער קאנגרעס אין 1890, און אין 1896 האב איך צוזאמען מיט באאס־יעגהער אויפגעהויבען די פאלקס־בעוועגונג, וועלכע האט געפירט צו דער אבשאפונג פון באדרעלען און צו דער איינפירונג פון א פאסענדיג געזעץ געגען דעם באדרעל־האנדעל אין דעם צוריכער קאנטאן.

מען האט פארגעשלאגען א זעהר ראדיקאלען, אבער אין דערזעלביגער צייט אן אבסאלוט אוטאפיסטישען פלאן, יעדען מאן, וועלכער געהט צו א פראסטיטוטקע, איטליכע מאל פריהער צו לאזען אונטערזוכען פון א דאקטאר! אמת, דאס וואלט געווען דאס איינציגע מיטעל, בכדי צו פערהיטען די אנשטעקונג פון די באדרעל־מיידלעך. אבער לאמיר זיך בדרך אגב פארשטעלען אט אזא מין פלאן אין דער פראקטיקע! שטעלט זיך באר פאר יענע כראנישע תושבים פון באדרעלען.

יענע וועלכע זענען כמעט טעגליכע בעזוכערס פון פראסטיטוטקעס. איטליכס מאל זיך לאזען אונטערזוכען פון א דאקטאר, וועלכעס ווערט זיי קאסטען מעהר צייט און געלד איידער דער בארדעל־בעזוך גופא! שטעלט זיך נאר וייטער פאר די דאקטוירים, בעת די בארדעלען ווערען טיילמאל ממש בעלאגערט פון „מחנות“, אט אזוי גרויס איז די שפע! יא, עס איז פאראן א „גאונות“ וואס קאן נאר בליהען אין געוויסע ביוראקראטישע קעפ.

בעת א פולשטענדיג אונאבהענגיגע פריוואטע פראסטיטוטקע, וועלכע, צוליב דער אייגענער דעה איבער איהר פערזאן, פערמאגט זי נאך מיינסטענס א געפיהל פו מענשליכקייט און א געוויסע מאס בושה, און וועלכע נעהמט בכלל אויף בלויז א בעשרענקטע צאל מענער און אויך אזוינע וועלכע זי אליין קאן וועהלען, ווערט זי אבער דורך דעם פאליציי־בילעט אפיציעל אריינגעווארפען אין א קלאס פון די נידעריגסטע אויסווארפען פון דער געזעלשאפט, וואו זי פערלירט כמעט דעם רעשט פון איהר בושה. אין דעם געוועהנליכען בארדעל ערשט ווערט פערלוירען איהר לעצטער פונק פון מענשליכקייט.

קאטעגאריעס פון דער פראסטיטוציע. בעשיצערס. — אין דער פריוואטער פראסטיטוציע קאן מען מערקען פערשידענע שטאפלען. איין קלאס פון פראסטיטוטקעס, וועלכע איז ווענעגער נידעריג פון אנדערע, זוכט די מענער אויף עפענטליכע בעלער, אין קאפע־הייזער אדער אין אנדערע צוו ־ דייטינגע פלעצער; ווי שוין געזאגט, האבען די דאזיגע פראסטיטוטקעס אן אנצאל פון דערוויילינע בעקענטע, צו וועלכע זיי פערקויפען זיך. די נידעריגערע און די געוועהנליכע פארם פון ד׳ר פריוואט־פראסטיטוציע איז די אזוי־גערופענע גאסען־פראסטיטוציע. געוועהנליך ביי נאכט, אבער טיילמאל אויך אין העלען טאג, שפאצירען די דאזיגע גאסען־פרויען, אויסגעפוצט אזוי, אז איטליכער זאל זיי זעהען, אין געוויסע גוט בעקענטע און לעבעדיגע גאסען, און ־רך פערשידענע צייכענס. בליקען, א. אז. וו., לאזען זיי זיך דערקע־ ־ען, ביז זיי קריגען א מאן וועלכער געהט מיט זיי א היים. דאס איז בקצור די מעטאדע, וועלכע ווערט אנגעווענדט אין כמעט אלע שטעדט. אנדערע פראסטיטוטקעס שטעלען זיך אוועק ביים פענסטער פון זייער וואוינונג, בכדי אויף דעם אופן צו פאנגען די פאריבערגעהענדיגע מענער. אין אלע יענע לענדער וואו די פראסטיטוציע ווערט

שטאאטליך רעגולירט, ווערען די דאזיגע אלע סארטען פון „פאנגען“ די קונדען, בעוואכט פון דער פאליציי; דאס ווערט נאר ערלויבט יעגע פרויען, וועלכע זענען איינגעשריבען און האבען זייערע בילעטען.

אט דא קומט אריין די טעטיגקייט פון דעם „בעשיצער“. ער האט אן אויג אויף די קליענטען אין דער היים פון די פראסטיטוטקעס. אין פאל א מאן וויל ניט בעצאלט אדער בעצאלען ניט גענוג, אדער אין פאל ער סטראשעט אדער ווערט געפערליך, קריגט ער א גרינדליכען „מאסאזש“ פון דעם בעשיצער און טיילמאל ווערען אויך פערשוואונדען זיינע קליידער אדער זיינע ממתקים. דער בעשיצער איז אויך דער פראסטעטוטקע'ס שפיאן און ער פערהיט זי קעגען דער פאליציי. ער העלפט אויך אויף ז י י ן שטייגער צו קריגען קליענטען. ער קומט איהר אויך צונוץ אויף אנדערע אופנים, בעזונדערס אלס א געזעליבער מאן, בכדי צו פערגרינגערען איהר סאציאלען שטאנד. בפרט פאר אן אויסלענדישער פראסטיטוטקע אדער בארדעל־האלטערין, וועלכע שטעהען אלעמאל אין דער געפאר צו ווערען אויסגעוויזען, איז אזא „מאן“ מיט בירגערליכע רעכטען גאר א בעקוועמע זאך. דער בעשיצער איז מיינסטענס איינער פון די נידעריגסטע אויסוואורפען, א פוילענצער וועלכער ווערט אין גאנצען אויפגעהאלטען פון זיין „פרוי“. אנדערע בעשיצערס זענען בערימט צוליב זייער סעקסועלע פאטענץ און זיי זענען אין דערזעלביגער צייט די אמת'ע ליבהאבערס פון די פראסטיטוטקעס, וועלכע לאזען זיך פון זיי פשוט בערויבען און מיט זיך טון וואס זיי ווילען. בעת זיי האבען א פערקער מיט אנדערע מענער פאקטיש אהן דעם קלענסטען גענוס, און כדי זיי צו בעפרידיגען מאכען זיי בלויז אן אנשטעל פון תאוה־געפיהלען דורך בעוועגונגען, דורך אטעמען און מינעס, גיבען זיי זיך איבער צו זייערע בעשיצערס אדער ליבהאבערס מיט דער ברענעדיגסטער ליבע. לפחות טרעפט דאס זעהר אפט. אז די בעשיצערס געהערען בכלל צו דעם נידעריגסטען סארט מענשען וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלען, אז אפטמאל געהערען זיי צו דעם טיפ פון פערברעכער, איז איבריג צו זאגען. יענע, וועלכע זענען גוט בעקענט מיט דער פראסטיטוציע דערקלערען, אז אהן דעם קלאס פון בעשיצער וואלט די פראסטיטוציע אין אונזערע שטעדט ניט געווען דורכפירבאר. דער בעשיצער איז אין איין צייט דער פריינד, דער היטער און דער אויסניצער פון דער

גאסען־פרוי, בעת דער בארדעל־האלטער איז פשוט דער סיסטעמאטי־שער עקספלואטאטאר פון דער בארדעל־פראסטיטוטקע.

באַרדעלען און באַרדעל-האַלטערס. — כלומרשט בכדי צו פערמיידען די געפארען פון דער גאסען־פראסטיטוציע, ווערען איינגע־פירט בארדעלען אדער פראסטיטוציאנס־הייזער. אזוינע זענען נאטיר־ליך פאראן פאר איטליכען בעזונדערען געשמאק, פאר די רייכע און פאר ארימע. געוועהנליך ווערען זיי געפירט פון א כימרער. עלטערער פרוי (קופלעריז. בארדעל־האלטעריז, אויך ווערט זי גערופען הורען־מוטער אדער סומע). וועלכע ווערט ניט זעלטען אונטערשטיצט פון א „מאן". דער לעצטער איז אין אלע פרטים א מין „העכערער בעשיצער". היי־סען הייסט עס, אז די פראסטיטוטקעס לעבען אין דעם בארדעל פריי אלס איינוואוינער, באמת אבער זענען זיי ווי געפאנגענע אדער שקלא־פען. זיי קריגען א טייל פון דעם געלד וואס די קונדען בעצאלען אין בארדעל.איבער זיי האט די דעה בלויז די בעל־הבית׳טע, די קופלעריז. זיי קריגען גוט צו עסען, כדי זיי זאלען זיין פעט, און זיי טראגען קורצע, סעקסועל אויפרייצענדיגע קליידלעך. פאר די דאזיגע קליידער. פאר דעם עסען א. אז. וו.. ווערט זיי מיט א קלוגער אויסרעכענונג גע־שטעלט די העכסטע פרייזען, מחמת די כיטרע „מוטער" פירט דעם חשבון מיינסטענס אזוי, אז די מיידלעך זאלען איהר אלעמאל בליי־בען שולדיג. אזוי ווי די מיידלעך זענען סיי ווי סיי אלס אויסוואור־פען פון דער געזעלשאפט ביז א הויכען סטאפעל אהן א געזעצליך רעכט, איז אויך דעם אופן פאר די „מוטערס" זעהר לייכט זיי צו האלטען אין דער פשוט׳ער שקלאפעריי. געווים אפיציעל זענען זיי פריי. אבער זיי קאנען מיינסטענס ניט פערלאזען דאס בארדעל־הויז כל זמן זיי האבען ניט בעצאלט זייערע חובות.

עס מוז דא נאך דערמאנט ווערען, אז צווישען די פערשידענע קאטעגאריעס פון פראסטיטוטקעס, פריוואט־פראסטיטוטקעס. גאסען־פראסטיטוטקעס, פראסטיטוטקעס אין די בארדעלען און לארעטקעס אדער גריזעטקעס, קאן מען ניט אלעמאל געפינען א שארפע גרעניץ. עס ווענדעט זיך נאך דער געלעגענהייט אדער נויט אויב א מיידעל געהט אריבער פון איין קאטעגאריע אין דער אנדערער, דערביי ווע־רענדיג „געהעכערט" אדער, אדרבה, פאלענדיג נאך טיפער.

מיר מוזען דערמאנען נאך איין געפאר פון די בארדעלען. ווי עס איז בעקאנט ווערט געליבט זייער גוטע ארגאניזאציע, זייער ריינליכ־קייט, די מעדיצינישע אונטערזוכונג א. אז. וו. דערביי ווערט אבער פערגעסען די גרויסע געפאר פאר דער אריטמעטישער פערמעהרונג פון די איבערביימונגען אין דעם געשלעכטס־פערקער.בעת א פריוואט־פראס־טיטוטקע געהמט אויף אין איין אבענד זעלטען מעהר ווי איין מאן און יעדענפאלס מוז זי ניט אויפנעהמען מעהר, איז אבער איטלי־כע פראסטיטוטקע אין א בארדעלי געצוואונגען אויפצונעה־מען אזויפיעל מענער פון וויפיעל זי ווערט נאר פערלאנגט ד. ה. וויפיל די „מוטער“ בעשטימט. אויף דעם אופן קאן טרעפען, אז אזא מיידעל ווערט ממש בעלאגערט און מוז אין איין נאכט פון צוואנציג ביז דרייסיג מאל, און טיילמאל נאך אפטער, געשלעכטליך פערקערען מיט פערשידענע מענער. אויב מע. קאן אזא מין עקעל איבערהויפט אנרופען געשלעכטס־פערקער. בעזונדערס ביי געוויסע געלעגענהייטען (די אנוועזענקייט פון א סך סאלדאטען, דאס פריי־ל. זען פון די מיליטער־רעקרוטען אין בריסעל א. דגל.) ווערען די בארדעלען אזוי בעלאגערט אז איין מאן האט קוים צייט צו ענדיגען דעם פעריהער איידער אן אנדערער קומט באלד צו פערנעהמען זיין פלאץ. א פראנצויזישע אויסער־פארלאמענטארישע קאמיסיע צו רעגולירען די פראסטיטוציע האט פון דעם בירגער־מייס־טער פון דער שטאדט בארדא, מ. לאנדע, ערהאלטען א צושריפט מיט דעם פאלגענדען בעריכט : פון א סטאטיסטיק וועלכע ער האט גע־לאזט אויפנעהמען האט זיך ארויסגעשטעלט, אז צוליב א יום טוב פון זיבנערס, אויף וועלכען עס זענען אנגעפארען א סך נייע געסט אין שטאדט, האט איין פראסטיטוטקע איינמאל אין איין טאג געהאט א פערקער מיט 82 (צוויי־און־אכציג) מענער. הער לאנדע לעגט צו : „די גרויסע געפאר פון די בארדעלען בעשטעהט דעריין, וואס די מייד־לעך זענען דארט אונגעהייער פיל בעשעפטיגט“ — באמת, א קורצער און שארפער זאץ! עס איז איצט קלאר, אז אזוינע פאסירונגען פער־גרעסערען אהן אן עך די געפאר צו ווערען אנגעשטעקט, מחמת עס איז גענוג איין אנגעשטעקטע פערזאן, כדי אנצושטעקען אונצעליגע אנדערע. פאקטיש האט בלאשקא סטאטיסטיש בעוויזען, אז פון די רעגולירטע פראסטיטוטקעס זענען יעדען יאהר קראנק געווארען אויף

סיפילים אין פאריז 12.2%, אין בריסעל 25%, אין פעטראגראד 33.5% און אין אנטווערפען 51.2%, בעת פון די פרייע פראסטיטוטקעס זענען קראנק געווארען אין פאריז בלויז 7%, אין בריסעל 9%, אין פעטראגראד 12% און אין אנטווערפען 7.7%.

עס ווערט אפטמאל אבגעלייקענט אז דאס בארדעל איז אין די מיינסטע פאלען א געפענגניס, אבער דער דאזיגער פאקט איז שוין א סך מאל קלאר בעוויזען געווארען. דארט, א שטייגער אין פראנקרייך, וואו די פאליציי האט דאס רעכט צו ארעסטירען א פראסטיטוטקע ווען איהר גלוסט זיך, און ניט אזוי זעלטען דורך א טעות אויך אן אנשטענדיג מיידעל, און אריינזעצען אין בארדעל, איז די זאך קלאר ווי דער טאג. לכל הפחות טרעפט דאס זעהר אפט. אחוץ די חובות, וועלכע מיר האבען פריהער דערמאנט, האבען די בארדעל-אייגענטימער נאך א סך אנדערע מיטלען מיט וועלכע זיי קאנען צוהאלטען די פראסטיטוטקע. פאר אזא פערשטויסען מיידעל איז סיי ווי סיי שווער זיך צוריקצוקערען צו א פריי און אנשטענדיג לעבען. צייגט אבער א מיידעל דאך ארויס א חשק צו פערלאזען דאס בארדעל, אדער לאזט זי נאר אויף זיך פאלען אזא חשד, האבען די בארדעלען אן אויסגעפריפט און ווירקזאם מיטעל ווי אזוי איהר צו פערטרייבען דעם חשק — דעם אינטערנאציאנאלען אויסטויש. א מיידעל וואס קען ניט די שפראך פון דעם לאנד, איז פערשטעהט זיך, נאך מעהר פערקויפט און אונפעהיג זיך צוו בעפרייען איידער א מיידעל וואס קאן יא די שפראך. אט פשוט דעריבער בייטען די בארדעלען פון פערשידענע לענדער אלעמאל אויס זייערע מיידלעך. מיט אלערליי פאלשע תרוצים, א שטייגער א כלומרשט גוטע שטעלע א. דגל., ווערען אויף דעם אופן עקספארטירט מיידלאך פון דער שווייץ נאך אונגארן, אונגארישע מיידלעך נאך דער שווייץ, דייטשע מיידלעך נאך פראנקרייך, פראנצויזישע מיידלעך נאך ענגלאנד, אייראפעישע מיידלעך נאך בוענאס-איירעס א. אז. וו. אויב מען האט צ. ב. א דייטש מיידעל מיט גליק שוין אריבערגעברענגט נאך בודאפעסט אדער גאר נאך בוענאס-איירעס, דעמאלט איז איהר שוין פערגאנגען דער גאנצער חשק צו אנטלויפען: ווייל וואס זאל זי דא טון — ארים און פרעמד אויף דער גאס ? אלעמאל געפינט מען נאך גענוג ליגענס, אלערליי צוואנג-מיטלען, סטראשונקעס און תרוצים, כדי

מיידלעך. וועלכע געפינען זיך שוין אין באָרדעלען, צו קאָנען ארויסשיקען נאָך אויסלאַנד.

די ווייסע שקלאפעריי.—מיט די נאר־וואס בעשריבענע פאקטען איז ענג פערבונדען דער מאָדערנער ווייבליכער שקלאפען־האנדעל בכלל. דער דערמאנטער אופן, ווי אזוי די באָרדעלען בייטען זיך געגענזייטיג מיט זייער סחורה, איז בלויז איין טייל פון דער גאנצער פראגע. די עיקר־קונסט בעשטעהט דערין, פאר די באָרדעלען צו קריגען גאנץ יונגע מיידלעך, כמעט נאך קינדער פון צוועלף ביז זעכצען יאהרען. דאס דאזיגע איז אייגענטליך אין די מיינסטע שטאאטען געזעצליך פערבאטען: אבער צו וואס זענען דען דא די געזעצען, אויב ניט געבראכען צו ווערען? עס זענען דאך דא אזויפיל מיטלען, אזוינע קינדער פריהער צו פערנארען מיט וואסערען עס איז תרוץ, איידער זיי זענען נאך גענוג זעלבסטשטענדיג זיך צו קאנען ארויסדרעהען פו דעם דאזיגען שווידערליכען לעבען. עס זענען דאך דא אזויפיל שלעכטע, געזונקענע און הונגעריגע עלטערן, וועלכע וועלען גערן זייערע קינדער אבגעבען פאר געלד, ווען מען זאגט זיי צו אין א היפאקריטישער אבער דורכזיכטיגער שפראך, א גוטע שטעלע, פאר וועלכער מען צאלט אפילו פארויס. אויף מיינער א רייזע בין איך גופא איינמאל געווען אן עדות, ווי אזוי א מיידעל פון צוועלף יאהרען איז אויף דעם דאזיגען אופן פערקויפט געווארען נאך פרעסבורג. איך האב זיך געווענדט צו א קאנזול און צו אן אמבאסאדאר, בכדי אבצוהאלטען דאס דאזיגע פערברעכען, אבער די גרויסע הערען האבען בלויז געצויגען מיט די אקסלען. מיט וואס האב איך געקאנט די זאך בעווייזען פאר א געריכט?! דאס קינד האט בעגלייט א פרוי, וועלכע האט מיר הגב מודה געווען, אז דא האנדעלט זיך קענטיג ניט מכח קיין שום אנדערע זאך ווי נאר וועגען דעם פערקויף פון דעם מיידעל צו דער פראסטיטוציע. זי אליין האט בלויז געקראגען דעם בעפעהל מיט דעם קינד צו פארען ביז וויען. אין דעם דאזיגען פאל האב איך געפיהלט די אונמעכטיגקייט, אין וועלכער א מענש געפינט זיך, אנטקעגען אזוינע פאסירונגען.

אין די לעצטע יאהרען האט זיך ענדליך פארמירט אן אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציע, כדי צו בעקעמפען די ווייסע שקלאפעריי; איך זעה אבער ניט, אז דער פרויען־האנדעל זאל זיך קענטיג האבען פערקלענערט. די באָרדעל־האלטערס, מיט דער הילף פון עלטערן, אין

וועלכע יעדער פונק געוויסען איז טויט, און מיט זייער גאנצער ארגא־ניזאציע פון פערפירונג, געפינען תמיד געגוג מיטלען און וועגען ווי אזוי צו דערגרייכען זייער ציל. באמת, עס לעגט זיך ניט אופ'ן שכל, ווי אזוי דער שטאאט קאן פון איין זייט דאס באָרדעל־סיסטעם דולדען און ערלויבען, און פון דער אנדערער זייט איהם שטערען צו קריגען זיין נויטיגע סחורה. בלוט־יונגע מיידלעך זענען אי לייכטער צו פער־פירען און אי אויף זיי איז די נאכפראגע א גרעסערע. אין דעם קומענ־דיגען קאפיטעל וועלען מיר זעהען, אז אין די דייטשע לענדער איז דער האנדעל מיט קעלנערינס כמעט ניט א סך בעסער איידער דער האנדעל מיט פראסטיטוטקעס.

די אבריכטונג פון די פראסטיטוטקעס. — אפשר די אבשטויסענדיגסטע זייט פון דער באָרדעל־פראפעסיע איז דאס סיסטעמאטישע פערפירען און אבריכטען פון די מיידלעך. בכדי צו פערנארען דעם קרבן שפילט דא ראלע טיילמאל דאס געלד, אדער שעהנע קליידער, א פערשפערכונג אויף א גוט בעצאלטער שטעלע און, פערנעהמענדיג ניט ק קליינעם פלאץ, די ציל־בעוואוסט אריינגעברענגטע בערוישונג מיט אלקאהאליש געטראנקען. טייל פשוט'ע מיידלעך, וועלכע האבען גערן ליב צו שפאסען און לאכען, אבער וועלכע וועלען ניט געהען ווייטער, ו. רען לייכט פערפירט אונטער דעם איינפלוס פון א גלאז וויין. אויב א קופלער אדער אויב איינעם פון זיינע אונטערהעלפערס, צ. ב. עפעס א בעשיצער, איז געלונגען אויף דעם דאזיגען אופן צו פערפירען א מיידעל, דעמאלט, בענוצענדיג איהר בושה און שרעק צו ווערען ענט־דעקט, צוזאמען מיט אלערליי סטראשונקעס און די גאנצע קונסט צו פרעסען געלד, ווערט זי פערפירט אלץ ווייטער בארג אראב און פאר איהרע אויגען לאזט מען דורכשוועבען שעהנע קליידער, א לייכט לע־בען, עסען און טרינקען, א גוטער לוין און נאך אנדערע רייצענדע זא־כען. ווען דאס מיידעל האט זיך שוין גוט צוגעוואוינט צום סעקסועלען פערקער, הויבט זיך אן די הויך־שול פון אויסגעלאסענקייט און זי ווערט סיסטעמאטיש אבגעריכט ווי אזוי דעם געשלעכטס-טריב פון די מענער אויף אלערליי אופנים צו רייצען און אויך אונאטירליך צו בעפרידיגען. דורך איהרע בעוועגונגען, אטעמען א. אז. וו. מוז זי ווייזען, אז זי פיהלט כלומרשט די העכסטע תאוה, זי מוז זיך אויסלערנען צו האבען א פערקער דורך איהר מויל א. אז וו.. שוין אבגערעדט פון

די פאטהאלאגישע פאדערונגען פון מאזאכיסטען, סאדיסטען, פעטי־שיסטען א. אז. וו., (זעה קאפיטעל 8). פער פירטע און פערלאזענע מייד־לעך, אזוינע וואס האבען געהאט אונגעזעצליכע קינדער, זענען אלעמאל די לייכטסטע קרבנות פאר די שאקאלען פון דער פראסטיטוציע. אויב מען וועט צו אונז טענה'ען, אז די מייגסטע פראסטיטוטקעס זענען שלעכט פון קינדווייז אן, און צוליב זייער פוילקייט און לייכטזיניג־קייט זענען זיי געניינט צו דער דאזיגער פראפעסיע, דעמאלט וועלען מיר ענטפערען, אז לייכטזיניגקייט און דער חשק צו לאכען און שטיפען קאן בשום אופן ניט פערגליכען ווערען צו דער שוידערליכער און עקעל־דיגער אבריכטונג און שקלאפעריי פון א פראסטיטוטקע אין א בארדעל.

דער אלקאהאל איז די וויכטיגסטע מרייב־קראפט פון דער פראסטי־טוציע. אהן איהם וואלט זי ניט געקאנט עקזיסטירען, לכל הפחות ניט אין איהר רויהער פארם: זי וואלט יעדענפאלס געווען אנשטענדיגער, ריינער און פרייער. די מייגסטע מיידלעך ווערען פערפירט ביי אלקאה־האלישע ארגיעס און מיט דער כראנישער שכרות האלטען זיי זיך אויף אין זייער געזונקענקייט.

אין געוויסע שטעדט, צ. ב. אין האמבורג, האט מען געוואלט בע־שאפען א מיטעל־וועג צווישען דער פריוואטער פראסטיטוציע און דעם בארדעל, צווינגענדיג אלע פראסטיטוטקעס צו וואוינען אין געוויסע פאר זיי רעזערווירטע און אבגעגרעניצטע גאסען אדער הייזער, און זיי זאג־לען זיך לאזען איינשרייבען אין דער פאליציי. די זאך איז ניט געווארען בעסער, אבער די סקאנדאלען אין יענע גאסען זענען געווען שרעקליך; מען דארף אויך ניט פערגעסען, אז די בעלי־בתים און די פערוואלטערס פון אזוינע הייזער ווערען אין געוויסע פרטים מעהר אדער ווייניג ענליך צו בארדעל־אייגענטימערס. ווער עם פערדינגט זיין הויז פאר אזא צוועק, מוז שוין ממילא האבען א ניט איבעריג טיף געפיהל פון בושה און פליכט, מחמת צוליב דעם געשעפט קומט איהם אויס צו לעבען אויף די פערדינסטען פון דער פראסטיטוציע.

מיר האבען גערעדט מכח די שטאאטס־בארדעלען. אבער א חוץ זיי וואקסען ווי ווילד גראז אן אנצאל פון געהיימע בארדעלען מכל המנים וועלכע דער שטאאט איז נאך ווייניגער בכח צו פערביטען און בעקעמ־פען, מחמת די בארדעל־פראפעסיע ווערט פון שטאאט גופא טאלערירט

בער־שטיבלעך, וועלכע זענען ניט קיין אנדערע זאך ווי נאר קליינע באר־דעלען, אין וועלכע די קעלנערינס זענען אין איין צייט אויך די פראס־טיטוטקעס. דאס אייגענע איז אויך אמת מכח א סך טואלעט און פריזיר־שעפער, ציגארקראמען און ענליכע קליינע ווינקעל־געשעפטען, ביי וועל־כע דער האנדעל מיט א וואסערען ס'איז אונשולדיגען ארטיקעל איז בלויז כדי צו פערדעקען די בארדעל־פראפעסיע. אן אנצאל פון שאנטאן אדער קאבארעט־הייזער און פון ארומוואנדערענדיגע זינגער־ און ארטיסטען־גרופען, זענען אויך פערבונדען מיט בארדעלען און פראסטיטוציע. בעזונדערס טואלעט־און פריזיר־שעפער און ציגאר־קראמען, אבער אויך א רייה פון געוויסע פאפיר־קראמען א. אז. וו., פערדעקען האלב מיט זייער סחורה. אלערליי אנדערע שמוציגע ארטיקלען, א שטייגער פער־שידענע פאנאגראפישע בילדער, אדער זיי לעגען אויס אין זייערע שוי־פענסטער כל המינים בילדער פון האלב־נאקעטע פרויען, וועלכע זענען בלויז רייצמיטלען פון די בארדעלען און פון דער פראסטיטוציע בכלל. די דאזיגע אלע געגענשטאנדען האבען א בעזונדערע ווירקונג אויף דער יוגענד און דעריבער ווערען זיי מיט א בעזונדערען חשק פערשריי־צווישען די גרעסטע שילערס פון אלע שולען.

די צאל פון פראסטיטוטקעס. — די צאל פון פראסטיטוטקעס ווערט געשאצט אין בערלין אויף 30.000, אין פאריז אויף 40.000 און אין לאנדאן אויף 60,000 די דאזיגע צאלען ווייזען, אז בלויז א טייל פון די פרויען קאנען באמת זיין פסיכא־פאטהאלאגיש בירושה.

דאס געזאגטע דארף זיין גענוג, מחמת נאך אלעם האנדעלט זיך דא מכח זעהר בעקענטע זאכען. מען זעהט קלאר, ווי דאס געלד, ד. ה, די זשעדנעקייט, נוצט אויס פאר איהרע צוועקען אויף א סיסטעמא־טישען אופן אי דעם געשלעכטס־טריב פון די מענער און אי די ארימ־קייט, צוזאמען מיט דער שוואכקייט או אונפעהיגקייט בייצושטעהען דעם נסיון פון די פרויען. אין דער מינוט ווי דער שטאאט, דורך זיין ארגאניזירטע דולדונג, אנערקענט דאס רעכט צו עקזיסטירען פון אט דעם דאזיגען שרעקליכען זומפ, הויבט אויף די פריהער פערשעמטע און בעהאלטענע קארופציע איהר קאפ, ווערט וואס אמאל אלץ פרעכער און ציהט אריין אין איהר נעץ אפילו שטאאטליכע אינסטיטוציעס. קודם כל די פאליציי, אבער אויך די העכערע בעאמטער אין די דאק־טוירים וועבען קארופטירט קומענדיג אי א גאהנטען שייכות מיט דער

גאנצער באָרדעל־אינסטיטוציע, וועלכע צומישט זייערע בעגריפען פון מאראל. מען דריקט צו די אויגען שטעהענדיג פאר דעם טיפען אבגרונד פון אויסגעלאסענקייט און פערברעכענס. די הורען־האלטערס קוקען אויף זיך ווי אויף וויכטיגע פערזענליכקייטען און די מעהר אנגעזעהענע צווישען זיי האבען ניט זעלטען דעם געוואלדיגען כבוד צו טון א גמילות־חסד און אויך צו האבען אלס געסט הויכע שטאאטס־בעאמטער און בערימטע פערהייראטע פערזענליכקייטען. די פעולה דערפון איז גראד דוקא ניט אזוי שווער צו טרעפען.

די פראסטיטוציע און די פאליציי. — דער פאליציי איז וואויל בעקענט, אז אין די באָרדעלען איז די פראסטיטוציע ניט בלויז פער־בינדען מיט שכרות, נאר, אז די דאזיגע הייזער זענען אין דערזעלביגער צייט אבגרונדען פון אלערליי פערברעכענס. פון איהר שטאנדפונקט בעטראכט אפילו די פאליציי געוויסע הורען־קנייפעס און נידעריגע באָר־דעלען פאר זעהר נוצליכע פלעצער וואו צו ענטדעקען פערברעכערס. דארט געפינט מען שפיאנען מכל המינים, פון דעם פאליציי־שפיאן, וועלכע שפיאנירט נאך א פערברעכער או פלירטיוועט אין איין גאנג מיט די פראסטיטוטקעס ביז צום געגען־שפיאן פון דעם פערברעכער און קופלער, וועלכער היט ווידער דעם פאליציי־שפיאן. דארט קריגט די פערברעכער־וועלט פון איין זייט איהר נעגינקייט און מוטינקייט און פון דער אנדערער זייט, צוליב איהר שוואכקייט צו ווייב און אלקאהאל, פאלט זי דא אמלייכסטען אריין אין דער נעץ. דארט בעגעגנען מיר יענע וואונדערבארע בעשעפענישען, וועלכע זיהען זייער חיונה הייגט אלס רעגירונגס־שפיאנען, מארגען אלס פערברעכערס און איבערמארגען אלס באָרדעל־האלטערס, און וועלכע דער אמאליגער דייטשער מיניסטער פאן פוטטקאממער האט מילד אנגערופען „ניכט־דזשענטעלמען".

די פסיכאלאגיע פון די פראסטיטוטקעס און די אורזאך פון פראסטיטוציע.—די פסיכאלאגיע פו די פראסטיטוטקעס איז א שווע־רער און קאמפליצירטער ענין. ווערליג דעם שטאנדפונקט פון זייערע קריטיקער, ווערען זיי בעטראכט אדער אלס פרויען מיט שלעכטע, ניט פערבעסערליכע אינסטינקטען, אדער אדרבה אלס קרבנות פון אונזער אונגערעכטער סאציאלער ארדנונג.ביידע מיינונגען זענען איינזייטיג. און דעריבער אויך פאלש. לשם קריסטליכע מענשען־ליבע האבען א

סך פֿריינען פאַר דעם פערבעסערונג פו דער מאָראַל זיך אויף פערנומען צו ראַטעווען געפאַלענע מיידלעך, ד. ה. באַרדעל־פּראָסטיטוטקעס. אָבער בכלל זענען די רעזולטאַטען ווייט פון צו זיין צופרידענשטעלענדיג, און דאָס האָט מען לייכט געקאָנט ערוואַרטען. ווי מיר האָבען געזעהען, איז דאָס געהירן פון דער פרוי אַ סך שטאַרקער בעהערשט פון די סעקסועלע אידעען און זייערע אויסשטראַלונגען איידער דאָס געהירן פון דעם מאַן. אַ חוץ דעם איז עס אויך וועניגער פּלאַסטיש, און עס ווערט לייכטער אַ שקלאַף צו דער געוואוינהייט און צו דער רוטין. דעריבער, אויב אַ פרוי איז פון קינדהייט אַן סיסטעמאַטיש געפירט געוואָרען אויף קרומע סעקסועלע וועגען, און אַ חוץ דעם, אויב אַלע איהרע אידעען זענען פון אין דער פריה ביז שפּעט ביי נאַכט בלויז קאָנצענטרירט אויף אויסגעלאַסענקייט און געשלעכטס־פערקער, דעמאָלט איז שווין כמעט ווי ניט מעגליך זי צוריקצופירען צו אַן אַרבייטזאַם לעבען און צו אַן ערפילונג פון ערנסטע סאָציאַלע פליכטען. זעלטענע אויסנאַהמען בעשטעטיגען אויך דאָ דעם כלל. אַ חוץ דעם דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז די געשלעכטליכע רייצונג ערשט וועקט אויף ביי דער פרוי דעם סעקסועלען בעגער, וועלכער ווערט שפּעטער אַלץ מעהר פערשטאַרקט דורך דער פּראַקטיק און געוואוינהייט. פון דער אַנדערער זייט מוז מען מודה זיין, אַז פרויען וועלכע זענען פויל, מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער, וואָס ווערען לייכט בעיינפלוסט, וואָס זענען קאָקעט און נימפאָמאַניש, זענען די לייכטסטע קרבנות צו ווערען פערפירט. און לסוף, די קראַפט וואָס טרייבט אַמשטאַרקסטען צו דער פּראָסטיטוציע אין און בלייבט די אָרימקייט. איך וויל ניט זיין סענטימענטאַל און לעגען דאָס גאַנצע געוויכט אויף דער וואויל בעקענטער טענה, צו רירען די הערצער, אַז אַן אָרימע פרוי פּראָסטיטואירט זיך, בכדי צו שטילען דעם הונגער פון איהרע קינדער אָדער איהר אייגענעם הונגער. אמת, דאָס קומט פאַר מיינסטענס ביי די אָריענטאַלישע אידען און צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט פון די גרויסע שטעדט, אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי אַ יוצא מן הכלל. די אָרימקייט ווירקט אַ סך שטאַרקער אויף אַן אינדירעקטען אופן. קודם כל צווינגט זי דעם אָרימען פּראָלעטאַריער צו לעבען אין דער ערגסטער פּראָמיסקואיטעט. ווען פאָטער, מוטער און קינדער וואוינען, קאָכען און עסען אין איין חדר, און ניט בלויז דאָס, נאָר אָפטמאָל שלאָפען

זיי אלע אין איין בעט, דעמאלט, פערשטעהט זיך, בלייבט איבער דער בושה ניט צופיל פלאץ. די קינדער זענע דירעקט די עדת פון זייערע עלטערנ'ס געשלעכטס־פערקער און פון דער פריהערסטער יוגענד אן ווערען זיי געוואר פון דעם געשלעכטס־לעבען אויף דעם שמוציגסטען אופן. פערזאכלעסיגט און צוזאמענגעפאקט מיט אנדערע קינדער, די מייסטע פון וועלכע זענען פונקט אזוי שלעכט ערצויגען ווי זיי אליין, לערנען זיי זיך אויס פון זייער סאמע יוגענד אן ניט בלויז די נידעריגסטע און שמוציגסטע זאכען, נאר אויך די אבנאר־מאלסטע און פאטהאלאגישסטע אויסוואוקסען פון דעם אומגעזונדען גע־שלעכטס־לעבען פון · שטעדט. עס זענען פאראן שטעדט, וואו עס זע־נען פאראן גאנץ ווייניג פיערצען־יאהריגע פראלעטארישע מיידלעך וואס זענען נאך בתולות. דאס ווייס איך פון צופערלעסיגע קוועלען.

ווייטער ווערען די עלטערן געטריבען פון דער ארימקייט צו עקס־פלואטירען זייערע קינדער: היינט, וואס איז נאך בעקוועמער ווי זיי איבערצוגעבען אין בארדעלען ? אבער ניט בלויז אין דעם סאמע ארימסטען פראלעטאריאט: אויך צווישען די מיטעל־קלאסען פון דער בעפעלקערונג טרייבט די ארימקייט דירעקט צו דער פראסטיטוציע. אויך דא ווייזט זיך די ווירקונג פון דער אונ'רחמנות'דיגער עקספלו־טאציע: ביי געוויסע בעשעפטיגונגען, ביי וועלכע מען איז פריי אין די אבענדען, א שטייגער אין געוויסע קראמען א. דגל., קריגען די מיידלעך א שרעקליך קליינעם לוין, מחמת צו די דאזיגע בעשעפטיגונגען האט די פראסטיטוציע א לייכטען צוטריט. עס איז א בעוואוסטער פאקט, אז צוליב דער גרויסער קאנקורענץ ביי זייער ארבייט, מוזען, א שטייגער, קראם־מיידלעך, שניידער־מיידלעך, מאדיסטינס א. אז. וו. זיך אפטמאל בעגנינגענען מיט דעם קלענסטען לוין, טיילמאל ממש מיט א הונגער־לוין: אז ווען זיי בעקלאגען זיך, גיט מען זיי, בפרט ווען זיי זענען נאך שעהן, אפטמאל גאנץ קלאר צו פערשטעהען, ווי אזוי זיי קאנען מיט זייער שעהנקייט לייכט פערגרעסערען זייערע פערדינסטען און, אז ניט איין מאן וואלט געווען גליקליך צו זיין זייער פריינד, און נאך אנדערע צארטע אנצוהערענישען. מיר האבען שוין דערמאנט, ווי אין געוויסע צווייפעלהאפטע גאסטהייזער ווערען די קעלנערינס דירעקט אויסגענוצט אלס א צוציהונג. אונטער אלע אומשטאנדען שפילט דעריבער דאס פראלעטארישע עלענד א געוואלדיגע ראלע דערפאר.

מחמת עס טרייבט אלע מיידלעך, וועלכע זענען מעהר אדער וועניגער נעניינט דערצו, אין די ארימס פון דער פראסטיטוציע. די פאלגענדע צאלען, וועלכע איך האב צו פערדאנקען הער דע מארסיעי, אין גענף, רעדען פאר זיך אליין.

80 פראצענט פון די פראסטיטוטקעס אין פאריז האבען א חוץ דער פראסטיטוציע נאך אן אנדערע בעשעפטיגונג.

אין דערזעלביגער שטאדט פערדינען דורכשניטליך אין די פאבריקען די מענער 4.20 פר., די פרויען 2.20 פר. פער טאג; אבער ביי הויז־ארבייטען פערדינען די מענער 2.10 פר. און די פרויען 1.10 פר. אדער אפילו נאר 90 סאנטים. היינט, ווי קאן א פרוי לעבען אויף אזא הונגער־לוין, נאך דערצו אין פאריז? ענטפער: מיט דער הילף פון דער פראסטיטוציע. אין לאנדאן, ניו־יארק א. אז. וו. איז נאך ערגער.

אריסטראקאטישע באַרדעלען. — דער פאלגענדער פאל אין דעם יאהרליכען באריכט פון דעם פעסטאלאצי־פעראיין אין וויען, ווייזט פונדעסטוועגען, אז אין די אריסטאקראטישע באַרדעלען איז דאס לעבען פון די פראסטיטוטקעס א סך בעסער. די פיינערע סחורה פאר די רייכע בעלי־גאוות פאדערט א בעסערע בעהאנדלונג.

„אין אקטאבער 1904 האט אונז דער טיראלער פעריין וואס זארגט פאר פערלאזענע קינדער צוגעשיקט די פאפירען פון דער 18 יאהריגער נ., א טיראלער מיידעל, וועלכעס געפינט זיך אין וויען אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי. מען האט אונז אויפמערקזאם געמאכט אויף די יאהרען פון דעם מיידעל און אויף דער מאכטלאזיגקייט פון איהר פאטער, זי אבצורייסען פון איהר איצטיגען לעבען. נעהמענדיג אין בעטראכט איהר יוגענד, האט אונז געבעטען, פאר איהר צו זארגען און זעהען זי ארויפצופירען אויפ'ן גלייכען וועג".

„מירהאבען דעם דאזיגען פאל גענוי אונטערזוכט. דאס מיידעל קומט פון א דארף, פון א פאמיליע פון א סך קינדער און אין איהר 14טען יאהר האט זי אנגענומען א שטעלע אין אינסברוק. נאך דער שטעלע אין אינסברוק איז זי ביסלעכווייז אריינגעפאלען צו דער פראסטיטוציע און איז איצט אלס פראסטיטוטקע פערשריבען אין וויען. מיר האבען מיט דעם מיידעל געהאט א פערזענליכען געשפרעך אין אונזער קאנצעלאריע בעת וועלכען זי האט אונז דערצעלט, אז אין איהר שטעלע אין אינסברוק האט זי פיל געליטען: מען האט זי שלעכט בע־

האנדעלט, זי האט ניט געהאט גענוג צו עסען און ביזוויליג האט מען צוריקגעהאלטען איהר ארימען פערדינסט".

„דאס מיידעל האט אויסגעזעהען בעשיידען און צוריקגעהאלטען און אין אלגעמיין האט זי געמאכט א גוטען איינדרוק: מיט אן ענטשלאסענקייט האט זי געקוקט אויף איהר צוקונפט, און איהר פראפעסיע, הגם זי האט צוגעגעבען אז זי איז אויסגעשלאסען פון דער געזעלשאפט, האט זי בעטראכט מיט ניט קיין קלענערען ערנסט ווי ווען זי וואלט געווען א געזעצליך סאנקציאנירטע און ערלויבטע בעשעפטיגונג. זי האט אונז פערזיכערט אז איהרע עלטערן, זייענדיג ארים און ניט קאנענדיג דורכקומען מיט זייערע פערדינסטען, האבען גארניט קעגען איהר וואס זי האט אויסגעקליבען די דאזיגע פראפעסיע; זי פערטראגט זיך מיט זיי זעהר גוט, שיקט זיי געלד, און די מוטער האט זי בעזוכט אין ליגע."

„כדי צו קריגען א ביכעל פון דער פאליציי, האט זי געמוזט האבען די צושטימונג פון איהרע עלטערן; די מוטער האט איהר געזאגט, אז אויב זי וועט נאר זיין „ערליך און פרום", וועט קיינער צו איהר גארניט האבען. זי האט זעהר געלויבט איהר „מאדאם" (די בארדעל־האלטערין) פאר איהר גוטער און ליבליכער בעהאנדלונג פון די מיידלעך וואס „וואויגען" ביי איהר: דאס הויז וואו זי שטעהט איין, זאגט זי, איז זעהר „פיין", אי בנוגע צו די געסט און צו דער בעהאנדלונג: דארט זענען בעשעפטיגט ארום צוועלף מיידלעך, עלטערע אדער נאך יונגערע פון איהר. אלע מיידלעך — א חוץ איין יתומה פון 16 יאהרען — טוען די דאזיגע „ארבייט" מיט דער צושטימונג פון זייערע עלטערן, און אסך פון זיי שיקן א היים זייער געלד. די זיכערע שטעלע, די גוטע בעהאנדלונג, קליידונג, נאהרונג און דער שעהנער פערדינסט — 120 ביז 240 קראנען א חודש — האבען, לויט איהרע ווערטער, פולשטענדיג צופרידענגעשטעלט אי זי און אי איהרע חבר'טעס. מיר זענען געווען געריהרט פון איהר טיפער נאיוויטעט בעת זי האט געלויבט איהר „גוטע מאדאם", דערפאר וואס זי האלט אויף און בעהאנדעלט גוט צוויי מיידלעך, וועלכע זענען געווארען עלטער אין קאנען שוין מעהר ניט פערדינען. זי האט אויך א בעשיצער, אבער זי האט זיך דערווייל ניט געהאט וואס צו בעקלאגען אויף איהם".

„אויף אלע אונזערע רייד און בעמיהונגען זי זאל אנהויבען פירען אן אנדער לעבען, אז מיר זענען גרייט איהר צו העלפען, האט זי ניט געוואלט איינגעהען: תחלת האט זי געשטאמעלט, זיך געשלאגען מיט דער דעה, אבער ביסלעכווייז האט זי זיך דערפון אבגעזאגט: אפילו ווען זי וואלט געוואלט, וועט זי די „מאדאם" ניט אוועקלאזען: א חוץ דעם וועט מען איהר אלעמאל פארווארפען איהר פערגאנגענהייט און זי וויל ניט זיין צווישען מענשען, וועלכע וועלען זי פעראכטען. ניין, זי וויל זיין דארט, וואו מען האט זיך ליב: זי האט זיך שוין גענוג אנגעליטען און זי וויל זיך מעהר ניט פערלאזען אויף שוואכע האפ־נונגען: נאך מעהר, זי איז אויך אבגעפרעמד פון איהר פריהערדיגען לעבען, האט קיינמאל ניט געלערענט און ערנסטע זאך און זי וועט בלויז ווערען בעליידיגט און אבגעלאכט גון איהרע בעלי־בתים: ניין, זי וויל איהרע זיכערע עקזיסטענץ בשום אופן ניט אויפגעבען!".

„פון דעם דאזיגען געשפרעך זענען מיר געקומען צו דער מיינונג, אז העכסט ווארשיינליך איז דאס ניט איינער פון יענע פאלען, וואו מיר קאנען זיך אריינמישען. ניט קוקענדיג אויף איהר יוגענד מאכט דאס דאזיגע מיידעל אין געוויסע פרטים דעם איינדרוק פון א מענש מיט א פארטיגען און געזעצטען שכל: ערציהונגס-מיטלען אנצואווענדען, האט אונז אויך אויסגעוויזען צו זיין שוין פון לאנג פערשפעטיגט."

ווי איך בין געוואר געווארען, האט דאס מיידעל ארויסגעוויזען די גרעסטע אונרוהיגקייט ווען מען האט איהר געזאגט, אז מען וועט זי ארויסנעהמען פון בארדעל. כאראקטעריסטיש פאר די בעגריפען פון דער פראסטיטוציע איז אויך דעם מיידעל'ס רעליגיעזע פרומקייט און איהר טיפע פערערונג פאר דער בארדעל־האלטעריו.

מיר זעהען דעריבער, אז די פראסטיטוטקעס זענען א קאלעקציע פון פערשידענערליי אינדיווידועז: און הגם דורכשניטליך זענען זייע־רע רייהען צונויפגעשטעלט פון מיידלעך אהן א פונק פון בושה, רויה, געזונקען און אלקאהאליזירט, וואלט אבער געווען א טעות דערפון צו שליסען, אז אלע זענען שלעכט בירושה. א גרויסע צאל פון זיי איז מאקע פאטהאלאגיש און צווישען זיי געפינט מען א סך היסטערישע, נימפאמאנישע אדער אנדערע פסיכאפאטישע נאטורען. ווידער אנ־דערע האבען ניט קיין סמן פון א מאראלישען חוש, זענען נאריש, פויל, שווינדלעריש אדער זיי זענען דורך און דורך גלייכגילטיג צו זיך.

אפאטיש, לייכט סוגעסטיבעל, וועלכע גיבען נאך יעדען דרויסיגען אימ־פולס און יעדער פערפירונג: די לעצטע שטעלען אפשר צונויף די גרעסטע צאל פראסטיטוטקעס, מחמת זיי זענען די לייכטסטע און בע־קוועמסטע קרבנות פון די באָרדעל־האלטערס אבער א סך אנדערע קומען דערצו שריט נאך שריט דורך פערפירונג: תחלת שעמען זיי זיך מיט זייער פעהלער, זיי האבען אבער ניט דעם מוט צו טראגען זייערע פאלגען און הויבען אן ביסלעכוויז צו האבען עסקים מיט דער פראס־טיטוציע און זינקען אלץ טיפער און טיפער אין דעם זומפ. א וויכטיגער מאטיוו דא זענען די געבוירענע פון אונגעזעצליכע קינדער. ווייטער איז פאראן א גרויסע צאל פראסטיטוטקעס, וועלכע פערקויפען זייער לייב דער עיקר צוליב נויט און ארימקייט: זיי שעמען זיך דערמיט, אבער זיי דארפען דאס געלד אויפצוהאלטען זייער לעבען אדער דאס לעבען פון זייער פאמיליע. חוץ זיי איז אויך דא א קליינע אבער ניט אונינטערעסאנטע גרופע פראסטיטוטקעס, וועלכע גיבען זיך איבער אזוי־צוזאגען אויס ליבע צו דער פראסטיטוציאנס־קונסט. די דאזיגע זענען געוועהנליך קרענקליך סעקסועל אויפגערעגטע פרויען, וויעענדיג א חוץ דעם מאראליש געזונקען, און זיי געפינען זייער פערגעניגען ביי דער דאזיגער בעשעפטיגונג. פראסטיטוטקעס זענען געווארען אפילו רייכע פרויען, גרעפינס און פרינצעסינס.

די פעולה פון דער דאזיגער פערשידענקייט פון פראסטיטוטקעס איז, ווי מיר האבען שוין פריהער געזעהען, אז עס מוזען עקזיסטירען פערשידענע גראדען פון פראסטיטוציע. הגם איהר געזונקענקייט ווערט אביסעל פערדעקט דורך א געוויסען מין וואוילטאג, גוט עסען און שעהנע קליידער, איז אבער דער טיפסטער שטאפעל די באָרדעל פראס־טיטוציע, ביי וועלכער די פרוי איז ניט מעהר ווי אן אינסטרומענט פאר דעם געשלעכטס־פערקער אין די הענד פון דעם באָרדעל־האלטער. די פראסטיטוטקעס אין די באָרדעלען פאר סאלדאטען און פאר דעם ארימען פאלק פירען דאס עלענדסטע לעבען. אזוינע הייזער האלטען נאר דעם בראך, די „אויסשוס־ווארע“, ד.ה. אלטע, אויסגעדינטע הורען; עס איז דאכט זיך ניט פאראן א טרויריגער בילד ווי צ. ב. א באָרדעל פאר סאלדאטען אין אלזשיריע.

פון א ביסעל א העכערען ראנג זענען די קלענערע פראסטיטו־ציאנס־פלעצער, ווי די שוין דערמאנטע פריזיר־שעפער, געוויסע

גאסט־הייזער און ענליכע געשעפטען. וואס איז שייך צו אנשטעקונגס־געפאר, דארף מען זי שטארק ניט זוכען, אבער די מיידלעך אין די פלעצער זענען ווענינער אבהענגיג, קאנען זיך לייכטער בעפרייען און זייער לעבען איז דעריבער אביסעל מעהר מענשליך. טאקע דערפאר וואס אזויגע פלעצער ווערען ניט בעוואכט פון געזעץ, קאנען זייערע אויפהאלטערס און בעשיצערס ניט האבען דיזעלביגע אוטאקראטי־שע מאכט און אזוי טעראריזירען די פראסטיטוטקעס ווי אין די שטאאטס־באָרדעלען.

כמעט אויף דעמזעלבינען שטאפעל שטעהען די פרייע גאסען־פרויען. זיי זענען ניט אבהענגיג פון באָרדעל־האלטערס, נאר פון זייערע בעשיצערס און פון די מענשען ביי וועלכע זיי וואוינען, וועלכע פערגרינגערען אביסעל זייער לעבען. זיי ווערען טיף געזונקענע ברואים דורך דער פאליציי־איינשרייבונג, דורך די מעדיצינישע צוואנגס־וויזיטען און דורך דעם שענדליכען סיסטעם צו זוכען די קונדען אויף דער גאס. מען דארף שוין האבען פערלוירען כמעט יעדען פונק פון בושה און האבען א געוואלדיגע ציניזשע פרעכקייט, כדי צו ווערען א גאסען־פראסטיטוטקע.

אויף נאך א העכערען שטאפעל שטעהען די פראסטיטוטקעס וואס שעמען זיך, יענע וועלכע פערקויפען זיך וועןניט־ווען דורך עפעס א רעקאמענדאציע און וועלכע האבען ניט דעם מוט צו געהען אויף דער גאס און זיך מעלדען אין דער פאליציי. אבער אין יענע לענדער, וואו עס איז איינגעפירט די רעגולירונג, זענען זיי אלעמאל אין דער געפאר צו ווערען ארעסטירט און צו ווערען אראבגענידערט צו דעם שטאפעל פון די גאסען־פראסטיטוטקעס. די דאזיגע שעמעדיגע פריוואטע פראס־טיטוטקעס זענען דער איבערגאנג פון דער אייגענטליכער פראסטיטוציע צו דעם שטאנד פון די לארעטקעס און מעטרעסען, מכח וועלכען מיר וועלען רעדען שפעטער.

הגב אורחה, דאס דערשטיקטע געפיהל פון בושה און כבוד ביי די פראסטיטוטקעס, גיט פון ארויס זונדערבארע פירות. דורך פראקטיק און ערציהונג האט זיך דא ענטוויקעלט א שלחן־ערוך פון די זונדער־בארסטע מאניערען און כבודים. צ. ב. א פראסטיטוטקע אין א באָרדעל פיהלט זיך געוועלטיך זעהר געריהרט אין איהר „כבוד“, אויב איהר קליענט וויל זיך אנטון א קאנדאם אדער אויב מען וויל זי אונטערזוכען.

א באַרדעל־האַלטעריִן איז געוואָרען ערשטווינט הערענדיג ווי א פרוי האָט זיך גע'גט מיט איהר מאַן צוליב זיין סעקסועלער אינפּאָטענץ און אַנעסטהעזיע, א. דגל. דער מענש מוז פאר זיינע נאַטור־געפיהלען אַלעמאָל האָבען וואָסערע ס'איז אָביעקטען, מעגען זיי זיין ווי פערדרעהט און פערקרומט.

מיר האָבען ערשט געזאָגט, אַז די אָרמעע פון פּראָסטיטוטקעס איז צונויפגעשטעלט טיילווייז פון פּאַטהאָלאָגישע אינדיווידועֶן. שכרות און אויסגעלאָסענע געוואוינהייטען פערשטאַרקען די דאָזיגע פּאַטהאָלאָגישע שטריכען אַלץ מעהר און מעהר, אַזוי, אַז אין דער בענעמונג פון די פּראָסטיטוטקעס פעהלען ניט קיין נאַרישע קאַפּריזען, פעהלט ניט דער ספּעציפישער טאָן, דער כעס, די אימפּולסיוויטעט, דער ציניזם און די פרעכקייט. לעבעדיגע אילוסטראַציעס פון די דאָזיגע בענעמונגען גיבען אונז די שפּיטעלער פאר ווענערישע קראַנקהייטען. אַזוי גיך ווי דער באַרדעל־פּראָסטיטוטקע הויבט אָן גהען בעסער אין איהר געזונד, וועקט אויף די סעקסועלע אָבסטינענץ, ד. ה. די צוריקגעהאַלטענקייט פון געשלעכטס־פערקער, איהר געשלעכטס־טריב ביז צו אַזא שטאַפּעל, אַז ניט זעלטען פּראַקטיצירט זי די לעסבישע ליבע מיט איהרע מיט־קראַנקע, אָדער שטעלט זיך אַוועק א נאַקעטע ביים פענסטער כדי צו רייצען די מענער; זי ווערט ציניש און גראָב און איז אפילו גרייט צו שלאָגען די פלעגערינס, א. אז. וו. די פלעגערינס פון די דאָזיגע שפּיטאָל־אַבטיילונגען ווערען אָפטמאָל פערצווייפעלט דערפון. טייל פּראָסטיטוטקעס, וועלכע האָבען געהאַט א בעסערע ערציהונג, ליידען די ערשטע צייט זעהר פיל פון דעם דאָזיגען באַרדעל־טאָן; זיי ווערען אָבער סוף כל סוף צו איהם צוגעוואוינט און טוּן שפּעטער דאָס אייגענע. פרויען, ניט קיין פּראָסטיטוטקעס, וועלכע זענען צופעליג געוואָרען אַנגעשטעקט, האָבען די שרעקליכסטע אָבקומעניִשען, אַז אמת'ע מאַרטירעריי, ווען זיי ווערען געהאַלטען אין די דאָזיגע אָבטיילונגען פון א שפּיטאָל.

דער מזל פון דער פּראָסטיטוטקע. — מיט וואָס ענדיגט זיך דאָס לעבען פון די פּראָסטיטוטקעס ? אין די באַרדעלען קאָנען זיי ניט פערבלייבען זעהר לאַנג, מחמת אין זיי, בפרט נאָך אין די אַריסטאָקראַטישע לופּאַנאַרעס, ווערען געהאַלטען נאָר יונגע, בליהענדע און שעהנע מיידלעך. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגען

דעם מזל פון די דאזיגע מיידלעך. יעדענפאלס איז קיין שום זאך ניט נארישער איידער די בעקענטע טענה, אז די אבשאפונג פון די בארדע־לען פערשטארקט די גאסען־פראסטיטוציע אדער, פערקערט, אז די איינפירונג פון בארדעלען שאפט אב די גאסען־פראסטיטוציע. עס איז דאך א קלארער חשבון, אז אזוי ווי די פרויען פון א בארדעל מוזען נויטיגערווייז כסדר ווערען איבערגעביטען, מוזען דעריבער די אלטע כסדר ווערען ארויסגעווארפען אויף דער גאס. זעהר א סך שטארבען יונג פון שכרות, סיפילים א. אז. וו. פאר א סך אנדערע אבער בלייבט קיין שום זאך ניט איבער, ווי נאר צו ווערען גאסען־פראסטיטוטקעס אדער אנצוקומען אין ביליגערע בארדעלען און עגליבע קנייפעס. די קלוגערע, יענע וואס קוקען אויף זייער פראפעסיע פון אן ארטיסטישען און אינדוסטריעלען שטאנדפונקט, ד. ה. יענע וואס זענען מעהר ביטרע, ווייסען ווי אזוי זיך ביסלעכווייז ארויסצוארבייטען און ווערען אליין „מאדאמען": אבער דאס זענען בלויז זעלטענע פריווילעגירטע. טייל בעגעהען זעלבסטמארד אדער זייער לעבען ענדיגט זיך אין משוגעים־הויז. סוף כל סוף, דעמאלט ווען קיין מאן וויל זיי ניט מעהר, נעהמען זיך די מייסטע פון זיי צו די ערגסטע און שמוציגסטע ארבייטען. זיי רייניגען אבטרעטען, ווערען גאסען־הענדלערקעס, ווארזאגערינס, כל חמיגים מכשפות, וועלכע מיר קאנען דא אלע ניט אויסרעכענען, צו וואס זיי פאסען זיך צו ווערדליג זייער כאראקטער און טעמפעראמענט. אין מינכען איז פריהער ארומגעגאנגען א שפריכווארט, אז צווישען די אזוי־גערופענע „ראדיווייבער" און „נוס־ווייבער" (אלטע פרויען וועל־כע זיצען אין די ווינקלען פון די גאסען און פערקויפען רעטיכער אדער ניס) געפינען זיך א סך געוועזענע פראסטיטוטקעס. ווען־ניט־ווען גע־לינגט א קלוגערער אין אביסעל א בעסערער פראסטיטוטקע צו הייר־ראטען.

אויב מיר בעטראכטען אהן פארורטיילען דאס עלענדע לעבען פון א פראסטיטוטקע, קאנען מיר אהן א נעפיהל פון וועהטאג ניט הערען דאס ווארט „לוסטיגע מיידלעך", מחמת אין דעם דאזיגען ווארט ליגט א טראגישע און ביטערע איראניע, וועלכע דארף איטליכען מאן, וואס בענוצט זיך מיט דער פראסטיטוציע, רויט מאכען זיין פנים פאר בושה. ווען מיר גופא וואלטען געקאנט מיטפיהלען דעם וועהטאג, וועל־כער איז בעהאלטען הינטער דעם לאכען און זינגען פון א סך קאבא־

רעט־מיידלעך, און הינטער די אונפערשעמטע קונסט־שטיק פון א סך פראסטיטוטקעס: ווען מיר וואלטען זיך געקאנט פארשטעלען זייער פערגאנגענע לעבען און די אורזאך פון זייער געפאלענקייט, דעמאלט וואלט קיינער מיט א פונק פון רחמנות פאר זיינע מיטמענשען, ניט געקאנט געניסען אט די „פרייד“ מיט אזא לייכט געוויסען..

די פראסטיטוציע און די סעסועלע פערווערזיעס. — אויב עס איז אמת, אז א סך פראסטיטוטקעס זענען פאטהאלאגישע נאטורען, בעווייזט דאס נאך מעהר דעם צווייטען אמת, אז א גרויסער טייל פון זיי מוזען בעפרידיגען די פאדערונגען פון פאטהאלאגישע קליענטען. די צאלרייכע סעקסועלע אבנארמאליטעטען, מכח וועלכע מיר האבען גערעדט אין קאפיטעל 8, זענען ענג פערבונדען מיט דער פראסטיטוציע. די ראפינירטקייט פון דער מאדערנער ציוויליזאציע פערזאגט אויך דעם דאזיגען פרט, און זי האט פאר יעדער פאטהאלאגישער פארם פון געשלעכטס־טריב, בעזונדערע בארדעלען, אדער לפחות פאר איטליכער פארם, בעזונדערס פאר איהר אויסגעלערענטע פראסטיטוטקעס.

ביז איצט אבער האבען מיר נאר גערעדט מכח פראסיטואירטע פרויען. מיר ווייסען, אז זיי ווערען אויך אבגעריכט פאר די מאזאכיסטען, סאדיסטען א. אז. וו. זיי מוזען שלאגען די מאזאכיסטען, און מוזען זיך לאזען שלאגען פון די סאדיסטען; אדער זיי מוזען פארביידע אויפשפילען סימבאלישע סצענעס פון גרויזאמקייט אדער פערקנעכטונג.

פאר די האמא־סעקסועלע מענער זענען אבער פאראן בעזונדערע מענער־בארדעלען וואו יונגע איינגלעך פראקטיצירען די פעדעראסטיע פאר געלד. אויך קינדער פון ביידע געשלעכטער ווערען דארט געהאלטען פאר ראפינירטע בעלי־תאוות און פאר אזוינע וואס האבען נאר א נייגונג צו קינדער. (פעדעראזים). די לעצטע סחורה איז אבער זעהר א טייערע, מחמת צוליב איהר קומט מען אין קאנפליקט מיט דעם געזעץ. פאר יונגע בתולות ווערען אויך געצאלט זעהר הויכע פרייזען; מען געהט אזוי ווייט, אז מען פערנעהט צוריק איהר הימען (בתולים־הייטעל), כדי זיי פאר הויכע פרייזען עטליכע מאל צו געבען אלס בתולות.

צוזאמען מיט דעם וואס מיר האבען געזאגט אין קאפיטעל 8. דארפען די דאזיגע פאקטען זיין גענוג צו ווייזען, אז די גאנצע מא־דערנע פראסטיטוציע און די באָרדעלען, דער יסוד פון וועלכע עס זענען די אינטענסיווע און קאמערציאליזירטע פאליאנדריע און פא־ליגאמיע, זענען גיט קיין אנדערע זאך ווי די טיפסטע שאנד פון דער מאדערנער ציוויליזאציע, בכדי אויסצונוצען די מענליכע סעק־סועלע ליידענשאפט אין דעם נאמען פון דעם גאט מאמאן. די דא־זיגע שאנד ווערט פארטיידיגט מיט דעם, תרוץ פון היגיענע, און בכדי צו פערהיטען אנשטענדיגע פרויען קענען די געוואלט־טאטען פון די מענער א אז. וו. אבער באמת האט מען מיט איהר הילף די מענער געמאכט ווייביש און קארופטירט; מען האט דערשטיקט דעם נ א ר מ א ל ע ן געשלעכטס־פערקער אין דער יוגענד, וועלכער איז פערבונדען מיט דער רייגער ליבע, מען האט פערדארבען די ליבע גופא; א גרויסע צאל פון אנשטענדיגע און פעהיגע פרויען האט מען גיט געלאזט הייראטען, אוועקגעריסען פון דער ליבע און דעם גע־שלעכטס־פערקער בכלל און דאס גאנצע געשלעכטס־לעבען פון אונזער מאדערנער געזעלשאפט האט מען פערקרימט און פערפירט אויף ווים־טע וועגען. אהן דעם געלד און אהן דעם אלקאהאל וואלט פון דער אייגענטליכער, דאס הייסט פון דער געוועגליכער ברוטאלער און גרא־בער פראסטיטוציע גארניט אדער כמעט גארניט פערבליבען.

די מאדערנע ליטעראטור האט זיך ביז א געוויסען שטאפעל פערנומען מיט דער פסיכאלאגיע פון דער פראסטיטוציע. מיר האבען שוין דערמאנט "**La Maison Tellier**" פון גיו דע מאפאססאן. עמיל זאלא'ס '**Nana**' איז אן אריסטאקראטישע פראסטיטוט־קע, וועמעס לעבענס־געשיכטע ווערט דערצעלט אין דער בעקאנטער שארפער און שטרענג רעאליסטישער פארם פון דעם בערימטען קינ־סטלער. אין דעם בוך מאלט זאלא מיט די קלארסטע פארבען די סעק־סועלע פערדארבענקייט אין געוויסע פאריזער קרייזען בעת דער צייט פון דעם צווייטען קייזערייך.

מיר ווילען נאך זאגען א פאר ווערטער אין שייכות צו דער בעוועג־גונג געגען דער סאציאלער שאנד פון א שטאאטליך רעגולירטער פראס־טיטוציע, וועלכע מען רופט אבאליציאניזם.

אבאליציאניזם און רעגולאציע. — מרס. דזשאזעפין באטלער, א מוטיגע און פעהיגע ענגלישע פרוי, זעהענדיג די שרעקליכע צו־שטענדען, וועלכע מיר האבען דא בעשריבען, האט אין נאמען פון גערעכטיגקייט און פרייהייט פאר פרויען, בעשאפען א בעוועגונג גע־גען די באָרדעלען, ווייסע שקלאפעריי און געגען דער שטאאטליכער דולדונג און רעגולירונג פון דער פראסטיטוציע. זי האט אויך אטאקירט די געוואלדיגע אונגערעכטיגקייט פון די נאפאלעאנישע געזעצען קע־גען פרויען, בעזונדערס דעם פערבאט אנצוקלאגען די פאטערשאפט, א פערבאט וועלכער טרייבט די ארימע פערפירטע מיידלעך אין די ארימס פון דער פראסטיטוציע. די אבאליציאניסטען טענה'ען אז די געזעלשאפט האט ניט קיין רעכט צו צווינגען די פראסטיטוטקעס זיך איינצושרייבען אין דער פאליציי; זיך צו לאזען אונטערזוכען ביי דאק־טוירים, זיי צו שטעלען אונטער א פאליציישקער אויפזיכט, אדער גאר אריינצוזעצען אין באָרדעלען. זיי פערלאנגען שטרענגע געזעצען קע־גען דער באָרדעל־אינסטיטוציע און זיי בעקעמפען די דולדונג.

אין די מעדיצינישע קרייזען איז מען געווען קעגען דעם דאָ־זיגען שטאנדפונקט: זיי האבען גע'טענה'עט, אז די געזעלשאפט האט אן אבסאלוט רעכט זיך צו בעשיצען קעגען געפערליכע אנשטעקענ־דיגע קראנקהייטען, און פונקט ווי זי האט א רעכט צו אינטערנירען אין איזאלירונגס־לאזארעטען צ. ב. פאקען־קראנקע, כאלערא־קראנקע, האט זי לאגישערוויז אויך דאס רעכט זיך צו שיצען קעגען אנגעשטעק־טע פראסטיטוטקעס און זיי צו צווינגען זיך צו לאזען בעהאנדלען. זיי האבען גע'טענה'עט, אז די פראסטיטוטקעס האבען סיי ווי סיי אנגעוואוירען אלע רעכטען אויף ספעציעלע ערלויבנישען צוליב זייער שענדליכער פראפעסיע.

אז מען בעטראכט די דאזיגע ארגומענטען אויבערפלעכליך, שיי־נען זיי צו זיין שכל'דיג; זיי קריגען אבער א גאנץ אנדער פנים ווען מען שטודירט די פאקטען טיפער.

קודם כל איז דער פערגלייך מיט פאקען און כאלערא א פאל־שער, מחמת די דאזיגע קראנקהייטען שטעלען אין געפאר א מאסע מענשען וועלכע זענען אונשולדיג און ריכטען זיך אויף גארנים, בעת יענער מענש, וועלכער בענוצט זיך מיט דער פראסטיטוציע, טוט דאס מיט דעם פולען בעוואוסטזיין מכח דער שאנד פון דער דאזיגער איג־

סטיטוציע און ער ווייסט וואסערע געפאר ער נעהמט אויף זיך. עס איז ווירקליך שווער איינצוזעהען, פארוואס די געזעלשאפט דארף אויף זיך טראגען דעם חוב, די דאן זשואנס און ענליכע לעבע־מענשען צו בעזארגען מיט שעהנע און געזונדע פראסטיטוטקעס און פאר זיי צו מאכען אונגעפערליך זייערע סעקסועלע עקסצעסען. מען ברענגט אבער דא באלד ארויס דעם ארגומענט, אז אונשולדיגע פרויען ווערען אפטמאל אנגעשטעקט און זיי מוזען ליידען די זינד פון זייערע מענער. אבער אזא טיף זיך אריינמישען פון דעם שטאאט אין דעם פאמיליען־לעבען, וואס דאס וואלט געווען די פעולה פון אזא שטאנדפונקט, קאן ניט צוגעלאזט ווערען, מחמת דאס וואלט געפירט צו די ערנסטע מיסברויכען. די געזעלשאפט האט ניט דאס רעכט און ניט די פליכט צו פערגרינגערען און צו מאכען ווענינער געפערליך די געפערליכע, איינגעשטעלטע אין ביזווייליגע האנדלונגען פון געוויסע יחידים, בכדי דער דריטער צד זאל זיין אין א קלענערער סכנה;דאס איז דער ריינסטער סאפיזם. די פליכט פון דער געזעלשאפט איז פשוט צו האלטען פעראנטווארטליך יענע וואס זענען בעגאנגען די געפערליכע אדער שעדליכע טאט און זיי בעשטראפען דעמאלט, ווען זיי מאכען אן א שאדען. דא, אדרבה, צווינגט מען איין צד פון די בעלי־עבירות (די פראסטיטוטקעס) ריכטיג ערשט זיך צו פערנעהמען מיט זיין האנדעל, בעת דער אנדערער צד (די מענער) איז פריי פון יעדער פעראנטווארטליכקייט. ווייטער דארף דער שטאאט זיך ניט אריינמישען אין דעם לעבען פון איינצעלנע מענשען מיט דעם תרוץ, אז זייערע אבזיכטען אדער האנדלונגען קאנען אפשר שפעטער זיין געפערליך פאר אנדערע: דאס עפענט טיר און טויער פאר יעדער ביזוויליגקייט און פאר יעדען מיסברויך פון מאכט.

די איינציגע אויסנאהם זענען נאר די משוגעים און זייערע נאהענסטע קרובים, די פערביסענע, איינגעפונדעוועטע פערברעכערס, מחמת דא איז די קרענקליכע אדער אבנארמאלע ארגאניזאציע פון דעם איינצעלנעם'ס געהירן א שטענדיגע געפאר פאר דער געזעלשאפט, ווען מען קאן ניט האלטען פעראנטווארטליך.

אבער דא הויבט זיך אויף די פראגע: אויב די פראסטיטוציע אלס אזוינע, ד. ה. דער פערקויף פון דעם אייגענעם לייב פאר א סעקסועלען צוועק, דארף בעטראכט ווערען אלס א שלעכטע אויפפירונג פאר וועל־

בער דאס געזעץ דארף בעשטראפען? אויב יא, וואלטען געמוזט ניט בלויז די פראסטיטוטקעס אליין, נאר אויך זייערע קליענטען, די מע־נער, ה׳ערזי בעשטראפט אדער ווערען פערשיקט אין א פערבעסערונגס־אנשטאלט. דאס וואלט געווען די גערעכטע, פשוט׳ע און קלארע לאגיק. אבער ווי אזוי קאן מען געבען גערעכט דעמאלט, ווען אנשטאט דעם שטעמפעלט מען מיט א פאליציישקען בילעט בלויז די פראסטיטוטקעס אליין; ווען איהר שענדליכע פראפעסיע ווערט ניט בלויז טאלערירט, נאר אפיציעל ארגאניזירט, דערמיט טרייבענדיג זי אלץ טיפער און טיפער אין זומפ, ועל־כולם, ווען זייערע אויסזויגערס, די בארדעל־האלטערס. ווערען געזעצליך סאנקציאנירט? דאס דאזיגע סיסטעם האלט זיך נאר אויף דער בלויזער היפאקריטסטווע און אויף די טיפסטע ווידערשפרוכען.

פארצייטענס ווען די שקלאפעריי איז געהאלטען געווארען פאר א גוטער מדה, איז דער בלויזער ווילען און דער געגנוס פון די מענער געווען גענוג מיט וואס צו רעכטפערטיגען אלע מיטלען, וועלכע האָ־בען בעשאפען פאר זייער פערגעניגען ווענען א קלאס פון פערשטויסענע פרויען. היינט - צוטאג, צוליב דער אפיציעל אנערקענטער גלייכבערעכטיגונג פון אלע מענשען, ווערט דאס מעהר ניט ערלויבט אין די ציוויליזירטע לענדער. נאר היגיענישע ארגומענטען קאנען געבען א כלומרשט׳ען הכשר אט אזוינע מאדערניזירטע בארבא־רישע מדות

משוגעים און פערברעכערס פערשפארט מען אויס נויט, אדער מען וויל זיי ווי וויט מעגליך פערבעסערען: מען דערלאזט אבער ניט, אז זייערע לייבער זאלען ווערען א רויב און א סחורה פאר דעם געגנוס פון אנדערע מענשען, אין די הענד פון דריטע (די בארדעל־האלטערס).

אבער יענער כלומרשט׳ער הכשר אין נאמען פון היגיענע, שטאאט־ליך צו רעגולירען די פראסטיטוציע און די בארדעלען ווערט אין גאנ־צען בטל ווען מען נעהמט אין בעטראכט די רעזולטאטען פון ערליך פערטייטשטע סטאטיסטישע ציפערן. מען וויל הייסט עס, די מענער פערזארגען מיט און אונגעפערליכען געשלעכטס־פערקער. פאקטיש אבער ווערען די וועגערישע קראנקהייטען בשום אופן ערפאלגרייך ניט בע־קעמפט אדער אפילו קענטיג פערמינדערט דורך דעם גאנצען סיסטעם פון רעגולאציע. די פאלשע זיכערקייט וועלכע מען גיט די מענער, מאכט

זיי ווייניגער פארזיכטיג; די פערמעהרונג פון דעם געשלעכטס-פערקער, וועלכע מיר האבען אויבען דערקלערט, פערגרעסערט די געפאר צו ווערען אנגעשטעקט לכל הפחות אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זי ווערט פערקלענערט פון דער אבזונדערונג פון עטליכע שווער־קראנקע פראס־טיטוטקעס דורך דעם דאקטאר. די קארופציע פון דעם שטאאט און זיינע בעאמטער, פון דער פאליציי מיט די בארדעל־דאקטוירים בפרט, און פון דער עפענטליכער מאראל און זיטען בכלל, אלס א פעולה פון אזא שענדליכער אינסטיטוציע, פערשטארט די פראסטיטוציאנס־גע־וואוינהייטען און צוזאמען מיט זיי די געפאר צו ווערען אנגעשטעקט. א חוץ דעם פערגרעסערט די פרעכקייט פון די בארדעלניקעס און זייערע קארעטען און משרתים די צאל פון די פראסטיטוטקעס; בעת פון דער צווייטער זייט, צוליב דער מורא פאר דער פאליציי, דרעהט זיך ארוים א גרויסע צאל פון פראסטיטוטקעס פון געזעץ און טרייבען אן זייער פראפעסיע אין געהיים. בקצור, דער זומפ ווערט וואס אמאל טיפער און גרעסער אבער בשום אופן ניט היגיענישער. דאס ווערט קלאר און שארף בעוויזען ווען מען פערגלייכט די צאל פון ווענערישע קראנקהייטען אין לענדער וועלכע זענען בעגליקט מיט דער רעגו־לאציע, מיט דער צאל אין יענע לענדער וועלכע האבען ניט קיין רע־גולאציע.

בכלל איז די צאל פון אנשטעקונגען כמעט די אייגענע מיט אדער אהן דער רעגולאציע און א חוץ דעם איז זי אבהענגיג פון א סך אנ־דערע אומשטענדען. עס וואלט אונז צו ווייט אוועקגעפירט זיך דא צו פערנעהמען מיט דעם ענין באריכות . דעריבער וויין איך אן דעם לעזער אויף די שריפטען און טאבעלען פון דער אבאליציאניסטישער פעדעראַ־ציע אין גענף. אמקלארסטען איבערצייגענדיג שיינט מיר איז די מיים־טערהאפטע און אונפארטייאישע סטאטיסטיק פון מוניער (אין האלאנד 1889).אפילו צווישען די דאקטוירים פערנעהמט דער אבאליציאניס־טישער שטאנדפונקט אלץ מעהר און מעהר פלאץ.

אבער די אבשאפונג פון דער רעגולאציע וועט ניט לעזען די פרא־גע פון דער פראסטיטוציע בכלל. די דאזיגע בעצם נעגאטיווע האנדלונ־גען זענען אמת נענוג פאר דער קאמף־טאקטיק פון דער אבאליציאניס־טישער בעוועגונג, אבער זיי טויגען בשום אופן ניט פאר דער העכערער אויפגאבע, פאר דער אבשאפונג פון די סאמע יסודות פון דעם איבעל.

אויב עס געלינגט מבטל צו זיין דעם אבמאך צווישען דעם שטאאט און דעם שענדליכען באָרדעל־האנדעל און דער פראסטיטוציע, הויבט זיך ערשט דעמאלט אן די פאזיטיווע ארבייט.

אין די קומענדיגע קאפיטלען וועט זיין אונזער צוועק קלאר צו מאכען וואסערע רפואות וועלען קאנען העלפען אונזער היינטיגער סעק־סועלער געזונקענקייט, און דעריבער וועלען מיר דא די דאזיגע פראגע איבערלאזען. מיר מוזען אבער שוין דא אויפמערקזאם מאכען די פער־טייטיגער פון דער רעגולירונג פו דער פראסטיטוציע אויף געוויסע פונקטען, פון דעם מעדיצינישען און היגיענישען שטאנדפונקט. זיי שרייען געוואלט, אז די אבאליציאניסטען זענען פאנטאזיארען און פאנאטיקער, וועלכע וועלען דורך זייער אונגעוויסענשאפטליכקייט אונזער געזעלשאפט פערפלייצען מיט א נייעם מבול פון וועגערישע קראנק־הייטען. אז די דאזיגע סטראשידלע איז געבויט אויף זאמד, האבען מיר שוין געוויזען. קיינמאל ניט און אין ערגיץ ניט קאן די שטאאטליכע רעגולירונג און קאנצעסיאנירונג פון דעם קויפען און פערקויפען פון פרויען, בעקעמפען אדער פערמינדערען די וועגערישע קראנקהייטען. די פערגרעסערונג פון אן אוננאטירליכער אויסגעלאסענקייט מיט דער הילף פון דעם שטאאט קאן ניט זיין היגיעניש. א חוץ דעם האבען מיר דאך געזעהען, ווי ניט זיכער און אפילו ווי ניט דורכפירבאר עס איז א גרינדליכע דעזינפעקציע פון די פראס־טיטוטקעס, א דעזינפעקציע וועלכע פערפעהלט איהר צוועק אהן א גלייכצייטיגער דעזינפעקציע אדער אבזונדערונג פון די קליענטען וועל־כע שטעקען זיי אן. פאקטיש זעהען מיר גראד אין פראנקרייך, וואו דאס סיסטעם איז איינגעפירט געווארען אמפריהסטען און אמשטרענגסטען, די וועגערישע קראנקהייטען אממייסטען פערשפרייט, בעת אין דער שווייץ, דארט וואו די רעגולאציע עקזיסטירט נאך איצט נאר אין גענף אליין, נאכדעם ווי מען האט זי מיט עטליכע יאהרען צוריק אויך אב־געשאפט אין גאנצען קאנטאן צוריך, זענען זיי וועניגער פערשפרייט. טראץ די גרויסארטיגע באָרדעלען איז גענף אויך בשום אופן ניט סא־ניטאריש בעסער איידער אנדערע שטעדט אין די שווייץ, און צוריך איז שוין צום צווייטען מאל דורך א געוואלדיגער מאיאריטעט שטימען גע־ווי פאר דעם פריהער שוין דורכגעפירטען פאלקס־איניציאטיוו פאר דער אבשאפונג פון דער שטאאטליכער דולדונג. אין עטליכע אנדערע

שטעדט, צ. ב. אין ביעל, ווערען בארדעלען טאלערירט פון דער שטאדט־רעגירונג, צום טראץ פון געזעץ; זיי ווערען אבער ניט רעגולירט.

נאך א טענה איז געווען, אז דורך דער אבשאפונג פון דער שטאאט־ליכער רעגולאציע וועט זיך פערמעהרען די צאל פון סעקסועלע פער־ברעכענס. אויך די דאזיגע סטראשידלע איז ניט מעהר ווי אן אילוזיע. אלע אדער כמעט אלע סעקסועלע פערברעכענס זענען די פאלגען פון גייסטיגע אבנארמאליטעטען (זעה קאפיטעל 8) אדער פון שכרות, און אן ארגאניזירטע פראסטיטוציע איז זיכער ניט קיין רפואה צו דער דאזינער מכה. די פאקטען בעווייזען, אז אויך די דאזיגע טענה פון די רעגולירונגס־אנהענגער איז א ליגען.

די הילפס-מיטלען. — קודם כל זאלען געמאכט ווערען שטרענגע געזעצע געגען דעם בארדעל־האנדעל. צו זיין א בארדעל־האלטער איז א פערברעכען: עס איז אהן ספק א שווער פערברעכען צו האנדלען מיט דעם לייב פון אנדערע מענשען, אפילו דעמאלט ווען די לעצטע זענען מסכים דערצו. עס איז א פערברעכען, וועלכעס זאל פערפאלגט און בעשטראפט ווערען פונקט ווי דער שקלאפען - האנדעל אדער די וואוכערייע. מיר זאלען ניטווארטען ביז די קלאגע וועט אויפגעהויבען ווערען. מחמת דער קרבן גופא פון די בארדעל־האלטערס זוכט אויס בושה אפטמאל צו האלטען די זאך בסוד. דער שטאאט אליין זאל אויף זיין אייגענע ערבות פערפאלגען די בארדעל־פראפעסיע, פונקט ווי ער פערפאלגט א פערברעכען קעגען זיטליכקייט, שקלאפענהאלטעריי, וואר־בעריי א. אז. וו. דער בארדעל־האלטער און דער בעשיצער געהערט צו די ערגסטע אויסוואורפען פון דער מענשהייט, פונקט ווי איבעראל, געפינען מיר אויך דא מילדערע פארמען פון פערברעכענס, וועלכע דאס געזעץ וועט מוזען מילדער בעהאנדלען. מיר ווילען גארניט איבערטרייי־בען און אויך אין דעם דאזיגען געביט ניט בעטראכטען דאס שטראפ־רעכט אלס א נוקם און די שטראף אלס אן אבקומעניש; ניין, דאס ערשטע דארף זיין א שוצמיטעל פון דער געזעלשאפט, בעת דאס צוויי־טע א מיטעל אויסצובעסערען די פערברעכערס.

וואס ס'איז שייך דער פראסטיטוציע אליין, איז ניט מעגליך זי צו האלטען פאר א פערברעכען, אהן דערביי ניט צו עפענען טיר און טויער פאר דער ערגסטער דעספאטיע. דער שטאאט קאן ניט

פערוועהרען א פערוואקסענעם און פעראנטווארטליכען מענש צו טון מיט זיין קערפער וואס ער וויל, אהן דערביי ניט צו נעהמען אויף זיך די ראָלע צו פערטיידיגען די געטליכקייט, און אהן דערביי צוריק ניט אריינצוברענגען די מעטאפיזיק — די רעליגיע — אין דער געזעצגעבונג. ער קאן אבער פערלאנגען, אז דער מאן אדער די פרוי, וועלכע פראסטיטואירען זיך, זאלען ניט זיין א שטערונג פאר דער עפענטליכקייט און פאר זייטיגע מענשען, און דעריבער האט ער דאס רעכט די גאסען־פראסטיטוציע, ד. ה. די עפענטליכע סעקסועלע פראוואקאציע פון ביידע געשלעכטער, צו בעשטראפען מיט געלד אדער קליינע געפענגניס־שטראפען. און ווען דאס פערברעכען ווערט אפטמאל בעגאנגען, אויך מיט צוואנגס־ארבייט. ווייטער קאן ער די ווענעריש קראנקע פון ביידע געשלעכטער געבען דאס רעכט מיט דער הילף פון דעם ציוויל־געזעץ צו פאדערען שאדען־געלד פון יענע וועלכע האבען זיי אנגעשטעקט. דאס לעצטע רעכט ווערט זעהר א סך בעקעמפט. נאך מיין מיינונג דארף אזא רעכט יא עקזיסטירען, אזוי באלד ווי דער שטאאט מישט זיך מעהר ניט ד. ה. טאלערירט און רעגולירט מעהר ניט די פראסטיטוציע. כל זמן דער שטאאט צווינגט די פראסטיטוטקעס זיך אונטערצוווארפען צו א מעדיצינישער אונטערזוכונג און בעהאנדלונג, נעהמט ער אויף זיך די פעראנטווארטליכקייט פאר זייער געזונדצושטאנד. היינט, דעריבער, אויב אן אנגעשטעקטער פערקלאגט, פאר שאדען־געלד, דארף ער לאגישערוייז פערקלאגען דעם שטאאט און ניט די פראסטיטוטקע, אדער, אויב ניט דעם שטאאט גופא, דארף ער פערקלאגען דעם קאנצעסיאנירטען בארדעל־האלטער. אבער גאנץ אנדערש איז מכח דער פעראנטווארטליכקייט בעת די פראסטיטוציע איז א פרייע. דער פערקער פון א פראסטיטוטקע מיט איהר קליענט איז אזוי־צוזאגען א פריוואט אבמאך לויט וועלכען ביידע צדדים האבען דיזעלביגע פליכטען און רעכטען; דעריבער, אין פאל פון א שאדען, זאל דער בעשעדיגטער האבען דאס רעכט דעם אנדערען צו פערקלאגען, אויב ער האט גענוג בעווייזע מיט וועלכע ער קאן איבערצייגען די ריכטיגקייט פון זיין טענה. אויב דאס פלייש וועלכעס איך האב געקויפט ביים קצב איז אלט אדער עס קומט פון א קראנקער בהמה, און איך ווער דערפון קראנק, דעמאלט האב איך א פולשטענדיג רעכט צו פערקלאגען דעם קצב; פערקערט אבער, אויב דאס פלייש איז פריש און גע־

זונד, און איך בעצאל דעם קצב מיט פאלש געלד אדער ער האט פון מיר עפעס אן אנדערען שאדען, דעמאלט האט ער פונקט דאסזעלביגע רעכט מיך צו פערקלאגען

די דאזיגע מיטלען זענען אבער ניט די עיקר־זאך. כדי ערפאלג־רייך צו בעקעמפען די פראסטיטוציע און די וועגערישע קראנקהייטען, זענען נויטיג טיפע סאציאלע רעפארמען.

ערשטענס מוז בעקעמפט ווערען דאס מאדערנע סיסטעם פון עקספלואטאציע פון ארימע דורך רייכע, די נידעריגע בעלוינונג פאר זייער ארבייט און די סאציאלע ארדנונג מוז גרינדליך איבערגעביטען ווערען.

צווייטענס מוז אבגעשאפט ווערען דער געברויך פון נארקאטישע מיטלען און בעזונדערס פון אלקאהאל.

דריטענס מוז מען אוועקווארפען די פאלשע בושה בנוגע צו דעם נארמאלען געשלעכטס־לעבען.

פיערטענס מוז מען איבעראל בעקענט מאכען מכח די געפארען פון די וועגערישע קראנקהייטען און די מיטלען מיט וועלכע צו פער־מיידען די אנשטעקונג.

פינפטענס מוז מען איבעראל אבהיטען די כללים פון ריינליכקייט, און בעזונדערס אין געשלעכטס־פערקער און.

זעקסטענס מוז די בעהאנדלונג פון וועגערישע קראנקהייטען אין ש-יטעלער צוגעהען אויף אן אנשטענדיגען און מענשליכען אופן, כדי דערביי זאל געשוינט ווערען דאס געפיהל פון בושה בייביידע געשלעכ־טער, בעזונדערס אבער ביי די פרויען, אזוי, אז אנגעשטעקטע, אויב זיי זענען נאר ניט די געזונקענסטע ברואים, זאלען פריהער ניט דאר־פען דורכמאכען אלע שבעה מדורי גיהנום ביז זיי קאנען ביי זיך פועל'ען זיך צו לאזען גרינדליך אונטערזוכען אין א שפיטאל. דערצו איז נויטיג אן ארדנונג און א פארזיכטיגקייט, בעת איצט זענען די אבטיילונגען אין שפיטעלער פאר וועגערישע קראנקהייטען פאקטיש מעהר ענליך צו קליינע בארדעלען איידער צו לאזארעטען. דאס קאן אנדערש ניט זיין, כל זמן די אנגעשטעקטע פראסטיטוטקעס, וועלכע דער שטאאט האט מיט זיין אויפפאסונג אראבגעזונקען ביז צום טיפסטען שטאפעל ווערען דארט אריינגעשפארט ווי א סטאדע פון די סאמע נידעריגסטע אויסווארפען: פאר מענשען מיט א פונק פון בושה

אין זיך ווערען די ראזיגע אבטיילונגען פשוט אן אבקומעניש. עס איז דעריבער זיך ניט דא וואס צו חדש'ען, ווען אונטער אזוינע צושטענדען וועלען בעזונדערס פרויען, און אפילו אנשטענדיגע פראסטיטוטקעס (מחמת אזוינע זענען פאראן) ווי ווייט מעגליך אויסמיידען זיך צו לאזען בעהאנדלען אין שפיטעלער: זיי ווערען דעריבער דער ערגסטער קוואל פון אנשטעקונג. דער דאזיגער וויסטער צושטאנד קאן לייכט אבגעשאפט ווערען דורך אן אנשטענדיגערע און זארגפולערע בעהאנדלונג אין שפיטעלער, בכלל דורך א מעהר מענשליכען און פרייערען זיך פערהאלטען בנוגע צו דער גאנצער פראגע פון געשלעכטס־קראנקהייטען, און דורך א בעסערער אבזונדערונג פון די פאציענטען ווערליג זייער אויפפירונג. דעמאלט וועלען פאציענטען מיט ווענערישע קראנקהייטען א סך לייכטער זיך קאנען אונטערווארפען צו א שפיטאל־בעהאנדלונג, ווי א שטייגער עס טון איצט פאציענטען מיט הויט־קראנקהייטען א. ד.גל., און זיי וועלען א סך לייכטער געהיילט ווערען. געוויסע פארטשריטען אין דער דאזיגער ריכטונג האט מען שוין געמאכט אין איטאליען.

צום סוף וויל איך ארויסזאגען מיין איבערצייגונג, אז געגענווערטיג קאן די פראסטיטוציע בלויז ווערען איינגעהאלטען און קוואליטאטיוו אויסגעבעסערט, אבער זי קאן ניט ווערען אינגאנצען אונטערדריקט: אז נאר די ענדערונג פון דעם סאציאלען לעבען, קודם כל די אבשאפונג פון דעם סיסטעם פון עקספלואטאציע צוזאמען מיט שכרות, קאן און מוז סוף כל סוף אבשאפען די גאנצע פראסטיטוציע. און, אז צוערשט וועט אויף איהר פלאץ זיך ענטוויקלען דאס א סך ווייניגער שלעכטע קאנקובינאט, און אז דערנאך ערשט וועט שטאפעלוויז אנקומען א מענשליכע, פרייע ליבע און היירעט.

4. קאקאטקעס און מעטרעסען (דאס בעצאלטע קאנקובינאט).

די גרופע וועלכע מיר דארפען איצט בעהאנדלען איז ניט זעהר שארף אבגעגרעניצט: זי איז דער איבערגאנג פון דער אייגענטליכער פראסטיטוציע צו די ליבעספערהעלטניסען אויסער דער היירעט, ד. ה. צום קאנקובינאט. דער חלוק צווישען דער פראסטיטוציע און דעם

קאנקובינאט איז דער פאקט וואס בטבע איז די ערשטע א ב ע־צ א ל ט ע „ליבע“, אבער די גרעניצען זענען זעהר ניט קיין דייט־ליכע די אריגינאלען פון די ביז־אהער אויפגעקומענע מינים ליבעס־שפילען זענען מייגסטענס געליפערט און כאראקטעריזירט געווארען פון פאריז.

אין דייטשע לענדער שפילען אין דעם פרט די קעלנערינס א בע־זונדערע און טרויריגע ראלע. אזוי ווי אבער דער דאזיגער פאקט שטעהט אין א נאהענט שייכות צו דעם אלקאהאל־געברויך און צו דעם גאסט־הויז (שענק), דעריבער וועלען מיר די פראגע מכח די ראלע פון די קעלנערקעס איבערלאזען פאר דעם קומענדיגען קאפיטעל.

די בעצאלטע פרויען, פון דעם נידעריגסטען שטאפעל, אבער וועל־כע זענען אייגענטליך ניט קיין רעגולערע פראסטיטוטקעס, קאן מען רו־פען קאקאטקעס (פריהער לארעטקעס). מען קאן זיי קוים אבשיידען פון די שעמעדיגע פראסטיטוטקעס, יענע וועלכע זענען ניט איינגע־שריבען אין דער פאליציי. פונדעסטוועגען קאנען מיר דעם דאזיגען קלאס צוזאמענשטעלען פון יענע פרויען, וועלכע לכל הפחות פערקויפען זיך ניט אויף דער גאס צום ערשטען בעסטען מאן, נאר וועלכע זענען מעהר אדער וועניגער וועהלעריש און האלטען זיך טיילמאל, וועניגס־טענס פאר א קורצער צייט, בלויז אין איין אדער אין עטליכע און דיזעלביגע מענער.

אויף א מאראליש העכערען שטאפעל שטעהען די פריהער בע־קענטע גריזעטקעס אדער די „פטיט פעם“ פון דעם פאריזער סטודענט און עטליכע מענער. דאס צוזאמענלעבען מיט א גריזעטקע קאן מען פערגלייכען מיט אן אבסאלוט פרייער און קורץ־דויערענדיגער הייראט, ביי וועלכער עס הערשט א רעלאטיווע געטריישאפט. די גריזעטקע, פונקט ווי געוויסע פרייע פראסטיטוטקעס, לעבט ניט בלויז אויף דעם געלד פון איהר ליבהאבער. מייגסטענס איז זי דערביי אן ארבייטס־מיידעל, א מאדיסטען, א שניידער־מיידעל אדער א קראם־מיידעל. זי איז פריהער געווען מעהר אדער וועניגער בעשיידען און פשוט, אבער בכדי צו לעבען בעסער און צו האבען מעהר פערגעניגען, האט זי זיך געלאזט אויפהאלטען פון א מאן, מיט וועמען זי האט געוואוינט און געשלאפען און וועמעס בעל־הבת׳ישקייט (א צימער) זי האט געפירט. די דאזיגע פערהעלטניסען בייטען זיך אבער זעהר אפט.

היינט־צוטאג איז זעהר פערשפרייט דאס צוזאמענלעבען אין פארטיג מעבלירטע צימערען; א מאן און זיין „פטיט פעם“ דינגען אב איין צימער אין די אזוי־גערופענע „האטעל־גארנע“ און די דאזיגע האטעלען האבען דעריבער א זעהר צווייפעלהאפטען נאמען. טיילמאל ווערט זייער צוזאמענלעבען אביסעל העכער דערפאר, מחמת דאס פארפאלק לעבט מעהר אינטים און ווייל דאס מיידעל טוט פאר איהר געליבטען אלערליי נויטיגע ארבייטען, קאכט פאר איהם, נעהט א. אז. וו. די דאזיגע בעציהונגען נעהמען שוין אן אן ערענסטערען כאראקטער, און ביי דער גריזעטקע איז אבסאלוט אויך ניט אויסגעשלאסען א געוויסער גראד סימפאטיע אדער אפילו ליבע. דאך פירען זיך די דאזיגע פערהעלטניסען בכלל אזוי, אז די ליבע קאן ניט אננעהמען קיין טיפע ווארצלען; די דאזיגע „הייראטען“, ווי געזאגט, דויערען זעהר א קורצע צייט און אלע פאר וואכען אדער מאנאטען בייטען זיי זיך, אזוי, אז דורך אזא פאליאנדריע ווערען ביסלעכווייז אבגעטעמפט די נאטירליכע ווייבליכע ליבעס־געפיהלען. סוף כל סוף האנדעלט זיך דא שטענדיג מכח א „זייטיגער הכנסה“.

עס זענען פאראן פערשידענערליי קאקאטקעס און גריזעטקעס; אבער זיי לעבען מיינסטענס מיט קליינע סוחרים, סטודענטען, ארבייטער א. דגל. איידער מיט דעם רייכערן קלאס מענשען. עס איז א מין געגענזייטיג איינשטימיגער געשלעכטליכער אבמאך פאר א קורצען משך. דאס דאזיגע סיסטעם איז זעהר פערשפרייט אין די גרעסערע שטעדט, וואו די איינוואוינער קענען זיך ניט און מישען זיך ניט אין יענעמס עסקים. אין קלענערע שטעדט, וואו איינער קען דעם אנדערען, איז אזא צוזאמענלעבען שווער דורכצומאכען.

מעטרעסען. — יענע פרויען וועלכע שטעהען אויף א העכערען שטאפעל פון דעם דאזיגען צוזאמענלעבען, קאן מען רופען מיט דעם נאמען מעטרעסען. דא אבער זעהט זיך שוין קלאר ארוים דער איבערגאנג פון דער פראסטיטוציע צו דעם קאנקובינישען צוזאמענלעבען, וועלכעס איז געבויט אויף ליבע, מחמת א מעטרעסע גיט זיך ניט אלעמאל איבער בלויז צוליב געלד. די העטערען פון די אלטע גריכען (זעה קאפיטעל 6) זענען מעהר אדער ווייניגער געווען ענליך צו די מאדערנע מעטרעסען, בעזונדערס צו די געבילדעטע מעטרעסען פון בערימטע

מענער. דזשארדזשעס סענד צ. ב. איז געווען א מין העטערע, אבער זי איז געווען א העטערע אויס ריינער ליבע, בעת ביי די גריכישע העטערען האט די געלד־פראגע געשפילט א נעוואלדיגע ראלע. עס זעגען פאראן בעצאלטע מעטרעסען; ווייטער זענען דא אזוינע וואס לעבען מיט זייער געליבטען אויף דעם יסוד פון קאמעראדשאפטליכקייט און גלייכהייט; און אפילו אזוינע מעטרעסען וואס האלטען אויס זייער געליבטען. א חוץ דעם מוזען מיר אויך הייגט מאכען א אונטערשיד צווישען מעטרעסען, וועלכע לעבען מיט פערהייראטע מענער און אזוינע וועלכע לעבען מיט ניט־פערהייראטע מענער. דער טיפישסטער פאל איז יענער, וואו א „בעטשעלאר“, וועלענדיג בלייבען פריי, נעהמט זיך א מעטרעסע, וועלכע ווערט אויך די בעל־הבית'טע פון זיין הויז, און אויף דעם אופן איז זי אן אונגעזעצליכע פרוי, וועלכע קאן איהם פערלאזען ווען זי וויל אדער קאן פון איהם ווערען אבגעזאגט ווען ער וויל. טייל פרויען פערבינדען זיך אויף דעם אופן אהן דערפאר צו קריגען וואסערען ס'איז לוין, בלויז פאר זייער דערהאלטונג, פאר וועלכער זיי צאלען ווידער צוריק מיט זייער הויז־ארבייט. דא, אין דעם דאזיגען פאל, פאלט אוועק דער אייגענטליכער פערקויף פון דעם קערפער. דער אבמאך קאן ווערען געמאכט אויף א בעשטימטער אדער אויף אן או„בעשטימטער צייט, בכלל אבער דויערט ער א סך לענגער איידער דאס צוזאמענלעבען מיט גריזעטקעס אדער קאקאטקעס. ביי אזא צוזאמענלעבען איז די ווירקונג פון דעם געלד א בעשיינפערליכער, מחמת די בענעמונג פון דעם מאן אנטקעגען א בעצאלטער מעטרעסע איז א גאנץ אנדערע, ער איז צו איהר מעהר גראב און בעפעהלעריש, איידער אנטקעגען א ניט בעצאלטער מעטרעסע.די ליבע ביי יענע מעטרעסען, וועלכע קריגען פשוט בעצאלט, איז ניט פיל שטארקער און דויערהאפטער איידער די ליבע ביי די גריזעטקעס; די סיטואציע איז כמעט די זעלביגע. עס זענען אויך פאראן פערהייראטע מעטרעסען.

זאלא'ס נ א נ א פראסטיטואירט זיך געוועגליך מיט רייכע מענער. דערביי אבער איז זי פאנטאנ'ס אונטערטעניגע מעטרעסע אדער קאנקובינע, וועלכער שפילט די ראלע פון א בעשיצער און א חוץ דעם פיהלט זי אן אידילישע און אמת'ע ליבע צו דעם קליינעם דזשארדש. דער טעאטער־דירעקטאר באָרדענאוו האט רעכט ווען ער וויל, אז זיין טעאטער זאל מען רופן באָרדעל; און ער אליין איז גי־

כער א בארדעל־האלטער איידער א טעאטער־דירעקטאר. פון דעם דאָזיגען, הגם שוין אביסעל קאנצענטרירטען און צו שטרענגען משל, קאן מען זעהען ווי עלאסטיש און פערפלאכטען די דאָזיגע אלע בעגריפען זענען צווישען זיך.

די פראגע פון מעטרעסען איז א סך מעהר פערוויקעלט און א סך דעליקאטער אין שייכות צו פערהייראטע מענער. אויך דא אינטערעסירען אונז בלויז די בעצאלטע מעטרעסען. אזוינע מעטרעסען געפינען מיר ביי פערהייראטע מענער מיינסטענס נאר דעמאלט, ווען דאס פערהייראטע לעבען האלט אין צופאלען, סיי ווען מאן און ווייב זענען צושיידט, סיי ווען צווישען זיי געהט אן א מחלוקת. אמאל, פערקערט, קאן פערהייראטער מאן, הגם ער לעבט צופרידען מיט זיין פאמיליע, פונדעסטוועגען בסוד אדער אפילו מיט זיין ווייב'ס וויסען בעזוכען בארדעלען אדער פראסטיטוטקעס, מחמת די פראסטיטוטקע קאן ניט האבען קיין דירעקטען איינפלוס אויף די פאמיליען־פערהעלטניסען. מען האט אויך אפילו דעם דאָזיגען טרויריגען ארגומענט בענוצט, כדי צו פערטייטיגען די פראסטיטוציע. עס איז אמת, אז א סך פערהייראטע מענער האבען זעהר אפט געהיימע ליבעס־פערהעלטניסען מיט אנדערע פרויען און דערפאר ווערט אויף דאס ווארט „מעטרעסע" אזוי אפט גענוצט. אבער דא שפילט דאס געלד אדער קיין שום ראלע ניט אדער ניט די געוועהנליכע ראלע ווי אין אנדערע פאלען. אפטמאל האבען מיר דא צו טון מיט אן אינטריגאנטקע, וועלכע צילט אוועקצונעהמען א מאן פון זיין פרוי כדי איהם צו הייראטען צוזאמען מיט זיין פערמעגען, אדער פערקערט, מיט אן אינטריגאנט, וועלכער וויל פערפירען פרעמדע פרויען. מיר בערירען בלויז די דאָזיגע צושטאנדען כדי צו ווייזען ווי שווער עס איז אפטמאל צו זעהען די גרעניץ צווישען דער בעצאלטער מעטרעסע און דער סעקסועל ליידענשאפטליכער פרוי, וועמעס סעקסועלע סאנעוורע איז ניט געבויט אויף קיין געלד־אינטערעסען.

קאקאטקעס, גריזעטקעס און בעצאלטע מעטרעסען האבען זעלטען קינדער. די דאָזיגע פרויען, לכל הפחות די בעסערע סארטען פון זיי, זענען א סך וועניגער אנגעשטעקט מיט ווענערישע קראנקהייטען איידער די פראסטיטוטקעס; זיי זענען געבילדעטער, כיטרער, קאמפלי־

צירטער און זענען בעקענט מיט די מיטלען וועלכע פערהיטען שוואכנערשאפט.

דאס מזל פון די קינדער פון אזוינע פרויען וועלכע גיבען זיך איבער פאר געלד, איז אין די מיינסטע פאלען זעהר טרויריג. די דאזיגע קינדער זענען ניט די פרוכט פון ליבע, נאר מיינסטענס פון אן אונגאטירליכער פערבינדונג צוליב דער גענוסזוכט, לייכטזיניגקייט און פוילקייט. דאס קינד קומט צו זיי אלס א שטערונג פון זייער שלום. דעריבער ווערט עס אין זיין עמבריא אבגעטריבען דורך א קינסטליכען מפיל, אדער נאך זיין געבורט ווערט עס געגעבען צו עפעס א מכשפה, וועלכע גיט שוין אכטונג אז דאס קינד זאל באלד ארייז אין הימעל. עס איז אהן ספק אויך פאראן א בעסערער קלאס פון פערקויפטע פרויען: מען זעהט אפילו ווי פשוט'ע בארדעל־פראסיטיטוטקעס פלעגען און פערזארגען זייערע טיילמאל געבוירענע קינדער מיט אן אמת'ער מוטער־ליבע, בעת, פערקערט, פרויען פון דער העכסטער געזעלשאפט שטרענגען אן אלע זייערע כחות צו פטר'ען זייערע אונגעוועצליכע קינדער, מחמת זיי זענען אויסגעזעצט צו א סך א גרעסערער שאנד. אפילו פערהייראטע פרויען זענען קינסטליך מפיל צוליב דער פשוט'ער בעקוועמליכקייט.

די נאר־וואס בעהאנדעלטע פיערטע גרופע פון פרויען האבען מיר דא גענומען אין בעטראכט בלויז צוליב איהר קאמערציעלער, סוחר'ישער זייט. דארט, וואו עס האנדעלט זיך מכח א פערקויף פון דעם אייגענעם לייב פאר געלד, איז דאס צוזאמענלעבען אוננאטירליך און נידעריג. פערקויפטע ליבע איז ניט קיין ליבע. זי איז א שענדליכער אבמאך צו בעפרידיגען דעם נידעריגסטען חיה'שען געשלעכטס־טריב פון דעם מאן. טיילמאל טרעפט אויך, אז ענליכע קאנטראקטען ווערען אבגעמאכט אין אן אנדערער אדער אין א פערקערטער ריכטונג. דעמאלט, ווען א האמא־סעקסועלער מאן (זעה קאפיטעל 8) קויפט זיך יונגע מענער כדי צו בעפרידיגען זיין אבנארמאלען טריב, אדער ווען א נימפאמאנישע פרוי, הגם בעהאלטענדיג איהר אמת'ען מאטיוו אונטער אלערליי תרוצים, קויפט זיך ארימע אבער שעהנע יונגע מענער.

וויפיל דער אינהאלט פון דעם גאנצען לעצטען קאפיטעל זאל ניט האבען אויפגעוועקט א געפיהל פון עקעל, איז אבער דאס קאפיטעל געווען נויטיג צו שרייבען, כדי פאר די אויגען פון דעם לעזער צו

מאכען קלאר די ברייטקייט און די טיפקייט פון דעם דאזיגען ענין. די פראסטיטוציע, די געלד־הייראט און דאס בעצאלטע קאנקובינאט זענען אלע, איטליכע אויף זיין שטייגער, אינסטיטוציעס וועלכע פירען צו א קארופציע און דעגענעראציע, און וועלכע צוזאמען מיט שכרות, ספעקולאציע און דאס גייען נאך געלד בכלל, סטראשען צו מאכען א חרבן פון אונזער מאדערנער קולטור. צווישען אלע אבנארמאליטעטען איז די שטאאטליכע ארגאניזאציע פון דער פראסטיטוציע דער גרעסטער מאנסטער. איהם מוז מען זונבעדינגט אינגאנצען אויסווארצלען.

אין אלע צייטען איז ווענוס אדער אפראדיטע געווען דאס סימבאל פון שעהנקייט און ליבע. הגם זי איז געווען ביז א געוויסען שטאפעל בייזוויליג, איז זי אבער געווען פרוכטבאר און פול מיט בענקשאפט, און האט אין זיך פערקערפערט נים בלויז די נאטירליכע בענערען פון דעם מענש, נאר אויך זיינע קינסטלערישע אידעאלען. אבער היינט פערייניגען זיך צוויי פאלשע געטער אלעמאל מיט מעהר חוצפה, כדי זי ארייגצוציהען אין דער בלאטע, — באקכוס מאכט פון איהר א נידעריגע און וואולגארע בעסטיע, און דער גאט מאמאן, דאס עגל הזהב, מאכט פון איהר א געזונקענע פראסטיטוטקע, בעת פון דער אנדערער זייט ווידער וויל א פאנאטישער, נייִדישער אדער צבוע'אצקער רעליגיעזער אסקעטיזם זי אלעמאל בינדען אין א צוואנגס־יאקע. איך האף, אז די מאדערנע קולטור וועט נאך געפינען גענוג כח זי צו בעפרייען פון דער דאזיגער צוואנגס־יאקע און פון דער טיראניי פון יענע צוויי שענדליכע פערפירערס: דעמאלט ערשט וועט די געטין פון ליבע ווידער אויפשיינען און בעלייכטען דעם הימעל פון דעם מענשליכען גליק.

קאפיטעל XI.

דער איינפלוס פון דער סביבה אויף דעם געשלעכטס־לעבען.

ווי שטארק דאס געשלעכטס־לעבען פון איטליכען יחיד, האבענדיג זיינעווארצלען אין די אלטע און טיפע פילאגענעטיש־גע׳ירש׳ענטע אינסטינקטען, זאל ניט פון דער טיפעניש לאזען פיהלען זיין מאכט, איז אבער פון דער אנדערער זייט אהן שום צווייפעל, אז אויף אזא קאמפליצירטען ארגאניזם, מיט זיין פילזייטיג געהירן־לעבען, ווי דער מענש איז, האט די ארומיגע סביבה פון לעבען א געוואלדיגען איינפלוס אויף זיין געשלעכטס־טריב און אויף זיין ליבע. מיר וועלען זיך דא פערנעהמען מיט די אויפפאליגסטע פון די דאזיגע איינפלוסען, אויף וויפיל זיי ווערען ניט בעהאנדעלט אין אנדערע קאפיטלען.

דאס קלימאט.— ביים סוף פון קאפיטעל 6 האבען מיר שוין געזעהען, אז דאס קלימאט ווירקט קענטיג אויף אזא אופן, אז א גרעסערע ווארימקייט פערשטארקט דאס געשלעכטס־לעבען. אין הייסע לענדער ווערען די מענשען מיינסטענס פריהער געשלעכטליך רייף און זיי זענען אויך מעהר גענייגט צו סעקסועלע עקסצעסען. איך ווייס ניט פון אנדערע איינפלוסען וועלכע קאנען אויך ווערען צוגעשריבען צום קלימאט. עס איז מעגליך, אז די געוואלדיגע ווירקונג וואס דאס קלימאט האט אינדירעקט אויף דער גאנצער מענשליכער עקזיסטענץ, קודם כל די שווערע לעבענס־בעדינגען און די אנגעשטרענגטע ארבייט צו וועלכע די פעלקער פון די קאלטערע געגענדען זענען געצוואונגען, שוואכען אב זייער געשלעכטס־טריב. אין די ווארימע לענדער נויטיגט זיך ניט דער מענש אין קיין בעהייצונג און אין קיין קאמפליצירטע וואוינונגען און קליידער: דאס לעבען איז אהן אן ערך פערייפאכט, און דאס אלעס רייצט איהם צו אן אינטענסיווער געשלעכטס־לעבען.

דאָס לעבען אין שטאָדט און אויף דעם לאַנד, איינזאַמקייט, געזעלשאַפטליכקייט און דאָס פאַבריק-לעבען. — דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען פון דעם מענש האָט אַן אונגעהייערען איינפלוס אויף זיין געשלעכטס-לעבען. לעהררייך זענען אין דעם דאָזיגען פרט די פרושים אַן, די איינזאַמע פערמערס וואָס לעבען אָבגעזונדערט פאַר זיך. אַ טיפע איינזאַמקייט רופט ביים מענש מיינסטענס ארויס די משונה'דיגסטע אייגענשאַפטען און אַ מעלאַנכאָלישע שטימונג, אויב ער האָט ניט מיט זיך אין זיין איינזאַמען חדר'ל אַ מענגע ספרים, וועלכע ער לייענט אין דער אַרומיגער שטילקייט. אין דעם פאַל אָבער איז דער עקספּערימענט ניט אינגאַנצען כשר, מחמת ער האָט דעם דאָזיגען רייכטום פון וויסען פריהער דערוואָרבען אין אַ קולטור-געזעלשאַפט, מיט וועלכער ער לעבט גייסטיג ווייטער צוזאַמען און זיין אָבגעשלאָסענקייט. לגמרי אַנדערש איז עס מיט יענע וואָס האָבען ניט קיין גייסטיגען אַנהאַלט, אָדער מיט יענע וואָס זענען איינזאַם פון קינדוויין אָן. דער דאָזיגער פּרוש ווערט אַ מין ווילדער, קערט זיך צוריק צו דעם פּרימיטיווען צושטאַנד, ווערט שעמעדיג, און זיין גייסט ווערט פערוועלקט. דער דערוואַקסענער מענש, וועלכער בעזעצט זיך אַלס פערמער ערגיץ וואו אין דער שטילער איינזאַמקייט, דערביי ניט האָבענדיג קיין ברעקעל גייסטיג פערמעגען, האָט אַ שטאַרקע נייגונג מיט דער צייט צו ווערען פסיכיש נידערגעשלאָגען און צובראָכען: דאָס ווערט אָפטמאָל בעאָבאַכט צווישען די נאָרד-אַמעריקאַנישע פערמערס, וועדליג ווי דאָס האָט מיר פערזיכערט מיין פערשטאָרבענער פריינד, פּראָפעסאָר סעגין פון נויאָרק. ער איז געוועזען אַ נערוועז-דאָקטאָר און זעהר גוט בעקענט מיט דעם דאָזיגען לעבען. דער מענש, וועלכער לעבט איינזאַם אַליין אָדער בלויז צווישען די סאַמע נאָהענסטע פון זיין פאַמיליע, איז אַ חוץ דעם זעהר אָפט אויף געניינט צו געוויסע סעקסועלע פערווערזיטעטען, צו וועלכען זיין מין לעבען פיהרט איהם נאָהענט צו, ווי אַ שטייגער די בלוטשטאַנד, סאָדאָמיע, פעדעראַסטיע און אָנאַניזם.

פערקערט צווישען דער בעפעלקערונג וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט אַגריקולטור, געפינען מיר די געזונדסטע סעקסועלע פערהעלטניסען, און בכלל דאָס נאָרמאַלסטע לעבען. דאָס זעהען מיר ניט בלויז ביי די פראַנצויזען אין קאַנאַדאַ, וועלכע מיר האָבען דערמאָנט איז

קאפיטעל 6, נאר איבעראל וואו די לאנדווירטשאפט ווערט געפירט פון געזונדע און פרייע פויערים, דעמאלט, ווען דאס לאנד איז צווישען זיי רעלאטיוו גלייך צוטיילט. די פאמיליעס אין די דערפער, דאס פויערים-פאלק, האבען דורכשניטליך מעהר און א סך געזונדערע קינדער איידער די פאמיליעס אין די שטעדט. ניט קוקענדיג דערויף וואס אפטמאל בלייבען אין די מאדערנע שטעדט, א דאנק דער מעדיציניש ער היגיעניש ער קונסט,מעהר קינדער לעבען איידער אין די דערפער, וועלכע זענען אין דעם דאזיגען פרט פערנאכלעסיגט און וועניגער גינסטיג, זענען אבער פונדעסטו נגען די דארפס-קינדער בעסער ענטוויקעלט און אין אלע בעציהונגען דורכשניטליך געזונדער און שטארקער. זייענדיג א סך יאהרען דירעקטאר פון א משוגעים-אנשטאלט, האב איך געהאט די געלעגענהייט זיך אין דעם צו איבערצייגען. דאס שטאדטישע מאטעריאל פוןביידע געשלעכטער האט מיינסטענס ניט גע-טויגט פאר א שפיטאל-ארבייט, פאר פלעגערס און פלעגערינס. אמת, די שטאדט-מענשען האבען זיך געוועהנליך שנעלער אויסגעלערנט די מלאכה, זיי האט אבער געפעהלט גדולד, אויסדויערקראפט, כאראקטער, און ביי א גענויערער אויספריפונג האט זיך ארויסגעשטעלט זייער גייסטיגע און פיזישע אונפעהיגקייט. אדרבה, די דארפס-קינדער זענען תחלת אומגעלומפערט און ניט געלענקט צו דער דאזיגער ארבייט, אבער צוקוקענדיג זיך פאסען זיי זיך ביסלעכווייז צו און זיי ווערען פעהיגער. דאס דאזיגע קאן מען מערקען איבעראל. דאס איז א קלארער בעווייז, אז די גע'ירש'ענטע דיספאזיציעס פון די דארפס-קינדער זענען דורכשניטליך בעסער איידער פון די שטאדטישע קינדער. אמת, ביים שטאדטישען קינד צובליהען זיך פריהער, שנעלער און פולשטענדיגער זיינע מיטגעבוירענע פעהיגקייטען א דאנק זיין געזעלשאפטליכען פערקער און געשליפענקייט איידער ביים דארפס-קינד, וועלכעס קאן דעריבער ביים ערשטען בליק אויסזעהען צוריקגעשטאנען און וועניגער בעגאבט, הגם אין דער אמת'ן איז ער מעהר פעהיג איידער דאס שטאדטישע קינד. דער אויבערפלאכליכער בעאבאכטער ווערט דעריבער לייכט אבגענארט, אבער דאס דארפישע לעבען ענטוויקעלט און זאמעלט אן א גרעסערען זאפאס כח און געזונד איידער דאס שטאדטישע לעבען.

די סעקסועלע אויסגעלאסענקייטען אין די דערפער איז מעהר איז

איינקלאנג מיט דער נאטור; בכלל געפינען מיר דארט דאס קאנקובי־נאט, אונטרייקייט אין פערהייראטען לעבען און וועו־ניט־וועו די פראס־טיטוציע, אבער די דאזיגע עקסצעסען קאנען זיך קיינמאל ניט זעהר וויט פערשפרייטען צווישען א קליינער בעפעלקערונג, וואו אלע מענ־שען זענען צווישען זיך געגוי בעקענט. א גרינדליכע אויספארשונג פון דער אלקאהאל־פראגע האט מיך איבערצייגט, אז די סעקסועלע שא־דענס און אויך די דעגענעראציעס בירושה אין די דערפער זענען כמעט בלויז צו פערדאנקען דער שכרות אין איהר בלאסטאפטהארישע וויר־קונג (זעה קאפיטעל 1). דאס לעבען פון דער דארפישער בעפעלקערונג ווערט פעראנדערשט ווען אויף דעם לאנד ווערען אויפגעבויט פאברי־קען, געגראבען מינעס און ווען ער ווערען בעשאפען נאך ענליכע אונ־געזונדע אינדוסטריעלע פערהעלטניסען, און דעמאלט בעווייזען זיך אויך אין דארף די שאדענס פון דער שטאדט, אפטמאל אפילו אין א גרע־סערער מאס.

די בעפעלקערונג פון גרויסע שטעדט איז צוזאמענגעשטעלט פון א סך בעזונדערע קרייזען, וועלכע האבען גאר קיין אדער א גאנץ קנא־פען שייכות צווישען זיך, וועלכע ווייסען ניט איינס פון אנדערען און וועלכע אינטערעסירען זיך ניט איינס מיט דעם אנדערן. דער יחיד איז בלויז בעקענט אין זיין אייגענעם קרייז. דער דאזיגער צושטאנד העלפט דאס ענטוויקלען זיך פון דער אויסגעלאסענקייט אין פערבאר־געניש, וועלכע האט א שעדליכע ווירקונג. דערצו קומען נאך צו די מיינסטענס שלעכטע, אונסאניטארישע וואוינונגען, דאס אויפגערעג־טע לעבען, די אונצעליגע פערגעניגענס, און די פעולה דערפון איז אן אוננאטירליך און צורודערט לעבען. די לעבענס־בעדינגען פון די מענ־שען: לופט, ליכט, די פרייע נאטור, גענוג און ניט קיין איינפארמיגע און מאנאטאנע ארבייט און בעוועגונג פון קערפער, דאס אלעס איז אין דער שטאדט, בפרט ביי די ארימע, אין דוחק. אנשטאט דעם גיט מען זיי קינסטליכע, אונגעזונדע ביינאכטיגע פערגעניגענס, א ניט בעשטראפטע פראסטיטוציע מיט אלע איהרע פריהער בעשריבענע גע־פערליכע פאלגען, צו וועלכע די עפענטליכע מיינונג איז גלייכגילטיג, בעת זיי זענען ניט בכח צו האבען קינדער דורך אן אמת געזונדער און נאטירליכער ליבע אדער אפילו זיי אנשטענדיג צו דערהאלטען, ער־נעהרען און ערציהען. דאס זענען די בעקאנטע בעדינגען פון דעם

שטאָדטישען פּראָלעטאַריאַט, זייער לעבען מכח וועלכען עס ווערט היינט־צוטאָג אַזויפיל גערעדט: מיר וועלען זיך דעריבער מיט דעם דאָזיגען ענין ניט פיל פערנעהמען. בעזונדערס טרויעריג, נעבען דער פּראָסטיטוציע און די ווענערישע קראַנקהייטען, זענען די ארבייטס־צושטאַנדען און די וואוינונגען פון א סך פּראָלעטאַרישע צענטערס, וועלכע פירען צו דער נידעריגסטער פּראָמיסקואיטעט. וואס קאָן זיין דער סוף פון דעם געשלעכטס־לעבען פון די גרעסערע קינדער, וועלכע שלאָפען און וואוינען אין איין חדר, יאָ, אָפטמאָל אפילו אין איין בעט צוזאַמען מיט זייער פאָטער און מוטער?!

דאס געזאָגטע איז נאָך אפשר מעהר אמת מכח די פאַבריק־צענטערס, אין די געגענדען וואו מען ארבייט אין מינעס, א. אז. וו. דאָ פערוועלקען די מענשען ביי זייער מאַנאָטאָנער, אונגעזונדער ארבייט אין פערשטיקטע פלעצער און אונטער די ערגסטע סעקסועלע פערהעלטניסען. שכרות, פּראָסטיטוציע און פּראָמיסקואיטעט פון איין זייט, און דאס גייעג נאָך לוקסוס און געלד פירען צו דער פולשטענדיגער דעגענעראַציע פון גאַנצע אינדוסטריעלע בעפעלקערונגען.

די דאָזיגע געוואַלדיגע קערפּערליכע און גייסטיגע דעגענעראַציע פון א גאַנצער פאַבריק־בעפעלקערונג, האָב איך געקאַנט גענוי שטודירען אין דעם קאַנטאָן צוריך. די מענשען וועלכע האָבען אַמוועניגסטען געטויגט פאר דער אויבען דערמאָנטער שפּיטאָל־ארבייט אין דעם משוגעים־אַנשטאַלט, זענען געווען געוועזענע פאַבריק־ארבייטער פוןביידע געשלעכטער. זיי זענען געווען קערפּערליך, גייסטיג און מאָראַליש מיינסטענס אַזוי ווייט פערוועלקט און אַטראָפירט, אז זיי האָבען אָפטמאָל ניט געטויגט צו קיין שום אַנדערע בעשעפטיגונג א חוץ צו זייער ביז איצטיגער אוטאָמאַטישער ארבייט פון וועבען און וויקלען זייד, באַוועל א. דגל. אין א סך אַנדערע ערטער איז נאָך ערגער: אַזוי א שטייגער צווישען דעם ענגלישען שטאָדטישען פּראָלעטאַריאַט (צ. ב. אין ליווערפּול), צווישען דעם פּויליש־אידישען פּראָלעטאַריאַט אין ווארשא, און צווישען דער בעפעלקערונג פון געוויסע בעלגישע מינען־דיסטריקטען. פון דער בושה, פון דער מאָראַל און פון דעם געזונד ווערט א תל אָט אין דעם דאָזיגען זומפּ. צווישען א פאַבריק־מיידעל און א פּראָסטיטוטקע איז כמעט ניט דאָ קיין חלוק. אין געוויסע בעלגישע אינדוסטריעלע געגענדען, וואו עס בושעוועט דער אַלקאָהאָל, האָבען

מענשען אפטמאל ביי נאכט א געשלעכטס-פערקער אויף דער גאס פונקט ווי חיות און ניט א סך בעסער איידער די אנגע׳שכור׳טע קאפערס אין זיד־אפריקא. וואס בלייבט דא איבער פאר ליבע, פאמיליע און קינדער־ערציהונג, און וואס קאן מען ערווארטען פון די קינדער פון אזוינע דעגענערירטע מענשען? יענע אביסעל וואולגארע, אבער מענשליך נאטירליכע הייראטס־מנהגים און דאס קאנקובינאט צווישען די פויערים, איז דאך פשוט גאלד אין פערגלייך צו דעם!

מיר מוזען דא האבען אין זין א זעהר אינטערעסאנטע און העכסט מאדערנע ערשיינונג, וועלכע איך וויל בקצור איבערגעבען אויף דעם פאלגענדען אופן: די געוואלדיגע ענטוויקלונג און דאס ביליג־ווערען פון די טראנספארט־מיטלען, צוזאמען מיט דעם היגיענישען פארטשריט בנוגע צו וואוינונגען, וועקען און פערשטארקען אלץ מעהר און מעהר די מאדערנע שטרעבונג די שטאדט צו פערפלאנצען אויף דעם לאנד און אין דערזעלביגער צייט דאס לאנד צו פערפלאנצען אין דער שטאדט, ד. ה. ביידע צו מאכען געגענזייטיג ענליכער, און אין דעם זעה איך דאס מעגליכע אויפטאגען פון א גאולה פאר דער צוקונפט. די מאדערנע אמעריקאנישע שטעדט, א דאנק זייער געוואלדיגער ברייט און לענג, און צוליב דעם וואס איטליכס הויז, זייענדיג ארומגערינגעלט מיט א גארטען, זעהט אוים ווי א ווילא, ווייזען ארוים א שטארקע טענדענץ צו ווערען לאנד־ענליך. די עלעקטרישע גאסען־באנען קירצען אב די וויימסטע שטרעקעס, און דערמיט ווערט לייכטער דאס בויען פון אט אזוינע מינים שטעדט. אויף דעם דאזיגען סמך האבען זיך שוין אין אייראפא אויך ארגאניזירט אזוי־גערופענע גארטענשטעדט־פעריינען און עס האבען זיך אויך אויפגעבויט גארטען־שטעדט. אויב דער טעכניק וועט געלונגען — אין דעם איז כמעט ניט דא קיין ספק — די טראנספארט־מיטלען צו מאכען נאך ביליגער און נאך איינפאכער, אזוי, אז מען וועט איבעראל נאך נעהענטער קאנען דערנעהנטערען שטאדט און לאנד, דעמאלט וועט ביסלעכווייז אויך ניט נויטיג זיין די א מ ע ר י ק א נ י ש ע שטאדט אדער די גארטען־שטאדט. מען וועט טאקע אויף דעם לאנד קאנען געניסען אלע אמת׳ע בעקוועמליכקייטען און מעלות פון דעם שטאדטישען לעבען און דערביי פטור ווערען פון דער אונבעקוועמליכקייט און די חסרונות פון דער שטאדטישער פראמיסקואיטעט. דער חסרון פון דעם לעבען אויף דעם לאנד

בעשטעהט אין דעם פערוועלקט־ווערען פון די נאטירליכע, גייסטיגע דיספאזיציעס צוליב דעם דוחק אין א סטימולאציע. א דאנק די פער־בעסערע טראנספארט־מיטלען קאן די דאזיגע גייסטיגע סטימולא־ציע אלץ מעהר און מעהר געברענגט ווערען אויף דעם לאנד. אזא צו־קינפטיג אויסלעגען פון דער טעריטאריע פון א קולטור־שטאאט, אזא צושטאנד וועלכען איך האב אין אויג, קאן מען רופען א ג ר א פ א ־ ל י ס — א שטאדטיש דארף אדער א דארפישע שטאדט. אויף דעם דאזיגען אופן ווערט בעשאפען די מעגליכקייט פאר דעם מענשליכען דענקען און פיהלען זיך אויפצוהויבען אויף אן אידעאלערען שטאפעל און אויך צו דערגרייכען צו א געזונדער און אידעאלער געשלעכטס־לעבען.

דער פויערים שטאנד איז א מעלה פאר דער הייראט, ניט בלויז דערפאר ווייל די פראסטיטוציע געפינט דא ניט קיין גוט פעלד וואו אויפצובליהען, נאר אויך דערפאר, ווייל, צוליב דעם פאקט וואס אויף דעם לאנד קען איינער דעם אנדערען א סך בעסער, איז אויך קלענער די געפאר צו ווערען אנגעשטעקט, און ווייל געזונדע קינדער פערגרע־סערען דאס גליק אין דער הייראט און זענען א ברכה פאר איהר דויר־ערהאפטיגקייט. פון א רעליגיעזען שטאנדפונקט האט מען געוויסע סעקסועלע אויפפירונגען פון די פויערים מיט וועהטאג בעשולדיגט אלס אונמאראליש. די עברה איז געוועהנליך די, וואס אינגלעך און מיידלעך האבען אין פערשידענע פארמען א פרייען געשלעכטס־פערקער פריהער פאר דער חתונה. דער דאזיגער פערקער איז מיינסטענס ענליך צו א מין פריה־הייראט, וועלכע מיר געפינען ביי ווילדע פעלקער און מכח װעלכער מיר האבען גערעדט אין קאפיטעל 6. מענשען וועלכע דולדען די פראסטיטוציע, זאלען זיך פריהער פערשעמען מיט איהר היפא־קריטסטווע און דערנאך מיט איהר מאראלישער פערוויסטונג, אויב זיי קומען צום פויערים־פאלק דרש'ענען מאראל איבער זיינע נאטיר־ליכע געשלעכטליכע פערבינדונגען אויסער דער הייראט. ווי געזונד דאס לאנד־לעבען איז פאר דער ענטוויקלונג פון קינדער קאן מען זעהען פון דעם ערפאלג פון די פעריען־קאלאניעס פאר שטאדטישע קינדער.

עס פארשטעהט זיך, אז אויף דעם לאנד זענען פונדעסטוועגען פאראן אנדערע אורזאכען וועלכע קאנען אויך דארט פירען צו א דע־גענעראציע, צ. ב. געוויסע ענדעמישע קראנקהייטען, ווי מיקסעדע־

מא און מאלאריא, די אבגעזונדערטקייט, א שטייגער ווי עס לעבען גע־וויסע שבטים (צ. ב. די טשימילאס־אינדיאנער אין קאלאמביע) וועלכע ווערען צוליב דעם אבגעלאזען, נאכלעסיג און פערטעמפט, די כסדר׳־דיגע קאנסאנגווינימעט, א. דגל.

מיט דעם פראלעטאריאט פון דער גרויסער שטאדט פערבינדט זיך מיינסטענס דער קלאס פון פערברעכערס. אין דעם קרייז פון קופלערס, קאדעטען, געוואוינהייטס־פערברעכערס און געבוירענע פערברעכערס א. אז. וו., ענטוויקעלט זיך אן אייגענער בליק אויף דעם לעבען, וועדליג וועלכען דער גרעסטער באנדיט ווערט די אנגעזעהענסטע פערזענליכ־קייט. אויב א קינד ווייזט ארויס א פערברעכערישע נייגונג בירושה, דעמאלט איז זיין צוקונפט „פול מיט האפנונגען". ערליכע קינדער מיט אלטרואיסטישע געפיהלען, ווערען אין דער דאזיגער געזעלשאפט בע־טראכט פאר פרידען־שטערער, פעררעטער, לא יוצלח׳ס אדער אידיא־טען און זיי ווערען דעריבער פעראכט, געהאסט און אפטמאל געשעדיגט. די פליכט פון דעם שטאאט און פון דער פילאנטראפיע איז דעריבער נאך גרעסער, זיך אנצונעהמען פאר די ארימע קליינע קינדער.

די בעזונדערע שעדליכע איינפלוסען, וועלכע מיר האבען דערמאנט, ווירקען נאטירליך ניט אליין: זיי זענען מיינסטענס פערבונדען מיט די אנדערע שעדליכע אורזאכען פון דעם געשלעכטס־לעבען. עס קאן צום ביישפיל טיילמאל פארקומען א סעקסועלע פערדארבענקייט אויף דעם לאנד און, אדרבה, א נארמאלער סעקסועלער צושטאנד אין א שטאדט, וועדליג די מאכט פון די אדער יענע איינפלוסען: מען מוז זיך דעריבער אלעמאל היטען, כדי ניט איבערצוטרייבען די וויכטיגקייט פון אן איינציגען פאקטאר ביים אויפשטעלען א כלל. אין א דארף מיט שכורים קאן דאס געשלעכטס־לעבען זיין ערגער און מאוס׳ער איידער אין א שטאדט וועלכע ווערט געפירט אויף א ריינעם, ניכטערנעם און שכל׳דיגען אופן.

וואגאבונדענטום. — אין דער „ארכיוו פאר ראסען־ און געזעל־שאפטס־ביאלאגיע" פון 1905, דערצעלט דר. יערגער די געשיכטע פון עטליכע דורות קינדער פון א פארפאלק וואגאבונדען (בראדיא־גאס), וועלכע ער האט גענוי שטודירט. עס רופט ארויס א געפיהל פון שרעק צו זעהן, ווי כמעט אלע מיטגלידער פון דער דאזיגער פאמיליע

זענען געווארען וואגאבונדען, גנבים, פראסטיטוטקעס און אנדערע גע־זעלשאפטליכע מכות. עס איז געווען א היבשע צאל פון זיי. אומזיסט איז געווען די מיה טייל פון זיי פון קינדרווייז אן גוט צו ערציהען; זיי זענען אנטלאפען פון דער שול און פון אן אנשטענדיגער פאמיליע, כדי אנצוהויבען א לעבען פון וואגאבונדען. ביי א טייל פון זיי האט די ערציהונג יא עפעס אויפגעטון, אבער די רעזולטאטען זענען געווען נים איבעריג גוטע. שכרות און איהר בלאסטאפטהאריע האט אין דער דאזינער פאמיליע פערנומען א בעדייטענדען פלאץ.

מיר ווייזען אן דעם לעזער אויף דעם אריגינאל. דערמאַ־נענדיג דא איצט דעם דאזיגען פאל, מוזען מיר זאגען, אז מיר האבען איהם געקאנט פונקט אזוי גוט ברענגען בעת מיר האבען בע־האנדעלט די בלאסטאפטהאריע, די ירושה־פראגע אדער די ווירקונג פון אלקאהאל אין קאפיטעל 8, מחמת די דאזיגע אלע פאקטארען וויר־קען צוזאמען מיט דעם איינפלוס פון אזא בראדיאגא־לעבען, בכדי צו קומען צו דעם דאזיגען שרעקליכען סך הכל. מיר קאנען נים אנ־נעהמען, אז די מנעמישע פראצעסען, וועלכע מיר האבען דערקלערט אין קאפיטעל 1, האבען געקאנט האבען א קענטיגע ווירקונג אין אזא קורצען משך פון צוויי אדער דריי הונדערט יאהרען, אזא קורצע פע־ריאדע פאר דעם מענשליכען מין. אמת, די שטאם־מוטער פון דער אוי־ביגער וואגאבונדען־פאמיליע האט אליין אבגעשטאמט פון א וואגאבונ־דען־געשלעכט פון נארד־איטאליען. פונדעסטוועגען גלויב איך נים, אז איך מאך א טעות ווען איך שרייב דא צו צו דער אלקאהאלישער בלאסטאפטהאריע צוזאמען מיט דער בסדר זיך איבער׳חזר׳ענדיגער אונגליקליכער קאמבינאציע פון זאמען, וועלכע איז דאס מזל פון דעם וואגאבונדען־לעבען, די הויפט שולד פון דער דאזיגער טיפישער פאַ־מיליען אדער גרופען־דעגענעראציע, א דעגענעראציע אין וועלכער די סעקסועלע געזונקענקייט האט די איבערמאכט. ווער עס וויל נאכדענ־נארד־אמעריקא, און וועלכע האט איהרע ווארצלען אין דער יאגד נאך קען, ראט איך זעהר דעם דאזיגען ענין גענוי צו שטודירען.

אמעריקאניזם. —מיט דעם דאזיגען ווארט וויל איך בעצייכע־נען אן אונגעזונדע ערשיינונג פון דעם געשלעכטס־לעבען, וועלכע איז די פעולה פון אנשווינגען א דאנק די בעזונדערע אומשטענדען פון

דעם דאלאר, ד. ה. אין דער עגאיסטיש־אינדיווידועלער געלד־קאנקורענץ, וועלכע הערשט אין די פעראייניגטע שטאאטען מעהר איידער ערגיץ אנדערש. איך וויל דא רעדען מכח דעם אונגאטירליכען געשלעכטס־לעבען פון די אמעריקאנער, אבער בעזונדערס וויל איך רעדען מכח דעם אונגאטירליכען געשלעכטס-לעבען פון זייערע פרויען.

דער נארד־אמעריקאנער פעראכט די אגריקולטור ארבייט אין בכלל האט ער פיינד די האנד־ארבייט, בפרט פאר די פרויען. זיין ציל איז אלעס צו מאכען מיט דער הילף פון מאשינען, צו האנדלען, צענטראליזירען א. אז. וו., בכדי צו לעבען בלויז קאמערציעל, גייסטיג, און אויף אזא אופן אויך געניסען זיינע פערגעניגענס. די אמעריקאנישע פרויען האלטען פאר א דערנידערונג פון זייער געשלעכט צו טון אביסעל שווערע מוסקעל־ארבייט און בעזונדערס צו ארבייטען אויף דעם פעלד. דאס זענען איבערבלייבענישען פון דער צייט פון דער שקלאפעריי, ווען די גאנצע האנד־ארבייט איז געטון געווארען פון דעם נעגער, און דיזעלביגע ארבייט ווערט מייגסטענס היינט נאך איבערגעלאזט פאר איהם. מחמת זי וויל זיין יונג און פריש אזוי לאנג עס איז נאר מעגליך, מחמת זי וויל פערהיטען דעם בליהענדיגען קאליר אין איהר פנים און וויל פערמיידען דאס אבוועלקען פון איהר רייץ, מחמת זי האט מורא פאר די געפארען, וועהטאגען און פאר די פאלגען פון טראגען, האבען, זויגען און האדעווען פון קינדער, דעריבער האט די אמעריקאנישע פרוי (איך רעד דא נים פון דעם פראנצויזישען קאנאדא, וואו די מנהגים זענען גאנץ אנדערע) בכלל א טיפען ווידערווילען קעגען שוואנגערען, ליגען אין קינפעט און איבערהויפט קעגען האבען גרויסע פאמיליעס. ווייל, א חוץ דעם, זינט דער בעפרייונג פון דעם נעגער איז די בעקוועמליכקייט פון האבען דינערשאפט געווארען זעהר טייער אין די פעראייניגטע שטאאטען, העלפט מען זיך אלץ מעהר און מעהר מיט א מין האטעל־לעבען און „בארדינג האוז“, און דא ליגט אן אורזאך פאר דער פרוי צו זוכען אלערליי מיטלען קעגען שוואנגערשאפט און מורא צו האבען פאר א גרויסער פאמיליע.

עס איז קלאר, אז דער דאזיגער מין פרויען־עמאנציפאציע איז בעצם אונגעזונד און פירט צו א סאציאלער דעגענעראציע. אהן אז איינאנדערונג פון דרויסען וועט דעריבער די ארישע (אייראפעישע)

געמישטע ראסע פון נארד־אמעריקא בישלעכוויין מעהר אויסשטארבען איידער צוקומען, און איהר פלאץ וועט פערנומען ווערען פון כינע־זערס און נעגערס. פונקט ווי דער מאן מוז ארבייטען מוז אויך די פרוי ארבייטען און פאלגען דעם וועג וועלכען די נאטור האט פאר איהר בעשטימט. די ראסע, וועלכע פערשטעהט דאס ניט, שטארבט אויס. דאס אידעאל פון דער פרוי דארף ניט זיין, צו לעזען ראמאנען אדער זיך צו וויגען אין א שאקעל־שטול, און אויך ניט בלויז צו אר־בייטע, אין קאנטארען, בכדי ווי ווייט מעגליך צו פערהיטען די צאר־קייט פון איהר הויט: די פרוי דארף זיך ענטוויקלען געזונד און שטארק, זי דארף צוזאמען מיט איהר מאן ארבייטען קערפערליך און גייסטיג, און זי דארף האבען א סך גייסטיג און פיזיש געזונטע קינ־דער. דאס הייסט אבער ניט, אז מען זאל ניט בעשרענקען די שוואנ־גערשאפט דארט, וואו עס פעהלען די גייסטיגע און קערפערליכע פע־היגקייטען, געזונד און קראפט.

דער שענק און דער אלקאהאל. — איך וויל זיך דא מעהר ניט צוריקקערען צו דעם וואס איך האב שוין געזאגט אין קאפיטעל 1 מכח דער בלאסטאפטהאריע, אין קאפיטעל 3 און 8 מכח דער ווירקונג פון אלקאהאל אויף די זאמען פון אנדערע קינדער, אויף דעם געהירן און אויף דעם געשלעכטס־לעבען, און אויך אין קאפיטעל 10 מכח זיין שייכות צו דער פראסטיטוציע. דא וויל איך נאך דערמאנען די שעדליכע ווירקונג פון דעם שענק אדער גאסט־הויז. די געוואוינהייט צו טרינקען פערדארבט דאס גאנצע געשלעכטס־לעבען. ווי מיר האבען געזעהען, טרייבט די שכרות צו די שמוציגסטע פארמען פון פראסטי־טוציע און בארדעל־האנדעל, זי איז א מיטעל צו פערפירען מיידלעך און זי האלט אויף די גאנצע שעדליכע פראפעסיע. עס איז גענוג בלויז צו דערמאנען די אלערליי ביר־קנייפעס און די קעלנערקעס, און יעדער זעהט קלאר דעם שרעקליכען איינפלוס פון אלקאהאל אויף דעם גע־שלעכטס־לעבען. מכח דעם שרייבט מיר הער יוליוס וו. עד. וואונד־זאם פון צוריך דאס פאלגענדע:

„באמת, מען ווערט איבעראשט צו הערען, מיט וואסערען צי־ניזם און מיט וואסערער גרינגשאצונג מענער, אפילו פון דעם געביל־דעטען שטאנד, בענעמען זיך אנטקעגען קעלנערקעס".

„מענער וועלכע וועלען קיינמאל ניט וואגען צו זאגען א גראב ווארט צו א פרוי וועלכע ארבייט אין א קראם, גלויבען, אז אנטקעגען א קעלנערקע איז אלעס רעכט. ניט דוקא בלויז קאן מען דאס מערקען אין די קליינע קנייפעס; מען קאן טאג־טעגליך זעהן אין די פיינע רעסטאראנטען ווי סוחרים, דאקטוירים, פראפעסארען און אנדערע מענער, וועלכע ווייסען אפילו שכור'עהייט ווי אזוי צו זיין אנשטענדיג און זיך צו האלטען אין צוים אנטקעגען אנדערע מיידלעך, זענען פריי מיט זייערע וויצען און מיט זייערע הענד אנטקעגען די קעלנערקעס: אהן ספק, דאס דאזיגע בענעמען־זיך בעלייכט אביסעל דעם מאראלישען שטאפעל פון די דאזיגע הערען".

„און עס איז ניט נויטיג, אז דאס מיידעל וואס דערלאנגט צום טיש זאל פון איהר זייט ערשט דארפען ערמוטיגען די מענער, — אויפוועקען זייער טריב. מאוס'ע און צווידייטיגע רייד און דער שמוציגסטער פלירט קומט צום גאסט פון זיך אליין. — דורך דעם בלויזען בעוואוסטזיין, אז ער האט פאר זיך א „קעלנערקע".

„די צוריקגעהאלטענקייט און בעשיידענקייט פון א מיידעל ווערט אבגעלאכט אלס א פאלשע צניעות און די מיינסטע ווירטען, וועלכע ווילען שוין יא „שטרענג אבהיטען די אנשטענדיגקייט און ארדנונג" אין זייערע פלעצע, האלטען פאר'ן גאסט אויב א מיידעל בעקלאגט זיך".

„אהן ספק, אונטער דעם דאזיגען פלוצליכען פערשוואונדען־ווערען פון יעדען ברעקעל טאקט־געפיהל ליגט די אלקאהאלישע ווירקונג: זי איז אבער ניט אליין. עס קומט נאך צו א פרינציפיעלער פארורטהייל: דאס קעלנער־מיידעל ווערט בעטראכט אלס א מינדער וויכטיגע פערזאן, טיילמאל אפילו שאצט מען זי פשוט אלס א פראסטיטוטקע אנטקעגען וועלכער מען מוז, אמת, זיין אביסעל צירליך און מאנירליך, אבער קומען קומט איהר קיין שום זיטליכקייט און קיינע פיינע בענעמונגען!"

דאס טרינקען מאכט דעם מאן און די פרוי ניט בלויז אויסגעלאסען און וואולגאר, נאר אויך נאכלעסיג, אונפארזיכטיג און אונבערעכענט. ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, האב איך געגריפט סטאטיסטיש בעוויזען דאס שייכות פון דער ווענערישער

אינפעקציע צו שכרות, און איך האב אויסגעפונען, אז דריי-פיערטעל פון אלע פאלען איז געווען בעיינפלוסט פון אלקאהאל. דא ניט לאנג צוריק האט דר. לאקווער-וויעזבאדען, אין בערלין, געזאגט אין זעל-ביגען זין דאס פאלגענדע: „דער שכור געהט (שלעפט זיך ארוים) פון דער קנייפע אויף דער גאס... די גאסען-פרוי שפאצירט פארביי, דער האנדעל הויבט זיך אן, דאס אונגליק איז פארטיג — די ווענערישע אנשטעקונג"; אדער מען געהט בשותפות פון דער קנייפע אין באר-דעל און מען טראגט פון דארט ארוים א קאלעקטיווע אנשטעקונג.

דער שענק רייסט אב דעם מאן פון זיין הויזגעזינד; די שכרות פון א פאלק געהט האנד אין האנד מיט זיין סעקסועלער דעגענעראציע. דעם דאזיגען פאקט מוזען מיר גוט געדענקען, מחמת קיין סביבה איז ניט אזוי שעדליך פאר א געזונד געשלעכטס-לעבען ווי יענע, וואו דער אלקאהאל האט די מאכט. די שכרות האט א דירעקטע ווירקונג קעגען דער פערגרעסערונג פון דער בעפעלקערונג. דאס קאן מען זעהען אין רוסלאנד, ווען מען פערגלייכט די וואס טרינקען ניט מיט די וואס טרינקען יא. ניט בלויז דאס כראנישע שכור'ען, נאר אפילו אז איינציג מאל זיך אנ'שכור'ען קאן זיין די אורזאך פון א בלאסטאפטהא-רישע ווירקונג אויף די זאמען. איך וויל דא נאך אמאל דערמאנען די סטאטיסטיק פון דר. בעזזאלא (דאס מאקסימום פון שוואנגער-ווערען מיט אידיאטען). פון די דאזיגע און פון נאך א סך אנדערע פאקטען קאן מען קלאר זעהן די טרויריגע רעזולטאטען פון א געשלעכטס-פער-קער בעת מען איז שכור. איך גופא האב זעהר א סך געשריבען מכח דעם ענין פון ראסען-דעגענעראציע אלס פעולה פון שכרות, אבער איך וויל דא אויך אנרופען דאס בוך "די אלקאהאל-פערגיפטונג און די דעגענע-ראציע" פון בונגע, לייפציג 1904, און אויך מיין בוך „די היגיענע פון די נערוועז און פון דעם גייסט", שטוטגארט 1903. דעמאלט ווען דער אלקאהאל וועט אויפהערען צו זיין א גענוס-מיטעל, וועט א גרוי-סער טייל פון דער געשלעכטס-פראגע ווערען א ברכה און ניט א קללה פאר דער מענשהייט.

רייכטום און ארימקייט. — בעת אויף די פריהערדיגע שטאפלען פון דער ציוויליזאציע האט דער רייכער בעטראכט א סך פרויען און א סך קינדער אלס א בעדינג און אין דערזעלביגער צייט אלס א פרא-

דוקט פון זיין עשירות, זעהען מיר אין אונזער היינטיגער ציווילי־זאציע דעם כאראקטעריסטישען פאקט, אז וואס גרעסער עס ווערט דאס רייכטום אלץ קלענער ווערט די צאל קינדער. ווי מיר האבען געזעהען, זענען היינט־צוטאג קינדער נים מעהר א קוואל פון עשירות: אדרבה, זיי זענען די אורזאך פון א סך הוצאות, בפרט ווערליג דער פאדערונג פון דער מאדערנער צייט. און א חוץ דעם האט דער העכערער סאציאלער שטאנד פון דער פרוי אין איהר בעשאפען א מורא פאר טראגען קינדער. די גרעסערע ראפינירטקייט פון איהר לעבען מאכט זי אויך שוואכער און צארטער, אזוי, אז זי קאן ווענינער אריבערטראגען דעם פראצעס פון טראגען און האבען קינדער. די דאזיגע לעצטע ערשיינונגען, וועלכע דערגרייכען אן אמת פאטהאלאגישען שטאפעל אין אמעריקא, זענען אבסאלוט קרענקליכע אויסוואוקסען פון אונזער קול־טור.

בכלל זעהען מיר, אז א מיטעלמעסיגער וואוילשטאנד, וועלכער גיט די מעגליכקייט פאר א לעבען אהן נויט און אהן זארג פאר דעם טעגליכען שטיקעל ברויט און אונטער גוטע היגיענישע בעדינגונגען. דערביי צווינגענדיג אלץ דעם מענש צו ארבייטען פאר זיין חיונה, האט אלס פעולה דאס בעסטע סעקסועלע צוזאמענלעבען בפרט, און די געזונדסטע און גליקליכסטע לעבענס־פערהעלטניסען בכלל. גע־שלעכטליך ווערט פון דעם עושר א תל צוליב דעם לוקסוס, די עקס־צעסען, דער פוילקייט און מחמת ער איז שוין מיינסטענס נאך אלס קינד פערצוייגען געווארען. דער ארימאן ווידער ווערט צובראכען צוליב דעם דוחק אין עסען, צוליב די אונגעזונדע וואוינונגען, דער פערנאכ־לעסיגטער ערציהונג און די מאוס'ע בייששפילען: זיין לעבען, הגם עס געפינט זיך אויף א פונקט אז אנטקעגענגעזעצטען פאל, איז אין גע־וויסע פונקטען געגליכען צום לעבען פון דעם עושר — דער עקספלו־אטאטאר און דער עקספלואטירטער בעגעגנען זיך דא ביידע אין דער בלאטע. אזוי איז עס צ. ב. אין אלערליי שפיל־הייזער, ביי דער פראס־טיטוציע און ביי די סעקסועלע אבנארמאליטעטען: דארט, וואו דער ארימאן איז דער געלד־ארויספרעסער און דער רייכער איז דער קרבן, בעת דער לעצטער, זייענדיג א סאציאלער עקספלואטאטאר, גיט אינ־דירעקט זיין גרויסע הילף אויפצוהאלטען די פראסטיטוציע.

די כסדר זיך פערגרעסערענדיגע מעגליכקייט אין אונזער היינ־

טיגער אָרדנונג צו קריגען געלד אויף אַלערליי אַנדערע אופנים אַ חוץ דורך ארבייט, מאַכט אַ חרבן פון דעם געשלעכטס-לעבען ניט בלויז ביים פער'תענוג'טען נגיד און ביים פערביטערטען קבצן, נאַר ליידער אויך ביי דעם מיטעל-קלאַס. אַ נאָרמאַל און געזונד געשלעכטס-לעבען איז בלויז דער לוין פון אַ פלייסיגער און ערליכער ארבייט.

ווען די מענשהייט וואָלט געקאָנט ארבייטען פאַר דעם סאָציאַלען וואוילזיין אַהן דעם צו ווערען געריי‏צט פון דעם פריוואַטען געלד-אינ־טערעס, וואָלט דאָס סעקסועלע לעבען באַלד אריין אין זייגע נאַטירלי־כע גרעניצען. אָבער די מיטלען פראַקטיש דורכצופירען די דאָזיגע סאָציאַלע עקאָנאָמיע זענען אויסערגעוועהנליך שווער צו געפינען.

יחוס און שטאַנד. — די אַזוי גערופענע קלאַסען־ און שטאַנד־אונטערשידען האָבען ביז אַ געוויסען שטאַפעל געשפּילט און שפּילען נאָך איצט אַ ראָלע אין דעם געשלעכטס-לעבען. בפרט איז דאָס אמת דאָרט וואו געוויסע מנהגים אָדער פּאַרורטיילען, וואָס האָבען געהערשט אין אַ שטאַנד אָדער קלאַס, האָבען בעשאַפען בעזונדערע הייראַטס־געזעצען. די הייראַט צווישען קרובים ביי דעם הויכען אָדעל און ביי די הערשער פאַמיליעס, וועלכע דאַרפען נאָר חתונה האָבען צווישען זיך, האָט קענטיג געהאַט אַלס פעולה אַ טרויריגע דעגענעראַציע. אורשפּרינג־ליך איז דער געדאַנק געווען, אויפצוהאַלטען דאָס ריינע בלוט פון דעם אָדעל-שטאַנד, און ביז צו אַ געוויסען שטאַפעל איז תחלת אויך געלונגען צו דערגרייכען דעם דאָזיגען צוועק. אָבער אין משך פון דער צייט האָט די דאָזיגע אייגזייטיגקייט פון אַזאַ אויסוואַהל אַ שעדליכע ווירקונג. פון דער אַנדערער זייט „ידער האָט די דאָזיגע שטרענגקייט זייערע קודם כל געהאַט די פעולה, אַז דעם אָדעל-שטאַנד האָט געצוויגען צו געפערליכע קאָנווענציאָנעלע געשלעכטליכע פערבינדונגען אויסער דער הייראַט און צו אויסגעלאַסענקייטען מחוץ למחנה, און דערביי האָבען אָדעלליט און אפילו געקרוינטע לעדיגגעהער זיך פערליבט, ניט חלילה אין אַנשטענדיגע און ארבייטזאַמע מיידלעך, נאָר אין ניט איבעריג צ'ג עה'דיגע שווישפּילערינס, באַלעט-טענצערקעס, היסטערישע סירענעס און כל'ערליי אַנדערע ריזיקאַנטקעס! בעזונדערס זינט דעם אונטער־גאַנג פון דעם פעאָדאַליזם האָט דער אָדעל-שטאַנד פערלוירען דעם אמת'ען יסוד פאַר זיין עקזיסטענץ: ער לעבט נאָר אין זכות פון זיינע

טראַדיציעס און דעגענערירענדיגער פוילענצעריי, אויב ער איז נאָר געטריי צו יענע אַלטע טראַדיציעס און ער פּאַסט זיך ניט צו צו דעם מאָדערנעם לעבען פון אַרבייטען; ער האָט דעמאָלט אין זיך בלויז די אויסגעלאַסענקייט פון זיינע אבות.

די זעהר צווייפעלהאַפטע פּרות פון די ערשט דערמאָנטע ניט פערהייראַטע פערבינדונגען פון דעם אַדעל, זענען אָפטמאָל שפּעטער אויפגעהויבען געוואָרען צו דעם אַדעל־שטאַנד. קעניגען און פירסטען האָבען אויך אָפטמאָל געמאַכט פאַר אַללערלייט אפילו נידעריגע ברואים, וועלכע האָבען פערשטאַנען ווי אַזוי זיך צוצופּאַסען, רייצען זייערע געשלעכטליכע תאוות און זיי שפּעטער אויסנוצען, און דעריבער דאַרף מען זיך ניט חדוש'ען, ווען פון אַזאַ מין צוכטוואַהל זענען אַרויס אַזוינע דעגענערירטע פּרות, אין וועמעס אַדערען עס פליסט דאָס בלוט פון דעם העכסטען אַדעל אויסגעמישט מיט דעם בלוט פון די ערגסטע מענשען און אפילו פון פערברעכערס.

נאָך אַן אורזאַך און אין דערזעלביגער צייט אויך אַ סמן פון דער דעגענעראַציע פון דעם אַדעל־שטאַנד איז די, וואָס אַרימע אַדעללייט, כדי ווידער צו פערגילדען זייער טיטול, האָבען חתונה מיט רייכע יורש'טעס, טעכטער פון באַנקירען, א. דגל., אפילו דעמאָלט, ווען זיי זענען גייסטיג און קערפּערליך הינטערשטעליג. אונזער מאָדערנע צייט האָט די דעגענעראַציע פון דעם אַדעל־שטאַנד נאָך מעהר פערשנעלערט צוליב זיין מיטעל־אַלטערליכען פּאַרורטייל קעגען אַרבייטען און פערדינען די מיטלען צום לעבען; היינט־צוטאַג פעהלט זיי אוים די נויטיגע סביבה פאַר זייערע ריטערליכע העלדען־טאַטען פון מיטעל־אַלטער.

אויך ביי אַנדערע שטאַנדען געפינען מיר געוויסע סעקסועלע אייגענטימליכקייטען. מיר דערמאָנען די בחור'שאַפט פון די קאַטאָלישע גלחים און איהרע שעדליכע פאָלגען; פון איין זייט שליסט זי אוים אַ גרויסען טייל פון דער אינטעליגענץ צו האָבען קינדער און, פון דער אַנדערער זייט, ערמוטיגט זי די געהיימע אויסגעלאַסענקייט (דאָס מתודה זיין זיך א. אז. וו.).

די אָרמעע און די פלאָטע האָט אויך אַ שעדליכע ווירקונג אויף דעם געשלעכטס־לעבען. ערשטענס, האַלטען זיי אויף איינע פון די ני־דעריגסטע און געפערליכסטע פאָרמען פון פּראָסטיטוציע; סאָלדאַטען־הורען זענען שפּריכווערטליך און איין סאָלדאַטען־פּראָסטיטוטקע קאָן

אנשטעקען א גאנץ רעגימענט. צווייטענס, דער מאנגעל אין א נארמאלען געשלעכטס-פערקער איז די אורזאך פון אלערליי פערדארבענקייטען. ווי די פעדעראסטיע און דער אנאניזם. ווייטער, דער פועל יוצא פון זייער טרויריג געשלעכטס-לעבען איז, אז זיי ווערען ביז א הויכען שטאפעל סעקסועל קארופּטירט און שפּעטער, ווען זיי האבען חתונה, ברענגען זיי צו זייערע פרויען, א חוץ אלערליי מאום'ע סעקסועלע געוואוינהייטען, סיפילים און טריפּער: די פעולה איז, אז זיי האבען פערקריפּעלטע קינדער. וואס דערין האט נאטירליך א גרויסען חלק אויך דער אלקאהאליזם. ווידער אויף זיין שטייגער האט פונקט אזא שערליבע ווירקונג דאס פריהער דערמאנטע סיסטעם, וועדליג וועלכען אז ארימען אפּיציר אין דער דייטשער ארמעע, כדי צו קאנען לעבען לויט דעם שטאנד, איז בלויז ערלויבט צו הייראטען א פרוי מיט א געווים פערמעגען.

עס איז געווען א פערגעניגען צו זעהען דעם קאנטראסט צום אויביגען, וועלכען איך האב געפינען אין דער נארוועגישער האנדעלסמארין, וואו די אפּיצירען איז ווענינגסטענס ערלויבט צו וואוינען מיט זייערע פרויען אויף דער דעק פון זייער שיף. אין דער סעקסועלער פראגע קאנען מיר אין א סך פּרטים זיך פיל אבלערנען פון נארוועגען. איז דען די איינפירונג ניט אי שעהן און אי גערעכט, וואס פאר פרויען וואס רייזען צוזאמען מיט זייערע מענער אויף שיפען (עס הייסט, אז איצט איז דאס אייגענע אויך איינגעפירט אויף די אייזענבאנען) ווערט בלויז גערעכעט א האלבער פרייז — ווערט דערמיט ניט ערמוטיגט דאס פאמיליען-לעבען!

די איבריגע שטאנדען האבען בכלל א ווייניגער שארפען איינפלוס אויף דעם געשלעכטס-לעבען. אבער יעדע סעקסועלע אבזונדערונג פון א שטאנד האט א ניט גינסטיגע ווירקונג. איבעראל וואו צוליב פארורטיילען פון א שטאנד. א קלאס מענשען שליסט זיך אויס פון איבריגען פאלק און האט חתונה בלויז צווישען זיך, זעהען מיר אלס א פעולה דערפון געוויסע ספּעציעלע דעגענעראציעס. ניט דער הויכער שטאנד דארף זיין דער ציל פון דער פאזיטיווער צוכטוואהל, נאר דער אמת'ער אינווענינגסטער יחוס, וועלכער איז די מתנה פון דער גוטער מענשליכער קוואליטעט אהן אונטערשייד פון קלאסען.

דאָס אינדיווידועלע לעבען. — עס איז ניט דאָ דער קלענסטער ספק, אַז דער אופן ווי אַ יחיד לעבט, האָט אַן איינפלוס אויף זיין געשלעכטס-לעבען. בכלל ווערט דער געשלעכטס־טריב פערשטאַרקט ווען מען האָט אַ בעקוועם לעבען, מען עסט גוט און מען אַרבייט וועניג פיזיש, בעת אַ דוחק אין עסען און אַ שווערע קערפערליכע האַראַוואַניע פערקלענערט דעם געשלעכטס־טריב. די גייסטיגע אַרבייט האָט אַ פערשידענערליי ווירקונג. בעת אַ בעוואוסטער פאַרשער און פסיכאַלאָג האָט מיר פערזיכערט, אַז יעדע אַנגעשטרענגטע גייסטיגע אַרבייט רעגט איהם אויף געשלעכטליך, האָבען מיר אַנדערע געזאָגט פונקט דאָס פערקערטע. בכלל ווערט דער געשלעכטס־טריב פערשטאַרקט דורך אַן אַרבייט ביי וועלכער מען דאַרף זיצען, און ער ווערט פערקלענערט דורך אַ לעבען פול מיט בעוועגונג. אָבער דערביי שפּילען אויך מיט אַנדערע איינפלוסען.

מיר האָבען געזעהען דעם געוואַלדיגען איינפלוס פון אַלקאָהאָל אויף דעם געשלעכטס־לעבען, ווי פון איין זייט פערקלענערט ער די פּאָטענץ בעת פון דער אַנדערער זייט פערשטאַרקט ער און פערדאַרבט דעם טריב. אויף אַביסעל אַן אַנדערען אופן ווירקען די אַלערליי קינסטליכע רייצמיטלען פון דעם געשלעכטס־טריב, וועלכע זענען די פּרות פון אונזער ציוויליזאַציע, פון אונזער זשעדנעקייט נאָך געלד. דעם דאָזיגען ענין האָבען מיר בעהאַנדעלט ווען מיר האָבען גערעדט מכח דער פּאָרנאָגראַפיע. עראָטישע בילדער, פּאָרנאָגראַפישע ראָמאַנען און דראַמעס, קאַבאַרעטען, אַ. אַז. וו., בעשאַפען אַן אונגעזונדע אַטמאָספערע אין אונזערע קולטור־צענטערס און זי האַלט אין איין רייצען און פערוויסטען דעם געשלעכטס־טריב. ווער עס פאַלט אַריין אין אַזאַ סביבה ווערט מיינסטענס באַלד אַנגעשטעקט פון דעם דאָזיגען ריח, אויב אַ טיפער עקעל שטויסט איהם ניט אָב. וואָס צאַרטער עס איז דער ריח פון יענער פּער׳סם׳טער אַטמאָספערע, וואָס גראַציעזער און עסטעטישער די פיינקייט מיט וועלכער מען קיצעלט די חושים, אַלץ לייכטער ווערט מען פערפירט.

דאָס צוזאַמענלעבען פון ביידע געשלעכטער איז אַ פראַגע וועלכע שפּילט אַ כאַראַקטעריסטישע ראָלע. מיר האָבען געזעהען אין קאַפּיטעל 6, אַז דאָס צוגעוואוינטע צוזאַמענזיין פון מיידלאך און אינגלעך פון

קינדווייז אז, טעמפט בכלל אב דעם סעקסועלען רייץ צווישען זיי, פונקט א שטייגער ווי צווישען שוועסטער און ברידער. אין אלגעמיין געפינען מיר אביסעל אן ענליכע ערשיינונג ביי א פריי צוזאמענזיין פון ביידע געשלעכטער אין פערשידענע צווייגען פון דער מענשליכער טעטיגקייט, צ. ב. אין שולען, ביי דער לאנד־ארבייט און איבערהויפט ביי געמיינשאפטליכע ארבייטען און אונטערהאלטונגען.

פונדעסטוועגען האט דער דאזיגער כלל געוויסע אויסנאהמען און בעדינגען, און ער דארף דעריבער ניט גענומען ווערען דאגמאטיש. אונטער געוויסע אומשטענדען וועט אן אינטימער צוזאמענלעבען פון ביידע געשלעכטער פירען צו שלעכטע און אפילו צו פערווערזע סעקסועלע רייצונגען. דאס דאזיגע טרעפט מיינסטענס ווען דער אלקאהאל האט דערביי אויך אן איינפלוס, און ביי פסיכיש אדער נערוועז אבנארמאלע מענשען. עס איז צ. ב. א געוואלדיגער טעות, ווען א דירעקטאר פון א משוגעים־אנשטאלט ארגאניזירט בעלער פאר די גייסטיג־קראנקע פון ביידע געשלעכטער, ביי וועלכע עס ווערט געטרונקען ביר און אנדערע אלקאהאלישע געטראנקען. בלויז שלעכטס האב איך געזעהען דערפון; פערקערט אבער האב איך דערגרייכט די בעסטע רעזולטאטען ווען איך האב ביי דעם געמיינשאפטליכען פערברענגען פון די גייסטיג־קראנקע פערמידען אלע אלקאהאלישע געטראנקען אזוי גוט ווי איטליכע מעגליכקייט צו א געשלעכטליכער אויפרעגונג, דער עיקר דאס טאנצען און דאס צוזאמענקומען־זיך פון סעקסועל רייצבארע און פערווערזע אינדיווידוען. איך בין איינמאל קאנסולטירט געווארען פון א מיידעל, וועלכעס האט געליטען פון א סעקסועלער אויפרעגונג און אגאניזם קאמפליצירט מיט א נערוועזען צושטאנד, בעקלאגענדיג זיך פאר מיר, אז אלס טעלעגראפיסטקע קומט איהר אויס צו ארבייטען צוזאמען מיט יונגע מענער, ווערענדיג דעריבער כסדר געשלעכטליך גערייצט אהן צו ווערען בעפרידיגט.

פון דעם דאזיגען לעצטען פאל, וועלכער איז א גאנץ געוועהנליכע זאך ביי ביידע געשלעכטער, קאנען מיר זיך אנשטויסען אויף א וויכטיגען פונקט. אמת, דאס צוזאמענלעבען פון ביידע געשלעכטער איז נאטירליך און נארמאל, אבער בלויז אויף דעם בעדינג, אז עס קאן סוף כל סוף פירען צו דעם נארמאלען געשלעכטס־פערקער פון די גערייצטע און פערליבטע. די כסדר'דיגע אויפרעגונג אהן א בעפרידי־

גונג איז אי נים געזונד און אי נים נאָרמאַל. ווער עס וויל פירען א געשלעכטליך צוריקגעהאַלטען לעבען, צוליב רעליגיעזע אָדער אַנדערע טעמים, דאַרף זיך נים בסדר רייצען דורך אַ צו אינטימען אָדער אַ צו אָפטען קאָנטאַקט מיט דעם צווייטען געשלעכט; אדרבה, ער זאָל פֿער־מיידען אַלצדינג, וועלכעס רעגט איהם אויף, און זוכען דאָס, וואָס שוואַכט אָב דעם געשלעכטס־טריב. עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב דאָ וועניגער אין זין יענע מענער אָדער פרויען, וועלכע זענען סעקסועל קאַלט אָדער אינדיפערענט.

דעריבער זענען געוויסע בעשעפטיגונגען, צ. ב. די אַרבייט פון די אַנגעשטעלטע אין קראַמען, טעלעגראַפיסטען, א. אז. וו., וועלכע ברענגט נאָהענט צוזאַמען ביידע געשלעכטער, אַ מין שווערט מיט צוויי שאַר־פען און רייצט אָדער קיהלט אָב וועדליג דער נאַטור פון דעם איני־דיווידיום. אַזוינע בעשעפטיגונגען ווידער, וועלכע זענען בעצם מאָ־נאָטאָן און אונגעזונד און וועלכע געהען האַנד אין האַנד מיט שלעכטע וואוינונגען און דוחק אין עסען, אַ חוץ אַלערליי פערפירונגען, אַ שטיי־גער די בעשעפטיגונגען פון די פֿאַבריק־אַרבייטער, זענען אַבסאָלוט שעדליך פֿאַר דעם געשלעכטס־לעבען. דער צושטאַנד איז גאָר אַ טרוי־ריגער אין פאַל ביידע געשלעכטער אַרבייטען צוזאַמען, און ער ווערט נים פיל בעסער ווען זיי זענען בלויז אָבגעזונדערט בעת די אַרבייטס־שטונדען.

ציימונגען און אַנאָנסען. — אַ גרויסער טייל פון די אַלערליי סעקסועלע מיסברויכען ווערט בעגאַנגען פון דער פרעסע. פון איין זייט זענען פאַראַן כל המינים פּאָרנאָגראַפישע ציימונגען, אויך אַזוינע וואָס טראָגען אויף זיך דעם מאַנטעל פון קונסט, וועלכע לעבען בלויז אויף סעקסועלע סקאַנדאַלען, סענזאַציאָנעלע פּראָצעסען און פון זייער רייצען אַ קרענקליכען עראָטיזם; און פון דער אַנדערער זייט ווערען אַלע שפּאַלטען פון דער אַנאָנסען־אָבטיילונג אויסגענוצט אויף אַלערליי מינים און אופנים פון די באָרדעלען און פון דער פּראָסטיטוציע: היי־ראַטס־ביוראָס, מעבלירטע צימערען, פערשידענע ראַנדעוואו־פּלעצער, הלוואות — פּאַר אַ סעקסועלער רייצונג, א. אז. וו. אויך די האָמאָ־סעקסואַליסטען, אַלגאָלאַגניקער, א. אז. וו., בענוצען זיך מיט די אַנאָנ־סען פון געוויסע ציימונגען.

געוויסע פראפעסיעס, א שטייגער דאס שוועדישע מאסירען, פריזיר־שעפער, באד־פלעצער א. דגל., זענען אפטמאל ניט מעהר ווי א מאסקע פאר דער פראסטיטוציע. דאסזעלביגע איז אויך מכח די מעדיצינישע שווינדלען און מכח דעם אזוי־גערופענעם אקולטיזם (זעה דעם סוף פון קאפיטעל 14).

אינטערנאטען. — אן אייגענטימליכען איינפלוס אויף דעם געשלעכטס־לעבען האבען אלע אינטערנאטען, ד. ה. אלע אינסטיטוטען, וואו איין און דאסזעלביגע געשלעכט לעבט צוזאמען פאר א לאנגען משך אין איין גרויסען אנשטאלט. אלס אזוינע קאנען מיר אנרופען די אלע קלויסטערם און שולען אין וועלכע די שילער וואוינען, ווי צ. ב. די פראנצויזישע ליצעומס.

די גרויסע שאטענזייט פון די דאזיגע אלע אינסטיטוטען ליגט אין דער סכנה פון אן אנשטעקונג פון אנאניסטישע און האמא־סעקסועלע געוואוינהייטען. די האמא־סעקסואליסטען (זעה קאפיטעל 8) ווערען סיי ווי סיי שטארק צוגעצויגען צו אזוינע אינסטיטוטען, און מכח דעם דארף מען זיך אויך ניט שטארק חדוש'ען. דארט געפינען זיי דאס געבענשטע ארט, וואו זיי קאנען אין דער רוהיגסטער שטילקייט און בעקוועמליכקייט נאכגעבען זייערע ליבעס־ליידענשאפטען. און זיי קומען אריין אין דעם שלאפזאל פון אזא אינסטיטוט מיט אזוינע געפיהלען ווי א שטייגער א נארמאלער מאן קומט אריין אין א שלאפזאל פון אן אינטערנאט פאר מיידלעך. מכח דער דאזיגער זייט פון דעם ענין האט מען גאר ווייניג געטראכט בעת מען האט ארגאניזירט די אינטערנאטען פאר אינגלעך אדער פאר מיידלעך, מחמת פריהער האט מען ניט געוואוסט, אז די האמא־סעקסועלע אינסטינקטען קומען בירושה; מען האט זיי בעטראכט אלס די פעולה פון שלעכטע געוואוינהייטען. די משוגעים־אנשטאלטען האבען א בעזונדערע אנציהונגס־קראפט פאר די האמא־סעקסואליסטען, מחמת אלס פלעגערם אדער פלעגערינם האפען זיי דארט צו קאנען בעפרידיגען זייער ליידענשאפט מיט די גייסטיג־קראנקע פון זייער אייגען געשלעכט אויף וועלכע זיי דארפען אויפפאסען, אהן דערביי צו ווערען ענטדעקט.

אבער אפילו ווען מען איז ניט קיין האמא־סעקסואליסט, און צי מיט אדער אהן צו זיין פערפירט פון האמא־סעקסואליסטען, זוכען

א סך עראטישע אינדיווידועז צו בעפרידיגען זייער געשלעכטס־טריב אין אזוינע אינסטיטוטען — די מענער דורך פעדעראסטיע, די פרויען דורך לעסבישע ליבע אוןביידע געשלעכטער דורך א געגענזייטיגען אנאניזם. די גרעסטע געפאר איז דעריבער די, וואס צווישען דער גרויסער צאל מענשען קאן זיך לייכט אריינשלייכען איין געשלעכטליך פערוועריזער מענש, וואס ער אליין קאן אנשטעקען, ד. ה. פערפירען א סך אנדערע, און וואס אזוינע פאלען זענען דארט שווערער צו קאנ־טראלירן איידער אין א פאמיליע. אין א סך שול־אינטערנאטען פעהלט די נויטיגע אויפפאסונג. אבער א סך ערגער נאך איז, ווען צווישען לעהרער און שילער איז דא ווייניג צוטרויען.

אלערליי. — עס וואלט מיך צו ווייט אוועקגעפירט, ווען איך וואלט געוואלט שילדערען אלע מעגליכע איינפלוסען פון דעם ארומיגען לעבען. אבער פון די געברענגטע ביישפילען קאן מען ווידער זעהען, אז ביי א נאטירליכען טריב ווי דער געשלעכטס־טריב, פירען ביידע עקסטרעמען, דער אסקעטיזם און די עקסצעסען, צו שלעכטע און אונ־נאטירליכע אויסוואוקסען און, אז דער וויכטיגסטער סך הכל איז, פאר א געזונד סעקסועל לעבען צו געפינען אדער צו בעשאפען א געזונדע סביבה.

ווען מען רעדט פון ליבע הערט מען אפטמאל דערמאנען די ווער־טער מזל און צופאל. עס איז אויך אהן ספק, אז צופעליגע אומשטענדען בעשטימען אפטמאל דאס גליק אדער אונגליק אין דער ליבע פון א יחיד אבער דערפאר טאקע איז נאך טרויריגער, וואס אונזערע אזוי־גערופענע געזעלשאפטליכע גוטע מדות און מנהגים מאכען אזוי שווער צו פער־בעסערען די טעותים און מיספערשטענדניסען פון דעם גאט פון ליבע. אט דא דארף קומען די הילף: דעמאלט וואלטען מיר געהאט ווייניגער ליבעס־טראגעדיעס, און דאס, וואס די שווערע אדער בייזע איינפלוסען פון דער סביבה האבען בעשעדיגט, וואלט מען געקאנט צוריק גוט מאכען דורך שיידונג אדער דורך אן ענדערונג, ווען מען וואלט נאר געהאט די מעגליכקייט דאס צו טון אין דער ריכטיגער צייט.

קאפיטעל XII.

רעליגיע און געשלעכטס־לעבען.

ראשית כל לאז איך וויסען, אז אונטער רעליגיע פערשטעה איך דא סיי דאס אזוי־גערופענע רעליגיעזע געפיהל און סיי די קירכליכע דאגמעס. לערנענדיג דרש האט מען היינט־צוטאג די טענדענץ צו לעגען דעם הויפט־טראפען אויף דעם ר ע ל י ג י ע ז ע ן ג ע פ י ה ל, עס צו דעפינירען אלס א נעפעלדיגע קאמפליקאציע פון דער עמפינדונג איידער געדאנק און געפיהל צושיידען זיך, אלס אן אינטואיטיווע אויפפאסונג פון דעם אוניווערזום, וועלכע נעהמט ארום די נשמה מיט א טיפען עקסטאז און אין וועלכער עס טאגט אויף דער איך. דעם דאזיגען אינדיווידועלען נעפעל פון דעם געפיהל קאן מען אנווענדען צו אלצדינג, אבער קיין ממשות'דיגע זאך קאן מען דערמיט ניט אנהויבען.

די עטהנאגראפיע האט אונז געלערנט דעם העכסט אינטערעסאנטען פאקט, אז די מענשליכע שבטים האבען אין לויף פון דער צייט, אפטמאל אונבעוואוסט, אורשפרינגליך די סאמע וואכעדיגסטע מנהגים געמאכט פאר טיילען פון זייער רעליגיע, טיילמאל צושרייבענדיג זיי א געטליכען ..רשפרונג, אדער דערקלערענדיג זיי אלס די געבאטען פון גאט, אדער צוקניפענדיג זיי צו אנדערע דאגמעס, אדער פערוועבענדיג זיי מיט רעליגיעזע תפלות, א. אז. וו. אין דעם דאזיגען שייכות שפילען די סעקסועלע פערהעלטניסען א זעהר וויכטיגע ראלע. א גרויסע צא? רעליגיעזע צערעמאניעס און מנהגים זענען קיין שום אנדערע זאך ווי סימבאליזירטע מנהגים פון דעם געשלעכטס־לעבען (אין א ברייטען זין); און ווידער אנדערע דאגמעס האבען בלויז דעם צוועק צו געבען די סעקסועלע מנהגים א רעליגיעזען אונטערשלאג און דערמיט זיי צו געבען א מעהר בינדענדיגע קראפט. פון זייער זייט ווידער

ווירקען זיי שפּעטער געוואַלדיג צוריק אויף דעם געשלעכטס-לעבען, און אויף דעם אופן, ווי אַזוי דאָס גאַנצע געשלעכטס-לעבען ווערט בעגריפען. כשוף און כשוף־מאַכעריי זענען דערמיט ענג פערבונדען. „דער גאַנצער כשוף קומט פון דער תאוה“, האָט אַן אַלטער אינדיאַנער געזאָגט צו דעם עטהנאָגראַף מאַרטיוס. מיר ווילען דאָ געבען עטליכע קלאָרע ביישפּילען.

ביי מכשפים און ביי דער כשוף־מאַכעריי שפּילען סעקסועלע עקסצעסען און פּערווערזיעס אַן עיקר־ראָלע. מיר האָבען געזעהן אין קאַפּיטעל 6, אַז די פּאָליגאַמיע פאַלט מייסטענס צוזאַמען מיט דעם אייגענטום און מיט דער קויף־הייראַט און, אַז זי האָט אין זיי איהרע היסטאָרישע וואָרצלען. אָבער דערפאַר, וואָס צום ביישפּיל ביי די מאָהאַמעדאַנער און ביי די מאָרמאָנען איז זי געוואָרען אַ טייל פון די רעליגיעזע דאָגמעס, האָט די גאַנצע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע פון יענע פעלקער אָדער רעליגיעזע סעקטען, און זייער גאַנצער געדאַנקענגאַנג, בעקומען אַן אייגענאַרטיגען כאַראַקטער. פּראַקטיש זענען מיר פּונקט אַזוי פּאָליגאַמיש ווי זיי, אָבער מיר האָבען אַ מאָנאָגאַמישע בעת זיי האָבען אַ פּאָליגאַמישע סעקסועלע מאָראַל, און מיר ביידע פעררופען זיך אויף די בעזונדערע „געטליכע געבאָטען“. זונדערבאַרע רעליגיעזע בעגריפען פון געוויסע הינדוער (בודהיסטען) האָבען געפירט צום געבאָט, אַז ווען דער מאַן שטאַרבט מוז די פרוי מיטגעהען אין זיין קבר, וואָס דאָס פערשטעהט זיך שניידט זיך טיף אריין אין דעם געשלעכטס-לעבען. ביי אַ סך ווילדע פעלקער לעבט אַ מנהג, לויט וועלכען די פרוי קריגט ירושה, וועלכעס הויבט זי אויף צו אַ העכערען סאָציאַלען שטאַפּעל. אויף דעם דאָזיגען מנהג האָט מען אויך אַרויפגעצויגען אַ רעליגיעזען שלייער, בעת אורשפּ׳ ינגליך שטאַמט ער פּשוט פון דעם נאַטירליכען געדאַנק, וואָס די מוטער איז אַ סך נעהענטער פערבונדען מיט די קינדער אײדער דער פאָטער. אַן ענליכען מנהג האָבען מיר געפינען ביי די פּאָלינאַמישע גאָאַזשירען (אינדיאַנער) פון קאָלאָמביע.

די פליכט פון דעם מאַן חתונה צו האָבען מיט זיין ברודער׳ס אַלמנה, איז אורשפּריגגליך אויך געווען ניט מעהר ווי אַ וואַכענדיגע פּאָדערונג בכדי צו רעגולירען די חתונה, וועלכע איז אין משך פון דער צייט אויפגעהויבען געוואָרען צו אַ רעליגיעזער דאָגמע. דער מנהג פון

מל זיין ביי די אידען האט תחלת פונקט אזוי ווייניג געהאט צו טון מיט דעם רעליגיעזען גלויבען; די מילה איז געווען א ריין היגיעניש‏ער מנהג. פונדעסטוועגען האט די מילה אין דער אידישער רעליגיע שפּעטער געשפּילט פונקט אזא וויכטיגע ראָלע ווי דאס שמר'ען אין דער קריסטליכער רעליגיע, און די וויכטיגקייט איז פערבליבען עד היום הזה. פאר דעם אידישען פאלק האט זי די מעלה וואס זי פערהיט ביז גיט קיין קליינעם גראד קעגען ווענערישע אנשטעקונגען, און טיילווייז אויך קעגען אנאניזם.

קאטאָליציזם. — מיר האבען שוין גערעדט מכח דער בחור'שאפט פון די קאטאלישע גלחים און מכח איהר אורשפּרונג. אבער אין דער קאטאלישער רעליגיע געפינען מיר א גאנצע רייה פון פארשריפטען און כללים — וועלכע זענען ערשט שפּעטער געווארען רעליגיעזע דאגמעס — מכח דעם געשלעכטס-פערקער בכלל און מכח דער חתונה בפרט, און די דאזיגע פארשריפטען, מחמת זיי בעשטימען ביז א הויכען שטאפּעל די געדאנקען און די מדות אין די גרעניצען פון דעם געשלעכטס-לעבען, האבען אויך א בעדייטענדען איינפלוס אויף דעם ס א צ י א ל ע ן לעבען.

דער אבסאלוטער פערבאט זיך צו גט'ען (וואס גאט האט צוזאַמענגעפּארט, טאר דער מענש ניט צושיידען) פערזינדיגט פאר אייביג די אונגליקליכסטע חתונות, און די פעולה איז כל'עדליי קערפּערליכע שיידונגען, צוריסענקייט פון דער פארפעלקער און געשלעכטליכע פערבינדונגען אויסער דער הייראט. די קאטאלישע קירך שרייבט פאר, בעזונדערעס דורך ליגוארי, אלע מעגליכע איינצעלקייטען בנוגע צום געשלעכטס-פערקער אין דער הייראט. עס איז צ. ב. א זינד ווען די פרוי לעגט זיך אויף דעם מאן און ניט פערקערט. עס ווערען געגעבען די נויטיגסטע כללים און פארשריפטען מכח דער פאזיציע און דעם בענעמען-זיך ביים געשלעכטס-פערקער, וועדליג וועלכע דער פרוי קומט אוים צו שפּילען א ניט פאסיגע און ניט ווירדיגע ראלע, בעת דעם מאן ווערט געגעבען די גרעסטע פרייהייט. ווייטער איז א שטרענג קאטאלישער דין צו האבען כסדר קינדער כל זמן מען קאן נאר שוואנגערען, מחמת אלע פערהיטונגס-מיטלען קעגען שוואנגערשאפט בעת דעם געשלעכטס-פערקער זענען שטרענג פערבאטען, אזוי

אז א פארפאלק האט בלויז צוויי ברירות: אדער זיך פולשטענדיג צוריקצוהאלטען פון געשלעכטס־פעלקער (אויבביידע זענען דערצו מסכים) אדער כסדר צו בעשאפען קינדער, אויב די פרוי איז זעהר פרוכטבאר. די פרוי טאר זיך קיינמאל ניט אבזאגען פון א געשלעכטס־פערקער מיט איהר מאן, און דער מאן טאר זיך אויך ניט אבזאגען צו פערקערען מיט זיין פרוי, כל זמן ער איז נאר פעהיג דערצו. מען קאן לייכט זעהען, וואסערע געוואלדיגע ווירקונגען די דאזיגע פארשריפטען מוזען האבען אויף דעם פערהייראטען לעבען פון די קאטאליקען און אויף דער צאל און קוואליטעט פון זייערע קינדער.

דאס מתודה זיין זיך—דאס מתודת זיין זיך פערדינט דא אונזער בעזונדערע אויפמערקזאמקייט. דער בערימטער רעפארמער פון קאנאדא, שעניקווי, וועלכער האט א סך יאהרען אין דעם דארטיגען קאטאלישען קלעריקאליזם געשפילט אן אנגעזעהענע ראלע און איז געקומען אין בערירונג מיט די פראמינענטסטע מענשען, אבער וועלכער איז שפעטער אריבער צום פראטעסטאנטיזם, דערמאנט אין זיין בוך „פופציג יאהרען אין דער רוימישער קירך", אויף זייט 151, די פונקטען ביי וועלכע דער גלח דארף זיך האלטען בעת ער פרעגט אויס די בעלי־תשובות פון ביידע געשלעכטער. שעניקווי'ן קאן מען ניט חושד זיין אין ניט־באהאוונטקייט. ער האט די קאטאלישע קירך ניט פערלאזען מיט א לייכט הארץ: ערשט נאך א לאנגען און ביטערען קאמף מיט זיין געווי סען, נאך טיפע פערצווייפלונגען אין א משך פון א סך יאהרען האט ער פערלאזען דעם קאטהאליציזם. דאס קאפיטעל מיט די דערמאנטע פונקטען הויבט ער אן מיט די פאלגענדע ווערטער:

„זאלען די געזעצגעבערס, די פאטערס און די מענער פון פרויען לעזען דאס דאזיגע קאפיטעל און שפעטער זיך אליין פרעגען, אויב דער דרך ארץ, וועלכען זיי זענען שולדיג צו זייערע מוטערס, צו זייערע פרויען און צו זייערע טעכטער לעגט אויף זיי ניט ארויף א חוב, זיי צו פערביטען דאס געהיימע מתודה־זיין־זיך פאר דעם גלח. ווי קאן גאר א מיידעל בלייבען ריין אין הארץ און אין גייסט נאך אזא געשפרעך צווישען פיער אויגען מיט א ניט פערהייראטען מאן ? ווערט זי דען ניט גיכער צוגעגרייט פאר דעם תהום פון אויסגעלאסענקייט איידער פאר דעם פערהייראטען לעבען?"

די דאזיגע ווערטער שרייבט א מאן, וועלכער האט אליין צענדליגער יאהרען געמוזט זיין א בייכטפאטער, און ער האט געזעהן, ביז וואסערען שטאפעל דאס געהיימע מתודה־זיין־זיך פלעגט סעקסועל קארופטירען סיי די פרויען און סיי די גלחים. עס פערשטעהט זיך, אז גלחים און פרויען, וועלכע האבען געהאט א שטארקען כאראקטער, און בעזונדערס ווען זיי זענען געווען סעקסועל קיהלע נאטורען, זענען געווען בכח בייצוקומען די דאזיגע געשלעכטליכע אויפרעגונג. אבער דאס מתודה זיין זיך האט דאך גראד אמווענינגסטען צו טון מיט אט די דאזיגע מענשען!

איך האב ערהאלטען שארפע פראטעסטען פון די קאטאלישע קרייזען קעגען די אויבינגע בעהויפטונגען. מען פריפט פערשטעהט זיך שעניקווי'ן אוועקשטעלען אין א פאלש ליכט און צו זיינע ווערטער ארויסרופען א ספק. דאס קאן אבער ניט אזוי לייכט געלונגען, מחמת די פאקטען רעדען צו הויך און זיין כאראקטער איז געווען צו גרויס. פונדעסטוועגען בין איך צופרידען צו גלויבען, אז אין ציוויליזירטע לענדער — און ניט אין דעם קאנאדא פון יענער צייט — ווערען די דאזיגע זאכען מילדער בעהאנדעלט אוז, אז לפנים־וועגען פערלאזט מען זיך אויף דעם גלח'ס טאקט און קלוגשאפט וואסערע פראגען צו שטעלען, אזוי, אז אויף דעם אופן איז ער ניט געצוואונגען א יונג מיידעל אויסצופרעגען וועגען אויסנעלאסענע זאכען. יעדענפאלס האט ער אבער א רעכט דערצו. צוליב די אויבינגע פראטעסטען האב איך כלומרשט אהן אבזיכט און בדרך אגב, מכח דעם דאזיגען ענין געפרעגט א זעהר ערליך, טריי, אנשטענדיג און עלטער מיידעל, וועלכע איך קען שוין פאר א לענגערער צייט אלס שטרענג קאטאליש. ניט לאנג טראכטענדיג האט זי מיר געזאגט, אז ביים מתודה־זיין־זיך פרעגט אוים דער גלח זעהר א סך און, אז ער בעגעניגענט זיך אבסאלוט ניט מיט דעם, וואס מען איז זיך ספאנטאן אליין מתודה. אויף מיין פראגע אויב ער פרעגט פיל וועגען סעקסועלע זאכען, האט זי געענטפערט: „הויפטזעכליך“. איך האב זי מעהר ניט געפרעגט. די דאזיגע פולשטענדיג פערטרויענסווערטע און אבסאלוט ניט בעיינפלוסטע דערקלערונג זאגט אלצדינג אוים.

רעליגיעזע צניעות. — די פעולה פון דער דאזיגער קאמבינא־

ציע פון דעם געשלעכטס־לעבען מיט רעליגיעזע דינים איז א געמיש פון א גארישער צניעות מיט אן אונטערדריקטע עראטיזם. אין געוויסע קאטאלישע ערציהונגס־קלויסטערס (צ. ב. די קלויסטערס פאר נאָ־נעס אין גאליציען) ערלויבען ניט די נאנעס זייערע שילערינס זיך צו וואשען זייערע געשלעכטס־טיילען, מחמת דאס איז ניט אנשטענדיג! אין דייטש־עסטרייך פערדעקען מיינסטענס די נאנעס דעם קרוציפיקס אין זייער שלאפצימער מיט א טיכעל, „כדי קריסטוס זאל חלילה ניט דערזעהען זייער נאקעטקייט!“ אבער גראד די קלויסטערס זענען אין מיטעלאלטער געווען אפטמאל באָרדעלען; און אין זיי ווערט גאר ניט אזוי זעלטען, כלומרשט מיט דעם תרוץ פון א רעליגיעזער התלהבות, פון צבוע'אקעס און היסטעריש־עראטישע מענער און פרויען, געפייערט די ערגסטע, אפטמאל פערווערזע סעקסועלע ארגיעס. דער פועל יוצא פון א געצוואונגענעם אסקעטיזם איז די אויסגעלאסענקייט, פונקט ווי פון יעדער „זינד קעגען דער נאטור“.

האטענטאטען און יעוונוכען. — ביי די האטענטאטען ווערען די קליינע שאמליפען ביי די פרויען קינסטליך פערלענגערט: און אויף דעם אריענט זענען פערשפרייט די יעוונוכען. אויך די דאזיגע אפעראַ־ציעס, וועלכע פאר זיך האבען זיכער גאר ניט צו טון מיט דער רע־ליגיע און זענען אורשפרינגליך געווען פשוט'ע און וואכעדיגע מנהגים, זענען שפעטער געווארען רעליגיעזע דינים און האבען זיך דעריבער ערשט דעמאלט טיף איינגעווארצעלט אין די מנהגים פון דעם פאלק.

רעליגיעזער עראטיזם. — די ביישפילען וועלכע מיר האבען דא געבערענגט (זעה אויך קאפיטעל 6) זענען גענוג כדי צו ווייזען, ווי דער מענש איז גענייגט אנצוטון א רעליגיעזען שלייער אפילו זיין עראטיזם, ווי ער שרייבט איהם צו א געטליכען אורשפרונג, געטליכע געבאטען און דערקלערט איהם אלס הייליגקייט. אט אזוי ארום דרינגט אריין אויף אן אינדירעקטען אופן און די נאטירליכע פערהעלטניסען פון דעם געשלעכטס־לעבען דער אומנאטירליכער איינפלוס פון א מיסטיציזם וועלכער איז קיין שום אנדערע זאך ווי דער קריסטאליזירטער פראדוקט פון די מענשליכע פאנטאסטישע בילדער, וועלכע ער האט אויפגעהויבען צום שטאפעל פון רעליגיעזע דאגמעס. וועדליג מען זעהט, זענען עס טיילמאל גראד די ערגסטע אויסגעלאסענקייטען, וועלכע האבען בימ־

לעכווייז געווינען דעם זיגעל און די מאכט פון רעליגיעזע דינים; בעת געוויסע אנדערע מנהגים זענען געבויט אויף דעם יסוד פון גוטע היגיענישע כללים.

אבער אין דעם געביט פון דער סעקסועלער פאטהאלאגיע בעווייזט זיך אפשר דאס שייכות צווישע רעליגיע און געשלעכטס-לעבען אמשארפסטען (זעה קאפיטעל 8). מיר דארפען ניט פערגעסען, אז דער פאקט פון פארטפלאנצונג איז אין די אויגען פון אונוויסענדע, און בפרט פון בארבארישע פעלקער, איינער פון די טיפסטע סודות. די דיאזיגע פעלקער האבען ניט קיין בעגריף פון די זאמען-צעלען און זייער קאניוגאציע (פעריינינונג), און אין דעם שוואנגער-ווערען, געבורט, א. אז. וו. זעהען זיי די וואונדער פון א פערבארגענער העכערער מאכט — פון א גאט; און טיילמאל אויך פון טייפעל. די שטארקע אויפרעגונג פון די געפיהלען, וועלכע שטראמט צוזאמען מיט דעם געשלעכטס-טריב און מיט דער ליבע, טרייבט דעם מענש סיי ווי צו אן עקסטאז; דעריבער איז זיך ניט דא וואס צו חדוש'ן ווען דער עראטיזם איז שטענדיג צונויפגעוועבט מיט געפיהלען פון א רעליגיעזען עקסטאז.

אין זיין בוך „פסיכאפאטהיא סעקסואליס" האט קראפט-עבינג מיט רעכט אנגעוויזען אויף דעם דאזיגען פאקט. אין די טונקעלע און אונבעשטימטע געפיהלען פון דער וואקסענדיגער יוגענד מישט זיך לייכט אוים רעליגיע, פאעזיע און עראטיזם. אין דעם לעבען פון די הייליגע געפינען מיר אייביג סעקסועלע נסיונות, ביי וועלכע די העכסטע און אידעאלסטע געפיהלען מישען זיך אוים מיט די ווידערליכסטע מאוס'סטע עראטישע פאנטאזיעס. אויף דיזעלביגע יסודות האבען זיך ענטוויקעלט די סעקסועלע ארגיעס בעת די רעליגיעזע ימים-טובים אין דער אלטער וועלט,אזוי גוט ווי ביי געוויסע פאנאטישע סעקטעס פון דער נייער צייט. דער מיסטיציזם, דער רעליגיעזער עקסטאז און די סעקסועלע תאוה פערבינדען זיך אפטמאל אין אן אמת'ער דריי-ייניגקייט, און ניט זעלטען זעהט מען ווי די ניט בעפרידיגטע ליידענ-שאפט זוכט און געפינט א בעפרידיגונג אין א רעליגיעזער התלהבות. קראפט-עבינג דערמאנט די פאלגענדע ביישפילען פון פרידריכ'ס „געריכטליכע פסיכאלאגיע" (זייט 389):

„אט אזוי איז די גאנצע בלאנבעקייט בסדר געמאטערט געווארען

פון דעם נעדאנק, וואס עס איז געווארען פון דעם טייל וואס מען האט אבגעשניטען ביי יעזוס' מל-זיין".

„צוליב איהר טיפער איבערגעבענקייט צום געטליכען לעמעלע, האט וועראניקא זשוליאני, יעלכע איז פערהייליגט געווארען פון פאפסט פיוס דעם צווייטען, גענומען צו זיך אין בעט א לעמעלע פון דער ערד: זי האט עס געקושט, האט עס געלאזט זויגען איהרע בריסט און האט אויך געגעבען עטליכע טראפען מילך פון זיך."

„די הייליגע קאטהארינא פון גענוא האט אפטמאל געליטען פון אזא אינוועניגסטער היץ, אז, כדי זיך אבצוקיהלען, האט זי זיך געלעגט אויף דער ערד און געשריען: ליבע, ליבע, מעהר קאן איך נים טון!" דערביי האט זי געפיהלט א בעזונדערע צוציהונג צו איהר בייכטפאטער. איינמאל האט זי מיט זיין האנד בערירט איהר נאז און דערביי דער־פיהלט א ריח וועלכער איז דורכגעדרונגען איהר הארץ, „א הימלישער ריח, וועלכער האט געקאנט מיט זיין זיסקייט אויפוועקען די טויטע."

„פון אן ענליכער תאוה האבען געליטען די הייליגע ארמעללע און די הייליגע עליזאבעטה צום יעזוס-קינד. עס זענען אויך בעקענט די האנדלונגען פון דעם הייליגען אנטאניוס פון פאדוא. כאראקטערים־טיש איז אן אלטע תפלה: „א, גליקליך בין איך וואס איך האב דיך געפונען, ליבליכער עמאנועל, א, וואלט איך דיך געהאט אין מיין בעט, דערקוויקט וואלט זיך מיין לייב און נשמה. קום, קום וויליג אריין צו מיר: מיין הארץ זאל זיין דיין חדר!"

די ראלע פון משוגעת אין דעם רעליגיעזען עראטיזם. — איך וויל דא קודם כל אנווייזען אויף דעם, וואס מכח דעם ענין איז שוין געזאגט געווארען אין קאפיטעל 8. ביי משוגעים, דאס רוב בעזונדערס ביי פרויען, אבער אויך ביי מענער וועלכע ליידען פון פאראנאיא (א גייסטיגע קראנקהייט), געפינען מיר אפטמאל אן עקעלדיגע קאמ־בינאציע פון עראטיזם און רעליגיעזע פאנטאזיעס. דאס איז די אייביגע פער'קנס'ונג מיט קריסטוס'ן, מיט דער הייליגער מאריע, מיט גאט אדער מיט דעם הייליגען גייסט, וועלכע איז פערבונדען מיט דעם סעק־סועלען ארגאזם, מיט דעם איינגעבילדעטען געשלעכטס-פערקער און מיט דעם ווירקליכען אנאניזם, נאך וועלכע עס קומען האלוצינירטע שוואנגערשאפטען און געבורטען. די דאזיגע קרענקליכע פאנטאזיעס

גיבען אונז א זעהר קלארען וואונק מכח דעם שייכות צווישען דעם עראטיזם און דער רעליגיעזער התלהבות. די פראנצויזישע פסיכי־אטרען האבען זיי אפילו אנגערופען מיט דעם נאמען „רעליגיעזע משוגעת“. ווי מיר האבען שוין געזאגט, דארף מען אפטמאל בלויז איינמאל דורכגעהען דורך דער ווייבליכער אבטיילונג פון א משוגעים־הויז, כדי פון איהר צו האבען איבערגענוג.

א סך ווענינער אויפמערקזאמקייט האט מען געשענקט דעם היס־טאריש געוואלדיג וויכטיגען פאקט, וואס געוויסע פסיכאפאטישע פערזענליכקייטען, בעזונדערס היסטעריקער, אבער אויך געבוירענע משוגעים, האבען אין אלע צייטען געהאט אן אונגעהייערען איינפלוס אויף דער מענשליכער געשיכטע, געוועהנליך דורך סוגעסטיווע ווירקונגען פון סעקסועלע און רעליגיעזע פאנטאזיעס, דער צוזאמענהאנג פון וועל־כע איז ניט תמיד געווען קלאר. נאך אפילו אין יאהר 1906 האט אין קעשקעמעט, אונגארן, א רעליגיעז משוגע׳נער און סעקסועל אבנאר־מאלער מאן, א פשוט׳ער ארבייטער, געהאט א שפאגעל נייע „ענט־פלעקונג“; א גרויסע צאל פרויען זענען געקומען אין זיין הויז צו זעהען דעם מופת. די גאנצע ערד וייבער האט זיך געמוזט אויסטון נאקעט, און זייערע קליידער פערברענען אין אן אויווען וועלכער איז געשטאנען אין מיטען שטוב. מיט א רעליגיעזען עקסטאז האט מען שפעטער גע־קוקט אין דעם רויך, אין וועלכען עס האט זיך בעוויזען — דורך האַ־לוצינאציעס — דער הייליגער גייסט מיט דער הייליגער מאריע בעגלייט פון א כאר מלאכים. די מיידלאך האבען זיך דערנאך געהאלטען פאר קריסטוס׳ כלות און זיי האבען געזאגט, אז זיי שוואנגערען פון איהם. ענדליך ווען די גאנצע זאך איז ענטדעקט געווארען, האט מען ביי ארום צען פון זיי געפינען גייסטיגע קראנקהייטען. די דאזיגע גאנצע פאסירונג מוז מען גוט פערשטעהען.

איטליכער פסיכיאטער קען די, וועמעס קראנקע געדאנקען זענען פערבונדען מיט א רעליגיעזער אדער עפעס א געהיימניספולער בעגייס־טערונג, און גראד דוקא דערפאר, ד. ה. דורך זייערע פערבארגענע משוגע׳נע אידעען, האבען זיי געהאט און האבען נאך איצט א טיפען איינפלוס אויף דער ארומיגער מאסע נארמאלע מענשען — אויף די מענשליכע נארמאלע שאף (מען זאל מיר מוחל זיין פאר דעם אויס־דרוק). דער פאטהאלאגישער איינפלוס פון זייערע אוטא־סוגעסציעס

אדער זייער משוגעת האט זיי גופא אזוי שטארק אונטער זיין מאכט, אז זיי ווערען נביא׳יש־פאנאטיש, אז זיי דינגען צו דעם צוועק פון זייערע קראנקע פארשטעלונגען מיט א געוואלדיגען ברען און אויסדויערקראפט, און א דאנק דער זיכערקייט, א דאנק דעם געפיהל פון אונפעהלבארקייט, און א דאנק דער פייערדיגער איבערצייגונג, וועלכע שטראמט ארויס פון זייער נביא׳ישער אויפפירונג, פערבלענדען זיי די שוואכע מוחות אין די קעפ פון די ארומיגע מענשען און בעצווינגען זיי דורך זייערע סוגעסטיווע ווירקונגען. געוועהנליך איז מיט זייער משוגעת פערבונדען אפטמאל א זעהר נידעריגער עראטיזם. ער איז אבער פערשלייערט מיט א רעליגיעזען עקסטאז, וועלכער האט א מאכט איבער מענשען וועלכע זענען געניינט לייכט ארייגצופאלען אין התפעלות און זיי קאַ־נען ניט זעהען דאס נידעריגע הינטער דעם דאזיגען שלייער. אזוינע קראנקע איבערצייגען די ארומיגע דערפאר, מחמת זיי גופא זענען אזוי איבערצייגט. ווי עס איז בעקאנט ווערט דער נארמאלער מענש א סך וועניגער געפירט פון שכל איידער פון געפיהלען, און די מענשען, וועלכע מיר האבען נאר וואס געשילדערט האבען א געוואלדיגע וויר־קונג אויף דעם געפיהל, און דאס מיינסטענס דורך זייער בליק, זייער טאן, זייער גאנצען אויפטריט, איידער דורך זייער אפטמאל דורך און דורך פערפלאנטערטען אינהאלט פון זייערע רעדעס און פון זייערע לעהרען.

אויף דעם דאזיגען אופן הערען מיר שטענדיג ווי איינצעלנע מענשען ווערען פערבלענדט און פערפירט פון אזוינע גייסטיג־קראנקע נביאים, משיחים, הייליגע בתולות און אנדערע קדושים. אונטער זייער איינפלוס ווערען אפילו ארויסגערופען גייסטיגע קראנקהייטען וועלכע מען האט גערופען עפידעמישע משוגעת (א דאפעלטע, דרייפאכיגע און פיערפאכיגע). טאמער זענען די האנדלונגען און די רייד פון אזא מין „נביא“ אביסעל אויסגעהאלטען און לאגיש, אדער טאמער איז די סביבה איגנאנצען עמרציש און אבערגלויביש, דעמאלט פערגרעסערט זיך באלד די סטאדע גלויביגער און אזוי ארום געפינען מיר נאך היינט אפילו, בעזונדערס אין וועניגער ציוויליזירטע לענדער, נייע פאריבערגעהענ־דיגע סעקטען און רעליגיעזע געמיינדעס. זייערע שמחות ענדיגען זיך ניט זעלטען מיט סעקסועלע ארגיעס, וועלכע ווערען ארויסגערופען דורך דעם גייסט פון זייער נביא.

ביי קלוגערע, מעהר קולטורעלע פעלקער ווערט דער נביא געוועגליך גאנץ פריה פערשיקט אין א משוגעים־הויז, צו דעם גרויסען וועהטאג פון זיינע תלמידים, וועלכע בעשטעהען אפטמאל פון זיין פרוי און עטליכע טפשים. א דאנק דער ביליגקייט פון דרוקען טרעפט היינט־צוטאג זעהר אפט, אז אזוינע צומישטע נביאים פערעפענטליכען זייערע נייע רעליגיעזע סיסטעמען (אין ערגסטען פאל זענען זיי אליין די פערלעגערס). איך פערמאג א רייה פון אזוינע ווערק, וועלכע די מחברים גופא האבען מיר צוגעשיקט — אודאי האבענדיג א חשד, אז מען וועט זיי האלטען פאר משוגעים. ווערליג זייער פאנטאזיע, וועלכער איז געבויט אויף משוגעת, האט מיינסטענס גאט אליין פאר ווי ענטפלעקט דעם נייעם גלויבען, און האט זיי אויסגעוועהלט פאר די נביאים. זייערע סיסטעמען זענען געוועגליך פערבונדען מיט עראטישע פאנטאזיעס: צ. ב. איין משוגע'נער בעשרייבט זיינע פאטהאלאגיש סעקסועלע געפיהלען אלס „פסיכא־סעקסועלער קאנטאקט דורך א האנדלונג פון דער ווייטענס. ביי א צווייטען ווידער הייסט גאט י. הא. הו., וועלכער פירט די פלאנעטען, טייל פון וועלכע זענען מענליכע און טייל ווייבליכע, א. אז. וו. דאס זענען ערשיינונגען מיט וועלכע מיר בעגעגנען זיך היינט־צוטאג אויף שריט און טריט אין דער פסיכיאטריע, און וועלכע גיבען אונז דעם שליסעל צו דעם פאלגענרען:

די היסטארישע ראלע פון גייסטיגע אבנארמאליטעטען, וועלכע זענען ניט זעהר קענטיג, און וועלכע גרעניצען זיך מיט גאונות, זייער איינפלוס אויף דעם רעליגיעזען עראטיזם. — אויב עס האנדעלט זיך ניט מכח אן אייגענטליכער משוגעת אדער מכח א מענש וועלכער ליידט פון עפעס א שווערער גייסטיגער קראנקהייט, נאר מכח א קאנסטיטוציאנעלען, בירושה געווארענעם פסיכאפאט, וועלכער אבער איז נאר „האלב משוגע" אדער בלויז היסטעריש, און וועלכער איז טראצדעם בעשאנקען מיט א גייסטיגער קראפט, דעמאלט נעהמט אן די גאנצע זאך, הגם איהר יסוד איז דער זעלביגער, א בעצם אנדערע ריכטונג. דער „נביא" פערבינדט אין אזא פאל זיין התלהבות מיט א לאגיק, וועלכע איז אפטמאל שארף אויסגעהאלטען אין איהרע פרטים, ביי וועלכע עס איז נאר קראנק דער יסוד פון וואנען זי געהט

ארויס. א חוץ דעם פערשלייערט ער זיין תורה אין א שעהנער און פאעטישער מליצה און אויף דעם דאזיגען אופן קומט איהם לייכט אן צו געווינען פאר תלמידים און אנהענגער ניט בלויז עטליכע מינדער־ווערטיגע, שמאל־קעפיגע און אונווייסענדע מענשליכע „נארמאלע שאף“, נאר אויך געבילדעטע מענשען און אפילו א טייל פון די וויטע קרייזען פון דער מענשליכער געזעלשאפט. אין אזויגע פאלען קאן זיך די פאטהאלאגישע בעגייסטערונג פערקניפען מיט הויכע מאראלישע אדער אינטעלעקטועלע אידעאלען, וועלכע קאנען לייכט פערבארגען די קראנקע פאנטאזיעס און קאפריזען פון דעם נביא; און דא שטעהען מיר פאר דעם וואונדערבארען אבער אונבעשטרייטבארען אמת, אז געוויסע גרויסע היסטארישע פערזענליכקייטען, וועלכע האבען געהאט אויף דער מענשהייט א געוואלדיגען איינפלוס, זענען געווען דורך און דורך פאטהאלאגישע נאטורען. אמאל מעהר און אמאל ווייניגער ענטדעקען מיר ביי זיי עראטיש־רעליגיעזע שטריכען אין די סאמע עיקר־פעדים פון זייערע לעהרען.

די דאזיגע זעהר וויכטיגע קאטעגאריע מענשען שטעלען מיט זיך פאר א סעריע פון איבערגענג צווישען די פריהער דערמאנטע איינגאנצען גייסטיג קראנקע נביאים און מענשען מיט גאונות, וועלכע געפינען זיך אין א גייסטיג גוט גלייכגעוויכט. עס עקזיסטירט א גאנצע רייה פון שטאפלען צווישען דער גייסטיגער אבנארמאליטעט און גאונות, וועלכע האט געפירט און וועט נאך פירען צו כל׳ערליי פערדרעהטע און פערוויקעלטע פלפולים. אבער דער פאקט, אז א סך גאונים האבען פאט־האלאגישע נאטורען, גיט אונז יעדענפאלס ניט דאס רעכט אין איילעניש אויפצושטעלען כללים און צו בעטראכטען איטליכע געניאלע און אריגינעלע פערזענליכקייט פאר גייסטיג אבנארמאל אזוי גיך ווי זיי טרעטען ארויס אנטקעגען דער רוטין און די פארורטיילען פון די נעראנקענלאזע מענשען מיט וועלכע זיי לעבען אין איין צייט, און ווען זיי עפענען נייע גייסטיגע וועגען אדער ווייכען אב פון דעם אויסגע־טראטענעם וועג. מיר ווערען דא געבען עטליכע משלים.

זשאן ד׳ארק (די יונגפרוי פון ארלעאן) איז געווען וועדליג מיין איבערציינונג א היסטערישער געניוס. ווען עם האלוצינאציעס זענען געווען פון אן אוטא־סוגעסטיווער נאטור. דער גויטפאל פון פראנקרייך

האט זי טיף געריהרט, און זייענדיג אנגעצונדען מיט דעם בעגער צו העלפען איהר פאטערלאנד, איז איהר געהירן אוטא־סוגעסטיוו בעפאלען געווארען מיט האלוצינאציעס פון הייליגע שטימען און זעהונגען, וועלכע האבען איהר אנגעוויזען איהר מיסיע און וועלכע זי האט געגלויבט איז דאס בת־קול פון די אמת'ע קדושים אין הימעל. א וואונדערבארע צוזאמענטרעפונג פון דעם מזל איז געווען דאס, וואס דאס דאזיגע פאטהאלאגישע און אין דערזעלביגער צייט געניאלע מיידעל, ווערענדיג בעגייסטערט פון האלוציניררטע זעהונגען און זייענדיג אין עקסטאז, האט געראטעוועט פראנקרייך און געפירט צו א זיגרייכער בעפרייונגס־מלחמה. ווערליג די צופערלעסיגסטע היסטארישע קוועלען איז דאס מאראלישע לעבען פון זשאן ד'ארק געווען אבסאלוט ריין און איהרע ענטפערס ביי דער אינקוויזיציע זענען עדות פאר איהר טיפען שכל און איהרע הויכע עטישע געפיהלען. עס איז קלאר, אז די ליבעס־געפיהלען האבען ביי איהר אנגענומען די פארם פון א רעליגיעזען עקסטאז אדער האבען זיך איבערגעביטען אין א התלהבות פאר איהר אידעאלער מיסיע, ווי דאס טרעפט ניט זעלטען ביי פרויען.

אן אנדערער וואונדערבארער ביישפיל איז טהאמאס בעקעט. די פלוצליכע ענדערונג פון א וועלט־מענש אין אן אסקעטישען פריסטער (אמת, ווי עס שיינט פון ערשטע בליק, צוליב זיין דערהויבונג צום ערץ־בישאף), פון אן אינטימען פריינד און דינער פון דעם קעניג פון ענלאנד אין זיין ביטערסטען געגנער און אין א פערטייטיגער פון דער קירך קעגען דעם שטאאט, שטעלט בעשיינפערלעך מיט זיך פאר די אוטא־סוגעסטיווע ענדערונג פו א היסטערישער פערזענליכקייט, מחמת נאר אויף אזא אופן קאן מען דערקלערען זיינע ווידערשפרוכען.

די רעליגיעזע התלהבות פון דעם מארמאן־נביא סמיטה איז אהן ספק געווען אויסגעמישט מיט א היבשען חלק עראטיזם, און דאס האט געמוזט זיין די אורזאך פארוואס ער האט ארגאניזירט זיין סעקטע אויף פאליגאמישע יסודות.

אויך מאהאמעד האט געהאט זעהונגען און די געשלעכטליכע פערהעלטניסען האבען געשפילט א וויכטיגע ראלע אין זיינע לעהרען און אין זיין נביאות. דער אפאסטאל פאול האט אויך געזעהען גייסטער, און פאסקאל, רוססא, נאפאלעאן האבען געהאט שטארק פאטהאלאגישע

כאראקטער שטריכען: ביי רוססא האבען זיי געשפילט א בעדייטענדע ראלע אין דעם סעקסועלען געביט.

הגם א טייל פו די דאזיגע פאלען האט ניט קיין דירעקטען שייכות מיט דער געשלעכטס־פראגע, פונדעסטוועגען האב איך זיי דא דערמאנט, כדי צו ווייזען דעם אופן אויף וועלכען אזוינע מענשען האבען אן איינפלוס אויף די מאסען, און דורך זיי אויף דער געשיכטע. אזוי גיך ווי די דאזיגע מענשען טרעטען ארויס און ווערען אנגעזעהען, האבען זייערע סעקסועלע אייגענטימליכקייטען און אנשווינגען, מעגען זיי זיין ווי אבסורד, א שטארקע צוריקווירקונג אויף זייערע מיטמענשען, ווי מיר זעהען דאס היינט ביי טאלסטאי'ן. פלוצליכע בעקערונגען, מעגען זיי זיין פון וואסערער ניט איז נאטור, בעזונדערס ווען דער בעקערטער פאלט פון איין עקסטרעם צום אנדערען, זענען ניט די פרות פון חכמה, נאר זיי זענען געבויט אויף סוגעסציעס אדער אוטא־סוגעסציעס ביי מענשען וואס האבען א היסטערישע דיספאזיציע (זעה קאפיטעל 9).

נאך אין אנדערע פרמים האבען די סעקסועלע אבנארמאליטעטען א ווירקונג אויף די האנדלונגען פון היסטערישע מענשען און אנדערע פסיכאפאטען און בעשטימען זייער ריכטונג. די רוימישע קיסרים נערא, טיבעריוס און קאראקאללא זענען אהן א ספק געווען סאדיסטען און האבען געפיהלט א סעקסועלען תענוג צוזעהענדיג די יסורים ביי זייערע קרבנות. היסטארישע ווייבליכע סאדיסטען זענען געווען וואלעריא, מעסאלינא און קאטהארינא דע מעדיצי. ווידער אונטער דעם שלייער פון רעליגיע איז קאטהארינא דע מעדיצי, ווי עס איז בעקענט, געווארען די הויפט־בעשאפערין פון דער בארטהאלאמיוס־נאכט אין פאריז און זי האט זיך געבאדען אין נחת און אין תאוה ביים אנבליק פון דער ערמארדונג פון די הוגענאטען.

פערקערט געפינען מיר דעם מאזאכיזם אלס דעם תמצית פון דעם סעקסועלען דענקען און פיהלען פון געוויסע בערימטע פערזענליכקייטען, צ. ב. רוססא, אדער פון אסקעטישע סעקטען און געמיינדעס, ווי די פאקירען, די פלאגעלאנטען א. ד.גל.

די סעקסועלע געפיהלען פון אימליכען נביא און גרינדער פון א רעליגיע, אפטמאל אפילו בלויז בעת א קורצער צייט פון זיין לעבען, בעשטימען דעריבער ניט ווילענדיגערהייט ביז א געוויסען שטאפעל זיין

רעליגיעז סיסטעם און די מאַראַלישע לעהרען וואָס ווערען דערויף געבויט און וועלכע פערבלייבען נאָך זיין אַבשטאַרבען. אזוי אַט קומט עס דערצו, אַז געפּיהלען, וועלכע זענען זעהר פערשידען ביי פערשידענע אינדיווידועז, מוזען זיך אונטערגעבען צו דער צוואַנג פון פער׳עקשנ׳ענטע און טיראַנישע דאָגמעס, וועלכע פּייניגען הונדערטער, און טייל מאָל אפילו טויזענדער יאָהרען לאַנג מענשען מיט אנדערע געפיהלען.

איבעראַל געפינען מיר אין דער רעליגיע דעם עראָטיזם אידעאַליזירט, און אַ סך מאָל דעם אידעאַליזם אַנגעהויכט מיט עראָטיזם. שיר השירים, דער אורשפּרינגליכער זין פון וועלכען איז וועלטליך, פּונקט ווי דער זין פון די מיינסטע רעליגיעזע זאַכען, האָט מיט דער צייט וויפיל ניט איז געמענגט פערטייטשט ווערען פון די עקזעגעטיקער אַלס אַן אַלעגאָריע אויף קריסטוס׳ען און זיין קירך, איז און בלייבט אַן עראָטישע דיכטונג. דרייסט און פריי, ווי אַלעמאָל, האָט היינע דעם דאָזיגען פאַקט פּאַראָדירט אין זיין מעהר אָדער ווייניגער פּאָרנאָגראַפישען שיר השירים.

עס איז קנאָפּ־וואָס נויטיג נאָך מעהר אַנצואווייזען, אַז דער עראָטיזם פון דעם נאָרמאַלען מענש פירט די שטרענגע און אַסקעטישע מאָראַל פּרעדיגער, וועלכע „ווילען אַבטויטען דעם חומר", ניט זעלטען צו דער עקעלדיגסטער צבוע׳אַצטווע. טייל גלחים און אַנדערע כלי קודש פּרעדיגען אָפטמאָל דעם אידעאַליסטען אַסקעטיזם. בעת בסוד בעגעהען זיי אַליין די שמוציגסטע סעקסועלע עקסצעסען. די דאָזיגע געפאַר ליגט נאַטירליך זעהר נאָהענט צו אונז. מיר דאַרפען אָבער ניט צו שטרענג משפּט׳ען די דאָזיגע שרייענדיגע אינקאָנסעקווענצען: זיי טרעפען מיינסטענס ביז אַ הויכען שטאַפּעל אונבעוואוסט אַלס פּעולה פון דעם דרוק פון דער ליידענשאַפט פון איין זייט, און פון דער טיראַניי פון די דאָגמעס און פון דער עפענטליכער מיינונג פון דער אַנדערער זייט. אָפטמאָל זענען דאָס אויך די פּרות פון אַ גייסטיגער אַבנאָרמאַליטעט. דעמאָלט, ווען מען וועט לאָזען די וויסענשאַפט פריי און אָפען בעלייכטען דאָס געשלעכטס־לעבען, וועט די דאָזיגע צבוע׳אַצטווע אויפהערען ביי גייסטיג געזונדע מענשען, און ביי גייסטיג אַבנאָרמאַלע מענשען וועט מען זי פריה ענטדעקען און מאַכען אונשעדליך.

אין טאג־טעגליכען לעבען בעגעגענען מיר איבעראל די סמנים פון אן אויסמישונג פון רעליגיע מיט געשלעכטליכע פאנטאזיעס און גע־פיהלען. די רעליגיעזע התונה־צערעמאניעס ביי אלע פעלקער זענען א דייטליך איבערקלייבעניש דערפון. ווען מיר זוכען די אורזאך פון א פלוצליכער אדער ביסלעכווייז אנקומענדיגער רעליגיעזער בעגייסטערונג, שטויסען מיר זיך אן מיינסטענס אדער לכל הפחות זעהר אפט אויף אן ענטוישטער אדער אבגענארטער ליבע, אדער אויף א פעהלען פון ליבע גאר אינגאנצען, וועלכע האט אין דער דאזיגער בעגייסטע־רונג געפינען איהר בעלוינונג. איך האב דא אין זין די אינווע־ניגסטע אמת׳ע ליידענשאפטליכע התלהבות, א בעגייסטערונג בעת וועלכער עס הויבט זיך אויף דער גאנצער איך, די גאנצע נשמה, און ניט יענע געוואוינהייטס־רעליגיע, אין וועלכער דער דורכשניטליכער נארמאלער מענש דערמאנט זיך איבערהויפט קנאפ־וואס אינ׳ם האנדעל און וואנדעל פון טאג־טעגליכען לעבען, און וועלכע ער נעהמט דאס העכסטע אביסעל אראב פון דער פאליצע מיט זיינע יום־טוב׳דיגע בגדים כדי צו מאכען א קאנווענציאנעלען שפאציר אין דער קירך. די דאזיגע געוואוינהייטס־רעליגיע איז נאר א פוסטע פארם, וועלכע וועקט לגמרי ניט אויף קיין שום געפיהל ביי איהרע אנהענגער, און דעריבער רופט זי אויף מעהר ניט ארויס קיין אבקלאנג אדער צוזאמענהאנג מיט עראטישע געפיהלען. אבער פונדעסטבעגען איז מעגליך, אז ביי אנ־דערע מענשען איז די זאך אנדערש און בעזונדערס איז זי געווען אנ־דערש אין פריהערדיגע צייטען.

עס איז אהן שום ספק, נאך מעהר, אלעס בעווייזט, אז די בעגייס־טערטע און הייסע געפיהלען פון סימפאטיע, פון וועלכע אונזער רע־ליגיע איז טיילווייז געבוירען געווארען, אז די הייליגע צופלאמקייט, דער עונג פון איבערגעגעבענקייט, פון ענטציקונג און עקסטאז, וועלכען זי האט אזוי אפט פערשאפט איהרע אנהענגער און פערשאפט נאך היינט א טייל פון זיי, ניט קוקענדיג וועמען זיי דינען, גאט, קריסטוס, די הייליגע מאריע, די קדושים און נביאים, — אז די דאזיגע סענטימענטען האבען מיינסטענס זייערע ווארצלען אין עראטישע גע־פיהלען אדער זיי שטעלען מיט זיך פאר זייער פערענדערונג. אז דאס אלעס קאן צושטאנד קומען אויף אן אונבעוואוסטען אופן און מיט דער ריינסטער אבזיכט, איז ווירקליך ניט נויטיג צו בעטאנען. עס פער־

שטעהט זיך, אז א סך, טאקע די מיינסטע אמת'ע רעליגיעזע געפיהלען, שטאמען פון גאנץ אנדערע קוואלען.

ווען די רעליגיעזע געפיהלען ווערען טיפער אויסגעפארשט, הויפטזעכליך אין דער קריסטליכער רעליגיע און בפרט אין דעם קאטאליציזם, געפינען מיר אלעמאל אויף שריט און טריט די דערמאנטע מערקווירדיגע פערבינדונג זייערע מיט דעם עראטיזם. מיר געפינען זי אין דער התלהבות'דיגער פערערונג פון די הייליגע פרויען (מאריא מאגדאלענא, מאריע פון בעטהאניען א. אז. וו.) פאר יעזוס'ען. אין די הייליגע לעגענדען, אין דער מיטעלאלטערליכער פערגעטערונג פון דער הייליגער בתולה מאריע, און בעזונדערס אין דער קונסט. מיר דארפען בלויז בעטראכטען די עקסטאטישע מאדאנעס איבעראל אין אונזערע קונסט־גאלעריס, וועלכע ווארפען זייער ליידענשאפטליכען בליק אדער אויף קריסטוס'ען אדער אויף דעם הימעל. בעזונדערס דער אויסדרוק אין מארילא'ס "די אונבעפלעקטע בעפרוכטונג" קאן פערטייטשט ווערען אלס דער העכסטער עקסטאז פון ליבע פונקט אזוי גוט ווי אלס א געטליכע שכינה. די „הייליגע" פון קאררעזשיא בעטראכטען די הייליגע בתולה מיט א פערליבטער ליידענשאפט, וועלכע, אמת, דארף זיין הימליש, אבער וועלכע זעהט אויס דוקא זעהר ערדיש און מענשליך.

ניט וועניגער ליבידינעז זענען ארויף אויף דער סצענע א סך פארצייטיגע און מאדערנע סעקטען. מיר דערמאנען דא די סעקסועלע עקסצעסען פון די אנאבאפטיסטען אין די פריהערדיגע צייטען און די סעקסועלע עקסטאזען פון די מאדערנע סעקטען אין אמעריקא. אויב מען וועט מיר זאגען, אז די דאזיגע סעקטען זענען פאטהאלאגישע אויסוואוקסען פון דער רעליגיע, ענטפער איך מיט די אנהענגער פון די סעקטען דאס פאלגענדע: „מיר זענען געקומען אויף דער וועלט מחמת אייערע שטאאטסרעליגיעס זענען פערזונקען אין אינדיפערענטיזם, אין צבו'אצטווע און אין א פוסטען פארמאליזם, אנבאטענדיג דעם מענשליכען הארץ קיין שום אנדערע זאך א חוץ פוסטע פראגען. מיר דארפען זיך אויפוועקען פון דעם שלאף; מיר דארפען בעגייסטערונג און ווארימקייט, בכדי איבערצובייטען דאס אינוועניגסטע לעבען פון דעם מענש און איהם צו בעקערען." און דערמיט ווערט גראד מודה געווען אויף דעם סוגעסטיווען פאקטאר אין דער רעליגיע.

אין דעם קאַנטאָן צוריך האָב איך אַמאָל געהאַט די געלעגנהייט צו באַבאַכטען די אַנהענגערס פון דער זונדערבאַרער אָרטאָדאָקסישער סעקטע פון דעם פּאַסטאָר צעלער, אין מעננעדאָרף. ער איז ווי אַ ליכטיגער נביא, וועלכער היילט חולאים לויט דעם שטייגער פון קריסטוס און יאָהאַן דעם טויפער אַרויפלעגענדיג אויף זיי זיינע הענד און זאַלבענדיג זיי מיט בוימעל. דער ערפאָלג פון דער דאָזיגער היילונג הענגט נאַטירליך אָב פון סוגעסציע, אָבער ער בעטראַכט די גאַנצע זאַך ווי אַ נס מן השמים. ער האָט מיר גאַנץ נאַיוו דערצעלט, אַז איינמאָל אַפילו האָט ער אין אַ צוברעכענעם ביין געהערט אַ מין רייבען און קנאַקען, וועלכעס ער האָט בעטראַכט אַלס אַ וואונדער־היילונג. אַ מאַסע פרויען, מייסטענס היסטערישע, זענען געווען בעגייסטערט און ענטציקט פאַר דעם דאָזיגען מאַן אויף אַזאַ אופן, אַז זייער עקסטאַז איז אונבעוואוסט אהן ספק אַ סך מעהר געווען געווענדעט אויף זיין פּערזאָן איידער אויף דער היילקייט פון גאָט אָדער קריסטוס וועמען ער האָט סימבאָליזירט. איך האָב בעהאַנדעלט טייל פּאַציענטען וועלכע זענען געווען ביי איהם, און וועלכע האָבען פערקניפּט מיט זיין פּערזאָן די סאַמע זיסטע, אָבער אין דערזעלביגער צייט די סאַמע פליישליכסטע עראָטישע פאַנטאַזיעס. עס פאַלט מיר ניט איין איהם און אַ סך אַנדערע ענליך איבערצייגטע מענער, בעזונדערס גלחים וועלכע זענען ארומגערינגעלט מיט אַ הייליגען שיין, צו מאַכען אַ פּערזענליכען פאָרוואורף צוליב די דאָזיגע פאַקטען. איך קאָנסטאַטיר בלויז, אַז ווען דער מענש ווערט בעגייסטערט זוכענדיג דעם ריינעם גייסט און די ריינע הייליגקייט דערמיט פערלייקענענדיג זיין אמת'ע נאַטור, שטעהט ער דעמאָלט אין דער געפאַר אויף אַן אונבעוואוסטען אופן אריינצופאַלען אין דער רויהסטער ליידענשאַפט, און אין דערזעלביגער צייט די דאָזיגע ליידענשאַפט נאָך דערצו צו פערהייליגען.

די פּאָעטישע שילדערונג פון דעם רעליגיעזן עראָטיזם. — דער שווייצערישער דיכטער גאָטפריעד קעללער האָט אויף זיין גענִיאַלען אופן וואונדערליך שעהן בעשריבען דעם מאָטיוו פון דעם רעליגיעזן עראָטיזם, בעזונדערס אין זיינע זיבען לעגענדען. לעזט צום ביישפּיל „דאָראָטהעאַ'ס בלומענקערבכען“, וואו דער ערדישער חתן פון דאָראָטהעאַ ווערט צום סוף איבערזיכטיג אויף איהר הימלישען חתן.

פון ווענען זי חלומ'ט שטענדיג און רעדט מיט דער טיפסטער התלהבות. וואו זי איז געשטאנען און וואו זי איז געגאנגען האט זי גערעדט מיט די צערטליכסטע און געפיהלפולסטע ווערטער פון א הימלישען געליבטען וועלכען זי האט געפינען און וועלכער ווארט אויף איהר אין אן אונשטערבליכער שעהנקייט, כדי זי צוצודריקען צו זיין שיינענדיגער ברוסט און איהר ז׳ר געבען די רויז פון אייביגען לעבען א. דגל. שפעטער, ווען דער בייזער שטאדט־פערטרעטער האט זי צוגעבונדען צו א בראט־אייזען, אונטער וועלכען מען האט פערשפרייט גליהענדיגע קוילען אזוי, אז די היץ האט לאנגזאם געבראטען, האט דאס דעם צארטען קערפער דאך וועה געטון און זי האט עטליכע מאל פערשטיקט ארויסגעשריען. און ווען דער ערדישער געליבטער, טהעאפילוס האט זיך דורכגעשפארט דורך דעם עולם און איז צו איהר צוגעלאפען וועלענדיג דורכשניידען די שטריק, און דערביי צו איהר געזאגט מיט א טרויריגען שמייכעל, „עס טוט דיר וועה, דאראטהעא?“, האט זי, פונקט ווי בעפרייט פון אלע יסורים און פיהלענדיג דעם גרעסטען תענוג, פלוצלינג געענטפערט ״פארוואס זאל עס מיר וועה טון, טהעאפילוס? דאס זענען דאך די רויזען פון מיין הארציג געליבטען חתן, אויף וועלכע איך ליג! זעה, היינט איז מיין חתונה!“ — אין איין וועגס ווייזט דא קעללער די סוגעסטיווע ווירקונג פון דעם עקסטאז (זעה קאפיטעל 18), וועלכע ווי עס איז בעקענט, קאן ביי מארטירער דערגעהן ביז צו דער פולשטענדיגער אונעמפינדליכקייט (אנעסטהעזיע).

אויך געיטהע האט געשילדערט דעם עראטיש־רעליגיעזען עקסטאז. לעזט צ. ב. די מיסטיש־עראטישע תפלה פון פערשידענע נזירים צו דער קעניגין פון הימעל, אין דער שלום־סצענע פון דעם צווייטען טייל פאוסט.

ווי מיר האבען שוין בעמערקט, ווערט דערמיט דורכויס ניט געזאגט, אז די רעליגיע שטאמט אב אויסשליסליך אדער אפילו נאר הויפטזעכליך פון די סעקסועלע געפיהלען: דאס וואלט געווען אי איינזייטיג און אי פאלש. די מורא פאר דעם טויט און די סודות פון לעבען, די געפיהלען פון דער מענשליכער שוואכקייט און די ניטגענוגקייט פון לעבען, דאס בעדערפעניש נאך טרייסט פאר אלע ביטערקייטען פון דער עקזיסטענץ און די האפענונג אויף א לעבען נאך

דעם טויט, דאס אלעס פערשטעהט זיך שפילט א וויכטיגע, טיילווייז די סאמע וויכטיגסטע ראָלע אין דער געבורט פון דער רעליגיע, אבער מען דארף ניט אונטערשאצען די אונגעהייערע ראָלע פון דעם עראָטיש־סעקסועלען פאקטאר אין די רעליגיעזע געפיהלען און דאגמעס, וועל־כער רייסט פון איין זייט צו א ברענעדיגער ליידענשאפט, און פון דער אנדערער זייט פירט ער צו א פער'עקשנ'טער טיראנייע, בעזונדערס אנטקעגען יענע מענשען וועלכע פיהלען אנדערש. פערגלייכט צ. ב. דעם פאלגענדען פאעטישען אויסגוס פון געפיהלען:

הערר יעזוס, נימס מיך, הונד, ביים אהר,
שמייסס מיר דען גנאדענקנאכען פאר
אונד ווירף מיך זינדענליממעל
אין דיינען גנאדענהיממעל.

(אויס דער העררענהוטער געזאנגבוך.)

הגם אין די דאזיגע ציילען געפינט זיך ניט קיין שום סעקסועלער מאטיוו, פונדעסטוועגען קלינגט די דאזיגע ווידערליכע זעלבסט־פער־לייקענונג כמעט מאזאכיסטיש. יעדענפאלס קאן זי א מאזאכיסט געשלעכטליך אויפרעגען און סוגעסטיוו שטארק בעיינפלוסען שוואכע געמיהטער.

עס איז דעריבער א וויכטיגע און שווערע אויפגאבע מצד דער וויסענשאפטליכער פארשונג אנטקעגען דער צוקונפט פון דער מענש־הייט, די געשלעכטליכע פערהעלטניסען צו בעפרייען פון יעדער טיראַ־ניי פון רעליגיעזע דאגמעס, און זיי ווי ווייט מעגליך צו ברענגען אין א הארמאנישען איינקלאנג מיט א ריינער מענשליכער עטיק.

איך וויל אבסאלוט ניט אבלייקענען, אז א רעליגיע, זייענדיג געבויט אויף דעם גלויבען אין ענטפלעקונגען, אויף דער האפענונג אויף אן אייביגען לעבען נאך דעם טויט, אויף „א גן־עדן פאר צדיקים“ און אויף „א גהינום פאר רשעים“, האט א געוואלדיגע מאכט אויף דעם מענשליכען געמיהט: דאס וואלט דאך געווען נאריש. איך גיב צו. אז

א סך שוואכע און אבערגלויבישע נאטורען ווערען געטריבען צו א מעהר אדער וועניגער עטישער אויפפירונג קודם כל פון דעם פחד פאר דעם אייביגען עונש אין גיהנום. אויך די איבערצייגונג, אז דאס לעבען אויף דער ערד איז בלויז בעשאפען געווארען כדי דער מענש זאל געפריפט ווערען פון גאט און איז א צוגרייטונג פאר עולם הבא, קאן פירען צו א סך העלדישע טאטען און צו א גרויסער זעלבסט-פערלייקענונג. אבער דערביי פערזעהט מען די גיפטיגע פרות פון אונוויסענקייט, פון פאנאטיזם, פון אונטאלעראנץ און פון דער פערנאכלעסיגונג פון דער מענשליכער עטיק, אט דאס אלעס, וועלכעס איז די פעולה פון אזא בלינדען גלויבען! זאל מען דאס סאציאלע לעבען פון די מענשען בויען אויף א יסוד פון א פוסטער פאטא מארגאנא, אויף אילוזיעס, אויף הבטחות און בעהויפטונגען פון כלומרשט געטליכע נביאים אדער גלחים, וועלכע זענען געווען און זענען אליין אונוויסענדע מענשען, וועלכע מישען אוים זייערע נידעריגע ליידענשאפטען און זייער ערגייציגקייט מיט א כלומרשט׳ער פערטייטיגונג פון א גאט? מיר זאגען פאזיטיוו ניין. ווען די געטליכע אלמעכטינקייט פון דעם אוניווערזום וואלט זיך געוואלט ענטפלעקען פאר די מענשען, וואלט זי דאס היינט ניט געטון דורך ניט־קלארע, אלטע לעגענדען, נאר אין דעם קלארען ליכט פון דער זון. אונצווייפעלהאפטיג איז אונז בלויז בעקענט די מענשליכע עטיק, וועלכע האט שטענדיג בעשאפען דאס בעסטע, יא דאס איינציגע גוטע אין די רעליגיעס, און אין איהר ווילען מיר זיך האלטען.

מיר האבען פריהער געזעהען, אז די סימפאטיע־געפיהלען אין דער חיות־וועלט שטאמען אב, בדרך כלל, פילאלעגענטיש פון זייער ערשטער ערשיינונגס־פארם, פון די אנציהונגס־געפיהלען. און איצט זעהען מיר, ווי אן ענטוישטע, פערוואָרפענע אדער פערהערליכטע סעקסועלע ליבע ביים מענש זוכט אזוי אפט אן ערזאץ אדער אן אידעאליזירונג אין דעם ברען פון א רעליגיעזער התלהבות. גאנץ נאטירליך שטעלט זיך דא איצט די פראגע, אויב דער דאזיגער ערזאץ אדער דאס דאזיגע אידעאל איז אונענטבעהרליך. און אויב זייער פלאץ קאנען ניט פערנעהמען אנדערע אביעקטען, אביעקטען פון א מענשליכער אנשטאט פון א מיסטישער נאטור.

מיר האבען געזאגט, אז די רעליגיעזע בעגייסטערונג דארף

ניט אלעמאל דוקא צוריקפאלען אין א ליידענשאפטליכער ליבע. אויב זי פאלט יא צוריק, דעמאלט איז דאך פאראן א מענשליכער ערזאץ. פאלט זי אבער ניט צורק, זענען וועדליג מיין מיינונג פאראן אנדערע ריין מענשליכע אידעאלען, וועלכע קאנען, אויב מען וויל, „רעליגיעז" אידעאליזירט ווערען פונקט אזוי גוט ווי דער מיסטיציזם פון א כלומרשט'דיגער געטליכער ענטפלעקונג. דאס קריסטענטום ווערט גערופען "די רעליגיע פון ליבע", און דער אפאסטאל פאול שטעלט די געבסטענליבע אפילו העכער פון דעם גלויבען. אבער וואס איז דען די געבסטענליבע אויב ניט די סינטהעזע פון די סאציאלע סימפאטיע־געפיהלען פאר דער היינטיגער און פאר דער צוקונפטיגער מענשהייט? קאן די דאזיגע געבסטענליבע ניט געבויט ווערען אויף אנדערע יסודות, איידער אויף וועקסלען וועלכע ווערען אויסגעצאלט מיט פערשפרעכונגען אויף א פלאץ אין גן־עדן? קאנען ניט די פער־הייליגונג, די התלהבות און דער טיפער גלויבען פערוואנדעלט ווערען אין א שעהנער, ערהאבענער פארם לטובה די סאציאלע אידעאלען און דער צוקונפט פון אונזערע קינדער? קאן מען ניט די רעליגיע פון די שפעטערדיגע דורות און זייער גליק אוועקשטעלען אויף דעם פלאץ פון דעם קולט פון רעליגיעזע לעגענדען און פון דער פערהערליכונג פון די ווערק פון יהוה, וועלכע מיר געפינען אין דער ביבעל? לויט מיין מיינונג קאן די סוגעסציע פון דעם רעליגיעזען ליבעס־עקסטאז פערוואנדעלט ווערען לטובת הכלל. אין זיין פאנאטיזם ליגט א בעדייטענ־דע טרייבקראפט, א פארציגליך מיטעל אויפצורודערען די מענשליכע גלייכגילטיגקייט און פערגליווערקייט. אבער די דאזיגע קראפט זאל ניט פערלוירען געהען אין תפלות צו פוסטע פאנטאזיעס און לעגענדען. נאר זי זאל פערוואנדעלט ווערען פאר א ריין מנשליכער רעליגיע פון ליבע דא בעת אונזער לעבען אויף דער ערד.

קאפיטעל XIII.

דאס געזעץ אין געשלעכטס־לעבען.

1. אלגעמיינע רעכטס-בעגריפען:

די מענשליכע בעגריפען פון רעכט זענען זונדערבאר. איטליכער יחיד שרייט נאך רעכט און פרייהייט, דענקט דערביי נאטירליך קודם כל פון זיך אליין און מערקט ניט, ווי ער, כסדר פארדערענדיג זיינע אייגענע „נאטירליכע“ רעכטען, צוטרעט אויף שריט און טריט די רעכטען פון אנדערע. ווי שעהן קלינגען די ווערטער פרייהייט און רעכט! אבער ווי צוריסען שטעהען זיי איינס אנטקעגען אנדערען אין דעם טאג־טעגליכען פראקטישען לעבען! מיין רעכט אויף פרייהייט, וועלכעס איך האב דא אין זין, דאס רעכט אויף א פולער אונבעשרענקטער ענטוויקלונג פון מיין איך ווערליג מיינע נאטירליכע געפיהלען, איז א זאך וועלכע איז פשוט אונמעגליך: דאס הייסט, דאס רעכט לאזט זיך גאר־ניט דורכפיהרען אהן דערביי כסדר ניט צו פערמינדערען דאס גלייכע רעכט אויף דער גלייכער פרייהייט פון מיינע מיטמענשען. און פונדעסטוועגען דונערען די מענשען מיט פראזען איבער פראזען מכח דעם דאזיגען ענין: מיט א טיפער און ערענסטער איבערצייגונג אטאקירען זיי אונזערע סאציאלע איינריכטונגען, פערשילטען זיי די שלעכטסקייט פון אנדערע, אבער אליין ווייזען זיי דערביי ארויס אן אונפעהיגקייט פראקטיש צו לייזען די ספוכים, וועלכע האבען ביי זיי ארויסגערופען זייער טיפען דורשט נאך פרייהייט. דאס דאזיגע געשריי נאך רעכט און פרייהייט פון אונזער היינטיגער געזעלשאפט איז ניט קיין אנדערע זאך ווי דער אינסטינקטיווער אויסדרוק פון א געפיהל פון אונצופרידענקייט און כעס, וועלכעס שטעהט אויף דעם יסוד פון דער נאטירליכער עוואלוציע פון אונזער פילאגעניע, אן אינסטינקט וועלכער לעבט נאך שטארק אין דעם איבערבלייבעניש פון דער רויב־חיה אין דער מענשליכער נאטור און וועלכער רעוואלטירט קעגען דער צוואנגס־יאקע פון

דעם נויטיג געוואָרענעם סאָציאַלען לעבען און קענען דעם דוחק פון א פשוט'ער עלענבוינגען־פרייהייט אויף דער ערד, וועלכע ווערט אַלץ ענגער פאַר דעם מענשליכען מין.

דער נאַטור־מענש רייסט זיך נאָך רוים און פרייהייט פאַר, זיין איך, און ער געוואוינט זיך צו ניט גערן צו די שטרענגע איינצוימונגען וועלכע די סאָציאַלע נויטיגקייטען צווינגען אויף איהם אַרויף. זיין נאַטור איז נאָך אַלץ די נאַטור פון א האַלב נאָמאַדישער פאַמיליען־חיה, אין וועלכער עס לעבט נאָך דער חשק נאָך יאָגד און הערשונג, א חיה מיט א סך עגאָיסטישע בעדערפעניִשען נאָך געגנוס, — און דאָ, וואו ער קערט זיך און ווענדט זיך, שלאָגען זיך אָן זיינע עלענבויגענס אויף אַנדערע מענשען, אויף אַנדערע רעכטען און אויף דעם חשק פון אַנדערע מענשען נאָך פרייהייט און הערשונג, וועלכע צווינגען איהם צו אונ־טערוואַרפען זיין איך. דאָס איז די אורזאַך פון דעם שוואַכען און מאַכטלאָזען געשריי פון נויט און כעס אַנטקעגען די שלעכטסקייטען פון אַנדערע און אַנטקעגען דער סאָציאַלער אָרדנונג. און פונדעסטוועגען איז דער דאָזיגער כעס און דער דאָזיגער נויט־געשריי אבסאָלוט נויטיג. בכדי מען זאָל געפינען און פראַקטיש דורכפירען א ווי ווייט מעגליך האַרמאָנישע סאָציאַלע פאָרמולע פאַר דער צוקונפט. א חוץ אין דער פראַגע צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט עקזיסטירט ניט קיין אַנדער גע־ביט וואו עס פיהלט זיך די דאָזיגע פיינדליכע נויט אַזוי שטאַרק ווי אין דער געשלעכטס־פראַגע.

וואָס איז דאָס אַזוינס דאָס מענשליכע רעכט? איידער מיר געהען צו די פאָרמעל אַנערקענטע אונטערשידען, מוזען מיר פון פּסיכאָ־לאָגישען און מענשליכען שטאַנדפּונקט דאָס אַזוי גערופענע רעכט איינ־טיילען אין צוויי קאַטעגאָריעס פון בעגריפען, דאָס נאַטירליכע רעכט און דאָס קאָנווענציאָנעלע אָדער טראַדיציאָנעלע רעכט.

דאָס נאַטירליכע רעכט. — דאָס נאַטירליכע רעכט איז א דורכויס דעלאַטיווער בעגריף: דאָס רעכט אויף לעבען און לעבענס־בעדינגען. אַזוי ווי אָבער אויף דער ערד, וועלכע ווי עס הייסט איז א בעשאַפונג פון א גאָט, זענען די עסקים פון לעבען אַזוי ליבליך איינגעפירט, אַז לעבעדיגע בעשעפענישען קאָנען אַנדערש ניט עק־

זיסטירען ווי נאר ווען זיי פרעסען זיך גענענזייטיג אויף, איז פאקטיש דאס עלטסטע נאטור־רעכט פון יעדען לעבעדיגען בעשעפעניש טאקע דאס רעכט אנדערע אויפצופרעסען. עס איז דעריבער דאס רעכט פון דעם שטארקערען. ווען מען וויל קאן מען זאגען, אז דאס אבסאלוטע נאטור־רעכט איז דאס רעכט פון דעם שטארקערען.

אן אנדער פנים האט אבער דער בעגריף פון דעם רעלאטיוועז נאטירליכען רעכט. דאס דאזיגע רעכט איז מעהר ניט נוגע אלע לעבעדיגע בעשעפענישען, נאר בלויז בעשטימטע גרופען פון לעבעדיגע בעשעפענישען אויסשליסענדיג אלע איבעריגע. די רעלאטיוויטעט פון דעם גרופען־רעכט איז א דאפעלטע, פון איין זייט גיט זי דער בעשטימטער גרופע אינדיווידוען דאס רעכט זיך אריינצומישען אין די לעבענס־רעכטען פון אנדערע גרופען, אפילו ביז צו זייער פערטיליגונג; פון דער אנדערער זייט אבער — און דאס איז די צווייטע זייט פון דעם גרופען־רעכט — וואקסען ארויס פון דעמזעלביגען רעכט די אזוי־גערופענע פליכטען פון איטליכען יחיד אנטקעגען די איבעריגע יחידים פון דער זעלביגער גרופע, ד. ה. די פליכטען זייערע אינדיווידועלע רעכטען צו אכטען, צו שוינען און אפילו צו שיצען פונקט ווי זיינע אייגענע. ווער עס זאגט גרופען־רעכט, זאגט סאציאלע רעכטען און פליכטען.

די אידעאלסטע ארגאניזאציע פון דעם גרופען־רעכט געפינען מיר ביי די מוראזשקעס. איטליכער יחיד פון א גרופע (פון א קאלאניע פון מוראזשקעס) האט דאס רעכט אלעס צו פרעסען און צו מיסברויכען וואס געהערט ניט צו דער קאלאניע (צו דער גרופע). אין דער גרופע האט ער א רעכט אויף נאהרונג, וואוינונג און אויף די בעפרידיגונג פון אלע זיינע אינדיווידועלע נויטען; און פערקערט ווידער, עס איז זיין פליכט דורך אן אונויפהערליכער ארבייט און דורך קאמף צו העלפען בויען און אויפהאלטען די געמיינשאפטליכע וואוינונג, צו העלפען אנ־זאמלען נאהרונגס־מיטלען, פארטצופלאנצען און ערציהען די יונגע, צו פערטיידיגען די געמיינשאפט און אנצוגרייפען די דרויסענדיגע וועלט. רעכטען און פליכטען זענען דא געווארען פולשטענדיג אינסטינקטיוו אלס פעולה פון א פילאגענעטישער צופאסונג, און א דאנק דער נא־טירליכער ארגאניזאציע פון די מוראזשקעס, קומען זיי פון זיך אליין אהן וואסערען ניט איז דרויסענדיגען, געזעצליכען צוואנג. דא פעהלט

דער אויבען דערמאנטער נויט־געשריי פון דער מענשליכער בעסטיע. מחמת די דערפילונג פון די פליכטען געשעהט אויף אן אינסטינקטי־ווען אופן און איז בעגלייט פון געפיהלען פון חשק. יעדע מוראַשקע וואלט געקאנט אונבעשטראפט פוילענצען און געניסען, ווען זי וואלט נאר געוועזן קאפאבעל דאס צו ווילען: דאס קאן זי אבער ניט. די קאמונעס פון מוראשקעס קאנען עקזיסטירען בלויז אויף דעם יסוד פון יענעם סאציאלען אינסטינקט פון אויפאפפערונג און ארבייט, און אהן דעם דאזיגען אינסטינקט וואלט פון זיי באלד געווארען א תל.

עגאיזם און דאס גרופען-רעכט ביי מענשען. מענשליכע רעכטען. — ניט דער ערך קאמפליצירטער און שווערער צו פערשטע־הען פארמירען זיך די בעגריפען פון דעם נאטירליכען מענשליכען גרופ־ען־רעכט. ווי מיר האבען פריהער געזעהען, איז דאס אורשפרינגליכס־טע אינסטינקטיווע מענשליכע געפיהל פון גרופען־רעכט בעגרעניצט אויף דער פאמיליע און אויף דער דירעקטער סביבה. אבער אפילו דא בלייבט איבער זעהר און זעהר א סך צו ווינשען. פאמיליען שטרייטיג־קייטען, צאנקערייען און רייסערייען צווישען ברידער און שוועסטער איז א גאנץ אפטע ערשיינונג; אפילו עלטערן,־ברודער,־און קינדער־מארד איז ניט אזוי זעלטען. אבער ווען מיר לעגען נאך צו, אז א חוץ אין די ענגע קרייזען פון דער פאמיליע, זענע מחלוקות און שנאה צווי־שען די איינצעלנע, שווינדעל, גנבות און א סך נאך ערגערע זאכען דער געוועהנליכער טאג־טעגליכער גאנג פון דעם לעבען, אז אין די פארטיי און קלאסען־קאמפען, אין דעם מיסברויך פון פריווילעגיעס פון קאסטען און שטאנדען אדער פון דער געלד־מאכט, אין מלחמות, בקצור, אז אי־בעראל ווערען די פריוואטע אינטערעסען ווייט־ווייט העכער געהאלטען איידער די אלגעמיין מענשליכע אינטערעסען,—ווען מיר לעגען דאס צו און נאך הונדערט אנדערע טרויריגע ערשיינונגען פון דער מענשליכער געזעלשאפט, שטעלען זיי צוזאמען דעם אונגליקליכען סך הכל, וועלכער איז אן עדות פון דער אינדיווידיאליסטישער און בעסטיאלישער נאטור פון דעם מענש, און וועלכער בעווייזט ווי אהן אן ערך שוואך דער סא־ציאלער אינסטינקט איז ענטוויקעלט אין דעם מענשליכען געהירן. די מענשליכע געזעשאפטען זענען געבויט א סך מעהר אויף ארויפגע־

צוואונגענע מנהגים און טראדיציעס איידער אויף דער מענשליכער נאַ־טור. די קינדער זענען תחלת מעהר ענליך צו יונגע קעץ איידער צו יונגע סאַציאַלע בעשעפענישען. אין די פּרימיטיווע צייטען, דעמאָלט ווען ביים מענש האט די ערד נאָך אויסגעזעהען גרויס, זענען די גרופּען־רעכטען געווען בעגרעניצט אויף קליינע געמיינשאַפטען, וועלכע האבען געקוקט אויף די איבעריגע מענשען, אַזוי גוט ווי אויף די חיות און די פלאַנצען, ווי אויף אַ ווילקאָמענעם רויב. דער קאַניבאַליזם בעווייזט געגוג דייטליך, אַז דער מענש איז פון אָנהויב צוריק געוואָרען אַ סך רויבערישער איידער זיין אַפען־ענליכער עלטער־זיידע. ערשט אַ סך שפּעטער, נאָך דער פערגרעסערונג שטאַפּעל נאָך שטאַפּעל פון שטאַר־קערע געמיינשאַפטען אויף דעם חשבון פון שוואַכערע; נאָך שפּעטער, ווען דער מענש האט בעגריפען די ליידען פאר דעם כלל, וועלכע זענען דער פּועל יוצא פון דער אונבעגרעניצטער אויטאָקראַטיע און געגוסזוכט פון איינצעלנע; און לסוף ווען ער האט ענדעקט די בעגרעניצטקייט פון דעם שטח פון דער ערד, דעמאָלט ערשט האבען זיך ענטוויקעלט די בעגריפען פון מענשליכקייט און מענשהייט, אַזוי גוט ווי דאס געפיהל פון דער מענשליכער סאָלידאַריטעט: „איך בין אַ מענש און קיין שום מענשליכע זאַך קאן מיר ניט זיין פרעמד".

פאר דעם מענש וואס דענקט מוז ווערען פולשטענדיג קלאָר, אַז די רעלאַטיוויטעט פון די מענשליכע גרופּען־רעכטען און דעריבער אויך פון די מענשליכע גרופּען־פליכטען מוז ב י ס ל ע כ ו ו י י ז אריינ־נעהמען אין איהרע גרעניצען אַלע מענשליכע בעוואוינער פון דער ערד. אָהן אַן ערך שווער איז די דעפינאַציע פון דעם, וואס מיר זאָלען פער־שטעהען אונטער די ווערטער אַ סאַציאַל־ און קולטור פעהיגע מענש־הייט.

אָהן ספק, דער אבגרונד צווישען די העכסטע איצט נאָך לעבעדיגע אַפען און די נידעריגע איצטיגע מענשען איז געוואַלדיג, און האט היינט ניט מעהר קיין אריבערגאַנג פונדעסטוועגען הויבען מיר אַן ביסלעכ־ווייז צו בעגרייפען, פון איין זייט, אַז מיר דאַרפען אַנערקענען געוויסע לעבענס־רעכטען פון חיות, חיות וועלכע שטעהען נאָהענט צום מענש און פון דער אַנדערער זייט, אַז געוויסע נידעריגע היינטיגע מענשען־ראַסען (אַקאַס, ווערראַס און אפילו נעגערס) זענען ניט קאַפּאַבעל פאר

א העכערער ציוויליזאציע, אזוי. אז דעריבער וועלען מיר סוף כל סוף באלד האבען צו וועהלען צווישען דעם אונטערגאנג אדער פון די דאזיגע נידעריגע ראסען אדער פון אונזער אייגענער ראסע צוזאמען מיט איהר ציוויליזאציע. דא איז ניט דער פלאץ נעהענטער צו בעטראכטען און צו ענטפערען אויף דער דאזיגער קאמפליצירטער פראגע, אנצואווייזען וואו מען קאן ציהען די גרעניץ פון דער ציוויליזירטער מענשהייט, ד. ה. וואו עס דארפען זיך אנהויבען די רעלאטיווע גרופען־רעכטען און וואו די פליכטען פון דער ציוויליזירטער מענשהייט אנטקעגעניבער דער איבעריגער לעבעדיגער וועלט: ביז צו וואסערען שטאפעל זאל דער ציוויליזירטער מענש האבען דאס רעלאטיווע רעכט צו אונטערווארפען אנדערע לעבעדיגע ברואים, זיי צו עקספלואטירען פאר זיין אייגענעם נוצען און מובה וועגען, זיי צו בענוצען אלס שפייז און ענדליך זיי צו פערטיליגען בכדי צו פערזיכערען דאס אייגענע לעבען. וואס איז נוגע דער וועלט פון פלאנצען און חיות, אנגעפאנגען פון אראנג־אוטאן ארויפצו דארף די פראגע זיין פשוט און פערענטפערט. די פראגע איז אבער ניט דער ערך שווערער צו פערענטפערען פאר מענשען און פאלקס־שטאמען, וועלכע זענען אבגעשיידט פון אונזער אייגענער ראסע מיט א טיפען תהום פון ראסען אונטערשידען. איך בעטאן בכיוון די טיפע ראסען־אונטערשידען, מחמת עס איז אהן קיין שום ספק, אז די העכערע, קולטור־פעהיגע און קולטיווירטע ראסען, אדער בעסער געזאגט ראסען־מישונגען, וועלכע לעבען היינט אויף דער וועלט, וועלען טון בעסער אויב זיי וועלען לעבען בשלום צווישען זיך, איידער זיך געגענזייטיג צו פערטיליגען.

עס איז געוועזן נויטיג אנצוהויבען מיט דער דאזיגער ניכטערער וויסענשאפטליכער דיסקוסיע ניט קוקענדיג וואס זי האט געקאנט וועה טון סענטימענטאלע מענשען. וואס איז די פעולה צו בעהאלטען דעם קאפ אין זאמד ווי דער שטרויס־פויגעל? קלאר מוזען מיר קוקען דער צוקונפט אין פנים, מחמת נאר אויף אזא אופן קאנען מיר דערגעהען צום גוטען און צום נוצליכען. דאס נאטירליכע רעכט פון מענש מוז כסדר מעהר און מעהר ווערען א קאמבינאציע פון סאציאלע רעכטען און פליכטען אנטקעגען א י ן גרויסע גרופע, וועלכע מיר קאנען רופען די ציוויליזירטע מענשהייט, די רעלאטיווע גרעניצען פון וועלכער

קאָנען נאָר געצוויגען ווערען שטאָפּעלווייז און אויף דעם וועג פון פּראַקטישע ערפאַרונגען. אפילו ווען דאָס רעכט ווערט אַזוי פערשטאַנען און אַזוי בעגרענצט, קאָן אבער דער אינסטינקט פון דער רויבער חיה, וועלכער ליגט נאָך טיף איינגעוואָרצעלט אפילו אין דעם ציוויליזירטען מענש, זיך נאָר ביסלעכווייז און מיט דער גרעסטער מיה צופּאַסען צו אַט דעם נאַטירליכען רעכט. דעריבער, כדי צו זיין ערליך מוזען מיר מודה זיין, אַז דאָס דאָזיגע רעכט פערדינט בלויז זעהר רעלאַטיוו דאָס פּרעדיקאַט „נאַטירליך."

דאָס סאָציאַלע רעכט איז ביים מענש נויטינגערווייז קינסטליך. גאַנץ נאַטירליך זענען בלויז עטליכע עלעמענטאַרע רעכטען און פליכטען, בעזונדערס אויף דעם געשעלשאַפטליכען געביט: דאָס זענען צופּאַסונגען אין דער פאָרם פון אינסטינקטען, וועלכע דינען פאַר דער דערהאַלטונג און ענטוויקלונג פון דער פאַמיליע, אַזוי גוט ווי פאַר דער עלעמענטאַרער בעשיצונג פון־דעם יחיד. אַלס אַזוינע קאָנען מיר אַנרופען דאָס רעכט צו לעבען, דאָס רעכט און די פליכט צו אַרבייטען, דאָס רעכט פון דעם קינד פון זיין מוטער געזויגט אָדער אויף וואַסערען ניט איז אופן ערנעהרט צו ווערען און פון זיינע עלטערן געפּלעגט און געשיצט צו ווערען, די פליכט פון די עלטערן צו ערנעהרען זייערע קינדער, די פליכט פון דעם מאַן צו בעשיצען זיין פרוי, דאָס רעכט צו בעקומען שפּייז פון פלאַנצען און חיות, דאָס רעכט צו בעפרידיגען דעם געשלעכטס־טריב, א. ד. גל.

עס איז אבער פאַראַן נאָך אַ רייה פון אנדערע גרופּען־רעכטען און גרופּען־פליכטען, וועלכע זענען אַזוי ווייט גוטיג, אַז מען קאָן צו זיי צושטעלען דאָס פּרעדיקאַט „נאַטירליך". זיי זענען דאָס רעכט צו פערמאָגען אַ איינענע וואוינונג, צו פערטיידיגען זיין לעבען קעגען אַנגריפען, צו דענקען און צו גלויבען וואָס מען וויל, כל זמן מען צווינגט ניט אַרויף זיין דענקען און זיין גלויבען אויף אַנדערע; די פליכט צו רעספּעקטירען דאָס לעבען און דעם נויטיגען בעזיץ פון אַנדערע; די פליכט צו זאָרגען פאַר דער גייסטיגער און פיזישער ערציהונג פון דער יוגענד, א. אז. וו.

ווען מיר בעטראַכטען דאָס נאָר־וואָס געזאָגטע אָהן פאָרורטיילען, ווערען געוויסע רעכטען און פליכטען, וועלכע מען האָט ביז איצט געהאַלטען פאַר זעלבסטפערשטענדליך און נאַטירליך, אדרבה צוויי־

פעלהאפט. דאָס זענען אַ שטייגער אַלע קירליכע און רעליגיעזע רעכ־טען און פליכטען, די פּאַטריאָטישע און נאַציאָנאַלע פליכטען, די מלחמה־רעכטען און פליכטען, א. אז. וו. ווען מיר שטודירען די ענט־וויקלונג פון דער מענשהייט אָהן פאַרורטיילען, ווערט פאַר אונז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די דאָזיגע אַזוי־גערופענע רעכטען און פליכטען זענען ניט קיין אַנדערע זאַך ווי היסטאָרישע ירושות פון בעגרעניצטע און ביז אַ הויכען שטאַפּעל קינסטליכע מענשליכע גרופּירונגען. די רע־לאַטיווע רעכטען און פליכטען פון די מיטגלידער פון די דאָזיגע גרו־פּירונגען זענען בעשטאַנען אין אַ געגענזייטיגער בעשיצונג פון זייערע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אַנשוויונגען און אינטערעסען, און אין דער אונטערדריקונג און טרעטען אונטער די פיס די מיינונגען און די אינ־טערעסען פון אַנדערע מענשליכע גרופּען. די דאָזיגע בעטראַכטונגען פירען אונז איצט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע פון די רעכטליכע בע־גריפען.

דאָס טראַדיציאָנעלע רעכט. — וועלענדיג זיין פּינקטליך, איז דאָס טראַדיציאָנעלע רעכט קיין רעכט ניט. עס איז פּשוט אַ דאָג־מאַטיזירטע פערהייליגונג פון אַלערליי מנהגים און מאָס'ע געוואוינ־הייטען צו וועלכע די מענשען האָבען זיך צוגעפּאַסט ווערליג זייערע אָרטליכע אומשטענדען און צופעליגע עראָבערונגען און דערוואָרבונגען. דאָ שפּילען דאָס גאָטירליכע רעכט פון דעם שטאַרקערען און דער פּועל יוצא דערפון, דער מיסטיציזם, אַלערליי מענשליכע ליידענ־שאַפטען און ביז אַ הויכען שטאַפּעל אויך דער געשלעכטס־טריב, אַ זעהר קאָמפּליצירטע ראָלע. דער בעסטער בעווייז, ווי אַבסורד און ניט גערעכט עס איז ביז אַ גרויסען טייל דאָס טראַדיציאָנעלע רעכט, איז די פערשידענקייט, יאָ אפילו דער אבסאָלוטער הפוך, פון די ענטשפּרעכענדע רעכטס־בעגריפען צווישען די פערשידענע פעלקער. דאָ איז די פּאָליגאַמיע אַ רעכט און אַ געטליכע אינסטי־טוציע; דאָרט אדרבה איז זי אַ פערברעכען. דער אינדיווידועלער מאָרד ווערט דאָס רוב איבעראַל בעטראַכט אַלס אַ פערברעכען, אָבער דער מאַסענמאָרד אין מלחמות אדרבה ווערט געהאַלטען אַלס אַ טוגענד און אַ פליכט. גנבה און רויבעריי בעטראַכט מען אין אַ פריידליכער צייט אַלס פערברעכענס קעגען דעם איינגעפירטען רעכט; אָבער אין מלחמה,

אין דער פארם פון פלינדערונג און לענדער פערכאפונג, ווערען זיי בע־טראכט אלס דאס וואויל־ דערוואָרבענע רעכט פון דעם זיגער. אין א קעניגרייך קוקט מען אויף דעם מאנארך ווי אויף א היילינער פערזאן און די מאיעסטעטס־בעליידיגונג איז א פערברעכען; אין א דעמאקראַ־טיע ווידער ווערט דער וואס שטרעבט צו א זעלבסטהערשונג בע־שטראפט אלס פערברעכער. דער שקר און דאס ניט דערערדען זענען, לכל הפחות אין געוויסע פאלען, דאס רעכט אדער גאר די פליכט פון דעם קאטאליק, וועלכער טאר בלויז ניט געבען א פאלשע שבועה אויף גאט און אויף דער רעליגיע, בעת אנדערע האלטען יעדען שקר מעהר אדער ווענינער פאר אן אונרעכט; ווידער, אנדערע בעטראכטען איט־ליכע שבועה אלס א זינד אדער פער׳משפט׳ען זי אלס אן אומ׳כבוד (דייגע רייד זאלען זיין „יא, יא“ און „ניין, ניין“).

„עס ערבען זיך נעזעץ אונד רעכטע
ווי איינע עווינע קראנקהייט פארט;
זי של.פען פאן געשלעכט זיך צום געשלעכטע
אונד ריקען זאכט פאן ארט צו ארט.
פערנונפט ווירד אונזינן, וואלטאט פלאגע:
וועה׳ דיר, דאסס דו איין ענקעל ביסט!
פאם רעכטע, דאס מיט אונז געבארען איסט,
פאן דעם איסט, ליידער! ניכט די פראגע“

(מעפיסטאפעלעס אין געטהע׳ס פאוסט.)

אהן א שעור זענען די הפוכים, ניט־אויסגעהאלטענקייטען, אונגאַ־טירליכקייטען און טיראנייען פון די אזוי־גערופענע טראדיציאנעלע רעכטען ביי פערשידענע פעלקער און אין תוך גענומען זענען אויך ניט א סך בעסער אונזערע אייגענע רעכטס־בעגריפען, וועלכע האבען זייערע ווארצלען אין דעם רוימישען רעכט.

אין דעם היסטארישען סדר פון דער צייט האבען נאך דעם רעכט פון דעם שטארקערען געפאלגט געוויסע רעכטס־בעגריפען וועלכע קאנען נאך אלץ בעטראכט ווערען אלס אורשפרינגליך; קודם כל דאס געזעץ פון מדה כנגד מדה אדער דאס „לינטש־געזעץ“, וועלכעס איז געבויט אויף דעם נאטירליכען נקמה־געפיהל און וועלכעס זאגט: עין תחת עין

און שן תחת שן. דאָס רעכט פֿון מידה כנגד מדה איז בעצם זעהר „נאַטירליך“ און זעהר מענשליך: הגם זייענדיג נאָך פֿון האַלב-ווילדען אורשפּרונג, האָט עס וועניגסטענס דאָס איינציגע גוטע אין זיך, וואָס עס אַנערקענט — אמת, אויף אַ רויהען און ברוטאַלען אופֿן און אָהן דערביי נעהמענדיג אין בעטראַכט די אינוועניגסטע מאָטיווען — דאָס גלייכע רעכט פֿון דעם מענש צו נעהמען נקמה פֿאַר אַ פֿערורזאַכטען שאַדען. פֿון דער אַנדערער זייט געפֿינען מיר אין די אַלטע געזעצען אַן אַנדערען בעגריף, אַבשטאַמענדיג פֿון דעם רעליגיעזען מיסטיציזם, דעם בעגריף פֿון תשובה און חרטה; נאָכדעם ווי דער מענש האָט זיך אויפֿגעבויט אַ גאָט לויט זיין אייגענעם בילד און געשטאַלט, אַ גאָט מיט מענשליכע ליידענשאַפֿטען, האָט ער צו איהם אויס מורא אויך צוגעשריבען בעזונדערס געפֿיהלען פֿון צאָרן צוליב זיין אייגענע געזונקענקייט און שלעכטסקייט אַנטקעגען זיינע מיטמענשען. און איצט, בכדי נישא חן צו זיין און צו מילדערן דעם גרימצאָרן פֿון זיין איינגעבילדעטען גאָט, האָט ער איהם געבראַכט מענשליכע קרבנות.

תחלת זענען די קרבנות ניט אַלעמאָל געווען בלויז פֿערברעכער און פֿערשולדיגטע מענשען, נאָר אָפֿטמאָל אויך אונשולדיגע און אָרימע זעליגע לעמער, מענשען אָדער חיות, וועלכע מען האָט געגלויבט אַז מען מוז מקריב זיין, אָפֿטמאָל מיט אַלערליי מאַטערנישען, בכדי אויף דעם אופֿן צו מילדערן דעם צאָרן פֿון גאָט. שטאַפּעל נאָך שטאַפּעל איז אָבער דער מנהג געוואָרען הומאַנער און האָט זיך איינגעשמוגעלט אין דעם געזעץ אין דער פֿערענדערטער פֿאָרם פֿון דעם היינטיגען בעגריף פֿון תשובה און חרטה. ווער עס בעגעהט אַ פֿערברעכען, מוז ווערען אַ בעל-תשובה און אויף זיך אַרויפֿנעהמען וואָסערע ניט איז שטראָף, טיילמאָל אפֿילו דעם טויט. דער בעגריף פֿון תשובה און נקמה מישען זיך אָפֿטמאָל אויס אין דעם היינטיגען שטראָף-רעכט און ווען מען שטודירט זיינע וואָרצלען אין דער עטהנאָלאָגיע, דאַרף מען זיך ניט חדוש'ן, אַז היינט נאָך אפֿילו ווערט תשובה געטון און בעשטראָפֿט פֿאַר אַזוי-גערופֿענע זינד קעגען גאָט אָדער קעגען דער רעליגיע. דערין ליגט אַ זונדערבאַרע קאָמבינאַציע פֿון רעליגיאָנס- און רעכטס-בעגריפֿען! אַ זונדערבאַרער אופֿן תשובה צו טון פֿאַר גאָט איז דאָס מקריב זיין פֿון חיות און דאָס ברענגען אַנדערע מתנות, וועלכעס איז אַן איינגעפֿיר-

טער מנהג ביי כמעט אלע אלטע און ווילדע פעלקער, סיי בכדי גאט צו דערפרעהען און איהם צו דאנקען פאר א געוואונענעם זיג, סיי בכדי צו מילדערען זיין בלומרשט׳דיגען גרימצארן. דערמיט וויל מען בע־פרידיגען זיין אנטהראפאמארפיש פארגעשטעלטע ליידענשאפט.

טהעמים. — טראץ אלצדינג איז שטענדיג געווען דאס סימבאל פון דעם אידעאל פון רעכט אין דעם ציוויליזירטען אלטערטום א געטין פון גערעכטיגקייט, טהעמים, מיט א בינד אויף איהרע אויגען און האלטענדיג א וואג אין איהרע הענד. די וואג האט בעדייט, אז ביי יעדער האנדלונג זאל רעכט און אונרעכט פינקטליך אבגעוואויגען ווע־רען: די בינד, אז דער ריכטער, ארויסגעבענדיג זיין פסק־דין זאל דערביי ניט האבען קיין איינזעהעניש פאר דעם מענש, און אז ער זאל זיין אבגעשיידט פון וואסערען ניט איז דרויסיגען ניט גערעכטען איינ־פלוס פון די צדדים. פאר די דעמאלטדיגע כמעט איינציג בעשטעהענ־דיגע בעגריפען פון מדה כנגד מדה און תשובה, איז די דאזיגע בלינדע פרוי מיט איהר וואג געווען א ניש׳קשה׳דיג סימבאל פון גערעכטיגקייט. מכח דער טיפער פסיכאלאגיע פון דער מענשליכער נאטור, מכח גייס־טיגע קראנקהייטען, פערקלענערטע פעראנטווארטליכקייט און מכח העכערע סאציאלע אידעאלען און פערבעסערונגען האט זי זיך דעמאלט נאך ניט געהאט וואס צו זארגען. אויב א ריכטער האט זיך געלאזט אונטערקויפען כדי צו פער׳משפט׳ען אן אונשולדיגען אדער כדי פריי־צולאזען א שולדיגען, און אפילו ווען ער האט דאס בלויז געטון אוים מורא פאר דער געוואלט פון א דעספאט אדער אויס מורא פאר דער אויפגערעגטער ליידענשאפט פון דעם פאלק, איז ער געווען שלעכט און פערדארבען: טהעמים האט דעמאלט אראבגענומען די בינד פון איהרע אויגען און האט פארטייאיש געדריקט אויף איהר וואג, און די וואג איז דעמאלט אראבגעזונקען אויף דער ניט גערעכטער זייט. פאקטיש איז די בלינדע טהעמים וועניגסטענס אמאל געווען אונפארטייאיש. און אזוי מוז זי סיי היינט און סיי שפעטער בעטראכט ווערען.

היינט אבער איז די פליכט פון אונזער געטין פון גערעכטיגקייט ניט מעהר אזוי פשוט ווי פארצייטענס, מחמת דער פארטשריט פון דער מענשליכקייט און פון דער וויסענשאפט, בפרט פון דער פסיכאלאגיע

און פון דער פסיכיאַטריע, צווינגט זי אַראָבצונעהמען איהר בינד, ניט בכדי צו בעגעהן די זינד פון פּאַרטייליכקייט, נאָר צוליב טיפע מאָטיווען פון גערעכטיגקייט.—בכדי צו קאָנען קלאָר אַריינקוקען אין דעם מענש. עס האַנדעלט זיך פּשוט ניט מעהר אַליין דעריז, צו וויסען אויב אַז אַנגעקלאָגטער מענש האָט יאָ אָדער האָט ניט בעגאַנגען די טאָט אין וועלכער ער ווערט בעשולדיגט. נאָר די פראַגע איז אויך, אויב ער האָט געוואוסט וואָס ער האָט געטון, וואָסערע מאָטיווען האָבען איהם געטריבען דערצו און ווער עס איז געווען דער אמת'ער פערורזאַכער פון דעם פערברעכען. שכרות, גייסטיגע אַבנאָמאַליטעטען און קראַנקהייטען, סוגעסציעס, ליידענשאַפטען, א. אז. וו., קעמפען צווישען זיך כדי דאָס אָרימע מענשליכע געהירן צו בעיינפלוסען אַזוי. אַז מען קאָן עס גאָרניט אָדער כמעט גאָרניט האַלטען פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע האַנדלונגען. אַ חוץ דעם, אַז מען קוקט זיך נעהענטער צו ווערט דער טראַדיציאָנעלער בעגריף פון אַ פרייען ווילען, דער בעגריף פון אַן אַבסאָלוטער ווילענס-פרייהייט פון דעם מענש, וועלכער אַגב איז דער פאַרבערינג פון אונזער אַלטער שטראַף-יוסטיץ, ניט בלויז אַלץ מעהר און מעהר פּראָבלעמאַטישער, נאָר ער מוז אפילו בעטראַכט ווערען אַלס אַ מענשליכע אילוזיע, צוליב דעם פאַקט וואָס די אינדירעקטע, וויטע מאָטיווען פון אונזערע האַנדלונגען בלייבען פאַר אונז ביז אַ הויכען שטאַפּעל אונבעוואוסט און דעריבער אויך אונבעקענט.

שוין דער גרויסער פילאָזאָף שפּינאָזאַ האָט דעם דאָזיגען אמת בעוויזען אויף אַ מייסטערהאַפטען אופן און היינט-צו-טאָג ווערט ער בעשטעטיגט פון דער וויסענשאַפט אין אַלע פּרטים. יעדע ווירקונג האָט אין דער וועלט איהר אורזאַך, און אַלע אונזערע ענטשלוסען זענען די פעולה פון דער אַרבייט פון אונזער געהירן, וועלכע ווידער פון איהר זייט ווערט בעיינפלוסט און בעשטימט פון די גע'ירש'ענטע און דערהאַבענע ענגראַמען, זייענדיג איהרע אינווענינסטע אורזאַכען, און וועלכע פערבינדען זיך מיט אורזאַכען וואָס ווירקען פון דרויסען. לאָמיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל פריי אַנערקענען די פאַלשקייט פון דעם אַלטען אַקסיאָם פון אַ מענשליכען פרייען ווילען און לאָמיר פערשטעהען, אַז דאָס וואָס מיר פיהלען און בעטראַכטען אַלס אַ פרייען ווילען איז ניט מעהר ווי אַן אינדיווידועל אָהן אַן ערך פערשידענע און מעהר אָדער וועניגער ענטוויקעלטע פעהיגקייט פון אונזער געהירן, וועלכעס פאַסט

זיך צו דורך זיינע האַנדלונגען צו זיין סביבה און בפרט צו די האַנד־לונגען פון אַנדערע מענשען (דער געזעלשאַפט): לאָמיר שוין ענדליך אויך בעגרייפען, אַז אונזער ווילען און אַלע אונזערע האַנדלונגען ווערען כסדר בעשטימט פון אַ ניט דער ערך טיפען קאָמפּלעקס פון בירושה'־דיגע ענערגיען (דער כאַראַקטער), וועלכע זענען פערבונדען סיי מיט יענע ענערגיען וואָס ווירקען אויף אונז פון דרויסען אין משך פון אונזער לעבען, און סיי מיט די אויגענבליקליכע ווירקונגען און איינדרוקען אויף אונזערע חושים — ווען מיר זאָלען דאָס אַלעס בענעמען, מוז דעמאָלט אונזער גאַנצע אויפפאַסונג פון רעכט און בפרט פון דעם שטראָף־רעכט זיך ענדערען. דאָס געזעץ פון מדה כנגד מדה מוז דעמאָלט פולשטענדיג פערשווינדען אַלס אַן איבערבלייבעניש פון אַ חיה'ש געפיהל נאָך פון אונזערע אור־אורעלטערן, און די תשובה אַלס אַן אָבפאַל פון אַ פער־אַלטערטען און אַבערגלויבישען מיסטיציזם. מאָדערנע און ריין ווי־סענשאַפטליכע יוריסטען און רעפאָרמערס פון דעם שטראָף־געזעץ האָ־בען שוין אַנערקענט די דאָזיגע נויטיגקייט. אָבער טראָץ דעם פולשטענ־דיגען דורכפאַל פון דעם ביז אַהעריגען שטראָף־סיסטעם בנוגע צו דער פערקלענערונג פון פערברעכענס, זענען זיי דערוייל בכח געווען פּראַק־טיש דורכצופיהרען ניט מעהר ווי אַ קליינעם טייל פון זייערע געדאַנקען.

נאָכדעם וואָס מיר האָבען געזאָגט בלייבען נאָר איבער צוויי אורזאַכען אויף וועלכע די עקזיסטענץ פון רעכט און געזעץ קאָן זיך באמת שטיצען.

1.) צו שיצען די מענשליכע געזעלשאַפט קעגען די שאָדענס פון פערברעכערס, און בעזונדערס צו בעשאַפען בעגריפען, כללים און גע־זעצען, וועלכע זאָלען רעגולירען די געגענזייטיגע אינטערעסען פון די מענשען אויף אַזאַ אופן, אַז דער פועל יוצא זאָל זיין ווי ווייט מעגליך צוגעפּאַסטע און נאַטירליכע לעבענס־בעדינגונגען אי פאַר דעם יחיד און אי פאַר דער געזעלשאַפט.

2.) צו דערפאַרשען די אורזאַכען פון פערברעכענס, אַזוי גוט ווי די אורזאַכען פון די סאָציאַלע קאָנפליקטען, אונפּולקומענקייטען און אונגלייכקייטען און דורך אַ שטענדיגען צוועקמעסיגען קאַמף קעגען די דאָזיגע אורזאַכען צו פערבעסערען אי די מענשען און אי זייער סאָ־ציאַלען צושטאַנד.

אמת, דאַס וואַס מיר פאָדערען דאָ מיינט א פולשטענדיגע איבערקערעניש פון די טראַדיציאָנעלע רעכטס־בעגריפען, ניט בלויז אין אונזער אַלטען, פערשימעלטען שטראָף־רעכט, נאָר אויך ביז א הויכען שטאַפּעל אין אונזערע ציווילע רעכטס־בעגריפען. אָבער די דאָזיגע איבערקערעניש איז אונפערמיידליך, און א חוץ דעם האָט זי זיך שוין אָנגעהויבען. איהר צוועק וועט מוזען זיין, צו בעפרייען דאַס רעכט פון די צוואַנגען פון אַן אַלטער מעטאַפיזיש־רעליגיעזער דאָגמאַטיק און פערגליווערטקייט, עס צו בעפרייען פון פסוקים און שפּרוכען וועלכע האָבען זייערע וואָרצלען אין אָבגעלעבטע מנהגים און מאוס׳ע געוואוינהייטען, און עס אוועקצושטעלען אויף דעם יסוד פון א פּראַקטישער, סאָציאַלער נאַטור־וויסענשאַפט פון דעם מענש, וועלכער וועט ערשט דעמאָלט פערדינען דעם נאָמען „האָמאָסאַפּיענס“ וועלכען ליננע האָט איהם געגעבען. צו לאַנג שוין האָבען די יוריסטען זיך פערנומען מיט א מעטאַפיזיק אויף דעם יסוד פון דאָגמאַטיזירטע, באַרבאַרישע מנהגים און אַן איבערגלויבישען מיסטיציזם. עס איז שוין צייט, אַז טהעמיס זאָל אַראָבוואַרפען איהר בינד און זאָל שטודירען די פּסיכאָלאָגיע, פּסיכאָ־פּאַטהאָלאָגיע און די וויסענשאַפט; אַז די אונפּאַרטייישקייט און די גערעכטיגקייט פון איהר וואָג זאָלען זיין געבויט אויף א געזונדערען, איינוועניג אמת׳ערען און מעהר מענשליכען פונדאַמענט, אפילו ווען איהר אַרבייט וועט דערביי ווערען שווערער און קאָמפּליצירטער.

דער גרויסער, מאָדערנער לעהרער פון שטראָף־רעכט, פ. פאָן ליסט, שטעהט פולשטענדיג אויף א נאַטור־וויסענשאַפטליכען באָדען: ער זאָגט אבער, אַז אונזער געזעלשאַפט, זייענדיג ליידער נאָך טיף פערזונקען אין פאָראורטיילען, מוז פריהער ביסלעכווייז דערצו ענטוויקעלט ווערען. אין דער לעצטער צייט האָט שטאַאטס־פּראָקוראָר, דר. עריך וואולפען, אָנגעשריבען א בוך „די פּסיכאָלאָגיע פון דעם פערברעכער“, 1908, וועלכעס ער ענדיגט מיט דעם פאָלגענדען זאַץ:

„יאָ, איבעראַל, זעהען מיר צייכענס און וואונדער! די בעקאַנטע פראַגע פון פּראָפעסאָר בירקמייער אין מינכען, דער טיפער קענער פון דער קלאַסישער קרימינאַליסטען־שול: „וואָס לאָזט ליסט איבער פון דעם היינטיגען שטראָף־געזעץ?“ איז פערענטפערט. אויב אַלע סמנים

נארען ניט אב, וועט אין דער צוקונפט פון דעם היינטיגען שטראף־געזעץ בלייבען ג א ר נ י ט."

מיט דעם דאזיגען שלוס פון א חערק פון איבער 1000 זייטען מוז איך זיין פולשטענדיג איינפערשטאנען, מחמת דעמזעלביגען גערדאנק האב איך שוין ארויסגעזאגט מיט א לאנגער צייט צוריק (פארוואס, ווען און ווי אזוי האלט מען מענשען אין א משוגעים־הויז? גייסטיגע קראנקהייטען, געזעץ, מאראל און שטראף־אנשטאלטען—אין דעם בע־ריכט פון דעם צוריכ'ער הילפס־פעריין פאר גייסטיג־קראנקע, 1884. שפעטער: איבער די פעראנטווארטליכקייט פון דעם נארמאלען מענש, 1901).

מעקסועלע רעכטען. — בעת די געשלעכטס־געפיהלען זענען פון איין זייט א טייל פון די אינטימסטע און הייליגסטע בעדינגען פון דעם אינדיווידועלען גליק, זענען זיי פון דער אנדערער זייט פונקט אזוי טיף און אונצושיידבאר פערקניפט מיט דעם סאציאלען וואוילזיין פון דער מענשהייט. אויף קיין שום אנדער געביט איז ניט אזוי שווער הארמאניש צו פערבינדען דאס וואוילזיין פון דעם כלל מיט דעם וואוילזיין פון דער יחיד, און צוליב דער דאזיגער אור־זאך זענען די פראגען פון רעכט בנוגע צום געשלעכטס־לעבען אמ־שווערסטען צו פערענטפערען. מיר האבען פריהער געזאגט, אז די בעפרידיגונג פון דעם געשלעכטס־טריב ביים מענש איז זיין נא־טירליך רעכט. די נאטור־וויסענשאפט צווינגט אונז אויפצושטעלען דעם דאזיגען כלל. און פונדעסטוועגען איז דאס א פערפלאנטערטער, אפטמאל אן אונגליקליכער כלל: מחמת די בעפרידיגונג פון דעם געשלעכטס־טריב פון איין מענש איז ניט בלויז נוגע אנדערע מענ־שען אויף א דירעקטען אופן, נאר אויף אן אונדירעקטען אופן ציהט זי אויך אריין אין דעם אקט א סך א גרעסערע צאל מענשען, וועלכער קאן פאר זיי זיין אפטמאל מעהר שעדליך איידער נוצליך. וואלט דא ניט עקזיסטירט קיין פראגע פון פארטפלאנצונג, דעמאלט וואלט געווען רעלאטיוו לייכט הארמאניש צוזאמענצופארען דעם אינ־דיווידואליזם מיט דעם סאציאליזם. אבער גראד איז עס דווקא די

דאָזיגע פראַגע צוליב וועלכער די סעקסועלע פערהעלטניסען גיבען די עיקר־שוועריגקייטען אין דעם סאָציאַלען געביט.

ניט קוקענדיג וואָס עס זענען געמאַכט געוואָרען אַזוינע גרויסע פּאַרטשריטען, שטעהט נאָך אַלץ אונזער היינטיג רעכט ביז אַ הויכען שטאַפּעל אויף דעם באַרבאַרישען שטאַנדפּונקט פון אַ געזעצליכער אונגלייכקייט פון די געשלעכטער. אמת, דאָס מענליכע געהירן און דאָס ווייבליכע געהירן זענען ניט פון אַ גלייכער קוואַליטעט; פונ־דעסטוועגען, אין אַ געזעלשאַפט וועלכע פערמאָגט ניט קיינע געשלעכטס לי זע אינדיווידועןאון אין וועלכער ביידע געשלעכטער האָבען האַרמאָ־ניש צו אַרבייטען פאַר טובת הכלל, אין אַזאַ געזעלשאַפט איז ניט פאַראַן קיין ממשות׳דיגע אורזאַך איין געשלעכט רעכטליך אונטער־צוּאָרדנען אונטער דעם אַנדערען. דער מאַן מעג אפילו האָבען דורכ־שניטליך 130 אָדער 150 גראַם מעהר געהירן איידער די פרוי, און וואָס איז שייך ערפינדונגס און קאָמבינאַציאָנס־פעהיגקייטען מעג ער טאַקע שטעהען העכער פון איהר, דאָס גיט איהם אָבער ניט קיין אורזאַך זיין סעקסועלע לעבענס־בעגלייטערין און זיין מוטער צו געבען קלענערע סאָציאַלע רעכטען איידער זיך גופא. זיין קערפּערליכע קראַפט וועט איהם סיי ו סיי שטענדיג קאָנען בעשיצען קעגען וואָסערע ניט איז ווייבליכע אַנגריפען. דער בראשית פון אַלע פאָדערונגען איז דעריבער די סאָציאַל רעכטליכע גלייכהייט פון ביידע געשלעכטער. פּונקט אַזוי וועניג דאַרפען די קינדער בעטראַכט ווערען אַלס אַן אייגענטום אָדער אַלס אַ געגענשטאַנד צו עקספּלואַטירען (זעה קאַפּיטעל 6). דאָס זענען די וויכטיגסטע עיקרים פון אַ נאַטירליך סעקסועל רעכט. ביי קיין שום חיה געפינען מיר ניט די מיסברויכען וועלכע דער מאַן האָט בעגאַנגען אַנטקעגען זיין ווייב און קינדער, — איצט וועלען מיר איבערגעהען צו די ספּעציעלע פראַגען.

2. דאָס ציוויל־געזעץ.

דער ספּעציעלער צוועק פון דעם צ י וו י ל ־ ג ע ז ע ץ, א. אז. וו., איז צו רעגולירען די פערהעלטניסען צווישען מענש און מענש. איי־גענטליך שטראָפט ניט דאָס ציוויל־געזעץ, ד. ה. עס פאָדערט ניט קיין תשובה און עס האָט ניט צו טון מיט קיין פערברעכענס. זיין צוועק איז

צו בעשאַפען דעם סאָציאַלען פונדאַמענט פאַר געגענזייטיגע אָבמאַכען און פערפּליכטונגען. פונדעסטוועגען גרעניצט עס זיך געבען דעם שטראַף־געזעץ צוליב דעם בעגריף פון שאַדען־ערזאַץ פאַר אַ פערורזאַכטען שאַדען און צוליב די אַדמיניסטראַטיווע צוואַנגס־מיטלען. הגם עס שטעהט אויף אַ מעהר נאַטירליכען יסוד און עס איז אויך בעסער צוגעפּאַסט צו דעם מענשליכען וואוילזיין און צו די סאָציאַלע פאָדערונגען איידער דאָס שטראַף־געזעץ, פונדעסטוועגען געפינען מיר אין ציוויל־געזעץ אויף שריט און טריט טראַדיציעס פון אַ רעליגיעזען מיסטיציזם און איבערבלייבענישען פון מאָוס׳ע געוואוינהייטען.

אויף וויפיל דאָס איז נוגע אונזער ענין ווילען מיר דאָ מיט עטליכע ווערטער אַנאַליזירען דאָס, וואָס עס איז פאַראַן און דאָס, וואָס איז ווינשענסווערט אין דעם ציוויל־געזעץ, אָבער דאָ קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין איך זאָל באריכות אַנאַליזירען די געזעצגעבונג, מחמת מיר פעהלט די בעזונדערע בעהאַווענטקייט פון דער פּראַפעסיע און מחמת דאָס וואָלט אונז צו ווייט אָוועקגעפירט.

די הייראַט און די סעקסועלע פערהעלטניסען פאַר זיך גופא.

— איך וויַיז צוריק אויף דעם וואָס מיר האָבען געזאָגט מכח דעם דאָזיגען ענין אין די קאַפּיטלען 6, 8, 10, 11, און 12, און איך בעט אויך צו האָבען אין אויג די איבעריגע קאַפּיטלען וועלכע מיר האָבען בעהאַנדעלט.—אליין פאַר זיך איז דער געשלעכטס־פערקער צווישען צוויי דערוואַקסענע מענשען, אין פאַלביידע האָבען זיך דערצו פרייוויליג ענטשלאָסען און אין פאַל זיי ברענגען ניט דערמיט קיין לאַסט אָדער שאַדען צו אַ דריטען צד, אַ פּריוואַטע אַנגעלעגענהייט, ווי אַ שטייגער אַ האַנדדרוק אָדער אַ קוש, און ער זאָל ניט האָבען קיין שייכות ניט מיט דעם ציוויל־געזעץ און ניט מיט דעם שטראַף־געזעץ. וויפיל איינשרענקונגען עס זאָלען שפּעטערצו ניט נויטיג זיין צו דעם דאָזיגען כלל, מוז ער אָבער אַנערקענט און קודם כל אוועקגעשטעלט ווערען אַלס אַ פּרינציפּ. די געזעלשאַפט האָט בלויז דאָס רעכט די אינדיווידועלע פרייהייט אויף אַזוי ווייט צו בעשרענקען, אויף וויפיל זי אַליין אָדער איהרע איינצעלנע מיטגלידער ווערען דורך דער פּראַקטיצירונג פון דער דאָזיגער פרייהייט בעשעדיגט. אין דעם פרייען געשלעכטס־פערקער אַליין פאַר זיך צווישען דערוואַקסענע פעראַנטוואָרטליכע מענשען,

זמן עס זענען ניט פאראן קיין ווייטערדיגע פאלגען, ליגט ניט קיין שאדען פאר דער געזעלשאפט אדער פאר איהרע מיטגלידער.

פונדעסטוועגען האט די געזעץ־פראקטיק נאך ווייט־ווייט ניט איבעראל אנערקענט דעם דאזיגען כלל. א סך געזעצען, בעזונדער׳ס ביי גערמאנישע פעלכער, בעשטראפען דאס קאנקובינאט, ד. ה. דעם אויסער פערהייראטעו געשלעכטס־פערקער אלס אזוינעם. און דארט וואו דאס קאנקובינאט ווערט אפילו טאלערירט, ווערט עס מיינסטענס בעהאנדעלט אלס נידעריג און מינדערוועדטיג, מיט דער פעולה, אז דאס ווייב מיט די קינדער האבען דערביי אויסצושטעהען פיל צרות. הגם די פארשריפטען פון ליגוארי, די פארשריפטען פון דער קאטאלישער קירך בנוגע צו דער געגויער אויפפירונג ביים געשלעכטס־פערקער, זענען ניט מעהר ווי קירליכע דינים, פונדעסטוועגען בעיינפלוסען זיי ביז א הויכען שטאפעל די הייראטס־פערהעלטניסען אין די קאטאלישע לענדער.

בכלל ווערט דער געשלעכטס־פערקער אנערקענט אלס ציוויל־געזעצליך בלויז אין דער פארם פון דער הייראט. אבער אין קאפיטעל 6 האבען מיר געזעהען, ווי שטארק די הייראטס־פארם ענדערט זיך, ווי זי בייט זיך פון דער פאליגיניע (פאליגאמיע אין אן ענגערן זין) דורך דער מאנאגאמיע צו דער פאליאנדריע, און פון דער הייראט אויף א קורצען משך ביז צו דער אונבעדינגט ניט־צושיידבארער לעבענסלענגליכער הייראט (אין די קאטאלישע לענדער), אדער גאר ביז דעם אינדישען דין לויט וועלכען דאס ווייב מוז שטארבען צוזאמען מיט איהר מאן. מיר האבען געזעהען, אז אין די הייראטס־געזעצען שפילען רעליגעזע טראדיציעס, וועלכע שטאמען מיינסטענס אליין אב פון בארבארישע מנהגים, א געוואלדיגע ראלע. מיט שווערע מיה און מאטערניש האט דאס פרינציפ פון ציוויל־הייראט פאר זיך דורכגעבראכען א וועג אין די מיינסטע ציוויליזירטע שטאאטען. אין א טייל לענדער איז נאך עד־היום־הזה די רעליגיעזע הייראט די איינציגע הייראטספארם און כמעט איבעראל הערשט זי נאך אלס א הויפט־מנהג נעבען דער ציוויל־הייראט. דער דאזיגער פשוט׳ער פאקט ווייזט ווי שטייף עס ליגט נאך אויף אונז די פעטליע פון טראדיציעס. דער מענש גלויבט, אז די הייראט איז א געטליכע אינסטיטוציע, א מין השפעה־עליונה, און אז

דער מענש האט בלויז דאס רעכט צו שליסען אבער ניט אויפצושליסען די הייראט, א. אז. וו. מיר ווילען זיך דא ניט פערנעהמען באריכות מיט די רעליגיעזע הייראטס־פארמען און מיר ווייזען צוריק אויף די קאפיטלען 6 און 12. פון אונזער הייננטיגען, ריין מענשליך־סאציאלען שטאנדפונקט איז קלאר, אז מיר קאנען נאר אנערקענען די ציוויל־הייראט. די רעליגיעזע הייראטס־פארמען און צערעמאניעס מוזען בעטראכט ווערען אלס א פולשטענדיגע פריוואטזאך. זיי געהען גארניט אן דעם שטאאט און דער געזעלשאפט אלס אזוינע און, אלס שטאאטליכע אינסטיטוציעס, פונקט ווי די אזוי־גערופענע שטאאטס־רעליגיע, מוזען זיי מיט אלע כחות בעקעמפט ווערען און די מענשהייט בעפרייען פון דער טיראנייע פון שקלאפישע און ארויפגעצוואונגענע גלויבענס.

די ציוויל-הייראט. — וואס איז די ציוויל־הייראט און וואס זאל זי זיין? אונזער הייננטיגע ציוויל־הייראט איז דערווייל נאך אן עקספערימענט, אן אנהויב, און מען דארף זי ערשט פערבעסערען. זי מיינט אן אבמאך צווישען צוויי מענשען פון געגענזייטיגען געשלעכט לטובה דער געמיינשאפטליכער פארטפלאנצונג פון דעם מענשליכען מין. אין דעם דאזיגען אבמאך איז זיך דאס געזעץ צופיל מתעסק מיט די פערזענליכע שייכות'ען פון ביידע צדדים און צו ווייניג מיט די אינטערעסען פון דעם שפעטערדיגען דור, וועלכע זאלען זיין כמעט דער אויסשליסליכער צוועק פון דעם סאציאלען געזעצגעבער. ווייטער מערקען מיר אין דער ציוויל־הייראט נאך גאנץ שטארק די אבהענגיגע שטעלונג פון דער פרוי און דאס פערפלעקט די געזעצליכע ריינקייט פון דער ציוויל־הייראט.

לויט אונזער מיינונג האט דער ערשטער עיקר־פרינציפ פון דער ציוויל־הייראט געזאלט זיין די אבסאלוטע געזעצליכע גלייכהייט פון דעם פארפאלק און די פולשטענדיגע אבגעזונדערטקייט פון דעם פערמעגען. דער מאמענטאנער ליבעס־רויש פון דער פרוי זאל ניט קאנען געבען דעם מאן די מעגליכקייט זיך צוצושרייבען איהר האב און גוט. דאס לעצטע איז אן אמת בארבארישע איינפירונג, וועלכע דארף פולשטענדיג פערשווינדען פון אונזער ציוויל־געזעץ. אין יענע לענדער וואו

די פרוי האָט שוין גרעסערע רעכטען, קאָן זי ווידער פון איהר זייט, אויב זי איז שלעכט, שעדיגען דעם מאַן אַ דאַנק דער געמיינשאַפטליכקייט פון דעם פערמעגען. נאָך מעהר, אין געמיינשאַפטליכען צוזאַמענלעבען זאָל די הויז־ארבייט פון דער פרוי ניט בעטראַכט ווערען אַלס אַ זעלבסטפער־שטענדליכע אַרבייט וועלכע דאַרף ניט בעלוינט ווערען, נאָר אדרבה, זי דאַרף געשאַצט ווערען פּונקט אַזוי גוט ווי די מענליכע פערדינסט־אַרבייט און זי דאַרף פערשריבען ווערען אויף דעם חשבון פון דעם ווייבליכען פערמעגען. די געמיינשאַפטליכקייט פון פערמעגען איז ניט גערעכט און זי זאָל גיט נאָר ניט זיין קיין כלל, נאָר זי זאָל דירעקט דערקלערט ווערען ציוויל־געזעצליך פאַר בטל. מאַן און ווייב, כל זמן זיי זענען איין האַרץ און איין נשמה, קאָנען זי פּראַקטיש צוזאַמען דורכפירען. ווען עס קומט אָבער צו אַ מחלוקת אָדער צו אַ גט, דעמאָלט קאָן זי ניט און זאָל קיינמאָל ניט אַנערקענט ווערען אַלס געזעצליך, מחמת בעשעדיגט ווערט בלויז דער ערליכער און דער אַרבייטזאַמער צד צוזאַמען מיט די קינדער. אויף אַזאַ אופן וואָלטען פערמידען גע־וואָרען אַ סך צרות וועלכע זענען דאָס מזל פון אַ גרויסער צאָל הייראַ־טען. אפילו ווען דאָס פערהייראַטע צוזאַמענלעבען איז ניט אונגליקליך, קאָנען ביי אַ געמיינשאַפליכקייט פון פערמעגען די פעהלערס אָדער די פערשווענדערישקייט פון איין צד מאַכען אַ חרבן פון דער גאַנצער פאַמיליע.

ניט דער ערך וויכטיג איז די דויערצייט פון דער הייראַט. אויב אַ כתובה פאָדערט די געשלעכטליכע טרייקייט ביז צום טויט, דעמאָלט איז דאָך דער גט אַ שטות; און פונדעסטוועגען ווייזט די פּראַקטיק, אַז עס איז אַ גרויזאַמקייט געזעצליך צו האַלטען צוזאַמענגעשמידט צוויי מענשען, וועלכע ווילען מעהר ניט און קאָנען מעהר ניט לעבען צוזאַמען. צוליב דער דאָזיגער אורזאַך איז דער גט אַ ציוויל־געזעצליכע נויטיגקייט, אמת זיכער ניט קיין אידעאַל, לכל הפחות אָבער דאַרף ער בעטראַכט ווערען אַלס אַבסאָלוט נויטיגע איינפירונג, בכדי צו פערהיטען די פאַמיליע פון אַ שטענדיגער צורישענקייט און בכדי באַלד פון פאַרויס שטילערהייט ניט צו סאַקציאָנירען די אונגעזעצליכקייט.

צווישען דער גרויסער צאָל גיטין איז די הויפּט־אורזאַך ווערענישע קראַנקהייטען, גייסטיגע קראַנקהייטען, אונטרייקייט, אויסגעלאַסענקייט,

פערברעכען. אָבער פריהער פאַר אַלעם מחלוקת און די פערשידענקייט פון די טעמפּעראַמענטען. די סטעריליטעט פון איינעם פון פּאַרפאָלק אָדער די אונפעהיגקייט צום קויטוס דאַרף אין אַ סך פאַלען אויך גע־רעכענט ווערען אַלס אורזאַכען פון אַ גט, הגם, ווי מיר וועלען שפּעטער זעהען, קאָן אונטער געוויסע אומשטענדען אַ בעשרענקטע פּאָליגאַמיע אָדער פּאָליאַנדריע זיין מענשליכער איידער אַ גט. איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען אַ פאַל וואו אַ פרוי האָט זיך גע׳גט מיט איהר מאַן נאָכדעם ווי ער האָט געליטען אַ לאַנגע צייט פון אַ גייסטיגער קראַנק־הייט נאָך אַן אַפּאָפּלעקסיע, כדי חתונה צו האָבען מיט אַן אַנדערען. ניט קוקענדיג דערויף האָט זי איהם שפּעטער כסדר בעזוכט אין משוגעים־הויז. ווען ער איז געוואָרען רוהיגער, האָט זי איהם צוריק אַהיים גענומען נעבען איהר צווייטען מאַן, וועלכער האָט די זאַך בע־טראַכט פאַר גאַנץ נאַטירליך. און רעכט.

אזוי גיך ווי עס ווערט צוגעלאָזען אַ גט, און ווען עס זענען פאַראַן קינדער, הויבען זיך אויף קאָמפּליצירטע און וויכטיגע פראַגען פון גע־זעץ. אָבער מכח דעם דאָזיגען פּרט וועלען מיר שפּעטער רעדען. די געזעצליכע ערלויבניש פון אַ פולשטענדיגער שיידונג פערוואַנדעלט פּאַקטיש אויף דעם אופן די הייראַט אין אַ דערווייליגען אָבמאַך, וועל־כער איז מעהר ניט אַזוי ווייט אָבגערוקט פון דעם אידעאַלען פערהעלט־ניס פון אַ פרייער ליבע. בכדי אָבער באַלד פון אָנהויב אָבצושלאָגען אַלע פּוסטע דבורים, מוזען מיר אונטערזוכען די אומשטענדען וועלכע, אויסגעשלאָסען די בעשאַפונג פון קינדער, קאָנען דעם געשלעכטליכען פערהעלטניס פון צוויי מענשען צושרייבען אַ ציוויל־געזעצליכע וויכ־טיגקייט. איך זאָג אָבער טאַקע באַלד דאָ, אַז פאַר דער ציווילער גע־זעצגעבונג איז זעהר ליכט צו בעשאַפען רעכטליכע פערהעלטניסען אויך פאַר די קינדער וואָס ווערען געבוירען אויסער דער הייראַט, און אויף דעם אופן זיי גלייך בערעכטיגען מיט די געזעצליך געבוירענע קינדער: און איך לעג נאָך אפילו צו, אַז אַזאַ גלייכבערעכטיגונג וועט זיין אין איינקלאַנג מיט די עלעמענטאַרסטע, מענשליכע רעכטס־געפיהלען, ווען די דאָזיגע געפיהלען וואָלטען ניט געווען פערדאָרבען פון פאָרורטיילען און מיסטישע דאָגמעס.

ווייטער מוז דאָס געזעץ בעשטימען, אַז מענשען איידער זיי ווערען פול־יאָהריג האָבען ניט קיין רעכט צו הייראַטען. אין געוויסע פאַלען

קאָן דאָס אויסזעהען גרויזאַם, אָבער די געזעלשאַפט האָט אַבסאָלוט דאָס רעכט זיך דאַ אריינצומישען. ערשטענס מוזען אונרייפע קינדער ווערען געשיצט און זיי טאָרען ניט האָבען דאָס רעכט צו שליסען הייראַטס־אָבמאַכען אָדער צו פערקערען געשלעכטליך. אַ מיידעל אונטער זיבענצען און אַ אינגעל אונטער אַכטצען אָדער צוואַנציג יאָהרען זאָל ביי אונז אַבסאָלוט ניט האָבען דאָס רעכט צו האָבען אַ געשלעכטס־פערקער. דאָס איז אַ געזעץ פון אַ געזונדער סאָציאַלער און אינדיווי־דועלער היגיענע, און דעריבער איז עס אַ געזונד רעכט.

דאָס זעלביגע איז אויך גילטיג בנוגע צו משוגעים. דאַ אָבער שטעלט זיך אַ שווערע פראַגע: האָבען מיר אַ רעכט מיט געוואַלט צו־צושיידען אַ פּאָרפּאָלק דערפאַר, ווייל פאַר דעם הייראַטס־אָבמאַך איז איין צד געווען גייסטיג קראַנק, און ווען דער צווייטער צד וויל זיך ניט שיידען? אין דייטשלאַנד האָט מען ענדעקט אַ מיטעל פאַר אַזוינע פאַלען, מען דערקלערט די הייראַט פאַר ניט גילטיג, מבטל. דערמיט געווינט מען אָבער ניט זעהר אַ סך. אין שייכות צו אַנדערע פראַגען וועל איך צו דעם דאָזיגען ענין שפּעטער צוריקקומען. איך וויל אָבער באַלד בעמערקען, אַז די געזעלשאַפט ווערט דאַ בעשעדיגט ניט פון דער ווייטערדיגער גילטיגקייט פון דער הייראַט און אויך ניט פון דעם וויי־טערדיגען געשלעכטליכען פערקער, נאָר בלויז פון דער בעשאַפונג פון קינדער. דעריבער זאָל אונבעדינגט פערבאָטען ווערען דאָס קינדער־האָבען: בעת דעם געשלעכטס־פערקער זאָל מען בלויז שטערען דעמאָלט, ווען דער געזונדער צד איז מסכים דערצו, אָדער ווען עס איז לטובה די אינטערעסען פון דעם קראַנקען. די רעגולאַציע פון אַזוינע בעזונדערע פאַלען בלייבט איבער פאַר דער צוקונפט.

געוויסע קערפּערליכע פעהלערס, וועלכע מען האָט פערשוויגען אָדער פון וועלכע מען האָט אַליין ניט געוואוסט, זענען אויך אַן אורזאַך וואָס זאָל מבטל זיין אַ הייראַטס־אָבמאַך. צו די דאָזיגע פעהלערס גע־הערען צום ביישפּיל כראָנישע אַנשטעקענדיגע, בעזונדערס ווענערישע קראַנקהייטען, סעקסועלע אימפּאָטענץ ביים מאַן און סטעריליטעט ביי דער פרוי. אָבער אויך דאַ זאָל זיך דאָס געזעץ אריינמישען נאָר דע־מאָלט, ווען דער בעשעדיגטער צד פאָדערט עס, און בלויז אָננעהמען מיטלען קעגען דער בעשאַפונג פון קריפּלען, אָבער ניט שטערען דעם געשלעכטס־פערקער אַלס אַזוינעם.

א וויכטיגער פונקט איז די אונטרייקייט אין דעם פערהייראטען צוזאמענלעבען. אויך דא גלויבען מיר, אז דאס געזעץ דארף זיך אונ־בעדינגט ניט אריינמישען פון זיך אליין. קודם כל זאל די בעוויזענע אונטרייקייט, אין פאל מען האט פערשפראכען טרייקייט, פשוט פונקט ווי ביז איצט געבען דעם געקריוודעטען צד דאס רעכט אויף א גט און ער זאל קריגען אלע פארצוגען וועלכע קומען א געקריוודעטען. אבער פון געוויסע פארמען פון אונטרייקייט, וועלכע צוליב דער איינשטי־מיגייקט פוןביידע צדדים נעהמען גיכער אן דעם כאראקטער פון ביגאמיע אדער ביאנדריע, זאל דאס געזעץ שטעהען פון דער וויטענס. איך וויל צום ביישפיל דערמאנען דעם פאל, וואו א פארפאלק וויל לעבען צוזאמען צוליב פערשידענע אורזאכען, בעת אבער די סטערי־ליטעט אדער די אימפאטענץ פון איין צד מאכט איהם דעם אנדערען צד צו ערלויבען אן אויסער-פערהייראטען געשלעכטס-פערקער מיט א דריטער פערזאן. אין אזא פאל איז ניט פאראן קיין שאדען, ניט פאר אנדערע מענשען און ניט פאר דער געזעלשאפט, און דעריבער פעהלט די אורזאך פאר דעם אריינמישען זיך פון געזעץ.

אהן אן ערך שווער ווערט די פראגע אין פאל איין צד וויל א גט בעת דער אנדערער צד וויל ניט, און ווען קיין אנדערע אורזאכען פאר א גט זענען ניט פאראן. דא האבען מיר צו טון מיט די פער'עקשנ'טע קאפריזען פון דעם „גאט פון ליבע", פון וועלכע די וועלט וועט שוין קיינמאל ניט פטור ווערען. לויט מיין מיינונג האט אין אזא פאל דאס געזעץ צו האלטען אין אויג כמעט נאר, און טאקע דערפאר נאך שטרענ־גער, די רעכטען פון די קינדער, אויב עס זענען פאראן קינדער, און די פליכטען פון די דאזיגע עלטערן אויפצוהאלטען די קינדער.

דאס געזעץ מוז אויך בעשיצען די רעכטען בנוגע צו געלד און אויך אנהערע רעכטען פון די פארפעלקער וואס ווילען לעבען צוזאמען. גראד דא ווייזט זיך קלאר ארוים די נויטיגקייט פון אן אבגעזונדערט פער־מעגען.

פון דער אנדערער זייט בין איך איבערציינט, אז א הייראט וועלכע מען האלט צוזאמען מיט געוואלט, א הייראט פון וועלכער איין צד וויל אבסאלוט ניט וויסען און קענען, האט קיין שום ווערט ניט. פראקטיש ווערט דערמיט קיין גוטס ניט אויפגעטון. אין אן ענגערען

זיי איז דאָס ניכער אַ פראַגע פון מאָראַל איידער פון געזעץ. אין אַזוינע פאַלען זעהט מען אויך די טיפע פערצווייפלונג פון דעם טריי געבליבע־נעם צד, סיי ביי אַ קאָנקוביניש צוזאַמענלעבען און סיי ביי אַ געזעצליך־פערהייראַט צוזאַמענלעבען. דאָס געזעץ קאָן ממילא ניט טון אַלצדינג, און דאָ איז עס מאָכטלאָז. עס קאָן פּריפען צו מאַכען שלום, אָבער קוים וואָס עפּעס מעהר.

דאָס רעכט צו בעפרידיגען דעם געשלעכטס-טריב. — מיר קומען איצט צו אַ צאַרטען ענין. מיר האָבען שוין געזעהען, צו דאָס רעכט צו בעפרידיגען דעם געשלעכטס־טריב מוז נוטיגערווייז אין אַ סך פּרטים בעשרענקט ווערען בכדי דורך זיי זאָלען ניט בעשע־דיגט ווערען די רעכטען פון אַנדערע מענשען. די עיקר־שוועריגקייט ליגט דאָ אין דעם פאַקט, וואָס צו דער דאַזיגער בעפרידיגונג (אויס־שליסענדיג די פּאַטהאָלאָגישע פאַלען) זענען נויטיג צוויי מענשען און אַז דאָס, וואָס בעפרידיגט איין צד קאָן דעם אַנדערען צד וועה טון און שעדיגען. דאָס דאַזיגע קאָן קומען אונטער דער השגחה פון דעם שטראָף־געזעץ און דעריבער וועלען מיר צו דעם צוריקקומען בעת מיר וועלען בעהאַנדלען דעם דאַזיגען ענין. אָבער אפילו פון דעם שטאַנד־פּונקט פון דעם ציוויל־געזעץ, אין פּריוואַטען לעבען, מוז די ערלויבניש צו בעפרידיגען דעם געשלעכטס־טריב נויטיגערווייז געמאַכט ווערען אָבהענגיג פון דער פרייוויליגער צושטימונג פון ביידע צדדים. וועלדיג מיין מיינונג טאָר דער דאַזיגער כלל ניט האָבען קיין אויסנאַהמען. עס איז ניט גענוג בלויז צו בעשיצען די מינדער־יאָהריגע: אויך די פול־יאָהריגע דאַרפען קערפּערליך ניט מיסברויכט ווערען קעגען זייער ווילען. פּאַקטיש אָבער געפינט זיך אין דער אינסטיטוציע פון דער אַזוי גע־רופענער קריסטליכער, און בעזונדערס פון דער קאַטאָלישער הייראַט, נאָך עד־היום באַרבאַרישע ווילדקייטען אין דעם דאַזיגען פּרט, מחמת די פרוי איז מיינסטענס פערפליכט געשלעכטליך זיך איבערצוגעבען צו איהר בעל־הבית און הערשער וויפיל ער פערלאַנגט נאָר, אויב זי איז נאָר ניט קראַנק, שוואַנגערט אָדער מענסטרואירט ניט. אָט דאָס איז אַזוי־צוזאָגען די שאָטען־זייט פון דער געשלעכטליכער מרייקייט וועלכע דער מאַן פאָדערט פאָרמעל אין דעם פערהייראַטען צוזאַמענ־לעבען.

פון דער אנדערער זייט אבער, פשוט צוליב פיזיאלאגישע אורזאכען, קאן א שטארק עראטישע און סעקסועל צווינגענדיגע פרוי אויף קיין פאל ניט פאדערען א קעגען־רעכט, פשוט דערפאר ווייל דער מאן קאן ניט קריגען קיין ערעקציעס אויף קאמאנדא. זי קאן בלויז פערקלאגען אויף א גט, אויב זי קאן בעווייזען אז איהר מאן איז פולשטענדיג אימפאטענט.

עס איז גענוג אויפמערקזאם צו מאכען אויף די דאזיגע צושטאנדען, כדי צו ווייזען ווי עס איז שווער געזעצליך צו רעגולירען די אייגענעלקייטען פון די געשלעכטליכע פערהעלטניסען. דערמיט ווערט נויטיגערווייז דאס געזעצליכע רעכט אן אונגערעכטיגקייט. דעם דאזיגען אמת אנערקענט מען מייסטענס אין די געריכטליכע פראצעסען און די „הייראטס־פליכט" ווערט ווערליג דעם אזוי פערטייטשט.

מיר האבען שוין געזעהען ווי אהן אן ערך גרויס עס זענען די אינדיווידועלע אונטערשידען פון דעם געשלעכטס־טריב. איהם צו וועלען רעגולירען על־פי מאנאגאמישע הייראטס-געזעצען, פירט צו די נארישע פייניגונגען און עס איז א חוץ דעם גיט דורכפירבאר. מיט דעם טיפסטען דרך־ארץ פאר די עטישע געפיהלען פון טאלסטאי, מוזען דעריבער זיינע שטרענגע מיינונגען מכח דעם געשלעכטס-לעבען דערקלערט ווערען אלס חלומות פון אן ענטוזיאסט.

ווען א שטארק ליבידינעזער מאן האט חתונה מיט א מיידעל וועלכעס איז געשלעכטליך קאלט, און ווען זיין פרוי פיהלט כסדר א שוידער פאר דעם סעקסועלען פערקער, איז דעמאלט צו פאדערען פון דעם מאן צוריקגעהאלטענקייט פונקט אזוי גרויזאם ווי צו פאדערען פון דער פרוי א געשלעכטליכע אונטערוואַרפונג. אין די פאלען קאן בלויז א גט אדער אן ערלויבניש צו א קאנקובינאט אדער ביגאמיע מאכען די פערהעלטניסען צווישעןביידע צדדים ערטרעגליך, אויב א צופאסונג קאן ניט דורכגעפירט ווערען אויף דעם יסוד פון א גענענזייטיגער צושטימונג. אבער אונזערע היינטיגע אנשויונגען לאזען העכסטענס צו א גט. דארט ווידער, וואו מאן און ווייב זענען צווישען זיך פערבונדען דורך א שוואנגערשאפט אדער דורך א קינד אדער דורך ליבע און הארמאניע, ניט קוקענדיג אויף זייערע פערשידענע סעקסועַ־

לע בעדערפענישען, און ווען זיי ווילען ביידע לעבען צוזאַמען, איז דער נט אַ גרויזאַמקייט.

איך גיב נערן צו, אַז אַזוינע עקסטרעמע אומשטענדען דאַרפען ניט זיין קיין כלל, אַז אין אַ סך פאַלען קאָן אדרבה דער מעהר עראָטישער צד זיך צוריקהאַלטען, און דער קאַלטער צד זיך צוגעוועגען צום קויטום: מען קאָן אַ סך אויפטון מיט אַ גוטען ווילען. אָבער אין איצטיגען קאַפּיטעל האָבען מיר ניט צו טון מיט מאָראַל; דאָ האַנדעלט זיך מכח געזעץ און מיר האָבען בלויז צ ו געבען אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס זאָל מען טון, אין שייכות צום געשלעכטליכען פערקער, ווען כסדר איין צד וויל, בעת דער אַנדערער צד וויל ניט. דאָס וואָס די סעקסועלע ליידענשאַפט פון דעם מענש קאָנצענטרירט זיך מייסטענס אויף איין אינדיווידיום, הגם דאָס איז גוט פון דעם סאָציאַלען שטאַנדפּונקט, איז אָבער אין די דאָזיגע פאַלען דאָס אונגליקליכסטע. אַ מאַן פערליבט זיך ליידענשאַפטליך אין אַ פרוי, אָדער אַ פרוי אין אַ מאַן, אָבער די ליבע ווערט ניט געענטפערט, אדרבה זי ווערט פעראַכט. דאָס דאָזיגע ליידער טאָג־טעגליכע אונגליק, וועלכעס פירט צו די טראַגישסטע קאָנפליקטען אי אין דער פּאָעזיע און אי אין דעם ווירקליכען לעבען, קאָן פונדעסטוועגען בכלל נאָר פערלייכטערט ווערען דורך דעם צוריקווייזען פון דעם וועלכער ליבט. עס איז ווניגער גרויזאַם אָבצוזאָגען אַ געליבטען, איידער צו ווערען אַ סעקסועלער קרבן פון אַ מענש צו וועמען מען פיהלט אַן אָבשטויס אָדער אַן עקעל. עס איז דעריבער אונמעשליך, ד. ה. אונמאָראַליש, סיי אין דער רעליגיע, סיי אין דער פּאָעזיע און סיי אין וואָסערער ניט איז אַנדערער פאָרם, צו פּרעדיגען, דעם עקסקלוזיוויזם, די אויסשליסליכקייט און די מאָנאָגאַמישע אונפערענדערליכקייט פון דער ליבע, און דאָס אוועקצושטעלען אַלס אַ דאָגמע. מאָנאָגאַמיש מיין איך דאָ אין דעם זין פון דעם כלל, אַז: „אַ פרוי (אָדער נאָר אַ מאַן!) קאָן און זאָל אין משך פון איהר לעבען ליבען נאָר איינמאָל, ד. ה. נאָר איין מענש.“ אַנטקעגען אַזא גרויזאַמען כלל מוז מען קעמפען מיט אַלע כחות. סענטימענטאַלע פּאָעטען מעגען אַריינפאַלען אין אַ טיפער התפעלות, אָבער יענע מענשען וועלכע האַלטען זיך ביי אַזוינע כללים צוליב אַ דאָגמאַטישער נעוויסענהאַפטיגקייט, זענען אַפטמאָל אונגליקליך, ניט נאָר דער טויט

אדער א קראנקהייט פון איינעם פון פארפאלק, ניט נאר מחלוקות אדער אונטרייקייט, נאר דאס פשוט'ע צוריקוויזן פון דער ליבע מאכט דאס לעבן פון א מענש מיט אזוינע פאנטאזיעס אוננויטיגערוויז א מאר־טירעריי. אין אזא מין צניעות'דיגען סענטימענטאליזם ליגט א שטארק עלעמענט פון סוגעסציע, אן עלעמענט וועלכעס מען דארף ניט קול־טיווירען.

אויב יענער וועלכער ליבט ניט, מוז באין אופן האבען דאס רעכט צוריקצואווייזען די געשלעכטליכע פאדערונגען פון דעם אנדערען צד. דעמאלט מוז ניט נאר דאס געזעץ, נאר אויך די מאראל יענעם ווידער, וועלכער האט געליבט אבער וועמעס ליבעווערט צוריקגעוויזען, ער־לויבען צו האבען אן אנדערע אויסוואהל ביי וועלכער זיין ליבע ווערט יא אויפגענומען. אבער היינט־צו־טאג ווילען א סך מענשען גיכער געדולדיג טראגען זייער אייגען אונגליק און דאס אונגליק פון זייערע קינדער, איידער צו זוכען דאס גליק ערגיץ אנדערש און צוליב דעם שטעהען אין א סכנה געבראנדמארקט צו ווערען פון דער עפענטליכער מיינונג. עס איז דעריבער א חוב פון דעם געזעצגעבער ארויסצואוואר־פען פון די געזעצען איטליכען פונקט וועלכער קאן אויף וועלכען ניט איז אופן סאנקציאנירען אזא בראנדמארקונג.

מייסטענס איבעראל ווערען דירעקטע סעקסועלע שאדענס, ווע־נערישע קראנקהייטען, שלאגען, אונטרייקייט, פערברעכען און, ווי מיר האבען שוין געזעהען, אויך אימפאטענץ, פון געזעץ אנערקענט אלס אורזאכען פאר א גט, אבער צוליב דעם דרוק פון דער עפענטליכער מיינונג ווערען ליידער די דאזיגע געזעצען זעהר ווייניג אנגעווענדט. איך וויל בלויז דערמאנען, אז א חוץ דעם, גיבען שווערע שאדענס דאס רעכט אויף א ציוויל־אנקלאגע פאר שאדען־ערזאץ, און טיילמאל אויך אויף א קרימינאל־אנקלאגע. פונדעסטוועגען מוז דא געזאגט ווערען, אז א ציוויל־אנקלאגע, שוין אבגערעדט פון א קרימינאל־אנקלאגע, פון איין צד קענען דעם אנדערען אהן א גט, איז אן עקעלדיגע און שרעק־ליכע זאך. ווען א פארפאלק איז שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז מען שטעלט זיך שוין ניט אב פאר געריכטליכע אנקלאגען, דעמאלט איז שוין זייער פערהייראט צוזאמענלעבען פאקטיש צוריסען און דאס ווייטער־דיגע צוזאמענזיין איז א חרפה און א בושה.

ווענערישע קראַנקהייטען. — אַ זעהר וויכטיגע פראַגע פון דעם היגיעגישען און הומאַניטאַרען שטאַנדפּונקט איז די ווענערישע אַנשטעקונג. אַ מענש וויסענדיג אַז ער האָט אַ ווענערישע אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט און, טראָצדעם האָט ער אַ געשלעכטס־פערקער, זאָל לויט מיין מיינונג בעטראַכט ווערען אַלס פערברעכער, כיבא דער צווייטער ליידט אויך פון דערזעלביגער קראַנקהייט. אין אַזאַ פאַל זאָל זיך דאָס געזעץ אריינמישען אַזוי אַז עס זאָל צו׳פּסק׳ענען אַ גרויסען שאַדען־ערזאַץ פאַר דעם אָבגענאַרטען אָדער אָנגעשטעקטען צד און דעם שולדיגען צד, ווערליג די בעזונדערע אומשטענדען, אָנקלאָגען קרימינעל. דאָ קאָן זיך נאָר האַנדלען מכח אַן אָבנאַרען און דער בעשעדיגטער מוז אויסהויבען די קלאַגע; אָבער אוים בושה ווערט דאָס היינט־צוטאָג אַזוי גוט ווי קיינמאָל ניט געטון. אין דעם פרט קאָן אָבער דאָס געזעץ פערבעסערט ווערען: דאָס וואָלט געוועז אַ גליק פאַר דער מענשהייט, מחמת דערמיט וואָלט מען בעשאַפען איינס פון די בעסטע מיטלען צו בעקעמפען די ווענערישע אַנשטעקונג און אויף דעם אופן אויך אָבגעשאַפט אַ סך צרות און אונגליקען פון דער פאַמיליע און פון די קינדער. עס וואָלט אויך געווען זעהר ווינשענסווערט צו געפינען פערשידענע מיטלען מיט וועלכע צו פערהיטען דאָס געבוירען־ווערען פון סיפיליטישע קינדער. אַ סיפיליטישע פּאַרפאָלק, ווענינגסטענס כל זמן מען איז ניט אויסגעהיילט, קאָן זיך פערהיטען פון האָבען קינדער נוצענדיג אַ קאַנדאָם. (זעה קאַפּיטעל 14).

פּראָסטיטוציע. — נאָך אַ שווערע פראַגע, וועלכע מיר האָבען שוין טיילווייז בעהאַנדעלט אין קאַפּיטעל 10, איז דאָס שייכות פון דעם געזעץ צו דער פּראָסטיטוציע. מיר האָבען שוין געזאָגט, אַז יעדע שטאַאטליכע טאָלערירונג, רעגולאַציע און געזעצליכע סאַנקציאָנירונג זאָל באַין אופן ווערען פערדאַמט; אָבער ווי זאָל זיך דאָס געזעץ פערהאַלטען בנוגע צו דער פרייער פּראָסטיטוציע? אַז די פּראָסטיטוציע איז אַ שרעקליך אונגליק פון עטישען און היגיעגישען שטאַנדפּונקט, האָבען מיר שוין געזעהען איבערגענוג. אָבער מיר האָבען אויך געזעהען, אַז עס וועט זיין פערלוירען די מיה און מאַטערניש זי צו וועלען אָבשאַפען כל זמן מען וועט ניט האַלטען ביים האַלז דעם גאַנצ מאַמאָן. די קויפליכקייט

פון דעם מענש טראָגט אין זיך לאַגישערווייז דעם האנדעל מיט זיין איינענעם קערפער. דאָס לעצטע צו פערביטען וועט ליידער גאָרניט אויפטון. כל זמן מען קאָן אַלעס קריגען פאַר געלד, וועט מען פאַר געלד אויך קאָנען קויפען אַ צושטימונג צום געשלעכטס־פערקער. די זיטליכקייט דאַרף פערדאַמען דעם דאָזיגען צושטאַנד. דער שטאַאט זאָל דעריבער קודם כל צוריקציהען פון דעם דאָזיגען שמוץ זיין האנד וועלכע בעשיצט און דערפאַר אַנערקענט זי, און מיט די אַלע געזעצליכע און אדמיניסטראַטיווע מיטלען וועלכע ער קאָן אַנווענדען זאָל ער פערפאָלגען ניט בלויז דעם באַרדעל־האנדעל, נאָר אויך די עפענטליכע אויסוואַקסען פון דער פראָסטיטוציע; אויף דעם אופן וועט די פראָסטיטוציע איינגעצוימט ווערען אין די גרעניצען פון ריין פערזענליכע און אינטימע פערהעלטניסען, ביז אַ גערעכטע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע פון ארבייט און לוין, צוזאַמען מיט אַ ממשות'דיגער בעקעמפונג פון שכרות וועלען טריט נאָך טריט אויסרייסען די וואָרצלען פון דעם האנדעל מיט דעם איינענעם לייב.

ווען מיר נעהמען דאָס געזאָגטע צוזאַמען, קומען מיר צום סך־הכל, אז אַ דאַנק בּיסלווייז איינגעפירטע רעפאָרמען מוז די ציוויל־הייראַט ווערען אַ סך אַ פרייערער אָבמאַך פאַר אַ געמיינשאַפטליך געשלעכטליך צוזאַמענלעבען, איידער זי איז ביז איצט. ניט אין אוננויטיגע, אונניצליכע און אָפטמאָל נאָר שעדליכע פייניגונגען און אונטערדריקונגען אין שייכות צום געשלעכטליכען פערקער, צו דער ליבע און צום גוט. נאָר אין דער רעגולאַציע פון די פליכטען פון די עלטערן אנטקעגען זייערע קינדער זאָל דאָס געזעץ זוכען די בעשיצונג אין די געשלעכטליכע אויסבעסערונג פון דער געזעלשאַפט פאַר דעם קומענדען דור. דער חלוק צווישען דער הייראַט און אַ פרייער ליבע זאָל ביסלעכווייז פערשווינדען דורך דעם, וואָס דער געזעצגעבער זאָל מעהר ניט פערווענדען זיין גאַנץ דענקען און טראַכטען אויף דער אויפהאַלטונג פון אַ כלומרשט געטליכער סעקסועלער אינסטיטוציע, נאָר ער זאָל אויפבויען די נאַטירליכע פערהעלטניסען פון דער פאַמיליע אויף דעם יסוד פון די ערדלסטע עטישע און סאָציאַלע געפיהלען. עס איז שווער צו בעהאַלטען אַ שמייכעל בעת מען הערט ווי דאָס חתונה האָבען פון אַ רייך מיידעל מיט אַ געקויפטען אָפיציר, אָדער נאָר פון אַ באַרדעל־

האַלטעריןמיט אַ בעשיצער, ווערט אָנגערופען „אַ געטליכע אינסטי־טוציע“. פּאַרציייטענס ביי דער קויף־הייראַט איז געווען נאָך ערגער. (זעה קאַפּיטעל 10).

מען האָט פאָרגעשלאָגען אַלערליי פּלענער ווי אַזוי צו געבען דער פרייער ליבע, וועלכע איז אַן עקזיסטירענדיגער פאַקט, אַ מעהר בכבוד'יגע פאָרם. מאָדערנע פרויען האָבען אָנגעוויזען דערויף, און מיט דעם פולען רעכט, אַז דער נאַרישער מנהג צו רופען אַ ניט־פערהייראַטע פרוי אַנדערש איידער אַ יאַ־פערהייראַטע פרוי, בראַנדמאַרקט אין די אויגען פון דער געזעלשאַפט אַ גאַנצע קאַטעגאָריע פון אָרימע פרויען און אומשולדיגע קינדער. און, אַז דעריבער וואָלט געווען פונקט אַזוי רעכט אַ ניט־פערהייראַטען מאַן צו רופען „הערליין“ פונקט ווי מען רופט אַ ניט־פערהייראַטע פרוי „פרוילייןׅ“. אַ ניט פערהייראַטע פרוי וועלכע האָט אַ קינד און וועלכע האָט דערביי ניט בעגאַנגען קיין אַנ־דערען חטא ווי בלויז געפאָלגט די נאַטור, ווערט דורך דעם דאָזיגען טיטעל געבראַנדמאַרקט מיט דעם שטעמפּעל פון שאַנד. אַ פרוי וועל־כע האָט געלעבט מיט איהר מאַן אין פרייער ליבע און געהאַט נײַן קינדער, ווערענדיג שפּעטער גייסטיג קראַנק, האָט מיר אַמאָל געענט־פערט ווען איך האָב זי גערופען „פרויליין“: „ניט קיין מאָום פרויליין מיט נײַן קינדער!“. אָט דער דאָזיגער ענטפער איז שווערער פון אַ געזעצבוך. די קינדער זענען דער אמת'ער באַנד פון דער הייראַט. ווען קיין קינדער זענען ניט פאַראַן, האָט דאָס קאָמפּליצירטע געזעצליכע אַריינמישען־זיך פון דעם שטאַאַט אין אַזוינע הייראַטס־פערהעלטניסען קיין שום שכל ניט כל זמן קייגער ווערט דורך דעם ניט בעשעדיגט, און די ציוויל־הייראַט קאָן דעריבער שפּעטער ווערען אַ טך איינפאַכער. איך דענק, אַז די דאָזיגע בעמערקונגען זענען גענוג. מיר וועלען באַלד צו קומען צו דעם וויכטיגערען פונקט פון דעם דאָזיגען ענין. אין טייל לענדער קאָן מען היינט שוין מיט דער הילף פון די עקזיסטירענדיגע ציוויל־געזעצען שליסען ה י י ר אַ ט ס ־ אָ ב מ אַ כ ע ן מיט אַ תנאי אויף דער אָבגעזונדערטקייט פון דעם פערמעגען, און אויף די רעכטען פון איטליכען צד אויף דעם פערדינסט פון זיין אַרבייט, און געוויסען געגענזייטיגע רעכטען און פליכטען צווישען עלטערן און קינדער פון פאַרויס אויף אַזאַ אופן צו רעגולירען, אַז די פעהלערס פון דער געזעצגעבונג ווערען ביז אַ געוויסען שטאַפּעל פערבעסערט.

די הייראַט פון האָמאָ-סעקסואַליסטען. — אַז אייגענאַרטיגע און כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג ביי אַ סך סעקסועל פערווערזע מענשען, בעזונדערס פון האָמאָ-סעקסואַליסטען, איז זייער טיפער הארציגער וואונש, אין געהיים צו ווערען פערלאַבט אָדער חתונה־האבען מיט דעם פון דער נאַטור אבנאָרמאַלען אביעקט פון זיין ליבע. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָ קאַן קיין רייד ניט זיין מכח אַ געזעצליכער רעגולאַציע פון אַזוינע פאַטהאָלאָגישע „הייראַטען". כל זמן אָבער זיי טון ניט קיינעם קיין שאַדען, זאָלען זיי פון געזעץ איגנאָרירט ווערען אַלס פּריוואַטע אַנגעלעגענהייטען, בעזונדערס שוין דערפאַר אַליין וואָס זיי ברענגען ניט קיין קינדער אויף דער וועלט.

די רעכטען פון קינדער. מאַטריאַרכיזם. — ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, זענען עס די קינדער דער טיף פילאָגענעטיש און פסיכאָלאָגיש איינגעוואָרצעלטער צעמענט פון דער הייראַט און פון דער פאַמיליע. דער דאָזיגער אמת איז אַזוי קלאָר, אַז, ווי מיר האָבען געזעהען אין קאַפיטעל 6, ביי אַ סך ווילדע פעלקער ווערט די הייראַט אַזוי לאַנג ניט בעטראַכט אַלס געזעצליך גילטיג כל זמן עס זענען ניט דאָ קיין קינדער און, אַז אפילו ביי די מיינסטע ציוויליזירטע פעלקער האָבען די עקרות אַ קלענערען ווערט. אָט דעריבער קאָן מען גאַנץ פשוט דעם פאַראַגראַף אין דעם נאַפּאָלעאָנישען געזעצבוך, וועלכער פערביט דאָס נאָכפאָרשען זיך מכח דער פאַטערשאַפט, בעטראַכטען אַלס אַ געוואַלדיגע אוננאַטירליכקייט און אַלס אַ מאָנסטער פון דעם צוויליגעזעץ. די פליכטען וועלכע צוויי מענשען נעהמען אויף זיך אַ דאַנק זייער בעשאַפונג פון אַנדערע מענשען, די דאָזיגע פליכטען זענען גרויס, און אפשר טאַקע די סאַמע גרעסטע סאָציאַלע פליכטען וועלכע מענשען זענען איבערהויפּט בכח אויף זיך צו נעהמען. עס איז דעריבער אַ טיפע שענדליכע אוננאַטירליכקייט א י י נ ע ם פון די בעשאַפער, דעם מאַן, געזעצליך פולשטענדיג צו בעפרייען פון די דאָזיגע פליכטען בלויז נאָר דערפאַר, מחמת איידער דער בעשאַפונג האָט מען ניט מקיים־געווען געוויסע רעליגיעזע און געזעצליכע פאָרמאַליטעטען.

איז אפשר דער מאַן ביי אַן אויסער־פערהייראַטער בעשאַפונג ווייניגער שולדיג איידער די פרוי, אויב דאָ קאַן איבערהויפּט גערעדט ווערען פון אַ שולד? איז עס אפשר ניט אַ חוזק און אַן נאַרישקייט, ווען מען רופט די קינדער וואָס ווערען געבוירען אויסער דער הייראַט "נאַ־

טירליכע קינדער"? זענען אפשר די געזעצליכע קינדער „איבערנאַ־טירליך" אָדער גאָר אוננאַטירליך? און וואָסערע שאנד מיינט דאָס ניט, ווען אַלע אונזערע געזעצען שטעמפּלען די אונשולדיגע קינדער, וועלכע ווערען געבוירען אויסער דער הייראַט, מיט דעם שטעמפּעל פון שאַנד נאָך איידער זיי ווערען געבוירען, דערמיט וואָס ב ל ו י ז די דאָזיגע קינדער קריגען דעם פאַמיליענאָמען פון דער מוטער אנשטאט פון דעם פאָטער? ווערליג דעם עלעמענטאַרען נאַ־טור־רעכט דאַרפען אַלע קינדער, געזעצליכע אָדער ניט־געזעצליכע, האָבען דיזעלביגע סאַציאַלע רעכטען און, אַז דעריבער זאָלען אַלע טראָגען דעם נאָמען אָדער פון זייער אמת'ען פאָטער אָדער דעם נאָמען פון זייער מוטער. דאָס לעצטע וואָלט געווען אבסאָלוט לאָגישער און נאַטירליכער. דאָס רופען די קינדער נאָך דער מוטערס צד איז ענליך צום סיסטעם פון דעם אַזוי גערופענעם מאַטריאַרכיזם, וועלכען מיר געפינען אָפטמאָל ביי די ווילדע פעלקער (זעה קאַפּיטעל 6 און 19), און וועלכער איז אַ סך גערעכטער און פּירט צו ווענינער מיסברויך און אויסגעלאַסענקייט איידער דער פּאַטריאַרכיזם. אַ חוץ דעם, ווען די פרוי וועט פולשטענדיג האָבען געווינען איהרע סאַציאַלע רעכטען, דער־מאָלט וועט מוזען נעהמען אַ סוף צו דער געזעצליכער הערשאַפט פון איין איינציגער פּערזאָן אין דעם פערהייראַטען צוזאַמענלעבען.

די גלייכבערעכטיגונג פוןביידע געשלעכטער וועט פירען דערצו, אַז פון זיך אַליין, צוליב דער קלאָרקייט און איינפאַכקייט, וועט דער מוטערליכער נאָמען מוזען ווערען דער פאַמיליענאָמען, מחמת ווערליג דער סאַמער נאַטור פון דער זאַך איז די מוטער אַ סך נעהענטער צום קינד איידער דער פאָטער. אמת, ניט זעלטען אפילו איז אויך די מוטערשאַפט ניט בעקענט אָדער צווייפעלהאַפט (קינדער וואָס מען געפינט, קינדער וואָס מען פערטוישט אָדער קינדער וואָס מען וואַרפט אונטער), פונדעסטוועגען אָבער איז די מוטערשאַפט אהן אַן ערך גרינגער פעסטצושטעלען און ווערט טאַקע אהן אַן ערך אָפטער בעוויזען איידער די פאַטערשאַפט. אַזוי צ. ב. איז גענוג, אַז די מוטער זאָל האָבען אַ סעקסועלען פערקער מיט צוויי מענער, כדי עס זאָל אָפטמאָל ווערען אונמעגליך צו בעווייזען די פאַטערשאַפט. ווייטער, ביי דער בעשאַפונג און ביי דער ערציהונג פון די קינדער האָט די מוטער אויף אַזוי פיל מעהר זאָרגען, וועהטאָגען און געפאַרען פון איהר אייגענעם

קערפער, איידער דער פאטער, אז עס איז נאטירליך און דעריבער אויך גערעכט אז איהר נאמען זאל זיין דער נאמען פון דער פאמיליע. אבער צום בעדויערען זענען נאך אונזערע געזעצגעבונגען נאך זעהר וויט פון אנצוערקענען אזוינע נאטירליכע רעכטען. מיר מוזען אבער די דאזיגע רעכטען פארשלאגען, מחמת ווערליג אונזער מיינונג וועט זייער אנערקענונג אבהיימען פון וועג א סך שווערע וכוחים.

איבעראל אין דער נאטור, וואו דאס יונגוואַרג האט דורכצומאכען א לאנגע און אונבעהאלפענע קינדהייט, איז די פליכט פון די עלטערן זייערע קינדער צו ערנעהרען און אויפצוהאדעווען. צו ווערען די דא־זיגע פליכט אראבנעהמען פון די מענשליכע עלטערן א דאנק געוויסע רויהע און אוננאטירליכע סאציאלע טעאריעס, הייסט איינצופירען די פראמיסקואיטעט, און קאנסעקווענטערווייז די סאציאלע דעגענעראציע. אזוינע סאציאלע מנהגים, וועלכע האלטען זיך בלויז אויף קינסטליכע און, דורך דער טראדיציע פערהייליגטע דאגמעס, מאדעס און גע־וואוינהייטען, קאן מען לייכט ענדערען אהן א סכנה, מעגען זיי זיין פון א רעליגיעזען אדער פון אן אנדערען כאראקטער. קיינמאל אבער קאן א סאציאלע ארגאניזאציע ניט איבערטרעטען די הייליגסטע גע־זעצען פון די נאטירליכע אינסטינקטען, וועלכע זענען פילאגענעטיש טיף איינגעווארצעלט אין דער מענשליכער נאטור, אהן דערמיט באלד ניט צו ברענגען אויף זיך די נקמה פון די דאזיגע פערגעוואלדיגונגען דורך זייערע טרויריגע סאציאלע פאלגען.

אין די קאפיטלען 6 און 7 האבען מיר געברענגט דעם אונבע־שטרייטבארען בעווייז, אז דאס פאמיליען־לעבען און די סימפאטיע־געפיהלען צווישען מאן און ווייב, עלטערן און קנדער, זענען דער פילא־גענעטישער יסוד פון די סעקסועלע פערהעלטעניסען פון דעם מענש און, אז דעריבער איז **די טיפע און אמת'ע מאנא־גאמיע די נארמאלסטע, העכסטע און בעס־טע פארם פון זיינע סעקסועלע פערהעלט־ניסען און פון זיין ליבע**, ניט קוקענדיג אפילו וואס ער, בעזונדערס דער מאן, מעג האבען עגאיסטישע, פאליגאמישע אינסטינקטען. בשום אופן קאנען מיר ניט פערמאכען די אויגען און ניט זעהען, אז עס זענען דא און אז עס מוזען זיין א סך אויסנאהמען. און אז זיי מוז מען אויך ארייננעהמען אין חשבון. אבער אמווענינסטען

קאָנען מיר פערמאכען די אויגען און ניט זעהען. אז פערדאָרבענע סאָציאַלע מנהגים בעשאַפען אוננאַטירליכע צושטאַנדען ביי וועלכע די עלטערן בעגעהען זיך שענדליך אַנטקעגען זייערע קינדער, עקספּלואַטירענדיג זיי, טרייבענדיג זיי צו דער פּראָסטיטוציע און פערברעכען, זיי מיסהאַנדלענדיג, מאַטערנדיג, א. אז. וו. ניט זעלטען אפילו ווערען ניט־בעקוועמע קינדער אויף אַ שטילען אופן לאַנגזאַם פערמאַטערט צום טויט. פאַר די דאָזיגע אַלע אויסנאַהמספאַלען מוזען דעריבער אויפגעשטעלט ווערען בעזונדערע געזעצליכע בעשטימונגען, וועלכע זאָלען בעפרייען די קינדער פון דער געוואַלט פון עלטערן אָדער לכל הפּחות די קינדער צו בעשיצען קעגען זייער מיסברויך.

איך וויל דאָ דעם לעזער אויפמערקזאַם מאַכען בעזונדערס אויף דער לעצטער בעוועגונג אין עסטרייך פאַר דער געזעצליכער בעשיצונג פון דעם קינד, וועלכע, אַ דאַנק דעם איניציאַטיוו פון פרוילין לידיאַ פאָן וואָלפרינג, האָט זיך אָבגערופען אין דער געזעצגעבונג . מיסהאַנדעלטע, פערנאַכלעסיגטע אדער פערלאָזענע קינדער זאָל דער שטאַאט לאָזען ערציהען אין פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטען, נאָכדעם ווי מען נעהמט זיי אוועק פון זייערע ווערטלאָזע עלטערן, דערמיט אָבער בשום אופן ניט בעפרייענדיג זיי פון זייערע פליכטען אויפצוהאלטען די קינדער. ווערליג דעם סיסטעם פון פרויליין וואָלפרינג, איז די בעסטע זאַך די דאָזיגע קינדער גרופּענווייז איבערצוגעבען צו ערליכע פּאַרפעלקער, וועלכע האָבען ניט קיין אייגענע קינדער, כדי פון זיי ערצויגען צו ווערען, מחמת אויף דעם דאָזיגען אופן געפינען די קינדער גראָד דאָס וואָס זיי פעהלט — דאָס פאַמיליען-לעבען. צוליב פעדאַגאָגישע אורזאַכען זאָלען אַזוינע קינסטליכע פאַמיליעס אָדער קינדערהיימען, אימיטירענדיג דערמיט די נאַטירליכע פאַמיליעס, ערציהען קינדער פוןביידע געשלעכטער און פון פערשידענע יאָהרען. אַזוי אַרום ווערט מיט דער דאָזיגער אויסנאַהם אמבעסטען בעשטעטיגט דער כלל.

אָבער דער נאָרמאַלער צושטאַנד איז און בלייבט, אַז די עלטערן, און טאַקע ביידע זאָלען ערציהען זייערע קינדער. דער שטאַאט מוז זיך דאָ אריינמישען, קודם כל דורך די שולען, און זיי העלפען: דער שטאַאט האָט אפילו אַ רעכט צו צווינגען, מחמת די געזעלשאַפט האָט אַ פליכט איהרע קינדער אויפצוהויבען ביז צו אַ געוויסען שטאַפּעל פון

קולטור, און די עלטערליכע אויטאריטעט טאר ניט האבן דאס רעכט דעריין צו שטערען. אויף דעם דאזיגען אופן איז דער אבליגאטארישער און ניט-בעצאלטער שול-אונטעררריכט א פליכט פון דעם שטאאט, וועלכע איז כמעט איבעראל אנערקענט, הגם זי ווערט אפטמאל ניט פולשטענדיג דורכגעפירט.

דער שטאאט זאל אויך בעשיצען די קינדער דערמיט, וואס ער זאל די מאכט פון די עלטערן איבער זייערע קינדער אין געוויסע פרטים ענגער בעגרעניצען איידער ער טוט עס היינט-צוטאג. דאס קינד טאר ניט זיין א געגענשטאנד וועלכעס די עלטערן זאלען מעגען אויסנוצען. דאס קינד האט אויך א רעכט צו ווערען בעשיצט קעגען שעדליכע און אומזיסטע שטראפען, בעזונדערס ווען די שטראף נעהמט אן דעם כאראקטער פון א פייניגונג. עס פערשטעהט זיך, אז די ערלויבעניש צו שטראפען קינדער דורך שלאגען אדער ענליכע שטראפען, אז ערלויבניש וועלכע מיר בעגעגענען נאך אפטמאל אין די שולען, מוז אונבעדינגט אבגעשאפט ווערען אלס בארבארישע ווילדקייט.

אבער פריהער פאר אלעם מוז דער שטאאט שטרענג אכטונג געבען אויף דער פליכט פוןביידע געשלעכטער צו ערנעהרען זייערע קינדער. רייך אדער ארים, א געזעצליך אדער א ניט געזעצליך געבוירען קינד, קיין פאטער אבער (און אויך ניט קיין מוטער) טאר זיך ניט ארויסדרעהען פון דער דאזיגער פליכט. צוליב אונזערע ניט-פולקומענע סאציאלע פערהעלטניסען איז היינט-צוטאג, בעזונדערס פאר דעם מאן וואס איז ניט רייך, נאך זעהר לייכט אלעם פון זיך אראבצושאקלען, צו פערשווינדען און איבערלאזען זיינע קינדער צו דער מוטער אדער פאר דעם יתומים-הויז. דעם רייכערען איז לייכטער צו כאפען. ער מוז געצוואונגען ווערען אהן קארגשאפט צו זארגען פאר דעם לעבען און פאר דער ערציהונג סיי פון זיינע ניט-געזעצליכע און סיי פון זיינע געזעצליכע קינדער, אויב ער אליין וויל זיי ניט ערציהען. דער, וועלכער האט ניט קיין געלד, זאל געצוואונגען ווערען זיינע קינדער אויפצוהאלטען דורך ארבייט. אט אויף דעם דאזיגען אופן וועלען א סך בעסער אויפגעהאלטען ווערען די טרייקייט און די מאנאגאמיע אין דעם פערהייראטען צוזאמענלעבען, איידער ווען דאס געזעץ מישט זיך דירעקט אריין אין די סעקסועלע פערהעלטניסען גופא. איך חזר איבער נאך אמאל, אז אויך אזוינע ווערטלאזע עלטערן, פון וועלכע

מען מוז אוועקנעהמען די קינדער, זאָלען ווערען געצוואונגען צו זאָרגען פאַר זייער אויפהאַלטונג דורך געלד אָדער דורך אַרבייט.

דאַ וועט מען מיר אָבער באַלד פּאָרוואַרפען און טענה'ען, סטייטש ווי קאָן איך אַזוי אומ'רחמנות'דיג אַרויפלעגען אויף אָרימע מענשען אַזאַ שווערע פליכט, בעת זיי קאָנען זיך אָפטמאָל קוים אַליין ערנעהרען. איך בין מודה אַז אין אונזער הייגטיגער סאָציאַלער אָרדנונג איז דאָס נעהמען אויף זיך אַזאַ שווערע פליכט אָפטמאָל פשוט אַן אונמעגליכע זאַך. אָבער פליכט מיינט רעכט, און עס איז דעריבער זעלבסטפער־שטענדליך, אַז אַנטקעגען די פליכטען, וועלכע מען מוז פאָדערען פון אַלע עלטערן, מוזען מיר אוועקשטעלען דיזעלביגע רעכטען.

קודם כל קאָן די פולע גערעכטיגקייט אין דעם דאָזיגען געביט ערשט דערגרייכט ווערען דורך אַ ממשות'דיגען פאָרטשריט פון סאָציאַ־ליזם. מיט סאָציאַליזם מיין איך דאַ ניט בלינדע קאָמוניסטישע, און אויך ניט מאַרקסיסטישע טעאָריעס, נאָר איך מיין אַ ממשות'דיגען סאָציאַלען פאָרטשריט אין דעם קאַמף קעגען דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען זאָל זיך אַזוי איינשטעלען, אַז די מענשען זאָלען באמת קריגען דעם פולען לוין פאַר זייער אַרבייט, און אַזוי אַרום האָבען די מעגליכקייט צו פירען אַ ווערטפול מענשליך לעבען אויך אין דער סעקסועלער בעציהונג. אָבער דאָס דאָזיגע איז נאָך ניט אַלעס. פון אַ סאָציאַלען שטאַנדפּונקט איז עס אַן אונגע־רעכטיגקייט, אַז די לאַסט פאַר דער ערציהונג פון די צוקונפטיגע דורות זאָל נאָר פאַלען אויף די מענשען וועלכע האָבען קינדער, אַ געזונדע סאָציאַלע געזעצגעבונג טאָר ניט לאָזען גילטען דעם עגאָיס־טישען כלל פון די מענשען אָהן קינדער, וועלכע זאָגען: „איך האָב דאָס רעכט צו פירען אַ בעקוועם לעבען, צו געניסען און פוילענצען, ווייל פרייוויליג אָדער ניט־פרייוויליג שטעה איך ניט נאָך דעם גליק פון האָבען קינדער". דער שטאַאַט האָט די פליכט גרינגער צו מאַכען די משא וואָס ליגט אויף גרויסע פאַמיליעס, דורך דעם צו פערלייכ־טערען די בעשאַפונג פון געזונדע און שטאַרקע קינדער, און דערפאַר אַרופצולעגען אַ שווערערע לאַסט אויף די מענשען וואָס האָבען ניט קיין קינדער, אַ שווערערע אַרבייט אָדער גרעסערע שטייערן. פריהער (1695־1706) האָבען אין ענגלאַנד די „בעטשלאָרס" געצאָלט אַ שטייער. היינט וויל מען דאָרט ווידער איינפירען אַזאַ שטייער.

אין שייכות צו דעם ענין האב איך שוין פריהער דערמאנט דעם היינטיגען נארוועגישען מנהג צו רעכענען בלויז א האלבען פרייז פאר פערהייראטע פרויען און גרעסערע קינדער אויף שיפען, און איצט אפילו אויך אויף באנען. דא קאן איך נים באריכות בעהאנדלען די דאזיגע פראגע; אבער ווען יענע סאציאלע רעפארמען וועלען אמאל פערווירק־ליכט ווערען, ווען איבעראל וועט באמת זיין איינגעפירט א שול־ביל־דונג פאר וועלכע מען וועט ניט דארפען צאלען, א פענסיע פאר אלטע לייט, פאר יתומים און קראנקע, א. אז. וו., דעמאלט וועט קיין מענש זיך מעהר מיט רעכט ניט דארפען אבזאגען פון דער פאדערונג צו זארגען פאר דער ערנעהרונג פון זיינע קינדער און פאר זייער ערציהונג אין דער פאמיליע. בלויז פוילענצער און מאוס'ע פערדארבענע מענשען וועלען דאס טון. מיט אונזער גאנצער קראפט רופען מיר דא ווידער צו טהעמים, וועלכער איז בעפרייט פון דער בינד פון איהרע אויגען: "עפען אויף דיינע אויגע און זעה, מיט דער הילף פון די נאטור־וויסענ־שאפטליכע און סאציאלע ווארהייטען, אז דו זאלסט האל־טען דיין וואג איז אן אמת און גערעכט גלייכגעוויכט."

דאס נאכפרעגען מכח דער פאטערשאפט. — פונקט ווי מען טוט עס אלעמאל וועט מען איצט ווידער צו מיר האבען א טענה, אז דאס אויסגעפינען פון דער אמת'ער פאטערשאפט איז אפטמאל א זעהר שווערער און געפערליכער ענין. איך לייקען דאס ניט אב. אבער ווען די פרויען וועלען קריגען די רעכטען וועלכע זיי קומט, און ווען ביי דער ערציהונג פון מיידלעך וועט מען זיך האלטען ביי די כללים וועלכע מיר שטעלען אויף אין קאפיטעל 16, וועט דעמאלט דער ענין ווערען א סך לייכטער. א חוץ דעם, איז אפילו היינט שוין מעגליך מיט א גוטען ווילען און מיט דער נויטיגער ענערגיע פעסטצו־שטעלען די פאטערשאפט אין די מייניסטע פאלען. און ווען אפילו לאמיר זאגען, די געוואלדיגע פערבעסערונגען פון די טראנספארט־מיטלען מאכען לייכטער דאס אוועקפארען און נעלם ווערען, פערלייכ־טערען זיי אין דערזעלביגער צייט נאך מעהר דאס אויסגעפינען פון די מענשען איבער דער גאנצער וועלט. די אינטערנאציאנאלע בעציהונגען פון אלע ציוויליזירטע שטאאטען פערבעסערען זיך און ווערען פולקר־

מענער טאָג־טעגליך. ווען די ציוויליזאציע וועט האבען פולשטענדיג בעזיגט אונזער ערד, קאָן מען האָפען, אַז דעמאָלט וועט פאַר די שווינדלערס ווערען נאָך שווערער זיך אַרויסצודרעהען פון זייערע פליכטען דורך געלט ווערען. ווען מיר האָבען אַלעס אין אויג, קאָנען מיר בשום אופן זיך ניט אַבזאָגען פון דעם עיקר־בעדינג, פון דעם יסוד פון דער אויפהאַלטונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, וועלכער בעשטעהט דעריין, צו מאַכען די עלטערן פעראַנטוואָרטליך פאַר דער ערנעהרונג און ערציהונג פון זייערע קינדער.

אָדער וועדליג מיר האָבען געזעהען, איז די פעראַנטוואָרטליכקייט פון די עלטערן נאָך גרעסער און געהט אויך אַריין אין אַן אנדער געביט —די פליכט ניט צו בעשאַפען קיין גייסטיגע אָדער קערפערליכע קריפלען. אין אַזוינע פאַלען האָט מען געוואָלט פערזאָגען די הייראַט. אָבער דאָס איז אַ זעהר געפערליכער שריט. דער דאָזיגער ענין געהערט אָבער ניט אַהער און מיר ווילען שפּעטער צו איהם צוקומען.

אפּוטרופּסות. — אַ לויבענסווערטע אינסטיטוציע פון אונזער הייניגען שטאאטס־לעבען איז די אפּוטרופּסות פון יתומים, משוגעים, א. אז. וו., די דאָזיגע אינסטיטוציע בעדאַרף ווערען גרינדליכער און זאָרגפעלטיגער ענטוויקעלט. פערקערט, אַ זעהר מאוס'ער מנהג אין טייל לענדער איז דאָס רעכט פון די געמיינדעס איבערצוגעבען אָרימע און פערלאָזענע קינדער אָדער יתומים, פאַר וועלכע זיי דאַרפען זאָרגען, צו מענשען וועלכע פערלאַנגען אַמווייניגסטען פאַר זייער פלעגע. דער פועל יוצא איז אַ טרויעריגער—די קינדער ווערען אויסגענוצט, ערצויגען צו בעטלען, פערנאַכלעסיגט, א. ד. גל. נאָך ערגער איז דאָס מזל פון די אונגעזעצליכע קינדער, וועלכע ווערען פון זייערע הארצלאָזע מאַמעס איבערגעגעבען צו „מלאכים מאַכערקעס". די זשעדנעגקייט נאָך געלד פאַרט זיך דאָ צונויף מיט דער סאָציאַלער געשלעכטליכער היפּאָקריטסטווע פון די אַזוי גערופענע גוטע מדות, און דער פועל יוצא איז אַט אַזוינע צושטאַנדען. די נויט און די בושה טרייבען אויך צו אַ סך קינדער־מאָרדען און צום מפּיל־זיין. דאָ זאָל דאָס ציוויל־געזעץ צוזאַמען מיט דעם שטראַף־געזעץ אָננעהמען די שטרענגסטע מיטלען, כדי צו מאַכען אַ סוף צו אַזוינע טרויעריגע צושטאַנדען.

די פרייע ליבע און די ציוויל־הייראַט. — ווען אַלע פאַ־

דערונגען וועלכע מיר האבען ארויסגעשטעלט — קודם כל צו מאכען לייכטער דאס גט'ען זיך — זאלען דערגרייכט ווערען דורך א סאציאלער געזעצגעבונג, דעמאלט וועט דער חלוק צווישען דער הייראט און דער פרייער ליבע זיין כמעט נאר א פארמעלער. די קאנסעקוועניצען פון די דאזיגעביידע פארמען פון פערבינדונגען וואלטען געווארען די זעלביגע, סיי פאר די עלטערן און סיי פאר די קינדער. דער איינציגער חלוק וואלט בלויז געווען אין דעם זיין אדער ניט-זיין פון א געזעצליכער כתובה אויף א בעשטימטער אדער ניט-בעשטימטער צייט. טראצדעם אבער קאן די אמת'ע מאנאגאמיע דערפון גארניט פערלירען; אדרבה זי וועט נאך זעהר א סך געווינען. אהן ספק, מיר וואלטען דעמאלט מעהר ניט געהאט אונזער היינטיגע געצוואונגענע מאנאגאמיע, וועלכע ווערט קינסטליך אויפגעהאלטען מיט דער הילף פון דער פראסטיטוציע, ד.ה. מיט דער הילף פון דער שמוציגסטער פראסיסקואיטעט, מאכענדיג פון דער מאנאגאמיע אן אילוזיע; דערפאר וואלטען מיר אבער געהאט א רעלאטיווע מאנאגאמיע, אויפבויענדיג זיך אויף די שטארקע פונדאמענטען פון די נאטור-געזעצען. אין דער פארם וועט זי זיין א סך פרייער, אבער אין איהר תמצית וועט זי זיין בעסער און שטארקער א דאנק דעם אינוועניגסטען און דרויסענדיגען דראנג פון די פליכטען וועלכע אמת פרייע עלטערן פיהלען צו זייערע קינדער.

עס ווערט היינט אנגעפירט א קאמף מיט די שלאגווערטער „לע-בענסלענגליכע געצוואונגענע הייראט" און "פרייע ליבע". דער ענין ווערט אבער איבערגעטריבען. די פרייע ליבע קאן קיינמאל ניט געגליכען ווערען צו פראסיסקואיטעט אדער צו א ניט-ערפילען די פליכטען אלס א טענה קעגען געשוואנגערטע פרויען אדער קינדער. אונזער אויפפאסונג פון דער גאנצער זאך שטיצט זיך אויף דער נאטור- און דעם סאציאל-וויסענשאפטליכען גאנג פון דעם פראבלעם.

די פארמען און די דויער-צייט פון דער הייראט. — בכדי צו פערמיידען איבער'חזר'ונגען וויוז איך אן אויף דעם קאפיטעל 6. א חוץ דעם האבען מיר אין דעם אויביגען מיינסטענס שוין ארויסגעזאגט און בעוויזען אונזער מיינונג מכח דעם דאזיגען פונקט. — הגם עס איז אמת, אז די מאנאגאמיע איז די נארמאלסטע און נאטירליכסטע פארם פון דער הייראט און פון דער פאמיליע און

אז זי באַט אַן אָדער לכל הפּחות, אַז זי קאָן אַנבאָטען די בעסטע בע־דינגען פאַר אַ דויערהאַפטען גליק סיי פאַר מאַן און ווייב און סיי פאַר זייערע קינדער, מוז מען אָבער זיין פּשוט בלינד פון פאָרורטיילען בכדי נים איינצוזעהען, אַז עס איז אַ פונדאַמענטאַלער פעהלער קעגען דער נאַטור בלויז די מאָנאָגאַמיע אַליין צו בעטראַכטען אַלס די איינציגע בעגליקענדיגע הייראַטס־פאָרם, אַלס דעם איינציגען אַנקער, די איינ־ציגע הילף פון די סעקסועלע פערהעלטניסען, און פון איהר צו צושניי־דען אַ געזעצליכע צוואַנגס־יאַקע פאַר דער מענשהייט. ערשטענס לערענט אונז די געשיכטע און די עטהנאָגראַפיע, אַז וועניגסטענס פּאָליגאַמישע פעלקער האָבען זיך שטאַרק ענטוויקעלט און ענטוויקלען זיך נאָך איצט, בעת אדרבה פּאָליאַנדרישע פעלקער האָבען געהאַט אַ מעהר אָדער וועניגער טרויעריגע עקזיסטענץ און האָבען פערוועלקט. צווייטענס אָבער, אויב מיר בעטראַכטען אונזער איינענע קריסטליכע מאָנאָגאַמיע אַהן פאָרורטיילען, זעהען מיר, אַז ביז צו אַ נים קליינעם טייל איז זי נים מעהר ווי אַ שפּיל, פאַר׳ן קוק, פול ליגען און שווינדעל, פול מיט צבוע׳אַצטווע, און אַז די אַנשטרענגונג דורך אַ געזעצליכער צוואַנג זי צו פערזיכערען פאַר דעם גאַנצען לעבען, איז אַן אַבסאָלוטע אונמעגליכקייט. אין יענע קאַטאָלישע לענדער וואו דאָס גט׳ען זיך איז אַ פערבאָט, איז דער גט פערביטען געוואָרען אויף אַן אָבשיידען זיך פון טיש פון בעט און פון הויז, און דאָס, ווי מיר ווייסען, איז אַן אייביגער קוואַל פון אונטרייקייט און, וואָס עס איז נאָך ערגער, פון דער צוריסענקייט פון דער פאַמיליע. אַ חוץ דעם, וואָס שטרענגער עס זענען די מאָנאָגאַמישע געזעצען פון אַ לאַנד, אַלץ מעהר איז מען גע־צוואונגען פריי צו לאָזען אַנגעהען די פּראָסטיטוציע, ד. ה. די פּראָ־מיסקואיטעט, און, ווי מיר האָבען געזעהען, האָט מען אפילו בעשאַפען דאָס פערזעהעניש — די שטאַאַטליכע רעגולאַציע פון דעם באָרדעל־האַנדעל.

די דאָזיגע ביטערע לעהרען, וועלכע דאָס פּראַקטישע לעבען האָט געגעבען די אַנהענגער פון דער געצוואונגענער מאָנאָגאַמיע, בעווייזען ווי נאַריש עס איז דורך קינסטליכע מיטלען צו וועלען מיט געוואַלט צוימען די רייסענדע נאָרמאַלע נאַטור־טריבען פון דעם מענש. וואָס עס געלינגט ביי געוויסע געצעלטע שטאַרקע נאַטורען, נים אַלעמאַל אַהן מיה און אַנשטרענגונג, און לייכטער ביי קאַלטע טעמפּעראַמענטען.

אין אונמענגליך שטרענג דורכצופירען ביי דער גרויסער מאסע פון פאלק.

בכלל איז די פאליאנדריע די פעולה פון ארימקייט: פאליאנדרישע ראסען זענען וועניג פרוכטבאר און שיינען זיך צו דערנעהענטערען צו זייער אונטערגאנג. א חוץ דעם איז דער נארמאלער מאן אינסטינקטיוו פונמעהר פאליגאמיש, איידער די נארמאלע פרוי איז פאליאנדריש. דעסטוועגען קאנען טיילמאל פארקומען פאלען וועלכע רעכטפערטיגען אפילו די פאליאנדריע. הגם די אורזאך איז מעהר אדער וועניגער פון א פאטהאלאגישען כאראקטער, זענען פאראן פרויען וועמעס געשלעכטליכער אפעטיט איז אזו אונערזעטליך, אז א י י ן נארמאלער מאן קאן זיי וועניג בעפרידיגען. סוף כל סוף איז דאך אלץ בעסער ווען עטליכע דאן זשואנס זאלען לויט א פרייווילליגען אבמאך לעבען מיט אזוינע פרויען, איידער זיי זאלען זיך אין פערצווייפלונג איבערגעבען צו דער פראסטיטוציע (ווי מיר האבען געזעהען, זענען פאראן פראסטיטוטקעס צוליב נימפאמאניע) אדער אז יענע דאן זשואנס זאלען סיסטעמאטיש פערפירען און פערדארבען ארענטליכע, נארמאלע מיידלעך.

דארט וואו די סטעריליטעט אדער די אבשטויסונג פון די פרויען צום געשלעכטס־פערקער זענען די אורזאכען פון צוריסענקייט אין דעם פאמיליען־לעבען, דארט איז אודאי דער פלאץ פאר געוויסע פארמען פון פאליגאמיע. מיט דער הילף פון אזוינע מיטלען וואלטען מיר אבגעשאפט א סך אונגליקען אין דעם פאמיליען־לעבען און א סך ניצליכע עלעמענטען אין אונזער ציוויליזאציע וואלטען געווארען פרוכטבאר.

רעדענדיג מכח דער פאליגאמיע אין קאפיטעל 6, האבען מיר געוויזען, אז די פאליגאמיע האט א סך פארמען און, אז אויף קיין פאל זענען ניט אלע אזוי דערנידערענדיג פאר דעם ווייבליכען געשלעכט ווי מען דענקט בכלל, האבענדיג פאר די אויגען אלם מאדעל דעם שענדליכען מוסלומאנישען הארעם. דאס וואס דערנידעריגט די פאליגאמיע מעהר פאר אלעס, איז דאס בארבארישע סיסטעם פון דער קויף־חייראט, וועדליג וועלכען די פרויען זענען ניט בלויז א סחורה, נאר זיי זענען א סמארע צוזאמענגעטריבענע שקלאפינען. מיר האבען געזעהן, אויף א וואסערען העכערען שטאפעל עס שטעהט די פאליגיניע ביי געוויסע אינדיאנער שבטים, ביי וועלכע עס הערשט דער מאטריארכיזם

און וואו איטליכע פערהייראטע פרוי ווערט די בעזיצערין און די אמת'ע בעל־הבית'טע פון דעם הויז און פון דער פאמיליע. אזוי גיך ווי די פרוי שטעהט אויף דעם גלייכען שטאפעל בנוגע סיי צו רעכטען און סיי צו אייגענטום, הערט אויף די סכנה פון איהר דערנידערונג דורך דער פאליגיניע. פאקטיש, אין אזא סאציאלען צושטאנד קאן די פאַליגיניע נאר זיין אן אויסנאהם. זי איז געבויט אויף דער פולשטענדיגסטער פרייוויליגקייט און זי ווערט אלץ מעהר און מעהר אונשולדיג און אונשעדליך וואס מעהר עס ווערען פון איין זייט לייכטער געמאכט דאס גט'ען־זיך, בעת פון דער אנדערער זייט בעשאפען די שטרענגע געזעצען, בנוגע צו דער פליכט פון דער קינדער־ערנעהרונג און ערציהונג. די נויטיגע ענגע גרעניצען ארום דעם מענליכען געשלעכטס־בעגער.

נאך מעהר, איך האלט אפילו, אז דער קיום פון דער מאנאגאמישער הייראט, וועלכע מוז זיין געבויט אויף די געפיהלען פון א געגענזייטיגען דרך־ארץ און ליבע, וועט דורך דער געזעצליכער פרייהייט פון איין זייט און, פון די ארויפגעלעגטע פליכטען פון דער אנדערער זייט, וועלכע איך האב דא פארגעשלאגען. א סך בעסער זיין גאראנטירט איידער ביז איצט. מחמת וואלט זיך דער דאזיגער מנהג איינגעבירגערט, מוז עס דעמאלט פאר יענע מענשען, וואס זענען קאפאבעל זיך געגענזייטיג צו פערשטעהן, און לאנג צו ליבען, ווערען א סך לייכטער זיך צו געפינען, און שפעטער וואלטען זיי זיך פון זיך גופא אלץ פעסטער געגענזייטיג פערבונדען, וואס פרייוויליגער עס וואלטען געוועזן זייערע קייטען. אויב דעמאלט וואלטען פארגעקומען אפטע פריף־הייראטען אין דער פארם פון קורץ־דויערנדיגע פערבינדונגען, ענדיגענדיג זיך מיט א צוגעהען־זיך, וואלט דאס ראשית ניט געוועזן קיין זעהר גרויס אונגליק, מחמת היינט טרעפט דאס טאג־טעגליך אין א סך א נידעריגערער און טרויריגערער פארם, און שנית וועט א שטרענגע געזעצגעבונג בנוגע צו קינדער זיין דער זיכערסטער צוים אנטקעגען דער לייכטזיניגקייט און דער געגוסזוכט. אין פאל מען וועט מיר זאגען, אז דעמאלט וועלען לייכטזיניגע מענשען, בכדי אויף א בעקוועמען אופן צו קאנען האבען אבוועקסלונג מוחל־זיין דאס בעשאפען פון קינדער, וועל איך אויף דעם ענטפערען, אז עס וועט דוקא ניט זיין קיין איבעריג גרויסער שאדען

ווען גראד אזוינע מענשען וועלען דורך אט אזא מין נעגאטיווער זוכט־וואהל זיך אליין אומברענגען און אונטערגעהען. אויף דעם דאזיגען אופן שטעלען מיר אוועק צוויי נאטור־טריבען אנטאגאניסטיש איינעם אנטקעגען אנדערען: דעם טריב פון דער פארטפלאנצונג און פערמעהרונג אנטקעגען דעם טריב פון דעם זינליכען געשלעכטליכען גענוס. ווער עס וויל נאכגעבען דעם ערשטען טריב, וועלכער איז דער העכערער און וועלכער האלט אויף דעם מין, איז געצוואונגען אויפצושטעלען געוויסע צוימען אנטקעגען דעם צווייטען טריב, אהן דערביי אבער ניט אריינצופאלען אין אן אוננאטירליכען אסקעטיזם. די ארבייט פון דעם געזעצגעבער וועט דא זיין פראקטיש צו רעגולירען די דעטאלען. דאס דאזיגע דארף ניט זיין אזוי שווער. עס איז ניט פאראן קיין שכל'דיגע און קיין עטישע אורזאך געזעצליך צו פערביטען די פאליאנדריע און די פאליגיניע אלס א הילפס-מיטעל, דעמאלט ווען ביידע געשלעכטער וועלען זיין גלייכבערעכטיגט.

די קאנסאנגוויניטעט הייראט. — איך וויז אן אויף דעם, וואס וועגען דעם ענין איז געזאגט געווארען אין קאפיטעל 6. בכדי צו פערמיידען א שעדליכע קאנסאנגוויניטעט צווישען מענשען, איז מיין מיינונג, פולשטענדיג ניט צו ערלויבען די הייראט, ד. ה. די געשלעכטליכע פערבינדונג כדי צו האבען קינדער, צווישען דירעקטע קרובים, בעזונדערס צווישען עלטערן און קינדער, און צווישען שוועסטער און ברידער. אלעם איבעריגע אויסער דעם זענען בלויז ביוראקראטישע זומשעפעלנישען אהן וואסערען ניט איז נוצען און צוועק. אינגאנצען אהן א ברעקעל זיין זענען די געזעצען וואס ערלויבען ניט די הייראט צווישען אזוינע קרובים וועמעס קרובה'שאפט איז בלויז א חתונה־קרובה'שאפט, צ. ב. דאס געזעץ וואס ערלויבט ניט חתונה צו האבען מיט א שוועגעריין א. דגל. עס האבען עקזיסטירט פעלקער ביי וועלכע אדרבה דאס געזעץ האט געצוואונגען צו אזוינע הייראטען! איך זעה אויך ניט קיין שום ווירקליכע אורזאך פארוואס מען זאל ניט ערלויבען חתונה צו האבען פעטערס מיט מאנטעס, אדער פלימעניקעס מיט פלימעניצעס. עס איז ניט פאראן קיין שום בעוויז, אז אזוינע פערבינדונגען זענען שעדליך פאר דעם צווייטען דור. ווערליג מיר האבען

געזעהען איז בלויז שעדליך דאָס אָנזאַמלען־זיך פון פעהלערס וואָס קומען בירושה, און דאָס קאָן פאַרקומען סיי ווען מען האָט חתונה מיט פרעמדע און סיי ווען מען האָט חתונה מיט קרובים. בכלל אָבער זענען ניט ראַטזאַם כסדר'דיגע קאָנסאַנגווינישע הייראַטען, הייראַטען אין איין און דערזעלביגער פאַמיליע, און לכל הפּחות זאָל מען פון זיי אָבראַטען. מחמת אויף דעם אופן זאַמעלט מען לייכט אָן געוויסע פאַמיליען־פעהלערס.

דאָס בעשרענקען פון דער פּערזענליכער פרייהייט בנוגע צום געשלעכטס־לעבען ביי סאָציאַל שעדליכע אָדער געפערליכע מענשען. — די אונפעהיגקייט פון די מענשען צו קאָנען אונטערשיידען און צו האַלטען בעזונדער דאָס, וואָס איז אַבנאָרמאַל, קראַנק און בייז פון דאָס, וואָס איז געזונד, נאָרמאַל, וואָס לאָזט זיך צופאַסען אָדער מאָדיפיצירען אין די מאָטיווען פון די האַנדלונגען פון זייערע מיטמענשען, איז איינע פון די אונגליקליכסטע ערשיינונגען אין דעם סאָציאַלען לעבען. זי מאַכט אָהן אַ שעור שווער אי די ענטוויקלונג פון אַ ראַציאָנאַלער געזעצגעבונג און אי פון שכל'דיגע אַדמיניסטראַטיווע מיטלען. די ליידענשאַפטליכע, ניט קלאָרע און בלינדע געפיהלען פון די מאַסען, בעשאַפען דאָ צוויי אַנטקעגענגעזעצטע אַבסורדיטעטען און אונגערעכטיגקייטען, וועלכע ווערען אויסגעדריקט דורך דער עפענטליכער מיינונג: פון איין זייט פּראָטעסטירט מען און מען שרייט, אַז עס איז אַ דעספּאָטישער געוואַלט־אַקט, אַ פערלעצונג פון דער פערזענליכער פרייהייט און אַן אונגעזעצליכע בעשרענקונג אָדער איינשפּאַרונג, אַזוי גיך ווי אַ קאָמפּעטענטער ריכטער אָדער עקספּערט שטעלט אויף אַ צוים אַנטקעגען אַ גייסטיג אַבנאָרמאַלען און געפערליכען מענש, וועלכער אָבער זעהט אויס גייסטיג קלאָר אין די אויגען פון דער מאַסע, אָדער ווען צוליב דער זיכערקייט פון דער געזעלשאַפט פערשיקט מען איהם אין אַ משוגעים־הויז אָדער מען בעשרענקט זיין פרייהייט אויף אַ וואָסערען ניט איז אַנדערען אופן. פון דער צווייטער זייט אָבער, ווען אַזאַ מענש איז פריי, שווינדעלט, גנב'עט, רויבט, הרג'עט, שענדט אָדער בעגעהט סאַדיסטישע גרוילמאַטען, שרייט די אייגענע אויפגערעגטע מאַסע, איצט פּלוצליך צופלאַמט פון לינטש־

און ראכע-געפיהלען, נאך תשובה און נקמה. אמליבסטען וואלטען זיי דעם דאזיגען נפש באלד אבגעשונדען און צוריסען אויף שטיקער.

דעם פסיכיאטער, וועלכער איז דער עקספערט אויף דעם דאזיגען פעלד, און וועמען מען בעשולדיגט אפטמאל סיי ווי סיי, אז איבעראל זעהט ער משוגעים, אז איטליכען פערדעכטיגט ער און, אז ער האט א ספעציפישע מאניע גייסטיג געזונדע מענשען אריינצוזעצען אין משוגעים-הייזער, — דעם פסיכיאטער איז דא שווער איינצופירען רוה און זאכליכקייט. ער וואלט געוואלט אננעהמען מיטלען וועלכע זאלען זיין אי מענשליך און אי אין דערזעלביגער צייט בעשיצען די געזעלשאפט, בכדי אויף דעם אופן ווי ווייט מעגליך גוט צו בעהאנדלען דעם אונגליקליכען העלכער איז מעהר אדער ווייניגער, און טיילמאל גאר אין גאנצען ניט פעראנטווארטליך פאר זיינע האנדלונגען; ער וואלט געוואלט בעשאפען געזעצען און אנשטאלטען וועלכע זאלען דעם גייס-טיג-קראנקען בעשיצען אי קעגען זיך גופא און אי קעגען דעם מיסברויך דורך אנדערע, אבער אין דערזעלביגער צייט איהם ניט צו לאזען שע-דיגען די געזעלשאפט. אבער די געזעלשאפט און מיט איהר געוויסע אלטפרענקישע יוריסטען, אין זייער חוילער ציטערניש און אין זייער נארישקייט, בענוצען אלערליי מיטלען *כדי צו בעשיצען די מיושב'ע פאר די פסיכיאטרען*, דערביי איננאנצען ארויסלאזענדיג פון אויג די אמת'ע אינטערעסען סיי פון די קראנקע און סיי פון די געזונדע! די מורא און דער מיסטרויען פון עולם ווערען כסדר אויפגעהאלטען מיט דער הילף פון "שרעקליכע רויבער געשיכטעס" וועלכע ווערען דערצעלט פון געוויסע פעריאמערטע האלבע אדער גאנצע משוגעים, וועלכע ליידען פון א פערפאלגונגס-מאניע, און וועלכע ווערען פערשפרייט פון דער פרעסע.

די דאזיגע צושטאנדען, וועלכע מאכען שווער די לופט ארום יעדען משוגעים-אנשטאלט און לעגען אויס דעם וועג פון דעם פסיכיאטער מיט דערנער און אפטמאל טאקע מיט וועהטאגען, זענען א געוואלדיגע שטערונג פאר דער ענטוויקלונג פון די נויטיגע רעפארמען. דאס גוטע פובליקום און די טעקסט-יוריסטען, יענע וועלכע זענען שקלאפען צו דעם טויטען טעקסט פון זייער געזעצבוך, ביידע ניט פערשטעהענדיג קיין ברעקעל פון דער מענשליכער פסיכאלאגיע און פון דער פסיכא-

פאטהאלאגיע, רעדען זיך איין (איך האב דא בלויז אין זין די ערליכע אדוואקאטען און ניט יענע וואס זוכען אן אראטישען ערפאלג און ווילען זיך קרוינען מיט לארבער קרענץ). אז זיי זענען פערטיידיגער פון דער פערזענליכער פרייהייט, און זיי מערקען ניט, אז דער עיקר־רעזולטאט פון זייערע אנשטרענגונגען איז דער, וואס א גרויסע צאל פון משוגעים און גייסטיג אבנארמאלע מענשען ווערען פערורטיילט און געפינען זיך אין די געפענגניסען, בעת זעהר א סך אנדערע געפערליכע מענשען זענען פריי און בעגעהען כסדר די שרעקליכסטע פערברעכענס. שולדיגע און געדולדיגע גייסטיג געזונדע מענשען, בעזונדערס זייערע פר,יען און קינדער. א פסיכיאטער, וועלכער זעהט דעם דאזיגען גאנצען פרויען און קינדער. א פסיכאטער, וועלכער זעהט דעם דאזיגען גאנצען יאמער און עלענד, ווערט לייכט א פעסימיסט, פיהלענדיג קלאר זיין אונמעכטיגקייט אנטקעגען דער אונוויסענקייט פון דער מאסע און אנטקעגען די כוואליעס פון זייערע געפיהלען. די נאטירליכע שרעקעדיגקייט פון די מענשען מאכט זיי גערן צו פערמאכען די אויגען און זיך צו היטען קעגען אנשיקעניש און אויס פחד גראד צו שווינען די געפערליכסטע מאנסטערס, און אויף דעם אופן הערט קיינמאל ניט אויף די מארטירעריי פון אונגליקליכע ארימע פרויען און קינדער, וועלכע ווערען געפייניגט פון אזוי פיל בראנישע שכורים, סאדיסטען און אנדערע פסיכאפאטען, מחמת אזוי וויל דאס נארישע געשריי קעגען דער כלומרשט׳ער געפאר פון דער אזוי־גערופענער אינדיווידועלער פרייהייט. אין דער אמת׳ען ווערען אונטערדריקט די שוואכע און די גוטמוטיגע און זייער פרייהייט טרעט מען מיט די פיס, בעת זיי לאזען זיך היפנאטיזירען פון דעם פרייהייטס־געשריי פון די אונטערדריקער און די ליארם־מאכערס.

אויף דעם דאזיגען פעלד שפילען די סעקסועלע פערברעכענס און גרויזאמקייטען, ווערענדיג ביז א הויכען שטאפעל פערשטארקט דורך שכרות, א וויכטיגע ראלע. ניט רעדענדיג מעהר מכח פארורטיילען, וויל איך איצט זאגען בקצור וואס עס איז נויטיג.

כל זמן יוריסטען און געזעצגעבערס וועלען ניט שטודירען קיין פסיכאלאגיע און פסיכיאטריע, און כל זמן אלע געוואוינהייטס־פערברעכערס און געפערליכע מענשען וועלען ניט גרינדליך אונטערזוכט

ווערען פון פסיכיאטרישע עקספערטען, וועט ניט קאנען צושטאנדקומען קיין שום גוטע רעפארם. בכדי צו פערבעסערען די דאזיגע צושטאנדען איז נויטיג א געוויס זיך־צוזאמענקומען פון יוריסטען און פסיכיאטרען: אבער אזא מין געגענזייטיג זיך־פערשטעהען איז בלויז מעגליך דעמאלט, ווען די יוריסטען וועלען שטודירען פסיכאלאגיע, און בעת זייערע שטודיען וועלען דורכגעהן א מין פראקטישען קליניק צווישען די איינגעשפארטע פערברעכערס. ווי אזוי קאן א מענש אורטיילען און פערורטיילען זיין שכן, אהן דערביי ניט צו האבען קיין ברעקעל בעגריף מכח דעם געהירן־צושטאנד פון יענע אויסוואורפען פון דער געזעלשאפט? אלע יענע יוריסטען, וועמעס הערצער שלאגען פאר דעם וואוילזיין פון דער מענשהייט, זאלען מוטיג אונטערשטיצען די אנשטרענגונגען און די רעפארם־ארבייט פון דעם רעכטס־געלעהרטען און רעפארמער פראפעסאר פראנץ פאן לישט.*)

עס פערשטעהט זיך דאך, אז ניט בלויז מוז מען בעקעמפען די דירעקטע געוואלט־אקטען און עקסצעסען פון אזוינע אינדיווידוען, צ. ב. די סאדיסטען, אנטקעגען אנדערע מענשען, דערמיט וואס די פערברעכער מוזען געשטעלט ווערען אונטער א זיכערער אויפזיכט און אויף דעם אופן געמאכט ווערען אונשעדליך, נאר מען מוז אויך געפינען מיטלען מיט וועלכע צו פערהיטען, אז זייערע זאמען־צעלען, וועלכע

---

*) איך דערמאן דא די פאלגענדע ביכער: דעלבריק: „געריכטליכע פסיכאפאטהאלאגיע" (יאה. אמבר. בארטה, לייפציג 1897). — דעלבריק. „די פאטהאלאגישע ליגע אונד דער פסיכיש אבנארמע שווינדלער" (פערדינאנד ענקע, שטוטגארט 1891). — קעללע: „געריכטליך־פסיכיאטרישע גוטאכטען" (אויס דעם קליניק פון פראפ. פארעל, אין צוריך. פרידריך ענקע, שטוטגארט 1894). — לישט: „שוטץ דער געזעלשאפט געגען געמיינגעפעהרליכע גייסטעסקראנקע אונד פערמינדערט צורעכנונגספעהיגע" (מאנאטשריפט פיר קרימינאלפסיכאלאגי אונד שטראפרעכטסרעפארם). — פארעל: „די פערמינדערטע צורעכנונגספעהיגקייט" (די צוקונפט, 1899, נר. 15). — עריך וואולפען: „די פסיכאלאגי דעם פערברעכערס" (פערלאג דר. פ. לאנגענשיידט, גראסס־ליכטערפעלדע 1908).

זענען מײנסטענס דעגענערירט דורך דער בלאַסטאַפּטהאָריע פון זײערע אַלקאָהאָלישע עלטערן, זאָלען ניט אַרױסגעבען נאָך אַ דור (זעה קאַפּיטעל 1). די ערשטע פראַגע דאַרף אונז דאָ ניט אַנגעהען; אָבער איך נעהם מיר די ערלױבניש צו זאָגען אַ פּאָר װערטער מכח דער צװײטער פראַגע.

רעפאָרמערס מיט התמדה און געװאַגטקײט האָבען אין אַזױנע פאַלען פאָרגעשלאָגען די קאַסטראַציע (מסרס-זײן), װעלכעס האָט פון אַלע זײטען אַרױסגערופען שאַרפע פּראָטעסטען, (לעצטענס האָט דאָס-זעלביגע פאָרגעשלאָגען רידין). אונזערע פײן־פיהלענדע, מאָדערנע קולטור־מענשען קאָנען ניט פערטראָגען אַזױנע געדאַנקען, בעת געװיסע אַלטע פעלקער און הערשער, אַ שטײגער הײנט־צוטאָג נאָך די איסלאַמיטען, האָבען זיך גאַנץ רוהיג געהאַלטען יעװונוכען, בכדי צו האָבען בעקװעמע און ניט געפערליכע קנעכט פאַר זײערע פרױען; אַ חוץ דעם איז הענגען אָדער אָראָבהאַקען דעם קאָפּ בײ זײ געװען אַ שפּילכעל. אפילו דער פּאַפּסט האַלט זיך ביז איצט קאַסטראַטען אין רױם, בכדי צו האָבען סאָפּראַנאָ־זינגערס פאַר די קירך־קאָנצערטען, און פאַר דעם דאָזיגען צװעק זענען קאַסטרירט געװאָרען יונגע אינגלעך. ערשט איצט װיל דאָס אָבשאַפען פיוס דער צענטער. די מאָדערנע מלחמות און די גרױזאַמקײטען פון די אײראָפּעער אין אַפריקאַ, כינאַ, א. אז. װ., בעװײזען, אַז עס איז בלױז געװױנהײט אַ תרוץ, כדי אין דעם מענש אױפצורעקען די דרעמלענדיגע בעסטיע, װעלכע װעט שפּעטער מיט אַ לײכט האַרץ מאָרדען און שענדען בלינדערהײט.

אָבער אין דער לעצטער צײט האָט מען די קאַסטראַציע אָנגעװענדט אַלס אַ הײלמיטעל פאַר אַלערלײ קראַנקהײטען סײ בײ מענער און סײ בײ פרױען, בעזונדערס אָבער בײ פרױען צוליב היסטעריע. איך בין זיך מודה, אַז אין מײן אַנשטאַלט האָב איך געלאָזט קאַסטרירען אַ נײנציג־יאָהריגען מאַנסטער, װעלכער האָט געליטען פון אַ גײסטיגער קראַנקהײט און װעלכער, אמת, האָט אַלײן פערלאַנגט די קאַסטראַציע צוליב אַ װעהטאָג אין זײן זאַמען־שטראַנג. הגם מיר איז אָבער אין דעם דאָזיגען פאַל מעהר געגאַנגען דעם קראַנקען צו מאַכען אומפעהיג צו בעשאַפען קינדער אײדער איהם צו העלפען אין

זיינע פערזענליכע ליידען. איך האב אויך געלאזט קאסטרירען א פיערציג־יאהריג היסטעריש מיידעל, וועמעס מוטער און באבע זענען געווען בארדעל־האלטערינס און פראסטיטוטקעס, און וועלכע האט זיך שוין איבערגעגעבען צום ערשטען בעסטען אינגעל אויף דער גאס אוים פשוט'ען פערגעניגען. ווייל מיט דער קאסטראציע האב איך אויך דא געוואלט פערהיטען דאס געבוירען־ווערען פון אונגליקליכע קינדער. דעמאלט איז געווען א מאדע היסטעריקער טהעראפיוטיש צו קאסטרירען, און איך האב די דאזיגע מאדע אויסגענוצט פאר מיין האנדלונג, וועלכע האט אין דער אמת'ען געהאט נאר א סאציאלען צוועק. בכדי לכל הפחות צו פערהיטען דאס פרוכפערען זיך פון די אונגליקליכסטע, ערגסטע און געפערליכסטע בעשעפענישען, זאל מען, לויט מיין מיינונג, אויב ניט דוקא קאסטרירען, וועניגסטענס מאכען, אדער בעסער, דארפען מאכען, געוויסע מילדערע אפעראציעס, ווי די דיסלאקאציע צ. ב. אדער דאס אויסשניידען פון די טובען ביי דער פרוי, אן אפעראציע וועלכע מאכט די פרוי סטעריל אהן צו צושטערען די אייער־שטעק און אהן צו פערקלענערען די ל י ב י ד א ס ע ק ס ו א ל י ס.

ביי געוויסע מענשען, ווי א שטייגער די סאדיסטען, וועמעס געשלעכטס־טריב אלס אזוינער איז אן אלגעמיינע געפאר, איז אהן ספק נויטיג די פולשטענדיגע קאסטראציע. לויט מיין מיינונג זענען די דאזיגע אפעראציעס נויטיג ביי אלע יענע מענשען, וועמעס פסיכאפאטהאלאגישער צושטאנד אין דעם דאזיגען געביט איז אזוינער, אז זיי זענען אינגאנצען ניט בכח בייצוקומען זייערע אימפולסען, אדער קאנען ניט בעגרייפען דאס ווארענען פון שכל: מחמת אויף דעם אופן וועלען זיי, לפחות אין געוויסע פאלען, זיין פריי אנשטאט צו זיין, צ. ב. אינטערנירט אין פערשלאסענע אנשטאלטען, וועלכע איז פאר זיי אבסאלוט א סך ערגער.

אבער איך מוז נויטיג בעטאנען, אז אזוינע שטרענגע און ערנסטע מיטלען זאלען גאר זיין ערלויבט אין יענע פאלען, וואו דער צושטאנד איז קלאר, אונצווייפעלהאפט און געפערליך. ווייטער גלויב איך, אז, בעזונדערס סעקסועל אבנארמאלע און געפערליכע מענשען, זענען אפטמאל אליין איינפערשטאנען זיך צו לאזען אפערירען, פונקט ווי עס איז

געוועז דער פאַל מיט מיינעביידע קראַנקע. עס וואָלט שוין געווען א געוואַלדיגער פאָרטשריט, ווען דאָס געזעץ וואָלט געגעבען אַן אָפיציעלע בערעכטיגונג צו אַ פרייוויליג צוגעשטימטער קאַסטרירונג אָדער דיסלאָקאַציע פון די טובען. אָבער היינט־צוטאָג שטעהט פאַקטיש די זאַך מיינסטענס אַזוי אַז אַ פסיכאָ־פּאַטהאָלאָגישער מאַנסטער קאָן זיך ניט לאָזען קאַסטרירען אפילו ווען ער וויל, מחמת די דאָקטוירים וועלען ניט אויפנעהמען אַזאַ אָפּעראַציע אָהן אַ פּאָזיטיווער מעדיצינישער אַנווייזונג, און מחמת אַזוינע פאַלען ווערען ניט בעשיצט פון געזעץ און ניט קאָנטראָלירט פון ערגיץ אַנדערש. אָבער ווען די אָפּעראַציע וואָלט געמאַכט געוואָרען אין צייט, וואָלט זי געקאָנט ראַטעווען סאַדיסטען, קינדערשענדער און אַנדערע מענשען מיט אַ פערווערזען און געפערליכען געשלעכטס־טריב פון אַן אונגליקליך פערברעכער־לעבען, און די געזעלשאַפט בעשיצט פון זייערע פערברעכענס און די פערברעכענס פון זייערע קינדער. ביי דער פרוי נאַטירליך וואָלט אין אַזוינע פאַלען געווען נויטיג די קאַסטירונג און ניט בלויז די דיסלאָקאַציע פון איהרע טובען.

אָבער די גאַנצע זאַך פאַלט אַנדערש אויס אויב די פראַגע איז בלויז צו פערהיטען דאָס האָבען פון קינדער און, אויב די קראַנקע זענען פעהיג צו בעגרייפען זייער צושטאַנד און די קאָנסעקווענצען. אין אַזוינע פאַלען איז געווג אויפצוקלערען מכח די מיטלען קעגען שוואַנגערשאַפט און זיי אַנצואווענדען; מיט די דאָזיגע פערהיטונגס־מיטלען קאָן איטלכער מענש נאָכגעבען זיין געשלעכטס־טריב אָהן דערביי צו האָבען קינדער. דאָס דאָזיגע האָט אָבער גאָרניט צו טון מיט דעם געזעץ. עס איז באמת שרעקליך ווען מען זעהט ווי אין אַ סך לענדער ווערט דער פערקויף פון פערהיטונגס־מיטלען צו רעגולירען די שוואַנגערשאַפט (קאָנדאָמען א. ד. גל.) נאָך אַלץ געזעצליך פערבאָטען און פערפאָלגט אַלס אונמאָראַליש. צו דעם דאָזיגען ענין וועלען מיר צוריקקומען אין קאַפּיטעל 14.

עס איז זעהר וויכטיג פאַר אונז צו געדענקען, אַז דער היינטיגער צושטאַנד פון דער הייראַט פערשטאַרקט אָפטמאָל פון איין זייט די פאָרטפּלאַנצונג פון פערברעכערס, משוגעים און אינוואַלידען, בעת פון דער אַנדערער זייט מאַכט ער שווער אָדער שטערט די בעשאַפונג פון

געזונדע קינדער דורך גייסטיג און קערפערליך פעהיגע מענער און פרווי־
ען. איז שוין א גייסטיג אבנארמאלער אדער קערפערליך קרענקליכער
מאן פערהייראט, דעמאלט מוז זיך זיין פרוי אונטערוואַרפען צו זיין
ווילען און האבען אזוי פיל אונגליקליכע קינדער וויפיל איהם געלוסט
זיך. און פערקערט. ווען א בראוו, אינטעליגענט און געזונד דינסט־
מיידעל איז אנגעשטעלט אין א הויז, לעגט מען זיך אין דער לענג און
אין דער ברייט, כדי זי אבצורעדען פון חתונה האבען. מחמת מען וויל
זי ניט פערליערען; און אלץ גרינגער איז דאס אויסצופירען, וואס געווי־
סענהאפטער און מעהר צוגעבונדען און געטרייער זי איז צום הויז. מייד־
לעך וואס האבען אונגעזעצליכע קינדער פערליערען אפטמאל זייערע
שטעלען און זייער כבוד. מען בעדארף בלויז אין זין האבען די דאזיגע
צוויי פאלען כדי צו בעגרייפען וואס דא פעהלט. מיר דארפען האבען
מעהר פערזענליכע פרייהייט פאר נארמאלע, צופאסונגס־פעהיגע און
גוטע מענשען, און מעהר פערזענליכע בעשרענקונג פאר אבנארמאלע,
געפערליכע און שלעכטע מענשען. דערמיט וועט זיך דאס געזעץ פון
דער צוקונפט מוזען רעכענען, אויב עס וועט וועלען בלייבען אויף איין
הויך מיט דער וויסענשאפט.

דערווייל ערשט האט מען געפרופט צו ברענגען די ישועה דערמיט,
וואס מען וועט ניט ערלויבען חתונה צו האבען גייסטיג קראנקע,
אדער אין פאל זיי האבען שוין חתונה געהאט, זייער חתונה מבטל צו
זיין, אדער זיי צו גט'ען. אלס א נויטמיטעל בעת דער איבערגאנגס־
צייט קאנען אזוינע איינפירונגען זיין גוט. זיי נעהמען אן, אז שוואנ־
גערשאפטען קומען פאר בלויז אין דער הייראט און, אז די הייראט
צווינגט צו דער שוואנגערשאפט. פאקטיש אבער זענען די דאזיגע
ביידע השערות פאלש, דאס הייסט, זיי טרעפען בלויז טיילווייז אין
ציל אונטער דעם דרוק פון די היינטיגע מנהגים און דער היינטיגער
געזעצגעבונג. פונדעסטוועגען האבען די דאזיגע געזעץ־פאראגראפען
ווענינגסטענס די מעלה וואס זיי מאכען מעגליך די אויפלעזונג פון
אזוינע מאנסטערליכע געצוואונגענע פערבינדונגען, ווי עס זענען די
הייראטען פון משוגעים און פון די ערגסטע פסיכאפאטען. ליידער
אבער ווערט א גט בכלל צוגעלאזט בלויז דארט וואו די גייסטיגע
קראנקהייט איז קלאר און שארף, בעת אין דער אמת'ען קומען פאר
די ערגסטע פערבינדונגען צווישען אזוינע אבנארמאלע ווענינ פער־

אנטווארטליכע מענשען, ביי וועמען ניט דער עולם און ניט דאס געריכט זענען אימשטאנד צו דערקענען אדער צו בעגרייפען דאס פאראן־זיין פון אן אבנארמאליטעט. די דאזיגע מענשען האבען מייסטענס חתונה דעמאלט, ווען קיינער האט נאך ניט געוואוסט פון זייער אמת'ען גייסטיגען צושטאנד און ניט פארויסגעזעהען די פאלגען פון דער פערבינדונג. דער אונגליקליכער צד צו וועמען מען בינדט צו אט אזא מין זיווג פאלט אריין אין אן אייביגער מארטירעריי. די גייסטיגע אבנארמאליטעטען שפילען א געוואלדיגע ראלע אין די אונגליקליכע הייראטען, א ראלע וועלכע ווערט זעלטען ריכטיג אבגעשאצט. די דאזיגע אלע אורזאכען רעדען ווידער פאר דער ריכטיגקייט פון מיין אויבען אנגעוויזענער לייזונג פון דער גאנצער פראגע.

אין זומער 1905 האט דאס שווייצארישע בונדעס־געריכט ארויסגעגעבען אן ענטשיידונג, וועלכע האט א פרינציפיעלע וויכטיגקייט. א שוואכזיניגער מאן פון באזעל האט געוואלט חתונה האבען. קעגען דעם האט זיין מוטער אפעלירט, און די הייראט איז פערבאטען געווארען אי פון ציוויל־ און אי פון אפעלאציאנס־געריכט פון באזעל. איצט האט דער מאן (30 יאהרען אלט) אפעלירט צום בונדעס־געריכט, אבער די מאיאריטעט פון די ריכטער, זייענדיג איינפערשטאנען מיט די געדאנקען פון דער מוטער'ס אדוואקאט, האט דעם געזעצליכען בעגריף „שוואכזיניגקייט" זעהר ברייט פערטייטשט, און אויף דעם אופן וועדליג דער פראקטישקייט אויפגעשטעלט א *ממשות'דיגען שראנקען ארום דעם בעגריף הייראטס־פעהיגקייט*. ביים וועלען הייראטען ווערט בעטראכט אלס א בעדינג צו האבען א קלארע איינזעהעניש מכח די אויפגאבען וועלכע זענען פערבונדען מיט דער הייראט און צו פערשטעהען די פערשידענע פליכטען וועלכע מען נעהמט אויף זיך מיט דער הייראט. דער פאקט אז א הייראטס־קאנדידאט האט קענטיג זיך ניט בענומען גייסטיג אבנארמאל, אז ער איז פעהיג צו ארבייטען און צו פערדינען, אז ער איז פלייסיג און, אז פון מיליטער־דינסט איז ער ניט בעפרייט געווארען צוליב א גייסטיגען פעהלער, — די דאזיגע פאקטען קאנען נאך אלץ ניט בעטראכט ווערען אלס א גענוגענדיגער בעוויז, אז ער פערמאגט אויך גענוג שכל צו פערשטעהען דיזע בעדייט פון חתונה האבען. יעדענפאלס, כדי ניט צו קריגען די ערלויבניש צו הייראטען דארף מען

דוקא ניט זיין א פולשטענדיגער גייסטיגער אידיאט. די אורזאך פון א הייראטס-פערבאט מוז אויך זיין גענוג א שוואכזיניגקייט פון אפילו א מיטעלמעסיגען גראד. צוליב דער טובה פון דעם פאמיליען-לעבען און פון די קינדער איז עס די פליכט פון דעם שטאאט ניט צו ערלויבען דאס חתונה האבען צווישען שוואכזיניגע מענשען; און צוליב פיזיאלאגישע אורזאכען נאך ענגער געזעצליך צוזאמענצוציהען דעם שראנקען ארום דער הייראטס-פעהיגקייט, בכדי ניט צו ענטוויקלען א קראנקען און א שוואכען דור. די דאזיגע ענטשיידונג דארף הארצליך בעגריסט ווערען צוליב דעם פרינציפ און צוליב דעם מאטיוו. מען הויבט זיך אן צו דערנעהענטערען צו דער דאזיגער פראגע.

דאס ירושה-רעכט. — הגם דאס ירושה-רעכט האט ניט קיין דירעקט שייכות מיט דער סעקסועלער פראגע, איז אבער אינדירעקט פאראן א שייכות: דאס ירושה-רעכט בעיינפלוסט ביז א הויכען שטאפעל די קינדער-בעשאפונג. היינט-צוטאג האבען די גאנץ ארימע מענשען מעהר קינדער איידער די רייכערע; פון איין זייט איז דאס דערפאר, ווייל זיי האבען ניט וואס צו פערלירען און ווייל דער סעקסועלער פערקער איז זייער איינציג פערגניגען, בעת זיי וויסען ניט פון די מיטלען קעגען שוואנגערשאפט; און פון דער אנדערער זייט, ווייל זיי האפען צו האבען א נוצען פון זייערע קינדער'ס ארבייט. פערקערט, די מענשען וועלכע האבען א פערמעגען, האבען מייסטענס מורא, אז זיי זאלען ניט ווערען ארים דורך א סך קינדער, און יענע ווידער וואס זענען נאך רייכער, זענען גאר אין הוילער ציטערניש, אז זייערע פיין-ערצויגענע קינדער זאלען חלילה ניט לעבע אין ארימקייט. דעריבער ווילען די לעצטע האבען נאר אזוי פיל קינדער, פאר וויפיל זיי קאנען נאך זייער אבשטארבען איבערלאזען א פערמעגען, וועלכעס זאל זיי האלטען אויף זייער סאציאלען שטאנד.

פון דער דאזיגער לעצטער דאגה נעהמט זיך דאס אזוי-גערופענע „פראנצויזישע צוויי-קינדער סיסטעם". די עלטערן האבען דעם אונגליקליכען געדאנק, אז זייערע קינדער מוזען קומען אויף דער וועלט מיט א געוויס פערמעגען, כדי שפעטער צו זיין זיכער מיט א לעבען אהן דאגות און צרות. זיי [illegible] ניט, אז דאס ארבייטען, כדי צו

פערדינען די נויטיגע לעבענס-מיטלען, איז גראָד אַ בעדערפעניש פון דעם מענשליכען לעבען.

ביי זעהר רייכע לייט מערקען מיר ניט זעלטען די מורא, אַז אַ זעהר גרויס פערמעגען וועט פערלירען זיין מאַכט ווען מען וועט עס צוטיילען אין צופיל חלקים און אויף אַזאַ אופן אַבשוואַכען דעם איינ־פלוס פון דער פאַמיליע.

ווי מיר האָבען שוין געזעהען, איז קיין שום ספק ניט, אַז די גרויסע אָרימקייט און די גרויסע עשירות זענען צוויי שעדליכע סאָציאַלע עק־סטרעמען. אין זיך גופא איז פאַר אַ קינד זעהר שלעכט, ווען עס וואַקסט אויס מיט דעם געדאַנק, אַז עס וועט ירש'ענען אַן עשירות, אַז זיין לעבען וועט עס געניסען אָהן מיה, אָהן זאָרג און אָהן ארבייט און, אַז די אָרימע מענשען זענען נידעריגערע בעשעפענישען וועלכע שטעהען גרייט איהם צו בעדינען. עס איז אָבער אויך ניט בעסער, ווען אַ מענש קומט אויף דער וועלט מיט דער איינציגער אויסזיכט, אַז טראָץ זיין שווערער אַרבייט וועט מען איהם זיין גאַנץ לעבען האַלטען אין איין אויסנוצען, אויב זיינע בעזונדערע פעהיגקייטען אָדער עפּעס אַ בעזונדער מזל וועט איהם ניט אַ הויב טון און געבען די מעגליכקייט, מיט אָדער אָהן דער הילף פון דעם הייניטיגען אונ'רחמנות'דיגען געיעג נאָך עשירות, זיך אַוועקצושטעלען אויף אַ העכערען שטאַפּעל. פּונקט אַזוי שווער איז דאָס געפיהל ווען דורך שווערע און ביטערע אַרבייט קאָן אַ מענש צו גאָרניט קומען, ניט פאַר זיך, ניט פאַר זיין פרוי און ניט פאַר זיינע קינדער, און נאָר כסדר צו אַרבייטען פאַר די רייכע אָדער פאַר דער געזעלשאַפט אַלס אַזוינע.

דער מענשליכער אינסטינקט איז ניט גענוג סאָציאַל, כדי צוצולאַ־זען אַ צופרידענע, פלייסיגע און שווערע אַרבייט בלויז נאָר לטובת הכלל. דאָס געפיהל פאַר דער פאַמיליע און די עגאָיסטישע געפיהלען זענען אין איהם געוואַלדיג שטאַרק.

ווען מיר נעהמען אין בעטראַכט אַט די דאָזיגע פאַקטען, ווערט דעמאָלט דאָס ירושה־רעכט וויכטיג. מיט דער הילף פון אַלץ גרעסערע שטייערען אויף ירושות האָט מען געפריפט וויפיל ניט איז זיך צו פער־מעסטען אויף די גרויסע פערמעגענס. דאָס איז אָבער ניט גענוג. איך נעהם זיך ניט אונטער צו געבען אַ בעשטימטע מיינונג מכח די דאָזיגע ענינים, אָבער איך וויל בלויז שטעלען די פראַגע, אויב עס וואָלט ניט

געווען מעגליך אויף אזוי ווייט ממשות'דיג צו בעשרענקען דאס רעכט אויף ירושה. אז די קינדער זאלען נאר האבען א רעכט צו געניסען די ירושה פון זייערע עלטערן ביז דעמאלט, ווען זיי גופא וואלטען גע־ווארען אונטער אלע אומשטענדען פעהיג צו ארבייטען און צו פער־דינען, לאמיר זאגען צ. ב. ביז צום 25טען אדער 26טען יאהר. אזוי, אז זיי זאלען אויך האבען די מעגליכקייט צו קריגען א העכערע בילדונג. אויף דעם אופן וואלט מען פון איין זייט ביי דעם מענש ניט אוועקגע־נומען די פרייד צו ארבייטען פאר זיך אליין און פאר זיין פאמיליע, און פון דער אנדערער זייט וואלט איטליכער יונגער מענש געמוזט פלייסיג ארבייטען בכדי צו דערגרייכען ערגיץ־וואו, וויסענדיג פון פארויס, אז ביי 25 אדער 26 יאהרען וועט ער דארפען אליין פער־דינען אויף זיין לעבען און מעהר זיך ניט קאנען פערלאזען אויף קיין ירושה.

עס פאלט מיר גארניט איין אויף דעם יסוד פון אזא אידעע אויפ־צובויען א נייע סאציאלע טעאריע; אזוינע מינים פארשלאגען זענען שוין געמאכט געווארען אהן א צאל. וואס איך וויל, איז בלויז בע־טאנען איין עלעמענט פון דעם גאנצען פראבלעם, וועלכער בעשטעהט דעריז, צו פערקלענערען די מעגליכקייט פון עקספלוטאציע, אהן דער־ביי ניט צו פאראליזירען דעם תענוג פון ארבייטען, און אויך דעריז, צו העלפען בעשאפען און ערציהען א געזונדען דור.

עס פערשטעהט זיך, אז פריהער פאר דעם מוז קומען א נייער עטישער און סאציאלער צושטאנד, דעמאלט ווען עס וועט הערשען אן אנדער פאמיליען־געזעץ און ווען עס וועט זיין בעזארגט א גוטע ער־ציהונג און שול־בילדונג פאר איטליכען א. אז. וו., א. אז. וו., אבער דער אינטעליגענטער מענש וועט נאך אפילו דעמאלט האבען אן אינסטינקטיווען וואונש צו געהען העכער און ווייטער פון דעם דורכ־שניט, און אויך אזוי וועט ער ערציהען זיינע קינדער. דעם דאזיגען קולטור־אינסטינקט מוז יעדע סאציאלע ארגאניזאציע פארזיכטיג ענט־וויקלען און אבהיטען.

כמעט ביי אלע סאציאלע סיסטעמען האט מען אנגעוויזען, אז גע־וויסע צווייגען פון דער מענשליכער קולטור, א שטייגער די ריין ווי־סענשאפטליכע פארשונג און די קונסט, פאדערען אהן א שעור הוצאות

און ברענגען זעהר ווענינ אָדער גאָר קיין שום מאַטעריעלען נוצען פאַר דעם וויסענשאַפטס־מאַן אָדער אַרטיסט. אָבער פאַר די דאָזיגע וויכטיגע צווייגען פון אַלץ העכער און העכער שטרעבענדיגער קולטור, מוז אויף וואַסערען ניט איז אופן דעמאָלט זאָרגען דער אַ סך רייכער געוואָרענער שטאַאַט, און מאַטעריאַל אויף ממשות'דיג אונטערשטיצען די אמת'ע ווערטען אין דער וויסענשאַפט און אין חער קונסט, פונקט ווי עס האָבען פריהער (און אויך איצט) געטון קעניגען און מעצענאַטען: קודם כל אָבער מוז דער שטאַאַט אויסמיידען דעם פערזענליכען פּעוואָריטיזם, די פערזענליכע טובות דורך כל'ערליי קליקעס, דערמיט וואָס ער וועט בעשאַפען אַרבייטס־מיטלען און אַרבייטס־צענטערס.

3. דאָס שטראָף־געזעץ.

דאָס שטראָף־געזעץ איז דאָס רעכט צו בעשטראָפען. דאָס רעכט צו בעשטראָפען איז געבויט אויף די בעגריפען פון שולדיגקייט און תשובה, און די דאָזיגע ווידער זענען געבויט אויף דעם בעגריף פון אַ פרייען ווילען, וועלכער איז, ווי מיר האָבען אויבען געוויזען, אַן אילוזיע.

פון דער פשוט'ער בערעכענונג זעהט זיך אַרויס די צוויי־פעלהאַפטע פּאָזיציע פון אונזער היינטיגען שטראָף־געזעץ. די וויסענשאַפט פון די שטראָף־געזעצען האָט צו לאַנג איגנאָרירט דעם פאָרטשריט פון די איבעריגע וויסענשאַפטען און פון דער הומאַניטעט; זי ליידט פון אַן אונהיילבאַרער אויסצערונג, מחמת זי איז איינגעוואָרצעלט אין טעותים. דער בעגריף פון תשובה האָט זיך ענטוויקעלט אויף דעם פונדאַמענט פון דעם מיסטיציזם פון דעם ברוטאַלען רעכט פון דעם שטאַרקערען צוזאַמען מיט דעם נקמה־געפיהל וועלכע מיר האָבען געירש'ענט פון אונזערע חיה'שע אור־עלטערן. ביי זיי איז דער שוואַכער בעשטראָפט געוואָרען, ווייל ער איז געווען שוואַכער. אָבער דערנאָך איז געקומען דער בעליידיגטער גאָט, דער גאָט וועמען דער מענש האָט בעשאַפען בצורת אום, און האָט געפאָדערט נקמה פאַר מעשים רעים. די דאָזיגע בעליידיגונג פון אַ גאָט איז נאָר געווען דער ניט קלאָרער אויסדרוק פון אַ זיך־אויפוועקענדיג סאָציאַל געוויסען אין מענש, אַ פערוואַלקענט געמיש פון בעליידיגטע סימפּאַטיע־געפיהלען און אַ בעדערפעניש נאָך נקמה און תשובה. נאַכדעם ווי דער מענש איז ביז

אהער געוואוינט געווען צו משפט'ען איבער אנדערע מענשען דער עיקר וועדליג דעם רעכט פון דעם שטארקערען, טיילוויז זייענדיג גענויל־דערט דורך געפיהלען פון פאמיליע און פריינדשאפט, האט ער שפעטער אין זיין שרעק פאר די נאטור־סודות — וואלד, נאכט, בליץ און דונער, שטורימווינטען, שטערען, א. אז. וו. — און פאר דעם טויט, זיך פאר־געשטעלט דאס אריינמישען־זיך פון פערבארגענע און שפעטער פון העכערע כחות, וועלכע זאלען אנשטאט איהם משפט'ען איבער מעשים טובים און מעשים רעים, הגם די בעגריפען גוט און שלעכט זענען דער־מאלט געווען גאנץ אנדערע איידער היינט. די פריווילעגירטע מענשען אבער האבען אלעמאל פאר זיך איבערגעלאזט די פונקציעס פון פער־טיידיגער און אויספירערס פון גאט'ס ווילען, און שפעטער גע'משפט אין זיין נאמען אמאל אלס פריסטערס, אמאל אלס קעניגען און שפע־טער אלס ריכטערס. אז מען קאן ארויסגעבען א פסק־דין אהן צו גלויבען אין דער פרייהייט פון ווילען, בעווייזט דאס משפט'ען פון דעם מאהאמעדאנישען פאטאליזם, צ. ב. פון הארון־אל־ראשיד. פאקטיש שליסט אויס דער פאטאליזם, לכל־הפחות זייענדיג לאגיש, די השערה פון ווילענס־פרייהייט, מחמת אויב אלצדינג איז אבסאלוט בעשערט פון מזל, מוז דאך דאס זעלביגע זיין מיט די געדאנקען, ענטשלוסען און האנדלונגען פון די מענשען, וועלכעס שליסט אויס זייער פריי־הייט.

די פעראנטווארטליכקייט. — אין אן אנדער ווערק („די צור־רעכנונגספעהיגקייט דעם נארמאלען מענשען") האב איך מיך בעמיהט צו ווייזען, אז א ראציאנאל אויפגעבויט שטראף־געזעץ דארף זיך גאר־ניט פערנעהמען מיט דעם ענין פון ווילענס־פרייהייט. דער פאקט וואס מיר פיהלען זיך פריי און פעראנטווארטליך, איז בשום אופן ניט גענוג צו רעכטפערטיגען דעם קאטעגארישען אימפעראטיוו פון קאנט. אפילו א שווער משוגע'נער פיהלט זיך סוביעקטיוו פריי, הגם איטליכער מענש מיט שכל זעהט, אז ער איז ניט פריי. די פראגע אויב עס עקזיסטירט אדער עס עקזיסטירט ניט אן אבסאלוטע פארויס־בעשטימונג (פאטא־ליזם, דער גלויבען אין מזל) אלס א געזעץ פון דעם אוניווערזום, איז א פראגע פון מעטאפיזיק, ד.ה. זי שטעהט אויסער דער מענשליכער השגה און דארף אונז דעריבער דא גארניט אנגעהען. אבער ווען מיר

נעהמען פשוט אַז די וויסענשאַפטליכע וואַרהייט פון דעם דעטערמי־ ניזם, דאָס הייסט פון דעם קויזאַליטעטס־געזעץ בנוגע צו די מאָטיווען פון אונזערע האַנדלונגען*). וועלכעס לאָזט דורכויס צו פערשידענע מעגליכקייטען פאַר דער צוקונפט ניט אויפבויענדיג קיין השערה מכח אַן אַלמעכטיגען גאָט, דערמאָלט בעגרייפען מיר קלאָר, אַז די קאָמפּלי־ צירטקייט פון אונזערע געהירן־טעטיגקייטען, צוזאַמען מיט דעם פאַקט, אַז אַ גרויסער טייל פון די דאָזיגע טעטיגקייטען, און מיט זיי אויך די טרייב־פעדער, די מאָטיווען פון אונזערע האַנדלונגען בלייבען אונבע־ וואוסט, ד. ה. אונטער־בעוואוסט, — ווערט פאַר אונז קלאָר, אַז דאָס מוז פירען און פירט טאַקע צו אונזער אילוזיע פון אַ פרייען ווילען.

אַבער פון דער אַנדערער זייט זעהען מיר, אַז די פּלאַסטישע פעד הינקייט פון אַ מענשליך געהירן פּאַסט זיך צו ווי ווייט מעגליך געני, ד. ה. ווענדליג דער סביבה, צו וואָס מעהר און פערשידענערליי קאָמ־ פּליקאַציעס פון לעבען, און בעזונדערס צו די סאָציאַלע פערהעלטניסען. גיבענדיג אויף דעם אופן די פּאַקטישע און אמת'ע מאָס פון דאָס, וואָס מיר האָבען צו פערשטעהען אונטער רעלאַטיווער פרייהייט. דער מענש וואָס האָט די גרעסטע פעהיגקייט זיך צוצופּאַסען איז דער פרייעסטער מענש, בעזונדערס אין דעם זין פון אַן אַקטיווער און בעוואוסטער צו־ פּאַסונגס־פעהיגקייט. עס זענען אויך פאַראַן מענשען וועלכע פּאַסען זיך צו פּאַסיוו, מענשען אָהן אַ ווילען און וועלכע לאָזען זיך קנעטען ווי אַ טייג. די דאָזיגע פּאַסיווע פּלאַסטיציטעט איז אַלעמאָל די אורזאַך פון זייער זיך־אַנשליסען און צושטעהען איבעראַל צו יעדער זאַך, און פּאָלגליך העכסטענס ווערען ווערקצייגען פאַר מחלוקות. אָהן ספק, די דאָזיגע מענשען זענען אין ערך ווייניגער פריי, מחמת זיי פאָלגען די אימפּולסען פון אַנדערע. פונדעסטוועגען גיט זיי זייער פּלאַסטיצי־

*) **דאָס קויזאַליטעטס-געזעץ גרענצט זיך שפּעטער נאָהענט מיט דעם** ענערגיע-געזעץ, וועלכעס זאָגט דאָ: „אין דעם געביט פון אונזער רעלאַטיוו וויסען קומט נאָך יעדער אַקציע אַ קוואַליטאַטיוו גלייכווערטיגע רעאַקציע: גאָרניט ווערט פערלויען.“ דערפון קאָן אָבער בשום אופן ניט געדרונגען ווערען די פאָרויס־בעשטימונג פון דעם פאַטאַליזם, מחמת מכח דעם בראשית און דעם סוף פון דעם אוניווערזום ווייסען מיר לגמרי גאָרניט.

טעט א מין רעלאטיווע אינוועניגסטע פרייהייט: זיי פיהלען ניט די מאכט איבער זיך. אבער די העכערע פארם פון אזעטישער צופאסונגס-פעהיגקייט אדער פרייהייט איז ניט די פרייהייט פון דעם מענשליכען פוקס וועלכער, האלטענדיג זיך גופא פאר דעם צוועק פון אלעם, נוצט ער אויס איטליכען פאר זיין אייגענער טובה וועגען, נאר עס איז די פרייהייט פון דעם העכערען געהירן, פון דעם געהירן וועלכעם פאסט צו זיינע טעטיגקייטען קודם כל צו די סאציאלע צילען פון דער מענשהייט. אמוועניגסטען פריי אדרבה איז יענער מענש, וועלכער, זייענדיג בעהערשט פון נידעריגע ליידענשאפטען און אינסטינקטע, אדער ניט פערמאגענדיג גענוג אינטעליגענץ, אדער זייענדיג געבונדען פון זיין ווילענס-שוואכקייט, איז ער דעריבער ניט קאפאבעל זיין לעבען אליין צו פירען, גיט ער זיך איבער צו יעדען רייץ און צו יעדען אימפולס, פאלט ער אריין אין יעדער פאסטקע און דעריבער איז ער כסדר צושלאגען מיט דער געזעלשאפט.

היינט וואס איז די פעולה פון א טעארעטישען גלויבען אין א ווילענס-פרייהייט אין אזא פאל? דער דאזיגער שטארק געבונדענער מענש פיהלט זיך סוביעקטיוו פונקט אזוי פריי ווי דער מענש וואס איז וועניגער געבונדען, — אבער אין דער אמת'ען איז ער דאך ניט פריי. אויב אזא מענש ווערט בעשטראפט, מחמת צוליב זיין פסיכישער געבונדענקייט האט ער איבערגעטראטען א געזעץ, פיהלט ער די שטראף אלס אן אונגערעכטיגקייט: דער ריכטער ווידער, וואס משפט איהם און רעדט זיך איין, אז ער טיילט אויס גערעכטיגקייט, פירט אין דער אמת'ען נאר אויס א ניט גערעכט געזעץ, אין וועלכען עס איז אין בעסטען פאל פערקערפערט א מילדע פארם פון דעם פרינציפ פון נקמה אדער תשובה; אדער בענוצענדיג זיך מיט א רעכט וועלכעם איז א צווייג פון אלטע טראדיציעס מיט טיפע ווארצלען אין רעליגיעזע פאנטאזיעס, שפילט דער ריכטער די ראלע פון א פערטיידיגער פון גאט. מען קאן אפילו זאגען, אז דער מענש איז אלץ מעהר פריי, וואס קלארער איהם ווערט, אז ער איז עס ניט, דאס הייסט, אז זיינע האנדלונגען זענען אבהענגיג פון דער טעטיגקייט פון זיין געהירן!

דער צוועק פון דעם שטראף-געזעץ: זיינע טראדיציאנעלע פעהלערם בנוגע צום געשלעכטס-לעבען. — ווערליג מיר האבען

געזעהען, בלייבט פאַר דער שטראָף-געזעץ ניט איבער קיין אַנדערע ברירה ווי אָבצושניידען זיינע אייגענע וואָרצלען און זיך איבערצו-פלאַנצען אויף אַ וויסענשאַפטליכען און סאָציאַלען באָדען. אַנשטאַט אַ שטראָף-געזעץ וואָלטען מיר דעמאָלט געהאַט אַ געזעץ וואָס בעשיצט די געזעלשאַפט קעגען אַלגעמיין געפערליכע מענשען, און אַ געזעץ וואָס וועט האָבען אַן אויפזיכט איבער יענע מענשען, וועלכע קאָנען זיך אַליין ניט פירען אויף אַ גלייכען וועג. דערמיט וועט זיין אויפגאַבע פולשטענדיג צוזאַמענפאַלען מיט דער אויפגאַבע פון דעם ציוויל-געזעץ. דעמאָלט אָבער וועט אויך דער ריכטער מוזען אויפהערען משפט'ען איבער די האַנדלונגען פון זיינע מיטמענשען און איבער זייערע מאָ-טיוועז, און אויפהערען שפּילען די ראָלע פון אַ פערטרעטער פון גאָט. ער וועט מעהר ניט שטראָפען: זיין צוועק וועט נאָר זיין צו בעשיצען, צו וואָרענען און צו פערבעסערען.

מיט דער שטראָף האָט מען געמיינט אָבצושרעקען דאָס פאָלק, דער עיקר מענשען מיט שוואַכע כאַראַקטערס, און אויף דעם אופן זיי אָבצוהאַלטען פון פערברעכענס. אָבער די פּראַקטיק האָט געוויזען, אַז געוואַלט-מיטלען און ווילדקייט זענען אַנשטעקענדיג און וועקען אויף געוואַלט און ווילדקייט. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די אָב-שרעקונגס-טעאָריע איז בעצם פאַלש. דער מענש ווערט צוגעוואוינט צו פערברעכענס, שטראָף און בלוט פּונקט ווי ער ווערט צוגעוואוינט צו אַלצדינג: אויף דעם זאָגען עדות די מלחמות. נאָר דער איינפלוס פון גוטסקייט און גערעכטיגקייט קאָן פירען צום גוטען. די טויט-שטראָף, פּונקט ווי דאָס האַלטען אין תפיסה, ווירקט נאָר דערמיט וואָס זי בעזייטיגט דעם פערברעכער און מאַכט איהם אונשעדליך, אָבער דאָס לעצטע קאָן דערגרייכט ווערען אָהן דעם בעגריף פון שטראָף און תשובה. דאָס היינטיגע געפענגעניש איז נאָך אַ שול פון אויסגעלאַ-סענקייט און פערברעכענס. אויב מען וועט דערפון ביסלעכווייז מאַכען אַ פּסיכאָלאָגיש געפירטען אויפזעהונגס- און אַן ערציהונגס-אַנשטאַלט, קאָן עס ווערען אַן אויסבעסערונגס-שול, אויף ווי ווייט עס איז מעגליך אויסצובעסערען. פאַר פערברעכער, וועלכע מען קאָן מעהר ניט אויס-בעסערען, וואָלט דאָס געפענגעניש געוואָרען אַ מין הילפס-צווייג פון דעם משוגעים-הויז.

די געשיכטע פון דער פּסיכיאַטריע און פון כשוף בעוויזט, אַז

מיר טרייבען ניט איבער. אין גאנצען מיט עטליכע יאהרהונדערטען צוריק זענען משוגעים בכלל בעטראכט געווארען ניט אלס קראנקע, נאר אדער אלס פערברעכערס אדער אלס פער׳כשופ׳טע מענשען, און וועד־ליג דעם האט מען זיי אדער בעשטראפט אדער זיי בעהאנדעלט מיט עקסארציזם (ארויסגעטריבען א דבוק). נאך היינט אפילו בעגעגענען מיר ביי קאטאליקען און אפילו ביי געוויסע פראטעסטאנטישע סעקטען, מענשען וואס גלויבען אין מכשפים, און אין פאל זיי וואלטען געקראגען די מאכט אין זייערע הענד, וואלטען מיר נאך היינט געהאט די מכשפים פראצעסען, די פערפאלגונגען און זייער גרויזאמקייט. דער שרעקליכער פארורטייל פון פאלק קעגען משוגעים שטאמט, ווי עס איז בעקענט, פון דער צייט פון די פערפאלגונגען פאר כשוף.

איצט נאך שטעהען מיר אזוי ווייט אונטער דער מאכט פון דעם פארורטייל, אז עס איז בלויז גענוג צו ווערען פער׳משפט פון געזעץ, כדי דער פער׳משפט׳ער זאל זיין גאנץ לעבען ווערע בעווארפען מיט שאנד און אום׳כבוד. איך וויל דא דערמאנען די געפלינעלטע ווערטער וועלכע איך פערזענליך האב געהערט פון דעם אמאליגען לאנג־יאהריגען גענפענגעניש־דירעקטאר, און איצטיגען פארשטעהער פון דער פעדע־ראלער סטאטיסטישער ביורא, דר. גיללאום. הגם זיינע ווערטער קלינגען אביסעל פאראדאקסאל, ליגט אבער אין זיי א טיפער אמת. ער האט זיך רוהיג צוגעהערט צו א געשפרעך מכח דעם אויביגען ענין: צום סוף זאגט ער אין אן ערענסטען טאן דאס פאלגענדע: „מיינע הערען, אין מיין לעבען האב איך מיך בעקענט מיט זעהר א סך פער־ברעכערס, אבער איך האב צווישען זיי ניט געקאנט געפינען מעהר ווי צוויי קלאסען: אין איין קלאס זענען געווען קראנקע, און די אנדערע... אה, די אנדערע!... אלעמאל ווען איך האב זיי טיפער שטודירט, האב איך מיך אליין געמוזט פרעגען: צו וואלסט דו ניט געטון פונקט דאס איינענע אויף זייער פלאץ?" — עס פערשטעהט זיך, אז דערמיט איז ניט געמיינט געווארען אויפצושטעלען אזא מין שארפע איינטיילונג פון קלאסען, מחמת אין דער מעהרצאל פערברעכענס ליגט א טייל פון די עלעמענטען פוןביידע קאטעגאריעס. פונדעסטוועגען פאלט דער עיקר־געדאנק אבסאלוט צונויף מיט דער ווירקליכקייט. אין שייכות צו דעם וויל איך אויך דערמאנען דאס זעהר בעלעהרענדיגע בוך פון האנס לייסס „פון געפענגעניש". דער מחבר אליין איז געזעסען אין

געפענגעניש.

איצט לאָמיר זעהען, ווי די סעקסועלע פערהעלטניסען פירען צו א קאָנפליקט מיט דעם שטראָף־געזעץ, ווי אזוי דאָס שטראָף-געזעץ לייזט די דאָזיגע פראַגען און, ווי אזוי דאָס שטראָף־געזעץ דאַרף זיי לייזען נאָך דעם וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט. איך וועל אָבער נאָך אמאָל ניט איבער׳חזר׳ען דאָס וואָס איך האָב שוין געברענגט אין שייכות צום ציוויל־געזעץ. אונזער היינטיג שטראָף־געזעץ ווייסט פון באמת זונדערבאַרע סעקסועלע פערברעכענס, און די מאָטיוועו פאַר דער בעשטראָפונג זענען ווירקליך חדושים׳דיג.

אין דער נויט פון א ניט־בעפרידיגטען געשלעכטס־טריב, ווערענדיג אויסגעלאָכט פון אַלע פרויען, פּאַרט זיך צ. ב. אן אָרימער דומקאָפּ אין די שטילע שאָטענס פון דער שטאַל מיט א רוהיג פרעסענדיגער קוה, וועלכע שטעהט זיך ווייטער רוהיג, ניט פערשעמט און ניט בע־שעדיגט, און פרעסט. אויך דער אייגענטימער פון דער חיה ליידט איז איבערהויפּט א קלייניגקייט ביים ריכטער, מחמת דער סאָדאָמיט און איבערהויפּט א קלייניגקייט ביים ריכטער, מחמת דער סאָדאָמיט ווערט שווער בעשטראָפט אפילו ווען די חיה איז זיין אייגענע. פון וואַנען נעהמט זיך דאָס געזעץ דאָס רעכט צו בעשטראָפען פאַר אזא האַנדלונג, בעת וועלכער קיין מענש, קיין געזעלשאַפט און אפילו ניט די חיה האָט ניט געליטען א שאָדען? דאָס איז אן איבערבלייבעניש פון א רעליגיעזען מיסטיציזם, וועלכע איז ענליך צו דער שטראָף פאַר הטאים קעגען דעם רוח־הקודש. די זינד פון סדום ועמורה האָבען דער־צאָרענט גאָט און ער האָט די דאָזיגע שטעדט צושטערט. צוליב די אייגענע אורזאכען, הייסט עס, ווערט נאָך היינט אויך בעשטראָפט די סאָדאָמיע, די זינד וועלכע די בעוואוינער פון יענע שטעדט זענען בעגאַנגען, ווי די ביבעל דערצעלט. אָבער ווי די ביבעל דערצעלט איז גאָט אויך דערצאָרענט געוואָרען פון מעשה אונן: היינט, פאַרוואָס בע־שטראָפט איצט ניט אונזער געזעץ אויך פאַר אָנאַנירען? אין א סך שווייצארישע קאַנטאָנען און אין דייטשלאַנד ווערט אויך בעשטראָפט פאַר א געשלעכטליכע פערקער צווישען מענער. אין דער לעצטער צייט האָבען אונזערע געזעץ חכמים געפירט א האַרבען וכוח, אויב די שטראָף־פערדינט מען ערשט דעמאָלט, ווען איין מאַן פירט אריין זיין פענים אין דעם אנוס פון אן אנדערען מאַן (פעדעראַסטיע), אדער אויב די אורזאך

פאר דער שטראף דארף שוין זיין א ניט ציכטיגע בערירונג און א געגענ־זייטיגער אנאניזם! הייסט עס דעריבער, אז דאס געזעץ זאל יא אדער ניט שטראפען ווערליג נאכדעם צי די אדער צי יענע שליימהויט, אדער צי דער אדער צי יענער טייל פון דער הויט איז בענוצט געווארען צו בעפרידיגען דעם געשלעכטס-טריב! דאס זענען זונדערבארע קשיות פאר א געזעצגעבער און פאר א ריכטער, וועלכע שטעלען זיך דא ארויס פאר אינקאמפעטענטע פיזיאלאגען, אנאטאמען און פסיכאלאגען!

אויב איך בין נאר ריכטיג אינפארמירט, דערגעהט מען צום העכ־סטען פונקט פון אינקאנסעקווענץ אין דייטשלאנד, וואו א געשלעכטס-פערקער צווישען צוויי מענער ווערט יא בעשטראפט, בעת דאס זעל־ביגע צווישען צוויי פרויען ווערט ניט בעשטראפט. די דאזיגע ביי־שפילען וועלען זיין גענוג. זיי ווייזען קלאר, אויף וועלכע קרומע וועגען דאס שטראף-געזעץ פערבלאנדזעט, ווי עס שטעהט אויף א פאלשען פונדאמענט און ווי עס לאזט זיך פירען פון מיסטישע טראדיציעס. אין דעם זשורנאל פאר דעם שווייצערישען שטראף-געזעץ איז מיט דעם פולסטען ערענסט די טעג פערטיידיגט געווארען די נויטיגקייט צו בעשאפען א בעגריף פון א פערברעכען קעגען דער רעליגיע!

מיר וועלען איצט אנאליזירען די בעזונדערע פארמען ווערליג זייערווירקליכען סאציאלען ווערט.

די גרעניצען פון דעם שטראף - געזעץ אין דעם סעקסועלען געביט. — ווי איך האב שוין געזאגט, אויב מען וויל פערמיידען דעס־פאטיזם, אונגערעכטיגקייט און נארישע ווידערשפרוכען, מוז מען זיך האלטען ביים כלל, אז דאס שטראף-געזעץ האט נאר א רעכט זיך אריינצומישען דארט, וואו בעזונדערע יחידים אדער די געזעלשאפט האט געליטען א שאדען, אדער וואו דער שאדען סטראשעט. דערביי מוז אין איטליכען פאל אונטערזוכט ווערען, אויב דער מענש וועלכער איז בעגאנגען דעם שאדען איז דעמאלט ניט געווען אונפעראנטווארט־ליך, ד.ה. אויב ער איז ניט געווען גייסטיג קראנק; אדער אויב זיין פעראנטווארטליכקייט איז ניט געווען פערמינדערט, ד. ה. אויב ער איז ניט געווען האלב קראנק, און לסוף, אויב ער איז געווען פעראנטווארט־ליך, ד.ה. געזונד און, רעלאטיוו פריי לויט דעם זין פון אונזער אויביגער דעפינאציע.

וועדליג דעם רעזולטאט פון דער אונטערזוכונג (אויב עס איז בעוויזען געוואָרען די שולדיגקייט), וועט דער ריכטער האָבען צו ענט־שיידען אויף וועלכען אופן מען קאָן אַמבעסטען בעשיצען די געזעל־שאַפט קעגען אַזוינע נייע שאָדענס, און ווי אַזוי מען קאָן אַמלייכטסטען אויסבעסערען דעם שולדיגען, אויב פערשטעהט זיך ער קאָן ווערען אויסגעבעסערט. אויב דער שולדיגער איז צ. ב. נאָך אַ היילבאַרער טרינקער, וועט דאָס פערשיקען איהם אין אַ הייל־אַנשטאַלט פאַר שכורים, און זיין אַנשליסען זיך אין אַן אבסטינענץ־פעריין, אָהן ספק איהם מעהר אויסבעסערען איידער אַלע שטראָפען און געפענגענישען. טאָמער אָבער איז ער שוין אַן אונהיילבאַרער שכור אָדער אַ ניט־פער־בעסערליכער אַלטער פערברעכער, וועלכער קאָן ניט בייקומען זיינע פערברעכערישע אימפולסען, וועט מען איהם אָהן אַ ספק מוזען האַלטען אונטער אַן אויפזיכט, אָדער לכל הפחות פון איהם צונעהמען געוויסע געפערליכע פריוויליגיען. עס איז בשום אופן ניט אַזוי שווער צו אור־טיילען אין די דאָזיגע פראַגען ווי דער עולם רעדט זיך איין. דאָס פריהערדיגע לעבען פון דעם פערברעכער, זיינע פריהערדיגע שטראָפען און אַ גענויע אויספאָרשונג פון זיין פסיכאָלאָגיע, וועלען כמעט אַלע מאָל פירען צו דער פולסטער קלאָרקייט. אין די דאָזיגע פאַלען איז דאָס צוזאַמען־אַרבייטען פון פסיכיאַטרען און פראַקטישע יוריסטען אַ ברכה.

אויך דער נאָרמאַלער געשלעכטס־פערקער קאָן ווערען די אורזאַך פון אַ שטראָף־אַנקלאַגע דעמאָלט, ווען ער ווערט אַרויפגעצוואונגען מיט געוואַלט אָדער שווינדעל און ביטרעקייט (פערגוואַלדיגונג, פער־פירונג, מיסברויכען אַ בעטויבטען אָדער אַ היפּנאָטיזירטען א. אז. וו.). עס פערשטעהט זיך אַליין, אַז עס זענען אונבעדינגט נויטיג מיטלען צו בעשיצען קעגען אַזוינע האַנדלונגען, און אַז די מענשען וואָס זענען אויף דעם אופן מיסברויכט געוואָרען, זאָל צוגע'פסק'ענט ווערען אַ גרויסער שאָדען־ערזאַץ. וואָס מיר ווילען איז ניט אַזוי פיל אַ מילדערע בעהאַנדלונג פאַר דעם שולדיגען, ווי אַ גרעסערע בעשיצונג פאַר זיין קרבן.

אין פאַל פון אַ שענדונג, ווען די פרוי ווערט שוואַנגער קעגען איהר ווילען, זאָל וועדליג מיין מיינונג געזעצליך ערלויבט זיין דאָס קינסטליכע אָבטרייבען (דאָס מפּיל־זיין) אַלס אַן אויסנאַהמס־מיטעל, מחמת מיר קאָנען ניט פאָדערען פון קיין פרוי קעגען איהר ווילען אויף

דעם דאזיגען אופן צו האבען א קינד. דאס זעלביגע זאל אויך גילטען ביי א סעקסועלען מיסברויך פון מינדעריאהריגע מיידלעך.

פערקערט אבער, ווען א מינדעריאהריג אינגעל ווערט פערפירט פון א פרוי און זי ווערט שוואנגער, דעמאלט זאל זי אליין האבען צו זארגען פאר דעם קינד; זי זאל ניט קריגען דאס רעכט קינסטליך צו מפל'ען, מחמת זי האט עס געוואלט און מחמת דאס אינגעל איז ניט געווען פעראנטווארטליך פאר זיין האנדלונג. די גרעסערע צוגעבונדענקייט פון דעם קינד צו זיין מוטער מוז רעכטפערטיגען אזא אנווענדונג פון געזעץ.

אין שייכות צום ציוויל-געזעץ האבען מיר שוין גערעדט מכח די ווענערישע און אנדערע אנשטעקענדיגע קראנקהייטען ביים געשלעכטס-פערקער.

בלוטשאנד. — אונטער דעם קעפעל „קאנסאנגוויינישע הייראטען“ האבען מיר גענעהען אין שייכות צום ציוויל-געזעץ אויף ווי ווייט מען דארף בעגרעניצען דעם בעגריף פון דער בלוטשאנד. איך ווייז אן אויף קאפיטעל 6. די זעהר ערענסטע פאלען פון בלוטשאנד בעגעגנען מיר הויפטזעכליך צווישען עלטערן און קינדער. זייערע געוועהנליכסטע אורזאכען זענען גייסטיגע אבנארמאליטעטען אין דער פאמיליע, אלקאהאליזם, פראלעטארישע פראמיסקואיטעט, אדער די אבגעזונדערטקייט פון א פאמיליע פון דער איבעריגער וועלט. די בלוטשאנד קומט אפט פאר צווישען די בעוואוינער פון די פערוואָרפענע און אבגעזונדערטע בערג-הייזלעך אויף די שווייצארישע בערג. די פאלגענדע טיפישע ביישפילען פון בלוטשטאנד, וועלכע קאנען זיין די אורזאך פון א שטראף-אנקלאגע.

א שכור'ער און ברוטאלער מאן האט פערפאלגט זיין פרוי מיט זיינע סעקסועלע פאדערונגען. כדי זיך פון איהם ארויסצודרעהען האט זי איהם געגעבען איהר אייגענע טאכטער געשלעכטליך צו מיסברויכען.

א פרוי וועלכע איז געווען א כראנישע שכור'טע האט פערפירט איהר אייגענעם זיבענצען-יאהריגען זוהן צו האבען א געשלעכטס-פערקער מיט איהר. דערצארענט דערפון וואס זיין אייגענע מוטער האט איהם געמאכט פאר איהר געליבטען, האט ער זי אין א געוויסען

טאַג דערשלאָגען אויף טויט בעת ער אַליין איז געווען שכור. ווערענ־דיג פער׳משפּט אַלס אַ מוטער־מערדער, האָט זיך דער דאָזיגער יונגער־מאַן זעהר גוט אויפגעפירט אין געפענגעניש. דער אַלקאָהאָל און די פערפירונג האָט איהם געמאַכט פאַר אַ מערדער.

אַ געוועזענער געריכטס־געשוואוירענער האָט מיר דערצעלט דעם פאָלגענדען פאַל וועלכען איהם איז אַמאָל אויסגעקומען צו משפּט׳ען: א. ר., 50 יאָהרען אַלט, פערהייראַט מיט אַן אָרענטליכער פרוי, פאָטער פון 6 קינדער אינגלעך און מיידלעך, פון 6 ביז 24 יאָהרען אַלט) האָט אַלע זיינע זעקס קינדער סעקסועל מיסברויכט און אַ חוץ דעם האָט ער זיך אויך געשלעכטליך אָבגעגעבען מיט הינט און קעה. דער אכטצען־יאָהריגער זוהן האָט אַ חוץ דעם אויך געהאַט אַ געשלעכטס־פערקער מיט זיין מוטער און מיט זיין שוועסטער. די גאַנצע פאַמיליע האָט געליטען פון אַ פסיכיש־פּאַטהאָלאָגישער פערווערזיע.

אין אַ פאַמיליע וועלכע איז בעשטאַנען פון לויטער שוואַכזיניגע און פסיכאָפּאַטען, טייל פון וועלכע זענען געקומען אונטער מיין פסי־כיאַטרישער בעהאַנדלונג, האָט געהערשט די בלוטשאַנד במעט צווישען אַלע אין דער פאַמיליע: פאָטער מיט טאָכטער, מוטער מיט זוהן און שוועסטערס מיט ברידער.

פון לעצטען פאַל, פּונקט ווי פון די מייסטע ענליכע פאַלען, קאָן מען זעהען, אַז די בלוטשאַנד איז מייסטענס ניט די א ו ר ז א ך, נאָר די פ אָ ל ג ע פון גייסטיגע אַבנאָרמאַליטעטען און קראַנקהיי־טען. דאָס מיינט אָבער ניט צו זאָגען, אַז די קינדער פון אַזוינע פער־בינדונגען זענען ביז אַ געוויסען שטאַפּעל אויך אין סכנה צוליב דער בלוטשאַנד אַלס א ז ו י נ ע. אָבער די דאָזיגע פאַלען קומען פאַר ביים מענש פערהעלטניסמעסיג אַזוי זעלטען, אַז זיי קאָנען קנאַפּ־וואָס האָבען אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער מענשליכער ראַסע.

פון דעם געזאָגטען דאַרף זיין קלאָר, אַז אַ שטראַף־געזעצליכע פער־פאָלגונג פון דער בלוטשאַנד דאַרף אָנגעפירט ווערען בלויז דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך מכח אַ פערפירונג פון מינדעריאָהריגע אָדער גייסטיג קראַנקע מענשען, מכח אַ מיסברויך פון אַ געזעצליכער אָדער פון וואַסערער ניט איז מאַכט. אַזוי גוט ווי איבעראַל דאָרט, וואו די

בלוטשאנד איז פערבונדען מיט פערגוואלדיגונג. די ציוויל־געזעצליכע און די אדמיניסטראטיווע מיטלען דארפען זיין גענוג כדי צו רעדוצירען די איבעריגע פאלען פון בלוטשאנד צו א מינימום. דער נאטירליכער עקעל וואס די מענשען בכלל פיהלען קענען א סעקסועלען פערקער צווישען שוועסטערס און ברידער, בפרט קענען א געשלעכטס־פערקער צווישען עלטערן און קינדער, איז דאס בעסטע בעשיצונגס־מיטעל קעגען דער בלוטשאנד. א חוץ דעם, וועלען דאס אבשאפען פון שכרות, א גוטע אויפזיכט איבער משוגעים און די אויסבעסערונג פון אונזערע סאציאלע צושטאנדען, נאך מעהר פירען צום אונטערגאנג פון דער בלוטשאנד.

אלע אנגריפען אויף מינדעריאהריגע מוזען פערשטעהט זיך געריכטליך גע׳משפט ווערען. דער משפט זאל אבער אנדערש געפירט ווערען וועדליג דעם צי דער פערברעכער האט א פאטהאלאגיש־פערווערזע דיספאזיציע, אדער עס האנדעלט זיך מכח א נארמאלען מענש וועלכער האט פשוט מיסברויכט דעם צוטרויען פון א צווייטען. א לעהרער וועלכער, ניט זייענדיג סעקסועל אבנארמאל, גרייפט אן יונגע מיידלעך, מוז קודם כל פערלירען דאס רעכט צו זיין א לעהרער ביי מיידלעך, מחמת דא איז ער אממיינסטען געפערליך. טאמער אבער ליידט ער פון א געשלעכטליכער פערווערזיע, וועלען דעמאלט נויטיג זיין נאך אנדערע בעשיצונגס־מיטלען, וועדליג די בעזונדערע אומשטאנדען. א האמא־סעקסואליסט קאן מען ניט ערלויבען צו זיין א לעהרער ביים זעלביגען געשלעכט.

סעקסועלע פערווערזיעס. — ווען מיר געהען אריבער צו די סעקסועלע פערווערזיעס (זעה קאפיטעל 8), ווערט פאר אונז נאך מעהר קלאר די ניט־אויסגעהאלטענקייט און דער מיסטיציזם פון אונזערע היינטיגע שטראף־געזעצע. ווי מיר האבען שוין געזאגט, בעשטראפען און פערפאלגען די דאזיגע געזעצען אזוינע סעקסועלע האנדלונגען, וועלכע ברענגען קיינעם ניט קיין שום שאדען אדער וועלכע צוויי מענשען בעגעהען פרייוויליג. מיט די דאזיגע פאלען קאנען זיך פערנעהמען די מאראל אדער די מעדיצינישע קונסט. אבער דא זאל זיך קיינמאל ניט אריינמישען דאס שטראף־געזעץ. דאס איז נוגע אלע אנאניסטישע, פעדעראסטישע, מאזאכיסטישע, פעטישיסטישע און אנדערע

האַנדלונגען צווישען דערוואַקסענע מענשען בעתביידע צדדים גיבען זיך איבער פרייוויליג, און בעת דערפון ליידט ניט קיין דריטער צד.

וואָס איז די פעולה געזעצליך צו פערפאָלגען די האָמאָ־סעקסואַליסטען? עס איז פאַר דער געזעלשאַפט באמת אַ גליק וואָס די דאָזיגע אונגליקליכע פסיכאָפאַטען האָבען דעם געשלעכטס-פערקער צווישען זיך און אויף דעם אופן האָבען זיי ניט קיין קינדער. דאָס אמת'ע פערברעכען איז אדרבה דאָס חתונה האָבען פון אַ האָמאָ־סעקסואַליסט מיט אַ מענש פון אַ צווייטען געשלעכט, אַ הייראַט וועלכע ווערט היינט דוקא סאַנקציאָנירט פון געזעץ! דאָס איז אַ פערברעכען קעגען דעם נאָרמאַלען צד און קעגען די קינדער פון דער דאָזיגער פערבינדונג. אַ חוץ דעם, דערמיט וואָס די היינטיגע שטראָף־געזעצען פערפאָלגען די האָמאָ־סעקסואַליסטען, בעשאַפען זיי דאָס גינסטיגסטע פעלד פאַר די סאַמע נידעריגסטע פאָרמען פון געלד־ארויספרעסונגען, ווי קראַפט־עבינג, מאָל, הירשפעלד און אַנדערע האָבען בעוויזען מיט אַהן אַ שעור ביישפילען, און וואָס איך גופא האָב געפונען בעשטעטיגט ביי זעהר אַ סך, ניין, ביי די מיינסטע פון די דאָזיגע קראַנקע.

ווען דער בערימטער האַרדען-מאָלטקע-אייַלענבערג־פּראָצעס האָט נאָך ניט איבערצייגט אין דעם דאָזיגען אמת, דעם קאָן מען שוין ווירקליך מעהר ניט העלפען. עס ווערען בעשטראָפט און צובראָכען אונשעדליכע מענשען, מען שלעפט זיי אריין אין דער בלאָטע און דערמיט ווערען געקרוינט די נידעריגסטע געלד־ארויספּרעסער. מען קאָן ניט זאָגען, אַן אמת זויבערע ארבייט!

עס איז אָבער גאַנץ אַנדערש מיט אַזוינע אַבנאָרמאַלע אָדער פערווערזע פאָרמען פון דעם געשלעכטס-טריב, ווען ער קאָן בלויז בעפריידיגט ווערען קעגען דעם ווילען פון דעם צווייטען צד און ווען דער דאָזיגער ווערט בעשעדיגט. דאָ מוז דאָס געזעץ אָננעהמען די שטרענגסטע בעשיצונגס-מיטלען, ניט בכדי צו בעשטראָפען דעם פערווערזען מענש, נאָר בכדי אין דער ריכטיגער צייט צו בעשיצען זיין קרבן. צו די דאָזיגע פאָרמען געהערט ערשטענס דער סאַדיזם, און צווייטענס די קינדער־שענדונג. דאָ הויבט זיך אויף אַ שווערע פראַגע. ביי אַזוינע שוידערליכע געשלעכטס-טריבען זאָל מען פריהער ניט וואַרטען אויף אַ קרבן איידער מען וועט זיך אריינמישען; פון דער אַנדערער

זיינען ווידער קאנען מיר ניט בעשטראפען א מענש, אדער אנטקעגען איהם אנגעהמען אדמיניסטראטיווע מיטלען, פשוט דערפאר ווייל ער פיהלט אין זיך א געפעהרליכען טריב, בפרט ווען ער איז אין זיין איבער־ריגען לעבען אן ארענטליכער און געוויסענהאפטער מענש, וועלכער קעמפפט מיט אלע זיינע כחות קעגען זיין פערווערזיע. אלס דאקטאר איז מיר אמאל אויסגעקומען צו בעהאנדלען אזא מין קראנקען, וועלכער האט געליטען פון אזא שרעקליכען טריב. ער איז געוועזן א זעהר גוטער און טיף מאראלישער מענש; ער איז געווען פערצווייפעלט צוליב זיין צושטאנד, אבער ער האט קיינמאל קיינעם ניט געטון קיין שלעכטס, און געזוכט זיך צו העלפען מיט אנאניזם און ד. גל. אין אזוינע פאלען דארפען די מאראלישע געפיהלען פון דעם קראנקען בעטראכט ווערען פאר א גענוגענדיגע סאציאלע בעשיצונג, און דער דאקטאר האט ניט קיין רעכט און ניט קיין פליכט איהם צו פער'מסר'ען. ער מוז אבער דעם קראנקען זאגען: „אויב איהר פיהלט, אז איהר קאנט מעהר ניט בייקומען אייערע ליידענשאפטען, קומט צו מיר און לאזט זיך אריינגעבען אין אן אנשטאלט; דאס וועט זיין בעסער פאר אייך אליין צו בעגעהען א פערברעכען". זעלטען־ווען ווערען די דאזיגע פאלען בעקאנט עפענטליך, מחמת אזא קראנקער וועט שווייגען און דולדען אדער ער וועט בעגעהען זעלבסמארד; און דאך זענען זיי זעהר כאראקטעריסטיש און בעלעהרענדיג.

אן אנדערס מאל אנטדעקט מען צופעליג אזוינע פערווערזיעס אין דער ריכטיגער צייט, דעמאלט, ווען דער קראנקער האט גארניט בדעה בייצוקומען זיין פערווערזיע, נאר אדרבה, ער זוכט יעדע געלעגענהייט זיין טריב צו בעפרידיגען אהן צו ווערען ענטדעקט. אין די דאזיגע פאלען מוז מען אנגעהמען פסיכיאטרישע מיטלען. ליידער אבער ווייסען בעזונדערס די סאדיסטען זעהר גוט וואסערע געפאר זיי נעהמען אויף זיך, און זיי זענען מסוגל צו בעגעהען זייערע פערברעכענס און ניט ווערען געכאפט א סך בעסער איידער וועלכער ניט איז פערברעכער. דעריבער, ווען מען כאפט א מענש, וועלכער איז בעגאנגען אדער האט געוואלט בעגעהען א סאדיסטיש פערברעכען, זאל מען איהם כסדר האלטען פערשפארט. דא דארף אויך, ווי מיר האבען שוין געזאגט, געשטעלט ווערען די פראגע וועגען א געצוואונגענער קאסטראציע;

אבער מיר ווייסען נאָך ניט זיכער אויף ווי וויים די קאסטראַציע בע־שיצט קעגען אזוינע פערווערזע און געפערליכע טריבען. אויב אבער עס וועט זיך אַרויסשטעלען, אַז די דאָזיגע אָפּעראַציע העלפט אפילו בלויז טיילווייז, זאָל זי קיינמאָל ניט ווערען פערנאַכלעסיגט.

א בעזונדערס שווערע קאַטעגאָריע זענען די עקסהיביציאָניסטען. זיי זענען ניט געפערליך מחמת זיי בערירען קיינעם ניט. זייערע קרבנות, אויב מען קאָן זיי אזוי אָנרופען, זענע ןמיידלעך אָדער פרויען אין וועמעס געגענוואַרט זיי דעקען אָב זייערע געשלעכטס־אָרגאַנען און מאַסטורבירען. עס איז קיין שום ספק ניט, אַז מיט אַזאַ האַנדלונג קאָן מען טיף בעליידיגען דאָס געפיהל פון בושה, בעזונדערס פון יונגע מיידלעך און קינדער; אָבער איך מוז דאָך זאָגען, אַז אונזערע געזעצען זענען צו שטרענג אין די דאָזיגע פאַלען, מחמת דער שאַדען אין זיך גופא איז ניט קיין געפערליכער. איך קען קינדער וועלכע זענען עטליכע מאָל איבערגעשראָקען געוואָרען פון עקסהיביציאָניסטען. אָבער איך האָב ניט געזעהען, אַז דער עקעל וועלכען זיי האָבען דערביי געפיהלט זאָל זיי האָבען אויף וועלכען ניט איז אופן געשאַדט; די זאַך איז צו נאַריש און צו מאוס. עס וואָלט אייגענטליך געווען גענוג די עקסהיביצי־אָניסטען איטליכעס מאָל אַריינצוזעצען פאַר אַ קורצער צייט אין אַ משוגעים־הויז און אין פאַל פון אַ צו גרויסער שוואַכקייט, זיי צו האַלטען פאַר אַ לענגערער צייט.

אויף אַן ענליכען אופן זאָל זיך דאָס שטראַף־געזעץ בענעהמען מיט אַן איינפאַכען פאַל פון נעקראָפיליע אָדער שענדונג פון טויטע. אָבער אויף דער דאָזיגער פערווערזיע מוז מען מעהר אכטונג געבען, מחמת זי גרעניצט זיך ניט זעלטען מיט סאַדיזם. עס זענען פאַראַן נעקראָ־פילען וועלכע בעפרידיגען זייער סאַדיסטישער תאוה מיט מתים ווייל זיי האָבען מורא צו בעגעהען אַ מאָרד. אזוינע מענשען דאַרפען זיין פערשפאַרט, מחמת זיי קאָנען ווערען זעהר געפערליך.

די פעטישיסטען פערקערט זענען דאָס רוב אונשעדליך: העכס־טענס דאַרף מען זיי אָנקלאָגען פאַר גנב'ען די געגענשטאַנדען וועלכע זענען זייערע פעטישען. דעם גרעסטען שאַדען האָבען יענע מיידלעך, ביי וועלכע די צאָפּ־פעטישיסטען שנייד'ען אָב די צעפּ.

קאנקובינאט, פראסטיטוציע, בארדעל־האנדעל, ווייסע־שקלאפעריי. — מיר האבען שוין געזעהען, אז דאס קאנקובינאט אלס אזוינס זאל ניט ווערען בעשטראפט, הגם אין טייל לענדער ווערט עס יא בעשטראפט. אויך האבען מיר שוין ארומגערעדט די פראגע אויף וויפיל די פראסטיטוציע אליין פאר זיך זאל געזעצליך און געריכטליך בעוואכט ווערען. אבער אונטער אלע אומשטאנדען מוז דער בארדעל־האנדעל און די ווייסע שקלאפעריי ווערען שטרענג פערפאלגט און בעשטראפט, מחמת דא האנדעלט זיך מכח פערברעכענס קעגען דער געזעלשאפט און קעגען די אינדיווידועז, פערברעכענס וואס ווערען בעגאנגען צוליב פשוט'ע געלד־אינטערעסען. עס מוז ווערען שטרענג פערבאטען צו האנדלען מיט דעם לייב פון אנדערע מענשען. דאס דאזיגע גרעניצט זיך מיט דעם שקלאפען־האנדעל און מיט זיינע מיס־ברויכען. (זעה קאפיטעל 12.)

דאס געזעץ זאל אונבעדינגט בעשטראפען פאר עפענטליכע סעקסועלע איינלאדונגען, פראוואקאציעס, אונאנשטענדיגקייטען און ברוטאליטעט, אבער די שטראף זאל זיין א מילדערע. דער געשלעכטס־אקט און אלעס וואס דערמיט איז פערבונדען מוז זיין פולשטענדיג פרייוויליג און קיין שום מענש האט ניט קיין רעכט אז אנדערען מענש סעקסועל צו פראוואצירען און צו בעלעסטיגען כל זמן דער לעצטער קומט איהם ניט פרייוויליג אנטקעגען. עס איז אבער ניט אזוי גרינג אין דעם דאזיגען פרט אנצואווייזען די גרעניצען, מחמת די צניעות קאן אויך געהען צו ווייט און קאן איטליכע אונשולדיגע שפילעריי בעטראכטען אלס א פראוואקאציע. עס איז אבסאלוט נויטיג איבער־צילאזען א געוויסען רוים פאר דעם נארמאלען סעקסועלען פלירט; אבער דער דאזיגער רוים זאל ניט אריבער די גרעניצען פון אנשטענדיגקייט, כל זמן עס איז ניט פאראן א געגענזייטיגע צושטימונג צווישען ביידע צדדים. (זעה קאפיטעל 4, פלירט.)

דא שטעלט זיך נאטירליך די פראגע, ווי ווייט, הגם מיט א געגענזייטיגער איינפערשטענדניש, דארף ערלויבט זיין צו געהען, אפילו אין פאל קיין דריטער צד זאל דערביי ניט ליידען. בכלל גענומען זענען אונזערע זיטען אין דעם דאזיגען פרט ניש'קשה פריי. א גרעסערע

פריהייט פאר דעם עפענטליכען פלירט וואלט געווען ניט גוט. צום ביישפיל מען קאן דאך ניט ערלויבען אונאנשטענדיגע ענטבלויזונגען, דעם געשלעכטס־פערקער, א. ד.ג.ל. אויף דער אפענער גאס אדער אין עפענטליכע פלעצער. בפרט קינדער מוזען בעשיצט ווערען קעגען אזוינע סעקסועלע רייצונגען, און דעריבער איז עס אין אלגעמיין נויטיג צו בעשטימען א געוויסע געזעצליך ערלויבטע מאס פאר דער עפענטליכער אנשטענדיגקייט. דערצו זענען גענוג די געוועגליכע פאליציי רעגולאציעס: נייו, זיי זענען אפילו נויטיג בכדי קודם כל צו בעשיצען די פרויען און די קינדער קעגען עפענטליכע און קעגען געהיימע סעקסועלע בעלעסטיגונגען, סעקסועלע פראוואקאציעס, אדער אפילו קעגען אנגריפען און אנדערע געפארען. דאס דאזיגע קאן אננעהמען פערשידענערליי פארמען, צ. ב. דאס פערפירען צום אנאניזם, נבול־פה, שמוציגע זשעסטען, א. אז. וו.

איך וויל פריהער דעם לעזער צוריקשיקען צו דעם וואס מיר האבען געזאגט מכח דער פארנאגראפיע אין די קאפיטלען 5 און 12 : זעהט אויך דאס קאפיטעל 18. — אויך דא איז שווער צו ציהען די גרעניץ פון דעם שטראף־געזעץ. אונזערע מאדערנע מנהגים האבען די פארנאגראפיע געלאזען זעהר ווייט געהען. אבער די געפערליכסטע פארם פון דער פארנאגראפיע איז ניט יענע וועלכע ווייזט זיך אויף א שמוציגען און ברוטאלען אופן אין די שויפענסטער פון פערשידענע קראמען און ביידלעך ; נייו, די געפערליכע איז די פיינע, עסטעטישע פארנאגראפיע, יענע וועלכע ווייזט זיך אין דער פארם פון פרעכטיגע בילדער, עראטישע ראמאנען און דראמעס. דאס איז יענע וועלכע לעגט איהר נעץ אונטער דעם מאנטעל פון קונסט, יא, אפילו אונטער דעם מאנטעל פון מאראלישע טענדענצען.

ליידער איז דא דער עולם א זעהר שלעכטער מבין. געוויסע ביכער האבען מיט א געוואגטער אפענקייט געשילדערט די סעקסועלע אויסגעלאסענקייטען פון אונזער צייט — איך רוף אן צ. ב. די ראמאנען פון זאלא און די דראמעס פון בריעו—און דערפאר האט מען זיי געשטעמפעלט אלס פארנאגראפיש. אין דער אמת'ען פערדינען ניט די דאזיגע מחברים אזא פארוואורף. דאס זעהט מען דערפון, וואס זייערע ווערק מאכען בשום אופן קיינעם ניט אונמאראליש ; אדרבה, זיי וועקען אויף

אז עקעל און א נארמאלע און נאטירליכע שרעק פאר דער פערדארבענ־קייט און געזונקענקייט פון אונזערע סעקסועלע מדות. פונקט אזא שלעכטער מבין איז געווען א פרומער און צניעות׳דיגער פאליציי קאַ־פיטאן פון צוריך, וועלכער האט בעפוילען ארויסצונעהמען פון א שויפענסטער בעקלינ׳ס א בילד ווייל עס איז „אונמאראליש און פארנאָ־גראפיש“. אמת, אזוינע ווערק קאנען האבען אן עראטישע ווירקונג אויף נארישע און אונוויסענדע מענשען. האט מען דען ניט געזעהען ווי אין זייער מאראלישער ענטריסטונג האבען טריאלער פויערים צו־בראכען מארמארענע פרויען־שטאטוען וועלכע מען האט אויפגעשטעלט אין די גאסען. אבער מיר דארפען זיך פון דעם ניט אראבנעהמען קיין מוסר השכל; דער עראטיזם וועט ניט פערטריבען ווערען פון דער וועלט דורך צניעות. ; ער וועט אפילו ניט ווערען אבגעשוואכט דורך איהר; זי וועט איהם בלויז פערפירען צו צבוע׳אצטווע. מיר האבען בעסערע זאכען צו טון איידער צו פערפאלגען און בעשמוצען די אמת׳ע קונסט און די געניאלע און גרויסע מענער וועלכע דעקען אויף אונזערע סאציאלע פערווערזיטעט.

מיט דער פארנאגראפיע איז אבער א גאנץ אנדערע מעשה. דא ווערט ניט געשילדערט די סעקסועלע אויסגעלאסענקייט בכדי אויפ־צודעקען איהר מאוס׳קייט און איהר עקעל, אדער צו ווייזען איהר טראגישען סוף; ניין, אדרבה, מען פערהערליכט זי, מען זינגט שבחים צו איהר און מען מאכט זי יונגער און שעהנער. עס מאכט ניט אויס צי זי ווערט פארגעשטעלט אין א גלאנצענדיגער, חוצפה׳דיגער און ברוטאלער נאקעטקייט, אדער זי איז איינגעהילט אין א שלייער פון אונטער וועלכען עס זעהט זיך אלעם ארויס וואס מען וויל כלומרשט פערבארגען; צי זי ענטפלעקט זיך אין א באקכאנטישען רויש, אין א יום־טוב׳דיגען גלאנץ פון עלעקטרישע לאמפען, אדער אין דער שטיל־קייט און אין דעם טונקעלען ליכט פון א פיינעם סאלאן, איינדייטיג אדער צווויידייטיג, אין דער אדער אין יענער פערווערזיע — אין יעדער פארם אבער איז איהר צוועק צו קיצלען, צו שמייכלען, צו רייצען, צו פערפירען און אויפצואוועקען און אנצוצינדען די ערגסטע און נידער־ריגסטע ליידענשאפטען.

די פּאָרנאָגראַפּישע מאכלים ווערען אָפּטמאָל סערווירט בעטעמ'ט מיט אַ סענטימענטאַלען אָדער מאָראַלישען זאָפּט, וועלכער נאַטירליך מיינט ניט חלילה צו פערטרייבען דעם הויפּט־ריח פון דעם צימעס — מחמת דעמאָלט וואָלט דאָך געווען אַ סוף צום גאַנצען עסק — אדרבה, עס פערשטאַרקט נאָך אָפּטמאָל דאָס פּיקאַנטע צוליב דעם קאָנטראַסט; אַ חוץ דעם אָבער מאַכט דאָס נאָך דאָס מאכל פּאַר אַ גאַנגבאַרע סחורה, מחמת די מאָראַלישע פערפּוצונג גיט איהר אַ מין הכשר פון אָנשטענדיגקייט. בקצור, מען מאַכט אַן אָנשטעל, אַז מען זינגט שבחים צו דער טוגענד בכדי כלומרשט איהר זיג צו מאַכען אַלץ ריינגדיגער און אַלץ גלאָררייכער, דערווייל אָבער פּערצירט מען די אויסגעלאַסענקייט מיט כל'ערליי נידעריגע און מאוס'ע רייצמיטלען און זי שיינט אויף אין אַ גלאַנץ וועלכער צומישט אַלע חושים.

די דאָזיגע קונץ, די פּאָרנאָגראַפּישע שאַפונגען איינצואוויקלען אין אַ טוגענד־מענטעלע קומט אַ חוץ ד'עם אויף צונוץ אָבצונאַרען דעם צאַיוועץ מענש אַ דאַנק זיין איננוועניגסטער אונשולדיגקייט און ניטשעמען־זיך (הגם דער סם ווירקט אַלץ איינס), אין דעם וועניגער נאַיוועץ דערמיט צו געבען אַ תירוץ די שאַפונג צו קויפען און צו געניסען דעם טעם אָהן דערביי זיך ניט צו מוזען שעמען. עס איז ניט דער ערך שווער און עס פּאָדערט זיך זעהר אַ סך טאַקט און שאַרפבליק ארומצוגעהען מיט דעם דאָזיגען ענין אָהן דערביי ניט צו ווערען אונגערעכט און אָהן ניט צו שעדיגען די קונסט און די וויסענשאַפט דורך נאַרישע נעזעליכע פאַרשריפטען און צוטשעפּענישען. אָבער ניט קוקענדיג דערויף מוז דאָ געפונען ווערען אַ מיטעלוועג.

אַ רייה אַזוי־גערופענע מאָראַלישע פערברעכענס, ד. ה. סעקסועלע אָנגריפען ווערען בעגאַנגען אָנטקעגען משוגעים און גייסטיגע אידיאָטען, רעכענענדיג אַז זיי וועלען זיך ניט ווערען און דעם אָנגרייפער ניט ארויסגעבען. צום ביישפּיל, מיר האָבען דערמאָנט האָמאָ־סעקסואַליסמען וועלכע ווערען צוליב די דאָזיגע אורזאַכען וועכטערס אין משוגעים־הייזער. אַלע אַזוינע פערברעכענס דאַרף מען פּשוט צושטעלען צו די אָנגריפען אויף מינדעריאָהריגע. אָבער ביים ארויסגעבען אַ פּסק־דין מוז, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט. גענומען ווערען אין בעטראַכט,

ערשטענס, די קוואליטעט און די געפערליכקייט פון דעם פערברעכען און, צווייטענס, די פערזענליכקייט פון דעם אנגרייפער, ד. ה. זיין פעהיגקייט איינצוזעהען דעם פעהלער, צו ווערען בעסער און זיך צו קאנטראלירען.

דאס קינסטליכע מפל'ען. — איינע פון די שווערסטע פראגען איז, צו בעשטימען ווי ווייט זאל א פרוי האבען א רעכט אויף איהר פרוכט, אויף איהר עמבריא אין איהר געבערמוטער, און וואסערע זענען די רעכטען און די פליכטען פון דער געזעלשאפט אין דעם דאזיגען פרט. אז די געזעלשאפט האט א פליכט צו בעשיצען דאס שוין גע־בוירענע קינד, איז בלי ספק. אין דעם דאזיגען פרט קאנען די געזעצען ניט זיין צופיל שטרענג קעגען דעם מיסברויך פון קינדער מצד זייערע עלטערן און קעגען די אזוי-גערופענע „מלאכים־מאכערקעס“, וועמעס עבודה עס איז יונגינקע קינדהער ווי אמגיכסטען צו פערהונגערען צום טויט און פון זיי גיך פטור צו ווערען. דאס זעלביגע גילט בנוגע צו די ענלכע מיסברויכען מכח וועלכע מיר האבען גערעדט ביים ציוויל־געזעץ. נאך אלעם זענען די דאזיגע מיסברויכען אפטמאל דער פועל יוצא פון איין זייט פון אונזערע סאציאל־עקאנאמישע צושטאנדען און, פון דער אנדערער זייט, פון דעם פאקט וואס קינדער און ניט פערהיי־ראטע מוטערס, מיידלעך וואס האבען קינדער, ווערען ניט בעשיצט און פון דעם וואס זיי ווערען שענדליך געבראנדמארק פון אונזערע היפאקריטישע מדות און מנהגים.

שווערער אבער איז די פראגע אין שייכות צום עמבריא בעת עס געפינט זיך נאך אין דער מוטער'ס לייב. זאל און דארף דאס געזעץ בעשטראפען דאס קינסטליכע מפל'ען, אדער ניט? אויף דער דאזיגער פראגע גיט מען פערשידענע ענטפערס. איך האב שוין געזאגט, אז דאס קינסטליכע מפל'ען זאל מען ערלויבען אין אלע פאלען פון אן ארויפגעצוואונגענער שוואנגערשאפט דורך א פערגוואלדיגונג א. דגל. איך גלויב אבער, אז, פערקערט, עס דארף זיין א כלל לויט וועלכען מען זאל ניט ערלויבען דאס קינסטליכע מפל'ען דעמאלט, ווען דער בעפרוכטעטער געשלעכטס-פערקער איז געווען א פרייוויליגער פון ביידע זייטען און ווען דערצו פעהלט א מעדיצינישע אורזאך. דאס

עמבריאָ, אַזוי גיך עס איז געוואָרען בעשאַפען, זאָל האָבען דאָס רעכט צו לעבען; דאָס געבוירען־ווערען איז דאָך ניט מעהר ווי אַן עפּיזאָד אין זיין לעבען: עס קומט נאָרמאַלערווייז ביים סוף פון דעם ניינטען חודש שוואַנגערען. די שוואַנגערשאַפטס־חדשים ווערען גערעכענט צו פיער וואָכען, ד. ה. לבנה־מאָנאַטען, אָבער שוין אין זיבעטען חודש, ביי אַ פריה־געבורט, קאָן אַ קינד געבוירען ווערען און בלייבען לעבען.

פון דער אַנדערער זייט אָבער זאָל דער דאָזיגער כלל האָבען אַ גרויסען צאָל אויסנאַהמען, און די דאָקטוירים זאָלען ניט זיין צו פיל שטרענג, מחמת אין די מייסטע פאַלען וועלען זיי האָבען צו ענטשיידען אויב דער קינסטליכער מפּיל דאַרף יאָ אָדער דאַרף ניט געמאַכט ווערען. טייל שוואַנגערשאַפטען קאָנען אַמאָל זיין אַן אמת אונגליק אי פאַר די עלטערן און אי פאַר די קינדער, אויב די קערפּערליכע אָדער גייסטיגע געזונדקייט פון דער מוטער אָדער פון דעם קינד איז אין אַ געפאַר. ווען אַ שווער משוגע'נער מאַכט שוואַנגער זיין פרוי, זאָל ווערען ערלויבט דאָס קינסטליכע מפּל'ען: דאָס זעלביגע, ווען אַן אידיאָטקע, אַ משוגע'נע אָדער אַן עפּילעפּטישע פרוי ווערט שוואַנגער; אויך ווען אַן אַנגע'שכור'טער מאַכט שוואַנגער זיין פרוי קעגען איהר ווילען.

עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס מפּל'ען זאָל ערלויבט ווערען דאָרט. וואו דאָס שוואַנגערען איז אַן ערענסטע געפאַר פאַר דער מוטער'ס געזונד אָדער ווען אַ שווערע קראַנקהייט פון דער מוטער פער'משפט דאָס נאָך ניט געבוירענע קינד צו ווערען אַ קריפּעל. אָבער אַזוינע סמנים דאַרפען ניט גענומען ווערען צו לייכט, און אויך דאָ דאַרף די פּראַקטיק און אַ געזונדע אורטיילס־קראַפט בעשטימען אַ שכל'דיגע גרעניץ.

אין שייכות צו דער דאָזיגער שווערער פראַגע, מוז איך זיך אָבשטעלען אויף נאָך זעהר אַ שווערען פונקט און דאָס איז, אויב געבוירענע קריפּלען און פערזעהענישען זאָלען אונטער אַלע אומשטאַנדען דערהאַלטען ווערען ביים לעבען, אָדער ניט. עס איז שרעקליך וואָס די געזעצען צווינגען אונז צו דערהאַלטען ביים לעבען בעשעפענישען וועלכע קומען אויף דער וועלט אַלס קרעטינען, אידיאָטען, הידראָצעפאַלען, מיקראָצעפאַלען און ענליכע פערזעהענישען, אָדער קינדער וואָס ווערען געבוירען אָהן אויגען און אָהן אויערען אָדער מיט צוקריפּעלטע

געשלעכטס-ארגאנען. וועט מען ניט אין דער צוקונפט לכל הפחות דער־לאזען דערצו, אז מיט דער צושטימונג פון די עלטערן און נאך א גרינד־ליכער עקספערט-מעדיצינישער אונטערזוכונג זאלען אזוינע אונגליק־ליכע נפשות אומגעבראכט ווערען דורך מילדע נאקראטישע מיטלען, איידער זיי דורך א גנזעצליכער צוואנג צו פערדאמען צו א לעבען פול מיט ביטערקייט און פייניגונג? אויך אין דעם דאזיגען פרט שמאכט אונזער געזעצגעבונג אונטער דער דרוק פון אלטע רעליגיעזע דאגמעס. פון איין זייט ארגאניזירט מען געוואלדיגע ארמעען בכדי צו הרג'ענען טויזענדער פון די סאמע געזונדסטע מענשען, און א סך אנדערע טויזענדער מענשען לאזט מען אונטערגעהען פון הונגער, פראסטיטוציע, שכרות און עקספלואטאציע, בעת פון דער אנדערער זייט פאדערט מען פון דער מעדיצין זי זאל אנווענדען איהר גאנצע קונסט און איהרע אלע אנשטרענגונגען בכדי אויף וויפיל מעגליך צו פערלענגערען דאס טרויריגע לעבען פון קערפערליכע און גייסטיגע קריפלען. מען בויט אויס גרויסע אנשטאלטען פאר אידיאטען און מען צוגעהט פאר נחת ווען נאך לאנגע יאהרען פון א שווערער און געטרייער ארבייט, נאך מיה און מאטעריעל פון דעם פערזאנאל, קאן דאס אידיאטישע בעשעפעניש ארויסזאגען עטליכע ווערטער ווי א פאפוגיי אדער אויסדראפען עטליכע ווערטער אויף א פאפיר, און ווער שמועס'ט שוין, ווען אזוינע קליינע אפען האבען זיך אויסגעלערענט נאכצוזאגען א תפלה און האלטען דערביי די אויגען פערדרעהט צום הימעל! עס איז שווער אוועקצושטעלען די דאזיגע צוויי פאקטען איינעם נעבען אנדערען און דערביי ניט צו פיהלען די ביטערע איראניע פון אונזערע אזוי-גערופענע הומא־ניטארע מדות. באמת, יענע פלעגערס און לעהרערס, וואס זענען מקריב זייער לעבען פאר אזוינע אידיאטען, וואלטען א סך בעסער געטון ווען זיי לאזען זיי שטארבען, און אליין בעשאפען געזונדע און געראטענע קינדער! די דאזיגע פראגע געהערט אייגענטליך ניט מעהר צו אונזער ענין.

דאס רעכט פון דעם עמבריא. — געוועהנליך ווערט געמאכט אן אונטערשיד צווישען דעם קינסטליכען מפל'ען אין די ערשטע מאנאטען פון דער שוואנגערשאפט, און דעם מפל'ען אין די שפעטערדיגע

מאַנאַטען. אויב דאָס קינד איז שוין פעהיג צו לעבען, דעמאָלט הייסט דאָס מעהר ניט קיין קינסטליכער מפּיל, נאָר אַ קינסטליכע פריה־געבורט. אוב דאָס ווערט געטון מיט דעם איינציגען צוועק פּטור צו ווערען פון קינד, דאַרף זיין די שטראָף אַ סך שווערער איידער ביי אַ קינסטליכען מפּיל־זיין. די זאַך ווערט דעמאָלט בעטראַכט אַלס אַ קינדער־מאָרד. צוליב דער דאָזיגער אורזאַך, און מחמת די גאַנצע פראַגע איז אַזוי קאָמפּליצירט און אַזוי שווער, זאָל מען דאָס קינסטליכע אַבטרייבען פון דעם עמבריאָ אָדער קינד, אַ חוץ אין אַ פאַל פון אַן ארויפגעצוואונגענער שוואַנגערשאַפט, קיינמאָל ניט איבערלאָזען צו דעם פרייען וואונש פון דער מוטער. די זאַך זאָל מעהר אַבהענגען פון אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג און ערלויבניש. שוין דערפאַר אַליין דאַרף דאָס זיין אַזוי, מחמת אונזער היינטיגע בעקענטשאַפט מיט די מיטלען קעגען שוואַנגערשאַפט מאַכט פאַר אונז לייכט צו פערהיטען דאָס שוואַנגער־ווערען. די געזעלשאַפט האָט דעריבער דאָס רעכט צו פאָדערען פון דער מוטער, וועלכע שוואַנגערט שוין, ניט צו אונטערברעכן די שוואַנגערשאַפט. אויב, ווי מיר האָפען, מיר וועלען קריגען גרעסערע רעכטען פאַר פרויען, אַזוי גוט ווי אַ גרעסערע סעקסועלע פרייהייט בכלל, און אויך אין דער הייראַט, וועט דעמאָלט דאָס קינסטליכע מפּל'ען אַלץ ווייניגער און ווייניגער קאָנען גערעכטפערטיגט ווערען פון אַנדערע אורזאַכען אַ חוץ ריין מעדיצינישע אָדער סאָציאַל־היגיענישע. דער אונגערעכטער פלעק, וועלכער פאַלט היינט־צוטאָג אויף דער אונגעזעצליך פערהייראַטער מוטערשאַפט, דערקלערט און רעכטפערטיגט ביז אַ געוויסען שטאַפּעל אַ סך פאַלען פון דעם קינסטליכען מפּל'ען און אפילו פון קינדער־מאָרד. עס מוז אַבער ווערען אַנדערש: אין דער צוקונפט זאָל ק י י ן שוואַנגערשאַפט ניט זיין קיין בושה פאַר דער פרוי, אָדער געבען וואָסערע ניט איז אורזאַך זיך צו בעהאַלטען מיט איהר.

אויב מען וועט צו מיר טענה'ען, אַז איך בין ניט קאָנסעקווענט: אַז יעדען מענש, און דעריבער אויך דער פרוי, מוז אין אַלע פאַלען אַבגעהיט ווערען דאָס רעכט איבער זיין אייגענעם קערפּער. און, אַז דאָס שטראָף־געזעץ דאַרף זיך דערמיט גאָרניט פערנעהמען, וועל איך

ענטפערען, אז אין דעם דאזיגען פאל איז די זאך אן אנדערע. דא האנדעלט זיך ניט מעהר וועגען איין ליבּ, נאר וועגען צוויי אדער מעהר (צווילינגען א. אז. וו.). פון דער רגע אן ווען די שוואנגערשאפט האט זיך אנגעהויבען בעקומט דאס עמבריאָ, ניט קוקענדיג וואס זיין לעבען איז נאך אזוי אינטים פערבונדען מיט דעם לעבען פון זיין מוטער, סאָציאלע רעכטען וועלכע פערדינען שוין דערפאר אליין מעהר בעשיצונג, מחמת עס איז נאך ניט קאפּאבעל דאס צו טון אליין.

אונטרייקייט. — ווערליג מיר האבען געזעהען, דארף די אונ־טרייקייט צווישען א פארפאלק, וועלכע אגב ווערט נאך היינט אפילו אפטמאל דירעקט בעשטראפט, פשוט זיין אן אורזאך פאר א גט. די דאזיגע פראגע האבען מיר שוין ארומגערעדט און מיר האבען געזעהען, ווי עס איז אומזיסט די מיה צו וועלען בעשאפען טרייקייט מיט גע־וואלט. אלעס וואס איך האב געהאט צו זאגען מכח דעם דאזיגען ענין, האב איך שוין געזאגט אין שייכות צום ציוויל־געזעץ. די גאנצע פראגע זאל לויט מיין מיינונג גארניט נוגע זיין די שטראף־געזעצען; אויב מיט דער אונטרייקייט זענען פערבונדען שווינדעל אדער אנדערע פערברעכענס, געהערען זיי ניט אהער, און זיי מוזען בעהאנדעלט ווערען אלס אזוינע.

צוכטוואהל. — די אינדירעקטע געפאר פאר קינדער צוליב א שלעכטער ירושה, איז א בייזע סאָציאלע קללה. אבער דערווייל קאן מען דא גארניט העלפען מיט דעם שטראף־געזעץ. מיר האבען שוין געזעהען וואס אין דעם דאזיגען פרט קאן טיילווייז געטון ווערען מיט דער הילף פון ציוויל־געזעצען, און וואס דא און דארט ווערט פאקטיש געטון. אין אן אנדער קאפּיטעל וועלען מיר געוואר ווערען מכח אנדע־רע מיטלען מיט וועלכע מען קאן אמבעסטען איינפירען א סדר אין דעם דאזיגען געביט.

אויבען האבען מיר שוין בעהאנדעלט די פראגע פון קאסטראציע און אויך אנגעוויזען געוויסע פאלען ביי וועלכע מען קאן זיי אנווענדען. אבער צוליב אלערליי אורזאכען מוז די צאל פון די דאזיגע פאלען זיין זעהר בעשרענקט, און לויט מיין מיינונג מוז די בעשאפונג פון קינדער

ווערען רעגולירט אויף אַ פּרייוויליגען און ראַציאָנאַלען אופן אויף דעם יסוד פון אַ סאָציאַלער עטיק: דאָס וועט אונז ברענגען אַ סך ווייטער, איידער די געזעצליכע פאַרשריפטען, וועלכע האָבען אַלעמאָל עפּעס אַ מום און וועלכע בעשרענקען די פרייהייט. לאָמיר קיינמאָל ניט פערגעסען, אַז תמיד זענען געזעצען אין בעסטען פאַל אַ נויטיגער איבעל, און אָפּטמאָל מאַקע אַן אוננויטיגער.

צום סוף וויל איך בעמערקען, אַז ביידע, סיי דאָס שטראָף־געזעץ און סיי דאָס ציוויל־געזעץ, זאָלען פערבונדען ווערען מיט אַ ד מ י ־ ניסטראַטיווע מאָסרעגלען, בכדי אין דעם סעקסועלען געביט צו בעשיצען אי דעם יחיד און אי די געזעלשאַפט, און אין דער־ זעלביגער צייט אכטונג צו געבען אויף די אינטערעסען פון די שפּע־ טערדיגע דורות. אויף דעם אופן אָבער זאָל דאָס געטון ווערען אויף אזוי־ פיל, אויף וויפיל די קראַנקע אָדער עראָטישע אויסוואוקסען פון די מענשליכע שוואַכקייטען שטערען צו דער־גרייכען פרייוויליג דעמזעל־ ביגען אָדער אַ בעסערען רעזולטאַט דורך אַ מאָראַלישער און גייסטיגער אויפקלערונג און ערציהונג.

אָנהאַנג צו קאַפּיטעל XIII.

אַ געריכטס-פאַל.

דער פאָלגענדער פאַל איז געשעהען אין 1904 אין קאַנטאָן סט. גאַללען, שווייץ, און ער בעשטעטיגט מיינע מיינונגען.

פרידאַ קעללער, געבוירען אין 1879, אין בישאָפסצעל, קאַנטאָן טהורגאו, שטאַמט פון אָרענטליכע עלטערן. איהר מוטער איז געווען אַ גוטע און געפיהלפולע, איהר פאָטער ערליך, אָבער זעהר שטרענג און טיילמאָל צאָרנדיג. פרידאַ איז געווען די פינפטע פון 11 שוועס־ טער און ברידער. זי איז געווען אַ זעהר גוטע שילערין. אָבער ווען זי איז נאָך געווען זעהר יונג, 4 יאָהרען אַלט, איז זי קראַנק געוואָרען אויף אַ געהירנהויט־ענטצינדונג, און זינט דעמאָלט ליידט זי אָפט פון קאָפּוועהטאָג. אין 1896־97 האָט זי זיך געלערענט שניידעריי, האָט געהאַט ערפאָלג, און אין דער היים האָט זי געהאָלפען אין דער בעל־הבית'שקייט. אין דער פרייער צייט האָט זי געשטיקט בכדי

ארויסצוהעלפען דער פאמיליע. שפעטער האט זי געקראגען א שטעלע אלס שניידער-מיידעל אין א קליידער-געשעפט אין סט. גאללען און האט פערדינט 60 פראנקען א חודש. כדי מעהר צו פערדינען האט זי זונטאג געארביים אלס א געהילפס-קעלנערקע אין קאפע דע לא פאסט. דער ווירט, א פערהייראטעטער מאן, האט זי בסדר פערפאלגט מיט זיינע ליבעס-שטיק און איהר איז זעהר שווער אנגעקומען זיך אויסצוהיטען פון זיין צודרינגליכקייט.

זי האט שפעטער געקראגען אן אנדערע שטעלע וואו זי האט פערדינט 80 פראנקען א חודש. איין טאג, אין 1898, ווען זי איז אלט געווען 19 יאהרען, האט זי דער דערמאנטער ווירט, וועלכער האט זי בסדר געהאלטען אין איין פערפאלגען, מיט עפעס א תרוץ אראב-געשיקט אין קעלער, איז איהר נאכגעגאנגען און דורך שרעק און איבעראשונג האט ער זי געצוואונגען זיך איבערצוגעבען געשלעכטליך; דאס דאזיגע זאל שפעטער האבען געטראפען עטליכע מאל. דעם 27-טען מאי 1899 האט זי געהאט א אינגעל אין דעם שפיטאל פאר קינפעטארינס אין סט. גאללען.

זי האט זיך אין אלעם מודה געווען פאר איהרע עלטערן און פאר די איבעריגע קינדער, און זי איז געווארען זייער קרבן. פאר בושה האט זי אבער די גאנצע פאסירונג געוואלט בעהאלטען פאר דער וועלט. איהר מוטער איז צו איהר געווען גוט און האט מיט איהר געהאט רחמנות. זי אליין איז אויך פערפירט געווארען און געשוואנגערט ווען זי איז אלט געווען 18 יאהרען. אויך איהר פערפירער האט זי שפעטער פערלאזט, און זי האט דאס קינד באלד געטויט ביים געבוירען ווערען. צוליב מילדע אומשטאנדען איז זי פער'משפט געווארען אויף 6 יאהרען געפענגניש; זי האט זיך פריהער, אזוי גוט ווי שפעטער, גוט אויפגעפירט. דאס געריכט האט אנגענומען, אז איהר פערברעכען איז זי בעגאנגען „נים אזויפיל אוים מאראלישער פערדארבענקייט ווי אוים א פאלש געפיהל פון ווירדע". פרידא, וועלכע האט צערטליך ליב גע-האט איהר מוטער, האט גארניט געוואוסט פון דער גאנצער געשיכטע. דער פאטער איז געווען זעהר שטרענג קענען זיין מאכטער, האט איהר אבגעזאגט יעדע הילף און רחמנות און האט זי געוואלט פערייאגען פון

הויז. דאָס האָט זי געמאַכט זעהר אונגליקליך. צוועלף טעג נאָך דער געבורט האָט דאָס מיידעל מיט דער הילף פון איהר מוטער גע־ברענגט דאָס קינד אין דער היים פאַר קינדער אין סט.גאַללען.

דער פערפירער האָט פון אָנהויב צוגעזאָגט צו זיין גוט און פיין, האָט פערזיכערט אַז ער וועט אויפהאַלטען דאָס קינד, ער האָט אָבער פרידאַ'ן מעהר ניט געגעבען ווי צוויי מאָל צו 40 פראַנקען, צוזאַמען 80 פראַנקען, און מיט דעם האָט זיך געענדיגט זיין גוטסקייט. ער האָט שפעטער פערלאָזען די שטאָדט און מעהר האָט מען איהם ניט געזעהען.

ביי דעם פראָצעס זענען די אומשטאַנדען אונטער וועלכע פרידאַ איז שוואַנגער געוואָרען ניט גענוג אונטערזוכט געוואָרען, און איהר פערפירער איז געוועזען פריי און מען האָט איהם גאָרניט געטון. אמת עס האָט זיך דאָ ניט געהאַנדעלט וועגען אַ פערגוואַלדיגונג, נאָר גיכער וועגען אַן אונערוואַרטעט און פּלוצליך איבעראַשען פון אַ דערשראָקען, אונבעהאָלפען און שעמעדיג מיידעל. דער פערטיידיגער האָט גע־טענה'ט אַז דאָ „האָט אבסאָלוט ניט עקזיסטירט קיין ליבעס־פערהעלטנים". דערפון אָבער האָבען די געריכטס־אַקטען קיין וואָרט ניט דערמאָנט. אַלזאָ, די פראַגע איז בלויז געוועזען אָדער פערגעוואַלדיגונג אָדער איבעראַשונג. אָבער פרידאַ קעללער, אויף וויפיל די זאַך לאָזט זיך אָבשאַצען, האָט בלויז געפיהלט אַן עקעל צו איהר פערפירער, ווען זי האָט קענטיג בלויז נאָכגעגעבען אויס שוואַכקייט און מורא. געוויס, דער פערפירער האָט שפעטער געפּרופט די זאַך צו פערדרעהען און צו לייקענען זיין פאָטערשאַפט; די דאָ־זיגע טענה אָבער קאָן מען ניט גלויבען, מחמת ער האָט פאַקטיש בעוויזען זיין שולד, ערשטענס, דורך זיינע צאָלונגען און, צווייטענס, דורך זיין פערשווינדען.

פאַר דעם קינד אין אַנשטאַלט האָט פרידאַ געמוזט צאָלען 5 פראַנקען אַ וואָך, און איהר שוועסטער אין סט. גאַללען 34 פראַנקען אַ חודש פאַר איהר קאָסט און קוואַטיר. אין 1901 איז געשטאָרבען איהר פאָטער, און אין 1903 איהר מוטער. איהר לעצטע טרייסט, ווייל איהר איינציגע פריינדין איז אַוועקגעפאָרען. פון איהר פאָטער

איז איהר געבליבען א חלק ירושה פון 2471 פראנקען, אבער דאס דאזיגע געלד איז אריין אין איהר עלטערען ברודער'ס שוך־געשעפט און ער האט איהר קיינמאל נים געשיקט קיין פראצענט דערפון. איהר איז אבער אפילו ניט געקומען אויפ'ן געדאנק דאס צו פאדערען.

איצט פאנגט זיך אן פאר דעם ארימען מיידעל א לעבען פון קאמף און פערצווייפלונג. צוויי געדאנקען פערפאלגען זי, אז איהר איז נים מעגליך מעהר אויפצוהאלטען דאס קינד און, אז אויס שאנד מוז זי אלעס האלטען בסוד. זי פיהלט זיך פערלוירען און פערשעמט. זי האט שוין עטליכע מאל ניט בעצאלט פאר דעם קינד אין אנ־שטאלט און מען האט זי שוין געמאנט. אין נאוועמבער 1903 האט מען איהר געלאזט וויסען, אז דאס קינד וועט מעהר ניט קאנען בלייבען אין דער קינדער־היים נאך די אסטער־פייערטעג 1904, ווייל דעמאלט וועט עס דערגרייכען זיי מאקסימום־עלטער (5 יאהרען).

וואס וועט זי איצט טון?

פרידא קעללער איז דעמאלט געווען אין אן אויסערגעווענליכען קענטיג אין א פאטהאלאגישען געמיהטס־צושטאנד, אויף וואס איהר פערטייטיגער, דר. יאנגסען, האט טאקע כסדר אנגעוויזען. זי וויל איהר געהיימנים פערבארגען; אבער טון טוט זי גארניט דערצו. זי זוכט ניט קיין ביליגערע וואוינונג, פערלאנגט ניט קיין העכערען לוין, און פאדערט אפילו ניט איהר געלד פון איהר ברודער, און ער פערנוצט פאר זיך די פראצענטען פון איהר קאפיטאל. וועגען איהר ביטערער לאגע רעדט זי מיט קיינעם ניט, ניט מיט איהר פערהייראטער שוועס־טער און ניט מיט קיין פרעמדען מענש. דער פאטער פון איהר קינד איז פערשוואונדען, און זי האט איהם, א פערהייראטען מאן, קיינמאל ניט אנגעקלאגט, ווייל זי האט געוואלט אבהיטען איהר סוד. א ח ו ץ דעם אבער קאן וועדליג דעם גילטיגען געזעץ ניט אויפגעהויבען ווערען קיין קלא־גע פון פאטערשאפט קעגען א פערהייראטען מאן (!). ניט זי טראכט און ניט זי פרופט עפעס א פראקטישע זאך כדי צו פערזארגען דאס קינד. אין געריכט האט זי געזאגט, אז אזא געדאנק איז איהר קיינמאל ניט איינגעפאלען, אדער אפילו צו פאדערען א העכערונג פון איהר לוין. נאך די פייערטעג,

1904, ד. ה. פון דער מינוט אָן ווען דאָס קינד האָט געמוזט פערלאָזען די היים, ווערט זי פערפאָלגט בלויז פון איין איינציגען געדאַנק, א געדאַנק, וועלכער האָט זיך ביסלעכווייז אריינגעגראָבען אין איהר פון מורא און בושה צומישטען מח, א געדאַנק, אין וועלכען זי האָט געזעהען איהר איינציגע הילף — צו פטר'ען דאָס קינד. א לאַנגע צייט האָט זי זיך געראַנגעלט מיט דער דאָזיגער צוואַנגס־אידעע, אָבער אומזיסט; זי ווערט אַלעמאָל מעכטיגער און מעכטיגער ביז זי איז געוואָרען אַן ענטשלוס.

הגם זי האָט אַלעמאָל ליב געהאַט איהר שוועסטער'ס קינדער, האָט זי אָבער פיינד געהאַט איהר אייגען קינד. די אַנגעשטעלטע אין דער קינדער היים האָט דערויף עדות געזאָגט. זי האָט דאָס קינד בעזוכט זעהר זעלטען; אמת, פאַר דעם קינד האָט זי בעצאָלט מיט שווערע מיה פון איהרע מאָגערע פערדינסטען, אָבער בכלל האָט זי זיך בענומען פונקט ווי זי זאָל דאָס קינד ניט קענען. ווען זי איז געקומען אין אַנשטאַלט פלעגט איהר דאָס קינד פרעהליך אַנטקעגען לויפען. אָבער זי איז געבליבען קאַלט; זי האָט איהם קיינמאָל ניט מיטגעברענגט צוקערלעך אָדער שפּילכעלעך. האָט עס קיינמאָל ניט געקושט און האָט עס זעלטען ווען גענומען אויף די הענד. מען האָט זי פערבעטען צום ווייהנאַכטס־בוים; זי איז אָבער גיט געקומען. די דאָזיגע פרוי, וועלכע איז געווען אין אַלע איבעריגע בעציהונגען א מילדע און א גוטע, וועלכע האָט א פליג נים ווען געטון, וועמעס אויפפירונג איז געווען לויבענסווערט, האָט אויף איהר אייגען קינד בלויז א בליק געטון און קיינמאָל דערמיט קיין וואָרט ניט גערעדט. דעם 9־טען אפּריל האָט זי געשריבען צום אַנשטאַלט זי וועט באַלד קומען צונעהמען דאָס קינד.

מיט עטליכע טעג פאַר דעם, אין א נאָכמיטאָג, איז זי אוועק אויף א לאַנגען שפּאַציר; דעם צווייטען טאָג האָט זי א פערוויינטע לאַנג ארומגעבלאָנדזעט ביי זיך אין שטוב זוכענדיג א שטריק. דער אינוועניגסטער קאַמף, אַהן א ברעקעל טרויסט, אַהן א פריינד פאַר וועמען אויסצוגיסען איהר ביטער הארץ, האָט אין איהר פערשטאַרקט דעם שרעקליכען ענטשלוס. „פון די דאָזיגע פאַנטאַזיעס האָב איך מיך נאָר געקאָנט בעפרייען מיט דעם טויט פון דעם קינד", האָט זי געזאָגט אין

געריכט.

זי איז דערנאך אוועק צום אנשטאלט, פריהער איינקויפענדיג נייע קליידער פאר'ן קינד, און האט דארט געזאגט, אז איהר'ס א טאנטע פון מינכען, וועט נעהמען דאס קינד צו זיך און, אז זי ווארט דערויף אין צוריק. זי האט דאס קינד גענומען ביים הענטעל, נים לאזענדיג עס אפילו רעכט געזעגענען זיך, און איז דערמיט אוועק אין האנגער־באך וואלד. צוקומענדיג צו אן איינזאמען פלאץ האט זי זיך אוועק־געזעצט און איז אזוי געבליבען זיצען א לאנגע צייט, בעת דאס קינד האט זיך געשפילט מיט צווייגען און בלעטער. לאנג האט זי געטראכט, — האט זי געזאגט — און זי האט געגלויבט, אז זי וועט קיינמאל ניט האבען דעם מוט צו טון אזא זאך. זי האט מיט זיך געקעמפט, אבער מיט אמאל האט זי א געהיימע קראפט געטריבען דערצו. א האלבע שעה פאר דעם פערברעכען האט זי מיט איהרע הענד און שיך אויס־געגראבען א קבר, און האט דערנאך דאס קינד דערווארגען מיט דעם שטריק. דער קנופ איז געווען פערצויגען מיט אזא קראפט, אז עס איז געווען שווער איהם לויז צו מאכען אויף דעם טויטען קערפער. זי האט עטליכע מינוטען געקניט פאר דעם קינד, געווארט ביז עס האט אויסגע־הויכט דעם לעצטען פונק לעבען, דערנאך האט זי עס בעגראבען, איז אהיים געגאנגען מיט אן אנדערען וועג מיט אלע כחות שטיקענדיג אין זיך די טרערען.

דעם 1־טען יוני האט זי געשריבען צום אנשטאלט, אז דאס קינד איז גליקליך אנגעקומען קיין מינכען. דעם 7־טען יוני האט א שטאר־קער רעגען ארויסגעוואשען דעם טויטען קערפער און איז ענדעקט גע־ווארען פון איטאליענער. דעם 11־טען יוני האט זי דעם אנשטאלט אבגעשיקט דעם חוב וואס פון איהר איז נאך געקומען פאר דעם קינד. דעם 14־טען יוני האט מען זי ארעסטירט. בעת דעם גאנצען פראצעס האט זי גע'טענה'עט, טיילמאל רוהיג, טיילמאל מיט א געוויין, אז איהר טאט איז זי בעגאנגען, ערשטענס, ווייל זי איז ניט געווען אימשטאנד אליין אויפצוהאלטען דאס קינד און, צווייטענס, צוליב דער נויטיגקייט צו בעהאלטען דעם שרעקליכען סוד. דער דאזיגער סוד איז געווען איהר בושה, די בושה פון יענער געצוואונגענער מוטערשאפט און פון דער

ניט געזעצליכער געבורט.

דאָס גאנצע ערות־זאָגען איז געווען לטובה איהר: אַז זי איז געווען אַ מילדע, אַ צאַרטע און אַ גוטע, אַז זי איז געווען אינטעליגענט, אַר־בייטזאַם, שפּאָרזאַם און האָט זיך לויבענסווערט אויפגעפירט און, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, אַז זי האָט ליב געהאַט איהר שוועסטער'ס קינדער. זי לייקענט אַבסאָלוט ניט אָב, אַז זי האָט פּאָרויס געפּלאַנט דאָס פערברעכען, און פּרופט אין קיין פאַל ניט צו פערקלענערען איהר שולד.

לויט דעם געזעץ פון סט. גאַללען (אַרטיקעל 133) קריגט מען אין אַזאַ פאַל טויט־שטראָף, און טויט־שטראָף איז טאַקע געווען דער פּסק־דין. ווען פרידאַ קעללער האָט דערהערט דעם אורטייל האָט זי אַרויס־געלאָזען אַ געשריי און איז געפאַלען צו דער ערד אין חלשות.

דאָס העכסטע געריכט פון דעם קאַנטאָן סט. גאַללען האָט אָבער מיט אַלע שטימען קעגען איינער פערביטען די טויט־שטראָף אויף לעבענסלענגליכע געפענגעניש.

דאָס זענען די נאַקעטע פאַקטען, וועלכע מיר האָבען אַרויסגענומען פון דעם אָריגינאַל־פּראָטאָקאָל פון דעם אורטייל, פון אָפיציעלע רע־פּאָרטען, פון דעם „טאַגבלאַט" פון דער שטאָדט סט. גאַללען און אויך פון אַ אויסצוג פון דעם זשענעווער "סיגנאַל", אַרויסגעגעבען פון אַ. דע מאַרסיער. מיר מוזען אויסרופען מיט הער דע מאַרסיער, אַז אַ געזעצגעבונג וועלכע קאָן אין אַזאַ פאַל פער'משפּט'ען צום טויט איין צד, בעת דעם אמת'ען פערורזאַכער פון דעם פערברעכען לאָזט זי אַרומ־געהען פריי און אונבעשטראָפט, אַז אַזאַ געזעצגעבונג איז גראָד ווי בעשאַפען דערצו צו פערטרייבען יעדען פונק גלויבען אין גערעכטיג־קייט אין אַ לאַנד וואָס רופט זיך קריסטליכע דעמאָקראַטיע. עס איז אַ פּשוט'ע באַרבאַרישע יוסטיץ, אַ שאַנד פאַר דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט! מיר ווען נאָך צולעגען דאָס פאָלגענדע:

"Fiat justitia, pereat mundus."

ריכטער און געשוואָרענע האָבען געוויסענהאַפט אַנגעווענדט אַ געזעץ־פּאַראַגראַף. דערמיט — געענדיגט — פּונקטום. און דאָס רופט מען גערעכטיגקייט!

פרידא קעללער איז אהן ספק געווען אין אן אבנארמאלען גייס־טיגען צושטאנד: זי האט זיך ווארשיינליך געפונען אונטער דעם דרוק פון אן אוטאסוגעסציע, וועלכער האט זי בעהערשט ווי א צוואנגס־אידעע. אזוינע פאלען זענען ניט אזא זעלטענקייט. דאס בעווייזט קלאר די נארישקייט פון איהרע האנדלונגען. וואלטען אונזערע ריכטער און אונזערע געשוואוירענע פערמאגט אביסעל מעהר וויסען מכח דער עלעמענטארער מענשליכער פסיכאלאגיע און אביסעל וועניגער געזעץ־פאראגראפען אין זייערע קעפ, דעמאלט וואלט זיך ביי זיי וועניגסטענס אויפגעוועקט א ספק מכח דער גייסטיגער קלארקייט פון דער אנגע־קלאגטער און זיי וואלטען פערלאנגט א פסיכיאטרישע אונטערזוכונג. אבער אבגערעדט דערפון, פרעג איך, קאנען מיר ערליכערהייט פאדערען פון א פרוי מוטערליכע געפיהלען צו א קינד וועלכעס איז די פרוכט פון איבעראשונג וועלכע גרעניצט זיך נאהענט צו א פערגוואלדיגונג? אין דעם דאזיגען קאפיטעל האב איך געפאדערט דאס רעכט קינסטליך צו מפל'ען לכל הפחות ביי פערגוואלדיגונגען, און איך גלויב, אז דער פאל פון פרידא קעללער בעווייזט די גערעכטיגקייט פון מיין פאדערונג. דערמיט אבער מיין איך אבסאלוט ניט צו רעכטפערטיגען דעם מארד פון א שוין געבוירען קינד, בפרט פון א 5 יאהריג קינד. אבער דאס פעהלען פון דער מוטערליבע אין אזוינע פאלען איז גראד נאטירליך און בעגרייפליך. אז דא האנדעלט זיך מכח א גערויבטע סעקסועלע בע־פרידיגונג מצד פון דעם פאטער און מכח אן ארויפגעצוואונגענע מוטערשאפט זעהט זיך גראד אמקלארסטען ארויס אט דוקא פון דער קאלטקייט פון פרידא קעללער צו איהר קינד, א קאלטקייט וועלכע קאן אויף אן אנדערען אופן ניט דערקלערט ווערען.

אין זיין גאנצען טראגיזם איז דער דאזיגער פאל א גרויזאמע אילוסטראציע פון דער ברוטאליטעט און היפאקריטסווע פון אונזערע מנהגים בנוגע צו דער געשלעכטס־פראגע, און ער ווייזט צו וואסערער הויך דער פערבלענדענדיגער שרעק, די מורא'דיגע בושה, פייניגונג און פערצווייפלונג קאן דערגרייכען, און וועלכע זענען טאקע די פרות פון די דאזיגע מנהגים. האבענדיג פאר די אויגען אזוינע פאקטען, גלויב איך ניט, אז מען קאן מיך בעשולדיגען אין איבערטרייבונג. נאך דאס לעדערנע און טרוקענע הארץ פון געוויסע יוריסטען און ביורא־

קראטען קאן אין אזוינע פאלען האלטען דאס בלוט קאלט און רוהיג.

לעבענסלענגליכע קנעכטשאפט פאר דעם ארימען קרבן פון אזא גרויזאמען מזל איז א מין „בעגנאדיגונג“ וועלכע איז באמת גיכער ענליך צו דער ביטערסטער איראניע. די סט. גאללישע יוסטיץ האט בלויז איין וועג ווי אזוי די זאך צוריק גוט צו מאכען; אזוי גיך ווי מעגליך צו ענדערען איהרע געזעצען און צו בעפרייען איהר קרבן.

ביים געוועהנליכען קינדער־מארד איז דער אמת'ער מערדער מייגס־טענס ניט די מוטער וועלכע הרג'עט דאס קינד, נאר גיכער דער פאטער וועלכער פערלאזט די שוואנגערדיגע פרוי אדער פערלייקענט דאס קינד. אין דעם פאל דא פאר אונז פערייניגען זיך די ירושה פון דער מוטער'ס צד, די פאלגען פון א געהירנהויט־ענטצינדונג, אונבעהאלפענקייט, ארימקייט, בושה, א פאטהאלאגישע צוואנגס־אידעע און די ניט איבער־ריג לויבענסווערטע אויפפירונג פון איהר פאטער און מאכען פון פרידא קעללער גיכער א קרבן איידער א פערברעכערין. עס איז בעשיינ־פערליך, אז דאס קינד איז פאר איהר געווען ניט בלויז א קוואל פון שווערע מאטריעלע זארגען. נאר זי האט אויך געפיהלט א ווידערווילען צום קינד. אלעס זאגט עדות דערפאר. אבער ווי קאן א פרוי, וועלכע איז אלעמאל געווען א גוטע, בראווע און פלייסיגע, וועלכע האט דוקא ליב געהאט קינדער, קומען צו אזא צושטאנד מורא צו האבען און אב־צושטויסען איהר אייגען אונשולדיג קינד? וואלטען זיך די ריכטער געשטעלט די דאזיגע פראגע און אויף איהר געענטפערט, וואלטען זיי ניט געהאט דעם מוט די דאזיגע פרוי צו פערורטיילען, און אודאי און אודאי ניט פערורטיילען צום טויט, מחמת זייער געוויסען וואלט זיי קלאר אנגעוויזען די אמת'ע שולדיגע: די מענליכע ברוטאליטעט, די היפאקריטישע סעקסועלע מנהגים און די אונגערעכטע געזעצען.

דעמאלט ווען י ע ד ע שוואנגערשאפט און געבורט וועט ווערען רעספעקטירט פון דער געזעלשאפט, און דעמאלט ווען דאס געזעץ וועט י ע ד ע מוטער בעשיצען און איהר העלפען אין דער ערציהונג פון איהרע קינדער, דעמאלט ערשט וועט די געזעלשאפט האבען דאס רעכט שטרענגער צו משפט'ען קינדער־מערדער.

אקטאבער 1908. — מכח דעם ביז איצטיגען לעבען פון פרידא

אקטאבער 1908. — מכח דעם ביז איצטיגען לעבען פון פרידא קעללער אין געפענגעניש האב איך ערהאלטען די פאלגענדע צופער־לעסיגע ידיעה:

די ערשטע 6 חדשים האט מען זי געהאלטען אבגעזונדערט פון אלע איבעריגע געפאנגענע. אבער זינט דעמאלט ארבייט זי אין דער געפענגעניש־וועשעריי און פירט זיך אויף זעהר גוט. אין די בעסערע קרייזען פון סט. גאללען הויבט זיך אן אויפצואוועקען א סימ־פאטיע פאר איהר. אזוי ווי אין סט. גאללען האט שוין איינמאל גע־טראפען, אז מען האט א מאן, וועמעס טויט־שטראף איז אויך שפעטער פערביטען געווארען אויף לעבענסלענגליכען געפענגעניש, נאך עטליכע יאהרען זיצען אינגאנצען בעפרייט אויף א געזוך, דעריבער איז דא א האפענונג, אז דאס זעלביגע וועט אפשר אויך געשעהען מיט דער אונגליקליכער פרידא קעללער.

אין דער לעצטער צייט, 1908, האט געטראפען דער פאל־גענדער ענליכער פאל:

„אין דעם שוואורגעריכט אין פרייבערג האט דער פראצעס פון דער 19 יאהריגער קאניעצקא, פון שלעזען, אויפגעדעקט א טרויריג בילד. די אנגעקלאגטע ווערט בעשולדיגט, אז דעם 9־טען פון לעצטען מאנאט זאל זי האבען אבזיכטליך געטויט איהר אונגעזעצליך געבוירען קינד אין לאשקאוויץ. זי האט דעם קינד'ס מויל און נאז צוגעדריקט מיט א צונויפגעקנוילט טאשענטיכעל און דאס קינד אויף דעם אופן דערשטיקט. די אנגעקלאגטע האט זיך מודה געווען אין יעדער זאך. ווערליג עס האט זיך ארויסגעשטעלט ביי די פערהאנדלונגען, איז די קאניעצקא, א יתומה, געקומען פון א שלעזישער היים נאך נידער־רוישיץ, וואו זי האט געפונען א שטעלע אויף א גוט. דא, ווי עס ווערט בעוויזען, איז זי ברוטאל פערגוואלדיגט געווארען פון אן ארבייטער, וועלכער אגב ווערט איצט אויך אנגעקלאגט פאר דעם פערברעכען, פון וועמען זי איז אויך אנגעשטעקט געווארען מיט א מאוס'ער קראנק־הייט; צוליב דער דאזיגער קראנקהייט האט זי פערלוירען איהר פלאץ, און שפעטער ווען זי האט געהאט דאס קינד, זייענדיג עלענד

און ארים, אהן יעדע הילף אויף דער וועלט, איז זי אין איהר פערצווייפלונג בעגאנגען דאס פערברעכען פאר וועלכען זי ווערט איצט אנגעקלאגט. ד א ס געריכט איז דעריבער געווען מילד און האט די אנגעקלאגטע פער׳משפט צו צוויי יאהרען געפענגעניש.״

ווי בארמהערציג! „מילד״ קלינגט ווי איראניע.

מעדיצין און געשלעכטס-לעבען

קאפיטעל XIV

סעקסועלע היגיענע.

אויב די טהעאלאגיע איז א גלויבען פון א לעהרע אין א גאט און אין יענער וועלט, און אויב דאס רעכט שטעלט מיט זיך פאר א סיסטע־מאטיש צונויפשטעלטע זאמלונג פון אלטע און נייע מנהגים און גע־זעצען, איז די מעדיצין, זאגט מען, די קונסט צו היילען קראנקע מענ־שען.

איין געפיהל און איין ווארנעמונג ליגען ביי די ווארצלען פון איטליכען פון די דריי דיסציפלינען. דער פחד פאר די פינסטערע פערבארגענע, העכערע כחות און פאר דעם שיקזאל נאך דעם טויט צוזאמען מיט דער בעגרעניצטקייט פון זיין וויסען און קענען, האבען דעם מענשען געפירט צו דער רעליגיע און צו דער פערערונג פון גע־טער: די געפיהלען פון רעכט און אונרעכט, ד. ה. דאס געוויסען וועלכע זענען א פילאגענעטישע צווייג פון די סימפאטיע־געפיהלען צוזאמען מיט דעם געדאנק פון דער גוטינקייט פאר די מענשען צו לעבען אין געזעלשאפטען, איז דער יסוד פון דעם געזעץ; און דאס געפיהל פון וועהטאג און מורא פאר קראנקהייטען און טויט, צוזא־

טען מיט דעם זעהען, אז טייל ליידען גאנצען געלינדערט אדער געהיילט ווערען, האבען בעשאפען די מעדיציין.

בעת אבער די טהעאלאגיע, אבשיידענדיג זי פון דער עטיק אדער די מאראל־לעהרען וועלכע זי האט פשוט פערכאפט מיט געוואלט. לעבט פון מיסטיציזם, וועלכען זי פרופט מיט כל׳ערליי וואויל־קלינגענ־דיגע פראזען אויף וויפיל נים איז אנטון א מענשליך־נאטירליך פנים און, בעת דאס געזעץ פערגעסט זיין אורשפרונג און זיין צוועק, און האלט אויף זיין לעבען הויפטזעכליך מיט דער פערטייטשונג און אנ־ווענדונג פון געזעץ־פאראגראפען, לעבט די מעדיציין פון דעם לעבעדי־גען מענש.

„גרוי, טייערער פריינד, זענען אלע טעאריעס און גרין איז דער שעהנער בוים פון לעבען". די דאזיגע ווערטער פון געטהע זאל יעדער דאקטאר תמיד געדענקען.

בכדי צו היילען א קראנקהייט, דאס הייסט, בכדי בעשעדיגטע און אבנארמאלע פונקציעס פון קערפער צוריק ארויפצופירען אויף דעם ריכטיגען וועג, אויף וויפיל דאס דאזיגע איז בכלל מעגליך, מוז דער דאקטאר זיין בעקענט מיט דעם נארמאלען קערפער און זיינע לעבענס־אויסדרוקען. דעריבער מוז זיך זיין קונסט אויפבויען אויף די פונדאמענטען פון הילפס־ און ערפארונגס־וויסענשאפטען, קודם כל אויף דער אנאטאמיע און פיזיאלאגיע. צוליב דער דאזיגער אורזאך האבען זיך בעת דער עוואלוציע פון דער מעדיציין אלע העכער ענט־וויקעלט איהרע הילפס־וויסענשאפטען. די מעדיציין איז אפילו ביז א הויכען שטאפעל געווארען די טרייב־פעדער פאר דער דערפארשונג פון די אינטימסטע לעבענס־וויסענשאפטען, ווי די היסטאלאגיע, די

עמבריאלאגיע, די פערגלייכענדע אנאטאמיע און פיזיאלאגיע, די אנ־אטאמיע און פיזיאלאגיע פון דעם געהירן, און אין דער לעצטער צייט די באקטעריאלאגיע. וואס דערפארשט דען ניט דער מענש כדי צו פערהיטען זיין ליבען איך! אבער דעריבער האט די וויסענשאפט־ליכע פארשונג פערנומען אין דער מעדיצין אזא פלאץ, אז די אייגענט־ליכע היילקונסט איז אפטמאל געבליבען פון הינטען. הגם אין דער פראקטיק שפילט זי תמיד די וויכטיגסטע ראלע, און צוליב בעגרייפ־ליכע אורזאכען ווערט דער נאטור־וויסענשאפטליך אונגעבילדעטער עולם פון איהר אמשטארקסטען בעאיינפלוסט.

דער ווערט פון דער מעדיצינישער קונסט איז זעהר א פערשידע־נער. אבער דעם אמת'ן ווערט האט זי בלויז דעמאלט, ווען, פריי פון שארלאטאניזם, איז זי געבויט אויף א גענינגענדער וויסענשאפטליכער קענטניש, מחמת די קונסט פון אן איגנאראמוס פאלט אריין אין טעותים. בעת די קונסט פון א שווינדלער זעצט זיך קודם כל אויף דער קעשענע פון דעם קראנקען. זעהר אפט בעגעגענען מיר דאקטוירים אין וועלכע עס איז צונויפגעפארט די אמת'ע קונסט מיט עמרצות, וויסען און פראקטישע קונסט מיט שארלאטאניזם, אדער וויסען מיט אונפע־היגקייט אין דער קונסט. דאס אידעאל איז א קאמבינאציע פון וויסען און קונסט מיט ערליכקייט און אונאייגענגוציגקייט; אבער ניט זעלטען בעגעגענען מיר א קאמבינאציע פון אלע חסרונות אין איין און דעם זעלביגען מענש: עמרצות, אונפעהיגקייט, אייגעננוציגקייט און שאר־לאטאניזם. אבער מעהר פון אלעם געפינט ליידער געטהע'ס פערז צו וועניג אבקלאנג ביי גאנץ פעהיגע און וויסענשאפטליך געבילדעטע דאקטוירים. א גרויסע צאל דאגמעס און לעהרען האלט זיך אויף

גרויסע היפאטהעזען און השערות און אויף קיין שום אופן שטעלען זיי מיט זיך ניט פאר די פרות אויף דעם גרינעם בוים פון דער אמת'ער ערפארונג פון לעבען. א סך דאקטוירים האבען אין זייער קונסט אונ־בעוואוסטערהייט איינגעפירט א טהעאלאגיע; זיי וועלען שווערען אויף איטליכס ווארט פון זייערע אויטאריטעטען און אויף אלצדינג קוקען דורך זייערע ברילען אנשטאט אליין צו דענקען און צו בעאב־אכטען. די ערגסטע צווישען זיי זענען די סיסטעם־דאקטוירים (האָ־מעטאפאטען, נאטוראפאטען, א. אז. וו.) גראד אין דער סעקסועלער פראגע ברענגט דער דאזיגער צושטאנד די ביטערסטע פרות.

בעזונדערס וויכטיג פאר אונז איז צו גערענקען, אז די מעדיצי־נישע וויסענשאפט גופא, זעהענדיג די שוואכקייט פון איהר הייל־קונסט, האט אויפגעשטעלט דעם היגיענישען כלל: „פערהיי־טונג איז בעסער איידער היילונג".

די היינטיגע אנשווינגען פון די דאקטוירים בנוגע צו דער גע־שלעכטס־פראגע זענען נאך ליידער, פונקט ווי די אלקאהאל פראגע, שטארק פערוואלקענט מיט פארורטיילען און אינדירעקט בעיינפלוסט פון טעאריעס פון א רעליגיעזער מאראל און פון א גלויבען אין אױ־טאריטעטען. פונדעסטוועגען דארפען מיר די מעדיצין ניט שילטען. מחמת איהר און איהרע הילפס־וויסענשאפטען פערדאנקען מיר אונזערע קענטנישען וועלכע גיבען אונז היינט די מעגליכקייט אבצושאצען די סעקסועלע פערהעלטניסען ביים מענש פון א געזונדען, אמת נאטור־וויסענשאפטליכען און עטיש־סאציאלען שטאנדפונקט.

עס וואלט אונז צו ווייט אוועקגעפירט ווען מיר זאלען זיך וועלען אבשטעלען אויף אלע בעציהונגען פון דער מעדיצין צום געשלעכטס־לעבען. די קאפיטלען 1, 2, 3, 4 און 8 שטיצען זיך אין גאנצען אויף די דערגרייכטע רעזולטאטען פון דער מעדיצין און דער נאטור וויסענ־

שאפט. וואס מיר ווילען דא בעהאנדלען איז מייגסטענס נוגע די סעקסועלע היגיענע, מחמת די סעקסועלע פאטהאלאגיע האבען מיר בעהאנדעלט אין קאפיטעל 8. איך וויל אבער דעם אלגעמייגעם און סאַציאלען טייל פון דער היגיענע איבערלאזען פאר דעם לעצטען קאַפיטעל, און וועל זיך בעזונדערס דא פערנעהמען מיט דער קריטיק פון געוויסע פער׳טעות׳טע מעדיצינישע אנשויונגען אין שייכות צו דער געשלעכטס־פראגע.

פראסטיטוציע.

דאס וואס איז געזאגט געווארען מכח דעם ענין אין קאפיטעל 10 וועלען מיר דא ניט איבערזאגען. מיר האבען שוין געזעהען, אז די גאנצע מעדיצינישע בעשיצונג און רעגולאציע פון דער פראסטיטוציע איז ניט בלויז א בייזער טעות פון מאראלישען און געזעצליכען שטאנדפונקט, נאר אויך פון היגיענישען שטאנדפונקט, און אז זי איז אבסאלוט ניט בכח צו דערגרייכען איהר איינציגען ציל און צו ערפילען דאס וואס זי האט עפענטליך צוגעזאגט — די בעשיצונג קעגען וועגערישע קראנקהייטען. צוליב דעם דאגמאטישען גלויבען אין דער אויטאריטעט פון א שוין עקזיסטירענדיגער אינסטיטוציע האבען די דאקטוירים אין די לעצטע יאהרען די פראגע אינגאנצען פאלש אוועקגעשטעלט. זיי האבען גע׳טענה׳ט, אז די געגנערס פון דער שטאאטליכער רעגולאציע זאלען בעווייזען, אויב ביי זייער פרייען סיסטעם איז בעסער געגאנגען. בעת אין דער אמת׳ען דארפען די אנהענגער פון דער שטאאטליכער רעגולאציע בעווייזען אויב זייער סיסטעם פון רעגולאציע האט געפירט צו א בעדייטענדער פערקלענערונג פון דער צאל פון וועגערישע קראנקהייטען. דעמאלט ערשט וואלט מען זיך געקאנט פרעגען אויב דאס אויפהאלטען פון אזא סיסטעם, א סיסטעם וואס מאכט אזו אומזיסטע צרות, קאן ווערען גערעכט

פערטיגט. אבער דאס לעצטע איז בשום אופן ניט בעוויזען געווארען. אדרבה דער פערזוך דאס צו טון איז מאוס דורכגעפאלען, ווי מיר האבען דאס געזעהען. דאס וואס האלט טראצדעם אויף דאס דאזיגע סיסטעם איז פאקטיש ניט די פערמינדערונג פון די וועגערישע קראנק־הייטען א דאנק איהם, נאר דער פערלאנג פון די מענער נאך סעקסועלע עקסצעסען און נאך סקסועלער אבוועקסלונג. די געזעלשאפט האט אבער ניט קיין רעכט, צוליב די בעזונדערע פערגעניגענס פון בעלי־תאוות צו ארגאניזירען אזא מאנסטער מאשין ווי עס איז דער שטאטליך ערלויבטער בארדעל־האנדעל, צוזאמען מיט דער סיסטעמאטישער דער־נידערונג פון א טייל פון דעם ווייבליכען געשלעכט.

דער פאקט וואס צוליב אלע מעגליכע אורזאכען שיקען זעהר א סך דאקטוירים נאך היינט־צוטאג אפילו יונגע מענער אין בארדעל אדער צו פראסטיטוטקעס וועז זיי בעקלאגען זיך אויף דאס אדער אויף יענעס, מוז דריבער פון אונז בעטראכט ווערען אלס די טרויריגע פעולה פון אן אלטער און פאלשער דאגמע. די דאזיגע רפואה איז ערגער און געפערליכער איידער די קרענק וועלכע זי דארף כלומרשט היילען, ערגער איידער אנאניזם, א סך ערגער איידער ביינאכטיגע פאלוציעס, א. דגל. סעקסועלע אבנארמאליטעטען און פערווערזיעס ווערען קיינמאל ניט געהיילט אין בארדעלען: אדרבה, דארט ווערען זיי ערשט ריכטיג ענטוויקעלט.

איך גיב דא איבער ווארט פאר ווארט דעם אינהאלט פון א בריף פון אן אונגליקליכען נערווען־קראנקען, וועמעס ווערטער דערצעהלען בקצור די געשיכטע פון אונצעליגע אנדערע אונגליקליכע:

„איך בין איצט אלט 31 יאהרען. איך בין געווען פערהייראט

דריי און א האלב יאהרען און פאר 2 יאהרען איז געשטארבען מיין פרוי, נאכדעם ווי זי האט 3 יאהרען געליטען פון לונגען־שווינדזוכט. קוים וואס מיין פרוי איז בעהאלטען געווארען, האט די קראנקהייט אויסגעבראכען ביי מיין קינד אין א פוס, און איך האב עס געמוזט האלטען 18 מאנאטען אין סאנאטאריום."

„מיין קראנקהייט שרייב איך צו צו די דאזיגע פאסירונגען. מיין ביטער מזל האט אזוי שרעקליך געווירקט אויף מיין געזיכט, אז עס איז מיר מעהר ניט מעגליך צו קומען צו זיך."

„ביי נאכט קאן איך ניט שלאפען און ביי טאג שלעפ איך מיך ארום מיד און פערמאטערט, געפייניגט פון זעלטענע פינסטערע געדאנקען און אנפאלען פון נידערגעשלאגענקייט."

„מיינע קערפערליכע ליידען זענען די פאלגענדע. קאפּוועהטאג, שטיקען אין האלז, ברענען אין דער הויט, זאמען־פערלוסט, פאלוציעס. א. אז. וו."

„די מעדיציניש קונסט וויסט ניט פון קיין רפואה צו די דאזיגע ליידען. מיין שלאפלאזיגקייט האט מען בעהאנדעלט מיט בראם און אפיום. מיין זאמען־פערלוסט מיט לופולין. אזוי ווי אבער די דאזיגע רפואות האבען ניט געהאלפען. זאגט צו מיר מיין דאקטאר, עס איז ניטא קיין אנדער מיטעל ווי נאר איהר זאלט זעהען צו האבען א געשלעכטס־פערקעהר. קענען מיינע מאראלישע געפיהלען האב איך מיט דריי מאנאט צוריק איבערגעטראטען די שוועל פון א באָרדעל, כדי אין די ארעמס פון א פראסטיטוטקע צו געפינען

די היילינע פון מיינע זאמען־פערלוסטען. אבער אנשטאט דעם האב איך געקראגען א טריפער. וועלכען דער דאקטאר האט נים געקאנט אויסהיילען. גאנגאזאן און איינשפריצונג האבען נים געהאלפען.״

„איצט שטעה איך ביים ברעג פון פערצווייפלונג. די זעלבסטמארד געדאנקען פערפאלגען מיך אזוי ווייט, אז איך קאן זיך במעט מעהר נים ווערען קעגען זיי. דאך דארף איך לעבען און ארבייטען, פאר מיין קינר, אין וועמעס אונגליקליך לעבען איך בין שולדיג... א. אז. וו.״

סעקסועלע בעפרידיגונגען.

ווי מיר האבען געזעהען איז פון דער אנדערער זייט פונקט אזוי נאריש צו איבערטרייבען די פאלגען פון אנאניזם און פון סעקסועלע עקסצעסען אליין פאר זיך, און אויף דעם אופן איבערשרעקען די אונגליקליכע. אין קאפיטעל 4 (געשלעכטס־טריב) האבען מיר שוין גערעדט מכח די גראדען פון דעם געשלעכטס־טריב אין א נארמאלען צושטאנד, און מיר האבען אויך דערמאנט די רעגעל וועלכע לוטהער האט געגעבען. דאס וואס דער דאקטאר האט צו ראטען איז קודם כל דאס פאלגענדע:

דער יונגער, ניט פערהייראטער מאן, כל זמן ער וויל ניט הייראטען, זאל זיינע געדאנקען, אויף וויפיל ער קאן נאר, האלטען ווייט פון סעקסועלע פארשטעלונגען; ער זאל זיך בעגעניגענען מיט די אליין פון זיך אנגעקומענע בייגאכטיגע זאמען־אויספלוסען. און ער זאל פערמיידען אלע אבזיכטליך אנאניסטישע מאניפולאציעס. א יונג מיידעל זאל אודאי זיך היטען פון אנאניזם; איהר געשלעכטס־טריב איז נארמאלערווייז א סך שוואכער און איז ניט פערבונדען מיט קיינע אויסשיידונגען פון דריזען, וועלכע רייצען מיט אן עקשנות צום געשלעכטס־פערקער. מענשען, וועלכע זענען פשוט ניט איםשטאנד זיך צו קאנטראלירען דארף מען ראטען צו זיין זעהר פארזיכטיג ביי די אויסער־פערהייראטע געשלעכטס־פערהעלטניסען. די דאזיגע

פערהעלטניסען דארפען איבעריגענס דוקא ניט טראגען דעם כאראק־טער פון הער פראסטיטוציע. (זעה קאפיטלען 11, 12 און 19).

קודם כל מוז דער דאקטאר איטליכען מענש, וועלכער האט זיך מיט איהם נעראטען מכח געשלעכטס־פראגען, פריינדליך אויסלערען און געבען אן עצה, אהן דערביי זיך צו הלאמען מעשה בייזער מאראל פרעדיגער אדער ריכטער. ער זאל דעם ארימען היפאכאנדריק, וועל־כער בעשולדיגט זיך אליין אין אנאניזם, און אויך קיין שום געשלעכט־ליך אבנארמאלע און פערווערזע מענשען, קיינמאל ניט איבערשרעקען אדער מוסר זאגען; ער מוז זיי בערוהיגען און זעהען זיי צו העלפען אין זייער נויט. אויף דעם אופן קאן ער אויפטון אהן א שעור גוטס.

די היפנאטישע סוגעסציע איז פאר איהם א מיטעל מיט וועלכען ער קאן דירעקט בעקעמפען, אדער לכל הפחות לינדערען, א סך סעק־סועלע אויפרעגונגען, איבער־מאסיגע זאמען־אויספלוסען און טייל פערווערזיעס, און קאן אבציהען די געהירען־טעטיגקייט אויף אנדערע נארמאלע וועגען. איטליכער פאל מוז ווערען אונטערזוכט און געשאצט אינדיווידועל און דער דאקטאר מוז נעהמען אין בעטראכט די פער־שידענע פונקטען, וועלכע מיר האבען בעהאנדעלט אין דעם דאזיגען בוך. קיין איין פאל איז ניט ווי דער אנדערער; מען מוז אויספארשען די גאנצע לעבענס־געשיכטע פון דעם קראנקען און שפעטער ערשט, לאזענדיג אין א זייט אלע דאגמעס, מיט קאפ און מיט הארץ אור־טיילען און ראטען. אפילו צווישען מאן און ווייב, בעזונדערס א דאנק דער מאנאגאמיע, זענען פאראן זעהר קאמפליצירטע פראגען, וועלכע מאכען אפטמאל אן שוועריגקייטען; צום ביישפיל, די פער־ריארען בעת וועלכע מען דארף פערהיטען דאס שוואנגער־ווערען.

— א בעשטימטע צייט נאך געבורטען, נאך א סך קראנקהייטען, א. אז. וו. אין אזוינע פאלען קאן א שלעכטע עצה פון דאקטאר פירען צו די טרויריגסטע אונגליקען. אויב דער דאקטאר פערזאגט דעם מאן צו האבען א געשלעכטס-פערקער מיט זיין פרוי, דעמאלט ווערט ער אוועקגעשטעלט צווישען צוויי געפערליכע קליפעס; אדער ער האלט זיך טאקע צוריק, ליידט א סך, מוז מייסטענס שלאפען אין א בעזונדער צימער און, ווי מיר האבען געזעהען, ווערט ער אויף אזא אופן לייכט אבגעפרעמדט און אבגעקיהלט פון זיין פרוי, אויב דאס דויערט צו לאנג; אדער ער פאלט אריין צו דער פראסטיטוציע, פערקניפט ליבעס מיט אנדערע פרויען, ברענגט אפטמאל אהיים ווענערישע קראנקהייטען און צושטערט ניט זעלטען זיין אייגען גליק און דאס גליק פון זיין פאמיליע. הערי־בער, ווען א דאקטאר פערזאגט א מאן צו האבען א געשלעכטס-פערקער מיט זיין פרוי, נעהמט ער אויף זיך א גרויסע פעראנטווארטליכקייט; דאס דאזיגע ווילען מיר שטארק אונטערשטרייכען. צוליב די און נאך א סך אנדערע אורזאכען האבען מיר איצט צו בעטראכטען א וויכטיגע פראגע.

סעקסועלע קאָנטינענץ.

בנוגע צו דער **סעקסועלער קאָנטינענץ** (צוריקגעהאַלטענקייט) איז פאַראַן אַ גרויסע פערשידענקייט פון מיינונגען. אין דעם דאָזיגען פּרט זענען אַלע עקסטרעמע בעהויפּטונגען פאַלש. עס איז זיכער, אַז די שעדליכע פאָלגען פון דער קאָנטינענץ האָט מען אין טייל ערטער לעכערליך איבערגעטריבען. אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען קאָן די קאָנטינענץ, הגם אָפטמאָל מיט מיה, יאָ דורכגעפירט ווערען, און בדרך כלל איז אמת די איינזייטיגע מיינונג פון דעם מעדיצינישען פאַקולטעט אין קריסטיאַנאַ קיינמאָל ניט צו האָבען בעאָבאַכט קראַנקהייטען אַלס אַ פּעולה פון קאָנטינענץ, אָבער אדרבה זעהר אַ סך האָבען בעאָבאַכט אַלס פּעולה פון סעקסועלע עקסצעסען. פונדעסטוועגען געהט די דאָזיגע מיינונג שוין צו־ווייט, מחמת געוויסע פּסיכאָפּאַטען און סעקסועלע היפּערעסטהעטיקער פאַלען טיילמאָל אריין אין אַ צושטאַנד פון אַ נערוועזער און פּסיכישער אויפרעגונג אַלס פּעולה פון אַ געצוואונגענער קאָנטינענץ, אַ צושטאַנד וועלכער קאָן זיך ענדיגען מיט אַ נערוועז־קראַנקהייט אדער משוגעת. איך האָב דאָס בעאָבאַכט ביי מענער און אפילו ביי פרויען; אימפּאָטענץ, פאָביעס און געוויסע פּערווערזיעס קאָנען קומען דורך אַ געצוואונגענער געשלעכטליכער צוריקגעהאַלטענקייט. דאָס זענען אָבער זעלטענע פאַלען.

די קאָנטינענץ איז אָבער ניט אַלעמאָל קיין קליינינקייט ביי

מענשען וועלכע ווערען געשלעכטליך לייבט אויפגערעגט, און דערצו פאדערט זיך, בפרט ביי מענער, אפטמאל כמעט איבערמענשליכע, העלדישע אינוועניגסטע קאמפען. שיניקווי, דער קאנאדישער רעפאר־מער, ווערען מיר האבען פריהער דערמאנט, דערצעלט פון א מאנאר, וועמען דער שרעקליכער אויפגערעגטער געשלעכטס־טריב, וועלכען ער האט ניט געקאנט בעפרידיגען א דאנק דער בחור'שאפט פון די מאנא־כען, האט געבראכט צו אזא פערצווייפלונג, אז ער האט מיט דעו חאנד ארויסגעריסען זיינע טעסטיקלען. די פרומע מאראל פרעדיגער, וועלכע זענען בעשאנקען מיט קיהלע טעמפעראמענטען, אדער זענען שוין אבגעלעבט, אדער זענען פשוט גליקליך פערהייראט, און וועלכע לאזען אויס זייער גרימצארן קעגען דער „אונמאראליטעט" פון אלע פאלגען פון דעם געשלעכטס־טריב, זאלען האלטען פאר זייערע אויגען אט אזוינע פאקטען. א רייך, געבילדעט נימפאמאניש מיידעל, וועלכע איז אלעמאל געווען אנשטענדיג, האט מיר בדרך אגב געזאגט, אז אין פאל זי וועט אין גיכען ניט קריגען א מאן, וועט זי ווערען א פראסטיטוטקע, מחמת זי קאן שוין מעהר ניט אויסהאלטען. עס איז כמעט ווי אן איראניע ווען להפוך צו די דאזיגע ערשיינונגען זעהט מען גאר ניט זעלטען, ווי אבסאלוט קיהלע נאטורען, וועלכע האבען כמעט ניט קיין געשלעכטס־טריב און וואלטען אמליבסטען געבליבען קאנטינענט, גע־העז אדער אין באררעל אדער זיי האבען חתונה בלויז כדי „צו זיין מיט לייטען גלייך", אדער כדי ניט צו ווערען אויסגעלאכט! איך חאב געקענט א רייכען, געבילדעטען יונגען מאן וועלכער, ווערענדיג פון זיינע חברים בסדר אויסגעלאכט, איז איין איינציג מאל אין זיין לעבען געגאנגען אין באררעל, פון דארט זיך אהיימגעברענגט א סיפילים און אין עטליכע יאהרען ארום עלענד געשטארבען פון א שווערע געהירן־פאראליזיס.

אין דער פרימיטיווער צייט האבען ביים מענש, פונקט ווי אין דער גאנצער חיות־וועלט, פון וועלכער ער קומט ארויס, דער געשלעכטס־

פערקער און די בעשאפונג פון קינדער געהאט איין בעדייט; זינט דעמאלט אבער האט זיך דאס לעבען געוואלדיג געביטען. וואלטען מיר היינט בעשאפען קינדער לויט דעם פערלאנג פון אונזער טריב, וואלטען די שפעטערדיגע דורות געשטארבען פון הונגער. נאך מעהר, מיר האבען געזעהן, אז די ברוטאלע צוכטוואהל קלייבט מעהר ניט אויס די שוואכע צווישען אונז און לאזט זיי אונטערגעהען. עס איז דעריבער, ווי מיר האבען אויך שוין געזאגט, פון דער גרעסטער וויכטיגקייט ווי ווייט מעגליך צו פערהיטען דאס געבוירען ווערען פון אזויגע שוואכע און קריפלען, און ווערליג דעם ווערט עם אונזער סאציאלע פליכט, שארף אבצושיידען די בעפרידיגונג פון דעם געשלעכטס-טריב פון דער בעשאפונג, בכדי אין די נויטיגע פאלען די לעצטע צו פערהיטען, אהן ניט צו מוזען זיך אפזאגען פון דער ערשטער.

היגיענע פון דער הייראט.

דעם ענין האבען מיר שוין טיילווייז בעהאנדעלט אין די קאפיטלען 6, 10 און 13. פון דעם וואס מיר האבען געזאגט ממשות'דיגע מכח די פיזיאלאגישע און פסיכישע בעדינגען פון דער הייראט. אויב די הייראט קומט צושטאנד אויף דעם יסוד פון א געגענזייטיגער פרייער צושטימונג, אויב ביידע צדדים ווייסען וואס זיי טוען, אויב דער פערדראבליכער איינפלוס פון געלד איז פערשוואונדען, אויב אלע אוננאטירליכע רעגולאציעס צוזאמען מיט דעם איבערפליסיגען אריינמישען־זיך פון דער רעליגיע און פון אלט־געווארענע אונגערעכטע געזעצען זענען אבגעשאפט, און אויב די פרוי האט ענדליך דיזעלביגע רעכטען וואס דער מאן — דעמאלט זענען די געגענזייטיגע ליבע און דרך ארץ, פערבונדען מיט דעם געשלעכטס־טריב, דער שטארקסטער צעמענט פון דער הייראט. א חוץ דעם זענען די פערזענליכע צוזאמען מיט די געזעצליך פארגעשריבענע פליכטען אנטקעגען די געבוירענע קינדער, פון איין זייט, און מיט אדער אהן ענטשפרעכענדע אינסטינקטיווע געפיהלען, פון דער אנדערער זייט, אויך א טייל פון דעם דאזיגען צעמענט. אבער ביי מענשען מיט גוטע נאטורען פערשמעלצען זיך ביידע צוזאמען, מחמת זיי טרייבט דאס אינסטינקטיווע סאציאלע פליכט־געפיהל, ד. ה. דאס געוויסען, צו דער ערפילונג פון זייערע פליכטען אהן דער דרויסענדיגער געזעצליכער צוואנג. עס בלייבט אונז אבער נאך איבער ארומצורעדען א רייה פון ספעציעלע מעדיצינישע פונקטען.

מיר האבען געזעהען אין קאפיטעל 7, אז דער מאן זאל זיין עלטער

פון זיין פרוי דורכשניטליך מיט 6 ביז 12 יאהרען. פאר א מאנאגא־מישע הייראט, אויב מען וויל זי זאל זיין דויערהאפט, איז דער דאזיגער פונקט זעהר וויכטיג. די פרוי ווערט רייף, סיי סעקסועל און סיי גייס־טיג, פריהער איידער דער מאן; זי ווערט פריהער פארטיג. זי ווערט אבער אויך פריהער אלט און פריהער אונפרוכטבאר איידער ער. פאר־ליגאמישע פעלקער העלפען זיך דערמיט, וואס יונגינקע אינגלעך האבען חתונה פונקט מיט אזוינע יונגינקע מיידלעך, און שפעטערווארפען זיי אוועק זייערע אלטע פרויען און נעהמען זיך אויפסניי יונגע. ביי אונזערע איצטיגע פערהעלטניסען העלפט זיך דער מאן אנדערש — ער בענוצט זיך מיט דער פראסטיטוציע. מיינסטענס נאך אין זיין יוגענד פאלט ער א קרבן פון דער דאזיגער קערפערליכער און גייסטיגער סעקסועלער קארופציע, וועלכע פערבינדט זיך זעהר אפט מיט א ווע־נערישער אנשטעקונג, און שפעטער בעטראכט ער אפטמאל די הייראט אלס א מין שפיטאל אין וועלכען די פרוי שפילט די ראלע אין פון א קראנקען-פלעגעריו און אי פון א בעל־הבית'טע. עס איז ניט אזא לייכטע זאך זיך ארויסצוקירעווען פון צווישען די דאזיגע צוויי קרומע וועגען און צו פערשרייבען די ריכטיגע רפואה פאר א דויערהאפטען מאנאגאמישען צוזאמענלעבען. די פארצייטיגע פאליגאמיע איז ברור־טאל, און די פראסטיטוציע איז נאך ערגער. דער בייזוויליגער ענאיסט זאגט אונז דא זיין כלל, „נאך מיר מעג קומען דער מבול". דער לייכט־זיניגער שוואכלינג און בעל־תאוה ענטפערט „אבער עס העלפט גארניט, מען מוז א לעב טון", אבער דער מאראל פרעדיגער ענטפערט, אז „דער מענש מוז זיינע ליידענשאפטען האלטען אין צוים".

איך שלאג אבער פאר א מיטעלוועג און זאג: דער יונגער מאן וועלכער פערמאגט גענוג כח גובר צו זיין זיין געשלעכטליכען אפעטיט, אדער וועמעס געשלעכטס־טריב איז גענוג מעסיג כדי איהם צו מאכען לייכטער זיין צוריקגעהאלטענקייט, אזוי, אז ער וועט זיין אימשטאנד צו לעבען צוריקגעהאלטען, לאמיר זאגען, ביז ער וועט אלט ווערען 25 יאהרען און אויף דעם אופן זיך אויסהיטען פון דער פראסטיטוציע, פון דערוויילינע סעקסועלע פערהעלטניסען און פון אנאניזם, — אט דער דאזיגער יונגער מאן, זאגען מיר, האט די בעסטע אויסזיכט צו געווינען דעם בעסטען פרייז פון לעבען. אויב ער איז פריי פון פארור־טיילען און אויב ער האט ניט קיין מורא אין נויטפאל פאר א געוויסער

צייט אנצואווענדען אנטי-קאנצעפּציאנעלע מיטלען, דעמאלט קאן ער חתונה האבען אפילו ווען ער איז איינגאנצען ארים: אין אזא פאל קאן ער זיך נעהמען א יונג מיידעל וועלכע קאן צו איהם ווערען בעשטענדיג צוגעבונדען, אויב זייערע כאראקטערס זענען גענענזייטיג צוגעפּאסט.

פאר א מיידעל איז די בעסטע צייט צו הייראטען ביי זיבעצען אדער אכטצען יאהרען. יעדענפאלס צווישען דעם אכטצענטען און נייגצענטען יאהר. בכלל איז זי דעמאלט געשלעכטליך אינגאנצען רייף און גייסטיג גענוג ענטוויקעלט, און אזוי קאנען מיר האבען דעם וויג-שענסווערטען אונטערשייד אין די יאהרען. יונגע מענשען וועלכע זענען אזוי פערהייראט קאנען ווייטער אנגעהען מיט זייער שטודירען און לערנען, און זייער צוזאמענלעבען וועט זיי אפילו ביז א הויכען גראד סטימולירען מעהר צו ארבייטען. אין פאל זיי ווילען באלד גרינדען א פאמיליע.

ווען דער רויש פון דעם האניג-חודש איז אריבער, האלט זיך די בעשטענדיגקייט פון דעם גליק אין דער הייראט אויף אן אינטימער, גייסטיגער, געמיטהליכער און סעקסועלער צופּאסונג, וועלכע לויטערט די ליבע פון דעם מאן און פון דער פרוי. דאס ארבייטען צוזאמען, א געמיינשאפטליכער אידעאל, א געגענזייטיגער דרך ארץ פול מיט ליבע אבער פריי פון פערצערטעלטקייט, און א געגענזייטיגע ערציהונג וועלכע זאל ניט ווערען א מין שול-פּינקטליכקייט אדער א טיראניי, — זענען די בעדינגען פאר דעם גליק אין דעם פערהייראטען צוזאמענ-לעבען. אלצדינג וואס פערמדט אב, וואס דאס זאל ניט זיין, אפילו נאר לפנים, מוז ווערען אויסגעמידען. אין די אויגען פון א טייל העכערע גייסטער קאן דאס אפילו אויסקומען קינדיש און לעכערליך, אבער איך זאג נאך אנאל, אז די אבזונדערונג פון די שלאפצימערען איז אין דעם פערהייראטען לעבען א זעהר ריזיקאלישער שריט און ער פירט לייכט צו א פרעמד-ווערען, אפילו ווען די הייראט איז געבויט אויף די עדעלסטע געפיהלען. נאך מעהר אין דאס אמת מכח דער סעקסועלער צוריקגעהאלטענקייט, אפילו ווען זי דויערט ניט יאהרען. אבגערעדט פון יענע פאלען וואו זי איז א פעולה פון א סעניל ער אימ-פּאטענץ אדער פון אן ערענסטער קראנקהייט.

מען האט אפטמאל גערעדט אז די פרוי זאל ניט האבען קיין גע-

שלעכטס־פערקער פאר לענגערע פעריאָדען און, אין קאַפּיטעל 4 האָבען מיר געזעהען ווי ביי געוויסע ווילדע פעלקער ווירט דער מאַן ניט אַן דאָס ווייב צוויי יאָהרען אָדער נאָך לענגער נאָך איהר קינפּעט (בעת דער צייט וואָס זי זויגט דאָס קינד), מחמת זי איז "טמא". אָבער די דאָזיגע פאַלען בעוויייזען ניט קיין שום זאַך, מחמת ביי זיי האַנדעלט עס זיך מכח פּאָליגאַמיע, און די מענער וועלכע מוזען זיך אָבזאָגען פון איין פרוי, בעפרידיגען זיך ביי אַנדערע פרויען. אויב אונזער מאָנאָגאַמישע הייראַט וויל ניט זיין אוננאַטירליך, און וויל אויך ניט ווערען אַן אילוזיע, דעמאָלט מוז זיין דער סעקסועלער פערקער אַן אינטימער און אַ בעשטענדיגער, דאָס הייסט, ער דאַרף נאַר בלויז ווערען אונטערבראָכען בעת די קורצע פעריאָדען וועלכע מאַן און ווייב, נאָך אַ געגענזייטיגער צופּאַסונג, געפינען פאַר נויטיג.

אַ חוץ דעם, זענען בלויז די מענסטרואַציע און די צייט פון קינפּעט די איינציגע פיזיאָלאָגיש, ד. ה. נאָרמאַל געפאָדערטע אונטערברעכונגען. וועדליג גרובער'ן (היגיענע דעם געשלעכטס־לעבענס) זאָל די אונטערברעכונג בעת דער קינפּעט דויערען וועניגסטענס פיער וואָכען; מיר וועלען זי ליבער פערלענגערען אויף זעקס וואָכען. אַזוי לאַנג קאָן זיך איינהאַלטען איטליכער מאַן, אפילו דער ערגסטער געשלעכטס־העלד, און טיילמאָל, בעת דער צייט, האָבען עטליכע בייגאַכטיגע פּאָלוציעס. פערקערט די שוואַנגערשאַפט אליין פאַר זיך, איז ניט קיין אורזאַך פאַר צוריקגעהאַלטענקייט. צוליב דער פרוי'ס צושטאַנד, וועט דער מאַן בעת דער דאָזיגער צייט בלויז דאַרפען נאָך מעהר שוינען זיין פרוי ווי געוועהנליך; בעת די העכערע מאָנאַטען פון דער שוואַנגערשאַפט זאָל מען האָבען דעם געשלעכטס־פערקער פון הינטען, מען זאָל פערמיידען אַלע העפטיגע בעוועגונגען און אויך דעם פּענים ניט אריינפירען טיפער ווי עס איז נויטיג, כדי ניט צו שעדיגען דעם עמבריאָ.

עס איז זעהר וויכטיג, אַז די פרוי זאָל זיך אַ לענגערע צייט אָבּרוהען צווישען איהרע שוואַנגערשאַפטען. צווישען דער געבורט און דער נעכסטער שוואַנגערשאַפט זאָל וועניגסטענס פערגעהען אַ יאָהר, דאָס הייסט כמעט צוויי יאָהרען צווישען איין ענטבינדונג און דער אַנדערער. דאָס קאָן מען לייכט רעגולירען מיט דער הילף פון די קאָנדאָמען מכח וועלכע מיר האָבען פריהער גערעדט. אויף אַזאַ אופן איז

די פרוי געזונד און זי האט געזונדע קינדער. געוויס, עס איז בעסער צו בעשאפען נאר 7 קינדער וועלכע בלייבען לעבען און זענען געזונד, איידער צו בעשאפען 14 קינדער פון וועלכע 7 שטארבען, שוין ניט רעדענדיג פון דער אונגליקליכער מוטער וועלכע ווערט פון דעם כסדר׳דיגען טראגען און האבען גיך פערוועלקט, און וועלכע ווערט דערביי האלב, אויב טאקע ניט אינגאנצען פערמאטערט צום טויט.

וואס איז שייך צו דער אפטקייט פון דעם געשלעכטס־פערקער קאן מען ניט אויפשטעלען קיין כלל; עס הענגט אב פון דער גענויער זייטיגער בעקוועמליכקייט און פון דעם אינדיווידועלען טעמפעראמענט. מיר בעטראכטען לוטהער׳ס רעגעל פון צוויי ביז דריי מאל א וואך פאר א נארמאלען דורכשניט, אין די יאהרען ווען מען איז געזונד און בעשאפונגס־פעהיג.

פרויען וועלכע זענען געשלעכטליך קאלט און האבען ליב קינדער, אבער וועלכע פיהלען א שוידער צום געשלעכטס־פערקער, קאנען וועדליג מיין מיינונג, ניט געהאלטען ווערען אלס די טיפען פון נארמאלע פרויען, און זיי האבען ניט קיין רעכט צו פאדערען פון זייערע מענער זיך צוריקצוהאלטען פון יעדען געשלעכטס־פערקער וועלכער האט ניט קיין צוועק צו בעשאפען קינדער. אבער איידער זי האט חתונה געהאט, האט זי געהאט א רעכט דערצו צו ווערען פולשטענדיג אויפגעקלערט מכח אלע סעקסועלע פערהעלטניסען. נאך מעהר, איידער זיי האבען חתונה זאל מאן און ווייב זיך גענענזייטיג קלאר מאכען מכח זייערע סעקסועלע געפיהלען און בעדערפענישען, בכדי אזוי ארום צו פערהיטען שפעטערדיגע שווערע ענטוישונגען און אן אונהיילבארע כסדר׳דיגע צוריסענקייט.

אהן אמאל צו האבען געפיהלט א סעקסועלען ארגאזם, סיי דורך א געשלעכטס־פערקער אדער דורך אנאניזם, פיהלט א נארמאל מיידעל, אויב זי איז נאר מעהר אדער ווייניגער קלאר מכח די סעקסועלע פערהעלטניסען, בכלל גאנץ גוט, אויב דורך דעם געדאנק צו האבען א געשלעכטס־פערקער מיט א מאן צו ווערען זי פיהלט א נייגונג, זי ווערט צוגעצויגען אדער אדרבה אבגעשטויסען. ביי יונגע מענער איז דאס דאזיגע נאך לייכטער. א מעדיציניש געבילדעטע פרוי, וועלכע האט געלעבט פולשטענדיג צוריקגעהאלטען, אבער וועלכע איז געווען קלאר

אריענטירט בנוגע דעם געשלעכטס־לעבען א דאנק איהר שטודירען, האט מיר געגוי איבערגעגעבען, אז א לאנגע צייט האט זי דורך דעם געדאנק וועגען האבען א געשלעכטס־פערקער מיט די מענער וועלכע זי האט געזעהען, געפיהלט אן עקעל צו זיי, ביז זי האט זיך בעקענט מיט א מאן וועלכער האט געוואונען איהר ליבע. דא האט זיך דער ווידער־ווילען פערביטען אויף א צוציהונג. דער דאזיגער פשוט'ער פאל אילוסטרירט אין דערזעלביגער צייט אויף א קלארען אופן דאס מאַ־נאגאמישע געשלעכטס־געפיהל פון דער פרוי.

איך וויז דא אן אויף קאפיטעל 17 וואו עס ווערט גערעדט וועגען דעם אופן ווי אזוי די יונגענד זאל ווערען אויפגעקלערט מכח דער גע־שלעכטס־פראגע. צוליב אונזער היינטיגען פארמאליזם און צוליב עמרצות פון אונזערע פיין־ערצויגענע מיידלעך בנוגע צו דעם גע־שלעכטס־לעבען, איז א געגענזייטיג פערשטעהען־זיך איידער מען ווערט חתן־כלה אין די מייסטע פאלען נאך אונמעגליך.

אלס פעולה פון די פראסטיטוציאנס־געוואוינהייטען פון די מענער, ליידען היינט־צוטאג א סך יונגע און געזונדע פרויען דערפון וואס זיי האבע חתונה מיט מענער וועלכע זענען שוין אלט, אבגעלעבט, מיט אן אבגעשוואכטער פאטענץ, פון וועלכע זיי ווערען סעקסועל שטארק צורייצט, אבער פון וועלכע זיי קאנען ניט ווערען לאנג בעפרידיגט. דאס דאזיגע איבעל וועט מען ערשט גובר זיין ווען אונזערע סעקסועלע פערהעלטניסען וועלען זיין גרינדליך געענדערט.

א חוץ דעם איז פאראן א מין פאטהאלאגישע און היסטערישע ליבע, א ליבע וועלכע שפילט זיך נאר אב אין דער פאנטאזיע, און געהט אויך צוזאמען מיט א מליצה, מיט בענקשאפט און קאקעטסטווע, אבער וועלכע בייט זיך איבער אין אן עקעל אדער אין א האס ביים ערשטען געשלעכטליכ„ן פערקער. הגם מיר געפינען זי אפטער ביי דער פרוי, קומט די דאזיגע פאלשע ליבע אויך פאר ביי היסטערישע מענער. זי ענדיגט זיך מיט דער דערקלערונג: „איך האב מיך אבגענארט: איך האב איהם (אדער זי) קיינמאל ניט ליב געהאט.“ אפטמאל כאפט מען זיך אויף ווען עס איז נאך דא צייט און מען לאזט אב דעם שדוך: אפטמאל אבער קומט מען צום שכל צו שפעט, און דאס אונגליק איז דא. פאר אזוינע פאלען איז דא א גרויסע נויטיגקייט פאר פרוי־היי־ראטען און א גרעסערע בעקוועמליכקייט זיך צו גט'ען.

באלד ביים אנהויב פון דער הייראט קאנען אויך פארקומען אנ־דערע שטערונגען, וועלכע מען האט ניט געקאנט פארויסזעהען. איך וויל בלויז דערמאנען דעם זעהר שמערצליכען וואגיניזם פון דער פרוי, וועלכע קאן אבער אין די מיינסטע פאלען לייכט געהיילט ווערען. אין אלע פאלען, צוליב נאך אלערליי אנדערע אורזאכען (למשל א צו ענגער בעקען, פון וואס די ענטבינדונג ווערט זעהר געפערליך) איז די בעסטע פארטזיכטיגקייט צו האבען א מעדיצינישע אונטערזוכונג איידער מען געהט הייראטען.

אויב א פרוי וויל זיך פירען לויט דעם רעצעפט פון דעם אלטען טאלסטאי און וויל האבען א געשלעכטס־פערקער נאר און נאר מיט דעם צוועק צו בעשאפען קינדער, זאל זי קודם כל געפינען א קאלטען חתן וועלכער וועט אויף דעם וועלען איינגעהען. טאמער אבער געפינט זי ניט אזא חתן און א צווייטע פרוי אדער א קעבס־ווייב קאן זי איהם ניט פערגינען, דעמאלט זאל זי אדער זיך אבזאגען פון איהר וואונש, אדער איהרע געוואונשטע קינדער בעשאפען אויסער דער הייראט. די דאזיגע מיינונג מיינע וועט אפשר קלינגען שרעקליך אונמאראליש אין א סך אויערען, זי איז אבער דאך נאטירליך און שכל׳דיג, און דריבער אויך מאראליש. עס פערשטעהט זיך אז דערמיט וויל איך ניט זאגען, אז דער מאן האט א רעכט צו צווינגען זיין פרוי צו א געשלעכטס־פערקער אזוי אפט ווי איהם גלוסט זיך; אדרבה איך האב דערקלערט פונקט דעם הפוך. דער גאנצער ענין איז א זעהר צארטער; אבער מיט א גוטען ווילען, מיט מעהר פרייהייט און אפענקייט, קאן מען אין די מיינסטע פאלען זיך דערשלאגען צו א בעפרידיגענדיגער לייזונג פון דעם דאזיגען פראבלעם, ווענדליג מיר האבען אויבען אנגעוויזען. ליבע און געגענזייטיגער דרך־ארץ וועט דא אלעמאל געפינען דעם ריכטיגען וועג. מען מוז זיך נאר היטען, סיי פאר דעם איבערגעטרי־בענעם אסקעטיזם און עקצענטרישען אידעאליזם און, סיי, פערקערט, פאר דעם מאוס׳ען און שוואכליכען נאכגעבען אלע טריבען און ליידענ־שאפטען. אויב ערגיצוואו אין מענשליכען לעבען, איז אט דא דער גאלדערנער וועג דער מיטעלוועג.

נאך א וויכטיגער פונקט איז די פראגע פון דער בעשאפונג פון קינדער. מחמת, ווי מיר האבען געזעהען, די בעשאפונג קאן רעגולירט

ווערען לויט אונזער ווילען. דעריבער איז עס אונזער פליכט צו דער־גרייכען ווי ווייט מעגליך די בעסטע קוואליטעט קינדער. דערצו איז קודם כל נויטיג א גוטע קוואליטעט עלטערן. דא ווידער איז וויכטיג זייער ירושה, דאס הייסט די גייסטיגע און קערפערליכע קוואליטעט פון זייערע פארעלטערן. מיר מוזען נעהמען אין בעטראכט ניט בלויז די גייסטיגע פעהיגקייט און די קערפערליכע געזונדקייט, נאר מיר מוזען אויך לעגען דאס געוויכט אויף די גוטע געפיהלען, אויף דער געוויסענהאפטיגקייט און אויף אן אויסגעהאלטענעם ענערגישען ווילען. וואס איז די פעולה צו האבען געזונדע, שטארקע און אינטעליגענטע קינדער, ווען א חוץ דעם האבען זיי א שוואכען ווילען, זענען עגאיסטיש, אימפולסיוו, ביטרע אדער גאר פערברעכעריש? אזוינע ברואים (שטארקע באנדיטען) זענען די גרעסטע פלאג פון די ערליכע און אר־בייטזאמע מענשען, זיי זענען די מאוס׳ע קרעץ פון דער געזעלשאפט און אויך אן אונגליק פאר זיך גופא.

בעת דער בעפרוכטונג זאלען די עלטערן ניט זיין קראנק און אויך ניט שכור, אנים קאנען זיין די קינדער בלאסטאפטהאריש פערדארבען (זעה קאפיטעל 1). אויך די יאהרען פון די בעשאפערס זאל מען נעהמען אין בעטראכט; קינדער פון אלטע עלטערן ווערען געוועהנליך שוואך.

עס איז אי א טעות און אי אן אונגליק וואס היינט־צוטאג איז די קינדער בעשאפונג ביז אזא געוואלדיגען שטאפעל אבהענגיג פון די געלד אינטערעסען. פעהיגע, גוטע און געזונדע עלטערן, ניט קוקענדיג וואס זיי זענען אפילו ארים, זאלען זיך קיינמאל ניט אבהאלטען פון פערמעהרען זייערע קינדער. קינדער פון א גוטער קוואליטעט ערציהען זיך, אזוי צו זאגען, פון זיך אליין און זיי זענען שוין מסוגל זיך דורכ־צושלאגען אין דער וועלט. יענע וועלכע פערוועלקען און הינקען נאך, זענען גראד געווען די פראדוקטען פון א שלעכטער קוואליטעט, וועלכע זענען בלאסטאפטהאריש אדער אויף אן אנדערען אופן פערדארבען. געוויס, צופעליגע קראנקהייטען אדער אונגליקען קאנען אלעמאל פער־קרענקען א קינד, אבער דאס זענען בלויז אויסנאהמען וועלכע בעווייזען דעם כלל, מחמת אויך דא איז דער וואס שטאמט פון געזונדע עלטערן בעסער אימשטאנד אלעס גובר צו זיין, אויב ער האט ניט אבגעשוואכט

זיין ווידערשטאנדס־פעהיגקייט דורך אלקאהאל, ווענערישע קראנק־הייטען, א. ד. גל.

ביי ווילדע מענשען, און איצט נאך ביי א סך פויערים־פעלקער, זענען די קינדער מעהר אן עשירות איידער א לאסט, מחמת די דאזיגע מענשען האבען פשוט'ע און געזונדע בעדערפעגישען. עס זענען אונ־זערע אונגעזונדע און קינסטליכע בעדערפעגישען נאך צאצקעס און צירונג, נאך לוקסוס און ראפינירטע פערגעניגענס, אונזער קינסטליך ערצויגענע שוואכקייט פון די מוסקלען, אונזער ציטערען און פלאטע־רען פאר קראנקהייטען און מיקראבען, בקצור, אונזער פערוויי־כטקייט איז עס, וועלכע מאכט אונז אזוי אונפעהיג צו ערציהען גרויסע פא־מיליעס אויף א פשוט'ען און ביליגען אופן. צו דעם קומט נאך צו די גערעכטע פאדערונג אויף א העכערער און בעסערער ערציהונג פון אונזערע קינדער; אבער מיט דער ערציהונג וועט שפעטער זיך מוזען פערנעהמען דער שטאאט.

דא שטעלט זיך א פראגע וועלכע איז היינט־צוטאג נאך זעהר שווער צו פערענטפערען, אבער שפעטער, אויב אונזערע וואונשען וועלען פערווירקליכט ווערען, וועט זי ווערען ווענינער צארט און ניט אזוי קאמפליצירט. צוויי מענשען האבען זיך שטארק ליב, און זיי ווילען הייראטען, אבער וויל זיי ליידען אויף אזא אדער אויף אן אנדערער קראנקהייט, אדער וויל איינער אדערביידע האבען בירושה שלעכטע איינגעשאפטען, דעריבער פרעגען זיי דעם דאקטאר אויב זיי זאלען הייראטען. אין פאל איינער פון זיי איז געווען גייסטיג קראנק, אדער אין פאל ער איז נאך ניט אינגאנצען גייסטיג געזונד, אדער ער איז ערענסט שווינדזיכטיג, אדער ער איז ניט פולשטענדיג אויסגעהיילט פון סיפילים אדער טריפער, דעמאלט מוז דער דאקטאר קורץ און שארף פערזאגען די הייראט אלס א לייכטזיניגע און אנטי־סאציאלע האנדלונג. אלס דאקטאר האב איך דאס אלעמאל געטהון אלס א פליכט.

אויב אבער די זאך איז ניט אזוי ערענסט, און אויב עס האנדעלט זיך בלויז אן א גע'ירש'ענטען מעהר אדער ווענינער ערענסטען פעהלער, אדער אין קראנקהייטען וועלכע זענען ניט אנשטעקענדיג און אלס אזוינע ניט געפערליך פאר דער הייראט, דעמאלט קאן מען, אין די

ערגערע פאלען, בפרט ווען מען קאן מיט ווייניג ספק ערווארטען קינדער וועלכע וועלען זיין קערפערליך און גייסטיג קוואליטאטיוו אונטער דעם דורכשניט. — דעמאלט קאן מען פון א מעדיצינישען שטאנדפונקט טאקע צולאזען די היירעט, אבער פון אן עטיש־סאציאלען שטאנדפונקט דארף מען פערזאגען דאס האבען פון קינדער. גראד דא בעווייזט זיך די וויכטיגקייט פון די מיטלען קעגען שוואנגערשאפט. מען דארף פאר די מענשען קלאר מאכען ווי שלעכט און אפילו פשוט פערברעכעריש עס איז צו בעשאפען פערקרענקטע און אונגליקליכע קינדער און מען מוז זיי ווארענען פאר אזא לייכטזיניגקייט. זאלען זיי ליבער אדאפ־טירען ארימע געזונדע יתומים. איך האב אלעמאל געגעבען אזוינע עצות און איך האב געהאט ערפאלג.

עס איז אבער ניט נויטיג צו זיין צו שטרענג. דער דאקטאר האט א פעסימיסטישע טענדענץ איבעראל צו זעהען קראנקהייטען און צו מאלען שווארצע בילדער. פשוט דערפאר וואס אין א פאמיליע איז געווען א גייסטיג קראנקע מוטער אדער גאר א טאנטע, דארף דער דאקטאר ניט פערזאגען דעם שפעטערדיגען דור ניט צו האבען קיין קינדער. ניין, ער מוז אויסרעכענען די ווארשיינליכקייט פון די בירושה'דיגע איבערגענג, וועדליג מיר האבען דערקלערט אין קאפיטעל 1. נעהמענדיג אין בעטראכט דעם גייסטיגען און קערפערליכען גע־זונדסקייט־צושטאנד אזוי גוט ווי דעם כאראקטער אי פון דער חתן־כלה און אי פון זייערע פארעלטערן, מוז זיך דער דאקטאר פרעגען וואסערע דורכשניטליכע קוואליטעט קינדער קאן מען ערווארטען פון אזא פערבינדונג. וועדליג צו וואסערען סך הכל ער וועט קומען, צי די קינדער וועלען ווארשיינליך שטעהען איבער אדער אונטער דעם דורכשניט פון דער בעפעלקערונג, וועט ער ראטען די קינדער־בעשאפונג מעהר אדער ווייניגער צו בעשרענקען, אדער, אדרבה, צוצורעדען צו האבען קינדער.

ער דארף דערביי ניט צו הויך אבשאצען דעם דורכשניטליכען שטאפעל פון דער מענשהייט, און ער זאל כסדר אין זין האבען די גייס־טיגע שמאלקייט, די שוואכקייט פון ווילען, די מאראלישע מינדערקייט און די קערפערליכע אונזיכערקייט פון דער ברייטער מאסע פון דער בעפעלקערונג. דעריבער ווען געבילדעטע און אינטעליגענטע מענשען,

זייענדיג אבער אין דערזועלבינגער צייט לייכט פסיכאפאטיש אדער ליידענדיג פון עפעס בירושה, ווענדען זיך צום דאקטאר מיט אזוינע פראגען, מחמת זיי זענען זעהר געוויסענהאפט און פארזיכטיג, זאל ער זיי בערוהיגען און זיי ראטען צו פירען אן אמת ה י ג י ע נ י ש און א ל ק א ה א ל ־ פ ר י י לעבען, אבער ער זאל זיך היטען ניט צו מאכען די סטעריליטעט פאר זייער פליכט, מחמת מען קען פונדעסטוועגן דאך האפען, אז זייערע קינדער זאלען מאראליש און גייסטיג שטעהען איבער דעם דורכשניט, און אויב אלע בלאסטאפטהארישע איינפלוסען ווערען פערהיט, קאנען זיי אפילו אנטקעגען געהען זייער רעגענעראציע. בקצור, דער דאקטאר מוז דא שאצען איטליכען פאל בעזונדער, גענוי אבוועגען אלע זייטען פון דעם פראבלעם און זיך היטען ניט בעיינפלוסט צו ווערען פון איינזייטיגע דאגמעס. נאר אויף דעם אופן קאן ער געבען א גוטע און א ניצליכע עצה.

דאס וואס עס בערוהיגט אונז און איז בעזונדערס וויכטיג איז, וואס מיר וויסען, אז פון א סאציאל־היגיעניש[ע]ן שטאנדפונקט איז ניט נויטיג ניט צו ערלויבען די הייראט בלויז דערפאר אליין, וואס די קינדער קאנען זיין שלעכט. מיר קאנען ערלויבען צו הייראטען אי אונגליקליכע פסיכאפאטען און אי בירושה נארישע און שלעכטע מענשען, און אפילו קריפלען, פון זיי בלויז פערלאנגענדיג, אז זיי זאלען אויף דעם אדער אויף יענעם אנגעגעבענעם אופן זיך היטען, אז זייער געשלעכטס־פערקער זאל זיין סטעריל. אין אזוינע פאלען קאן מען פאר אייביג העלפען ווען מען שניידט אויס די טובען. ליידער אבער קאנען די כירורגען און די גינעקאלאגען ביי זיך זעהר שווער פועל'ען צו מאכען אן אפעראציע צוליב אזוינע אורזאכען, אפילו ווען זיי ווערען געבעטען פון דעם פארפאלק גופא. זיי אפערירען יא ווען עס איז פאראן אן ארטליכע קראנקהייט, אבער אן ערענסטער ירושה פעהלער אדער אפילו א שווערע נערוועז־קראנקהייט איז פאר זיי זעלטען גענוג בעוויין פאר אזא אפעראציע. אויף אזא אופן אבער וואלטען מיר די דאזיגע אונגליקליכע מענשען באלד פון אנהויב ניט אבגעשניטען יעדעס גליק פון ליבע און לעבען, און מיר וואלטען זיי ניט אריינגעטריבען אין די ארימס פון דער פראסטיטוציע אדער פון א ביטערען פעסימיזם. מען זאל קיינמאל ניט פערגעסען, אז א גרויזאמע פארשריפט לאזט זיך סוף כל סוף ניט דורכפירען.

מעדיצינישע סודות. — דער מעדיצינישער סוד מיט זיינע גרעניצען איז אן אויסערגעווענליך דעליקאטער ענין און גראד אין דעם סעקסועלען געביט פירט ער צו גאנץ בעזונדערע שוועריגקייטען. דער שטאנדפונקט בייט זיך ווערליג די פערשידענע לענדער און ווערליג די פערשידענע אינדיווידועו. בעזונדערס אין פראנקרייך איז דער מעדיצינישער סוד כמעט געווארען אן אבגאט. אין זיין נאמען קאן דער דאקטאר זיך אבזאגען פון צו זיין אן עדות אין געריכט און ער קאן אפילו בעהאלטען א פערברעכען, א. אז. וו. פערקערט, זענען אבער אויך פאראן לענדער, וואו דער דאקטאר זאגט אפטמאל אויס מיט א גאנץ לייכט הארץ אלעם וואס דער קראנקער האט איהם אנפערטרויט. בקצור, דער מעדיצינישער סוד איז אן עלאסטישער בעגריף וועלכער קאן ווערען דורך סאפיסטישע פערטייטשונגען א שווערט מיט צוויי שארפען.

הגם געוויסע איינציגע פאלען קאנען טיילמאל געבען גרויסע שוועריגקייטען, איז אבער דאך פאראן אן אלגעמיינע עטישע ריכט-שנור, וועלכע קאן דינען איטליכען געוויסענהאפטען דאקטאר אלס א וועגווייזער. דער דאקטאר האט די פליכט צו שווייגען מכח אלצדינג וואס זיינע פאציענטען אנפערטרויען איהם, כיבא נאטירליך ווען די פאציענטען גופא רעדען עפענטליך דערפון אדער ווען זיי ערלויבען דעם דאקטאר מכח דעם צו רעדען אדער צו שרייבען. דער דאזיגער כלל האט אבער אויסנאהמען. ראשית נעהמט ער אן די נארמאלע פער-אנטווארטליכקייט פון דעם קראנקען, און דעריבער איז ער בלויז בע-דינגליך ביי די ניט פעראנטווארטליכע. ווען א משוגע'נער, א שטיי-גער, דערצעלט א דאקטאר אונטער דעם זיגעל פון פערשוויגענקייט געוויסע זאכען וועלכע קומען פון א קראנקער פאנטאזיע און זענען א געפאר פאר דער זיכערקייט פון אנדערע מענשען, אדער צוליב וועלכע עס ווערט נויטיג אנצונעהמען געוויסע מיטלען לטובה דעם קראנקען גופא, דעמאלט האט דער דאקטאר די פליכט, בכדי צו פערהיטען אן אונגליק, צו לאזען וויסען דעם צושטאנד, *אבער נאר די ריכטיגע מענשען*. דאס זעלביגע איז גילטיג בנוגע צו קינדער. אז דער דאקטאר דארף דערביי אנווענדען אלע מיטלען לטובה דעם קראנקען אדער קינד, פערשטעהט זיך אליין.

אבער אפילו אנטקעגען פעראנטווארטליכע מענשען האט דער מעדיצינישער סוד זיינע גרעניצען. אונזער מיינונג איז, אז דער דאקטאר איז בלויז אזוי ווייט מחויב צו האלטען א סוד כל זמן ער איז ניט א סכנה פאר די רעכטען פון אנדערע מענשען און קודם כל פאר דער געזעלשאפט. פונקט אזוי גוט ווי עס איז דעם דאקטאר'ס פליכט א פאקען־ אדער א כאלערא־קראנקען קענען זיין ווילען אנצוצייגען און צו לאזען איזאלירען בכדי צו פערהיטען דאס אונגליק פון אן עפידעמיע, און דעריבער גילט דא ניט קיין סוד, פונקט אזוי גוט האט ער אויך די פליכט דאס אייגענע צו טון אין אנדערע ענליכע פאלען. בקצור, ער טאר ניט, בעת אבהיטענדיג א סוד, ווערען א מיטשולדיגער פון אונגליקס־פאלען אדער פערברעכענס.

מיר ווילען דא געבען א פאר ביישפילען וועלכע האבען א שייכות צום סעקסועלען געביט:

א דאקטאר ווערט קאנסולטירט פון א מאן, וועלכער פערטרויט זיך פאר איהם, אז ער לײדט פון סאדיזם אדער אז ער האט א סעקסועלע נייגונג צו יונגע קינדער. עס איז קלאר, אז דער דאקטאר האט דא צו טון מיט א געפערליכען מענש און, אז ער געפינט זיך אין א שווערער לאגע. אין אזוינע פאלען זענען ניט גוט עקסטרעמע האנדלונגען. דער דאקטאר, וועלכער בעהאנדעלט פשוט דעם קראנקען דערביי ניט א טראכט טוענדיג מכח זיינע מעגליכע קרבנות, בעגעהט אן אונגערעכטיגקייט. דער דאקטאר אבער, וועלכער, ווי איך בין אין א געוויסען פאל געוואר געווארען פון זיכערע קוועלען און וואס איך האב שוין פריהער דערמאנט, האט געהאט פאר אזא מין קראנקען בלויז דעם ענטפער: „איהר זענט א שווין, ארויס פון דאנען, אדער איך וועל אייך אנצייגען", בעגעהט נאך אפשר א גרעסערע אונגערעכטיגקייט. אבער פונקט אזא אונגערעכטיגקייט בעגעהט אויך יענער דאקטאר, וועלכער נעהמט אהן טענות־ומענות און צייגט אן אזא מענש. דער דאקטאר דארף צוערשט דעם דאזיגען קראנקען גרינדליך אונטערזוכען, ווי ווייט טיף אריינבליקען אין דער נשמה פון דעם פאציענט, פעסטשטעלען דעם גראד פון דער פערווערזיע און זיך איבערצייגען אויב ער האט פאר זיך אן ארימען און ערליכען מענש וועלכער קעמפט מיט פערצווייפלונג און מיט אלע זיינע כחות קענען זיין קרענקליכער נייגונג, אדער אדרבה

אז ענאַיסטישע און געוויסענלאָזע בריאה, וועלכע קאָנסולטירט דעם דאָקטאָר בלויז בכדי זיך ארויסצודרעהען פון א מאָמענטאַנער שווערער לאַגע אין וועלכער זיין פערווערזער טריב האָט איהם אריינגעשלעפּט, און וועלכער גיט נאָך זיין קרענקליכען אַפּעטיט אהן א ברעקעל חרטה און איז א סכנה פאַר דער געזעלשאַפט. די לעצטע פאַלען זענען ליידער די אָפטסטע און דעם דאָקטאָר זוכט מען געוועגליך צו מיסברויכען פאַר זייערע אייגענע צוועקען. אויב דער דאָקטאָר וועט צוליב בעקוועמליכקייט אויך אין אזוינע פאַלען זיך איינרעדען, אז ער מוז היטען דעם מעדיצינישען סוד, אָדער אין פאַל ער איז אפילו ערליך אבערצייגט און דער דאָזיגער פליכט זיינער, ווערט ער דעמאָלט א מיטשולדיגער פון דעם פערברעכער.

גאַטירליך צווישען דעם ערליכען, גוטען און דעם דורך געוויסענסלאָזען קראַנקען זענען פאַראַן צווישען-שטאַפּלען . היינט, וואס זאָל טון דער דאָקטאָר? ער זאָל צוערשט מאַכען א גענויע אונטערזוכונג און מיט זיין אורטייל אָבוואַרטען ביז ער וועט זיין פולשטענדיג זיכער מכח דעם פאַל. טאָמער איז ער אין דעם דאָזיגען געביט ניט גענוג געניט, זאָל ער צוציהען א ספּעציאַליסט, א פּסיכיאַטער אָדער נייטראָלאָגיסט. דעמאָלט וועט ער האַנדלען וועדליג דעם אויספאַל פון דער אונטערזוכונג. האָט ער זיך איבערצייגט, אז דער קראַנקער האָט אַן אויפריכטיגען און ערענסטען ענטשלוס מיט אלע כחות גובר צו זיין זיין קרענקליכען אַפּעטיט, אז ער איז אויך ביז איצט ווידערגעשטאַנען דעם רייץ און האָט קיינעם ניט געשעדיגט, דעמאָלט זאָל ער מיט אלע מיטלען (א חוץ חתונה האָבען) דעם קראַנקען ערמוטיגען אין זיין ווידערשטאַנד און איהם העלפען בעפרייען פון זיינע ליידען; ער זאָל איהם אויפמערקזאַם מאַכען אויף די געפאַרען פון זיין צושטאַנד; ער זאָל איהם אפילו (א שרעקליכער געדאַנק) רעקאָמענדירען דעם אָנאַניזם אָדער די קאַסטראַציע, בכדי אין א נויטפאַל אויסצומיידען א פערברעכען; ער זאָל פון איהם בעקומען דאָס פערשפּרעכען, אז ער וועט צו איהם קומען, אָדער ער וועט זיך אליין פרייוויליג אריינגעבען אין אַן אַנשטאַלט, וויבאַלד ער וועט מעהר ניט זיין בכח ווידערצושטעהען; דעמאָלט קאָן ער רעספּעקטירען דעם מעדיצינישען סוד. אויף דעם אופן קאָן ער אָפטמאָל ראַטעווען דאָס לעבען פון דעם קראַנ־

קען און אין דערזעלביגער צייט א סך בעסער בעשיצען די געזעלשאפט איידער דאס טוט אונזער שטראף־יוסטיץ.

ביי ערענסטערע פאלען, דעמאלט ווען דער דאקטאר איבערצייגט זיך, אז דער קראנקער קאן זיך ניט קאנטראלירען און ניט ער וויל זיך קאנטראלירען, אדער אז ער האט שוין אפשר אויך בעגאנגען פערברע־כענס, זאל ער אמבעסטען טון אזוי: ער זאל זאגען דעם קראנקען, אז ער קאן אויף זיך ניט נעהמען די פעראנטווארטליכקייט פון אזא ערענסטען צושטאנד, און ער זאל פון איהם פאדערען זיך באלד צו לאזען אריינגעבען אין אן אנשטאלט, אניט וועט ער זיין געצוואונגען איהם איבערצוגעבען צו דער פאליציי. ער מוז איהם געבען צו פער־שטעהען, אז ער איז א געפאר פאר דער געזעלשאפט און אז ער געהט אריבער די גרעניץ פון דאס וואס איז ערלויבט. אבער אין פאל ער וועט זיך אליין איבערגעבען און איינגעהען אויף א ראציאנאלער בע־האנדלונג און אויף א פערזיכערונג קעגען זיך, וועט ער (דער דאקטאר) שוין זארגען דערפאר, אז די זאך זאל ניט קומען אין געריכט. ווערליג די פאלען קאן מען זיין מעהר שטרענג אדער וועניגער שטרענג. קיינ־מאל אבער, ווי איך האב שוין געזאגט, דארף די פליכט אבצוהיטען דעם מעדיצינישען סוד ניט געהען אזו ווייט, אז דער דאקטאר זאל דורך דעם ווערען א מיטשולדיגער פון געפערליכע פערברעכערס. אין אזוינע פאלען איז דאס משוגעים־הויז דאס איינציגע עיר־מקלט פאר די קראנקע און דאס בעסטע הילפס־מיטעל פאר דעם דאקטאר, פונקט ווי דאס פאקען־הויז אדער כאלערא־לאזארעט איז פאר פאקען־ און כאלערא־קראנקע.

פאר מיין ערשטעןביישפיל האב איך גראד אויסגעקליבען איינע פון די ערגסטע קאטעגאריעס קראנקע, ביי וועלכע מען קאן זיך אלעמאל רעכענען מיט דער וואהרשיינליכקייט, אז זיי זענען אדער אז זיי קאנען ווערען געפערליך פאר דער געזעלשאפט. אבער עס קומען נאך פאר אנדערע פאלען, אזוינע צ. ב. וועלכע זענען דראמאטיזירט געווארען אין בריעו'ס "Les Avaries" (די בעשעדיגטע). א סיפיליטיקער וויל הייראטען איידער ער איז נאך אויסגעהיילט, און ער ראט זיך ווענען דעם מיט זיין דאקטאר. איז די פליכט פון דעם דאקטאר אין דעם דאזיגען פאל ניט מעהר ווי בלויז דעם קראנקען אבצוראטען דערפון? און ווען דער קראנקער וויל איהם ניט פאלגען, דארף ער

אדער מוז ער שווייגען און לאזען געשעהען אן אונגליק צוליב יראת הכבוד פאר דעם מעדיצינישען סוד? האט ער אפשר ניט א גרעסערע פליכט צו זאגען דעם קראנקען: „היט זיך און געדענקט, אז אויב איהר וועט מיך ניט פאלגען, וועל איך אייער כלה אדער איהרע עלטערן באלד לאזען ווייסען וועגען אייער צושטאנד"? איך דענק אז דאס איז זיין פליכט. אבער דער דאקטאר דארף זיך דא ניט בעגעהען מיט דעם קראנקען ווי מיט אן אונפעראנטווארטליכען פאציענט און אלעס טון הינטער זיינע פלייצעס. ער מוז איהם, לויט מיין מיינונג, דירעקט און אפען ווארענען און צו איהם טענה'נען אונגעפער אזוי:

"איהר האט זיך פאר מיר פערטרויט. אבער אלס א דאקטאר האב איך די פליכט נאר אזוי לאנג צו שווייגען וועגען אייער צושטאנד, כל זמן איהר זענט ניט געפערליך פאר אנדערע מענשען. אין פאל אבער איהר זאלט טראץ אלע מיינע רייד און ווארנונגען זיך דאך צו־גרייטען און וועלען הייראטען אין אייער איצטיגען צושטאנד, און אזוי ארום מאוס אבנארען אן אונגליקליך יונג מיידעל און איהר פאמיליע און צוברעכען איהר געזונד, גלויבענדיג אז די פליכט פון דעם מעדיצי־נישען סוד בינד מיין צונג, זאג איך אייך, אז איך האב א העכערע פליכט איידער די פליכט פון א דאקטאר צו זיין פאציענט — מיין סאציאלע פליכט, און די דאזיגע פליכט וועל איך ערפילען. געדענקט! איך וועל היטען אלע אייערע שריט און וועל ניט דערלאזען, אז אן אונשול־דיגער מענש זאל ווערען א קרבן פון אייער פערברעכערישער ניט־בע־רעכענטקייט".

אט אזוי און ניט אנדערש פערשטעה איך די פליכט פון א גע־וויסענהאפטען דאקטאר, וועלכער ווייסט ווי אזוי אויפצוהאלטען דעם כבוד פון זיין פראפעסיע. אן ענליכען פאל האב איך געהאט מיט א דורך און דורך שווינדזיכטיג בחור'ל, וועלכעם האט מיט געוואלט זיך געריסען צו ווערען א חתן. פער'עקשנ'ט און חוצפה'דיג האט ער זיך מיר געשטעלט אנטקעגען בעת איך האב איהם דערקלערט, אז ער וועט בעגעהען א פערברעכען קעגען דער מיידעל. דערויף האב איך איהם געזאגט קאלט און זיכער, אז איך וועל דעם מיידעל אלעס לאזען וויסען: איך האב דאס טאקע באלד געטון, און ער האט מיט דעם מיידעל ניט חתונה געהאט. עס איז איהם שפעטער געלונגען צו געווינען דאס הארץ פון אן אנדער מיידעל, און דאס מיידעל האב איך אויך געוואר־

רענט, אבער טראצדעם האט זי מיט איהם געהייראט. לכל הפחות האב איך געטון מיין פליכט.

לויט מיין מיינונג האבען מיר דיזעלביגע פליכט אין אלע פאלען וואו מענשען האבען כראנישע טריפערס, אין אלע פאלען פון משוגעת, קאנסטיטוציאנעלע געשלעכטליכע פערווערזיעס, א. אז. וו.

פריהער, ווען מען האט דעם האמא־סעקסואליזם געהאלטען פאר א דערווארבענע אויסגעלאסענקייט, האט מען איהם געפרופט קורירען דורך חתונה האבען. נאך היינט־צוטאג קומען פאר די דאזיגע סאציאל שרעקליכע האנדלונגען, און זיי ווערען נאך אפילו רעקאמענדירט פון דאקטוירים עמרצים. געוויסע האמא־סעקסואליסטען זענען אפילו אזוי ראפינירט, אז זיי ווילען האבען קינדער קליינע האמא־סעקסואליסטען. אזוי ווי אבער, פערשטעהט זיך, פון א סעקסועלען פערקער מיט זייערע געליבטע מענער קאנען זיי ניט קומען צו דעם דאזיגען נחת, האבען זיי חתונה כדי מיט מיה, נויט און עקעל צו האבען עטליכע קינדער מיט דער אונגליקליכער פרוי, וועלכע ווערט זייער קרבן, דערביי זיך ניט אבהאלטענדיג און נאכגעבענדיג זייערע אבנארמאלע ליידענשאפטען צו מענער. זיין פרוי איז ביי זיי א הויז־פרוי אדער א דינסט, וועלכע האט זיך א זייטיגע בעשעפטיגונג — צו ברענגען עטליכע קינדערלעך אויף דער וועלט. ניין, קיין דאקטאר מיט א געפיהל פון זעלבסט־רעספעקט דארף זיך לאזען מאכען פאר א מיטשולדיגען אין אזא הייראט. אויך דא איז זיין חוב דעם האמא־סעקסואליסט צוווארענען, אז ער וועט לאזען וויסען זיין כלה, אויב מען זעהט אז ער וויל באמת בעגעהען דאס פערברעכען.

ווייטער קאן דער דאקטאר קאנסולטירט ווערען פון א מענש, וועלכער פערטרויט איהם געוויסע פעהלערס אדער קראנקהייטען, טיילמאל ניט מעהר ווי א שוואכקייט וועלכע ער האט בירושה, און מען פרעגט איהם אויב עס איז ראטזאם טראצדעם צו הייראטען. עס זענען פאראן פאלען וואו מען איז אין ספק און וואו די גאנצע זאך ווענדט זיך אין דעם וואס דער צווייטער צד דענקט, אויב ער בעשטעהט דורכוים אויף דעם צו האבען קינדער און אויב אפשר אויך דער צווייטער צד ליידט פון ענליכע בירושה׳דיגע שוואכקייטען אדער פעהלערס. אין אזא פאל האט דער דאקטאר די פליכט קודם כל צו פערלאנגען די פולסטע אפענהארציגקייט און צו זאגען: „גוט; אונטער די און יענע אומ־

שטאנדען אדער אונטער אזוינע און אזוינע בעדינגען קאנט איהר אפשר יא הייראטען, אבער אונטער קיין שום תרוץ טארט איהר ניט בעהאל־טען דעם אמת פאר אייער כלה (אדער חתן). עס איז דאך סוף כל סוף פאר אייערע אייגענער טובה וועגען, מחמת א הייראט וועלכע האלט זיך אויף א ליגען, קאן קיינמאל ניט זיין גליקליך. ערלויבט מיר זיך דורכצורעדען מכח דער זאך מיט אייער כלה (אדער חתן). מיר וועלען שפעטער זעהען וואס דאס בעסטע איז צו טון." געווענליך ווערט דאס ערלויבט און דער דאקטאר קאן אויף דעם אופן טון א סך גוטס און פערהיטען געוויסע אונגליקען.

מען קאן דא ניט אויפשטעלען קיין אלגעמיינע כללים. ווערליג דעם גראד פון דער בירושה'דיגער שוואכקייט אדער דעם כאראקטער פון דעם פעהלער זאל די הייראט אהן קינדער. און טיילמאל אפילו מיט קינדער, יא אדער ניט צוגעלאזט ווערען. אין אזוינע פאלען איז זעלטען נויטיג א דראהונג; דאס ווארענען און סטראשען איז אבער אלעמאל נויטיג ביי עגאיסטישע און שלעכטע מענשען.

א סך מאל האב איך געהאט די פרייד וואס חתן־כלה זענען צו מיר געקומען, מיר אפענהארציג איבערגעגעבען אלע זייערע אינטימע פערהעלטניסען און שפעטער מיך געבעטען זיי צו ראטען אויב זיי זאלען חתונה האבען אונטער אזוינע אומשטאנדען. אט דאס איז דער וועג אויף וועלכען מען זאל געהען, אויב די מענשען וואלטען געוועז ערליך בנוגע צו די געשלעכטס־פראגען און וואלטען בעסער פערשטאנען זייערע אייגענע אינטערעסען. אויף דעם אופן ווערט אויך דעם דאקטאר גע־מאכט גרינגער צו געבען א שכל'דיגע עצה. עס ווילט זיך האפען, אז די כסדר וואקסענדיגע אויפקלערונג פון די פאלקסמאסען מכח דעם דאזיגען גאנצען ענין, וועט אלעמאל מעהר און מעהר מאכען לייכטער צו קומען צו א גערעכטען סך הכל אפילו אהן די הילף פון א דאקטאר.

פריהער האבען מיר שוין גערעדט פון אן אנדערער פראגע וועלכע ווערט זעהר אפט געשטעלט דעם דאקטאר, די פראגע פון דעם קינסטליכען מפל'ען. איך וועל דא ניט איבער'חזר'ען דאס וואס איך האב שוין געזאגט מכח דעם ענין; איך וויין בלויז אן אויף קאפיטעל 13 (3 שטראף־געזעצע). אין איטליכען פאל ווערט דער דאקטאר מוזען געוויסענהאפט אבוועגען אלע אומשטאנדען. איך בעטאן דא נאך אמאל, אז ער זאל דא אויך געהמען אין בעטראכט די

סאציאלע אינטערעסען, און ניט אונטער אלע אומשטאנדען אלעמאל פערלאנגען דאס צושטאנדקומען פון א קינד, אפילו גוען מען איז זיכער אז עס וועט זיין אן אונגליקליכער קריפעל, בלויז נאר דערפאר אליין, ווייל דער צושטאנד פון דער מוטער איז ניט קעגען דעם. בקצור, מען זאל ניט בלויז אליין און נאר אליין נעהמען אין בעטראכט די אינטערעסען פון דער מוטער'ס געזונד־צושטאנד, ווי עס ווערט געטון ביז איצט, נאר מען זאל אויך נעהמען אין בעטראכט די אינטערעסען פון דעם עמבריא. צוגעגעבען אז געבוירענע קריפלען דארף מען אויפהאלטען ביים לעבען: מען זאל אבער לכל הפחות ווי ווייט מעגליך פערהיטען אז קריפלען זאלען בכלל ניט געבוירען ווערען. מען וועט מיר אחן ספק ענטפערען, אז די קוואליטעט פון א קינד איז א סך גרינגער צו דערקענען נאך זיין איידער פאר זיין געבוירען־ווערען. דאס גיבען מיר צו. אבער כל זמן די געזעצען בעשיצען דאס לעבען אפילו פון די אונגליקליכסטע פערזעהענישען, מוזען מיר זיך העלפען ווי אזוי מיר קאנען.

די בעהאנדלונג פון געשלעכטס-קראנקהייטען. — אין קאפיטעל 8 האבען מיר געזאגט, אז די פערהיטונג פון די ווענערישע אנשטעקונגען איז זייער איינציגע פולשטענדיג צופערלעסיגע בעהאנדלונג. אבער ווי אזוי פערהיט מען זיי? ערשטענס דורך דעם וואס מען מיידט אוים די פראסטיטוציע, צווייטענס דורך ניט טרינקען קיין אלקאהאל, דריטענס דורך א שטרענגער רייגליכקייט ביים געשלעכטס-פערקער און באלד דערנאך (וואשונגען), פיערטענס דורך א פריהערדיגער מעדיצינישער אונטערזוכונג פון דעם צווייטען צד, פינפטענס דורך בענוצען קאנדאמען (דער מאן), זעקסטענס דורך אויסמיידען ניט צו קושען דאס מויל ביי צווייפעלהאפטע מענשען, זיבעטענס דורך אויסברענען יעדע פערדעכטיגע שטעלע (א קראץ א פרישטשעל, א.אז. וו.). א מאן, ביי וועמען די פארהויט (ערלה) איז ניט גענוג ברייט אפען, זאל ער זי לאזען ברייטער מאכען דורך א אפעראציע (פימאזים־אפעראציע). פרויען אויב זיי האבען מורא פאר אן אנשטעקונג, זאלען פאר און נאך דעם געשלעכטס-פערקער מאכען לעבליך־ווארימע איינשפריצונגען מיט 1 פרא טויזענד סובלימאט־לייזונג. (פאר גאסענפרויען, וועלכע האבען יעדען טאג א געשלעכטס־פערקער מיט א סך

מענער קאנען די דאזיגע איינשפריצונגען ווערען געפערליך צוליב דער אפטקייט.) אין דער פארהויט ביי די מענער האלט זיך שמוץ. די וואס זענען גע'מל'ט ווערען א סך ווייניגער ווענעריש אנגעשטעקט איידער די וואס זענען ניט גע'מל'ט. דער אורין־קאנאל ווערט אויסגעשווענקט ווען מען לאזט דעם אורין נאך דעם געשלעכטס־פערקער.

כדי זיך צו פערהיטען פון ווענערישע אינפעקציעס זענען קויטשוק־קאנדאמען זיכערער, ווייל זיי זענען לייכטער צו וואשען און זענען פול־שטענדיג געדיכט. אבער מען קאן אויך געברויכען די קאנדאמען וואס זענען געמאכט פון א הייטעל פון חיות, אויב מען טונקט זיי איין אין א סובלימאט־לייזונג, און מען נוצט זיי בלויז איין מאל. ווייטער איז אהן א שעור וויכטיג, אז אלע מענשען זאלען שוין אין זייער יוגענד ווערען אויפגעקלערט מכח דער געפאר און מכח דער פערהיטונג פון די ווענערישע קראנקהייטען.

מכח דער בעהאנדלונג און דער ענטוויקלונג פון סיפילים איז פאראן א געוואלדיגע פערשידענקייט פון מיינונגען. בעת דער קוועק־זילבער ווערט פון די מייגסטע דאקטוירים ביז איצט נאך אויפגעהויבען ביז צום הימעל און ווידמעט פאר איהם די גוזמא'דיגסטע לויב־לידער, ווערט עס פון אנדערע פערדאמט און אפילו דירעקט בעשולדיגט אלס די אורזאך פון רוקענמארך־צערונג און פאראליזיס. שטארק אויפאלענדיג איז, וואס ביי די ציוויליזירטע פעלקער בושעווען שרעקליך די לעצטע קראנקהייטען צווישען אלטע סיפיליטיקער, בעת צ. ב. ביי אראבער איז דאס ניט אזוי, און זיי ליידען דערפאר מעהר פון סיפילים אין די ביינער און אויף דער הויט. איז אין דעם שולדיג אונזער שכרות, אונזער שטארקע געהירן־ארבייט, אדער איז אין דעם שולדיג די קוועק־זילבער־בעהאנדלונג? איך גלויב, אז ביי אונז ווירקט מיט דער אלקאהאל, און וואס איז שייך די אראבער איז סיפילים צו זיי ערשט ניט לאנג פערשלעפט געווארען. אין דער לעצטער צייט האט מען געהאט א גאנץ גוטען ערפאלג אהן דער בעהאנדלונג מיט קוועקזילבער, און די געגנערס פון קוועקזילבער טענה'ען, אז דער כאראקטער פון סיפילים האט זיך ביי אונז ביסלעכווייז געענדערט אין משך פון די יאהרען.

אנטקעגען אלע דאגמאטישע בעהויפטונגען פון די געגנערס פון דער בעהאנדלונג מיט קוועקזילבער, שטעהט, וואס איז שייך צו מיר, אויף דעם יסוד פון מיין לאנגיאהריגער ערפארונג דאס פאלגענדע:

1. אין אנהויב פון סיפילים ברענגט דער קוועקזילבער זעהר גוטע רעזולטאטען; אבער נאכדעם ווי די קראנקהייט דויערט א לענגערע צייט איז עס מעהר ניט ניצליך און שאדט נאר. ביי דער בעהאנדלונג פון דער אזוי גערופענער מעטא־סיפילים (פאראליזים און צערונג) איז דאס קוועקזילבער אלעמאל שעדליך, פערערגערענדיג.

2. די שיינבארע אויסהיילונג פון א פרישער סיפילים, סיי מיט אדער סיי אהן קוועקזילבער, שיצט ניט אויף קיין שום אופן קעגען א שפעטערדיגען אויסברוך פון דער אזוי־גערופענער מעטא־סיפילים (אפילו ניט נאך 20 יאהרען אדער מעהר).

3. עס זענען אמת פאראן פריהצייטיגערע פארמען פון אן אייגענטליכער געהירן־סיפילים (סיפיליטישע געשווירען און קראנקהייטען פון די געפעסען), אבער אויך די עכטע פאראליזים און די עכטע רוקענמארך־צערונג זענען אויסשליסליך די פעולה פון א פריהערדיגער סיפילים (מעטא־סיפילים). עס זענען אויך פאראן א פסעודא־פאראליזים און א פסעודא־טאבעס, פארמען וועלכע האבען ניט קיין סיפיליטישען אורשפרונג. אבער דאס זענען אנדערע, א סך זעלטענערע קראנקהייטען און מען קאן זיי מיקראסקאפיש אונטערשיידען פון דער מעטא־סיפילים.

4. ביי אן אונשולדיגער בתולה (וועלכע איז ניט צופעליג געווארען סיפיליטיש אנגעשטעקט אויף אן אנדערען וועג) און ביי קינדער, וועלכע האבען ניט געליטען פון אן מיטגעבוירענער סיפילים קומען בכלל ניט פאר געהירן־פאראלזיים און רוקענמארך־צערונג.

דא קאנען מיר זיך ניט אבשטעלען אויף אלע איינצעלקייטען פון דער אייגענטליכער בעהאנדלונג, מחמת עס האנדעלט זיך מכח א ריין מעדיצינישען ענין. מיר ווילען בלויז בערירען עטליכע אלגעמיינע פונקטען. די ווענערישע קראנקהייטען ווערען אפטמאל בעזונדערס דערפאר שלעכט בעהאנדעלט, מחמת די קראנקע, ווי מיר האבען געזעהען אין קאפיטעל 10, שעמען זיך צו לאזען בעהאנדלען. מיין מיינונג איז אז מען זאל ביי דער בעהאנדלונג פון די דאזיגע קראנקהייטען מיט אלערליי מיטלען זוכען צו שווינען די געהיימניסען און די געפיהלען פון בושה פון די קראנקע. עס זאלען זיין ספעציעלע שפיטעלער פאר איטליכען געשלעכט בעזונדער, מיט אבגעשיידטע אבטיילונגען, אזוי אז דער קראנקער זאל זיך דארטען קאנען בעהאנדלען און דערביי קאנען אבהי־

טען זיין אנאנימיטעט. דאס שפיטאל־געלד קאנען דאך די קראנקע ארײנשיקען פארויס און אין געוויסע פאלען קאנען זיי אפילו טראגען מאסקען, כדי מען זאל זיי ניט דערקענען. קיין שום זאך שטעהט ניט אזוי פיל אין וועג זיך צו לאזען בעהאנדלען, בעזונדערס ביי ווענעריש אנגעשטעקטע פרויען, ווי די מורא צו ווערען דערקענט. בעת ביי חוצפה'דיגע און אונפערשעמטע יונגאטשעס איז דאס א גארניט און בעת די עפענטליך געבראנדמארקטע הורען פון דער שטאאט־פראס־טיטוציע האבען העכסטענס פיינד די בעהאנדלונג, מחמת דאס שטערט זיי זייער פערדינסט, זענען עס גראד די אנשטענדיגערע עלעמענטען, בעזונדערס פרויען, וועלכע ווייכען אויס די בעהאנדלונג צוליב בושה און צוליב זייער נאמען ווען זיי טרעפט דאס אונגליק צו ווערען אנגע־שטעקט. שרעקליך איז פאר זיי זיך צו מוזען ארויסגעבען און נאך שרעקליכער איז פאר זיי ארײנצופאלען אין דער שמוציגער געזעלשאפט פון די בארדעל־הורען אין די געוועהנליכע ווענערישע אבטיילונגען פון די שפיטעלער. די דאזיגע געפיהלען פון כבוד זאלען געשוינט ווערען. איך זעה ניט דעריבער קיין שום אנדערען וועג ווי די איינפירונג פון אן אבגעזונדערטער, אנשטענדיגער און אנאנימער שפיטאל־בעהאנדלונג, אויך פאר ארימע מענשען, אין אלע גרעסערע שטעדט. אויף אזא אופן וועט די הומאניטארע ארבייט פון פערקלענערען די צאל אינפעקציעס ניט בלויז זיין א טובה פאר די קראנקע, נאר אויך פאר דעם גאנצען פאלק.

געוויס, עס בלייבט נאך איבער די בעהאנדלונג ביי א פריוואט דאקטאר. אבער ביי א פריוואט דאקטאר קאן די בעהאנדלונג ניט אזוי לייכט בלייבען בסוד און א חוץ דעם איז זי צו טייער פאר ארימע מענ־שען. כמעט אלע קראנקען־קאסען (פאנדען) זאגען זיך דא אב צו העלפען. לטובת הכלל איז דעריבער נאך מעהר נויטיג צו בעשאפען אזוינע שפיטעלער, וועלכע וואלטען געברענגט א סך מעהר נוצען פאר דער סאציאלער ריינליכקייט איידער די ניט געראטענע רעגולאציע פון דער פראסטיטוציע. מכח וועלכע מיר האבען פריהער גערעדט.

פונקט אזוי וויכטיג איז די בעהאנדלונג פון סעקסועלע פערווער־זיעס. בנוגע צו איהר זענען פאראן וויכטיגע אלגעמיינע כללים וועלכע איך וואלט דא געוואלט אנגעבען. אין אלגעמיין זענען די סעקסועלע פערווערזיעס א פעולה פון א גע'ירש'ענטער דיספאזיציע פון געהירן,

אדער אניט קומען זיי פון אוטא־סוגעסציעס, פון קרענקליכע וואונדען אדער פון שלעכטע געוואוינהייטען. אין די דאזיגע לעצטע פאלען איז אייגענטליך פאראן נאר איין מיטעל, א מיטעל וועלכעס זאל, אדער דורך דעם קריגען פון גוטע געוואוינהייטען, אדער דורך דעם ארויסקלעמען פון די אלטע וואונדען, דירעקט אנטקעגענווירקען דעם איבעל, און דאס דאזיגע מיטעל איז די פסיכאטהעראפיע, סיי פשוט די היפנאטישע סוגעסציע, סיי אין פערבינדונג מיט דעם פסיך־אנאליז. אנדערע מיטלען, צוםביישפיל, דאס אבציהען די געדאנקען דורך שווערע קערפערליכע ארבייט, דורך מאסאזשען, עלעקטריזיטעט, א. אז. וו., האבען בלויז אן אינדירעקטע סוגעסטיווע ווירקונג. ביי די פערווערזיעס, וועלכע מען האט דערווארבען דורך געוואוינהייט אדער אוטא־סוגעסציע, בעזונדערס ביי דעם אנאניזם, זאל מען שטענדיג אנווענדען די היפנאטישע סוגעסציע. ביים אנאניזם, כל זמן עס איז פאראן דער נארמאלער טריב צום אנדערען געשלעכט, און ווען נאר די נויט, דאס ניט האבען די געלעגענהייט אויף א נארמאלען אופן צו בעפרידיגען דעם געשלעכטס־פערקער, האט געפירט צו דער דאזיגער שלעכטער געוואוינהייט, קאן די הייראט אדער א נארמאלער געשלעכטס־פערקער פולשטענדיג אויסהיילען דעם פעהלער.

אבער מען מוז זיין זעהר פארזיכטיג און ניט צו גרינג און פשוט אננעהמען דאס פאראנזיין פון צוגעוואוינטע אדער אוטא־סוגעסטיווע דערווארבענע פערווערזיעס. א חוץ דעם זעהר געוועהנליכען נאטאנאניזם און די פעדעראסטיע, וועלכע זענען אייגענטליך ניט קיין פערווערזיעס, נאר נויט־מיטלען, זענען די אמת'ע דערווארבענע פערווערזיעס בשום אופן אזוי ניט פערשפרייט ווי מען שטעלט זיך פאר. קודם כל זענען די מענשען , וועלכע אנאנירען, פעדעראסטירען, א. דגל. אלס א נויט־מיטעל, גאנץ קלאר ביי זיך אז עס איז נאר א נויט־מיטעל, אז זיי זענען נארמאל און אז זיי וואלטען אמליבסטען געוואלט האבען א נארמאלען געשלעכטס־פערקער ווען זיי וואלטען נאר געהאט דערצו די מיטלען אדער די געלעגענהייט, בקצור, ווען דרויסענדיגע אומשטענדען וואלטען זיי ניט געשטאנען אין וועג ; אדער אניט זענען עס בעוואוסטזיניגע בעלי־תאוות, וועלכע בעגעהען זייערע אונגאטירליכע עקסצעסען צוליב אבוועקסלונג אדער מיט דער אויסרעכענונג צו פערהיטען שוואנגערשאפט אדער אנשטעקונג. אבער אזוינע מענשען קאנ־

סולטירען זעלטען א דאקטאר: זיי פיהלען זיך נארמאל און ניט קראנק, ווי מיר האבען דאס שוין געזאגט.

יענע מענשען וועלכע קומען צום דאקטאר זענען כמעט אלעמאל פאטהאלאגיש און זיי געהערען אינגאנצען אדער טיילווייז צו דעם געביט פון די בירושה מיטגעבוירענע אדער אוטא־סוגעסטיווע פער־ווערזיעס. פאר די ערשטע מוז מען זיך דעריבער בכלל היטען ניט צו רעקאמענדירען די הייראט. דורך היפנאטיזם איז פאן שרענקרנאט־צינג'ן געלונגען (מיר אויך איינמאל) אין מענליכע האמא־סעקסואליס־מען צוריקצוברענגען א סעקסועלען בעגער צו פרויען. בעת אבער, נאכדעם ווי דער ערפאלג האט אנגעהאלטען א שטיקעל צייט, האט פאן שרענק יא ריזיקירט און האט רעקאמענדירט צו הייראטען, האב איך דאס דאזיגע ניט געקאנט ביי זיך פועל'ען, מחמת איך האב ניט געהאט קיין גענוגענדיגע גאראנטיע פאר דער דויערהאפטיגקייט פון דעם ער־פאלג ביי א פערווערזיע וועלכע איז אזוי טיף בירושה איינגעווארצעלט אין דער קאנסטיטוציע. ביי אזוינע מענשען האב איך געזוכט ווי ווייט מעגליך אבצושוואכען זייער געשלעכטס־טריב און אויף זיי צו ווירקען זיך צו בעגנוגענען מיט ספאנטאנע בייגאכטיגע פאלוציעס. דעם האמא־סעקסואליסט האב איך שטענדיג שטארק אבגעראטען פון חתונה האבען; איך האב איהם דערקלערט אז חתונה האבען וועט זיין א פערברעכען פון זיין זייט, אז ער זאל ליבער אין א נויטפאל אנאנירען אדער אין פאל ער וויל האבען א געשלעכטס־פערקער מיט פרויען זאל ער פערקניפען ווילדע פערהעלטניסען, פון וואס וועניגס־טענס עס וועלען ניט קומען קיין קינדער, ווייל פאר קינדער־האבען מוז ער זיך אלעמאל היטען ווי פאר א פייער.

ליידער שטערען אונז נאך אונזערע היינטיגע געזעצען און מנהגים פשוט די האמא־סעקסואליסטען צו רעקאמענדירען זיך צו „פערהייראַ־טען" מיט זייערס גלייכען, וואס זיי וואלטען אזוי ליידענשאפטליך געטון. ווי מיר האבען שוין געזאגט, וואלט דאס געווען זעהר אונשעד־ליך פון א סאציאלען שטאנדפונקט. די דאזיגע ארימע ברואים וואל־טען געווען בעפרידיגט, און די נארמאלע מענשען וואלטען געווען בעשיצט קעגען זיי.

דעריבער, ווי איך האב שוין געזאגט אין קאפיטעל 13, שליס איך מיך אן צו יענע דאקטוירים וועלכע פאדערען די אבשאפונג פון אלע

געזעצען וועלכע בעשטראפען די האמא־סעקסועלע ליבע און די פעדע־ראסטיע צווישען דערוואקסענע און ביי א גענענזייטיגער איינשטימיג־קייט. כל זמן זיי בעלעסטיגען ניט אדער שאדען ניט די נארמאלע מענשען, און כל זמן זיי פערפירען ניט קיין מינדעריאהריגע, זאל מען אלע אזוינע ניט געפערליכע פערווערזען (סאדאמיטען, האמא־סעקסו־אליסטען, מאזאכיסטען, פעטישיסטען, א. אז. וו.) לאזען צו רוה. אבער אין פאל אזא קראנקער וויל האבען א מעדיצינישע בעהאנדלונג, מחמת ער שעמט זיך און ווערט נערוועז אויפגערעגט, זאל מען איהם היפנאטיזירען, בעהאנדלען דורך פסיך־אנאליז, אבציהען זיינע געדאנ־קען אויף אנדערע געגענשטאנדען און דורך א ניצליכער בעשעפטיגונג. די פסיכישע בעהאנדלונג קאן דא זעהר א סך אויפטון. בלויז אין פאל ווען מען איז פולשטענדיג זיכער, אז די פערווערזיע איז אי א ר י י ן דערווארבענע און אי לייכט צו היילען (מען מוז אלעמאל האבען אין זין א מישונג פון א גע'ירש'ענטער דיספאזיציע מיט צו־פעליגע אורזאכען), קאן מען ערלויבען די הייראט, און אפילו צו האבען קינדער, אבער ערשט נאך דער פולשטענדיגער אויסהיילונג. איך רעד דא ניט וועגען די אויבען דערמאנטע אונפרוכטבארע הייראטען צווי־שען פערווערזען אדער פסיכאפאטען, וועלכע דער דאקטאר קאן אלע־מאל ערלויבען, אויב ביידע צדדים ווייסען גענוי וואס זיי טון.

צו אפטע פאלוציעס, אנאניזם, סעקסועלע היפערעסטהעזיע און פסיכישע אימפאטענץ קאן אויך ערפאלגרייך בעהאנדעלט ווערען מיט היפנאטיזם. אין אזוינע פאלען, אויב נאר דער געשלעכטס־טריב איז נארמאל, קאן מען ערלויבען די הייראט, און אפילו ביי א פסיכישער אימפאטענץ דארף מען ניט אלעמאל פערזאגען דאס חתונה האבען. איטליכען פאל מוז מען שאצען בעזונדער וועדליג זיינע אומשטאנדען.

ביי א סעקסועלער אנעסטהעזיע איז די הייראט א שטות, זייענדיג דער פועל־יוצא פון א שווערען טעות. אפילו ווען דער מאן איז טייל־וויז אנעסטהעטיש, איז די הייראט א מעשה שלא היה. דאס געזאגטע איז, פערשטעהט זיך, בלויז נוגע דעם מאן, מחמת די מיינסטע מיידלעך זענען פאר דער חתונה סעקסועל אנעסטהעטיש אין דעם זין, וואס זיי ווייסען ניט פון דעם ארגאזמוס וועגעריקום כל זמן זיי זענען געשלעכט־ליך אונשולדיג; זיי קאנען שווערליך גענוי וויסען ווי שטארק דער

דרעמלענדיגער געשלעכטס־טריב אין זיי ווערט זיך ענטוויקלען. דורך דער סעקסועלער אויפקלערונג פון מיידלעך געווינט מען אלעמאל דאס, וואס יענע וועלכע פיהלען פשוט אז עקעל פאר דעם געדאנק פון א גע־שלעכטס־פערקער, ווערען אויסמיידען אלע סעקסועלע פערהעלטניסען אזוי באלד זיי ווייסען צו וואס דאס פירט, און דאס איז גראד גוט. פונדעסטוועגען איז די פאלגע פון דער סעקסועלער אנעסטהעזיע ביי דער פרוי א סך וועניגער שעדליך איידער ביים מאן, מחמת ביי דער פרוי שטערט זי ניט דעם געשלעכטס־פערקער. מיידלעך וועלכע זענען סעקסועל קאלט, ד. ה. האלב אדער אינגאנצען אנעסטהעטיש, קאנען, אויב נאר ביידע צדדים זענען זיך קלאר מכח דעם, זעהר גוט איינגעהען אויף א הייראט מיט סעקסועל אנעסטהעטישע מענער בלויז נאר צוליב די געפיהלען פון אן אינטימער פריינדשאפט, א הייראט וועלכע איז אויף דעם אופן גארניט אדער כמעט גארניט סעקסועל; זי איז גיכער א גייסטיגע און ווירטשאפטליכע פעראייניגונג פון צוויי מענשען מיט גלייכע געפיהלען און געדאנקען. דאס איז דעמאלט די אמת'ע פלאטא־נישע ליבע, וועלכע ווערט בעשריבען אין דער טעאריע. זי איז דוקא ניט זעהר פיל פערשפרייט, און מען זאל זי אויך ניט פערבייטען מיט די האמא־סעקסועלע נייגונגען. זי האט איהר בערעכטיגטען צוועק, מחמת סעקסועל אנעסטהעטישע מענשען קאנען דאך האבען א בעדערפעניש נאך א גייסטיגער און געמיהטליכער ליבע און נאך אן אייגענער היים.

לײדער זענען די פולשטענדיג סעקסועל אנעסטהעטישע מענשען פונקט אזוי אבסאלוט אונפעהיג צו אורטיילען מכח די סעקסועלע גע־פיהלען, ווי א שטייגער א בלינדער מכח פארבען. זיי קאנען זיך גארניט פארשטעלען די סעקסועלע געפיהלען, זיי זעהען זיי ניט ביי אנדערע מענשען און דעריבער געפינען זיי זיך תמיד אין א געפאר, מחמת ניט בעגרייפענדיג דעם גאנצען עסק, קאנען זיי חתונה האבען מיט א מענש וועלכער פיהלט יא געשלעכטליך און דערמיט פירען צו די גרעסטע אונגליקען. דער דאקטאר מוז זיין בעקענט מיט די דאזיגע אומשטאנ־דען.

די ספעציעלע בעהאנדלונג פון די קראנקהייטען פון די מענליכע און ווייבליכע געשלעכטס־ארגאנען געהערט ניט צו דעם בוך. אבער בדרך אגב וויל איך דא בעמערקען, אז די ספעציאליסטען־דאקטוירים

בעגעהען זעהר אפט דעם גרויסען טעות, געבענדיג די געשלעכטס־ארגאנען א לאקאלע בעהאנדלונג פאר פאטהאלאגישע צושטאנדען, די אורזאך פון וועלכע ליגט בלויז אין די געהירן־פונקציעס, און וועלכע קאנען דעריבער בלויז אבגעשאפט ווערען דורך א פסיכישער בעהאנדלונג, בעזונדערס דורך היפנאטישע סוגעסציע אדער פסיך־אנאליז. דאס איז דער פאל צום ביישפיל מיט א גרויסען טייל פון א געשטערטער מענסטרואציע ביי פרויען, מיט פסיכישע אימפאטענץ, צו אפטע פאלוציעס, אנאניזם (אויב ער איז ניט פערורזאכט פון פימאזיס אדער ווערים), א. אז. וו. די דאזיגע בעמערקונג אבער זאל בשום אופן ניט רעכטפערטיגען דעם אנטקעגענגעזעצטען טעות, וועלכער בעשטעהט דעריין, צו פערנאכלעסיגען די לאקאלע אונטערזוכונג אדער טאקע ניט צו בעהאנדלען א לאקאלע קראנקהייט אין פאל זי איז פאראן.

די סעקסועלע שווינדלעריי. — דער קראנקער מענש פערלירט לייכט דעם קאפ און איז אויף אן עולם התהו. דאס דאזיגע, צוזאמען מיט דעם עראטיזם, ווערט היבשלעך אויסגענוצט פון כל'ערליי געלד־מענשען, מחמת די נארישקייט איז א קוואל אהן א גרונד. הייגט נאך, אזוי ווי דאס סעקסועלע געביט אי שרעקט און אי קיצעלט, איז עס אודאי א גרויסארטיג אויסבייטונגס־פעלד. עס האט זיך אויף דעם סמך ענטוויקעלט אן אינדוסטריע פון ערלויבטע און ניט ערלויבטע שווינדלער, וועלכע האלטען אין איין אבשרעקען די אנאניסטען, די וואס ליידען פון פערוועריזיעס, די היפאכאנדריקער, א. אז. וו., פערנארען זיי דורך פערשידענע אנאנסען און צאפען פון זיי געלד. אויך ווערען בעגאנגען שרעקליכע סעקסועלע שווינדלען אין דעם געביט פון דעם אזוי־גערופענעם אקולטיזם. אויך ווערען היפנאטיזירטע געשלעכטליך מיסברויכט.

מען קאן פשוט ניט איבערגעבען די אלע טונקעלע געשעפטען פון באדעלעריי, פון קינדער־אבטרייבונג און פון אויסגעלאסענקייט בכלל, וועלכע שטראמען דא מיט. דער פעטער באדען אויף וועלכען עס צובליהט זיך דאס דאזיגע ווילדע גראז זענען די טיפע אונוויסענקייט און דער נארישער אבערגלויבען פון דעם פאלק, און אפילו פון די סאלאן־געבילדעטע, שוין אריינגערעכענט אויף דעם הויכען אדעל. במעט יעדען טאג ווייגען פאר מיר ארימע פאציענטען, וועלכע זענען

אריינגעפאלען אין די דאזיגע פאסטקעס. אבער אונזערע געזעצען, איך זאל זיך ניט פערזינדיגען קעגען זיי, זענען פערפאסט געווארען מיט אזוי פיל חכמה אז איך קאן אפילו ניט אנרופען די נעמען פון די דאזיגע שווינדלער אהן דערביי ניט צו ריזיקירען צו ווערען אנגע־קלאגט און טאקע אויך פער'משפט. דאס נויטיגסטע איז די אויפ־קלערונג מכח די סעקסועלע פראגען.

קאפיטעל XV.

די סעקסועלע מאָראַל.

עס זענען שווער אַנצואווייזען די גרעניצען פון דער מאראל און פון דעם געזעץ. ביי דעם אלטען בעגריף פון דעם געזעץ, און בעזונדערס ביי דער אויפפאסונג, אז די געריכטליכע שטראף איז א תשובה פאר בעגאנגענע פערברעכענס, איז שיינבאר געווען לייכטער צו בעשטימען די גרעניצען. פונדעסטוועגען האט גראד דאס אלטע געזעץ, שטיצענדיג זיך אויף רעליגיעזע מעטאפיזישע דאגמעס, מיינסטענס פערנומען דאס עטישע געביט אויף אזא אופן, וואס עס האט געשטעמפעלט אלס פערברעכענס אלע איבערטרעטונגען קעגען די הערשענדע רעליגיעזע און מאראלישע אנשויונגען און פארורטיילען. ווי מיר האבען דאס שוין געזעהען אין קאפיטעל 13; און ווידער פערקערט, דירעקט סאנקציאנירט אונמאראלישע און אונגערעכטע האנדלונגען און געזעצען, ווייל זיי האבען זיך געשטיצט אויף רעליגיעזע כללים און, זיי זענען אפילו פון דער רעליגיע געבאטען געווארען.

איצט פון דער אנדערער זייט, ווען מיר בעטראכטען דאס געזעץ בלויז אלס אן אינסטיטוציע צו בעשיצען די געזעלשאפט און די יחידים קעגען איבערטרעטונגען וואס ברענגען שאדענס, איז עס דעמאלט ענג פערקניפט מיט דער מאראל און איז ניט פון איהר שארף אבגעגרעניצט. ווי עס וויל האבען א גאנצע דאגמאטישע שול: מחמת וואס דען איז אייגענטליך די עטיק, די אמת׳ע מענשליכע מאראל?

מען האט אויפגעבויט א דאגמאטישע עטיק, וועלכע בעשטעהט פון אן אנצאל כלומרשט געטליכע געבאטען. די רעליגיעס האבען געגעבען זיי אויפגעשטעלט א סך אנדערע געבאטען בנוגע צו גאט, און די דאזיגע געבאטען זענען טיילוויז טיף אונמענשליך. דעריבער איז מיינסטענס ענטשטאנען א דירעקטער הפוך צווישען דער עטיק וועלכע

גאָט זאָל הייסט עס האָבען ענטפּלעקט און דער ריין מענשליכער עטיק. נאָך מעהר, איטליכע רעליגיע האָט איהרע פערשידענע געטליכע גע־באָטען.

דער גאָט פון געוויסע מאַלאיער בעפעהלט זיי צו עסען דאָס האַרץ פון זייערע שונאים; יהוה איז אַן אַל נקמות און אַן אויפּערזיכטיגער, וועלענדיג אויספּרופען אברהם'ן האָט ער געפאָדערט זיין זוהן פאַר אַ קרבן, גאַנצע שבטים האָט ער געלאָזט פערטיליגען דורך די וואָפען פון זייגע קנעכט און האָט אפילו די גאַנצע מענשהייט דערטרונקען אין מבול, בעת דער גאָט פון די קריסטען איז מילדהער און איז אַ גאָט פון שלום; אַללאַה פערקערט הערשט פאַטאַליסטיש, פאָדערט דאָס מאָר־דען פון די קריסטען און איז קעגען שכרות, בעת קריסטוס פּרעדיגט צו ליבען די שונאים און ערלויבט צו טרינקען וויין (ער מאַכט אפילו וויין פון וואַסער); דער גאָט פון די הינדוער פאָדערט אַז די אלמנה זאָל נאָכגעהען איהר מאַן אין קבר, און אַזויפיל און אַזויפיל געטער האָבען געפאָדערט מענשליכע קרבנות. מען מוז דעריבער צוגע־בען, אַז עס איז קוים־וואָס מעגליך פון דעם סך־הכל פון די פערשידענע רעליגיעזע מאָראַלען צו דערגעהען צו עפּעס וואָס איז לאָגיש און אויס־געהאַלטען. בעזונדערס אין דער סעקסועלער פראַגע שטעהען זיך די־אַזוי־גערופענע געטליכע געבאָטען אין אַ דירעקטען הפוך, צום ביישפּיל, בנוגע צו דער פּאָליגאַמיע און מאָנאָגאַמיע, צו דער פאָדערונג אָדער דעם פערבאָט פון יבום (לעוויראַט) א. אז. וו.

צוליב דער דאָזיגער פּשוט'ער אורזאַך וועלען מיר איבערלאָזען די רעליגיעזע ענטפּלעקטע מאָראַל צו די פּריסטערס פון די פערשידענע רעליגיעס און גלויבענס, וועלכע זענען, ווי זיי זאָגען, געקומען דירעקט פון גאָט, און מיר וועלען זיך דאָ בעגרענעציצען בלויז אויף דער ריין מענשליכער מאָראַל, וועלכע איז געבויט אויף דעם יסוד פון די נאַטור־און סאָציאַלע וויסענשאַפטען. די דאָזיגע מאָראַל דאַרף זיך אָבער פון איהר זייט ניט שטיצען אויף דאָגמאַטישע פאָרמולעס, פּונקט ווי יענע שטיצט זיך אויף רעליגיעזע, נאָר זי מוז זיך ענטוויקלען פון די נאַ־טירליכע לעבענס־נויטען פון די מענשען.

מיר האָבען געזעהען ווי די מאָראַל איז פערקניפּט מיט דעם געזעץ; פּונקט אַזוי ענג איז זי פערקניפּט מט דער היגיעניע (מעדיצין). דאַרט וואו עס דאַכט זיך, אַז עס איז פאַראַן אַ ווידערשפּרוך צווישען עטיק

און היגיעניע, איז דאס דערפאר, מחמת מען האט אין אויג בלויז די אינדיווידועלע היגיענע און נים די עפענטליכע אדער די סאציאלע היגיענע. אין א ברייטערן זין פערשטעה איך אונטער ס א צ י א ־ ל ע ר ה י ג י ע נ ע ניט בלויז די היגיענע פון דער איצטיגער געזעלשאפט און די בעשיצונג פון די שוואכע, נאר אויך, און דער עיקר, די ר א ס ע ן ה י ג י ע נ ע, וועלכע מיינט דאך באמת די בעסער פערשטאנענע סאציאלע היגיענע. אין „ארכיוו פיר ראסען און געזעלשאפטס־ביאלאגיע" האט פלעגט זיך בעמיהט ענגער און שארפער צוזאמענצופאסען דעם בעגריף פון דער ראסען־היגיענע און איהם אבצושיידען פון דעם בעגריף פון דער סאציאלע היגיענע. פאר ספעציעל ד י ד א ק ט י ש ע צוועקען האט ער רעכט. אבער צוליב קורצקייט נעהם איך דא צונויף ביידע בעגריפען איינעם; לויט מיין מיינונג מוז יעדע גוט פערשטאנענע סאציאלע היגיענע ראשית כל נעהמען אין בעטראכט די געזונדקייט פון דער ראסע.

אבער מיר האבען שוין געזעהען, אז דעם דאקטאר'ס פליכט איז, די סאציאלע היגיענע צו שטעלען העכער איבער דער אינדיווידועלער היגיענע. מיט אנדערע ווערטער הייסט דאס, דאס היגיענישע וואויל־זיין פון דעם יחיד אונטערצוואוארפען אונטער דעם היגיענישען וואויל־זיין פון דער געזעלשאפט. אבער צווישען את דער דאזיגער סאציאלער היגיענע און דער מענשליכער מאראל דארף ניט און קאן ניט זיין קיין אינוועניגסטער ווידערשפרוך.

איצט לאמיר זעהען וואס מיר דארפען פערשטעהען אונטער מאראל אדער עטיק. בעפרייט אזוי ווייט ווי מעגליך פון אלע היפאטהעזען איז די עטיק מעטאדיש דאס שטודיום פון דאס, וואס אין די מענשליכע האנדלונגען איז גוט און שלעכט, און פראקטיש, אלס מאראל, איז עס די פליכט צו טון דאס גוטע און צו פערמיידען דאס שלעכטע. אבער דאס דאזיגע מיינט זעהר ווייניג, מחמת וואס האבען מיר צו פערשטעהען אונטער גוט און שלעכט? ניט נאר בעטראכטען די מענשען פונקט דאס אלעס גוט וואס אנדערע האלטען פאר שלעכט, נאר אויך אין די ווערטער וועלכע געטהע לעגט אריין אין דעם מויל פון זיין מעפיסטאפעלעס, אז

(„איך בין) א טייל פאן יענער קראפט,
די שטעטס דאס בייזע וויל אונד שטעטס דאס גוטע שאפט".

ליגט שטענדיג א טיפער אמת. ווען מיר זאלען זאגען: „װעלכע בע־שאפט אמאל דאס גוטע, ווען זי וויל בעשאפען דאס שלעכטע", װעלען מיר האבען א געטרייע בילד ווי ווענינ די גוטע אדער די שלעכטע פאלגען פון אונזערע האנדלונגען זענען אין איינקלאנג מיט דער גוטסקייט אדער שלעכטסקייט פון אונזערע מאטיווען. דאס אומגעקערטע איז אויך אמת, מחמת די כחות וואס ווילען דאס גוטע, בעשאפען, ווי איטליכען איז בעקענט, ניט זעלטען דאס שלעכטע. מיר מוזען דעריבער זארג־פעלטיג אבזונדערען דעם חלוק צווישען די עטישע מאטיווען פון גוטע אדער שלעכטע פאלגען פון א האנדלונג.

ווען מיר אנאליזירען נאך ווייטער געפינען מיר אפילו, אז די־זעלביגע טאט קאן זיין גוט פאר איינעם און שלעכט פאר אן אנדערען. ווען א װאלף פרעסט א לעמעלע, איז עס גוט פאר דעם װאלף אבער שלעכט פאר דעם לעמעלע. מיר גופא קאנען נים לעבען אהן ניט צו־צושטערען דאס לעבען פון אנדערע — פלאנצען אדער חיות. דאס געלד וואס מיר פערדינען קומט ארויס פון די קעשענעס פון אנדערע אהן אז יענע זאלען דערביי אלעמאל האבען גוצען, א. א. וו. די מאראל איז אויף אזא אופן רעלאטיוו, און אין איז ערגיץ נים לאזט אונז אונזער השגה געפינען עפעס וואס איז אבסאלוט גוט אדער אבסאלוט שלעכט. אלעס צו וואס מיר מענשען קאנען דערגרייכען דורך אונזער געגענזיי־טיגען אויסטויש פון אונזער חכמה און פריינדשאפט איז, זיך געגענ־זייטיג צו פערשאפען וואס ווענינער שלעכט און אדרבה וואס מעהר גוטס, דאס הייסט, צו פערקלענערען די מאס פון אונזערע פיזישע און גייסטיגע יסורים פערבעסערענדיג מיט אלע אונזערע אנשטרענגונגען און וועדליג אונזערע כחות אונזערע געגענזייטיגע לעבענס־בעדינגען, און אויף דעם אופן פערגרעסערענדיג די מאס פון דאס גוטע בכלל. אבער אפילו דאס דאזיגע איז בלויז מעגליך דעמאלט, ווען מיר בע־גרעניצען די בעגריפען גוט און שלעכט כמעט אויסשליסליך אויף דער מענשהייט, און בכלל גענומען ווען מיר זענען קאלט בנוגע די לעבענס־נויטען און דער ענטוויקלונג פון אנדערע בעשעפענישען; נאך מעהר, ווען מיר נוצען זיי אויס פאר אונזער טובה ווענען. ווי מיר האבען גע־זעהען איז אין דער אמת'ן אפילו אויסערגעוועהנליך שווער דעם בעגריף פון דעם סאציאלען וואוילזיין אויסצוברייטען אויף אלע היינט־צומא.

לעבעדיגע ראסען פון דער מענשהייט, מחמת טייל פון די ראסען זענען אין דערזעלביגער צייט אי אזוי פרוכטבאר און אי פון אזא מינדערווערטיגער קוואליטעט, אז אין פאל מען זאל זיי לאזען אזוי גוטמוטיג און רוהיג אהן וואסערע ניט איז פארזיכטיגקייט זיך פרוכפערען ארום אונז וואלטען זיי אונז באלד אויסגעראט. דעמאלט וואלט די גרויזאמסטע בארבאריי, וועלכע דרעמאלט אין זייערע אינסטינקטען, צוריק געווינען די אויבערהאנד און וואלט געווארען אלגעמיינער, ווי דאס האט אונז שוין געוויזען א ביישפיל פון דער נעגער-רעפובליק אין האיטי. דעריבער וואלט אז איבערמאס פון מאראלישע געפיהלען, זייענדיג געבויט אויף א פאלשען פונדאמענט און איינגעפירט אין לעבען, פראקטיש שפעטער געפירט צו די טרויריגסטע שאדענס פון דער מאראל. צוליב פולשטענדיגקייט ווילען מיר נאך צולעגען, אז דיזעלביגע האנדלונג קאן מיר צוערשט ווער טון און דערנאך הנאה טון, אדער פערקערט, צוערשט הנאה טון און דערנאך וועה טון, צ. ב. פיינליכע אבער אמת פערדינטע מוסר-רייד, און פערקערט, אן איבערגעכאפטע בעפרידיגונג פון א פרעסערישען אפעטיט.

דער סך הכל פון די דאזיגע פשוט'ע בעטראכטונגען איז, אז אונזערע מאראלישע פליכטען קאנען נאר זיין רעלאטיוו, און זיי קאנען אונז ניט צובינדען אויף דעמזעלביגען שטייגער אדער אויף דעם זעלביגען גראד צו אלע לעבעדיגע בעשעפענישען, און ניט אפילו צו אלע מענשליכע ברואים, אויב מען וויל ניט מקריב זיין דאס העכערע צום נידעריגערען. טעארעטיש וואלט די דיפיניציע פון דער מענשליכער מאראל דעמאלט געווען די ריכטיגע, ד. ה. די וויסענשאפטליכע דעפיניציע פון דעם סאציאלען וואוילזיין און די פאדערונגען וועלכע עס לעגט ארויף אויף די בעזונדערע יחידים, בעת פראקטיש וועט זי זיין זייער ווייטערדיגע ענטוויקלונג און די ערפאלגרייכע דורכפירונג מיט דער הילף פון אינדיווידועלע און סאציאלע אנשטרענגונגען. דאס דאזיגע סאציאלע וואוילזיין פאדערט ראשית כל די ערציהונג פון דעם גוטען ווילען און די אלטרואיסטישע געפיהלען פון איטלכען יחיד. אזא ערציהונג האט בלויז א קיום, ניט דורך טעארעטישע פסוקים און דרשות נאר דורך דער האנדלונג, דעם ביישפיל, דורך דעם לעבען גופא.

די העכסטע אויפגאבע פון דער עטישער טאט איז די ארבייט פאר דעם וואוילזיין פון די שפעטערדיגע דורות.

אלטרואיזם און עגאיזם. — ריכטיג פערשטאנען זענען אלטרואיזם און עגאיזם קיין אדער בלויז רעלאטיווע געגענזאצען. פונקט ווי עס וואלט געווען פאלש אויפצובויען די סאציאלע ארדנונג אויף א ניט בעשרענקטער אנערקענונג און אויף א פרייען שאלטען און וואלטען פון אלע אונזערע עגאיסטישע אפעטיטען, פונקט אזוי שלעכט וואלט עס געווען פון דער אנדערער זייט, זיי אנטקעגנצושטעלען אן איבערגעטריבענעם און אונגאטירליכען אסקעטיזם, וועלכער פערבלענדט בלויז די אויגען מיט א דורכויס פאלשען אידעאל פון אלטרואיזם. ווען א בין אדער א מוראזשקע גיט ארויס פון איהר פארמאגען האניג פאר איהרע חבר'טעס, איז דאס פאר איהר א תענוג. אויב זיי זענען זיך מקריב פאר דעם כלל, בעפרידיגען זיי אן אלטרואיסטישען אינסטינקט, אן אינסטינקט וועלכער איז געווארען ביי זיי א ליידענשאפט. קאן דען אויך ניט דעם מענש דאס געבען פונקט אזוי בעגליקען ווי דאס נעהמען? ווי וואלט מען גאר געקאנט דענקען פון וועלכער ניט איז פרייער אויפאפפערונג, ווי וואלט מען געקאנט דערקלערען די מארטירער וועלכע ליידען און שטארבען פאר זייער פאטערלאנד, פאר זייער פאמיליע אדער פאר דער וויסענשאפט, ווען די בעגייסטערונג — א געפיהל פון תענוג — וואלט דעם מענש ניט געטריבען דערצו, אדער ווען אז אנדערער אינוועניגסטער דראנג צום גוטען וואלט דערין ניט געפינען זיין בעפרידיגונג? לאמיר זוכען די מיטלען וועלכע זאלען אונז העלפען דורך א סאציאלער צופאסונג צו פערעדלען אונזער דערוויל נאך כמעט רויב־חיה'שען און אפאטישען מענשליכען עגאיזם, לאמיר איהם רעדוצירען צו זיין בערעכטיגטער, ד. ה. נויטיגער מאס, און לאמיר איהם דורך א טעטיגען, אויפאפפערונגס־וויליגען אלטרואיזם און דורך גוטע סאציאלע געוואוינהייטען וואס אמאל מעהר און מעהר אוועקשטעלען אין גלייכגעוויכט, — און מיר וועלען דערמיט צוגרייטען דא אויף דער ערד א גן־עדן, אמת, *נאך א זעהר רעלאטיוו גן־עדן*, פאר דעם לעבען פון אונזערע קינדער, א צושטאנד, וועלכער דארף אהן אן ערך מעהר פארגעצויגען ווערען איידער אונזער היינטיגע אנארכיע, אונזער היינטיגער קאמף פאר פערזענליכע אינטערעסען.

די עיקר־זאך וועלכע פעהלט די מענשליכע אינדיווידוען איז א גוטע קוואליטעט בירושה, א קוואליטעט וועלכע ווערט היינט־צוטאג

כמעט אויסשליסליך בעשטימט דורך דעם צופאל פון א מיזעראבלער צוכטוואהל. און דאס צווייטע וואס אונז פעהלט איז די ערציהונג פון א ווילען און א כאראקטער אין אונזערע קינדער. אונזער שולע און אונזער רעליגיע זענען ניט געווען בכח די מאסע פון פאלק ארויסצור ציהען פון דער בארבאריי, ד. ה. פון דער אפאטיע, פון די רויהע גע־פיהלען, פון דער ווילענס־שוואכקייט און פון דער זיך כסדר שלעפענ־דיגער עמרצות און פארורטיילען. עס איז אהן ספק, אז די קולטור פאקט צ. ב. וואס א סך מענשען דענקען, אז די אנוועגדונג פון מיטלען און די עטיק האבען געברענגט געוויסע מאראלישע פארטשריטען. אבער די מעטאדען און לעהרען פון אונזערע קירכען און פון אונזערע שולען האבען זיך איבערגעלעבט און זענען מעהר ניט צוגעפאסט צו אונזערע איצטיגע בעדערפענישען און קענטענישען, און אודאי און אודאי ניט צוגעפאסט צו די פאדערונגען פון דער צוקונפט.

פאלאניוס זאגט אין „האמלעט“:

„דאס איבער אלעם: זיי טריי צו זיך אליין,

און דערפון פאלגט, פונקט ווי די נאכט נאך דעם טאג:

דו קאנסט ניט פאלש זיין קעגען קיינעם.“

דאס זענען טיפע און אמת'ע ווערטער אין וועלכע עס ליגט א טייל פון דער עטיק; אבער בכדי זיי איבערצוזעצען אין פראקטישען לעבען, מוז מען פערמאגען א בירושה טרייען כאראקטער. א חוץ דעם, ווי מיר האבען געזאגט, קאן די טיפסטע איבערגעבענקייט, ווען זי געהט מיט שמאלקעפיגקייט און עמרצות, אפטמאל ברענגען בלויז שלעכטס.

אויף דעם נאר־וואס בעשריבענעם פונדאמענט פון א נאטירליכער מענשליכער מאראל מוזען מיר אויפבויען די סעקסועלע עטיק אדער די סעקסועלע מאראל, און אויב מען בעטראכט די פאקטען און פערהעלט־ניסען, וועלכע מיר האבען ארויסגערעדט אין די ערשטע דרייצען קאַ־פיטלען פון דעם בוך אין אט דעמזעלביגען ליכט, איז ניט שווער צו קומען צו א קלארקייט אין דעם דאזיגען ענין.

ניט נעהמענדיג אין בעטראכט זייערע מאטיוון קאנען מיר פון א סאציאל־עטישען שטאנדפונקט דערקלערען א האנדלונג אלס פ א ־ זיטיוו, ד. ה. ניצליך, נייטראל, ד. ה. גלייכגילטיג, און נעגאטיוו, ד. ה. שעדליך. אבער אין א קלענערען קרייז קאן

אַ האַנדלונג קענען אַן אַנדערען מענש אָדער קענען אַ גרופּע אַנדערע מענשען זיין אין דער זעלביגער צייט גוט (פּאָזיטיוו), שלעכט (נעגאַטיוו) אָדער אינדיפער־רענט, בעת אין שייכות צו דער געזעלשאַפט פערהאַלט זיך די זאַך אַנ־דערש. אָבער ווי מיר האָבען געזאָגט, האַנדעלט זיך אין דער עטיק ניט בלויז אין דער האַנדלונג אַליין פאַר זיך, נאָר דער עיקר אין איהרע טיפערע מאָטיוועז. אויך די מאָטיוועז קאָנען זיין עטיש־פּאָזיטיוו, אינדיפערענט אָדער נעגאַטיוו. עס איז שווער פאַר אַ מענש צו האַנד־לען סאָציאַל־פּאָזיטיוו, בעת איהם פעהלט דאָס עטישע געפיהל, ד. ה. דאָס געוויסען, דאָס פליכט־געפיהל. פון דער אַנדערער זייט ווידער קאָן אַ נאַרישער מענש, אַ מענש וואָס אורטיילט פאַלש, בעגע־הען סאָציאַל זעהר נעגאַטיווע האַנדלונגען אויס מאָראַלישע מאָטיוועז, בעת, פערקערט, קאָן אַמאָל אַ מענש האַנדלען צופעליג אָדער ניט ווילענדיג סאָציאַל־פּאָזיטיוו אויס מאָראַליש פערדאָרבענע מאָטיוועז. אויס אייטעלקייט אָדער ראַכע־געפיהלען קאָן מען צ. ב. איבערלאָזען אַ „גרויסמוטיגע" אַלגעמיין ניצליכע ירושה, דערמיט טוענדיג אַ רעה איין פערהאַסטען מענש, בעת טוענדיג אַ טובה דעם גאַנצען כלל. אַהן דעם צו זיין פערדאָרבען קאָנען זיין די מאָטיוועז ריין עגאָיסטיש און ערגייציג און אויפטון גוטס בלויז אויס אַ בערעכענטען עגאָיזם אָדער אייטעלקייט.

מיט דעם וואָרט אַלטרואיסטען רופען מיר מענשען, וועלכע האָבען טיפע עטיש פּאָזיטיווע געפיהלען, וועלכע זיי שטרעבען איבערצוזעצען אין גוטע סאָציאַלע האַנדלונגען. ריינע עגאָיסטען רופען מיר אַזוינע מענשען, וועמעס סימפּאַטיע־געפיהלען זענען געווענדט אויסשליסליך אויף דעם אייגענעם ליבען איך און אויף יענע פון וועלכע דער איך האָט אַ דירעקטען נוצען. אַליין פאַר זיך איז דער עגאָיסט עטיש אינדיפערענט, כל זמן ער ברענגט ניט קיין שאַדען פאַר אַנדערע, און דער אַלטרואיסט קאָן ניט לעבען אַהן אַ געניגענדיגע מאָס עגאָיזם. אויף אַזאַ אופן בעשטעהט דאָס אידעאַל פון דעם סאָציאַלען געפיהל אין אַ ביינאַנדיגער ווירקונג פון עגאָיזם און אַלטרואיזם, אַלעם זייענדיג פול־שטענדיג צוגעפּאַסט צו די בעדערפעגישען פון דער געזעלשאַפט און איהרע מיטגלידער. פונקט ווי ביי די מוראַזשקעס זאָל אויך דאָ עק־זיסטירען אַ פולשטענדיג אויסגלייכענדיגע רעגולאַציע צווישען די

עגאיסטישע און סאציאלע געפיהלען און אינסטינקטען. דער הפוך צום אלטרואיסט איז ניט דער רוהיגער און קלוגער רייגער עגאיסט, נאר דער עטיש פערדארבענער אדער אויף אן אקטיווען אופן עטיש נעגא־טיווער מענש. דער עגאיזם טרייבט דעם מענש מיט אזא קראפט אנדערע צו שאדען כדי זיך צו בעפרידיגען, אז א רייגער עגאיסט קאן זעלטען עטיש בלייבען אינגאנצען אינדיפערענט. צוליב דער דאזיגער אורזאך אליין שוין, איז אונמעגליך אויפצובויען די סאציאלע ארדנונג אויף דעם רייגעם עגאיזם, ווי געוויסע מענשען ווילען דאס האבען.

די סעקסועלע מאראל. — פון אזוינע בעטראכטונגען שטעלט זיך שוין ארוים די סעקסועלע עטיק פון זיך גופא. אין זיך אליין איז דער געשלעכטס־טריב עטיש אינדיפערענט. א שווערע צומישטקייט פון בעגריפען, וועלכע איז ענטשטאנען אויף דעם יסוד פון רעליגיעזע מיס־פערשטענדניסען, האט געפירט דערצו צו דערקלערען אז די אויסדרו־קען „זיטליכקייט" און איבערהויפט מאראליטעט האבען כמעט דעמ־זעלביגען בעדייט ווי דער אויסדרוק מאראלישע אויפירונג אין דעם גע־שלעכטליכען געביט, און אז זיי דעקען זיך. א סעקסועל אנעסטהעטי־שער מענש איז דעריבער, פערשטעהט זיך, זעהר „זיטליך" אין דעם סעקסועלען פרט, אבער דערביי קאן ער זיין דער גרעסטער פאדלעץ. זיין סעקסועלע קאלטקייט און גלייכגילטיגקייט האט ניט דעם קלענס־טען מאראלישען ווערט. ווען א האמא־סעקסואליסט פערפירט ניט קיין מיידלעך, איז דאס זיכער ניט קיין מאראלישע מעלה פון זיין זייט. א. ד. גל.

פונדעסטוועגען פירט דער געשלעכטס־טריב צו א סך קאנפליקטען מיט דער עטיק, מחמת ער פאדערט אנדערע מענשען אלס געגנס־אבי־עקטען. דאס העכסטע דער פעטישיזם, ביי וואס דער געשלעכטס־טריב איז געווענדט אויף ניט לעבעדיגע געגענשטאנדען, און יעדענפאלס די סאדאמיע, ביי וואס ער איז געווענדט אויף חיות, קאנען קוים־וואס קומען אין א קאנפליקט מיט דער מאראל ווי מיר פערשטעהען זי. דער קעגען שוואנגערשאפט איז אונמאראליש, בעת דיזעלביגע מענשען הערט מען זעהר אפט פערטייטיגען די פראסטיטוציע, ווייזט ווי פער־קערט עס זענען די מיינונגען מכח דער סעקסועלער עטיק. דערזעלביגער מאן, וועלכער בעטראכט פאר זעהר אונמאראליש צו האבען א קינד־

אויסער דער הייראט — אן אונגעזעצליך קינד, — ביי דעמזעלביגען מאן איז מאראליש דורך א כסדר׳דיגער בעשאפונג פון געזעצליכע קינדער צו צוברעכען דאס געזונד פון זיין פרוי. געוויסע מאראל פרע־דיגער, און אפילו גלחים, פערדאמען טיילמאל א יונגען מאן, וועלכער וויל חתונה האבען מיט זיין געליבטע, און מאכען איהם זי, צוזאמען מיט דעם אונגעזעצליכען קינד, אבצו׳פטר׳ען מיט א סומע געלד, א. אז. וו. מיר ווילען זיך אליין ניט איבער׳חזר׳ען. די ניט אויסגעהאל־טענקייט פון די מענשען אין דעם אופן ווי אזוי זיי ברענגען אריין זייערע אזוי־גערופענע מאראלישע בעגריפען אין דער סעקסועלער פרא־גע, איז פשוט אונגלויבליך און דאך אלטעגליך. אין זייערע קעפּ שוויבעלט א געמיש פון היפּאקריטסטווע, מיסטיציזם, פּארורטיילען, מאדע, א פערערונג פון אלטע טראדיציאנעלע אזוי־גערופענע גוטע מדות, געלד אינטערעסען און גאט ווייסט וואס נאך, און צומישט פול־שטענדיג אלע בעגריפען פון א געזונדער סעקסועלער עטיק. גיט נאר א קוק אויף דעם צארן פון די עלטערן ווען זייערע קינדער פערלאבען זיך מיט מענשען וועלכע שטעהען כלומרשט אונטער זייער יחוס־שטאנד, אדער וועלכע האבען צו ווייניג געלד, אדער וועלכע האבען א טויפשיין פון אן אנדערען גלויבען, א. ד. גל. און די דאזיגע מענשען פאלט דערביי אבסאלוט ניט איין ווענען זייער אונמאראליטעט וועלכע זענעלט אונטער דער פאהן פון מאראל.

איצט, וואו אהין זאלען מיר שטרעבען אין די סעקסועלע אנגע־לעגענהייטען פון אן עטישען שטאנדפּונקט? דאס איז די איינציגע פּראגע, וועלכע א מענש, זייענדיג פריי פון פּארורטיילען און האבענדיג אמת מאראלישע געפיהלען, קאן זיך שטעלען.

זיין ערשטער פּרינציפּ מוז זיין דער אלטער מעדיצינישער כלל: „ר א ש י ת כ ל ט ו ב ניט ק י י ן ש א ד ע ן“; און זיין צווייטער: „א ו י ך וויפיל נ א ר מ ע ג ל י ך ז ו י נ י צ ־ ל י ך א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל א ו ן ס א צ י א ל.“ דאס געבאט פון דער סעקסועלער מאראל וועט דעריבער אויך זיין: „ד ו ז א ל ס ט נ י ט ש ע ד י ג ע ן ו ו י ל ע נ ד י ג ק י י ן א י י נ ־ צ י ג ע ן מ ע נ ש א ו ן ד ע ר ע י ק ר נ י ט ד י מ ע נ ש ־ ה י י ט ד ו ר ך ד י י ן ג ע ש ל ע כ ט ס ־ ט ר י ב א ו ן

דורך דיינע געשלעכטליכע האנדלונגען. נאר דו זאלסט וועדליג דיינע כחות אויפהויבען דאס גליק און דעם ווערט פוןביידע.“

עס פערשטעהט זיך, אז פונקט ווי אין אלע געביטען פון דעם לעבען וואו דער אינסטינקט און דער בעגער האבען די הויפט־דעה, אזוי אויך און בפרט נאך אין דעם סעקסועלען געביט איז די זעלבסט־בעהערשונג איינע פון די ערשטע עטישע פאדערונגען. די זעלבסט־בעהערשונג ווענדט זיך לויט דער ערציהונג פון דעם כאראקטער און דעם ווילען. פון זייז יוגענד אן מוז זיך דער מענש אויסלערנען צו בעהערשען זיינע טריבען און זיינע בעגערען, שוין דערפאר אליין, בכדי צו דערגרייכען די איינציגע אמת׳ע רעלאטיווע פרייהייט וועלכע מאכט דאס לעבען ווירדיג און לעבענסווערט. און צוליב דער דאזיגער אורזאך דארף מען דעם נארמאלען מענש שטארק צורעדען צו דער סעקסועלער צוריקגעהאלטענקייט. דאס דאזיגע זאל אבער ניט גילטען אלס א בעזונדערע מעלה אין זיך גופא און אודאי ניט אלס צוועק פון לעבען.

בעשאנקען מיט דעם געשלעכטס־טריב און מיט דער פעהיגקייט צו ליבען, מוז דער סאציאלער מענש ביידע ווי וויט מעגליך אויסניצען סיי לטובת הכלל און סיי פאר זיין אייגענער טובה וועגען. אויב ער וועט זיך דערביי אויפירען ערליך, וועט זיין אויפגאבע ניט זיין קיין לייכטע, דערפאר אבער וועט ער פיהלען א גרעסערע בעפרידיגונג, מחמת די גוטע האנדלונג טראגט אין זיך גופא איהר לוין. ער מוז האבען פאר זיינע אויגען צ. ב. די פאלגענדע בילדער:

1.) אין א מאמענטאנער געשלעכטליכער ליידענשאפט פערפירט א קוואליטאטיוו שלעכטער מאן א מיידעל, מאכט זי שוואנגער און אנטלויפט. ער ברענגט דערמיט א שאדען אי דעם מיידעל און אי זיך אליין. זיין האנדלונג איז דעריבער נעגאטיוו און דארף פערדאמט ווערען סיי פון עטישען און סיי פון עגאיסטישען שטאנדפונקט.

2.) אויס רעליגיעזע מאראלישע מאטיווען האט א בעגייסטערט און אנשטענדיג מיידעל תחונה מיט א געזונקענעם שכור כדי איהם צו ראטעווען. אזא מין רעטונג געלינגט זעלטען, און אויב זי געלינגט איז זי ניט פולקאמען. פון אן עגאיסטישען שטאנדפונקט איז די דאזיגע רעטונג נעגאטיוו, פון אן אלטרואיסטישען שטאנדפונקט פער־

קערט זענען איהרע מאָטיוועו, אמת טאַקע, פּאָזיטיוו, אָבער איהר סאָציאַלע פּעולה איז נאָך מעהר נעגאַטיוו. אין בעסטען פאַל קאָן איהר אפשר געלינגען דעם שכור אויסצובעסערען; אָבער אין פאַל זי האָט מיט איהם קינדער, וועט דעמאָלט דאָס דאָזיגע ווייב ניט ווימענדיג האָבען שווער געזינדיגט קעגען זיי, און איהר גוטע האַנדלונג וועט שפּעטער נעהמען נקמה פון די קינדער פאַר די זינד פון זייער פאָטער.

3.) אַ מאַן זייענדיג אימפּולסיוו, פּסיכאָפּאַטיש, מיט שווערע ירושה פּעהלערס און מיט אַ שטאַרקען געשלעכטס־טריב, האָט דוקא חשק געהאַט און פאַר זיך אָבגעמאַכטען חתונה צו האָבען מיט אַן אמת ערליך מיידעל פון אַ גוטער פאַמיליע און מיט איהר צו האָבען קינדער. די דאָזיגע האַנדלונג איז פּאָזיטיוו פון עגאָאיסטישען שטאַנדפּונקט, מחמת דער מאַן טוט דאָס אַבסאָלוט צוליב דער טובה פון זיין אייגענעם איך; פּערקערט פון עטישען שטאַנדפּונקט איז די האַנדלונג זעהר נעגאַטיוו, מחמת ער מאַכט אונגליקליך אַן ערליכע פרוי און ער וועט בעשאַפען, לכל הפחות זעהר וואַרשיינליך, טיילווייז אונגליקליכע קינ־דער, קינדער פון אַ שלעכטער קוואַליטעט.

4.) אַ פעהיגער און אַרבייטזאַמער מאַן, קערפּערליך און גייסטיג געזונד און פול מיט אידעאַלען, זוכט פאַר זיך אַ פּאַסיגע לעבענס־בע־גלייטערין און ער געפינט זי. ביידע מאַכען זיך דאָס לעבען ניט לייכט, נאָר אדרבה נעהמען אויף זיך אַ סך אַרבייט, בעזונדערס סאָציאַל ניצ־ליכע אויפגאַבען, און זיי בעשאַפען, לאָזענדיג די נויטיגע צווישען־צייט, אַזוי פיל קינדער וויפיל זיי קאָנען אָהן צו שעדיגען דאָס געזונד פון דער פרוי. דאָ האָבען מיר די אידעאַלע פערבינדונג פון אַ פּאָזיטיווען אַלטרואיזם מיט אַ פּאָזיטיווען עגאָאיזם.

געוויס ניט איטליכער האָט דאָס גליק צו קאָנען ערפילען די לעצטע קאָמבינאַציע. פונדעסטוועגען איז אַ פּאָזיטיווע סעקסועלע עטיק ניט אויסגעשלאָסען אויך ביי וועניגער גינסטיגע בעדינגונגען. נערוועזע פּסיכאָפּאַטען און קערפּערליך שוואַכע מענשען קאָנען איינגעהען אויף אַ הייראַט אָהן קינדער, ווי מיר האָבען דאָס פריהער אָנגעוויזען, און זיך בעלוינען דערמיט, וואָס זיי וועלען זיך אויף אַזוי פיל מעהר אָב־געבען מיט סאָציאַלע אויפגאַבען אָדער מיט ערציהען פערלאָזענע יתומים. ביי מיר קומט אויס, אַז עס וואָלט געווען אין איינקלאַנג מיט

דער פאזיטיווער מאראל אין דער צוקונפט, ווען אין א פערהייראט צו־זאמענלעבען צווישען א קוואליפיצירטען מענש און א ניט־קוואליפי־צירטען, זאל דער לעצטער עס איבערלאזען צום פערשטאנד פון דעם ערשטען, צו האבען קינדער מיט א קוואליפיצירטען דריטען מענש.

בקצור, ווער עס האט בעגריפען די אמת'ע סעקסועלע עטיק, וועט שטענדיג געפינען מיטלען און וועגען זי צו פערווירקליכען, ד. ה. פון איין זייט צו בעגעהען פאזיטיוו גוטע האנדלונגען און פון דער אנ־דערער זייט אויסצומיידען נעגאטיוו שלעכטע, און דערביי דאך צו בעפרידיגען זיינע נאטירליכע טריבען, אויב די דאזיגע זענען גראד ניט פון א שלעכטען אדער פערווערזען כאראקטער.

דער אמת מאראלישער מענש וועט זיכער קיינמאל ניט ווערען א מיטשולדיגער פון אזא סאציאלער געזונקענקייט און אויסגעלאסענ־קייט ווי דער באָרדעל־האנדעל צוזאמען מיט דער פראסטיטוציע און אלעס מיט אנאנדער, נאר אדרבה, ער וועט זיי בעקעמפען. ער וועט זיך אבהיטען אן אנדערען מענש צו שעדיגען סעקסועל; און אין פאל זיין ליידענשאפט האט איהם געטריבען צו א ניט בערעכענטער האנד־לונג, וועט ער אנווענדען אלע זיינע כחות כדי איהרע פאלגען ווידער גוט צו מאכען.

אין די צען געבאטען (עשרת הדברות) ווערט צוויי מאל דערמאנט די סעקסועלע מאראל:

דאס זעקסטע געבאט: לא תנאף, דו זאלסט ניט געשלעכטליך פערקערען מיט א פרעמדער פרוי.

דאס צענטע געבאט: לא תחמוד בית רעך. לא תחמד אשת רעך ועבדו ואמתו ושורו וחמרו, וכל אשר לרעך. — דו זאלסט ניט גלוסטען דיין שכנ'ס ווייב, ניט זיין קנעכט, ניט זיין דינסט, ניט זיינע בהמות, ניט קיין זאך וואס איז זיין.

דאס איז היבשלעך מאגער.

אבער אין דעם עלפטען געבאט פון קריסטוס'ן פערטרעטען די ווערטער "דו זאלבסט ליב האבען דיין שכן ווי דיך אליין" במעט דעם זעלביגען שטאנדפונקט, וועל־

בען די מאָדערנע עטיק מוז פערטרעטען. פונדעסטוועגען פאָדערט דער הייגטיגער סאָציאַלער פאָרטשריט א פולשטענדיגע פאָרמולאַציע, אונגעפער אזוי: דו זאָלסט ליב האָבען די מענשהייט מעהר ווי דיך אליין, און דו זאָלסט זוכען דיין גליק אין דעם גליק פון איהר צוקונפט. פון דער דאָזיגער פאָרמולע טיילט זיך אָב דאָס געבאָט פון דער סעקסועלער עטיק, ווי מיר האָבען זיי אויבען דעפינירט.

אין די עשרת הדברות פון משה'ן ווערט די פרוי קודם כל בעטראַכט אלס אייגענטום, און די גלוסטונג נאָך דעם ווייב פון דעם שכן ווערט געדראָהט מיט א געטליכער שטראָף, אלס א גלוסטונג נאָך דעם שכנ'ס פערמעגען. אזוינע בעגריפען דאַרפען ווערען רעווידירט אין זייער סאַמע תמצית אזוי גיך ווי די פרוי ווערט בעטראַכט און בעהאַנדעלט אלס א פרייער מענש און גלייך ווי דעם מאַן. מיר האָבען געזעהען, ווי געוויסע פאָרמען פון הייראַטס־ברוך ביי א פרייוויליגער איינשטימיגקייט פוןביידע צדדים קאָנען אפילו זיין מאָראַליש פאָזיטיוו.

טראָצדעם אבער וועט עס שטענדיג זיין די עיקר־אויפגאַבע פון א מענש'ס סעקסועלע מאָראַל איינצוצוימען זיינע עראָטיש פאָליגאַמישע גלוסטען, מחמת זיי זענען ביז א הויכען שטאַפּעל געאייגענט צו שעדיגען דאָס גליק פון אנדערע. ספּעציעלע פאַלען אין וועלכער קיינער ווערט ניט בעשעדיגט זענען, ווי מיר האָבען געזאָגט, אויסנאַהמען (זעה צ. ב. גיו דע מאָפּאַססאַנ'ס "Mouche" און א. קוּאוורור'ס "La Graine").

מיר האָבען געזעהען, אז אונזער ראָמאַן־ליטעראַטור האָט א נייגונג צו בעהאַנדלען די סאַמע אויסערגעוועגליכסטע, טראַגישסטע און פאָטאַלסטע עראָטישע קאָנפליקטען, און זעהר אָפט נאָר דערפאַר, בכדי אויפצורעגען די ליידענשאַפט פון דעם לעזער. זיין סעקסועלע עטיק דאַרף מען ניט אויפבויען אויף דעם יסוד פון אזוינע לעקציעס. דער דורכשניטליכער מענש, און אפילו דער נאָרמאַלער מענש וועמעס נאַטור איז העכער פון דעם דורכשניט, איז באין אופן ניט אזוי ליידענ־

שאפטליך ווי די העלדען אין די ראמאנען. ער נעהמט זיך ניט דאס לעבען ווען זיין ליבע ווערט צוריקגעוויזען, נאר ער געפינט (אפילו די פרויען) אן ערזאץ נאך א שטיקעל צייט און טרויסט זיך. סוף כל סוף איז ער אויך גובר די אייפערזוכט. א חוץ דעם איז עס פשוט איבערגעטריבען, האלטענדיג זיך טיילווייז אויף א סוגעסציע אדער אוטא־סוגעסציע, אז די עטיק פון דער ליבע פאדערט, אז צוויי מענשען זאלען לעבענסלענגליך איינער אין אנדערען פולשטענדיג פערשמעלצען זייער איך, א פערשמעלצונג וועלכע דארף דויערען אפילו נאך דעם טויט. מיר האבען שוין געזעהען, אז די דאזיגע מאראל פירט צו א דועל־עגאיזם און איז בשום אופן ניט דאס אידעאל פון דעם מענשליכען גליק. אט פונקט ווי שעהן עס איז די געגענזייטיגע טרייקייט פון צוויי מענשען וואס וואוינען צוזאמען, אט פונקט אזוי שלעכט איז זי ווען זי ווערט איבערגעטריבען, ווען זי ווערט ענליך צו א געצענדינסט און קען בלויז איין איינציגען לעבעדיגען אדער טויטען מענש, און פערהאלט זיך צו דער איבעריגער וועלט מיט א צוריקגעצויגענקייט און גלייכגילטיגקייט אדער גאר מיט האס.

מיר האבען שוין געוויזען, אז די אלטרואיסטישע געפיהלען פון דעם מענש וועגען דירעקט אדער אינדירעקט*) פילאגענעטישע צווייגען פון דעם געשלעכטס־טריב, און בעזונדערס פון דער סעקסועלער ליבע. דער אמת׳ער סוד פון דער סעקסועלער עטיק בעשטעהט דעריבער אין א קולט פון אלטרואיזם אויף דעם סעקסועלען געביט. דער דאזיגער קולט אבער זאל ניט בעשטעהען אין מאראלישע פראזען, נאר ער זאל וועיזען זיין ממשות דורך מאראלישע האנדלונגען. א טרויריגער

---

*) אמת; מען קאן זאגען: אז די פריינדשאפטליכע פעראייניגונג פון אינדיווידועז פון דעם זעלביגען געשלעכט זענען אפטמאל געשטאנען אויף דעם יסוד פון דער פילאגענעטישער ענטוויקלונג פון די חיה׳שע אדער מענשליכע געזעלשאפטען, דאס דאזיגע ווילען מיר בשום אופן ניט אבלייקענען. אבער די סימפאטיע-געפיהלען, אויף דעם בלויזען פונדאמענט פון וועלכע די פריינדשאפטליכע פעריייניגונגען קאנען זיך ענטוויקלען, זענען גופא נאר די צווייגען פון דעם פרימיטיווען סימפאטיע-געפיהל פון איין אינדיווידיום צום אנדערען, און דאס דאזיגע לעצטע געפיהל האט זיינע ווארצלען אין דער סעקסועלער אנציהונג.

בעוויז פון דער מענשליכער שוואכקייט ליגט אין יענעם מין פון דער מאדערנער עטיק, וועלכע ניצט זיך אויס אין סאלאן־געשפרעכען אדער אין אונענדליכע עפענטליכע רעדעס און לעקציעס. די דאזיגע עטיק פאלט שוין צו פינקטליך צונויף מיט דעם ריינסטען עגאיזם. ניין, אהן סאציאלע ארבייט איז ניט דא קיין אמת'ע מאראל.

דער קאמף פאר דעם לעבען איז פון דעם מענש פריהער געפירט געווארען קעגען דער נאטור, קעגען די חיות און בעזונדערס קעגען אנ־דערע מענשליכע שונאים. היינט־צוטאג זענען די ערשטע בעזיגט, און וואס איז שייך די מלחמות אלס ריזיגע קאמפען, ברעכען זיי מיינסטענס אויס צווישען איינצעלנע גרויסע אימפעריעס, אזוי, אז זיי וועלען באלד דורך זיך גופא דערגעהען א ד א ב ס ו ר ד ו ם. שוין צוליב דער דאזיגער אורזאך אליין פערלירט, ווי מיר האבען דאס שוין געזאגט, די מאראל פון דעם גאט פון מלחמה און פון דעם פאטריאטישען שא־וויניזם דעם באדען אונטער די פיס. די אמת'ע מאדערנע עטיק איז שוין געווארען א סאציאלע און אינטערנאציאנאלע מענשהייטס־עטיק, און זי מוז עס ווערען אלץ מעהר און מעהר אין דער צוקונפט.

פונקט ווי א העלד פון די אלטע צייטען האט פעריינינגט די ליבע צו זיין פרוי מיט דער ליבע צו זיין פאטערלאנד, בכדי צו געווינען די קראפט צו קעמפען פאר זיין אידעאל, פונקט אזוי מוז אונזער ליבעס־אידעאל געווינען אלץ מעהר קראפט דורך דעם סאציאלען קאמף, דורך דעם קאמף לטובת הכלל. זייט ביי זייט מוזען דא מאן און ווייב קעמ־פען צוזאמען, מחמת דער דאזיגער קאמף פאדערט פון ביידע אז אנ־געשטרענגטע ארבייט אין משך פון זייער גאנץ לעבען. אבער טאקע די דאזיגע ארבייט איז אויך א ברכה פאר זיי גופא. זי האלט אויף און שטארקט ניט בלויז דעם קערפער, נאר בעזונדערס דעם גייסט, די געהירן־קראפט. דער קאמף לטובת הכלל גרייט צו די העכסטע און אידעאלסטע פרייד. ער לערענט דעם מענש זיך צו צוימען, ד. ה. גובר צו זיין זיין נאטירליכע פוילקייט, זיין געננוס־זוכט, זיין אבהנגיג־קייט פון כל־ערליי נישטיגע געוואוינהייטען און נידעריגע אינסטינק־טען. ער ערציהט דעם מענש, אונטערדריקט זיינע שוואכע און עגאיס־טישע געפיהלען און אנטוויקעלט, פערקערט, די פעהיגקייט צו טון א גוטע און ניצליכע ארבייט. א דאנק דעם דאזיגען קאמף ווערט אפילו א געהירן מיט א מיטעלמעסיגער קוואליטעט א ניצליך סאציאל געצייג.

איך פרעג איצט, אויב דער מענש וועט נאך געפינען צייט און חשק ביי אזא מין לעבען, אויפצופירען אזוינע סעקסועלע ליבעס־דראמעס ווי מיר געפינען זיי היינט־צוטאג אין אונזערע ראמאנען און דערצעלונגען און וועלכע ווערען טאג־טעגליך אנגעבאטען אלס גייסטיגע נאהרונג פאר אונזערע פרויען און מענער? און איך ענטפער: אויב דער מענש איז נארמאל, ניין! נאר פאטהאלאגישע נאטורען, מיט זייער קרענקליך איבערגעטריבענער עמפינדליכקייט און קרענקליכער ליידענשאפט, זענען אונפעהיג, טראץ דער ענערגישער ארבייט פאר דעם סאציאלען וואוילזיין, צו צוימען זייערע ליידענשאפטען אדער מיט דער צייט זיי גובר צו זיין. ווידער אנדערע גאנץ אדער האלב נארמאלע מענשען ווערען קינסטליך געטריבען צו אזא איבערגעטריבענער בעגייסטערונג אין דעם סעקסועלען געביט, דורך זייער פוסט און פאסעווען, דורך לעזען ביליגע ראמאנען וועלכע רייצען אויף זייער געשלעכטס־טריב און זייער סענטימענטאליטעט, אזוי גוט ווי אפטמאל דורך אן איינזייטיגער טעטיגקייט און אנדערע אבנארמאלקייטען פון דעם שטאדטישען לעבען.

מיר האבען שוין געזאגט, אז ארבייט אליין איז ניט גענוג, נאר אז פאקטיש, צו דער טעגליכער בעשעפטיגונג מוז מען צולעגען די סאציאלע ארבייט. פאקטיש, דער פועל יוצא פון א כסדר'דיגער מאנאטאנקייט פון א ספעציעלער ארבייט, אפילו דאס אבגעבען זיך אויסשליסליך מיט א וויסענשאפטליכער ספעציאליטעט איז, וואס דאס געהירן גופא ווערט אויך איינזייטיג. די עטישע געפיהלען ווערען דורך דעם אטראפירט. די איינזייטיגקייט אין א בעשעפטיגונג געהט זעהר לייכט צוזאמען מיט דער אויסשליסליכקייט אין דער ליבע (ניט אין געשלעכטס־טריב). אין אזא פאל ארבייטען זעהר אפט צוויי עגאיסטען, אדער עטליכע אין א פאמיליע, צוזאמען און עקספלואטירען די געזעלשאפט. כל זמן זיי לעבען און זענען געזונד און דאס געשעפט געהט גוט, כל זמן זייערע חשבונות ווערען ניט צושטערט דורך ניט געראטענע קינדער אדער דורך די עגאיסטישע פלענער פון אנדערע מענשען, אזוי לאנג קאנען זיי זיך זיין גענגענזייטיג געטריי און זייער לעבען קאן זיין רעלאטיוו גליקליך. אבער שפעטער?

ווער עס האט אבער די ליבע צו זיין פרוי (אדער מאן) תמיד פערבונדען מיט אן אקטיווער און ניצליכער ליבע צו דער מענשהייט,

וועט אפילו נאך די ביטערסטע אונגליקען אין איהר געפינען א טרייסט און א בעלוינונג. ער ווערט ניט פערצווייפעלט און פערזאמערט, ער לעבט איבער זיין וועהטאג און לעבט בשלום מיט די מענשען אהן עפעס פון זיי צו ערווארטען, מחמת זיין לעבען לאנג האט ער זיך צוגעוואוינט צו ארבייטען *אונפערזענליך*.

צו גוטע געוואוינהייטען קאן מען אלעמאל דערגרייכען, און אזוינע אלטרואיסטען בעגעגענען מיר צווישען די סאמע בעשיידענסטע און פשוט'סטע מענשען, צווישען ארבייטער און פויערים, וועלכע פערשטעהען און פערווירקליכען טאקע דאס נאר וואס געשילדערטע אידעאל.

אין קאפיטעל 17 וועלען מיר זעהען, ווי אזוי די נאטירליכע דיספאזיציע פון דעם קינד קאן און זאל ענטוויקעלט ווערען אין דער דאזיגער ריכטונג. עס פערשטעהט זיך, אז אזוינע ריינע עגאיסטען און אזוינע מענשען וועלכע זענען נעגאטיוו פון א עטישען שטאנדפונקט, ד. ה. אין אנדערע ווערטער, נאטורען וועלכע זענען אלגעמיין שעדליך דורך א טיפער ירושה, קאן מען קיינמאל ניט ערציהען און מאכען פאר אלטרואיסטען. אבער זיי זענען ניט די מעהרצאל. די גרויסע פערטעמפטע און גלייכגילטיגע מאסע מענשען קאן נאך ווערען צוגעוואוינט צו רעלאטיוו גוטע האנדלונגען דורך א סאציאלער ארבייט און א צוגעפאסטער ערציהונג, ווען עס וועלען ווערען אבגעשאפט די דרויסענדיגע כחות, ווי די שכרות און די געלד־הערשאפט, וועלכע טרייבט זי צום שלעכטען, און אויף זייער פלאץ וועלען ענטוויקעלט ווערען אזוינע כחות וועלכע ערציהען צום גוטען.

לסוף מוז די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון דער מענשהייט נעווענדט ווערען אויף איהר אייגענער צוקונפט, בכדי צו פערגרעסערע די צאל פון די גוטע און ניצליכע מענשען און צו פערקלענערען די צאל פון די שלעכטע און קרענקליכע מענשען. אבער דאס איז אן ארבייט פון יאהרהונדערטען פון אויפקלערונג און ערציהונג, אן ארבייט וועלכע מיר קאנען היינט ערשט אנהויבען. דא שלאגען מיר זיך אן אויף א הויפט שוואכקייט פון דער מענשליכער נאטור, א שוואכקייט וועלכע בעשטעהט דערין צו ווערען בעגייסטערט און צו ארבייטען בלויז פאר יענע פארטשריטען, דאס מקוים־ווערען פון וועלכע דער ליבער איך אין זיין קליין עגא־צענטרישען לעבען גלויבט צו קאנען דערגרייכען. טאמער זעהט ניט דער דאזיגער קליינער איך קיין באלדיגען ערפאלג,

ווערט ער פאראליזירט און ענטמוטיגט, דרעהט זיך איבער מיט דער פלייצע צו דער רעפארם, גיט דערביי אן גישטיגסטע תרוצים און ענ־דיגט: „עס וועט גארנים העלפען, די מענשען זענען צו שלעכט". איך וועל געבען א ביישפיל:

א יונגער גימנאזיסט איז געווארען בעגייסטערט פאר דער רעפארם קעגען שכרות (אלקאהאל אבסטינענץ). עטליכע יאהרען נאכאנאנד איז ער געווען איבערגעגעבען צו דער דאזיגער ארבייט, האט מיטגעהאלפען אין אלע עפענטליכע דעמאנסטראציעס און האט זיך איבעראל געוויזען ווי אן אפאסטאל פון דער אבסטינענץ אלס א סאציאלע רעפארם. ער איז דעמאלט אריין אין א העכערער שול. אין א געוויסען טאג, נאך עטליכע דורכפאלען, האט ער זיך פלוצלונג אבגעקערט פון דער גאנצער רעפארם מיט דער דעקלערונג, אז ער זעהט נים „קיין צוקונפט פאר דער אבסטינענץ בעוועגונג". און ער איז אוועק. עס פערשטעהט זיך די בעוועגונג האט פראגרעסירט אהן איהם. מיט עטליכע יאהרען שפעטער האט מען איהם נאכאמאל געפרעגט פארוואס ער האט איי־גענטליך פערלאזען די בעוועגונג, און סוף כל סוף האט ער מודה געווען, אז ער האט נים געוואלט אויסזעהען אריגינעל און עקסצענטריש ער האט צוגעגעבען, אז אלס אבסטינענט האט ער זיך געפילט זעהר נוט, האט אויסגעזעהען צו זיין אביסעל ערשטוינט דערהערענדיג אז די בעוועגונג האט ניש'קשה'דיג פראגרעסירט אהן איהם, האט צום סוף איינגעזעהען זיין טעות און האט פערשפראכען ווידער צוצושטעהען צו דער אבסטינענץ־בעוועגונג.

אין אזוינע אלטעגליכע, מען קאן זאגען באנאלע, קליינע פאסירונ־גען ליגט דער סוד פון דעם לאנגזאמען גאנג פון די סאציאלע רעפארמען. די מענשען וועלכע פאלען מאמענטאן אריין אין התפעלות פאר איהר, גלויבען אלעמאל, אז אין דער ווירקליכקייט לויפט אלעס אזוי גיך ווי אין זייער פאנטאזיע: ווען זיי זעהען, אז מען געווינט נים אזוי גיך דאס מאקסימום, ווערען זיי פאראליזירט און ענטמוטיגט; זיי האבען נים דעם פערזענליכען מוט און די פערזענליכע אויסדויערקראפט צו בלייבען אין א מינאריטעט.

דעמזעלביגען דוחק אין אויסדויערקראפט און אין בערעכענונג, וואס מיר האבען געטראפען ביי אונזער יונגען אבסטינענט, בעגעגענען

מיר אויך אין דער ערציהונג פון קינדער. אויף אַ זעהר לאַנגזאַמען אופן וועט מען אין די מענשען קאָנען ענטוויקלען אַ בעסערען און אַ קלאָרערען בליק מכח דעם דאָזיגען ענין.

עס קאָן זיך אויסדראַכטען אַז מיר האָבען אַבגעווייכט פון אונזער ענין, מחמת מיר האָבען זיך פערנומען מיט יענע ליבעס־אויסשטראַלונגען, וועלכע זענען דאָס אביעקט פון די סאָציאַלע געפיהלען, ד. ה. פון דער עטיק בכלל (זעה קאַפּיטעל 5). אָבער פון די דאָזינע ריכטיג פערשטאַנענע און אָנגעווענדעטע סאָציאַלע אויסשטראַלונגען פון דער ליבע איז צוזאַמענגעשטעלט די דאַמבע, וועלכע צוימט די סאָציאַל־שעדליכע פערקרימונגען פון דעם געשלעכטס־טריב, און קירעוועט איהם ארויף אויף אַ געזונדערען עטישען וועג. ניט די דרויסענדיגע צוואַנג פון שטרענגע, אַזוי־גערופענע מאָראַל־געזעצען, ניט דאָס שרעקען מיט די גיהנום־שטראָפען און ניט די פערשפּרעכונגען פון גן־עדן, ניט די מאָראַלישע דרשות פון גלחים, ניט די צניעות און ניט די מורא צו רעדען פון זאַכען וואָס זענען נוגע דעם געשלעכטס־לעבען און אויך ניט די אסקעטישע התפּעלות, זענען אימשטאַנד אויפצובויען אַ געזונדע און גערעכטע סעקסועלע עטיק. איך וויל דאָ ניט איבער'חזר'ען דאָס, וואָס איך האָב שוין געזאָגט אין די קאַפּיטלען 10, 11, 12 און 13. דעם ווערט פון די מאָראַלישע לעהרען מוז מען שאַצען וועדליג איהרע פּרות און ניט וועדליג איהר מליצה. איין זאַך איז זיכער, אַז דאָס סעקסועלע לעבען פון דעם מענש וועט זיך בלויז דעמאָלט אויפהויבען אויף אַ העכערען שטאַפּעל, ווען עס וועט מעהר ניט שטעהען אויף דעם יסוד פון אַ מיסטישער, רעליגיעז־דאָגמאַטישער מאָראַל, און ווען עס וועט זיין אויפגעבויט אויף דעם פונדאַמענט פון אַן אמת מענשליכער מאָראַל, אַ מאָראַל וועלכע וועט זיך רעכענען מיט די נאָרמאַלע בעדערפענישען פון דער מענשהייט, און דערביי דער עיקר האָבענדיג אין אויג דאָס גליק פון אונזערע קינדער.

די הייראַט זאָל מען בעטראַכטען אי אַלס מיטעל אויף אַ נאָרמאַלען אופן צו בעפרידיגען דעם געשלעכטס־טריב און אי אַלס אַ מאָראַלישע און סאָציאַלע שול פון לעבען. אָבער ניט בלויז דאָס ערשטע אָדער דאָס אַנדערע. דאָס טיילען־זיך מיט די פליכטען, די פולשטענדיגע גלייכבערעכטיגונג און די געמיינשאַפטליכע סאָציאַלע ארבייט זענען בכח צו מאַכען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דעם סעקסועלען באַנד

צווישען א פאר־פאלק. דורך א העכערען סאציאל־מענשליכען בליק ווערען אין מאן און ווייב גרינגער גובר געווען זייערע עגאיסטישע געפיהלען, דער עיקר די אייפערזוכט. העלפענדיג אין דעם גליק, און בעזונדערס אין דעם סעקסועלען גליק פון אנדערע, וועט אזא פארפאלק אלץ מעהר און מעהר זיך אויסלערנען צו ענטשולדיגען און מוחל זיין סעקסועלע שוואכקייטען פון אנדערע מענשען. זיי וועלען מעהר ניט אראבקוקען מיט גאוה און פעראכטונג אויף דעם מיידעל מיט דעם אונ־געזעצליכען קינד, אויף דער גרושה, אויך ניט אויף דעם קאנקובינאט, אויך ניט אויף דעם אונגליקליכען האמא־סעקסואליסט און אויף אלע סעקסועלע שוואכקייטען און פעהלערס פון זייערע מיטמענשען. אדרבה, זיי וועלען אנווענדען אלע זייערע כחות זייער מזל צו מאכען גליקליכער, ד. ה. זיי וועלען העלפען אלע יענע מענשען, וועלכע קאנען געהאלפען ווערען. אין דער דאזיגער ארבייט וועלען זיי פיהלען זייער גרעסטען תענוג, און אין קיינער פון זיי גופא זאל ווערען א קרבן פון א סעקסועלער שוואכקייט, וועט איהם, ערשטענס, זיין לייכטער צו פער־געבען און, צווייטענס, וועט ער די שוואכקייט גרינגער גובר זיין.

מען וועט האבען וועניגער צייט צו פערביטערען דאס לעבען דורך בייזע קאפריזען און קליינליכע רייסערייען און מחלוקות צווישען מאן און ווייב. דער מאן וועט זיך מעהר ניט בענעהמען ווי א דעספאטישער האר און הערשער, און די פרוי וועט מעהר ניט דארפען דורך פאלשקייט זיך ראטעווען און אין דערזעלביגער צייט זיך דערניידערען. רעליגיעזע דאגמעס וועלען מעהר ניט האלטען מאן און ווייב צושיידט און אבגע־פרעמדט; מען וועט מעהר ניט דארפען קיין גלחים אין דער הייראט. און צום סוף, מען וועט מעהר ניט מורא האבען פאר דעם טויט, נאר מען וועט דעם טויט בעטראכטען אלס א געווינשטע רוה נאך דער פער־ענדיגטער ארבייט און נאך די ערפילטע פליכטען פון א גוט אויסגעניצט לעבען.

איך קאן אנדערש ניט ווי האלטען יענע מענשען פאר שמאלקעפיק און מאראליש שטומפזיניג, וועלכע בעטראכטען אזא אידעאל פון לעבען אלס א פאנטאזיע וועלכע קאן קיינמאל ניט מקוים ווערען, אלס א משונה'דיגער קאפריז פון א בעל־חלום ווען די וועלט איז פרעמד. אהן ספק, פאר פערדארבענע, בירושה פערקרענקטע, אין פוילקייט,

אויסגעלאסענקייט און אין גענוס־זוכט פערזונקענע מענשען. מענשען וועלכע האבען שוין פערלוירען די עלאסטיציטעט און די פלאסטיציטעט פון זייער געהירן, אדער וועלכע האבען זיי קיינמאל ניט פערמאגט, פאר אזוינע מענשען איז עס ניט דערגרייכבאר. בעסערע מענשען האבען עס שוין אבער אפטמאל יא דערגרייכט. מען מוז דעריבער האבען א ווירקונג אויף די קינדער און זיך אנשטרענגען סיי דורך ערציהונג און סיי דורך צוכטוואהל צו בעשאפען א יוגענד פון אלץ א בעסערער און בעסערער קוואליטעט.

„אללאה דארף ניט מעהר בעשאפען, מיר בעשאפען זיין וועלט!“

אנהאנג צו קאפיטעל XV.

צוויי פאלען:

1. אין א קריטיק אויף דער ערשטער אויפלאגע פון דעם בוך שרייבט דער (זינט דעמאלט פערשטארבענער) מיזאגין דר. פ. י. מעביוס, דער מחבר פון „פסיכאפאטישען שוואכזיננעם דער ווייבער“ דאס פאלגענדע:

„טיילמאל הויבען זיך אויף ספקות, אזוי ביי פארעל׳ס צוהיצטקייט לויט דער שטייגער פון די אבאליציאניסטען, ביי זיין התלהבות פאר דער „גלייכבערעכטיגונג“ פון די געשלעכטער. איין זאך איז גראד וואונדערליך, דאס איז די פסיכאלאגיע פון די געשלעכטער: די אינטעליגענץ פון דעם מאן איז גרעסער; די געפיהלען פון די געשלעכטער זענען אנדערש, אבער כמעט גלייך שטארק; אבער דער ווילען פון דער פרוי איז שטארקער (ווייל אין הויז פירט זי דורך קאנסעקווענט איהר ווילען)!“

ניט קוקענדיג אויף דער באמת נאיווער מאטיווירונג וועלכע מעביוס שרייבט צו צו מיינע מיינונגען מכח דעם ווילען פון דער פרוי, און וועלכע דער אויפמערקזאמער לעזער פון מיין בוך וועט קוים מערקען, וויל איך מיך קעגען דער דאזיגער „קריטיק“ גארניט פערטייטיגען. נאר אלס אן ענטפער וויל איך בלויז איבערגעבען די פאלגענדע פאסירונג, פאר דעם וואהאפטיגקייט פון וועלכער עס גאראנטירט הער־

יוליוס וו. עד. וואונדזאם אין צוריך. איך דאנק הארצליך הערן וואונ־זאם פאר דעם איבערגעבען מיר דעם דאזיגען לעהררייכען פאל און פאר זיין ערלויבניש איהם דא צו פערעפענטליכען. פון דעם דאזיגען פאל קאן מען זעהען דעם אינוועניגסטען ווערט פון אונזער היינטיגער סעק־סועלער מאראל.

"מיינער א קוזין, דעמאלט א יונגער עסטרייכישער מארין־אפיציר, איז מיט נאך חברים אריינגעקומען אין א באָרדעל אין טוניס. ביים אריינקומען האט איינס פון די מיידלעך געגעבען א געשריי און איז אריינגעלאפען צו זיך אין צימער. זי האט זיך דארט פערשלאסען און איז ערשט צוריק ארויסגעקומען נאכדעם ווי זי האט געגלויבט אז די דאזיגע מענער זענען שוין זיכער אוועק. וואונדערענדיג זיך איבער דער דאזיגער זונדערבארער סצענע, און וועלענדיג דערגעהען די אורזאך, איז מיין קוזין דארט פערבליבען און זיך בעהאלטען ביז דאס מיידעל איז געוועזען ביי זיך פולשטענדיג זיכער און איז ווידער אריין אין זאל. בגנבה האט ער זיך צוגעשליכט און צו זיין ניט קליינער איבעראשונג האט ער אין דער מיידעל דערזעהען די טאכטער פון אן אנשטענדיגער פאמיליע פון זיין שטאדט.

איצט צום אנטלויפען איז געווען אונמעגליך און, דאס מיידעל האט אויסגעבראכען אין א געוויין. ער האט זי געבעטען זיך מיט איהם דורכצורעדען, אבער ערשט נאך א לאנג שלאגען זיך מיט דער דעה און ערשט נאכדעם ווי ער האט איהר געגעבען זיין ווארט אלעס צו האלטען בסוד, איז איהם געלונגען דאס מיידעל צוצורעדען איהם אפענ־הארציג אלעס צו דערצעלען.

זי האט איהם דערצעלט אז זי האט געהאט א ליבעס-פערהעלטניס מיט אן אויבער-לייטנאנט, וועלכער איז געשטאנען מיט זיין גארניזאן אין איהר שטאדט און, אז סוף כל סוף האט זי זיך אין איהר ליבע איהם אינגאנצען איבערגעגעבען. ווען זי האט בעמערקט אז זי שוואנ־גערט, האט זי דאס צוערשט געזאגט איהר געליבטען, — וועלכער האט באלד נאך דעם זיך געלאזט טראנספערירען נאך טריעסט! די עלטערן זענען פון זייער טאכטער'ס צושטאנד ערשט געוואר געווארען נאך א קורצער צייט, ווייל אין איהר גרויסען שרעק פאר דעם צארן פון איהר פאטער האט זי איהר סוד בעהאלטען דורך זיך איינשנירען און איינקרעמפען.

נאָכדעם ווי אַלעם האָט זיך אַרויסגעשטעלט, פון פאָטער שלעכט בעהאַנדעלט און פון דער פאַמיליע פערטריבען, איז די אונגליקליכע געפאַרען קיין טריעסט, וואו זי האָט געגלויבט אין איהר געליבטען און פערפירער צו געפינען הילף. דאָרט האָט זי אָבער בעגעגענט די ערשטע און ביטערסטע ענטוישונג, וועלכע האָט אויך אַריינגעטריפט דעם ערשטען טראָפּען סם אין איהר האַרץ. — איהר געליבטער האָט איהר פשוט געזאָגט, אַז ער קאָן מיט איהר ניט חתונה האָבען און אויך פאַר איהר ניט זאָרגען; ער האָט איהר בלויז געוואָלט געבען אַ געוויסע סומע געלד און האָט פון איהר פערלאַנגט צו פערלאָזען טריעסט און איהם מעהר ניט מאַכען קיין „שוועריקייטען"! טראָץ איהר ביטערער לאַגע האָט זי איהם דאָס אַנגעבאָטענע געלד צוריקגעוואָרפען, ווייל זי האָט געזעהען, אַז דער מאַן, וועמען זי האָט אין איהר בלינדער ליבע און אין איהר טיפען צוטרויען אַלעם געשאַנקען און געגעבען, וויל זיך איצט דורך דער אַנגעבאָטענער סומע אויסקויפען פון אַלע איבעריגע פליכטען.

איהר אייגענע קאַסע איז געווען זעהר אָרים, אַהיים קאָן זי ניט און טאָר ניט קומען, — איז זי דעריבער געווען געצוואונגען אַנצונעהמען אַ שטעלע. אָבער צוליב איהר צושטאַנד, די שוואַנגערשאַפט אין די ווייטערע חדשים, איז דאָס איהר אָנגעקומען זעהר שווער. זי האָט געשריבען קיין פיום צו איהרע עלטערנ'ס אַ געוועזענע קעכין, וועלכע איז געווען פערהייראַט מיט אַ ווירט, האָט דערצעלט איהר גאַנצע לאַגע און האָט זי געבעטען איהר צו ערלויבען צו קומען צו איהר. מען האָט זי דאָרט אויפגענומען, זי האָט זיך דאָרט ניצליך געמאַכט אַרום דער ווירטשאַפט און האָט דאָרט אָבגעוואַרט ביז צו דער קינפּעט. עס איז געווען אַ פריהגעבורט, — אַ טויט קינד, — זי אַליין האָט דערנאָך געקרענקט עטליכע מאָנאַטען. ניט קוקענדיג וואָס די דאָזיגע פאַמיליע האָט זי אויפגענומען אין איהר גרעסטער נויט, און איהר אויך געהאָלפען בעת איהר קראַנקהייט, איז איהר אָבער געווען אונמעגליך דאָרט לאַנג צו פערבלייבען; די שטעלע אַלס אַ קעלנערקע אין אַ קנייפּע פאַר מאַטראָזען האָט זי אָנגעפילט מיט עקעל. דורך דער הילף פון אַן אַגענט, אַן אייגענער מענש אין דער דאָזיגער ווירטשאַפט, האָט זי געגלויבט אַז זי קריגט אַ גוטע שטעלע ביי אַ דייטשער פאַמיליע אין גענוא, וואו אַנב אורחא זי וועט אויך האָבען די געלעגענהייט זיך אויס־

צולערנען פראנצויזיש און איטאליעניש. די דאזיגע "דייטשע פאמי־ליע" איז געווען א בארדעל, — פון וואנען זי איז נאך עטליכע מאנאטען געקומען קיין טונים.

דא איז זי שוין געווען ארום א יאהר צייט, פערטעמפט, מיט איהר מזל האלב צופרידען, מחמת זי האט ניט געהאט קיין שום האפענונג אמאל צו קאנען צוריקצוגעהען אויף אן אנדערען וועג. אט אין דעם דאזיגען צושטאנד האט זי געטראפען מיין קוזין. די בעגעגענונג האט אין דער אונגליקליכער צוריק אויפגעוועקט די זכרונות פון איהר פער־גאנגענהייט, וועלכע האט איהר אויסגעוויזען, לויט איהרע אייגענע ווערטער, ווי א פיבערישער חלום, און מיין קוזין האט מיר געשילדערט אלס שרעקליך די פערצווייפלונג פון דער מיידעל, וועלכעס האט א דאנק דער דאזיגער ניט ערווארטעטער צוזאמענטרעפונג פולשטענדיג בעגרי־פען איהר לאגע.

ער האט זי געטרייסט און זיך אנגעבאטען, מיט דער הילף פון דעם קאנזולאט, זי צו בעפרייען פון איהר איצטיגער לאגע. דערפון האט זי זיך אבסאלוט אבגעזאגט; זי האט מורא געהאט פאר דעם צוריק־גאנג, זי האט מורא געהאט פאר דער שאנד!

אחן איהר וויסען האט זיך מיין קוזין געווענדעט צו איהר פער־פירער און אין איהם דערמאנט אין זיין כבוד און אין זיין פליכט זיך אנ־צונעהמען פאר דער מיידעל. שפעטער האט ער חרטה געהאט אויף זיין שריט, מחמת די פולשטענדיגע איגנארירונג פו זיין בריף האט איהם אויך געוויזען וואס פאר א סארט "קאוואליר" דאס איז געווען. — אחן דעם מיידעל עפעס פריהער צו זאגען, האט ער זיך איצט געווענדעט צו א בעקאנטער פאמיליע אין וויען און איהם איז געלונגען דארט פאר איהר צו קריגען די שטעלע אלס א העכערע אויפפאסערין אויף די קינדער. מיין קוזין האט דער פאמיליע וועגען דער מיידעל בלויז דער־צעלט, אז צוליב אן אונגליקליכער ליבע איז זי אוועק פון איהר היים און איז איצט, פערלאזען פון איהר געליבטען, אין א גרויסער נויט. ווי טיף די ארימע איז געזונקען, האט ער פערשוויגען; אויף מיין פיר־האלטען פארוואס ער האט דאס געטון, האט ער מיר געענטפערט, אז ער האט דאס געטון דערפאר, ווייל ערשטענס האט ער מורא געהאט טאמער וועט ער ביי דער פאמיליע בעגעגענען א צו שווערען פארורטייל און, צווייטענס האט ער מורא געהאט אין דער בושה פון דעם מיידעל

גופא ניט צו געפינען אַ שטערונג אַנצונעהמען די שטעלע.

תחלה האָט זיך דאָס מיידעל געקווענקעלט אויף אַנצונעהמען די דאָזיגע אָנגעבאָטענע הילף; זי האָט זיך געפיהלט שוין צו טיף געזונקען כדי ווידער צו קאָנען לעבען אַלס ערליך מיידעל. מיין קוזין האָט מיר געשילדערט דעם נשמה־קאַמף, דאָס אויפטאָגען פון אַ נייער האָפענונג — און די שווערע בלייענע משא פון דעם בעוואוסטזיין וועגען איהר געגענווערטיגער לאַגע.

מיט שווערע מיה איז איהם געלונגען אין דעם מיידעל צוריק אויפ־צואוועקען אַ נייעם צוטרויען אין דער צוקונפט, און די אָרימע צו איבערצייגען אַז עס איז נאָך מעגליך אַ צוריקקערען־זיך.

זיינע בעמיהונגען דאָס מיידעל צו בעפרייען פון דעם באָרדעל זענען געוואָרען זעהר שווער, מחמת ער האָט געמוזט בעהאַלטען זיין אַבזיכט פאַר דעם באָרדעל־אייגענטימער; ער האָט געמוזט זיין פאָר־זיכטיג עס זאָל פאַר דער צייט ניט פאַלען אַ חשד אויף דעם צוועק פון זיינע אָפטע בעזוכען. מען האָט איהם פערדעכטיגט נאָכגעקוקט, ווייל, ווי ער האָט געזאָגט, איז אין די דאָזיגע הייזער געווען איינגעפירט די מיידלעך ניט צו לאָזען צוזאַמענקומען צו אָפט מיט דיזעלביגע מענער. בעזונדערס וועקט זיך אויף זייער חשד ווען די באָרדעל־בעזיצערס מער־קען, אַז דער בעזוך פירט זיך ניט אויף דעם געוועהנליכען שטייגער פון דער תאוה.

אפילו נאָכדעם ווי ער האָט געוואָלט בעצאָלען אַלע איהרע חובות, האָט ער אָבער זי געקאָנט בעפרייען פון דעם באָרדעל בלויז דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געלאָזט דערקענען אַלס אַן עסטרייכישער מאַרין־אָפיציר און האָט געדראָהט, אַז אין פאַל מען וועט איהם מאַכען וואָסערע ניט איז שטערונגען, וועט ער זיך בענוצען מיט דער געזעצ־ליכער מאַכט.

אין וויען האָט מען דאָס מיידעל פריינדליך אויפגענומען און גוט בעהאַנדעלט. מיין קוזין האָט זי שוין מעהר ניט געזעהען. נאָך זיין אָבפאָהרען פון טוניס, וואו ער האָט בלויז פערבראַכט זיין אורלויב אַלס גאַסט ביי אַ געוועזענעם מאַרין־דאָקטאָר, האָט ער אַ לאַנגע צייט ארומ־געררייזט אויף די ימים.

תחלת האָט דאָס מיידעל אָפט געשריבען און מיט די דאַנקבאַרסטע

ווערטער האט זי געשילדערט איהר ניי־געפינענע רוהיג גליק; מען איז געווען צופרידען מיט איהר און מען האט זי געהאלטען ווי אן אייגענע קינד. טיילמאל אנפרעגענדיג דורך א בריף וועגען דעם מיידעל, פלעגט די פרוי פון דעם הויז געבען די פריינדליכסטע אויסקונפט און אויסגע־דריקט די פולסטע צופרידענקייט.

צוליב דער גרויסער ווייטקייט פון דער היים איז דער בריף־פער־קער כסדר געווארען שוואכער, און אין די לעצטע מאנאטען פאר זיין צוריקקומען קיין איירָאפּא, האט מיין קוזין גאר קיין בריף ניט ער־האלטען. אויך האט ער ניט געשריבען און, ווען ער איז געקומען קיין פאלא, האט ער בעשלאסען צו מאכען א קורצען בעזוך קיין וויען און מיט זיין אונערוואַרטעט קומען אלע איבערראשען. ער איז אריינגעקו־מען, אבער דאס מיידעל האט ער מעהר ניט געפינען אין דער פאמיליע. איהם גופא האט מען אבגעגעבען א גאנץ „קיהלען" ברוך הבא און אויף זיין פראגע פארוואס דאס מיידעל איז מעהר ניט דא, האט איהם די פרוי פארגעווארפען, אז ער האט איהר רעקאמענדירט א פראסטיטוטקע, וועלכע — ווי ער האט געוואוסט — איז שוין געווען אין א שאנד־הויז.

מען האט צו איהר געהאט דעם פולסטען צוטרויען. מען האט זי גע־האלטען ווי אן אייגענע קינד, — מען האט וועגען איהר זיך קיינמאל ניט געהאט וואס צו בעקלאגען. זי האט גוט געוואוסט ווי אזוי צו פערבארגען איהר פערגאנגענע לעבען, ביז אלעס איז דורך א צופאל ענטדעקט געווארען, נאכדעם ווי מען האט זי מעהר ווי א יאהר געהאלטען אין הויז.

דער דאזיגער „צופאל" איז פאלגענדער: זייער אייגענע טאכטער זייענדיג ביי פערוואנדטע אין טריעסט, האט זיך דארט בעקענט מיט הויפטמאן ג. און אין א קורצער צייט ארום האט זי זיך מיט איהם פערלאבט. בעת דער הויפטמאן איז געקומען קיין וויען זיך פערזענליך צו בעקענען מיט זיין צוקונפטיגע שווער־און־שוויגער, האט ער אין הויז געטראפען דאס מיידעל און, ער האט זי דערקענט. עס שיינט, אז זי האט איהם אויך דערקענט, מחמת זי האט זיך מאדנע בענומען, איז געווען צורודערט און האט געבעטען מען זאל איהר ערלויבען צו בליי־בען ביי זיך אין צימער ווייל זי פיהלט עפעס ניט גוט. הופטמאן ג.

האָט אין וויען פערברענגט בלויז איין טאָג און מיט דעם מיידעל האָט ער זיך מעהר ניט בעגעגענט.

אין עטליכע טעג ארום נאָך זיין אוועקפאָרען איז פון איהם אָנגעקומען אַ בריף וועלכער האָט אויפגעדעקט דעם גאַנצען סוד. ער האָט געפיהלט, אז עס איז זיין חוב צו מאַכען עטליכע בעמערקונגען וועגען דעם מיידעל וועלכעס ער האָט געטראָפען אין הויז, מחמת ער נעהמט אָן, אז מען האָט בעאָבאַכט זייער נעגענזייטיגע פערלעגענהייט ביי דער קורצער בעגעגענונג. ער האָט דאָס מיידעל צופעליג געקענט זינט עטליכע יאָהרען; אמת, זי שטאַמט פון אַ זעהר גוטער פאַמיליע, אַבער זי איז זעהר פריה געפאַלען און איז אַוועק אויף קרומע וועגען. ער אליין האָט זי אין טריעסט געטראָפען אין אַ קאַבאַרעט, און שפּעטער האָט ער פון אַ פריינד ערהאַלטען די צופערלעסליכסטע נאַכריכט, אַז פרל. — פון פ. איז אין טוגים אין אַ שאַנדהויז! ער איז איבערצייגט אַז מען ווייסט ניט דאָס פערגאַנגענע לעבען פון דעם מיידעל, אַניט וואָלט מען זי זיכער ניט אַנגעשטעלט. אַבער דער כבוד אלס חתן פון דער טאָכטער לאָזט איהם ניט שווייגען וועגען דער זאַך, ווייל עס איז ניט קיין קלייניגקייט מיט וועמען אַ יונג מיידעל קומט אין בערירונג יעדען טאָג.

מיין קוזין האָט דעם בריף אַליין געלעזען. הויפּטמאַן נ. איז געווען יענער איבערלייטנאַנט וועלכער האָט דאָס מיידעל פערפירט און שפּעטער פערלאָזען.

נאָך דעם דאַזיגען בריף האָט מען איהר באַלד אויסגעצאָלט פאַר אַ מאָנאַט געהאַלט און בשלום אוועקגעשיקט — נאָכקומענדיג די ביטע פון דעם הויפּטמאַן.

אין זיין בריף האָט דער ערענהאַפטער „קאַוואַליר“ פערשטאַרקט זיין ביטע, אויף וואָס מיין קוזין האָט בעזונדערס געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט, דערמיט, וואָס „אַזאַ בעשעפעניש איז סוף כל סוף דאָך אונגליקליך, מיט וואָס מען מוז נאָך אַלעם רחמנות האָבען!“

„דאָס אַבזאָגען האָט דאָס מיידעל, — אָהן צו פרעגען די אורזאַך — אָנגענומען. וויסענדיג איהר שולד האָט זי אויסגעמידען אַלע רייד.

— אַבער דעם אַנגעבאָטענעם געהאַלט פאַר אַ מאָנאַט האָט זי "אויס שטאָלץ און גדלות" צוריקגעוויזען — „

זינט דעמאָלט האָט מען פון איהר מעהר ניט געהערט און קיינער

ווייסט ניט וואס פון איהר איז געווארען.

אלע נאכפארשונגען פון מיין קוזין זענען געווען ערפאלגלאז.

עס איז איהם ניט געלונגען דאס ארימע מיידעל צו ראטעווען פון אונגליק, — דערפאר אבער איז איהם געלונגען צו ראטעווען די טאכטער פון חתונה צו האבען מיט דעם זויבערען הויפטמאן."

ביז אהער איז די דערצעלונג פון הערן וואונדזאם. מיר לעגען צו: זאל דער פיין פון יענעם אונגליקליכען און ערדעלען מיידעל העלפען, אז אונזער שענדליכע אפיציעלע צבוע'אצקע מאראל אין דער סעקסועלער פראגע זאל אין גיכען אנגעהמען אן אנדערע אריענטירונג!" פאר אונזער איצטיגער סעקסועלער מאראל איז דער דאזיגער פאל א הוספה צו דעם פאל פון פרידא קעללער אין דער סעקסועלער גזעץ-פראגע.

2. דער פאלגענדער צווייטער פאל האט אין זיך ניט די טראגיק פון דעם ערשטען פאל; איך קאן כמעט זאגען, אז עס איז די סאטירישסטע קאמעדיע, ווייל זיין גליקליכער סוף איז טאקע דער טראדיציאנעלער סוף פון א קאמעדיע. ער איז אבער ניט ווייניגער לעהררייך, און זיין ווארהאפטיגקייט איז גאראנטירט פון אן אבסאלוט צופערלעסיגער זייט:

א מיליטער-דאקטאר טרעפט אין א באדעל א מיידעל, וועלכעס פאלט אין חלשות ביי זיין אנבליק. ער דערקענט זי אלס די טאכטער פון אן אדעליגער פאמיליע, מיט וועלכער ער איז געווען בעקאנט. דערמינטערט זי, געהט מיט איהר אריין אין איהר צימער און ווערט געוואר ווי אזוי זי האט אט דעם דאזיגען וועג געפינען אין א גאנץ קורצער צייט.

זי האט אליין מיט איהר פאטער, אן אלמן, געלעבט אין א שלאס; איהר לעבען, ווערדיג דער יחוס האט געפאדערט, איז בעשטאנען פון פוילענצען. איהר פאטער איז מיינסטענס ניט געווען אין דער היים — שטענדיג אויף יאגד; זי איז דעריבער געווען זעהר איינזאם און דער סוף איז געווען, אז זי האט זיך געלאזט פערפירען פון א דורכגעטריבענעם דינער.

ווען דער פאָטער האָט בעמערקט די זאַך, האָט ער זי געצוואונגען זיך באַלד צוזאַמענצופאַקען, האָט איהר אריינגערוקט די מוטער'ס ירושה אין דער האַנד, האָט זי אַרויפגעזעצט אויף דער באַן צו אַ גרויסער שטאָדט און איז פערשוואונדען פון איהרע אויגען, זי איבערלאָזענדיג אין איהר אונבעהאָלפענקייט.

שלעכטע מענשען האָבען זיך גיכער געפונען איידער די גוטע סאַמאַריטער דעם געפאַלענעם מיידעל צו דערלאַנגען אַ האַנד. איהר געלד און איהר צירונג איז באַלד צורונען אָדער צו'גנב'עט געוואָרען און, איצט איז דער וועג צום באָרדעל, דער אייכציגער אויסוועג, געשטאַנען פריי און אָפען פאַר איהר, — ער איז פשוט דעם מיידעל דיקטירט געוואָרען פון דער היינטיגער געזעלשאַפטליכער מאָראַל.

ווען דער מיליטער־דאָקטאָר האָט דאָס דערהערט, איז ער באַלד געגאַנגען צו דער „מוטער", אָבער זי האָט געזאָגט, אַז דאָס מיידעל איז זעהר אַ סך שולדיג. ווי צום גליק איז איהם איינגעפאַלען אַרויסצוזוכען אַן אַלט גאַרדעראָבע־בלעכעל פון זיין וועסטעל־קעשענע און יעם געוויזען דער „מוטער" אַזוי פערבייגעהענדיג. זי האָט פערשטאַנען דעם וואונק, ד. ה. איהם באַלד אַנגענומען פאַר אַ פּאָליציי־שפּיאָן, וויל אין דער רגע האָט זי מודה געווען אַז זי האָט נאָך אַן אַנדער בוך און, אַז דאָרט געפינט זיך איהר ריכטיגער חשבון. אָט אַזוי איז איהם געלונגען דאָס מיידעל אַרויסצובעקומען פאַר העלפט פון דער סומע. ער איז שפּעטער מיט איהר אוועק אין אַ גרויסער שטאָדט און פאַר איהר געפונען אַ שטעלע אין אַ געשעפט, וואו ער איז געווען גוט בעקענט מיט דער פערוואַלטעריין.

פון דעם מאָמענט אַן האָט זיך דאָס אָדעליגע מיידעל זעהר גוט אויפגעפירט, האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ קלענערען בעאַמטער און איז געוואָרען אַן אַנשטענדיגע הויז־פרוי. זינט דעמאָלט האָט זי פאַר קיין מענש ניט געשווידערט, אַ חוץ פאַר איהר הויף־געבוירענעם פאָטער, פון וועמען זי האָט מעהר ניט געוואָלט וויסען.

קאפיטעל XVI.

די סעקסועלע פראגע אין דער פאליטיק און אין דער פאליטישער עקאנאמיע.

מאכט און געלד זענען לײדער שטענדיג געװען די עיקר־צילען פון די פאליטיקער. די פאליטישע עקאנאמיע איז א װיסענשאפט װעלכע פארשט די פאלקס־בעל־הבת׳ישקײט און איהרע נויטען. שטיצענדיג זיך אויף דער געשיכטע, אויף דער סטאטיסטיק און אויף בעאבאכטונגען, פריפט זי פעסטצושטעלען די געזעצען בנוגע דער פראדוקציע, דער פערנוצונג און פערטײלונג פון פערמעגען, בנוגע ארבײט און איהר פראדוקציע, בנוגע דער סאציאלער ארגאניזאציע פון די פעלקער, בנוגע דער פאלקס־געזונדקײט, בנוגע דער פערקלענערונג אדער פערגרעסערונג פון דער בעפעלקערונג, געבורטס־ראטע און טויטען־ראטע א. אז. װ.

איך קאן דא ניט באריכות בעהאנדלען די פאלקס־װירטשאפט און עס פעהלט מיר אויך דערצו די נויטיגע בעהאװענטקײט. צוליב איהר טראדיציאנעלער פערבינדונג מיט דער פאליטיק האט די דאזיגע װיסענשאפט פון אײביג אן גאר װעניג גענומען אין בעטראכט די נאטור־געשיכטע. אין דער לעצטער צײט קאן מען מערקען א פערבעסערונג אין דעם דאזיגען פרט. אין 1894 האט טעיוה געשריבען דאס פאלגענדע: „די לעצטע יאהרען האבען געברענגט א זעהר איבעראשענדע ענטדעקונג, אז ענטדעקונג פון װעלכער ניט אדאם סמיטה, ניט מאלטהוס און ניט קאבבען האבען אפילו גע׳חלומ׳ט, און דאס איז, אז א פאלק איז צוזאמענגעשטעלט ניט פון רײכטום און ניט פון לענדער, נאר פון מענשען. דאס איז באמת עפעס גאר א נײעס.

הגם איצט, וואו נאָר מען געפינט זי, טענה'עט איטליכער אז ער האָט דאָס שוין פריהער געוואוסט." דער דאָזיגער איראָנישער זאַץ איז כאַראַקטעריסטיש. ענדליך ווערט דער ראַסען־היגיענע געשענקט די נויטיגע אויפמערקזאַמקייט. קאָנעטטי דע מאַרטיאַיז (Le forme primitive nella Evolutiozione economica, 1881) האָט שוין געפּריפט אַנצואווענדען די עוואָלוציאָנס־לעהרע אויף דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. לעצטענס האָט פּראָפ. א. שוויעדלאַנד אין וויען בעהאַנדעלט דעמזעלבינען ענין אין א פאָרשונג איבער בעדערפעניש און בענער אין דער מענשליכער פּסיכאָלאָגיע. „די פּסיכאָלאָגישע גרונדלאַגען דערווירטשאַפט" (צייט־שריפט פיר סאָציאַלוויסענשאַפט, 1905). פריהער האָט מען זיך כמעט נאָר גערעכענט מיט דער קוואַנטיטעט און ניט מיט דער קוואַליטעט פון די מענשען, אַרויסגעהענדיג פון דעם פאַלשען בעגריף, אז דער מענש, ווערענדיג בעשאַפען בצלם אלהים, קאָן קומען אויף דער וועלט פולקאָמען; אין זיין אָפּט קערפּערליכער און גייסטיגער פערקריפּלונג זענען בלויז שולדיג זיינע חטאים, זיינע זינדיגע האַנדלונגען, וועלכע ער איז בעגאַנגען מיט זיין פרייען ווילען. אפילו די גע'ירש'ענטע דעגענעראַציע „ביז צום דריטען און פיערטען דור" איז געהאַלטען געוואָרען אלס א געטליכע שטראָף פאַר די זינד פון די עלטערן.

די דעספּאָטען פון די פריהערדיגע צייטען, פּונקט ווי די דעספּאָטען פון היינט, האָבען אלעמאָל בעטראַכט די מענשען אלס ווערקצייג מיט וועלכע צו דערגרייכען זייערע אַמביציעס און טיילמאָל אפילו פּשוט אלס קאַנאָנען־פלייש. ווען נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט איינגעפירט א פּרעמיום פאַר פאַמיליעס מיט א סך קינדער, האָט ער אָהן ספק דערביי אין זין געהאַט דער עיקר די קוואַנטיטעט סאָלדאַטען וועלכע וועלען דערפון אַרויסוואַקסען פאַר זיין זוהן. ער האָט געהאַט גענוג אורזאַכען צוצוגרייטען א רעזערוו אַרמעע. דערביי איז איהם גאָר ווייניג געלעגען אין קאָפּ די גייסטיגע קוואַליטעט פון די מענשען. די מלחמות זענען א פערדאָרבליכער פאַקטאָר אין דער מענשליכער צוכטוואַהל. זיי צושטערען און פערוויסטען גראַד די סאַמע בעסטע קוואַליטעט אין די ניצליכסטע יאָהרען, און לאָזען לעבען די קריפּלען, די קראַנקע און זקנים.

א חוץ דעם, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, ווערט דער סאָלדאַט

בעזונדערס קוואליטאטיוו בעשעדיגט, אבער אויך קוואנטיטאטיוו, דורך ווענערישע קראנקהייטען און שכרות. נאך געוויסע לאנגע מלחמות איז די צאל פון דער מענליכער בעפעלקערונג אויף אזוי ווייט פערקלענערט געווארען, אז מען וואלט ניט געקאנט אויסקומען אהן דער פאליגאמיע. עס איז דעריבער קלאר ווי דער טאג, אז די מלחמות זענען א שווערער שאדען פאר די סעקסועלע פערהעלטניסען פון די מענשען, און קאנסעקווענטערווייז ניט בלויז פאר דער קוואנטיטעט, נאר אויך פאר דער קוואליטעט פון א נאציע.

אבער נאך וויכטיגער פאר אונז איז די פאליטישע עקאנאמיע. מיר האבען ניט דעם קלענסטען ספק בנוגע דער ריכטיגקייט פון די צאלען וועלכע זאגען אונז, אז אונטער די אדער יענע עקאנאמישע פערהעלטניסען פערגרעסערט זיך די בעפעלקערונג, בעת אונטער אנדערע פערהעלטניסען פערקלענערט זי זיך, א. אז. וו. פונדעסטוועגען זענען דאס בלויז סך־הכל־פאקטען, די אמת׳ע אורזאכען פון וועלכע בלייבען פערבארגען. דערביי מוז מען זיך גענוי רעכענען מיט דער אימיגראציע און עמיגראציע פון די פעלקער, אזוי גוט ווי מיט זייערע לעבענס־געוואוינהייטען, וועלכע בעיינפלוסען די צאלען אפטמאל ביז א הויכען שטאפעל. ווי עס איז בעקענט מיינט ו ו ע ד ל י ג ד ע ם אבסאלוט ניט אלעמאל ד ע ר פ א ר, און ווען מיר בעטראכטען די זאך נעהענטער שטעלען זיך דא ארויס כאראקטעריסטישע רעזולטאטען.

זייענדיג גלייך אין אלע איבעריגע פרטים, געפינט מען, אז פעלקער וועלכע זענען זעהר ניכטערן, אדער וועלכע לעבען פולשטענדיג אבסטינענט, זענען פרוכטבארער איידער יענע פעלקער וועלכע זענען מעהר אדער ווייניגער גענייגט צו שכרות. דאס דאזיגע קאן מען בעזונדערס בעאבאכטען אין רוסלאנד ביי די וועלכע טרינקען און ביי די וועלכע זענען אבסטינענט. אזוי ווי דער אלקאהאל, ווי מיר האבען געזעהען, פערדארבט דורך בלאסטאפטהאריע זעהר שטארק די קוואליטעט פון די מענשען, דעריבער מוזען מיר אבסאלוט זיין איינפערשטאנען מיט אזוינע גרויסע מענער ווי גלאדסטאן, דארווין, קאבבען און אנדערע, אז דער אלקאהאל שאדט דער מענשהייט מעהר איידער מלחמה, הונגער און פעסט צוזאמענגענומען. דא ליגט פאר אונז איינער פון די סאמע וויכטיגסטע נאציאנאל־עקאנאמישע פאקטארען.

וועלכען די מיינסטע פאליטישע עקאנאמיסטען האבען אין זייער ווירקליכער בלינדקייט פערזעהען. עס איז א טרויעריגע קורצזיכטיגקייט צו זעהען אין דער אלקאהאל־אינדוסטריע א קוואל פון וואוילשטאנד פאר א פאלק. וויפיל ארבייט, וויפיל נוצליך לאנד, וויפיל מענשליכע כחות דא ווערען פערנוצט כדי צו פאבריצירען די דאזיגע סובסטאנץ, וועלכע שפייזט ניט און האט ניט קיין שום נוצען, א חוץ טיילווייז אין דער אפטייק און אין אנדערע אינדוסטריעס, און וועלכע פירט בלויז צו דער גייסטיגער און קערפערליכער דעגענעראציע פון מענשליכען ארגאניזם. ווען די זאך וואלט ניט געווען אזוי טרויריג, וואלט מען פשוט געמוזט לאכען בעת מען זעהט מיט וואסערען ערענסט הויכע בעאמטער און אפילו געלעהרטע רעכענען און איבעררעכענען די הכנסות פון די אלקאהאל־שטייערן, קאנטראלירען דעם אימפארט און עקספארט פון אלקאהאל, די מאנאפאלען פון זיין פאבריקאציע, א. אז. וו. זונדערבאר איז צו זעהען ווי מיט דער הילף פון דער אלקאהאלישער פערגיפטונג פון פאלק האלט מען דעם שטאאטס־בודזשעט אין גלייכגעוויכט, און ווידער און אבער ווערט דעם פאלק איינגערעדט אדער מען רעדט זיך גופא אויך איין, אז דערמיט לייזט מען געוואלדיגע נאציאנאל עקאנאמישע פראבלעמען. אין דער אמת'ן אבער טוט מען ניט קיין אנדערע זאך ווי מען איז מקריב די כחות און די געזונדקייט פון דעם פאלק צו אן אבגאט, וועלכע, אלס דאנק וואס ער נאגט דעם מארך פון דעם פאלק, פילט ער אן די רעגירונגס־קאסעם מיט די שווערע געלדער וועלכע זענען אויף דעם לייכטזיניגסטען אופן ארויסגעשווינדעלט געווארען. דער דאזיגער מין פאליטישע עקאנאמיע פערדינט איין איינציגען נאמען, ליגען און שווינדעל. איהר שרעקליכע ווירקונג אויף די געשלעכטליכע פערהעלטניסען און אויף דער ירושה פון דער מענשהייט קאן ניט ווערען צו אפט און צו שטארק בעטאנט.

וואס איז שייך די קוואנטיטעט, די צאל פון דער בעפעלקערונג, שטעהען זיך די מיינונגען פונקט אנטקעגענגעזעצט. טייל מחברים זעהען די ישועה פון דעם פאלק אין א אונבעגרעניצטער פרוכפערונג און גלויבען מיט בעבעל'ן, אז ווען מען זאל נאר ריכטיג אויסנוצען אלע עקען און ענדען פון דער ערד, קאן מען מיט די פראדוקטען שפייזען אהן א שעור אהז או ערד מענשען. דאס דאזיגע זונדערבארע אי־

דעאל, וועלכעס וואלט פערוואנדעלט די גאנצע אויבערפלאך פון דער ערד אין בעמיסטיגטע קארטאפעל־און תבואה־פעלדער, בכדי אויף זיי צו האדעווען מענשען ווי א שטייגער מען האדעוועט קראליקעס, קאן אונז ניט שטארק געפעלען. נאך מעהר, מען דארף אויך אן אמת שטארק מורא האבען, אז ווען די כינעזער וועלען זיין גענוג ציווי־ליזירט כדי זיך צו קאנען אויסמישען מיט אנדערע פעלקער, וועלען זיי אהן אונזער הילף די גאנצע ערד פערוואנדלען אין אזא מין שטאל מיט מענשליכע קראליקעס, אויב מיר וועלען דאס ניט בעצייטענס פערהיטען.

פון דער אנדערער זייט ווידער, געפינען מיר א מין אידעאליס־טען, נעא־מאלטהוזיאנער, וועלכע זעהען איבעראל צופיל מענשען, און האבען דעריבער דעקלערט א פערניכטונגס־מלחמה קעגען יעדער פער־מעהרונג פון דער בעפעלקערונג. אין א קארעספאנדענץ וועלכע איך האב געהאט מיט א בערימטען פערטרעטער פון די ענגלישע נעא־מאלטהוזיאנער (דר. דרייסדעיל), האט ער מיר אגב אורחא צ. ב. גע־זאגט, אז איך בין בעגאנגען א פערברעכען דערמיט וואס איך האב בעשאפען מעהר ווי פיער קינדער. אזוינע נעא־מאלטהוזיא'ער רע־כענען זיך נאר מיט קוואנטיטעטען און ניט מיט קוואליטעטען און זיי שטעלען אויף מערקווירדיג נאיווע חשבונות. אמת, זיי זענען פונקט ווי מיר פאר דער אנווענדונג פון מיטלען קעגען שוואנגער־שאפט, אבער זיי רעקאמענדירען זיי אין אלע פאלען און אונטער אלע אומשטענדען. זיי ווענדען זיך ידער עיקר צו דעם געבילדעטערען און גייסטיג העכער שטעהענדיגען טייל פון דער בעפעלקערונג, דורך דעם פירענדיג דערצו, אז גראד די בעסערע קוואליטעט, די קוואליטעט וועלכע איז אמנוויטיגסטען פאר אונזער געזעלשאפט, זאל זיך וואס ווייניגער פערמעהרען, און דערביי מערקען זיי ניט, אז ביי אזא מין פירונג ווי זייערע איז, אינטערעסירען זיך אמווייניגסטען מיט זייער איינגע'עקשנ'ט מאקסימום צאל קינדער, ניט בלויז די נעגערס און די כינעזערס, נאר אויך די אידיאטישסטע און רויהסטע קלאסען צווישען אונזערע אייגענע פעלקער; אויף דעם אופן וועלען זיי סוף כל סוף דערגרייכען פונקט דעם הפוך פון דעם וואס זיי ווילען. ביי די נארד־אמעריקאנער און ביי די ניי־זילענדער, צווישען וועלכע דער נעא־מאלטהוזיאניזם איז זעהר פערשפרייט, פאלט דעריבער די גע־

בוטרם־צאל און די אינטעליגענטערע ארביימס־כחות ביז צו א קרי־טישען שטאפעל, בעת ביי די ערשטע פרוכפערען זיך די נעגערס און די כינעזערס. ווי מיר האבען געזעהען, קומט דאס ענליכע פאר אין פראנקרייך צוליב א קורצזיכטיגער שפארזאמקייט. תכלות־אורזאכען: הגם אין פראנקרייך געהט שוין די צאל פון די טויטען־פאלען אריבער די צאל פון די געבורטען, זענען דארט די נעא־מאלטהוזיאנער נאך אלץ נים צופרידען!

עס איז די העכסטע צייט, אז צווישען די דאזיגע ביידע איינ־זייטיגע עקסטרעמען, ביי וועלכע די נארישקייט ליגט אויף דער האנד, זאל פערנעהמען דעם פלאץ א ראציאנאלע, שכל'דיגע צוכטוואהל. דעם נעא־מאטלטהוזיאניזם מוז מען פערשפרייטען בלויז צווישען די קראנ־קע, די אונפעהיגע, די נארישע און די שלעכטע, און צווישען די נידע־ריגע ראסען. פערקערט, די שטארקע, גוטע, געזונדע און גייסטיג העכער שטעהענדיגע מענשען מוז מען, ווי מיר האבען דאס שוין א סך מאל געזאגט, ערמוטיגען צו האבען וואס מעהר קינדער. דא ליגט, אינדירעקט, א וויכטיגער פאליטיש־עקאנאמישער פאקטאר, יא, איך געה אזוי ווייט און זאג, אז ער איז אבסאלוט דער וויכטיגסטער פון אלע. אמת, זיין ווירקונג איז זעהר און זעהר לאנגזאם, און זיינע קלארע, ניצליכע רעזולטאטען בעווייזען זיך ערשט נאך א משך פון יאהרהונדערטען. נעהמען אבער אז די ווארצלען, קאנען מיר דעמאלט מיט בטחון האפען אויף א בעסערער צוקונפט פאר אונזערע קינדער.

עס מוז אמאל קומען א צייט ווען די מענשליכע בעפעלקערונג פון דער ערד וועט זיין רעלאטיוו סטאציאנער (וואס בלייבט שטע־הען, וואס ענדערט זיך נים). אויב ביז דעמאלט וועט געלונגען בעדיי־טענד אויפצוהויבען איהר קוואליטעט, און אויב עס וועט געלונגען צו פערטרייבען דעם הונגער און דעם עלענד, וועלכע געהען צוזאמען מיט דער קערפערליכער און גייסטיגער פערפינסטערונג פון דעם היינ־טיגען פראלעטאריאט, טאקע דורך דער פאזיטיווער אבשאפונג פון דעם דאזיגען שטאנד, — דעמאלט ערשט וועלען די היינטיגע לעהרען פון די נעא־מאלטהוזיאנער האבען א געוויסען ווערט אויף פאר דעם בעסערען טייל פון דער מענשהייט. אויב די מענשהייט וועט נים כינעזיש פערנארישט און דעגענערירט ווערען, וועלען אונזערע שפע־טערדיגע דורות פון זיך גופא זיך היטען נים צו פערלאזען די שכל'־

דיגע צוכטוואהל. א מענש מיט גוטע מעלות גיט אוועק פאר דער געזעלשאפט מעהר איידער ער נעהמט פון איהר, און דעריבער איז ער פאליטיש-עקאנאמיש א ווערט. א גייסטיגער אדער קערפערליכער קריפעל, פערקערט, נעהמט מעהר איידער ער גיט, און דעריבער איז ער פאליטיש-עקאנאמיש א דעפיציט.

אין קאפיטעל 6 האבען מיר געזעהען, ווי געוויסע מנהגים, וועלכע האבען זיך ענטוויקעלט אויף אן אמת מענשליכען אופן, זענען שטאפעלווייז געווארען א טייל פון דער רעליגיע. צום אונגליק פאר דער מענשהייט האבען זיך רעליגיע און פאליטיק אייביג פערבונדען מיינסטענס בכדי צו ברענגען שאדען. אזוי א שטייגער האט די בחור'שאפט פון די גלחים, וועלכע שטעהט אויף דעם יסוד פון א מין פאליטיק פון דער רעליגיע, מייסטענס געפירט דערצו צו סטעריליזירען דעם אינטעלעגענטערען טייל פון דער בעפעלקערונג פון קאטאלישע לענדער, און דערמיט די ראזיגע לענדער צו שאדען.

אן אנדערער מאוס'ער איינפיר איז דער פערבאט נאכצופארשען די פאטערשאפט, וועלכער איז בעשאפען געווארען פון נאפאלעאן דעם ערשטען. מיר האבען שוין מכח דעם גערעדט: אזוינע געזעצען פירען צום אבטרייבען פון קינדער (קינסטליך צו מפל'ען) און ביז צו הויכען גראד ערמוטיגען זיי די אויסגעלאסענקייט פון די מענער. בעת, אדרבה, מיר האבען געזוכט און געפינען דעם וואוילשטאנד פון דער פאמיליע און פון די געשלעכטליכע פערהעלטניסען אין דער ערפילונג פון די פליכטען מצד די עלטערן אנטקעגען זייערע קינדער.

די עיקר־אויפגאבע פון א פאליטישער עקאנאמיע און פון א פאליטיש לעבען וועלכע האט אין אויג דאס אמת'ע גליק פון די מענשען, זאל זיין, צו העלפען אין דער בעשאפונג פון גליקליכע, נוצליכע, געזונדע, פעהיגע און ארבייטזאמע מענשען. אמת, עס איז א זעהר שעהנע זאך און אן עדות פון אויפקלערונג און מענשען־ליבע ווען מען האלט אין איין בויען שפיטעלער, אנשטאלטען פאר משוגעים און אידיאטען, פילאנטראפישע הייזער און אז. וו., און ווען זיי ווערען פערזארגט און געפירט לויט אלע רעגלען פון דער וויסענשאפט. אבער

וואס דערביי ווערט פערזעהען איז, אז ביי אן איינזייטיג אכטונג־געבען און זארגען פאר מענשליכע חרבנות, פאר די דאזיגע פראדוקטען פון אונזער סאציאלער אונארדנונג, ווערען ביסלעכווייז צוריבען און צושטערט די כחות פון דער געזונדער און ארבייטס־פעהיגער בעפעלקערונג. עס איז א סך הומאנער און א סך שעהנער, הגם דער דאזיגער מין הומאניטעט שפרינגט ווייניגער אין די אויגען, אויסצורייסען די ווארצלען פון דעם איבעל און צו מאכען א סוף צו דער בעשאפונג פון גייסטיגע און קערפערליכע קריפלען.

מיט דער דאזיגער אויפגאבע האבען זיך פריהער אונזערע פאליטיקער און עקאנאמיסטען אזוי גוט ווי גארניט פערנומען. פשוט די זאך טראגט גארניט איין, מחמת די פרות פון אזא ארבייט קאן מען אליין ניט רייסען. יענער, וועלכער שטרעבט יא פאר אזוינע רעפארמען ווערט פערשריען אלס בעל־חלומות, עקסצענטריקער אדער גאר אלס פשוט'ער משוגע'נער. אט דעריבער בעגעניגט מען זיך בעסער מיט דער געוועגליכער הומאניטעט, די הומאניטעט וואס רייסט אויף און שטעכט די אויגען, ביי וועלכער דער ערפאלג איז א באלדיגער. די הומאניטעט, וועלכע דער עיקר רירט די הערצער פון די מאסען און וועלכע שטרעקט אויס א העלפענדיגע, מילדע האנד צו די מענשליכע ליידען, וועלכע ווערען דירעקט געזעהען און געהערט. בקצור, מיר פערלאטען די חורבות, אבער מיר היטען זיך ארויפצולעגען די האנד אויף די חרב־מאכער.

דער גרויסער געזעצגעבער פון ספארטא, ליקורגוס, האט אין זיין צייט געפריפט געזעצליך איינצופירען א מין צוכטוואהל. ליקורגוס האט געוואלט מאכען פון די ספארטאנער א שטארק פאלק, מחמת דעמאלט איז די קערפערליכע קראפט געווען כמעט דאס איינציגע אידעאל פון די פעלקער. ער האט בעגריפען דעם ווערט פון אבהארטען, אבער ניט דעם ווערט פון ארבייטען. ער האט פערשטאנען דורך דער צוכטוואהל אבצוקלויבען און לאזען אונטערגעהען די קראנקע און די שוואכע. אבער אין זיין צייט איז מען זעהר ווייניג געווען בעקענט מיט די נאטורגעזעצען. פונדעסטוועגען איז די ליקורגישע געזעצען געלונגען, טראץ זייער גרויסער אונפאלקאמענקייט, פון די ספארטאנער צו מאכען א שטארק פאלק.

ווערליג די געזעצען פון ליקורגוס האט דער ספארטאנער ניט גע־

טארט ירש'ענען קיין לאנד און איהם איז פערבאטען געווארען צו לע־בען אין לוקסוס. ער האט געמוזט עסען זיין פראסטע שווארצע זופּ צוזאמען מיט די איבעריגע, און כסדר צו פּראקטיצירען און אויספּריפען זיין כח און געשיקטקייט. אלע ספּארטאנער האבען געמוזט חתונה הא־בען און שטרענג אבהיטען די הייראטס־פּליכטען. פון דער אנדערער זייט ווידער, זענען בעזייטיגט געווארען אלע שוואכע אדער פערקרי־פּעלטע קינדער. אבער די ספּארטאנישע ארגאניזאציע האט געליטען פון צוויי פונדאמענטאלע פעהלערס.

ערשטענס איז דער ספּארטאנער געווען א מלחמה־מענש, אבער ניט קיין ארבייטער, און הגם פּשוט און אבגעהארט, איז ער געווען אן אריסטאקראט. מיט פעראכטונג האט ער איבערגעלאזען די ארבייט פאר זיינע שקלאפען אדער העלאטען. אויף דעם אופן האט ער אין א סך פּרטים געשטארקט די העלאטען און אבגעשוואכט זיך גופא. מען האט נאך דעמאלט ניט פערשטאנען דעם ווערט פון דער ארבייט — איהר פערשטארקונג און ענטוויקלונג פון דעם געהירן און דעם גאנצען קערפּער — און אויך ליקורגוס, אדער יענע וועלכע האבען אויפגעבויט די ליקורגישע געזעצען, האבען דאס ניט בעגריפען.

צווייטענס זענען אלע אנשטרענגונגען פון די ספּארטאנער געווען געווענדעט אויף דער ערציהונג פון זייערע מוסקלען, זייער קערפּערלי־כער געשיקטקייט, מוט, איינפאכקייט א ז די מאגערסטע בעדערפעני־שען, אבער ניט אויף דער אויפהויבונג פון זייער אינטעלעקט, זייער געפיהלס־לעבען און אידעאלען. די פּעולה פון דער דאזיגער איינזייטיג־קייט, וועלכע האט כמעט נאר געפירט צו דער קערפּערליכער ענטוויק־לונג פון דעם מענש, בעת זיין גייסט איז געווארען פערנאכלעסיגט, און אויף דעם אופן געשטערט זיין הארמאנישען אויפבוי, און די פּעולה פון זיין פעראכטונג צו דער ארבייט, בקצור די פּעולה פון זיין פער־נאכלעסיגונג, א דאנק אונוויסענקייט פון די געזעצען פון דער ארגא־נישער ענטוויקלונג, האט סוף כל סוף געמוזט זיין דאס פאנאנדערפא־לען פון העם ליקורגישען סיסטעם. צו דעם אונטערגאנג פון ספּארטא האבען אבער ניט געפירט די געזעצען פון ליקורגוס, נאר, אדרבה, זייער פערנאכלעסיגונג און פערוואָרפונג. שטענדיג האבען די ספּארטאנער נאר געשטרעבט נאך מאכט און דאס האט געפירט צו קנאה און חשד. דערמיט האט די איינזייטיגקייט פון זייערע געזעצען אינדירעקט גע־

נומען נקמה. פונדעסטוועגען וועלען די דאזיגע געזעצען אייביג האבען א וויכטיגקייט אלס א געניאלער און בעמערקענסווערטער פערזוך צו־שטאנדצוברענגען א מין מענשליכע צוכטוואהל.

היינט־צוטאג זענען מיר אין דער דאזיגער פראגע אומפערגלייכליך בעסער בעהאוונט. דערפאר אבער פעהלט איצט איניציאטיוו און ווי־לען ביי יענע מענשען, וועלכע זענען אנפערטרויט מיט דער פירונג פון זייערע מיטמענשען. זיי זענען ביז אזא שטאפעל פערנומען מיט עקא־נאמישע אינטערעסען און מיט פראגען מכח מאכט און איינפלוס, אז יעדער חוש פאר העכערע סאציאלע אידעאלען ווערט אין זיי פאראַ־ליזירט. נאר א שטארקע סאציאלע אויפטרייסלונג איז בכח צו בעשאַ־פען אן ענדערונג צום גוטען.

די פאליטיק און די סעקסועלע פראגע. — Ou est la femme?

פרעגט געוועהנליך דער פראנצויז ווען עפעס אן אומגעווענליכע זאך האט געטראפען אין דער פאליטיק אדער ערגיצוואו. די פראגע דארף מען אביסעל ברייטער מאכען און געפינען: „וואו ליגט דער סעקסוע־לער מאטיוו". די האנדלונגען פון די מענשען, פאלגליך אויך פון די מאכטהאבערס, סיי קליינע און סיי גרויסע, ווערען לייטער א סך מעהר בעשטימט דורך זייערע געפיהלען און ליידענשאפטען איידער דורך זייערע אינטעלעקטועלע איבערלעגונגען, ד. ה. דורך שכל און לאגיק. אבער קיין שום געפיהלען זענען ניט שטארקער איידער דאס דירעקטע געשלעכטס־געפיהל אדער זיינע אויסשראלונגען — ליבע, אייפערזוכט און האס. דערפון שטעלט זיך ארויס א פאקט, וועלכער איז פון די סאציאלע סיסטעמען זעהר ווייניג גענומען געווארען אין בעטראכט: אז אין אלע געביטען פון דער מענשליכער טעטיגקייט שפילען מיט, אפטמאל אויף א זעהר שעדליכען אופן, דירעקט אדער אינדירעקט, די סעקסועלע ליידענשאפטען און זייערע פסיכישע אויסשטראלונגען. די פרוי פון א פראפעסאר קאן צוליב אייפערזוכט טיילמאל ארויסרייסען א פעהיגע קראפט פון דער אוניווערזיטעט, אדער, פערקערט, אן אומ־פעהיגען ליבלינג אריינברענגען. מעטרעסען און קורטיזאנקעס האבען שטענדיג געשפילט א בעדייטענדע ראלע אין דער פאליטיק, בעזונדערס אין אלע אויטאקראטישע לענדער. עס מוז דוקא ניט אלעמאל גראד דערגעהען ביז צו א טראגישען סקאנדאל, ווי א שטייגער די ערמארדונג

פון דעם קעניגליכען פארפאלק פון סערביען. די קלענסטע, פערבאר־געגנסטע און די אלטעגליכסטע איינפלוסען זענען אפטמאל די ווירק־זאמסטע און פירען אמווייטסטען. אין אלע צייטען האבען די סעקסו־עלע אינטריגעס פון די היסטארישע פערזענליכקייטען בעיינפלוסט און בעשטימט דעם מזל פון גאנצע פעלקער. די אפיציעלע געשיכטע דער־צעלט פון א סך אזויגע פאלען, אבער נאך מעהר דערצעלט די ניט־געשריבענע, אמת'ע געשיכטע פון די פעלקער. עס איז בלויז גענוג צו דערמאנען דעם דאזיגען פאקט, און איטליכער דענקענדער מענש וועט געפינען גענוג ביישפילען איהם צו אילוסטרירען, סיי אין דער געשיכטע פון דער פערגאנגענהייט און סיי אין דער פאליטיק פון דער געגענווארט, אין די הויפען פון מעכטיגע מאנארכען און אין דער לא־קאלער געשיכטע פון א קליינער פראווינץ, אין זיין אייגענער געמיינדע און לסוף צווישען זיינע נאהענטע בעקענטע, פריינד און משפחה.

דער סאציאליסט וועלכער האט געזאגט, אז די סאציאלע פראגע איז בלויז א מאגען־פראגע האט דעריבער געמאכט א שווערען טעות אין איהר ציל און אין דער מענשליכער פסיכאלאגיע. ווי שעהן און ווי גוט מען זאל ניט רעגולירען די עקאנאמישע און סאציאלע פערהעלט־ניסען פון די מענשען, קיינמאל אבער וועט מען ניט זיין בכח צו פער־היטען דאס אפטמאל פערעטערישע זיך־אריינמישען פון די סעקסועלע לייזענשאפטען אין דעם סאציאלען לעבען. דאס איינציגע וואס מען קאן טון איז, דורך אן ערציהונג פוןביידע געשלעכטער אויפצוהויבען זייער סאציאל געוויסען און צו מילדערען די שלעכטע איינפלוסען פון סאציאלע האנדלונגען, אלס פעולה פון פערזענליכע סעקסועלע געפיה־לען.

דא זעהט מען אלזא ווי די סעקסועלע פראגע שטראמט גאנץ ווייט אריין אין דער פאליטיק און אין דעם גאנצען סאציאלען לעבען. איבער־רינענס גיבען מיר צו, אז ווען מען וואלט געקאנט ביז א הויכען שטא־פעל אבשאפען דעם שענדליכען איינפלוס פון געלד און זיין אנציהונגס־קראפט, וואלטען יענע אנטי־סאציאלע האנדלונגען, וועלכע האלטען זיך בלויז אינדירעקט אויף די סעקסועלע לייזענשאפטען, ממשות'דיג פערלוירען זייער געפערליכקייט און נידעריגקייט.

אויך דא קאן מען זעהר א סך ערווארטען פון דער אמת'ער און הארמאנישער עמאנציפאציע פון די פרויען און פון זייער מיטארבייט

אין די סאציאלע פראגען גלייך מיט דעם מאן. א כסדר׳דיגע און האר־מאנישע בשותפות׳דיגע ארבייט פון מענער און פרויען וועט אלץ מעהר און מעהר קלאר מאכען פאר זייערע אויגען דעם ערענסט פון זייער סאציאלער לעבענס־אויפגאבע. דעמאלט וועט דאס סעקסועלע לעבען מעהר ענטוויקלען איידער שטערען די סאציאלע ענטוויקלונג: עס וועט מעהר ניט בעטראכט ווערען בלויז אלס א זעלבסט־צוועק, אדער בעסער געזאגט, אלס א מיטעל צו אן עגאיסטישען גענוס, נאר עס וועט ווערען א סטימולוס צו א לעבען אויף די יסודות פון דער פרייד פון ארבייט.

אין די לענדער וואו די פרויען האבען דאס רעכט צו שטימען, זעהט מען, אז זיי פערשטעהען זעהר גוט ווי אזוי דאס דאזיגע רעכט צו בענוצען לטובה דעם סאציאלען פארטשריט. אויב מען וועט צו מיר טענה׳ען, אז די פרויען זענען קאנזערוואטיווער און אז זיי האלטען זיך מעהר ביי אלטע געוואוינהייטען און רוטין איידער די מענער, וועל איך ענטפערען, אז דאס דאזיגע ווערט איבערגעוואויגען פון דעם פאקט וואס בכלל ווערען זיי גיכער בעגייסטערט און מיטגעריסען פון ערדלע און ארבייטזאמע מענער, וועלכע האבען א סאציאל געפיהל, איידער פון אנדערע (זעה קאפיטעל 5). א חוץ דעם זענען זייער גרעסערע אויס־דויערקראפט און זייער מוט ניט דערשאצבארע מעלות פאר א העכערער סאציאלער ארבייט.

בעדערפעניש און בעגער. — אין זיין אבהאנדלונג וועלכע מיר האבען אויבען דערמאנט ווייזט שווערלאנד אן מיט רעכט אויף דער נויטיגקייט צו געפינען אין דער פאליטישער עקאנאמיע דעם חלוק צווישען בעדערפעניש און בעגער. אין דער פראקטיק איז אהן ספק גאנץ שווער גענוי צו בעשטימען וואס עס איז בעדערפעניש און וואס עס איז לוקסוס. וואס אונזערע פאר־עלטערן האבען געהאלטען פאר לוקסוס א שטייגער מאטראצען, בעקוועמע וואוינונגען, ריינליכקייט, א. אז. וו.) האלטען מיר היינט פאר א נויטיגקייט. דער מענשליכער בעגער האט ניט קיין גרעניץ: אונדערזעטליך איז דעם מענש׳ס ליי־דענשאפט נאך גענוס און אבוועקסלונג. עס איז א געוואלדיגער פעה־לער פון געוויסע סאציאליסטען, בעזונדערס אבער פון אנארכיסטען, צו פראקלאמירען דאס רעכט פון איטליכען מענש צו בעפרידיגען אלע זיינע בעגערען. דאס איז א פראקלאמירונג פון קארופציע און רעגע־

גראַציע. פונקט ווי עס איז רעכט צו פאָדערן דאָס רעכט אויף דער באַפרידיגונג פון די נאַטירליכע בעדערפענישען, פונקט אַזוי איז עס ניט גערעכט און שעדליך צו פערהייליגען איטליכען בעגער.

מען מוז דעריבער מאַכען אַן אונטערשיד צווישען די גוטע און שלעכטע בעדערפענישען און בעגערען. איך האָב דאָס געטון אין אַן אַנדער בוך „היגיענע דער נערווען אונד דעס גייסטעס“. גוט זענען אַלע יענע בעדערפענישען, וועלכע זענען נויטיג צו דער ענטוויקלונג פון אַ געזונד לעבען, דער עיקר אָבער צו דער ענטוויקלונג פון אַלע אינסטינקטען פאַר אַ סאָציאַלער ארבייט; און, פערקערט, שלעכט זענען אַלע יענע בעדערפענישען, וועלכע שעדיגען דאָס לעבען און די געזונדקייט פון דעם יחיד אָדער די רעכטען און דאָס וואוילזיין פון דער געזעלשאַפט. די לעצטע געהערען מיינסטענס צום לוקסוס, ד. ה. צום בעגער, אויב מאַקע ניט צו דער קאַטאָסטראָפע. צווישען די צוויי עקסטרעמען ליגען בעגערען, וועלכע זענען אין זיך גופא אינדיפערענט, צ. ב. אַ בעגער צו פערמאָגען שעהנע זאַכען.

טייל געגענשטאַנדען פון דעם מענשליכען בעגער זענען אָבער אין זיך גופא שעדליך; אַזוי צ. ב. איז דער געברויך פון אַלקאָהאָל און פון נאַרקאַטישע מיטלען. אַנדערע ווידער ווערען בלויז שעדליך ווען מען כאַפּט אַריבער די מאָס. צ. ב. ווען מען ווערט אַ זולל־וסובא, ווען מען בעגעהט סעקסועלע עקסצעסען, דער בעגער נאָך געלד, נאָך צירונג, א. אַז. וו. צווישען די געגענשטאַנדען וועלכע דער מענש בעגערט שפּילט דאָס סעקסועלע פערגעניגען אַ געוואַלדיגע ראָלע. ווען אַ סולטאַן אָדער פּאַשאַ האַלט פאַר זיך אַ גרויסע צאָל פרויען, איז דאָס אַ שעדליכער עקסצעס פון אַ סאָציאַלען שטאַנדפּונקט — אַן אַנגריף אויף די רעכטען פון אַנדערע מענשען. דעם דאָזיגען פאַקט האָבען מיר ברייט אַרומגערעדט אויף אַן אַנדערען פּלאַץ. איך האָב דאָ בלויז געוואָלט, מיט שווייגענדער איבערזעצונג, אָנווייזען אויף וויפיל עס איז נויטיג פון אַ פּאָליטיש עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט צו ציהען די גרעניצען צווישען די בעגערען און די בעדערפענישען, ניט קוקענדיג ווי רעלאַטיוו און סוביעקטיוו די דאָזיגע גרעניצען זאָלען ניט זיין.

קאפיטעל XVII.

די סעקסועלע פראגע אין דער פעדאגאגיק.

ירושה און ערציהונג. — ווען מיר מאכען א סך־הכל פון די פאקטען אין די קאפיטלען 4, 6, 7 און 8, איז ניט פאראן קיין שום ספק, אז די סעקסועלע געפיהלען, דער געשלעכטס־טריב פון איטליכען מענש, בעשטעהט פון צוויי גרופען עלעמענטען: 1.) פון די גע׳ירש׳ענטע אדער פילאגענעטישע עלעמענטען, וועלכע מען ברענגט מיט זיך אויף דער וועלט אלס דיספאזיציע (בירושה׳דיגע מנעמע), און 2). פון די עלעמענטען וועלכע מען דערוועדבט דורך דער ווירקונג פון דרויסענדיגע רייצען, דורך דער געוואוינהייט און איבונג אין משך פון לעבען.

די ערשטע דרעמלען אין קינד אין דער פארם פון זאמען־ענערגיען אדער דיספאזיציעס, און זיי זענען א טייל פון זיין גרונד־כאראקטער. די מיינסטע פון זיי וויקלען זיך ערשט באמת אויף ווען דאס קינד דערגרייכט זיין געשלעכטליכע רייפקייט, און זייער ווייטערדיגע ענטוויקלונג קומט צושטאנד אונטער דעם איינפלוס פון דרויסענדיגע רייצען, וועלכע ווערען איבערגעארבייט פון דעם אינדיווידיום, פון זיין ווילען, ד. ה. פון זיין געהירן.

די צווייטע זענען דער פועל יוצא פון דער ווירקונג פון עראטישע רייצען און געוואוינהייטען אויף די ערשטע.

פון די ערשטע קאן די פעדאגאגיק (די ערציהונג) גארניט ענדערען, זיי ליגען אין דעם קינד פארויס־בעשטימט און פארויס־איינגעבויט, און זיי זענען דער פונדאמענט פאר דער ערציהונגס־קונסט. די אויפגאבע פון דער לעצטער קאן דעריבער בלויז זיין, די גע׳ירש׳ענטע

סעקסועלע דיספּאָזיציעס אַרויפצופירען ווי ווייט מעגליך אויף נוצליכע, גוטע און געזונדע וועגען. אין אַ פאַל פון אַ טיף פערוואָרזעטער דיספּאָזיציע, אַ שטייגער שאַרפע האָמאָ־סעקסועלע טריבען, סאַדיזם, א. אַז. וו., וועט די מאָראַלישע ערציהונג עפּעס קאָנען טון פאַר דעם כאַראַקטער בלויז בדרך כלל, ד. ה. בעקעמפען — אָבשוואַכען — דאָס וואָס רייצט דעם טריב. זי איז אָבער ניט בכח עפּעס צו ענדערען פון זיין קוואַליטעט; מען דאַרף זיך דאָ ניט לאָזען פערפירען פון אילוזיעס. איבעראַל אָבער וואו עס זענען פאַראַן מאָראַלישע דורכשניטליכע דיספּאָזיציעס, קאָן, פערקערט, די ערציהונג זעהר אַ סך העלפען; זי קאָן פערהיטען קעגען פּאַטהאָלאָגישע פערבלאָנדזשענישען און געוואוינהייטען, זי קאָן דעם טריב נאָרמאַל ענטוויקלען און איהם פירען אויף נאָרמאַלע וועגען.

די סעקסועלע ערציהונג פון קינדער. — אין קאַפּיטעל 7 האָבען מיר געזעהען, אַז דאָס צוגעוואוינען־זיך צו געוויסע איינדריקען אויף די חושים שוואַכט שטענדיג אָב די עראָטישע ווירקונג אויף זיי. און פערקערט, אַז דער עראָטיזם, די ליבידאָ סעקסואַליס, ווערט בעזונדערס אויפגערעגט דורך ניט געוואוינטע אָנבליקען און אַנדערע רייצען אויף די חושים אָדער דורך פאָרשטעלונגען וואָס זענען נוגע דעם צווייטען געשלעכט. אין דער ערציהונג פון זיינע קינדער מאַכט דער מענש שטענדיג דעמזעלביגען פעהלער: אונבעוואוסטזיניגקייט שרייבט ער צו צום קינד זיינע געפיהלען (די געפיהלען פון דערוואַקסענע מענשען). דאָס וואָס רייצט סעקסועל אַ דערוואַקסענעם מענש, האָט מייַנסטענס קיין שום ווירקונג אויף אַ סעקסועל ניט־רייף קינד. מען קאָן דעריבער אויף אַ געוויסען אופן זעהר גוט זיך דורכרעדען מיט אַ קינד מכח סעקסועלע פראַגען, איהם אַלעם אויפקלערען אָהן עס סעקסועל צו רייצען. אדרבה, דערמיט וואָס דאָס קינד געוואוינט זיך צו אויף אַן אונשולדיגען אופן צו בעטראַכטען די סעקסועלע פערהעלטניסען אַלס אַ נאַטירליכע זאַך, ווערען שפּעטער זיין נייגעריגקייט און זיין עראָטיזם אַ סך וועניגער אויפגעוועקט, מחמת זיי האָבען פערלוירען דעם רייץ פון נייקייט.

אויב אַ קינד איז געוואוינט צו זעהען דעם נאַקעטען קערפּער פון דערוואַקסענע, זעהט עס ניט אויף זייערע געשלעכטס־אָרגאַנען קיין שום

אויסערגעוועהנליכע זאך, און עס וועט ביי איהם אויסקומען גאנץ זעלבסט־פערשטענדליך ווען צום ביישפיל אין א געוויסער עלטער עס בעקומט די אזוי־גערופענע שאם־האר. פון דער אנדערער זייט, זעהט מען קינדער וועלכע זענען ערצויגען געווארען מיט דער שטרענגסטער צניעות און אין דער טיפסטער אונוויסענקייט מכח די סעקסועלע פראגען, זיך שרעקליך שעמען און ווערען אויפגערעגט ווען זיי וואקסט די שאם־האר: זיי שעמען זיך און אין דערזעלביגער צייט ווערען זיי עראטיש גערייצט. אבער נאך מעהר אויפגערעגט ווערען מיידלעך ווען זיי קריגען די ערשטע מענסטרואציע, און אינגלעך ביי זייער ערשטען זאמען־אויספלוס. דאס געהיימניס מיט וועלכען עס ווערען ארומגעוויקעלט די דאזיגע אלע זאכען און בכלל אלצדינג וואס האט א שייכות מיט די סעקסועלע פונקציעס, איז ניט בלויז א קוואל פון אנגסט און פייניגונג פאר א סך קינדער, נאר עס רייצט א חוץ דעם זייער נייגעריגקייט און זייער אויפשיינענדיגען עראטיזם, אזוי ,אז אין די מייגסטע פאלען ווערען זיי לסוף געוואר מכח דעם דאזיגען ענין פון זעהר ניט זויבערע זייטען, פון פערדארבענע מענשען און קינדער, בעאבאכטענדיג דעם געשלעכטס־פערקער ביי חיות, לעזענדיג שמוציגע ביכער א. אז. וו. דאס סאמע ערגסטע דערביי איז, וואס די דאזיגע אויפקלערונג געהט געוועהנליך צוזאמען מיט אנאניזם, מיט סעקסועלע פערווערזיעס און אויך מיט דער פראסטיטוציע.

די אזוי־גערופענע אונשולד, ד. ה. די נאיווע אונוויסענקייט פון א רייף־ווערענדיג קינד, האט א בעזונדערען רייץ און אנציהונג פאר בעלי־תאוות פון ביידע געשלעכטער, מחמת אין דער פערפירונג פון א יונג און אונשולדיג וועזען געפינען זיי דעם העכסטען און ראפינירטסטען תענוג. די עלטערן בעגרייפען ליידער זעלטען וואוהין זייער זינד פון שווייגען קאן פירען ווען זיי פטר'ען אב זייערע קינדער'ס נאיווע פראגען מכח דעם סעקסועלען לעבען מיט פערדעקטע רייד, מיט אויס־מוסר'ען און ליגען־זאגען. איך וועל דא איבערגעבען די מיינונג פון אן אויפגעקלערטער מוטער פון א פאמיליע, פרוי שמיד־יעגער, א מיינונג מיט וועלכער איך בין פולשטענדיג איינפערשטאנען. דאס פאלגענדע איז אונגעפער איהר געדאנקען־גאנג:

„אלע אדער כמעט אלע מוטערס ערציהען זייערע טעכטער זיי חתונה צו מאכען; אבער קאנען מיר זאגען, אז זיי גרייטען זיי צו אזוי־

גוט ווי מעגליך? אהן שום ספק, ניין: נאך היינט־צוטאג ווערען פערנאכלעסיגט די סאמע עלעמענטארסטע קענטנישען, וועלכע א צוקינפטיגע פרוי און מוטער מוז האבען, און זיינט יאהרהונדערטען האבען יונגע מיידלעך חתונה אין א מעהר אדער ווענינער פולשטענדינער עמרצות מכח זייערע נאטירליכע פונקציעס און פליכטען. אמת, מען לערענט זיי, לפחות אפטער, קאכען, נעהען און פירען א בעל־הבת׳ישקייט; אבער זיי ווערט לגמרי גארניט געזאגט מכח זייערע סעקסועלע פונקציעס און זייערע פאלגען. אין צוריך האט זיך איצט געגרינדעט א שול פאר פלעגערינס, וועלכע האבען ארומצוגעהען ארום קינפעטארינס. די דאזיגע שול איז אויך אפען פאר יונגע מיידלעך וועלכע, אהן צו וועלען ווערען פראפעסיאנעלע פלעגערינס, ווילען אבער דורכמאכען א פראקטישען קורס אין א שפיטאל־שול, כדי צו קאנען פלעגען די קראנקע, און בעזונדערס די ניי־געבוירענע קינדער און קינפעטארינס אין זייער אייגענער פאמיליע. דאס איז א זעהר לויבענסווערטער אנהויב, וועלכער דארף איבעראל אין א גרעסערען מאסשטאב איינגעפירט ווערען."

„ווי אונגעשיקט, אונפעהיג און נאריש א יונגע פערהייראטע פרוי זעהט אויס ווען זי פערשטעהט גארניט די דאזיגע זאכען, און ווי טייער זי מוז אפטמאל בעצאלען פאר דער דאזיגער אונוויסענקייט. ביים מענש ליגען היינט אט די דאזיגע זאכען ניט אזוי פשוט און קלאר ווי ביי די חיות, ביי וועלכע דער אינסטינקט אליין איז גענוג כדי צו פלעגען זייערע יונגע."

„דאקטאר הילפיקער, א פרוי, אין צוריך, האט אין דער לעצטער צייט ענטוויקעלט א סך א וויכטיגערען פלאן, וועלכער נויטיגט זיך שוין אין דער הילף פון דער געזעצגעבונג. די מענער, זאגט זי, ענטוויקלען די קראפט פון זייערע מוסקלען דורך דעם מיליטער־דינסט. דערפאר זאל מען פאר אלע מיידלעך, נאך זייער 18טען יאהר, וועלכע ווערען ניט געשטערט דורך זייער ארבייט, איינפירען, אנשטאט דעם מיליטער־דינסט, אן איין־יאהריגען דינסט אין שפיטעלער, אנשטאלטען, שפיטעלער פאר קינפעטארינס, קינדער ערציהונגס־אנשטאלטען אדער פאלקס־קיכען. אויף דעם אופן וועט מען אי די פרויען אויסלערנען א ניצליכע סאציאלע ארבייט און אי די אלע אינסטיטוציעס פערזארגען מיט ניצליכע כחות. פארוואס זאלען בלויז די מענער אליין

מוזען טון אן אבליגאטארישע סאציאלע ארבייט?“

„נאטירליך, אזא רעוואלוציאנערער געדאנק וועט ארויסרופען א געוואלדיגע אפאזיציע און אונצופרידענקייט. דער עיקר וועלען די מוטערס פון דער מיטעל־קלאס פיהלען א טיפען וועהטאג און זיי וועלען ניט קאנען מסכים זיין אז זייערע טעכטער זאלען הערען און זעהען זאכען וועלכע, ווי זיי וועלען זאגען, מוזען פאר זיי פערבארגען ווערען ביז צו זייער חתונה. א, הייליגע נארישקייט! פארוואס מוז מען פערבארגען? וואלט עס ניט געווען לאגישער אונזערע טעכטער צוצוגרייטען צו זייער הייראט אויף אזא אופן, אז זיי זאלען וויסען וואס די הייראט איז, וואס זי פאדערט און וואסערע פליכטען זי לעגט ארויף?

„הגם אונבעוואוסט, בעגעהען אבער די עלטערן און די פעדאגאגען אן אמת פערברעכען ווען זיי פערנאכלעסיגען די דאזיגע פליכט פון אויפקלערונג. די יונגע מענער ווייסען שוין גיכער וואס זיי טון ווען זיי בעשליסען חתונה צו האבען. פערקערט אבער, פון אונזערע יונגע מיידלעך פאדערען די גרויזאמע און אוננאטירליכע מדות א טיפע עמצרות, אן עמצרות וועלכע איז אפטמאל געפערליך פאר זייער גאנץ לעבען. ווען איז דאס איינגעפאלען דער דאזיגער נארישער און שעדליכער געדאנק, אז אן אונשולדיג מיידעל דארף לגמרי גארניט וויסען מכח איהרע נאטירליכע פונקציעס און פליכטען ביז ממש צו דער מינוט ווען זי האט זיך שוין צוגעבונדען פאר דעם גאנצען לעבען צו ערפילען איהרע סעקסועלע פליכטען? דאס געזעץ בעשטראפט פאר צווינגען אנדערע מענשען אויף זיך צו נעהמען פליכטען, בעת מען בעהאלט פאר זיי אבזיכטליך די אמת'ע נאטור און די פאלגען פון זיי. פארוואס זאל מען ניט אויף דעמזעלביגען סמך בעשטראפען יענע עלטערן, וועלכע גיבען אוים זייערע אונוויסענדע טעכטער צו מענער, וועלכע פאדערען אזוי־גערופענע אונשולדיגע כלות? טייל פרויען ענטפערען אויף דעם, אז די הייראט וואלט געווען צו טרויריג און צו ווייניג רייצענדיג, ווען פריהער וואלטען ניט עקזיסטירט קיין אילוזיעס. באמת, עס וואלט געווען זעהר שלעכט, ווען מען זאל ניט האבען קיין אילוזיעס ביי צוואנציג אדער פינף־און־צוואנציג יאהרען. די יוגענד איז אבער פול מיט חלומות אין אלע געביטען; אזוינע וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט דער נאטור פון דער יוגענד זענען געזונד און גוט: אבער יענע פאנטאסטישע חלומות וועלכע שטעהען אין א שארפען הפוך מיט

דעם ווירקליכען לעבען און וועלכע מוזען זיך ענדיגען מיט פלוצליכע ענטוישונגען, אזוינע אילוזיעס זענען טרויריג. ווער עס לעבט ביז צו דער חתונה אין אידעאלע וואלקענס, געפינט זיך מיינסטענס אין א געפאר אנטקעגען צו געהען א שווערע נידערגעשלאגענקייט און פערצוויפלונג. א קלוגע סעקסועלע ערציהונג וואלט ניט בלויז פערהיט די בלינד־גלויביגע יונגע פרויען קעגען פלוצליכע און גרויזאמע ענטוישונגען, נאר זי וואלט אויך אויפגעהויבען דעם מאראלישען שטאפעל פון זייערע מענער. וואלט די צוקינפטיגע פרוי געוואוסט וואס זי טוט בעת זי בעשליסט צו הייראטען, דעמאלט וואלט זי געפאדערט, אז דאס פערגאנגענע לעבען פון איהר חתן זאל זיין א זיכערע גאראנטיע פאר דער צוקונפט.“

„א חוץ דעם וועט די גאנצע אפאזיציע קענען די דאזיגע נייע געדאנקען גארניט העלפען. אונזערע יונגע מיידלעך קאן מען איצט שוין מעהר ניט פירען אזוי בלינד: זיי וועלען זיך אלעמאל מעהר און מעהר וועלען בעפרייען. וואלט דען דעריבער ניט געווען א סך בעסער זיי דא אנטקעגען צו קומען און זיי בעצייטענס צו ווארענען? מיט אן אונגלויבליכער גלייכגילטיגקייט לאזען א סך עלטערן זייערע טעכטער ארוים אויף דער וועלט, כדי צו פערדינגען זייער לעבען, אהן דערביי אפילו א טראכט צו טון, ווי לייכט זיי קאנען ווערען די קרבנות פון עפעס א דאן זשואן, אהן א הארץ און געוויסען, צוליב זייער אונוויסענקייט, נאיוויטעט און זייער בלינד־גלויביגקייט. מיר רעדען דא שוין ניט מכח מיידלעך וועלכע ווערען דירעקט פערפירט פון קאדעטען און בארעל־האלטערם (זעה קאפיטעל 9). א חוץ דעם וואלט א סעקסועל אויפגעקלערט מיידעל געקאנט א סך לינדערען די אונגליקען פון אנדערע פרויען ארום זיך. אנשטאט מיט א פוסטער גאוה, מיט א פעראכטונג אדער מיט מורא און אבשיי אראבצוקוקען אויף אונפערהייראטע מוטערס, אויף פערפירטע און פערלאזענע מיידלעך און ענליכע אונגליקען, וואלט זי זיי געטרייסט מיט שכל און זיי געהאלפען; אנשטאט צו בעגעגענען דאס לעבען מיט אילוזיעס און חלומות, וואלט זי די ביטערע ווירקליכקייט געפריפט צו מילדערען דורך עדעלע סאציאלע געפיהלען.“

„מיט וואס און ווען זאלען מיר אנהויבען? אויף קיין פאל זאלען מיר ניט ווארטען ביז צו דער חופה־נאכט, נאר ווי ווייט מעגליך אנהווי־

בען מיט דער קינדהייט. אין דער טעאָריע זענען מיר מסכים, אז מען דאַרף די קינדער ניט אָבנאַרען, אויב מען וויל, אז זיי זאָלען האָבען א טיפען צוטרויען צו זייערע עלטערן און, אז זיי אליין זאָלען זאָגען דעם אמת. געוויס, מען קאָן א קליין קינד ניט אויפקלערען אלע איינ־צעלקייטען מכח דעם געשלעכטס־לעבען, אָבער מיר קאָנען דעם קינד ענטפערען דעם אמת אויף זיינע פראַגען, אויף אזוי פיל אויף וויפיל עס פּאַסט פאַר זיין עלטער: ווען דאָס קינד ווייסט, אז דאָס ווערט שטענדיג געטון, וועט עס דעריבער טיילמאָל אויך זיין צופרידען מיט דעם ענטפער: "דו ביזט נאָך צו קליין דאָס צו פערשטעהען; איך וועל עס דיר זאָגען ווען דו וועסט עלטער ווערען."

„איטליכעס קינד, וועלכעס רעדט אָפען מיט זיין מוטער, פרעגט פריהער אדער שפּעטער ווי אזוי קינדער קומען אויף דער וועלט. אויף דער דאָזיגער פראַגע קאָן די מוטער אמלייכטסטען ענטפערען, דעמאָלט ווען דאָס קינד האָט געהאַט די געלעגענהייט דאָס דאָזיגע צו בעאָב־אַכטען ביי חיות, ביי אינסעקטען, א. אז. וו. פאַרוואָס זאָל די מוטער פאַר איהם פערלייקענען, אז ביי די מענשען־קינדער קומט פאָר דאָס־זעלביגע אדער כמעט דאָסזעלביגע וואָס ביי די חיות־קינדער? דאָס קינד לעגט דערין ניט אריין יענע מאוס'ע געדאַנקען, וועלכע אונזער עראָטיזם האָט שפּעטער דערמיט פערקניפּט. די קינדער זעהען א סך בעסער, איידער מיר שטעלען זיך דאָס פאָר. א קליין מיידעלע, וועלכעס מען האָט אָבגע'פּטר'ט מיט דעם נאַרישען תרוץ פון דעם שטאָרך מיט דעם קינד, האָט אמאָל געזאָגט צו איהר מוטער: „מאַמאַ, איך בין אזוי גליקליך, די באָבע וועט דאָך האָבען א בייבי." די מוטער האָט זיך דערשראָקען. "אָבער מאַמאַ", זאָגט די קליינע „די באָבע האָט דאָך פּונקט אזא גרויסען בויך ווי אונזער קאַץ איידער זי האָט קליינע קעצ־לעך." פרוי שמיד פערזיכערט די וואָרהאַפטיגקייט פון דעם דאָזיגען מעשה'על. זי זאָגט ווייטער, אז ווען זי איז אַלט געווען צען יאָהרען, האָט א שול־חבר'טע איהר אויפגעקלערט, אז איהר גראָד דעמאָלט גע־בוירענע שוועסטער „האָט ניט געברענגט דער שטאָרך, נאָר אז די מו־טער האָט עס געבוירען". דער דאָזיגער נאַטירליכער פאַקט האָט אין איהר ניט אויפגעוועקט קיין שום געפיהל פון אָבשיי, אָבער איהר גלוי־בען אין איהרע עלטערן איז יענעם טאָג געוואָרען שטאַרק אָבגעשוואַכט.

„צוערשט בעגניגענען זיך די קינדער מיט דעם בלויזען וויסען פון

וואנען עס קומען זייערע קליינע שוועסטערלעך און ברידערלעך. ביסלעכוויז הויבען זיי אן נאכצודענקען און פרעגען, ביי מענשען צו ווערען זיי האבען צוטרויען, ווי אזוי די דאזיגע קליינע בעשעפענישען קאנען זיך ענטוויקלען אין דער מוטער'ס לייב. מען זאל ווארטען אויף א גוטער געלעגענהייט, כדי זיי פשוט ווי מעגליך אויפצוקלערען דעם געשלעכטס-פערקער.“ פרוי שמיד דערצעלט ווי אזוי זי האט איהרע אייגענע קינדער געגעבען די דאזיגע ערשטע אויפקלערונג. איהר אכטיאהריגער זוהן מיט איהרע צוויי עלטערע טעכטערלעך האבען צווישען זיך געהאט א הייסע דעבאטע וועגען דעם היהנערהויף. די צוויי מיידלעך האבען גע'טענה'עט, ערשטענס, אז דער האהן איז א בייזער און, צווייטענס, אז ער ברענגט ניט קיין שום נוצען, ווייל ער לעגט דאך ניט קיין אייער. זייענדיג גערירט אין זיין מעגליכען שטאלץ האט זיך דאס אינגעל אנגענומען פאר דעם האהן און געשריען, אז עס קאן ניט זיין, דער האהן מוז זיכער ברענגען עפעס א נוצען, נאר ער ווייסט ניט וואס. הכלל, דעם דאזיגען ספסוך האט מען געברענגט פאר דעם מוטערליכען געריכטס-הויף: וואס דענקט די מוטער וועגען דעם? די מוטער ענטפערט דעמאלט די קינדער גאנץ אפען, אז די היהנער קאנען יא לעגען אייער אהן א האהן, אבער אז פון די דאזיגע אייער וועט זיך שפעטער גארניט ענטוויקלען; אז דער האהן מוז דערצו געבען די היהנער זאמען; אז אהן א פאטער-האהן וואלטען קיינמאל ניט עקזיסטירט קיין היהנער-קינדער. מיט דער דאזיגער ערקלערונג איז דאס אינגעל געווארען זעהר שטאלץ ביי זיך און האט באלד געענטפערט מיט א פשוט'ער און ריינער קינדער-לאגיק: „ניט אמת, מאמא, אז אויך ביי אונז וואלטען ניט געווען קיין קינדער אהן א פאפא?“ — וואס, נאטירליך, די מוטער האט באלד צוגעגעבען. נאכדעם זענען די קינדער לוסטיג צוריקגעגאנגען צו זייער שפיל.

צו דעם דאזיגען צווייטען מחנך-זיין קאן מען אויך בענוצען די באטאניק און די זאאלאגיע, וועלכע אבער, ווי פרוי שמיד גיט צו, זענען ניט אזוי לייכט ווי די ערשטע. זי איז אויך מיט דער מיינונג, אז אין די שולען קאן מען מיט די קינדער רעדען מכח דער פארטפלאנצונג פון די מענשען פונקט אזוי גוט ווי מען רעדט מכח דער פארטפלאנצונג פון חיות און פלאנצען. באמת, דאס וואלט געווען דאס בעסטע, אבער בלויז דעמאלט, ווען די לעהרערס און די לעהרערינס

וואָלטען פערשטאַנען צו בעהאַנדלען דעם דאָזיגען ענין מיט גענוג טאַקט. איך וויל בלויז צולעגען, אַז די אויפקלערונג פון די קינדער מכח דער געשלעכטס־פראַגע דאַרף נאַטירליכערווייז איינגעטיילט ווערען אַזוי, לפּחות אויף וויפיל דאָס איז מעגליך, אַז דער פאָטער אדער דער לעהרער זאָל אויפקלערען די אינגלעך, בעת די מוטער אדער די לעהרערין זאָל אויפקלערען די מיידלעך.

פרוי שמיד האָט פולשטענדיג רעכט זאָגענדיג, אַז „די עלטערן האַלטען זיך מיינסטענס צוריק בעצייטענס אויפצוקלערען זייערע קינדער ניט אַזוי פיל צוליב דוחק אין שכל און דענקען ווי צוליב דער שרעק פאַר דער שווערקייט, צוליב דער אונפעהיגקייט צו קאָנען זיך קלאָר צונויפרעדען מיט זייערע קינדער. טייל מוטערס וועלכע וואָלטען קיינמאָל ניט אפילו דערמאָנט א וואָרט מכח סעקסועלע פראַגען צו א קינד וועלכעס איז אבסאָלוט אונוויסענד אין דעם, — דיזעלבינע מוטערס הויבען אָבער אָן באַלד צו רעדען מיט זייערע קינדער מכח די דאָזיגע ענינים, און דוקא ניט אַלעמאָל אין אַן ערענסטען און אַנשטענדיגען טאָן, אַזוי גיך ווי זיי מערקען, אַז די קינדער האָבען שוין דערפון געהערט פון פרעמדע קוועלען.“

„עס איז צו בעדויערען וואָס אַזוי ווייניג פּעדאַגאָגען האָבען זיך פערנומען מיט דעם דאָזיגען ענין, און וואָס מען גיט איבער די סעקסועלע אויפקלערונג פון אייגענע קינדער צו די שמוציגסטע קוועלען, צו שלעכטע דינסטען, צו פערדאָרבענע חברים, צו פּאָרנאָגראַפישע ביכער, א. אַז. וו. דער פועל־יוצא איז א זעהר טרויעריגער — א פרעמדקייט צווישען עלטערן און פּעדאַגאָגען פון איין זייט, און צווישען עלטערן און זייערע קינדער פון דער אַנדערער זייט, א פרעמדקייט וועלכע צערייסט און צושטערט דעם געגענזייטיגען צוטרויען. אויך פריה דערוואָרבענע סעקסועלע פערווערזיעס, אָדער א פריהצייטיגע ענטוויקלונג פון אַן אונגעזונדען געשלעכטס־טריב, קאָן מען ניט בעקעמפען אָדער אָבשוואַכען מיט צניעות, מיט פערוואַלקענטע מאָראַלישע דרשות, מיט בייזען אויגען, ווען דאָס קינד ווייזט א סמן דערפון, און אַנדערע אַזוינע מיטלען; העלפען קאָן נאָר דערצו די אָפענהאַרציגקייט און די ליבשאַפט. תרוצים, בעהאַלטענע רייד און אַן אַזוי־גערופענע מאָראַלישע שטרענגקייט פירט בלויז צו א פרעמד־ווערען, צו ליגען־זאָגען און צו צבוע׳־צטווע, און דער סוף איז אָפטמאָל א טרויעריגער.“

ביז אהער האבען מיר ציטירט פרוי שמיד. ווייטער בעטאנט זי, פונקט ווי מיר, די נויטיגקייט פאר מיידלעך צו ארבייטען און, אז מען זאל זיי אויסלערנען א פראפעסיע, בכדי זיי זאלען זיין אימשטאנד אין אלע פאלען אריבערצוטראגען דעם קאמף פון לעבען און ניט בלינדער־הייט חתונה צו האבען מיט דעם ערשטען בעסטען מאן אדער אריינ־צופאלען אין דער פראסטיטוציע, כדי זיך צו ראטעווען פון הונגער אדער פון אונטערגאנג. זי האלט, און מיט רעכט, אז די הויז־און מוטער ארבייט פון איטליכער הויזפרוי זאל בעלוינט ווערען פונקט אזוי גוט ווי יעדע פראפעסיאנעלע ארבייט, פונקט ווי די ארבייט פון דעם מאן אויסער דעם הויז.

אין דער גאר לעצטער צייט האבען זיך, לפחות אין דער טעאריע, געביטען די אנשויונגען מכח דעם ענין און די גאנצע וועלט הויבט אן צו רעדען פון דער סעקסועלער אויפקלערונג פון דער יוגענד. איך דארף דאך ניט זאגען, אז די סעקסועלע אויפקלערונג פון אינגלעך איז פונקט אזוי נויטיג ווי די סעקסועלע אויפקלערונג פון מיידלעך. אמת, זיי שטעהען ניט אין אזא סכנה, ווי די מיידלעך, צוליב זייער עמרצות צו מוזען ווערען שרעקליך אבהענגיג דורך א געצוואונגענער הייראט אדער דורך א שוואנגערשאפט. דערפאר קאנען זיי ווערען מעהר גע־רייצט און פערפירט. אין פאל זיי זענען שוין איינמאל סעקסועל פער־פירט, סיי דורך אנאניזם, סיי אויף אן אנדערען אופן, טון זיי זיך דעם גרעסטען שאדען און עס איז זיי שווער צוריקצופירען אויף דעם גלייכען וועג, שווין ניט רעדענדיג פון די ווענערישע קראנקהייטען.

דעריבער רוף איך צו אלע פאטערס און ערציהערס, פונקט ווי פרוי שמיד רופט צו אלע מוטערס און ערציהערינס: גרייט זיך צו בעציי־טענס און ווארט ניט ביז די אינגלעך ווערען אויפגעקלערט פון פער־דארבענע מענשען אדער ביז זייער עראטישע נייגעריגקייט וועט זיי שוין האבען פערפירט און פערדארבען. זיי ווערען מיינסטענס פער־פירט פון שלעכטע חברים, אבער ניט זעלטען אויך פון דערוואקסענע עראטישע פרויען, האמא־סעקסואליסטען, א. אז. וו.

דער פאלגענדער אויסשניט פון א בריף וועלכען א מוטער האט מיר געשיקט איז זעהר כאראקטעריסטיש:

"ווען עס האט זיך געוויזען די נויטיגקייט, האב איך מיינע פינף

קינדער, הריי אינגלעך און צוויי מיידלעך, אויפגעקלערט מכח דער סעקסועלער פראגע.„

„צוליב פערשידענע סמנים האב איך אין א געוויסען טאג בעמערקט ביי מיין זוהן, אז עס איז אנגעקומען די צארטע איבערגאנגסצייט: ער איז געווארען שעמעדיג, צוריקגעצויגען, אונגליקליך פאר ניט האבען בעזונדערע פעהיגקייטען, א. אז. וו. אזוי ווי איך האב בשום אופן דערצו ניט געקאנט צורעדען מיין מאן, האב איך מיר אליין געמאכט הארץ; עס איז מיר אזוי לייכט ניט אנגעקומען דאס ערשטע מאל: טיף אין מיין נשמה האב איך געפיהלט קלאר, ווי פערדרעהט און פער'טעות'ט עס איז אונזער ערציהונג און ווי איך האב געהאט צו שווימען קעגען שטראם.“

„אויף מיין אינגעל האט דאס געווירקט אויף א וואונדערליכען אופן: ער האט אויפגעשיינט; ער האט מיך געלאזט ארייננקוקען אין זיין קינדערשער נשמה ווי אין אן אפען בוך. מיר האבען אלעס דורכגערעדט פון אלע מעגליכע זייטען, און צום סוף זאגט ער צו מיר: „מאמא, וואס פאר א גליק וואלט עס געווען פאר דער מענשהייט ווען אלע מוטערס וואלטען געקאנט בייקומען די דאזיגע פאלשע בושה און גערעדט מיט זייערע קינדער אויף א נאטירליכען אופן וועגען אזוינע נאטירליכע זאכען; מאמא, דו קאנסט דיר גארניט פארשטעלעז ווי אלעס ווערט פערדרעהט און וועלכע שמוציגע זאכען מען הערט זיך אן פון די חברים. און דאס דארף זיין דער שוין קעגען דער גרעסטער געפאר אין לעבען?!“

„ווען איך האב געדארפט געלעגען ווערען מיט מיין יונגסטען קינד, איז מיר געווען זעהר פיינליך זיך צו היטען מיט דעם דאזיגען סוד פאר מיין 14 יאהריגער טאכטער. איינמאל נעהם איך זי צו זיך און ווי עס האט געפאסט פאר איהר עלטער האב איך איהר אלעס אויפגעקלערט. צוערשט איז זי געווען אין זיבעטען הימעל פאר גליק, דערנאך איז זי געווארען שטאלץ וואס איך האב זי געהאלטען פאר אזוי דערוואקסען און ווירדיג מיט איהר צו רעדען וועגען אזוינע ערענסטע זאכען, און צום סוף זאגט זי: „מאמא, אלעס איז דאך אזוי שעהן און אזוי קלאר; פארוואס דערצעלט מען דאס ניט פריהער איידער מען הערט זיך אן די אלע שמוציגע זאכען אין דער שול.“

„פון דעם געזאגטען און פון אייער ווערטפול בוך קאן מען זעהן, אז מיט דער הילף פון א נאטירליכער און געזונדער אויפקלערונג וואל־

טען מיר געהאט דאס גליק פון דער מענשהייט אין אונזערע הענד, און וויפיל גליקליכע און געזונדע מענשען מיר וואלטען געהאט; אבער דער גרעסטער טייל פון עלטערן און ערציהערס שטעהען הילפלאז אנטקעגען דער דאזיגער פראגע. איך האב צווישען זיי בעגעגענט זעהר א סך קלוגע מענשען."

מיר מוזען דא נאך דערמאנען עטליכע וויכטיגע פעדאגאגישע כללים. דער אינטעלעקט און די געפיהלען זענען ענג פערבונדען אין דעם מענשליכען געהירן, און פון ביידע צוזאמען ענטשטעהען די ענט־שלוסען פון ווילען, וועלכע, ווענדליג זייער פעסטקייט און אויסגעהאל־טענקייט, האבען ווידער פון זייער זייט א געוואלדיגע צוריק־ווירקונג אויף דער געהירן־טעטיגקייט. עס איז דעריבער א גרויסער טעות צו דענקען, אז די דאזיגע דריי הויפט־געביטען פון דער מענשליכער נשמה — שכל, געפיהל און ווילען — קאן מען איטליכען בעזונדער פאר זיך בעהאנדלען מיט טעארעטישע דאגמעס. דער שווערסטער טעות איז וואס די שול רעדט זיך איין און גלויבט, אז זי אליין וועט קאנען ער־ציהען דעם גייסט, דעם אינטעלעקט, בעת די ערציהונג פון די סענטי־מענטען און פון דעם ווילען לאזט זי איבער פאר די עלטערן. אבער עס איז נאך א גרעסערער אונזין ווען מען וויל ווירקען אויף די געפיהלען, און בעזונדערס אויף די עטישע געפיהלען, אויף דעם געוויסען, מיט די אזוי־גערופענע מאראלישע דרשות און שטראפען. א, די דאזיגע מא־ראלישע דרשות, די דאזיגע טעארעטישע מאראל־למודים, — וואס פאר א פערזעהעגישען פון דעם מענשליכען גייסט דאס זענען! גראד ווי מען וואלט געקאנט אין דעם קינדערשען געהירן, וועלכעס איז בלויז מסוגל אויפצונעהמען קאנקרעטע געדאנקען, אריינפאמפען א געוויסען און אלטרואיסטישע געפיהלען מיט דער הילף פון אבסטראקטע דאג־מאטישע כללים! טאג־טעגליך קאנען מיר זעהען אין כמעט יעדער פא־מיליע, ווי די עלטערן, ווערענדיג צורייצט, בייז און אפטמאל פאטע־טיש, איבער'חזר'ען זיי די אייביג גלייכע מוסר־רייד צו זייערע קינ־דער, מאכען זיי שטענדיג פארוואורפען אין כמעט תמיד דעמזעלביגען אלטען טאן, און ווי די קינדער הערען זיך אפילו ניט צו, אדער מאכען א ניט צופרידענע מינע, אדער זיי שטעלט זיך טרערען אין די אויגען אדער אפטמאל גאר ענטפערען זיי מיט דיזעלביגע בייזע רייד; ווי די זאך זאל ניט זיין, די דאזיגע מוסר־רייד שוועבען דורך דעם קינד'ס

נשמה פונקט ווי דער ווינד איבער דעם דאך ניט איבערלאזענדיג קיין ברעקעל סמן. אויף א גוטען בעאבאכטער מאכט די גאנצע זאך א טרויעריגען איינדרוק — א מין קאטערינקע וועלכע שפילט אב אויטאמאטיש א דאפעלט לידעל. אויב דאס איז די מאראל וועלכע דארף ווירקען אויף די קינדער, אין זיך באמת ניט דא וואס צו חדוש'ען וואס זי האט ניט קיין ערפאלג און אפילו ניט וואס זי ברענגט א שאדען. דאס וואס די עלטערן מערקען ניט דערביי איז, אז אונטער דעם נאמען „קינדער־ערציהונג" גיבען זיי א פרייען לויף זייערע אייגענע שוואכקייטען און קאפריזען. אבער די קינדער זעהען דאס דוקא זעהר גוט, בעוואוסט אדער אונבעוואוסט, און זיי בענעמען זיך ווערדליג דעם. דאס ערגסטע איז, וואס זיי לערנען זיך אב די דאזיגע שלעכטע געוואוינהייטען טון נאך זייערע עלטערן ווי קליינע אפען, און פירען איין צווישען זיך גופא די דאזיגע מאראל. ווירקען ווירקט דער מאראלישער ביישפיל, און ניט דער טעארעטישער למוד.

דאס אמת'ע מאראלישע לערנען, די אמת'ע מאראלישע ווירקונג אויף קינדער הענגט אב פון דעם מין און אופן ווי אזוי מען רעדט צו זיי, ווי אזוי מען פערברענגט מיט זיי און ווי אזוי מען בעהאנדעלט זיי. אין דעם אומגאנג מיט קינדער מוזען זיך קלאר און שארף ארויסווייזען ווארימע געפיהלען, אמת'דיגקייט, איבערצייגונג און אויסגעהאלטענקייט, און נאר דאס אליין קאן אויפוועקען אין דער מענשליכער נשמה א סימפאטיע און א צוטרויען צו יענע וועלכע דארפען אויף זיי ווירקען. ניט דאס קאלטע מאראלישע ווארט, נאר דאס ווארימע אלטרואיסטישע געפיהל, וואס דארף פון אלצדינג ארויסשיינען, פון אלצדינג וואס מען רעדט און טוט, האט אן עטיש ערציהערישע ווירקונג אויף דעם קינד.

א געלעהרטער וועלכער ברומט ארויס אין א טרוקענעם, לאנגווייליגען טאן די קלוגסטע און בעסטע לעקציעס, לערענט זיינע שילערס גארניט אדער זעהר ווייניג. זיי געניצען און זיי זענען גערעכט זאגענדיג, אז דאסזעלביגע האבען זיי געקאנט אויסלערנען פונקט אזוי גוט, אדער נאך בעסער, פון א בוך אדער לעקסיקאן. א לעהרער אבער וועלכער רעדט מיט פייער און איבערצייגונג און וועלכער ווייסט ווי אזוי צו בעגייסטערען, געווינט די אויפמערקזאמקייט און דאס וואס ער זאגט פרעסט זיך אריין אין דעם געהירן פון זיינע שילערס. פארוואס?

פשוט דערפאר, מחמת אין דעם ערשטען פאל זעהט מען אינטעליגענץ אהן דער ווארימקייט פון געפיהלען, בעת אין צווייטען פאל ווערט דער צוהערער מיטגעריסען פון דער סוגעסטיווער, אנשטעקענדיגער קראפט פון דער בעגייסטערונג; זי געווינט, און דעריבער בערייכערט זי אינדי־רעקט א סך מעהר און ניצליכער זייער גייסט, איידער ווען זיי ווערט דערלאנגט א שטיק טויטע וויסענשאפט, וועלכע פילט אן דעם זכרון אבער דאס הארץ לאזט זי איבער לעדיג. דאס וואס קומט ניט פון הארץ, געהט ניט צום הארץ, זאגט א דייטש שפריכווארט; אבער עס געהט אויך שווערער אין קאפ.

פונקט אויף דעמזעלבינען אופן ווערט ערצויגען דער ווילען דורך אן אויסדרויערענדיגער טעטיגקייט. שוין דאס קינד מוז מען בעגייס־טערען פאר א סאציאלער ארבייט: עס מוז ווערען ערמוטיגט צו ניט אייגענננוציגע, עדעלע און אויפאפפערענדיגע האנדלונגען, אהן אז עס זאל דערצו ווערען געטריבען דורך מורא פאר א שטראף אדער דורך א צוזאג אויף א בעלוינונג.

דאס דאזיגע קאן מען דערגרייכען דורך א סיסטעם פון ערציהונג ווי א שטייגער אין די „לאנדערציהונגסהיימע“, וועלכע זענען צוערשט געגרינדעט געווארען פון רעדדיע אין ענגלאנד, פון ליעטץ אין דייטש־לאנד און פון פריי און צובערביהלער אין דער שווייץ; ענדליך זענען פראקטיש פערווירקליכט געווארען די אידעען פון רוססא, פון פעס־טאלאצי, פון אוען און פון פרעבעל.

פאר דעם פעדאגאג וועלכער פערשטעהט די פסיכאלאגיע פון קינ־דער איז עס אן אמת'ע פרייד צו זעהען די ערציהונג פון קינדער אין די דאזיגע "לאנדערציהונגסהיימע". די קינדער זענען פול מיט בע־גייסטערונג פאר זייער שול; זיי ווערען די חברים פון זייערע לעהרערס. די קערפערליכע פערהארטונג, די ענטוויקלונג פון זייער שכל, זייער אורטייל און זייער וויסען געהען הארמאניש צוזאמען מיט דער ערצי־הונג פון זייערע געפיהלען און זייער ווילען. דעם קינד ווערט ניט דערלאנגט דאס טרוקענע לעהר־ביכעל פון אונזערע שולען, נאר מען מאכט איהם בעקענט מיט די ווערק פון אונזערע גרעסטע מענער, פון וועלכע עס שעפט ניט בלויז וויסען, נאר וועלכע וועקען אויף זיין גע־מיהט און בעגייסטערען עס. די פרייד פון די קינדער'ס לעבען ווערט ניט פערביטערט און צודריקט אונטער דער שווערער משא פון שול־אויפ־

גאבען, און אונטער דער שטענדיגער מורא פאר די פריפונגען און עקזאמענס, נאר זייער ווערט פערגרעסערט זיך דורך דעם וואס מען לאזט זיי, ווי ווייט מען קאן נאר, צוזאמענלעבען מיט אלעם מכח וואס זיי דארפען לערנען. אויף דעם אופן ווערט דאס געלערענטע באמת זייער אייגענס און א לעבעדיגער טייל פון זייער פערזענליכקייט, און זייער געהירן און זייער זכרון ווערט נים אנגעפאקט מיט טויטע למודים, וועלכע ליגען דארט ווי א פרעמדער קערפער אנשטאט צו זיין א ניצליכער, אסימילירטער בעזיץ. אין די „לאנדערציהונגסהיימע“ קומען נאר פאר אזוינע שטראפען וועלכע זענען א נאטירליכער פועל־יוצא פון דעם בעגאנגענעם פעהלער.

די שילערס און די לעהרערס באדען זיך נאקעט צוזאמען. די סעקסועלע פראגע ווערט דארט בעהאנדעלט אויף אן אנשטענדיגען, אפענעם אופן אלס א נאטירליכע, זעלבסטפערשטענדליכע זאך. דער צוטרויען און די אפענקייט צווישען שילער און לעהרער, צוזאמען מיט א נים־געצוואונגענער קערפערליכער און גייסטיגער ארבייט און א פולשטענדיגע אויסגעשלאסענקייט פון אלע אלקאהאלישע געטראנקען, זענען דאס בעסטע און ראדיקאלסטע הייל־מיטעל און פערהיטונגס־מיטעל קעגען אנאניזם, קעגען סעקסועלע צו פריהע ליידענשאפטען און קעגען אלע סעקסועלע פערווערזיעס, אויב זיי זענען נאר נים גע'ירש'ענטע.

עס פערשטעהט זיך, אז אזוינע שולען קאנען נים קורירען גע'ירש'ענטע, פאטהאלאגישע געשלעכטס־טריבען, און קאנען נים פערהיטען א מיטגעבוירענע סעקסועלע פריה־רייפקייט. פונדעסטוועגען זענען נים פאראן קיין אנדערע אזוינע שולען וועלכע קאנען אין דעם דאזיגען פרט ווייזען דעמזעלביגען ליבענסווערטען צושטאנד, מחמת אזוי גיך ווי א אינגעל לאזט מערקען וואסערע נים איז סעקסועלע פערוערזיע, ווערט מען דערפון באלד געוואר. — איך ווייז דא אן אויף דעם בוך פון ווילהעלם פריי: „לאנדערציהונגסהיים“ (לייפציג 1902), און אויף מיין בוך אין וועלכען איך האב בעהאנדעלט דעמזעלביגען ענין: „היגיענע דער נערווען אונד דעם גייסטעס„ (שטוטגארט 1903).

וואס אונזער פעדאגאגיק האט ביז אהער נים פערשטאנען איז, דעם מענש ריכטיג א ב צ ו ש א צ ע ן. ד ע ר ס א צ י א ל ע ר ו ו ע ר ט פ ו ן א מ ע נ ש א י ז צ ו ז א מ ע נ ג ע ש ט ע ל ט פ ו ן צ ו ו י י ג ר ו פ ע ן פ א ק ט א ר ע ן: פ ו ן ד י ג ע־

ירש'ענטע דיספאזיציעס (גייסטיגע און קערפערליכע), און פון די ערצויגענע אדער דערלערנטע פעהיגקייטען. אהן א געניגענדיגע, גע'ירש'ענטע דיספאזיציע אין א געוויסען געביט, וועט דא דער גאנצער למוד און אלע אנשטרענגונגען מיינסטענס זיין אן אומזיסטע ארבייט, אהן דעם נויטיגען למוד און איבונג פערוועלקען אפטמאל די בעסטע דיספאזיציעס, אדער זיי גיבען ניט יענע פרות וועלכע זיי וואלטען געקאנט געבען. די גע'ירש'ענטע דיספאזיציעס זענען אבער נוגע ניט בלויז די אזוי־גערופענע געביטען פון וויסען, ווי די טראדיציאנעלע פעדאגאגען פון אונזערע שולען שיינען אפטמאל צו דענקען, נאר זיי זענען נוגע אלע געביטען פון דעם מענשליכען לעבען, דער עיקר די נשמה. גוטע דיספאזיציעס אין דעם געביט פון ווילען, פון אורטייל, פון דער פארשטעלונגס־קראפט, און דער עיקר אין דעם געביט פון אויסדויער־קראפט, פון פליכט־געפיהל, געוויסענהאפטיגקייט, שטרענגקייט צו זיך אליין, די פעהיגקייט צו דענקען לאגיש און צו קאנען אבשיידען דאס גוטע פון דעם שלעכטען, די פעהיגקייט צו קאמבינירען דאס דענקען מיט עסטעטישע געפיהלען, — דאס זענען העכערע מענשליכע ווערטען איידער די פעהיגקייט זיך אויפצונעהמען און אויפצופאסען, און א גוטער קאפ פאר ווערטער און פראזען.

פונדעסטוועגען זענען די לעצטע כמעט די איינציגע פעהיגקייטען, וועלכע ווערען גענומען אין בעטראכט ביי די שול־עקזאמענס אין אלע אונזערע שולען, פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער, און אין וואס אלעס ווענדט זיך. היינט, איז זיך דא וואס צו חדוש'ען, ווען ביי אזא בעצם פאלשען און איינזייטיגען מאסשטאב דראפען זיך ארויף די טרוקענסטע פרות, די געוועהנליכסטע קאריעריסטען, וועמעס מוחות זענען בלויז דאס עכא פון זייערע לעהרערס, און וועלכע פאלען אויף די קניע פאר אויטאריטעטען, — איז דען א חדוש וואס די דאזיגע דערגרייכען צו אלע הויכע אפיציעלע, און אויך צו די מיינסטע הויכע ניט אפיציעלע פאזיציעס אין אונזער געזעלשאפטליך לעבען!? מיט א גוטען זכרון

און מיט דער פעהיגקייט זיך אויפצופאסען קאן מען איבעראל דער־גרייכען אפילו אהן דער פראטעקציע פון דעם סעניארען־קאנוועגט, פון גלחים אדער פון דעם פריימוירער־ארדען! אהן די דערמאנטע פעהיג־קייטען ווערען די טאלאנטפולסטע מענשען און אפטמאל אפילו געני־אלע מענשען אוועקגערוקט אויף א זייט, אדער זיי שלאגען זיך דורך דורך זייטיגע וועגען פערלירענדיג כח, געזונד און צייט.

די שטרענגע, דאגמאטישע, אויסוועניג אויסגעלערנטע כללים, מיט וועלכע מען שטאפט אן דאס קינדישע געהירן, זענען א חוץ דעם מיינסטענס פאלש, ניט קלאר אדער ניט פינקטליך. אבער פונקט ווי א שווערע משא גראבט זיך דאס אלעס אריין אין דעם זכרון: מען האט שפעטער א סך מעהר מיה די דאזיגע פוסטע פארמולעס פון דארט ארויסצו׳פטר׳ען אדער אויסצובעסערען, איידער מען וואלט געהאט בדי באלד פון אנהויב צו בעשאפען א פרוכטבארען און נאיווען בליק אויף אלעם אין דער וועלט. מיך אליין האט געקאסט מעהר מיה לויז צו ווערען פון דער פאלשער סטרוקטור פון געהירן וועלכע מען האט אין מיר איינשטודירט מיט דער געהירן־אנאטאמיע, איידער צו דער־לערנען די אמת׳ע סטרוקטור פון געהירן אויף דעם געהירן גופא. אין די "לאנדערציהוגנסהיימע" האט דר. הערמאן ליעטץ איינגעפירט אן אמת מוסטערהאפט סיסטעם ווי אזוי אבצושאצען דעם סאציאלען און פסיכאלאגישען ווערט פון די שילערס. צוערשט ווערען אלע רעזול־טאטען געשאצט לויט צוויי מאסשטאבען:

א) אינדיווידועל: איז די ארבייט פון דעם שילער שטענדיג און פולקאמען אין גלייכען ערך מיט זיינע פעהיגקייטען?

ב) אביעקטיוו: איז זיין ארבייט זעהר גוט, גוט, מיי־טעלמעסיג אדער שלעכט — וועדליג דער נארמאלער מענשליכער דורכ־שניטס־מאס?

שפעטער אבער ווערען אבגעשאצט אלע געביטען פון דער פסיכא־לאגיע און פון דער מענשליכער טעטיגקייט — זאכען וועלכע זענען מעגליך בלויז אין אזוינע שולען, מחמת דא ווערט ערצויגען דער גאנצער מענש:

1.) קערפערליכע רעזולטאטען: געזונדקייט, קראנקהייטען, וואג פון קערפער, געשיקטקייט, געהען, לויפען, שווימען, פארען אויף א צוויי־ראד (ביציקעל), שפיל, סקי, גימנאסטיק.

2.) אויפירונג: ארדנונג, ריינליכקייט, פינקטליכקייט, זויבערקייט פון די שול־העפטען; אויפירונג אין דרויסען, א. אז. וו.

3.) מאראלישע און רעליגיעזע רעזולטאטען:

א) אויפירונג אנטקעגען 1.) די עלטערן (קארעספאנדענץ), 2.) די לעהרערס, 3.) די איבעריגע שילערס, 4.) דרויסיגע מענשען, 5.) זיך אליין.

ב) אמת'דיגקייט: איבערגעבענקייט און פליכט־געפיהל; טריי־קייט אין אכטונג־געבען אויף אייגענע זאכען און אויף זאכען וועלכע מען האט איהם אנפערטרויט; געפיהלען פון סאלידאריטעט און אונ־ייגענוציגקייט: קאן מען איהם טרויען? איז ער געוויסענהאפט?

ג) די קראפט: 1.) פון די מאראלישע געפיהלען, 2.) פון דעם מאראלישען בעגריף, 3.) פון דעם מאראלישען ווילען.

4.) גייסטיגע רעזולטאטען:

א) פראקטישע ארבייט: גערטנעריי, אגריקולטור, סטאלעריי שלאסעריי, טאקעריי, שמידעריי.

ב) קונסט: מאדעליר־ארבייט, צייכענען, שרייבען, רעדען, דעק־לאמירען, מוזיק.

ג) קענטנישען: 1.) ליטעראריש־הומאניסטישע, 2.) פיזיק, מא־טעמאטיק און נאטור־וויסענשאפט.

5. אלגעמיינע רעזולטאטען:

א) קראפט: 1.) פון דעם כאראקטער, 2.) פון דעם קערפער, 3.) פון דער אינטעליגענץ, 4.) פון דער בעאבאכטונג, 5.) פון דער פאנ־טאזיע, 6.) פון דעם אורטייל.

ב) ווערט פון דער ארבייט: 1.) פראקטישער, 2.) קינסטלערי־שער, 3.) וויסענשאפטליכער.

געמאסטען מיט אזא מין מאס קריגט דער מענשליכער ווערט פון א שילער אן אבסאלוט אנדער אויסזעהען איידער מען מעסט איהם מיט דעם סך־הכל פון די געוועהנליכע שול־עקזאמענס. נאך אזא אב־שאצען קאן מען אויך מיט מעהר, הגם נאך אלץ רעלאטיווער, זיכער־קייט ווארויסזאגען וואס פאר א מענש פון דעם שילער וועט ווערען, אפילו ווען מען זאל דר. ליעטץ'ס סיסטעם אביסעל ענדערען אין געווי־סע פונקטען. איך דארף דאך ניט זאגען, אז אין די דאזיגע שולען קומען

ניט פאר קיין עקזאמענס אדער פריפונגען, מחמת דאס גאנצע לעבען דארט איז א כסדר'דיגע פריפונג.

ערשט אויף דעם יסוד פון א ריכטיגער אבשאצונג פון די מענשען וועט מען קאנען אויפבויען א ריכטיגע בעוואוסטע מענשליכע צוכטוואהל.

עטליכע היסטארישע ביישפילען וועלען אונז אמבעסטען ווייזען ווי שלעכט די אלטע טראדיציאנעלע שול האט אבגעשאצט דעם מענשליכען ווערט. אין זיין „סעלף העלפ". וואס איך רעקאמענדיר איטליכען צו לעזען, דערצעלט אונז סעמיועל סמיילס, אז אין דער יוגענד האט מען דעם מאלער פיעטרא די קארטאנא גערופען „חמור־קאפ", און טהאמאס גואידי "טהאמאס דער קריכער"; ניוטאן איז געווען איינער פון די ערגסטע שילערס אין זיין קלאס; סוויפט איז דורכגעפאלען ביי זיין עקזאמען אין דער הויך־שול אין דובלין, און שערידאן איז געווען אין דער שול א „ניט פערבעסערליכער פוילענצער". וועגען וואלטער סקאטט האט פראפעסאר דאלצעל פון דער אוניווערזיטעט פון עדינבורג געזאגט: „ער איז א שוטה, און א שוטה וועט ער בלייבען!" טשעטערטאן איז צוריקגעשיקט געווארען צו זיין מוטער אלס א „דומקאפ וועלכער וועט קיינמאל קיין לייט ניט זיין". דער דיכטער בוירנס און דער ערפינדער פון לאקאמאטיוו, סטעפענסאן, האבען געגלאנצט אין דער שול „נאר אלס אטהלעטען". נאפאלעאן און וועלינגטאן זענען געווען „גאנץ טרויעריגע שילערס". יוליסעס גרענט האט מען אלס קינד גערופען „יוזלעס גרענט". דזשעימס וואטט איז געווען א שלעכטער שילער, א. א. וו. די דאזיגע פאקטען, ווי סמיילס גלויבט, קאן מען דערקלערען ניט אזוי פיל דורך א פערשפעטיגטער ענטוויקלונג, ווי דורך דעם עקעל וועלכען אונזער שול־ערציהונג רופט ארויס אין מוחות וועלכע דענקען אליין פאר זיך, וועלכע קאמבינירען און וועלכע זאגען זיך אב ווען מען וויל זיי אנלאדעווען מיט א בארג אבגעלעבטע, פערטרוקענטע שאר־ירקות, כל המינים פארמולעס וועלכע מען מוז האלטען אין זכרון, און וועלכע זענען נאך דערצו אפטמאל ניט פערשטענדליך אדער ווידערשפרוכיג.

מען הויבט איצט אן איבעראל צו בעגרייפען, אז די געמיינשאפטליכע ערציהונג פון ביידע געשלעכטער אין אלע שולען איז ניט נאר ניט

שעדליך, נאר אדרבה, זי איז זעהר נוצליך סיי פון א סעקסועלען און סיי פון אן עטישען שטאנדפונקט. אין די העכערע שולען איז דאס שוין איינגעפירט; אין די שולען פאר גאר קליינע קינדער און אין א סך עלעמענטאר־שולען איז דאס שוין פון לאנג איינגעפירט; אמיינסטען אבער זענען אין דעם פרט איינגע'עקשנ'ט די מיטעל־שולען.

אין האללאנד, אין איטאליען און אין ווינטערטהור (שווייץ) איז דאס לערנען צוזאמען אינגלעך מיט מיידלעך דורכגעפירט געווארען אין טייל גימנאזיעס אהן דער מינדסטער אונבעקוועמליכקייט; אדרבה, עס האט געברענגט דעם בעסטען ערפאלג. אין דער לעצטער צייט האט פרל. מאיקקי פריבערג פון פינלאנד, שטיצענדיג זיך אויף די דארטיגע גוטע רעזולטאטען, ווידער ווארים פערטייטיגט די קא־עדיוקאציע (גע־מיינשאפטליכע ערציהונג) פון ביידע געשלעכטער. טייל האבען מורא דאס זאל ניט פירען צו א סעקסועלער אויפרעגונג; אבער דאס איז א טעות, מחמת גראד דאס זיין צוגעוואוינט טאג־טעגליך צו קומען אין בערירונג, צו זיצען איינס נעבען אנדערען, שוואכט אב דעם געשלעכטס־טריב, ווי מיר האבען דאס פריהער געזעהען. די פערבאטענע פרוכט פערלירט איהר רייץ אזוי גיך ווי זי שיינט צו זיין ניט פערבאטען און ווען מען זעהט זי כסדר אזוי נאהענט.

עס פערשטעהט זיך אז דערמיט ווילען מיר ניט זאגען, אז אין אינטערנאטען זאל מען אינגלעך און מיידלעך לאזען שלאפען אין דיזעל־ביגע שלאף־צימערן אדער. אז זיי זאלען זיך נאקעט באדען צוזאמען. אזוי ווייט דערגרייכען נאך ניט אונזערע זיטען, אז מיר זאלען האבען דערגאנגען צו דעם שטאנדפונקט פון יענער יונגער אינדיאנערקע, וועל־כע האט בעטראכט פאר ניט אנשטענדיג צו טראגען קליידער ווען פרעמדע מענשען זענען געקומען ווייל זי איז געווען געוואוינט ארומ־צוגעהען נאקעט. מכח דעם האבען מיר גערעדט אין קאפיטעל 6. דא אבער האנדעלט זיך ניט וועגען אינטערנאטען. וועגען שולען אין וועל־כע די קינדער וואוינען, נאר וועגען דער צוזאמען־ערציהונג פון אינג־לעך און מיידלעך אין איין קלאס אין די פאלקס־שולען.

ווען מען רעדט פון קא־עדיוקאציע בעגעגענט מען געוועגליך דעם ענטפער, אז אזוי ווי די נאטור און די בעשעפטיגונג פון דער פרוי זע־נען אנדערש פון דער נאטור און פון דער בעשעפטיגונג פון דעם מאן, דעריבער מוז אויך זיין א חלוק אין זייער ערציהונג. אויף דער דאזיגער

טענה ענטפערען מיר דאס פאלגענדע: די געגענשטאנדען פון דער וועלט, די צווייגען פון מענשליכען וויסען און קענען, בקצור די געגענשטאנדען פאר למוד און אינסטרוקציע, זענען גלייך פאר ביידע געשלעכטער. פונקט ווי עס עקזיסטירט נישט קיין קאטאלישע אדער פראטעסטאנטישע כעמיע, קאטאלישע אדער פראטעסטאנטישע פלאנצען, חיות, בערג און ימים, פונקט אזוי קאן מען נישט די דאזיגע למודים איינטיילען „פאר מיידלעך“ אדער „פאר איינגלעך“. וואו עס איז יא פאראן א חלוק איז, אין דעם אופן ווי אזוי דער מענש נעהמט זיי אויף, בעגרייפט זיי און נוצט זיי אויס. נאר אין אזא זין קאן מען רעדען צ.ב. פון א קאטאלישער אדער א פראנצויזישער קונסט, פון א פראטעסטאנטישער ליטעראטור א. אז. וו. אויך די שפראכען זענען געגענשטאנדען פאר למוד: אין דייטשלאנד וועט א געבוירענער פראנצויז אויפנעהמען די דייטשע ליטעראטור, פערקערט, אין פאריז וועט א געבוירענער דייטש אויפנעהמען די פראנצויזישע ליטעראטור. אלזא, דער לערנשטאף קאן גלייך אויסגענוצט ווערען פון ביידע געשלעכטער. עס איז דעריבער אי א פערשווענדונג פון כחות און אי אן אונגערעכטיגקייט צו בעגרעניצען די דאזיגע למודים און צו ארגאניזירען א מינדערווערטיגע ערציהונג פון דעם ווייבליכען געשלעכט.

פאר איטליכען למוד מוז דאך לערנען דורכגעפירט ווערען אויף א וואס מעהר גוטען און צוגעפאסטען אופן, נישט נעהמענדיג אין בעטראכט דעם אונטערשיד פון די געשלעכטער. דער דאזיגער כלל גילט אויך פאר יענע למודים וועלכע ווערען בעטראכט פאר ספעציפיש ווייבליכע, א שטיינער נעהען, שניידעריי, קאכען, פירען די בעל־הבת׳ישקייט אין הויז א. ד.גל. יעדעם געשלעכט וועט אויף אזא אופן אויסקלויבען, בעארבייטען און אויסנוצען יענע למודים, וועלכע פאסען זיך פאר זייערע ספעציפישע פעהיגקייטען, פאר זייער גאונות.

איין טייל פון אונטעריכט — דאס סאציאלע מינימום — זאל שטענדיג זיין א חוב פאר אלע, בעת דער אנדערער טייל וואס איז נוגע די ווייטערדיגע אינדיווידועלע אויסבילדונג, זאל מען איבערלאזען צו דער ברירה פון דעם שילער (וועדליג זיין פעהיגקייט און זיין ווילען). אפילו אין דעם אבליגאטארישען טייל פון דער אינס־

טרוקציע קאן מען, טראץ דער ביינאנדיגער ערציהונג, געוויסע צווייגען פון למוד מאכען פאר איין געשלעכט א פליכט צו לערנען, בעת פאר דעם אנדערען געשלעכט זאל מען דאס איבערלאזען צום פרייען ווילען: צ. ב. געהען אין אלגעבריע. אלע למודים אבער וואס שטעהען אויסער דעם אבליגאטארישען שול־אונטעריכט, בלייבען פריי און אויף אזא אופן וועט יעדעס געשלעכט קאנען וועהלען זיין למוד, אזוי ווי עס איז היינט אין די העכערע שולען. פונקט ווי אין דער פרייער נאטור וועט דעמאלט יעדער מענש פון זיך אליין דארפען זוכען זיין וועג, איהם געפינען און די געגענשטאנדען פון וויסען בעארבייטען ווערליג זיינע פעהיגקייטען.

פרוי פראפעסאר פוקס־וואלפרינג, וועלכע איז גוט בעקענט מיט רוסלאנד, שרייבט מיר דאס פאלגענדע:

„אין רוסלאנד (און אין רוסיש־פוילען), וואו די מיטעל־שולען פאר מיידלעך שטעהען שוין ארום 40 יאהרען אויף דעמזעלביגען שטאפעל ווי די גימנאזיעס פאר אינגלעך, קאן מען מערקען צוויי ערשיינונגען, וועלכע זענען א געוואלדיגער קאנטראסט מיט די ערשיינונגען אין וועסט־אייראפא. ראשית, די *ביליגע* און גוטע מיטעל־שול פירט דערצו, אז די מיינסטע פרויען פון דער מיטעל־קלאס האבען א סך אן ערענסטערען בליק אויף דעם לעבען, האבען א סך מעהר אידעאלע שטרעבונגען בנוגע די סאציאלע און וויסענשאפטליכע געביטען. און ווייזען א שטארקערען *איניציאטיוו* איידער מיר קאנען דאס זעהען היינט־צוטאג אין וועסט־אייראפא, און טיילמאל אפילו ביי זייערע אייגענע מענער. והשנית, און דאס איז דאס מערקווירדיגסטע, *וויסען דארט גארניט* די מענער פון דער גערינגשאצונג פאר פרויען, די גערינגשאצונג וועלכע איז אזא געוועהנליכע ערשיינונג אין וועסט־אייראפא".

"די גימנאזיסטען זעהען אין די גימנאזיום־שילערינס גלייכע (אפטמאל העכערע) קאלעגינס, בעת אין וועסט־אייראפא האלט זיך שוין א צען־יאהריג שילערעל פון אן עלעמענטאר־שול העכער פון א מיידעל, מחמת ער ווייסט, אז זי דארף א סך ווייניגער לערנען איידער ער. ביים וועסט־אייראפעישען אינגעל פרעסט זיך די דאזיגע גערינגשאצונג אזוי טיף אריין אין זיין מוח, אז ער קאן פון איהר אפטמאל ניט לויז ווערען אין משך פון זיין גאנץ לעבען."

„בעת די רוסישע אוניווערזיטעטס־פראפעסארען האבען נאך מיט 30 יאהרען צוריק ווי איין מאן געפאדערט פון דער רעגי־רונג צוצולאזען די פרויען צו די למודים אין די העכערע שולען, און דערמיט זיי פערשפארט די גאנצע מיה און מאטערניש פון פעטיציעס, האבען די פרויען פון דייטשלאנד און עסטרייך געמוזט שריט נאך שריט יעדע אוניווערזיטעט, יעדע פאקולטעט, יא, אפטמאל אפילו יעדען פראפעסאר בעזונדערס איינגעהמען ווי א פיינדליכע פעסטונג.“

„די רוסישע מענער האבען פשוט ניט געקאנט פערשטעהען פאר־וואס די מיידלעך, וועלכע האבען אין דער מיטעל־שול געהאט צו מא־כען דיזעלבינע אויפגאבען וואס זיי, זאלען פלוצלונג ווערען אונפעהיג ווייטער צו שטודירען. די פרויען פון וועסט־אייראפא, וועלכע האבען בלויז אין אויג אויפצועפענען די הויך־שולען פאר די פרויען, בעת דער־ביי גיבען זיי ניט קיין טראכט אפילו צו בעשאפען אן אויסוואהל פון א ווי ווייט מעגליך צוגעפאסטען פרויען־מאטעריאל דורך אן אלגעמיינע איינפירונג פון ביליגע און גוטע מיטעל־שולען פאר מיידלעך, פונקט ווי אין רוסלאנד, אדער דורך דעם וואס מען זאל צולאזען די מיידלעך אין די מיטעל־שולען פון דער מענליכער יוגענד, — די דאזיגע וועסט־אייראפעישע פרויען מאכען אויף אונז דעם איינדרוק פון מענשען וועל־כע ווילען אנהויבען בויען א הויז פון דעם דאך. — דער שכר־למוד אין א גימנאזיע פאר מיידלעך קאסט בלויז 30 ביז 40 רובעל א יאהר.“

די דאזיגע בעמערקונגען פון פרוי פראפעסאר פוקס־וואלפרינג פערדינען מיין הארציגסטע בעגריסונג און מיין צושטימונג. יא, אויך פון רוסלאנד האבען מיר זיך וואס צו לערנען. אונזערע גימנאזיעס און די אנדערע מיטעל־שולען נויטיגען זיך אין א גרינדליכער רעפארם. לויט מיין מיינונג איז אין די דאזיגע שולען דאס צוזאמענלערנען פוןביידע געשלעכטער איינער פון די הויפט־עקרים פון דער דאזיגער רע־פארם; דער אונטעריכט דארף זיין נאך צוועקמעסיגער און דער שכר־למוד נאך ביליגער איידער אין די גימנאזיעס פאר מיידלעך אין רוס־לאנד.

די געפאר פון סעקסועלע פערווערזיעס. — א זעהר וויכטיגע זייט פון דער סעקסועלער ערציהונג, וועלכע ווערט לײדער עד־היום נאך זעהר שלעכט פערשטאנען, זענען די מיטגעבוירענע סעקסועלע

פערווערזיעס. די טראדיציע זעהט אין יעדער סעקסועלער אבנארמא־ליטעט א דערוואָרבענע אויסגעלאסענקייט, וועלכע מען דארף בעגע־גענען מיט דער גרעסטער מאראלישער ענטריסטונג און שטראף, און די דאזיגע בעהאנדלונג פירט צו די טרויריגסטע פאלגען. זי בעשאפט אין דער יוגענד אבסאלוט פאלשע בעגריפען און מאכט אי די עלטערן און אי די לעהרערס בלינד צו דעם אמת.

ניט אומזיסט האבען מיר אין קאפיטעל 8 באריכות געשילדערט די אבשטויסענדיגע ערשיינונגען פון דער געשלעכטליכער פאטהאלאגיע. אלע ערציהערס און אלע עלטערן דארפען זיין גרינדליך בעקענט מיט דעם דאזיגען ענין. דאס איז אבער ניט גענוג, מחמת די דאזיגע ערשיי־נונגען בעווייזען זיך אין דער קינדהייט און אפטמאל אונגלויבליך פריה. עס נעהמט א לאנגע צייט ביז דאס סעקסועל פערווערזע קינד הויבט ענדליך און צו קריגען א חשד, אז זיינע וואונשען אדער זיינע טריבען ווערען פון אנדערע בעטראכט אלס אבנארמאל אדער אוננאטירליך. יענע פסיכישע אויסשטראלונגען פון זיין אבנארמאלען טריב זענען אפטמאל זיינע הייליגסטע, אונבעשטימטע אידעאלען און סענטימענ־טען, זיינע אינעווייניגסטע דונקעלע האפענונגען און קאמפען, וועלכע זענען אין הפוך מיט דער נאטור און מיט די נייגונגען פון זיינע חברים. און דעריבער בעגרייפט עס ניט אין דעם פרט ניט זיך אליין און ניט די ארומיגע וועלט. זיינע נייגונגען ווערען אבגעלאכט, מיספערשטא־נען אדער זיי רופען ארויס אן עקעל. אנגסט און בושה בייטען זיך אב מיט פערווערזע בעגערען. ביסלעכווייז, און ערשט שפעטער ווען עס דערגרייכט זיין געשלעכטליכע רייפקייט, ווערט דעם פערווערזען מענש קלאר זיין בעזונדערע, זיין אויסערגעווענליכע פאזיציע אין דער וועלט. ער דערפיהלט זיך דעמאלט צוריקגעשטויסען, פערלאזען און אהן א צוקונפט: זיינע געפיהלס־אידעאלען ווערען קאריקאטורען אין זיינע אויגען, זיי ווערען מאוס'ע פערזעהענישען וועלכע מען דארף בעשטרא־פען און וועלכע ווערען פון איטליכען געטראטען מיט די פיס, און ער מוז זיינע ליידענשאפטען בעהאלטען ווי א פערברעכער. אזוי ווי אבער זיין כאראקטער איז מייגסטענס שוואך און אימפולסיוו, און אזוי ווי ער איז אפטמאל פערבונדען מיט א שטארקען און פריהצייטיגען געשלעכטס־טריב, פערגעהט ער זעהר לייכט אויף קרומע וועגען, בפרט

נאך ווען ער ענטדעקט וויליגע אביעקטען פאר זיין טריב אדער נאר אנדערע פערווערזע חברים פונקט ווי ער אליין.

אט אזוי בעגעגענען מיר אפטמאל שוין אין די מיטעל־שולען גרו־פען פון יונגע האמא־סעקסואליסטען, וועלכע פערפירען מיינסטענס די אנדערע נארמאלע שילערם; אט אזוי געלינגט עס האמא־סעקסועלע מיידלעך צו פערפירען זייערע חבר'טעס אין די אדער יענע אנשטאל־טען, א. אז. וו. עס איז בלויז גענוג אנצואווייזען אויף די דאזיגע ער־שיינונגען, וועלכע שפרינגען ארויס דא און דארט און פירען צו שול־סקאנדאלען, בכדי פאר א מענש מיט שכל, פאר א מענש אהן פארור־טיילען, זאל ווערען קלאר, אז שוין צוליב דער דאזיגער אורזאך אליין, איז א בעצייטיגע, פערטרויליכע אויפקלערונג פון די קינדער מכח דער סעקסועלער פראגע, א געבאט סיי פון דער היגיענע און סיי פון דער קלוגשאפט און פון דער מאראל.

עס איז דאך קלאר ווי דער טאג, אז ווען עלטערן און לעהרערס זאלען אויף א ניט געצוואונגענעם און געמיטליכען אופן, אבער צו־געפאסט און אנשטענדיג, אויסטוישען זייערע געדאנקען מכח דעם דאזיגען ענין מיט די קינדער, וואלטען זיי דאך באלד געמוזט דערגעהען זייער סעקסועלען כאראקטער. זיי וועלען ענטדעקען סעקסועל קאלטע און גלייכגילטיגע מיידלעך, און פערקערט אזוינע, וועלכע ווייזען ארויס גאנץ פריה עראטישע געפיהלען און נייגונגען. עס פערשטעהט זיך, אז מיט די דאזיגע צוויי מיידלעך דארף מען אנדערש רעדען און זיי אנ־דערש בעהאנדלען; דעם ערשטען דארף מען גאנץ פריי און אפען אלעם דערצעלען און אויפקלערען, מיט דעם צווייטען אבער דארף מען זיין פארזיכטיג; מען דארף עס ווארנען קעגען וואסערער ניט איז אויפ־רייצונג פון דעם געשלעכטס־טריב, און בעזונדערס דארף מען עס אויפ־מערקזאם מאכען אויף ווענערישע קראנקהייטען, אויף אונגעזעצליכע קינדער און אויף דער פערפירונג.

טיילמאל וועט מען אויך געפינען מיידלעך מיט היסטערישע נא־טורען, מיט האמא־סעקסועלע נייגונגען, וועלכע פערליבען זיך אין אנ־דערע מיידלעך און, פערקערט, האבען אן אבשיי פאר מענער; אמאל בעגעגענט מען אויך א סאדיסטין.

ביי אינגלעך וועט מען ענטדעקען ענליכע אונטערשידען אין דער שטארקייט און אין דער פריהער אדער שפעטער ענטוויקלונג פון זייער

געשלעכטס־טריב. בייביידע געשלעכטער דארף מען בעזונדערס ניט ארויסלאזען פון אויג דעם אנאניזם. אן אויפמערקזאמער בעאבאכטער וועט גארניט אזוי זעלטען זיך אויף אנשטויסען אויף האמא־סעקסועלע טריבען, מחמת זיי זענען רעלאטיוו פערשפרייט צווישען אינגלעך; זעל־טענער אבער וועט ער בעגעגענען אלערליי אנדערע פערווערזיעס, א שטייגער סאדיזם, מאזאכיזם, פעטישיזם, א. אז. וו.

דער געוואלדיגער נוצען פון אזוינע ענטדעקונגען איז דער, וואס קינדער וועלכע ליידען פון א סעקסועלער פערווערזיע קאן מען האלטען אונטער א בעזונדערער אויפזיכט, און דער עיקר ניט אריינגעבען אין קיין אינטערנאטען, מחמת דא בעגעגענען זיי מיינסטענס די שווערסטע נסיונות. א האמא־סעקסואליסט, וועלכער וואוינט אין אן אינטער־נאט, איז געגליכען, ווי מיר האבען געזאגט, צו א נארמאלען יונגען מאן וועמען מען לאזט שלאפען אין איין צימער צוזאמען מיט מיידלעך; און מיינסטענס דענקט קיינער ניט מכח דער דאזיגער געפאר.

אבער אין פאל מען דערקענט אין עמיצען א סעקסועלע פערווער־זיע, זאל מען איהם ניט בעהאנדלען אלס א פערברעכער אדער אלס אן אויסגעלאסענעם, שלעכטען מענש, נאר ער מוז בעהאנדעלט ווערען אלס אן אבנארמאלער נערווען־קראנקער, וועלכער איז א געפאר אי פאר זיך און אי פאר אנדערע. מען מוז אויף איהם אכטונג געבען און איהם היטען, אז ער זאל ניט ווערען א צענטער פון אנשטעקונג פאר אנדערע. וואס איז שייך האמא־סעקסואליסטען, מוז מען זיי בעזונדערס היטען און בעהאנדלען ביז זיי וואקסען אויף. ווען זיי דערגרייכען זייערע רייפע יאהרען מעגען זיי, לויט מיין מיינונג, זיך בויען זייערע אייגענע שטעדט, ווערען צווישען זיך „חתן־כלה„ און חתונה האבען מיט זייער אייגען געשלעכט, וואס זיי וואלטען אזוי גערן געטון. דאס וואלט גע־ווען א גאנץ אונשעדליכע זאך און מען זאל זיי דאס ערלויבען. דער־וואקסענע נארמאלע מענשען קאנען זיך בכלל גאנץ לייכט שיצען קעגען זיי. אויב זיי זענען נאר מיט דער סעקסועלער פראגע ממשות'דיג בע־קענט.

דאס קינד אבער האט דאס רעכט געשיצט צו ווערען קעגען אלע סעקסועלע פערווערזיעס און קעגען וואסערע ניט איז סעקסועלע אנ־גריפען, און די געזעלשאפט האט די פליכט די דאזיגע בעשיצונג צו ארגאניזירען. אבער דאס קאן ניט אויסגעפירט ווערען כל זמן די גע־

זעלבשטבאפלעקונג אליין איז ניט אויפגעקלערט מכח דעם דאזיגען ענין, און כל זמן די יוגענד ווערט ניט אויסגעפארשט און בעלערענט אויף דעם אופן ווי מיר האבען דא אנגעוויזען.

אין פאל מען ענטדעקט געפערליכע פערווערזיעס, ווי צ.ב. דעם מאדיזם אדער די מיטגעבוירענע געשלעכטליכע ליבע צו קינדער (פעדעראזיס), זענען דערצו נויטיג די שארפסטע בעשיצונגס־מיטלען, וועלכע מוזען טיילמאל דערגעהען ביז צו דער שטענדיגער אינטערנירונג.

א חוץ דער סוגעסטיע איז ניט פאראן קיין שום בעסער מיטעל קעגען דעם אנאניזם ווי גראד אזא ערציהונג וועלכע הערשט אין די "לאנדערציהונגסהיימע", דער עיקר א כסדר'דיגע קערפערליכע ארבייט צוזאמען מיט א נוצליכע גייסטיגע בעשעפטיגונג. אויב אזא ערציהונג ווערט קאנסעקווענט דורכגעפיהרט זינט דער קינדהייט אן, ענטוויקעלט זיך דער געשלעכטס־טריב בכלל שפעטער, מעסיגער און רוהיגער, און דאס גאנצע שפעטערדיגע געשלעכטס־לעבען פון דעם מענש נעהמט אן א מעהר נארמאלע און געזונדע פארם.

רעדענדיג מכח אנאניזם אין קאפיטעל 8, האבען מיר געזעהען, אז ער קאן זיין דער אויסדרוק פון פערשידענערליי צושטאנדען, און מיר דארפען זיך ריכטען וועדליג דעם.

נאך א מעלה פון דער בעצייטיגער סעקסועלער אויפקלערונג פון קינדער איז, זייער בערוהיגונג. א סך אינגלעך און מיידלעך ווערען ממש פערצווייפעלט, פערזארגט אדער מעלאנכאליש און צוריקגעצויגען צוליב די פער'טעות'טע געדאנקען מיט וועלכע זיי טראגען זיך ארום מכח דעם געשלעכטס־לעבען. פון איין זייט הערען זיי פארנאגראפישע ווערטלעך און נביל־פה, וועלכע רופען ביי זיי ארויס אן עקעל, בעת זייערע עלטערן שווייגען וועגען דעם גרויסען סוד; און פון דער אנדערער זייט פלאמט אין זיי אויף דער סעקסועלער בעגער און פאדערט א בעפרידיגונג. אויב דאס אינגעל קריגט א זאמען־אויספלוס, צי פון זיך אליין אדער צוליב א קינסטליכער אויפרעגונג, בעפאלט איהם נאכדעם אן אנגסט און א בושה און אפטמאל אלע שרעקליכע געשפענסטער פון קראנקהייטען, פון מאראלישער געזונקענקייט און גאט ווייסט וואס נאך. דאס אינגעל, וועלכעס שטעהט אט אזוי אליין אין דער וועלט, און שעמט זיך און קאן מכח דעם ניט רעדען מיט זיינע עלטערן אדער

מיט זיינע פריינד, דארף האבען א העלדישען מוט זיך צו ענטשליסען זיין סוד צו פערטרויען פאר א דאקטאר אדער גאר פאר זיין פאטער. אזא צושטאנד קאן, בעזונדערס ביי נערוועזע, אביסעל מעלאנכאלישע אדער היפאכאנדרישע נאטורען, פירען צו זעלבסטמארד.

בפרט ביי נערוועזע קינדער וועט מען נאך מוזען האלטען אן אויג אויף דעם פאראן־זיין פון קרענקליכע וואונדען, ד. ה. אויף דער פאטאגענער ווירקונג פון א קרענקליך געמיהט, בעזונדערס פון אנגסט און פון סעקסועלע רייצונגען אדער אנגריפען, בבדי ווי ווייט מעגליך צו פערהיטען זייערע שלעכטע פאלגען, א שטייגער פאביעס, צוואנגס־אידעען, שטאמלען, היסטערישע צופאלען, א. אז. וו. אין די דאזיגע אלע פאלען מוז איך שטארק ווארענען קעגען דאגמעס און שאבלאנען. און יעדען פאל מוז מען בעהאנדלען אינדיווידועל. איטליכס קינד איז אנדערש, און דאס וואס איז גוט פאר איין קינד, קאן זיין גיפט פאר אן אנדער קינד.

נאך א נוצען פון דער אויפקלערונג פון קינדער מכח די סעקסועלע פערהעלטניסען איז דער, וואס אין איין צייט קאן מען זיי אויך אויפקלערען מכח דער ירושה־פראגע און מכח די געפארען פון די נארקאטישע מיטלען, אזוי גוט ווי פון די ווענערישע קראנקהייטען. דערביי מוז מען אבער זעהר שטארק אין זין האבען מיט די דאזיגע אויפקלערונגען ניט אויפצואוועקען אי דעם אייגענעם עראטיזם און אי דעם עראטיזם פון דעם קינד, און וועגען די געשלעכטס־פראגען זיך ניט צו פערברייטען מעהר וויפיל עס איז באמת נויטיג. אט פונקט ווי אויפקלערונג קאן זיין ניצליך, אט פונקט אזוי קאן זי זיין שעדליך אויב מען פערנעהמט זיך כסדר מיט דעם ענין. אדרבה, מען מוז דורך אנדערע אינטערעסען און ארבייטען אזוי ווייט ווי מעגליך אבציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער יונגענד פון די סעקסועלע פראגען, ביז זי דערגרייכט די יאהרען צו הייראטען.

דא נאטירליך קומט נאך צו די בעקעמפונג פון דער עראטישער ליטעראטור, בעזונדערס די פארנאגראפיע א. אז. וו. ליידער אבער זענען אפילו אפטמאל גאנץ פרומע ביכער, אזוי־גערופענע גוטע ראמאנען און דראמעס וועלכע, א דאנק זייער דרויסענדיגער זיטליכקייט, געווינען זיי די הסכמה אפילו פון אנשטענדיגע פרויען, פול מיט א האלבפערדעקטען עראטיזם, און זיי רייצען דעם געשלעכטס־טריב מעהר איי־

דער די שטרענג רעאליסטישע שילדערונגען פון א זאלא, א בריעו און אפילו פון א ניו דע מאפאססאן (ניט רעכענענדיג די בילדער אין טייל אילוסטרירטע אויסגאבען פון זאלא און מאפאססאן).

אן ערפארענער דאקטאר האט מיר אמאל דערצעלט, אז אין זיין געגענד האבען די פויערים־קינדער, וועלכע האבען בעאבאכט דעם געשלעכטס־פערקער צווישען די חיות, אפטמאל געפריפט דאסזעלביגע נאכצוטון צווישען זיך ביים באדען־זיך אדער וואו ניט איז. די זאך איז אליין פאר זיך געוויס ניט לויבענסווערט און זי זאל בעקעמפט ווערען. פונדעסטוועגען זענען צוליב דעם די דאזיגע פויערים ניט דעגענערירטער און פערדארבענער איידער די איינוואוינער פון שטעדט: פונקט פערקערט. א בעצייטיגע אויפקלערונג און א פריינדליכע ווארנונג, בפרט פון די מיידלעך, וועט אויך דא זיין די בעסטע רפואה, בעזונדערס נאך ווען די אויסרייניגונג פון אלקאהאל און קלאסען־אויסבייטונג פון אונזער ציוויליזאציע וועט דערגרייכען ביז אין דעם דארף

א חוץ דעם, גראד פון אזוינע פערזוכען פון די אינגלעך, לערנען זיך אויס די מיידלעך צו היטען. וואס וועט מען אבער זאגען וועגען יענע עסטרייכישע ריכטערס, וועלכע בעשטראפען 14 יאהריגע אינגלעך מיט געפענגעניס פאר האבען א געשלעכטס־פערקער מיט מיידלעך אין דיזעלביגע יאהרען אדער פאר מאכען זיי שוואנגער? האבען זיי דא בעשטראפט דעם אמת'ען פערברעכער? אדער גלויבט מען אויף אזא אופן די דאזיגע קינדער צו פערבעסערען?

פון א פעדאגאגישען שטאנדפונקט שפילט אין דעם סעקסועלען געביט א זעהר טרויריגע ראלע דאס מתודה־זיין־זיך פון די קאטאליקען. הגם געוויסע גלחים מיט צארטע געפיהלען מעגען זיך די פריהערדערמאנטע ליגוארי'שע פארשריפטען אזוי מילדערען און פערטייטשען, אז זיי טון גאר קיין אדער העכסטענס א גאנץ קליינעם שאדען די ניט פערדארבענע יונגע מענשען, מוז אבער אפילו דער פרומסטער קאטאליק מודה זיין, אז די גלחים זענען מענשען אויך, אז בשום אופן ניט אלע זענען הויכמוטיג און טאקטפול. דאס דאזיגע אבער איז שוין גענוג צו מאכען פון דעם מתודה־זיין־זיך א סעקסועל דערנידערענדיגע אינסטיטוציע, לכל הפחות אין זעהר א סך פאלען. העכסט לעהרייך זענען אין דעם דאזיגען פרט די ערפארונגען פון דעם געניאלען און

הויף־מאראלישע געוועזענעם קאטאלישע גלח, שיניקווי. מכח וועמע מיר האבן גערעדט אין קאפיטעל 12.

די פאלגענדע פאסירונג איז זעהר כאראקטעריסטיש: א פרומער, בעשיידענער מאן האט געזעהען קליינע קינדער פון ביידע געשלעכטער זיך באדען צוזאמען, און ער זאגט צו זיי, אז דאס איז ניט אנשטענדיג. אויף דעם ענטפערט איהם א נאיוו קליין אינגעל: „מיר ווייסען דאך ניט ווער פון אונז איז א אינגעל און ווער א מיידעל. מיר זענען דאך ניט אנגעטון." פון אט אזוינע צוגעטראפענע ענטפערס זעהט מען פון אויבען אויף, אז געוויסע ווארנונגען וועלכע האבען א מאראלישען צוועק ציהען ערשט די אויפמערקזאמקייט פון דער יונגענד אויף עראטישע געגענשטאנדען און, אז זיי זענען געאיינעגט אויפצוואוועקען די ליידענשאפטען.

צוליב בעגאנגענע שרעקליכע פערברעכענס, האט ניט לאנג צוריק א וויכטיגער פאקט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט: עס איז קיין ספק, אז אין געוויסע פאלען זוכען און געפינען לעהרערס און ערציהערס א בעפרידיגונג פאר זייערע סאדיסטישע טריבען בעת זיי לעגען ארויף קערפערליכע שטראפען אויף די קינדער וועלכע מען האט זיי אנפערטרויט צו לערנען. מען האט נאך ניט פערגעסען דעם פאל מיט דעם הויזלעהרער דיפפאלד וועלכער, כדי צו בעפרידיגען זיין סאדיסטישען טריב, האט שרעקליך געשלאגען זיינע צוויי יונגע שילערס, וועלכע מען האט צו איהם אבגעגעבען צו ערציהען, און איינעם אפילו פערמאטערט צום טויט.

די „ארבייטער צייטונג" אין וויען, איינע פון די געוויסענהאפטסטע צייטונגען, האט פערעפענטליכט דעם פאקט, אז (אנרופענדיג דעם נאמען) א פירסט פון א קליינעם דייטשען שטאאט האט איטליכם מאל ווען א לעהרער האט בעשטראפט א קינד מיט קלעפ זיך אנגעבאטען דאס קינד אליין אנצושמייסען. די "ארבייטער צייטונג" שרייבט צו די דאזיגע אייגענטימליכע ליב־בארבאריי פון דער „האהייט" צו א סאדיסטישער תאוה.

ערגיץ אנדערש ווידער זענען א סך קינדער עטליכע יאהרען כסדר אלעמאל געשלאגען געווארען פון א מאן, וועלכער האט כלומרשט געשפילט די ראלע פון א פאליציי־אגענט און האט די קינדער גע־שראקען, אז אין פאל זיי וועלען זיך בעקלאגען וועט ער זיי בעשטרא־

פען און אריינזעצען אין געפענגעניס. ענדליך אבער האט א מעהר מוטיג אינגעל אלעס אויסגעזאגט און די זאך איז ענטדעקט געווארען.

דעריבער, ווי מיר זעהען, דארף זיך דער סאדיזם ניט אלעמאל דוקא אויסדריקען אין א לוסט־מארד. עס איז אהן ספק, אז די מילדערע פארמען פון סאדיזם, ווי שלאגען, מיסהאנדלען און דערנידערדיגען גייסטיג און קערפערליך אויף אלערליי אופנים, זענען א סך מעהר פערשפרייט. זיי זענען אזוי־צוזאגען א מין דערפילונג צו דער סעקסועלער תאוה ביי פאטהאלאגישע מענשען, וועמעס געשלעכטס־טריב איז בלויז טיילוויז פערדארבען. דער דאזיגער ביז אהער כמעט ניט בעמערקטער פאקט דארף זיין נאך אן אורזאך פאר דער אבשאפונג פון דער קערפערליכער בעשטראפונג אין אלע שולען, מחמת די ראפינירטקייט און די קונסט פון פערשטעלען־זיך האט קיין גרעניץ ניט ביי די סעקסועלע פערווערזען. זייער פערווערזיע בעהאלט זיך אונטער הונדערטערליי צבוע׳אצקע תרוצים, און די ערפארונג האט געוויזען, אז אפילו די סאמע טיכטיגסטע מענשען קאנען ווערען א זעהר לאנגע צייט אבגענארט, ווי דאס האט מען געקאנט זעהען אין דעם פאל מיט דעם לעהרער דיפפאלד און א סך אנדערע.

די קערפערליכע בעשטראפונג פון שול־קינדער איז א נוצלאזע און א דירעקט שעדליכע ברוטאליטעט. עס איז א שאנד פאר דער ציוויליזאציע וואס זי ווערט נאך איצט אויפגעהאלטען, איצט ווען די קערפערליכע בעשטראפונג איז אפילו אבגעשאפט געווארען אין די געפענגעניסען.

אבער קינדער, בעזונדערס שטיפקינדער און אונגעזעצליכע קינדער, זענען אפטמאל אויסגעזעצט צו די שרעקליכסטע מיסהאנדלונגען מצד זייערע ברוטאלע עלטערן אדער אפעקונעס, אין וועלכע עס שפילען א גרויסע ראלע די סעסועלע ליידענשאפטען און שכרות.

איך וויל דא דעם לעזער אויפמערקזאם מאכען, צוליב קורצקייט, אויף די שריפטען פון לידיא פאן װאלפרינג: „דאס רעכט דער קינדער: פארשלעגע פיר איינע געזעצליכע רעגעלונג“. (אלגעמיינע עסטרייכישע געריכטסצייטונג, 1904.), און „די קינדער־מיסהאנדלונגען, איהרע אורזאכען אונד די מיטעל צו זייערער אבהילפע“ (וויען, 1907). די פערפאסערין, וועלכע האט ספעציעל שטודירט די פראגע פון א געזעצליכער בעשיצונג פון קינדער, מאכט די פאלגענדע פאר־

שלאגען קענען אלע יענע עלטערן און אפעקונעס, וועלכע בעגעהען שטראפבארע האנדלונגען קעגען זייערע קינדער אדער קעגען פרעמדע קינדער, פערפירען זיי צו בעגעהען פערברעכענס, אדער וועלכע זענען ניט אימשטאנד זיי צו בעשיצען קעגען אנדערע מענשען פון וועלכע זיי ווערען מיסברויכט אויף דעם אויבען אנגעוויזענעם אופן (דאס לעצטע קומט מייסטענס פאר ביי קאנקובינעס, אלמנות, א. אז. וו.):

1.) דאס מבטל־זיין פון דעם רשות פון פאטער, מוטער אדער אפעקון און צו בעשטימען אן אנדערען אויפזעהער.

2.) אין ערענסטע פאלען פולשטענדיג צונעהמען די קינדער.

3.) אין אלע פאלען, וואו דער איבערגעבליבענער פאטער (אדער מוטער) האט נאך יונגע קינדער, און געהט נאך אמאל חתונה האבען אדער לעבט אין א קאנקובינאט, זאל מען בעשטימען א „מיט־אויפזעהער“.

4.) דאס צונעהמען דעם עלטערליכען און בעזונדערס די פאטערליכען רשות פון אלע יענע פאטערס (טיילמאל אויך מוטערס) וועלכע לעגען ארויף די לאסט פון דער ערציהונג פון זייערע קינדער אויף דער פריוואטער אדער עפענטליכער צדקה, ניט זייענדיג געצוואונגען דערצו צוליב ארימקייט.

הגם די דאזיגע פארשלאגען האבען ניט קיין דירעקטען שייכות צו אונזער ענין, גיבען זיי אבער אינדירעקט א גרויסע בעשיצונג קעגען דעם סעקסועלען מיסברויך פון קינדער; מען דארף בלויז אין זין האבען ווי געוויסענלאזע עלטערן פערפירען זייערע קינדער צו דער פראסטיטוציע. וואס איז שייך דעם פארשלאג 4, וויל איך דערמאנען דעם לעזער דאס, וואס איך האב מכח דעם ענין געזאגט אין קאפיטעל 8. טראץ דעם מבטל־זיין זייער רשות מוזען אזוינע עלטערן שפעטער געזעצליך געצוואונגען ווערען צו ארבייטען כדי אויפצוהאלטען זייערע קינדער.

איך מוז מודה זיין, אז דער פלאן פון א סעקסועלער פעדאגאגיק פאר דער צוקונפט, וועלכען מיר האבען דא אנגעצייכענט, איז ליידער נאך זעהר ווייט פון פערווירקליכט צו ווערען. די „לאנדערציהונגס־היימע“, וועלכע דארפען זיין דאס מאדעל פון דער צוקונפטיגער שטאאטס־שול, זענען נאך גאנץ ווייניג פערשפרייט, און ביז דער שטאאט און דאס פאלק וועלען קלאר און אהן פארורטיילען אויפפאסען

די סעקסועלע פראגע, א זאך וואס שיינט נאך צו ליגען גאנץ ווייט פון אונז, קאן, ווי אונז דאכט זיך, בכלל ניט דורכגעפירט ווערען א ראציאנאלע סעקסועלע ערציהונג. דערוויייל אבער מוז זיך איטליכער העלפען מיט דעם וואס ער קאן. די עלטערן אזוי גוט ווי א טייל לעהרערס קאנען א סך דערגרייכען דורך א פרייען ענטשלוס. דער עיקר אבער זאלען די יונגע מענשען, ביי ווען די סאציאלע רעפארמען זענען א טיפער ערענסט, זיך ניט צופרידענשטעלען מיט א פוסטער מליצה, מיט אננעהמען א פאזע און ארויסרופען א שושקעריי: זיי מוזען פון זייער טיפסטער איבערצייגונג ווייזען א ביישפיל מיט זייערע אייגענע סעקסועלע פערהעלטניסען; זיי מוזען פערדאמען מיט האנדלונגען אלע אלטע מנהגים וועלכע שטעהען אין הפוך צו אן אמת'ער מענשליכער מאראל, און זיי מוזען פאקטיש צושטימען און העלפען אלע סעקסועלע רעפארמען, ד. ה. דורך זייערע אייגענע האנדלונגען מוזען זיי אננעהמען א שטעלונג קעגען הייראט צוליב געלד, קעגען דעם פארמאליזם פון דער הייראט, קעגען דער געמיינשאפטליכקייט פון פערמעגען אין דער הייראט, קעגען דער פראסטיטוציע, א. דגל., און פערקערט, פאר א געזונדע צוכטוואהל און פאר אן ערציהונג פון קינדער וועדליג מיר האבען אויבען אנגעוויזען.

קאפיטעל XVIII

דאס געשלעכטס־לעבען און די קונסט.

די קונסט שטעלט מיט זיך פאר אין א **הארמאנישער** פארם די בעוועגונגען פון אונזער **געפיהלס־לעבען**. די פילאגעניע פון דער קונסט איז דערווייל נאך זעהר ניט קלאר: די מיינונג פון דארווינ'ן, וועדליג וועלכער די קונסט זאל הייסט עס האבען איהרע ווארצלען אין דער סעקסועלער שטרעבונג צו געפעלען, איז, אין הפוך צו דעם שארפזין פון דעם בערימטען פארשער, ממש מיט געוואלט געשלעפט געווארען ביי די האר, און זי האט מיך דער־ריבער קיינמאל ניט געקאנט איבערצייגען.

שוין אריסטאטעל האט געזעהן אין דער קונסט די פרינציפען פון דער פארשטעלונג פון דאס וואס איז שעהן און פון דער נאכא־מונג אדער אימיטירונג. פראפעסאר קארל גראאס, אין גיעססען, בעווייזט די פאלשקייט פון דארווינ'ס מיינונג, און האלט אויך נאך שטארקער דעם פרינציפ פון דער פארשטעלונג פון דעם אייגענעם איך, פון דער אביעקטיווירונג פון די אייגענע אינוועניגסטע געפיה־לען (ביי חיות צ. ב. די פרייד צו הערען דאס אייגענע קול). ("די אנפענגע דער קונסט אונד די טהעאריע דארווינס" העססישע בלע־טער פיר פאלקסקונדע, באנד 3, העפט 2 און 3.)

די מאטארישע אינסטינקטען און די בעוועגונגען וועלכע מען מאכט בשעת דעם שפילען־זיך (אזוינע שפילען געפינען מיר שוין אפילו ביי די מוראזשקעס) געהערען צו די ערשטע אויטאנאמע בע־שאפערם פון דער קונסט. אין דער ענטשטעהונג פון דער קונסט ביים מענש, שרייבט גראסס צו א געוואלדיגע ראלע צו דעם רעליגיעזען

עקסטאַז און צו דעם עקסטאַז בכלל. „אַז די קונסט, דער צוועק פון וועלכער עס איז דאָך צו ווירקען אויף די געפיהלען, נוצט אויס פון אנהויב אָן יענעם געביט וועלכעס איז אַמרייכסטען אין געפיהלען (דאָס סעקסועלע געביט), איז זעלבסטפערשטענדליך“, שרייבט גראָסס. אָבער אין דערזעלביגער צייט ווייזט ער, „אַז אין דער העכער ענטוויקעלטער קונסט האָט דער עראָטיזם אַ סך אַ גרעסערען, אַ מעהר אַרומנעהמענדיגען בעדייט, איידער אין דער אונז בעקענטער פּרימיטיווער קונסט“.

אין דעם דאָזיגען פּרט האָט גראָאַס זיכער רעכט. מחמת די פּרימיטיווע עראָטיק איז געווען צו נאַקעט, צו אָפען, צו זינליך. צו פיל אַ זאַך צום אַנטאַפּען, בכדי צו קאָנען אַזוי טיף און אַזוי פערשידענאַרטיג רירען דאָס געמיהט, ווי ביי די ציוויליזירטע העכער שטעהענדיגע מענשען. צוליב דער דאָזיגער אורזאַך אַליין מוז איך זיין איינשטימיג מיט גראָסס'ן, מחמת די פאַקטען, — איך מיין דער אינהאַלט פון דער פּרימיטיווער קונסט, — זאָגען עדות: די פּרימיטיווע קונסט האָט אין זיך זעהר ווייניג עראָטיזם.

וואָס צאַרטער די קונסט ענטוויקעלט זיך אַלץ העכער ווערט זי און אַלץ בעסער ווירקט זי, אָבער די קראַפט פון איהר ווירקונג הענגט בעזונדערס אָב פון דער געוואַלט מיט וועלכער זי טרייבט אונזערע געפיהלען. די קונסט דאַרף אויך דיסאָנאַנסען — ניט בלויז אין דער מוזיק, — כדי דורך קאָנטראַסטען שאַרפער ארויסצוברענגען די האַרמאָניע פון איהרע געפיהלס-טענער, און אין דערזעלביגער צייט שטאַרקער און פערשידענאַרטיגער צו ווירקען אויף דעם מענשליכען געמיהט. דורך אַ שאַרפער שילדערונג פון דעם מאוס'ען וועקט זי אויף אַ בענקשאַפט פאַר דעם שעהנעם. די קונסט מוז אָבער זיין ספּאָנטאַן און אין איהר סאַמער טיפקייט מוז זי זיין אמת'דיג. זי דאַרף ניט זיין געמאַכט, מאַנירירט און מען דאַרף מיט איהר ניט קנעלען קיין שום דאָגמאַטיזם, סיי אינטעלעקטועלען און סיי מאָראַלישען. דאָס פּאָזיטיווע עסטעטישע געפיהל אָדער דאָס געפיהל פאַר שעהנקייט איז איבעריגענס זעהר רעלאַטיוו און ווענדט זיך ביז אַ גאַנץ הויכען שטאַפּעל אין דער פילאָגענעטישער צופּאַסונג פון די מענשליכע געפיהלען און פון די געוואוינהייטען און מנהגים. פאַר

א מיסט־וואָרים איז א בארג מיסט און זיין ריח אהן ספק גאנץ גע־שמאַק, אבער פאַר אונז איז ער מאוס. אבער צווישען די מענשען זענען אויך פאַראַן מיסט־וועררים, סעקסועלע מיסט־וועררים, וועלכע האבען ליב די עקעלדיגסטע ריחות (סעקסועלע פערווערזען). ביי א האמאָ־סעקסואַליסט, א מאַן, איז דער מאַן שעהנער פון דער פרוי. ביי א ווילדען אדער א פויער איז אָפטמאָל דאַס שעהן, וואס א קול־טור־מענש אָדער א פערפיינערטער שטאָדט־מענש בעטראַכט אַלס עקעלדיג, א. אז. וו.

עראָטישע קונסט. — עס איז דעריבער גאָר קיין חדוש ניט וואס די סטרונע, וועלכע בעיינפלוסט מיט איהר קלאַנג אזוי געוואַלדיג דאס מענשליכע געפיהלס־לעבען — די סעקסועלע ליבע — ווערט אויף אזוי פיל אופנים אנגעשלאָגען אין אַלע פאָרמען פון דער קונסט. די מוזיק דריקט אויס די סעקסועלע געפיהלען און זייערע פסיכישע אויסשטראַ־לונגען דורך טענער פון בענקשאַפט, פון ליידענשאַפט, פון פרייד, פון טרויער, פון ענטוישונג, פון פערצווייפלונג, פון עקסטאַז, פון התלהבות, פון מקריב זיין זיך, א. אז. וו.

אין דער סקולפטור און אין דער מאַלעריי גיט דאך די ליבע אין אַלע איהרע נואַנסען די טעמעס, וועלכע וועלען זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט אויסשעפּען. אין דער שעהן־ליטעראַטור פייערט די סעקסועלע ליבע ערשט אמת'דיג איהרע טריומפען, און אויך ניט זעלטען איהרע אָרגיעס. די ראָמאַנען און די דראַמעס, אין וועלכע זי שפּילט ניט קיין ראָלע, קאָן מען פשוט איבערצעלען. מיר האבען דאָ ניט אין זין בלויז יענע באַנאַלע ליבעס־געשיכטעס און דראַמעס וועלכע קייען איבער ביז צום עקעל די סענטימענטאַלע און אויסגעדראָשענע מאָטי־ווען, אבער וועלכע עס געלינגט טראָצדעם כסדר ארויפצוטרייבען ביז התפעלות די געפיהלען פון די ברייטע מאַסען פון פאָלק, וועלכע זע־נען בלינד צו א קינסטלערישער קולטור. די העכערע קונסט שיל־דערט די העכסטע און שווערסטע, און אויך די צאַרטסטע און קאָמפּ־ליצירטסטע קאָנפליקטען פון די מענשליכע סעקסועלע געפיהלען און זייערע אויסשטראַלונגען, און דורך דעם רירט זי אָן די טיפסטע און פערבאָרגענסטע סטרונעס אין די בעסערע מענשליכע נשמות. דער־מאָנט זיך אין אזוינע דיכטערס ווי שעקספּיער, געטהע, מוססעי, היינע, בייראָן, שיללער און מאָפּאַססאַן; מוזיקער ווי בעטהאָווען,

וואַגנער, שומאַן, לעווע, א. אז. וו. מאַלער ווי טישיאַן, מאַריליאַ אָדער בעקלין; און סקולפּטאָרען ווי די גריכען אָדער ווי די מאָדערנע פראַנ־צויזישע שול (ראָדין, א. אז. וו.).

קונסט און אינטעלעקט זענען ניט קיין געגענזאַצען: זיי זענען צווישען זיך פערבונדען גראַד ווי דאָס דענקען און פיהלען אין דעם מענשליכען געהירן, הגם איטליכס האַלט אויף א געוויסע זעלבסט־שטענדיגקייט. יעדע קינסטלערישע פאָרשטעלונג דאַרף האָבען אַ אינטעלעקטועלען יסוד, פונקט ווי יעדעם געפיהל איז צוגעקניפּט צו אידעען.

דער קינסטלער נעהמט זיין מאַטעריאַל פון דער דרויסענדיגער וועלט, פון דעם לעבען און פון די געשעהענישען פון אַלע צייטען: די גייסטיגע שטראָמען, אַנשווינגען און טריומפען פון זיין אייגענער צייט וועלען תמיד אָבקלינגען אין זיינע ווערק; די וויסענשאַפטליכע און מעסיגע פאָרטשריטען קומען אודאי און אודאי צונוץ פאַר דעם דרויסענדיגען אַרומגעהען אַרום דער קונסט; אָבער פון דעם דאָזיגען מאַטעריאַל צו בעשאַפען דעם אייגענטליכען פאָרטיגען בנין, צו בע־שאַפען דאָס געשלאָסענע, האַרמאָנישע שטימונגס־בילד. מיט זיין איינהייטליכער האַנדלונג: די קונסט, פון דעם דאָזיגען מאַטעריאַל אויסצוטון דאָס צופעליגע, דאָס זייטיגע און, פערקערט, צו דערקענען און אַרויסהויבען דאָס ממשות'דיגע, דאָס נויטיגע, דאָס טיפערע אין איהם, אַזוי אַז פון דעם איינציגען געשעהעניש, פון דעם בעזונדערען פאַל זאָל ווערען א קונסטווערק — א סימבאָל פון עפּעס וואָס איז אַלגע־מיין מענשליך און אַלגעמיין ממשות'דיג — וואָס זאָל רעדען צו יע־דען וואָס קאָן נאָר בעגרייפען, און איהם געווינען, — אַלעס דאָס איז די אַרבייט פון דעם שאַפענדיגען קינסטלער, פון דעם גאון, — פון דער פּלאַסטישער פאַנטאַזיע־קראַפט פון זיינע געפיהלען.

קונסט און מאָראַל. — אין זיך גופא איז די אמת'ע קונסט ניט מאָראַליש און ניט אומאָראַליש. דאָ קאָנען מיר זאָגען — פאַר דעם ריינעם איז אַלעס ריין. אין דעם שפּיגעל פון אַן אונריינער נשמה קאָן יעדעס קונסטווערק, אַזוי גוט ווי אַלע הויכע עטישע שאַפונגען אויסזעהען ווי צוקרומטע פאָרנאָגראַפישע קאַריקאַטורען, בעת ריינע גייסטער זעהען אין זיי די פערקערפּערונג פון די נאָבעלסטע אידעאַ־לען. אין דעם איז אָבער ניט שולדיג די קונסט און איהרע שאַפונ־

גען, נאר די נאַטור און די אייגענאַרטיגקייט פון דער אויפפאסונג פון איטליכען בעזונדערען מענש, און אויף דעם אופן קאָנען די שעהנסטע קונסטווערק ארויסרופען אין א שמוציגער עראַטישער נאַטור נידע־ריגע געפיהלען, בעת בעסערע מֶענשען פיהלען פונקט דער הפוך.

קונסט און פּאָרנאָגראַפיע. — נאָכדם ווי מיר האבען אוועק־געשטעלט די דאָזיגע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען, מוזען מיר בעהאַנד־לען די פאָלגענדע פאַקטען, וועלכע האָבען א בעזונדערע וויכטיגקייט פאר אונזער ענין. אונטער דער פאָהן פון קונסט זעגעלט א מענגע פון מענשליכע שאַפונגען, וועלכע פערדינען אסור יענעם נאמען. עס זענען פאראַן ווענינ אמת'ע גרויסע קינסטלער, אָבער טויזענדער קונסט־פושערס און פּליאַגיאַטען; דאָס איז אָהן שום ספק. א סך, וועמען די מוזע האָט קיינמאָל ניט געקושט דעם שטערען, וועלכע האָבען ניט קיין ברעקעל געפיהל און קיין אידעע מכח דער ווירדע און דער ערענסטקייט פון דער קונסט, און וועלכע בעטראַכטען זי העכס־טענס אלס א מילך־קוה, בעשאַפען אנשטאַט קונסט, וועלכע קלעפּט זיך ניט צו זיי, „קונצווערק" מיט וועלכע, בכדי צו קריגען אַפּלאָדיס־מענטען און געלד, ווענדען זיי זיך, ניט צו די ערלערע געפיהלען פון די בעסערע מענשען, נאר אדרבה, צו די נידעריגע אינסטינקטען פון די מאַסען.

אָט אין דעם דאָזיגען געביט שפּילט די עראַטיק אַן אונגעהייערע און טרויריגע ראָלע, קיין שום מיטעל איז ניט שמוציג מיט וועלכען מען פּרופּט ניט צו קיצלען די נידעריגע געפיהלען פון דער מאַסע. פּוסטע לידלעך, קיצלדיגע ראָמאַנען און טעאַטער פאָרשטעלונגען. שמוציגע טענץ און ענליכע בעפּליטערטע מאכלים, פּאָרנאָגראַפישע בילדער, א. אז. וו., אלעם אָהן א שאַטען פון א קינסטלערישען ווערט, שפּרינגען איינס איבער דעם אנדערען און שפּעקולירען אויף די נידעריגע עראַטישע אינסטינקטען פון די מאַסען, כדי אויף דעם אופן ארויסצופישען דאָס געלד פון זייערע קעשענעס.

דאָס אלעם רופט מען מיט א גדלות "קונסט". די דאָזיגע „קונסט־ווערק" פערהערליכען די שמוציגסטע אויסגעלאסענקייט, אפילו איהר־רע פּאַטהאָלאָגישע אויסוואוקסען. דאָס טרויעריגסטע דערביי איז, וואָס דער ריח פון דער דאָזיגער באָרדעל־קונסט פערדאַרבט דעם גע־

שמאַק פון דעם פאָלק אַזוי ווייט, אַז אין איהם שטאַרבט אַב יעדער חוש פאַר דער אמת'ער און העכערער קונסט.

אפילו ווען איך שטעה אין אַ סכנה בעטראַכט צו ווערען אַלס אַ מאַנאַמאַניאַק (אַ „קרענק") מוז איך דאָ ווידער זאָגען און בעטאָנען, אַז ווען מען קוקט זיך צו נעהענטער, זעהט מען ווידער און אַבער אַז די געלד־קאָרופּציע און דער אַלקאָהאָלישער זומפּ זענען די זאַפּטען וואָס שפּייזען די דאָזיגע דעגענעראַציעס פון דעם קונסט־געפיהל און פון די קונסט־שאַפונגען אין דעם סעקסועלען געביט. איך זאָג בכוון פון דעם קונסט־געפיהל און פון די קונסט־שאַפונגען, מחמת עס איז ניט גענוג וואָס די אמת'ע קינסטלער שאַפען זייערע ווערק, ניין, זיי מוזען אויך געפינען אַן אַבקלאַנג אין דעם פאָלק, אין דעם פובליקום, ד.ה. פון זיי פערשטאַנען ווערען. די דאָזיגע ביידע ערשיינונגען געהען האַנד אין האַנד פונקט ווי נאָכפראַגע און אָנבאָט. דאָ, וואו אין דעם פאָלק זינקט דאָס געפיהל פאַר דער קונסט, דאָ מוז אויך זינקען די קוואַליטעט פון די קינסטלערישע שאַפונגען, און פערקערט. פּראָפעסאָר בעהרענס, דירעקטאָר פון דער קונסט געווערב־שול אין דיססעלדאָרף, האָט אין אַ פאָרטראַג ארויסגעזאָגט זיין פולסטע איינשטימיגקייט מיט אונז בנוגע דער שעדליכער ווירקונג פון אַלקאָהאָל אויף דער קונסט („אַלקאָהאָל און קונסט").

איצט, האָבענדיג פעסטגעשטעלט דעם דאָזיגען פאַקט, מוזען מיר צוקומען צו דער וויכטיגער און אין דערזעלביגער צייט דער צאַרטסטער און דעליקאַטסטער פראַגע: וואו איז דער חלוק צווישען דער אמת'ער ערטאַטישער קונסט און דער נידעריגער פאָרנאָגראַפישער קונסט? בעת געוויסע פאַנאַטישע און אַסקעטישע מאָראַל־שרייערס וואָלטען אין זייער פרומקייט צוברעכען און פערברענט אַלע ערטאַטישע קונסטווערק אַלס פאָרנאָגראַפיע, זעהען מיר ווידער פון דער אַנדערער זייט ווי די כהנים פון דער דעגענעראַציע בעשיצען און פערטייטיגען יעדע, אפילו די שמוציגסטע פאָרנאָגראַפיע אונטער דער פאָהן פון קונסט. היינט, וועלכער קונסט־קריטיקער זאָל דאָ פּסק'ענען?

איך וויל דאָ געבען בלויז צוויי ביישפּילען. אין אַ זעהר פרימיטיווער און פאַנאַטישער געגענד אין טיראָל זענען אויפגעשטעלט געוואָרען עטליכע נאַקעטע, אָבער אַבסאָלוט אונשולדיגע שטאַטוען פון פרויען. די פויערים פון יענער געגענד, פיהלענדיג זיך דורך דעם

טיף בעליידיגט אין זייער בושה, מחמת אין דער פארשטעלונג פון דעם נאקעטען מענשליכען קערפער האבען זיי געזעהען א געוואלדיגע אויפרייצונג צו אויסגעלאסענקייט, האבען די דאזיגע שטאטוען באלד צובראכען. (זעה קאפיטעל 8.) פאר זיי האט באמת געפאסט די ווער־טער: „איהר געהערט צו יענע גייסטער, וועלכע שעמען זיך מיט זייער אייגענער נאטור, ווייל זיי פיטערען זיך נאך מיט דעם איבערנאטיר־ליכען". דיזעלביגע ווערטער האט מען אויך געמעגט אויסשרייען צו דעם פאליציי־הויפטמאן פון צוריך, וועלכער האט זיך געמאכט בערימט פאר הייסען ארויסנעהמען פון שויפענסטער בעקלינ'ס „דער שפיל פון די כוואליעס", ווייל אין די צוויי זיך באדענדיגע ים־פרויען האט ער דערבליקט א סכנה פאר דער טוגענד און דער מאראל פון די בירגער פון צוריך!

פון דער אנדערער זייט איז אבער קיין שום ספק, אז א באל פון נאקעטע און האלב־נאקעטע, וועלכער איז געוועז דער אויפטו פון די יונגע פאריזער קינסטלער מיט זייערע מאדעלען, צו וועלכען זיי האבען פערבעטען זייערע פריינד, און וועלכער האט זיך טיילווייז געענ־דיגט מיט סעקסועלע ארגיעס, — אז דאס איז שוין גיט קיין קונסט־שאפונג, נאר א פערדארבליכער סעקסועלער ציניזם, קעגען וועלכען מען דארף זיכער אויפשטעלען געוויסע צוימען.

צו וועלען בעשעהנען אדער פערדעקען מיט דעם ווארט קונסט יעדע פארנאגראפיע, אפטמאל אפילו די פערווערזע און פאטהאלאגישע רוף איך אז בקצור — שווינדעל. די מענשען מיט א קינסטלערישער נאטור, וועלכע זענען בעהערשט פון שטארקע געפיהלען, זייענדיג זעהר אפט אפילו פאטהאלאגיש איבערגערייצט, וועלכע מאכען אין דעם סעקסועלען לעבען מערקווירדיגע שפרונגען, און זענען איז דער ליבע ניט אויסגעהאלטען, קאפריזנע און איבערגעטריבען קאן מען און מען מוז ענטשולדיגען. דאס געהערט צום קינסטלער טעמפעראמענט. אבער די סיסטעמאטיש־ענטוויקעלטע פארנאגראפיע, און די פשוט'ע סעקסועלע ארגיעס וועלכע ווערען אויך א ברייטען שטייגער ציניש פערעפענטליכט, געהערען שוין ניט אהער. נאך ווייניגער פערדינט דאס אלעס דעם נאמען קונסט. די אינדיווידועלע און פאטהאלאגישע שוואכקייטען פון די קינסטלער, זייער עקסצענטריש לעבען פון וועלכען

זיי גופא זענען אפּטמאָל די קרבנות. דאַרף מען ניט פאַרבייטען מיט דער קונסט פון לעבען און מיט איהרע שאַפונגען. און דער עיקר דאַרף מען דאָס ניט בעטראַכטען אַלס א מוסטער פון לעבען און עס אויפהויבען צו א מדה.

פון דער אַנדערער זייט געפינען מיר אָפטמאָל דעם עראָטיזם פערשטעקט אין אַזוינע ערטער וואו מען האָט איהם אַמווענינגסטען ערוואַרט, א שטיינער אין געוויסע פרומע אויסבעסערונגס-ביכער און אין די אַזוי-גערופענע רויזענוואַסער-ראָמאַנען. און אויך דאָ פערפעהלט ער ניט זיין ווירקונג, הגם אַלטע מיידלעך און פרומע פאַמיליעס האַלטען די דאָזיגע ביכער אין זייער ביכער-שאַפע און רעקאָמענדירען זיי מיט א יראת-הכבוד אַלס ערענסטע ספרים.

א וויצינגער קאָפּ האָט צו מיר בעמערקט מיט רעכט אַז: „דאָס וואָס עס איז ניט אַנשטענדיג אין א נאַקעטער שטאַטוע איז דאָס פייגענבלאַט און ניט דאָס וואָס עס פערדעקט“. אָט פונקט יענע געשניצטע, אויסגעהאַקטע, געמאָלטע, געשריבענע אדער גערעדטע פייגענבלעטער זענען עס וועלכע. אפילו ווען מען לעגט זיי צו מיט א גוטער און פרומער אבזיכט, וועקען א סך מעהר די תאוה איידער זיי שוואַכען זי אָב: פונקט ווי די נאַזע,—די שפּיצען—און טריקאָט-קליידער וועלכע, אַנשטאָט כלומרשט צו וועלען פערהילען עפּעס, לאָזען זיי דאָס דוקא גענוג דייטליך דורכקוקען און דורכבליאַסקען, און אויף דעם אופן אַנצינדענדיג די ליידענשאַפט א סך מעהר איידער די ריינע, ברוטאַלע נאַקעטקייט. בקצור, דער עראָטיזם, וועלכער שפּילט זיך אין בעהעלטערלעך, ווירקט אַמשטאַרקסטען, און וועדליג דעם, ווי מיר זעהען, פערשטעהען שוין די דירעקטאָרען פון באַלעטען און ענליכע ספּעקטאַקלען ניש׳קשה׳דיג אויפצופירען זייערע פאָרשטעלונגען מיט גענוג פון די דאָזיגע נאַזע און טריקאָט-עפעקטען. ביי דער פאַריזער וועלט אויסשטעלונג האָב איך געזעהען דעם עראָטישען טאַנץ, פאַרגעשטעלט פון אַז אַראַבערין, דעם אַזוי-גערופענעם „בויך-טאַנץ“ ביי וועלכען די דאָזיגע פרוי האָט אַזוי שטאַרק אימיטירט די פערשידענע בעוועגונגען פון געשלעכטס-פערקער מיט איהר בויך, היפטען און לענדען, אַז זי האָט זיך שיער אויסגעלענקט דעם בויך. פונדעסטוועגען גלויב איך ניט, אַז די דאָזיגע רויהע און צינישע פאַנטאָמינע האָט געווירקט מעהר עראָטיש איידער די פיינע דעקאָלטירטע קליידער פון אונזערע דאַמען אויף די

אריסטאקראטישע בעלער, אדער אפילו איידער געוויסע ליבעס-סצענעס פון א רעליגיעזען עקסטאז אין ווארט און בילד (זעה קאפיטעל 11). אזוי ווי אבער דעם "בויך-טאנץ" האט מען פארגעשטעלט כלומרשט אלס „עטהנאלאגיע", האבען זיך אנשטענדיגע פרויען צוגעקוקט צו דעם דאזיגען טאנץ אהן דערביי ניט צו ווערען בעליידיגט אין זייער געפיהל פון בושה.

איך וויל נאך געבען איין ביישפיל און ווייזען ווי שווער עס איז געווי צו ציהען די גרעניצען צווישען קונסט און פארנאגראפיע. איך האב שוין עטליכע מאל דערמאנט די ראמאנען און בעזונדערס די נאוועלען פון דע מאפאססאן, וועלכער האט אפשר אמגעטרייעסטען געשילדערט די פיינע פסיכאלאגיע פון דער ליבע און פון דעם געשלעכטס-טריב איך בעהויפט אז, הגם ער האט געשילדערט די געוואגטסטע סעקסועלע סיטואציעס, קאנען זיינע שילדערונגען (מיט עטליכע אויסנאהמען) ניט געהאלטען ווערען פאר פארנאגראפיע. זיי זענען דערפאר ניט פארנאגראפיש, מחמת זיי זענען טיף מענשליך און אמת. און מחמת דאס מאוס'ע און אונמאראלישע ווערט אין זיי מיינסטענס ניט פער-שעהנערט, הגם אויך ניט געשטראפט און מאראליזירט.

דער אלטער אנשטעל פון דעם לפנים פרומען עראטיזם איז בער-שטאנען גראד אין דעם, אונטער דער דורכזיכטיגער מאסקע פון גריס-צארנדיגע ווערטער אדער פרומע פראזען צו שילדערן די פערבאטענע סעקסועלע פרוכט אויף אזא אופן, אז זי זאל זיין וואס מעהר רייצענ-דיג און בעגערענדיג. מען פערדאמט טאקע די אויסגעלאסענקייט. אבער זי ווערט אזוי געשילדערט, אז דעם לעזער קומט אזש די סלינע אין מויל. ניט אזוינע שילדערונגען געפינען מיר ביי גיו דע מאפא-ססאן, און אויך ניט ביי זאלא. דורך זייערע שילדערונגען פון דער סעקסועלער אויסגעלאסענקייט רופען זיי ארויס ניכער דעם עקעל און די טרויעריגקייט פון דעם לעזער, און ניט זיין סעקסועלע תאוה. גאנץ אנדערש אבער האט די זאך. ערשטאנען דער פערלעגער פון גיו דע מאפאססאן, וועלכער האט קודם כל געטראכט פון רעקלאמע און פון א גרויסען אבזאץ; ער האט זיינע קונסטווערק אילוסטרירט מיט אמת פארנאגראפישע בילדער און דעם מחבר דערמיט געטון די גרעסטע עולה.

אונזער ענין וועט אפשר פונקט אזוי גוט אילוסטרירט ווערען פון נאך אן אנדערען פערגלייך. הייגע׳ס עראטישע פאעזיע קאן מען פערגלייכען מיט מאפאססאנ׳ס ראמאנען. איטליכער מוז דא באלד מערקען, אז ביי הייגע׳ן איז דער פארנאגראפישער שטריך. טראץ דער פיינקייט פון זיין קונסט, אונפערגלייכליך שטארקער, מחמת דאס מאראלישע פיהלען, וועלכעס דרינגט דורך די הויפטווערק פון מאפאססאן, פערלירט זיך יעדע רגע ביי הייגע׳ן.

אין דער הויכער און פיינער קונסט פון די גריכען איז פאראן זעהר א סך עראטיזם און זעהר א סך נאקעטקייט, וועלכע אבער האט ניט קיין אונמאראלישע ווירקונג; טיילווייז איז דאס דערפאר, ווייל זי איז נאיוו און אונשולדיג, און טיילווייז, ווייל (דאס דאזיגע דער עיקר אין דער בילדענדער קונסט) זי איז געבויט אויף דער ריינער שעהנקייט וועלכע איז נאך פערקניפט מיט דער אורשפרינגליכקייט. בכדי זיך אין דעם צו איבערצייגען דארף מען בלויז בעטראכטען די אלטע, בעזונדערס די שטאטוען פון די גריכישע סקולפטארען: דארף מען בלויז לעזען האמער׳ן, בעזונדערס די געשיכטע פון ארעס און אפראדיטע; דארף מען בלויז לעזען די פאסטוך־אידיליע פון דאפניס און קלאע פון לאנגוס. ניט די נאקעטקייט, ניט די נאטירליכע שילדערונג פון דעם געשלעכטס־לעבען האבען א דעמאראליזירענדיגע ווירקונג, נאר די שמוציגע אבזיכט פון דעם וואס שילדערט, זיינע בעהאלטענע, דונקעלע און אפטמאל קאמערציעלע צילען.

צום סוף, איך זאג דא נאך אמאל, קאן די ריינסטע קונסט־שאפונג ווערען א פארנאגראפישער ענין ביי אלע יענע מענשען, וועלכע זענען געוואוינט אין איטליכער זאך ארייגצולעגען זייער אייגענע געזונקענקייט, זייער אונמאראליטעט און זייערע נידעריגע און שמוציגע געדאנקען. איך וויל דא איבעריגענס ניט אבלייקענען, אז אין אלטערטום, בעזונדערס אין דעם שפעטערדיגען רוים, האט אפטמאל געהערשט די פארנאגראפיע און די ציניש ע רויהקייט אין דעם סעקסועלען געביט. די רואינעס פון פאמפעי און די געשיכטע גיבען אונז איבערגענוג בעווייזען דערפאר. אבער אזוינע ערשיינונגען זענען שטענדיג געגאנגען צוזאמען מיט דעם אונטערגאנג פון די פעלקער. לעהררייך און אינטערעסאנט זענען די אויספירונגען פון שטאל („דאס געשלעכטסלעבען אין דער פעלקערפסיכאלאגי") מכח דער עטהאלאגי

שער פערשפרייטונג פון דער צולאזענקייט און מכח איהרע פערשידענע מינדליכע, מימישע, גראפישע און פלאסטישע פארמען. זי האט ניט געפעהלט ביי קיין שום פאלק אין קיין שום צייט, מחמת זי ליגט אין דער נאטור פון דעם מענשליכען עראטיזם.

נו, ווער זאל משפט'ען: ווער זאל פסק'ענען וואו די קונסט הערט אויף און וואו די פארנאגראפיע הויבט זיך אן, אדער ווי וויט דארף דער עראטיזם עפענטליך געהען אין דער קונסט? די דאזיגע פראגע איז אזוי פערוויקעלט און אזוי דעליקאט, אז צוליב רוחק איז בעהא־וועגטקייט קאן איך מיר ניט ערלויבען אויף איהר צו געבען א בעש־טימטען ענטפער. איך גלויב נאר, אז ווען עס וועט קומען א סוף צו דער הערשאפט פון געלד און שכרות, וועט די סאציאלע געפאר פון פארנאגראפיע אהן אן ערך זיך פערקלענערען, יא כמעט אראבפאלען ביז צו דעם נול־פונקט. פון דער אנדער זייט גלויב איך, אז דא דאר־פען מיר זיך היטען פאר עקסטרעמען אין ביידע ריכטונגען. דארט, וואו די פארנאגראפיע בעווייזט זיך אין איהר נאקעטען ציניזם. אויס־געטון פון איטליכען שאטען פון קונסט, קאן און מוז די געזעלשאפט זי אונבעדינגט אונטערדריקען. בעווייזט זי זיך אבער אין א קינסט־לערישען שלייער, מוז מען אין איטליכען בעזונדערען פאל אבוועגען דעם ארטיסטישען ווערט פון דעם ווערק אין פערגלייך צו זיינע מעהר אדער ווייניגער פערהילטע ניט ריינע טענדענצען, נעהמענדיג אין בעט־טראכט אלע איבעריגע אומשטאנדען, און אויף אזא אופן דערגעהען די רעלאטיווע וואג און מאס פון ביידע עלעמענטען. ווייטער מוז מען פארזיכטיג האלטען אין אויג געוויסע כלומרשט'ע קונסטווערק אדער „קינסטלערישע" טעאטער פארשטעלונגען, ווי צ. ב. כל המינים קאַ־מישע, לייכטע, א. אז. וו. שוישפילען, וועלכע די ע ר פ א ר ו נ ג וועט בעווייזען, אז זיי האבען א פערדארבענדיגע ווירקונג אויף דעם פאלק.

פאטהאלאגישע קונסט. — נאך א שאדען פון אונזער מאדער־נער קונסט איז דער שטארקער פאטהאלאגישער שטריך אין איהר. גראד אין דעם סעקסועלען געביט איז דער דאזיגער פאקט זעהר וויכ־טיג. דערמאנט אייך וואס מיר האבען געזאגט וועגען דעם פראנצוי־זישען דיכטער באדעלעיר. די עראטישע קונסט זאל ניט ווערען א

שפּיטאָל פאַר סעקסועלע פּערווערזען און קראַנקע, און זי זאָל ניט אין די דאָזיגע קראַנקע, מאַכענדיג זיי פאַר די העלדען און האַלטענדיג זיי אין סאַמע צענטער פון זייערע ווערק, ענטוויקלען די איבערצייגונג, אַז זיי זענען גאַר געוואַלדיג אינטערעסאַנטע און ווערטפולע מאָדעלען פון דעם מענשליכען מין. דערמיט פערשטאַרקט זי נאָך אין זיי זייער אַבנאָרמאַליטעט און שטעקט טיילמאָל אויך אָן די געזונדע.

א גרויסע צאָל מאָדערנע ראָמאַנען און אפילו מאָדערנע בילדער פערדינען אָהן שום ספק גערופען צו ווערען פּאַטהאָלאָגיש. אין זיי ווערען געשילדערט, אָדער געמאָלען, אלס טיפּען פאַר דער ליבע און פאַר דעם געשלעכטס־לעבען און זיינע פּסיכישע אויסשטראַלונגען אַזוינע בעשעפּענישען, וועלכע מיר טרעפען אין א סאַנאַטאַריזם פאַר נערווען־קראַנקע אָדער גאַר אין א משוגעים־הויז, יא אפילו אַזוינע וועלכע עקזיסטירען בלויז אין דעם פּאַטהאָלאָגישען קאָפּ פון דעם פערפאַסער גופא. פונקט אַזוי וועניג ווי די קונסט דאַרף זיך ניט לאַזען פירען אין חדר אריין און מיט זיך לאָזען קנעלען מאָראַל, פונקט אַזוי וועניג, פון דער אַנדערער זייט ווידער, דאַרפען די קינסטלער ניט פערזעהען אָדער פערגעסען די הויכע עטיש־סאָציאַלע מיסיע פון זייער קונסט, א מיסיע וועלכע בעשטעהט דעריין, די מענשען צו דערהויבען און זיי צו בעגייסטערען פאַר אידעאַלען, און ניט זיי אריינצופירען אין א שמוציגען זומפּ. גראָד די גרויסע קינסטלער האָבען בעגריפען די דאָזיגע מיסיע און זייערע מייסטערווערק טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון איהר.

די קונסט האָט א געוואַלדיגע קראַפט, מחמת דער מענש ווערט געפירט פון די נעפּיהלען א סך שטאַרקער, א סך מעכטיגער איידער פון די אויסרעכענונגען פון זיין שכל, — א פאַקט, וועלכען מיר מוזען כסדר בעטאָנען. די קונסט מוז זיין געזונד. אויב זי דאַרף אויף זיך ניט לאָזען פאַלען דעם מאָראַלישען קאַנטשיק, האָט זי אבער דערפאַר די פליכט זיך הויך אויפצוהויבען און ווייזען דעם פאָלק, וועלכעס הערט זיך צו צו איהר, דעם וועג צום הימעל, — צום הימעל ניט פון אבערגלויבענס און פאַנאַטיזם, נאָר צום הימעל פון א בעסערער און א גליקליכערער מענשהייט. איהר אונשטערבליך טעמע — די ליבע — דאַרף זי דעריבער ניט בעשאַפען אָהן זאַפט און אָהן קראַפט, און זי זאָל אויך ניט אַרויסוואַרפען די בשמים פון דעם עראָטיזם. דאַרט

וואו דאס איז קינסטלעריש נויטיג, אבער זי זאל זיך ניט פראסטיטואירען דינענדיג דעם שמוץ און דער דעגענעראציע. אויף וועלכען אופן זי דארף דערגרייכען איהר ציל, איז איהר אייגענע זאך, ד. ה. די זאך פון דעם אמת'ען קינסטלער. איהם האבען מיר ניט וואס אנצואווייזען.

איך קאן זיך פונדעסטוועגען ניט אבהאלטען צו געבען אן עצה געוויסע מאדערנע קינסטלער: אויב זיי ווילען בעהאנדלען אין זייערע ווערק א סאציאל־עטישע, מעדיצינישע אדער וויסענשאפטליכע טעמע, זאלען זיי זיך היטען צו שטודירען די דאזיגע ענינים אין וויסענשאפטליכע פאך־ביכער; זיי זאלען בעסער פאלגען דעם ביישפיל פון מאפאססאן און צוערשט מיטלעבען די סיטואציעס וועלכע זיי ווילען שילדערען איידער זיי נעהמען זיך קינסטלעריש פארמירען זייער ווערק: אניט וועלען זיי לגמרי פערפעהלען צו בעשאפען די קינסטלערישע ווירקונג, און זיי וועלען בלויז ווערען טענדענץ טעארעטיקער, שלעכטע וויסענשאפטס־מענער, שלעכטע מאראליסטען און שלעכטע סאציאל־פאליטיקער, — און זיי הערען אויף צו זיין גוטע קינסטלער. מעטערלינק'ס „ביז" איז ניט בלויז דערפאר א קונסטווערק, ווייל מעטערלינק איז א טאלענטפולער שריפטשטעלער, נאר ווייל ער גופא קען דאס לעבען פון די בינען, און דער פונדאמענט פון זיין ריכטונג איז ניט א פשוט'ע זאמלונג פון אויסצוגען פון פערשידענע ביכער, נאר זיין אייגענע אנשויונג.

א חוץ דער בעקעמפונג פון דעם דעמאראליזירענדיגען איינפלוס פון געלד און אלקאהאל, וועט די דערהויבונג פון דעם עסטעטישען געפיהל אין דעם פאלק ממשות'דיג העלפען גובר־זיין די פארנאגראפישע "עסטעטיק". די נארישע, ליגנערישע, אוננאטירליכע סענטימענטאליטעט מיט דעם ריח פון דער עראטישער געזונקענקייט, וועלכע ליגט זיך ברייט צולעגט אין די ביליגע „קונץ־ווערק", און וועלכע מען דערלאנגט דעם פאלק אלס „קונסט", פילט אן איטליכען מענש, וועלכער האט נאר א פונק פאר שעהנקייט אין זיך, מיט א טיפען עקעל. דער עקעל איז אין דעם פרט קענטיג א גוטע גייסטיגע מעדיצין. און מיר קאנען ניט זיין איינפערשטאנען מיט דער מיינונג פון די שטרענגע אסקעטישע גייסטער וועלכע מיינען, אז די אמת'ע מאראל האט גארניט צו טון מיט דער קונסט אדער גאר, אז אלצדינג וואס איז מארא־

ליש מוז זיין קונסטלאָז. די דאָזיגע מענשען בעגעהען דעם שווערס טען טעות און ניט ווילענדיג העלפען זיי די פּאָרנאָגראַפיע, מחמת אָבשטויסענדיג פון זיך די מענשהייט מיט זייער טרוקענקייט און הארב־קייט טרייבען זיי זי פונקט צום אַנטקעגענגעזעצטען פּאָל. בכדי דעם מענש אויפצוהויבען מוזען די עסטעטישע און עטישע געפיהלען זיך האַרמאָניש פערייניגען מיט דעם אינטעלעקט און מיט דעם ווילען.

צום סוף וועט מען מיר ערלויבען דאַ צו מאַכען אַ בעמערקונג וועלכע קאָן זיין דאַרף ניט אריין אין דעם דאָזיגען קאַפּיטעל. די מיט־לען קענען שוואַנגערשאַפט כדי צו קאָנטראָלירען די צאָל קינדער, וועל־כע איך און אויך אַנדערע רעקאָמענדירען צוליב סאָציאַל היגיענישע און עטישע אורזאַכען, ווערען אָפטמאָל פערדאַמט טיילמאָל אלס אונ־מאָראַליש און טיילמאָל אלס אונעסטעטיש. דער דאָזיגער אופן פּת אריינמישען זיך אין דעם דרך הטבע, זאָגט מען, צושטערט די פּאָעזיע פון דער ליבע און דאָס מאָראַלישע געפיהל; און אַ חוץ דעם איז עס קעגען דער נאַטירליכער צוכטוואַהל.

אויף דעם האָב איך צו געבען עטליכע ענטפערס:

ערשטענס איז פאַלש די טענה, אז די קינסטליכע אַנגריפען פון דעם מענש אויף דעם לעבען פון דער נאַטור האָט ניט קיין קיום. ווען דאָס וואָלט געווען אמת וואָלט די ערד היינט־צוטאָג נאָך געווען אַן אורוואַלד און אַ גרויסער טייל פון דער חיות־און פלאַנצען־וועלט וואָלט זיך ניט געקאָנט צופּאַסען צו די נויטען און וואונשען פון דעם מענש. אונזערע לאַנקעס און פעלדער, אונזערע גערטנער און הויז־חיות וואָל־טען אויסגעטרוקענט און אויסגעשטאָרבען, אַנשטאָט צו געבען פּרות און זיך פערמעהרען ווי זיי טון דאָס איצט. דער נאַטור־פאָרשער איז איצט אמת פערזאָרגט פאַר דער צוקונפט פון די זעלטענע און אינטע־רעסאַנטע ווילדע חיות און פויגלען, וועלכע ווערען מין נאָך מין, פוינאַ נאָך פוינאַ און פלאָראַ נאָך פלאָראַ כסדר פערטיליגט פון דער אונ־רחמנות'דיגער און עגאָיסטישער מענשליכער האַנד און, אז זיי זאָלען ניט פערשווינדען פון דער ערד. אומזיסט זוכט ער מיטלען כדי אויף וויפיל ניט איז איינצוהאַלטען די דאָזיגע ארבייט פון צושטערונג.

מיר האָבען בעוויזען, אַפטמאָל אפילו מיט אַ ברוטאַלער, קאַל־טער האַנד צום שאַדען פון דער קונסט און דער פּאָעזיע, אז מיר זענען בבח מי טערפּאַלג זיך אריינצורייסען אין דער מאַשינעריע פון דעם נאַ־

טור און אפילו אין דער נאטור פון אונז גופא. א חוץ דעם געהערט אונזער „קינסטליך" ארייגרייסען־זיך, אלס א טייל פון אונזער גע־הירן־לעבען, אויך צו דער נאטור, אזוי אז דער הפרש צווישען נאטיר־ליך און קינסטליך איז בלויז א זעהר רעלאטיווער.

איך וויל זיך דא ניט צוריקקערען צו דעם ענין פון עטיק. אין קאפיטעל 15 האב איך גענוג געוויזען אויף וואסערע פערבלאנדזשעטע וועגען אונזער איצטיגע סעקסועלע מאראל געפינט זיך, און אין שייכות מיט קאפיטעל 14, האב איך בעוויזען אז היינט־צוטאג נויטיגען מיר זיך אונבעדינגט אין די אנטי־קאנצעפציאנעלע מיטלען צו רעגולירען די שוואנגערשאפט און אויף דעם אופן צו בעשאפען אן אמת'ע סאָ־ציאלע סעקסועלע מאראל.

וואס איז שייך דער עסטעטישער טענה, שיינט זי ביים ערשטען בל'ק צו האבען אביסעל ממשות. אבער מכח געשמאק־זאכען דארף מען זיך ניט צופיל האמפערען. ברילען זענען זיכער ניט איבעריג עס־טעטיש; פונדעסטוועגען קאן מען ניט זאגען, אז די פאעזיע פון דער ליבע האב זעהר א סך געליטען פון דעם וואס מען טראגט ברילען. און אין פאל מען איז קורצזיכטיג אדער ווייטזיכטיג קאן מען אהן די ברי־לען היינט מעהר ניט אויסקומען. אויך גרויסע קינסטלער טראגען ברילען. דאס אייגענע איז מיט קליידער, מיט פאלשע ציין, מיט דעם ביציקעל און מיט הונדערטער אנדערע קינסטליכע הילפסמיטלען, וועל־כע דער מענש נויטיגט. כל זמן זיי זענען ניי און מען איז צו זיי ניט צוגעוואוינט פערוואונדען זיי אונזער עסטעטיש געפיהל. ווערט מען אבער מיט זיי געוואוינט, טראכט מען פון זיי מעהר ניט. אפילו דעם קארסעט, וועלכער צוקריפעלט דעם ברוסטקאסטען, און די שפיציגע שיך, וועלכע צידרעהען דעם פוס, בעטראכט מען פאר עסטעטיש!! איך בין זיכער, אז דער ערשטער מענש, וועלכער האט זיך אויפגעזעצט רייטען אויף א פערד, האבען זיינע מיטמענשען בעשולדיגט אין בע־געהען אן אונעסטעטישע האנדלונג!

פון אן עסטעטישען שטאנדפונקט קאן מען סיי ווי סיי איז די דעטאלען פון דעם געשלעכטס־פערקער עפעס נאך געפינען וואס איז ניט צופיל עסטעטיש, און אזא באמת אונבעדייטענדער צוזאץ ווי א קאנדאם קאן שווערליך פערגרעסערען די עברה קעגען דער עסטעטיק. אז עס זאל אזש ארויסרופען אזא ערעגסט. ביים ציוויליזירטען מענש

איז דאָס אויסטון זיך פאַר דעם געשלעכטס־פּערקער סיי ווי סיי אַ קינסטליך צונרייטען־זיך. און אַזאַ קליינער צוזאַץ צו דעם צוגרייטען־זיך שטערט ניט די געפיהלען נאָכדעם ווי מען געוואוינט זיך דערצו. מיט מיין בעסטען ווילען קאָן איך דעריבער ניט זעהען די ממשות׳־דיגקייט אין אַזוינע טענות. וועלכע איך שרייב צו דער עיקר צו דעם פאָרורטייל קעגען אַלעם צו וואָס מען איז ניט געוואוינט.

קאפיטעל XIX.

א בליק אויף צוריק און די צוקונפטס־אויסזיכטען.

אוטאפיעס קאן מען אנרופען אזוינע אידעאלע פלענער, וועלכע די מענשליכע פאנטאזיע האט אויסגעוועבט פאר דעם צוקונפטיגען וואוילזיין פון דער מענשהייט, וועלכע האבען ניט קיין ממשות'דיגען און געזונדען פונדאמענט, זענען אין הפוך צו דער מענשליכער נאטור און צו די רעזולטאטען פון די מענשליכע ערפארונגען, און דעריבער האבען זיי ניט קיין אויסזיכט צו האבען ערפאלג. מענשען מיט א קאנזערוואטיווען פיליסטער גייסט, וועלכע לעבען אין פארורטיילען און אין א גלויבען אין אויטאריטעטען, רופען יעדעם אידעאל וועלכעס איז ניט געווארען בעגלויביגט און פערהייליגט דורך דער געוואוינהייט, מנהגים און אויטאריטעטען, אן אוטאפיע. דאס איז א שווערער טעות וועלכער, אויב מען וואלט שטענדיג געפאלגט אין זיינע וועגען, וואלט ער פון פארויס אבגעהאקט יעדען סאציאלען פארטשריט.

עס זענען פאראן צוקונפטס־אידעאלען וועלכע קאנען מקוים־ווע־רען און פון וועלכע די פערגאנגענהייט האט ניט געוואוסט. איז דעם דאזיגען פרט האט בן עקיבא ניט געהאט רעכט ווען ער האט געזאגט: „אין חדש תחת השמש“ (עס איז ניט דא קיין נייעס אונטער דער זון). דער אינטערנאציאנאלער וועלט־פערקער, די פעראייניגונג פון דער פאסט איבער דער גאנצער וועלט, די אבשאפונג פון דער לייב־שקלא־פעריי, די קינסטליכע ערנעהרונג פון ניי־געבוירענע קינדער, דער טעל־לעפאן, דער דראטלאזער טעלעגראף, די לופט שיף, א. אז. וו. זענען שוין פערווירקליכטע פארטשריטען, וועלכע האבען פריהער אפילו ניט

פאַרבייגעשוועבט פאַר דער מענשהייט. ווער שמועס'ט שוין פון שיינען אלס דורכפירבאַר. היינט, פאַרוואָס זאָלען צ. ב. אַ וועלט־שפּראַך און די אָבשאַפונג פון מלחמות צווישען ציוויליזירטע פעלקער זיין אוטאָפּיעס? די פערשידענסטע ראַסען רעדען ענגליש און אלע וואָלטען זיך געקאָנט אויסלערנען עספּעראַנטאָ. אין די גרעניצען פון אזוינע גרעסערע לענדער ווי דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָבען שוין פון לאַנג אויפגעהערט די פריהערדיגע לאָקאַלע מלחמות צווישען בעזונדערע טעריטאָריעס, די פעאָדאַלע מלחמות, א. אז. וו. (און אין דער שווייץ אפילו צווישען שטעדט און קאַנטאָנען). פאַרוואָס זאָל אָבער זיין אונמעגליך נאָך אַ ברייטערע פעריייניגונג צווישען די מענשען? נאַר דער פאָרורטייל קאָן אויפשטעלען אזוינע בעהויפּטונגען.

פאַרוואָס זאָל, אויף דעם סאָציאַלען געביט, זיין אַן אוטאָפּיע די אָבשאַפונג פון די נאַרקאָטישע טובסטאַנצען, די גענוסמילטען, יענע וועלכע פערגיפטען גאַנצע פעלקער, ווי דער אַלקאָהאָל, דער אָפּיום, האַשיש, א. אז. וו.? און פאַרוואָס איז אַן אוטאָפּיע די סאָציאַליסטישע פאָדערונג פון אַן עקאָנאָמישער רעפאָרם, צ. ב. פון אַ קאָ־אָפּעראַטיווען סיסטעם, ד. ה. אַ גערעכטערע, פולע בעלוינונג פאַר דער ארבייט? איך קאָן דאָס ניט זעהען. דאָס זענען אַבסאָלוט מענשען־מעגליכע זאַכען, נאָך מעהר, נויטיגע איינפירונגען פאַר דער נאַטירליכער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. בלויז דער פאָרורטייל פון די אַלטע מנהגים, וועלכער האַלט זיך אויף דעם יסוד פון פער'עקשנ'טע און בלינדע געפיהלען, שטעלט זיך דאָ אַנטקעגען די דאָזיגע אידעאַלען און לאַכט זיי אָב אלס אוטאָפּיעס; אין זיין איינגענער קורצזיכטיגקייט זעהט ער ניט די ענדערונגען פון דעם סאָציאַלען לעבען פון די מענשען איבער דער גאַנצער וועלט, אדער ער אונטערשאַצט זייער ווערט, און ער קאָן זיך ניט אָברייסען פון זיינע אַלטע אָבגעטער.

און לסוף, פאַרוואָס זאָלען ראַציאָנאַלע רעפאָרמעס אין דעם סעקסועלען געביט זיין גרעסערע אוטאָפּיעס איידער די שוין אזוי ערפאָלגרייך דורכגעפירטע קינסטליכע ערנעהרונג פון נייגעבוירענע קינדער וועלכע די מוטערס קאָנען ניט זויגען, איידער די היינטיגע טריומפען פון דער כירורגישער קונסט, איידער די סעראָטהעראַפּיע, דאָס פּאָקען שטעלען, א. אז. וו.? אזוי גוט ווי קורצזיכטיגע און ווייטזיכטיגע טראָגען ברילען, ווי מענשען וואָס האָבען פערלוירען זייערע ציין נוצען

קינסטליכע צייו, פונקט אזוי גוט קאנען מענער וואס זענען קראנק בירושה אנטון א קאנדאם ביים געשלעכטס-פערקער, כדי צו פערהי־טען דאס געבוירען־ווערען פון קינדער, און מיט דעמזעלביגען מיטעל געבען דער פרוי די נויטיגע צייט צו קומען צו איהר געזונד צווישען איהרע ענטבינדונגען.

אין "דאס סעקסואללעבען אונזערער צייט", 6טע און 7טע אויפ־לאגע, זייט 247, גיט איבער י. בלאך א זעהר אינטערעסאנטע און פינקטליך צוזאמענגעשטעלטע סטאטיסטיק פון איבער 100 הייראטען פון אלע שטאנדען אין וויען, וועלכע זענען אונטערזוכט געווארען פון דר. אנטאן י. העפפינגער („די שיקזאלע דער פרויען אונד די פראס־טיטוציאן אים צוזאמענהאנג מיט דעם פרינציפ דער אונויפלעזבאר־קייט דער קאטאלישען עהע עטצ.", לייפציג 1847). צווישען זיי האָ־בען זיך געפינען:

48 אונגליקליכע הייראטען,
36 גלייכגילטיגע הייראטען,
15 אהן ספק גליקליכע הייראטען,
1 טוגענדהאפטע הייראט,
0 טוגענהאפטע און ארטאדאקסישע הייראט.
30 פון די פרויען זענען געווען אונגליקליך צוליב זייערע מענער,
12 זענען אליין געווען שולדיג אין זייער אונגליק.
א חוץ דעם זענען פון די אייגענע 100 הייראטען געווען:
14 אבזיכטליך אונמאראלשע הייראטען,
51 אויסגעלאסענע און לייכטזיניגע הייראטען,
2 פולשטענדיג פערטרויענסווערטע הייראטען.

גראסס־העפפינגער האט שפעטער אויף דעמזעלביגען אופן ווי־דער אונטערזוכט 200 פאלען (צוזאמען 300) און די רעזולטאטען זע־נען כמעט דיזעלביגע. די ליסט פון איטליכען בעזונדערען פאל זעהט אויס נאך טרויעריגער, אפטמאל פשוט צו פערצווייפלען. און פונ־דעסטוועגען זענען די פאדערונגען פון דעם מחבר זעהר בעשיידען ארום א העלפט פון אלע הייראטען איז אבסאלוט אונגליקליך, א סך מעהר ווי א העלפט איז בעשיינפערליך דעמאראליזירט. די מאראלי־טעט פון דער קלענערער העלפט בעשטעהט אבער ניט אין א גענענזיי־

טיגער סעקסועלער געטריישאפט. 15% פון די הייראטען פערנעהמען זיך מיט בארדעל־געשעפטען.

די זאך איז אהן ספק ניט איבעראל דורכוים אזוי שלעכט. פונ־דעסטוועגען פאר די גרויסע שטעדט טרעפט דאס בילד לײדער מיינס־טענס דעם נאגעל אויף דעם קאפ. את אזוי זעהט אויס די צבוע'אצקע מאראל פון אונזער מאנאגאמישער קריסטליכער הייראט. און ווער עס וויל זיין ערליך מוז זעהען די נויטינקייט פון א גרינדליכער רעפארם: עס קאן שוין כמעט ניט ווערען א סך ערגער ווי עס איז.

סך־הכל. — לאמיר איצט איבערבליקען די ערשטע אכטצען קא־פיטלען פון דעם בוך:

1.) אין די ערשטע פינף קאפיטלען האבען מיר זיך בעקענט מיט דער נאטור־געשיכטע, מיט דער אנאטאמיע און פיזיאלאגיע פון די געשלעכטס־ארגאנען און מיט דער נארמאלער פסיכאלאגיע פון דעם געשלעכטס־לעבען.

2.) אין קאפיטעל 6 האבען מיר געגעבען (הויפטזעכליך לויט וועסטערמארק) דעם סך־הכל פון דער עטהנאגראפיע און פון דער גע־שיכטע פון די סעקסועלע פערהעלטניסען פון די פערשידענע מענשליכע פעלקער.

3.) אין קאפיטעל 7 האבען מיר געפרופט פון איין זייט אנצו־ווייזען די זאאלאגישע עוואלוציע פון דעם געשלעכטס־לעבען (פילאג־געניע) דורכגעהענדיג די רייה פון אונזערע חיה'שע אור־עלטערן. און פון דער אנדערער זייט בקצור בעשרייבען דעם אינדיווידועלען ענט־וויקלונגס־גאנג פון דעם מענשליכען געשלעכטס־לעבען, פון געבוירען ווערען ביז צום אבשטארבען. דערמיט האבען מיר געוואלט בעקענען דעם לעזער מיט די צוויי ווארצעל־גרופען פון אונזערע אלע סעקסועלע געפיהלען — די גע'ירש'ענטע אדער פילאגענעטישע, און די אינדי־ווידועל דערוואָרבענע און צוגעפאסטע.

4.) אין קאפיטעל 8 האבען מיר געשילדערט די קרענקליכע אויסוואוקסען פון דעם געשלעכטס־לעבען, מחמת זיי רייסען זיך אריין א סך טיפער אין אונזערע סאציאלע פערהעלטניסען ווי מען דענקט געוועהנליך און מחמת, אויב מען וויל זיי ערפאלגרייך בעקעמפען, מוזען זייערע געפארען און זייערע אורזאכען ליגען קלאר פאר אונזערע אוי־גען.

5.) אין די קאפיטלען 9 ביז 18, האבען מיר בעלויכטען דאס שייכות פון דעם געשלעכטס-לעבען צו די וויכטיגסטע מענשליכע ספערען פון געפיהל און אינטערעסען, צו דער סוגעסציע, צום געלד און אייגענטום, צו די דרויסענדיגע בעדינגען פון לעבען, צו דער רעליגיע, צום געזעץ, צו דער מעדיצין, דער עטיק, פאליטיק און דער פאליטישער עקאנאמיע, פעדאגאגיק און קונסט, און מיר האבען געהאלטען אין אויג די געזעלשאפטליכע איינריכטונגען און מנהגים וועלכע שטעהען מיט זיי אין א צוזאמענהאנג.

אויב מיר מאכען א סך-הכל פון אונזערע רעזולטאטען, קאנען מיר פון זיי צוזאמענשטעלען א רייה פון שלוסען וועלכע מיר וועלען צוטיילען אין צוויי גרופען:

א. נעגאטיווע אויפגאבען.

דירעקטע אדער אינדירעקטע אורזאכען פון סעקסועלע איבלען, און זייערע ענטשפרעכענדע סאציאלע אויסגלעלאסענקייטען, די אבשאפונג פון וועלכע איז א נויטיגקייט.

דער זומפ, אין וועלכען א האלב-ציוויליזירטער צושטאנד האט אריינגעווארפען די מענשהייט, דערמיט וואס ער האט אהן א ערד פערגרינגערט דאס דערגרייכען פון די מיטלען צו בעפרידיגען איהרע לייכטזיניגע און נימי בעגרעניצטע ליידענשאפטען פאר פערגעניגענס. ווערט טאקע אויפגעהאלטען פון די דאזיגע ליידענשאפטען גופא, און אין דערזעלביגער צייט ווערט ער אויסגענוצט פון מעכטיגע געלד אינטערעסען. כסדר אבער קאן דאס ניט-בעגרעניצטע איבערגעבען זיך פון דעם יחיד צו כל'ערליי תענוגים זיך ניט פערטראגען מיט דעם וואוילזיין און בעשטאנד פון דער געזעלשאפט. אט דא ליגט דער קנופ פון דער גאנצער שוועריגקייט. קעגען יענע ליידענשאפטען פאר פערגעניגענס מוז מען אויפשטעלען קינסטליכע צוימען, דורך א בעסערער סאציאלער ארגאניזאציע, און עס מוז אויפגעהויבען ווערען די סאציאלע קוואליטעט, ד. ה. דער אלטרואיזם אדער דער סאציאלער אינסטינקט פון די מענשען. אט שוין באלד קאנען מיר בלויז דערגרייכען דאס ערשטע. דאס צווייטע אבער, ווי מיר האבען געזעהען, קאן צוגעגרייט ווערען פאר דער צוקונפט: מיר טארען ניט

ארויסלאזען פון אויג קיינעם פון דיביידע פאקטארען פון דער סאַציאלער רעטונג.

מיר האבען זיך בעקענט מיט די וויכטיגסטע ווארצלען פון דער סעקסועלער דעגענעראציע, וועלכע די דאזיגע האלבע ציוויליזאציע האט אונז בעשערט. מיר זאגען „האלבע ציוויליזאציע" מחמת אין דער אמת'ן איז אונזער היינטיגע ציוויליזאציע נאך גאר ניש'קשה'דיג ניט פערענדיגט, און האט אייגענטליך ניט מעהר ווי אויבערפלאכליך אנגערירט די ברייטע פאלקמאסען. אמת העכערע קולטור־מענשען זענען א סך בעסער איבערגעקומען די קינדער־קראנקהייטען פון דער ציוויליזאציע איידער די ניט־געבילדעטע מאסען. און דער דאזיגער פאקט דארף אין אונז אויפוועקען מוט און צוטרויען פאר א צוקונפט אין וועלכער די אמת'ע העכערע קולטור וועט זיין א מתנה פאר אלע מען. די אויפגעדעקטע ווארצלען פון דער סעקסועלער דעגענעראציע זענען טיילווייז דירעקט און טיילווייז אינדירעקט פערבונדען מיט דעם געשלעכטס־לעבען. מיר מוזען קעגען אלע דערקלערען א מלחמה פון פערניכטונג, און דעם דאזיגען קאמף ניט אויפהערען, ביז מיר וועלען זיי לכל הפחות רעדוצירען צו זייער פרימיטיוו און אנטירליך מינימום. די פאלגענדע זענען די וויכטיגסטע:

1. דער קולט פון געלד. — מיט דעם ערשטען קוואל פון דער סעקסועלער דעגענעראציע האבען מיר זיך בעקענט אין דער היסטאַרישער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט און איהר געשלעכטס־לעבען (קאפיטעל 6 און 10). ער בעשטעהט אין דער עקספלואטאציע פון איין מענש דורך דעם אנדערען, אין דעם בעגער אהן שווערע מיה צו דערגרייכען צו עשירות און מאכט, וועלכע ווערען די אורזאך פון דער רויב־הייראט, פון דער קויף־הייראט, פון דער פראסטיטוציע און פון אלע היינטיגע ראפינירטקייטען, מיט וועלכע ווידער עס ווערט גע־האדעוועט און געציכט די ליידענשאפט פאר סעקסועלע פערגעניגענס. מיט דער הילף פון די אלע מיטלען וועלכע די מאכט פון געלד קאן נאר קריגען.

עס איז ניט אמת וואס די כהנים פון מאמאן זאגען, אז זייער גאט, דאס גאלדענע קאלב, איז די שטארקסטע טרייבקראפט צו דער ארבייט און, דער עיקר־אויפבויער פון דער קולטור. מיר זעהען גראד

דעם הפוך. געניאלע פארשערס, דענקערס, ערפינדערס און קינסטלערס ווערען געטריבען צו ארבייטען דורך זייער ליבע צום אמת, דורך זייערע אידעאלע אינסטינקטען. דערנאך אבער קריכען ארויס די כהנים פון דעם גאט מאמאן פון זייערע שווארצע בעהעלטעניששען, פון וואנען זיי האבען געלויערט אויף זייערע ענטדעקונגען און שאפונגען, און רויבען פון זיי אוועק ניט בלויז די פרוכט פון זייער ארבייט, כדי זיך אליין צו בעלאדען מיט עשירות, נאר אפטמאל אויך זייער פערדינטען כבוד, און בעפוצען זיך אליין מיט איהם. די גייסטיגע גנבה איז אן הוספה צו דער געלד-גנבה; דאס זענען די העלדישקייטען פון „מאַמאָניזם".

און וואסערע חריפות, וואסערע ראפינירטקייט ער בעוייזט דער־ביי! דאס הייסט עס זאל זיין דער איינציגער סטימולאנט צו דער מענשליכער ארבייט און צו דער קולטור! ניין, עס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל. אמת, די שארפע קאנקורענץ צוליב דער מענשליכער זשעדנע־קייט טרייבט צו א פיבערהאפטער ארבייט. אבער דאס דאזיגע פי־בער, וועלכעס איז מייגסטענס פערבונדען מיט דער ליידענשאפט פאר געַנוּס, און ארבייט כמעט נאר בכדי צו קריגען די מיטלען פאר דער בעפרידיגונג פון די דאזיגע ליידענשאפטען, איז א קרענקליך שטרע־בען. אנדערע טרייב־כחות מוזען אנקומען און סטימולירען די מענש־ליכע ארבייט, און צום גליק זענען פאראן אזוינע כחות. מען מוז זיי נאר זוכען, מחמת אהן ארבייט עקזיסטירט ניט קיין קולטור, קיין סא־ציאלער פארטשריט און קיין גליק.

דער קולט פון דעם גאלדענעם קאלב, דאס בענוצען די אנגעזא־מעלטע עשירות אלס א מיטעל כדי צו עקספלואטירען די ארבייט פון אנדערע מענשען פאר עגאיסטישע אינדיווידועלע צוועקען, איז דע־ריבער דער ערשטער הויפטווארצעל פון דער סעקסועלער דעגענערא־ציע, פון דער קויף־הייראט, געלד־הייראט, פראסטיטוציע און די גאנצע קארופציע פון אלעם און אלע וואס זענען מיט זיי פערבונדען. אויב דער דאזיגער ווארצעל וועט ניט זיין אויסגעריסען, וועט די מענשהייט קיינמאל ניט זיין בכח צו בעשאפען א געזונד סעקסועל לעבען. דער קאמף קעגען דעם מאדערנעם מאנטשעסטערטום, ד. ה. קעגען דעם איבערגעטריבענעם געזעצליכען רעכט פון דעם קאפיטא־ליסט, דאס רעכט וועלכעס פירט צו אלע מיסברויכען, — דער דאזי

גער קאמף איז די ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאבע כדי אויסצוריי־ניגען, הגם אויף אן אינדירעקטען וועג, אונזערע סעקסועלע פערהעלט־ניסען.

2. דער געברויך פון נארקאטישע מיטלען. — די געוואוינ־הייט צו געניסען נארקאטישע גיפטען, בעזונדערס אלקאהאל, פירט, ווי מיר האבען דאס געזעהען אין קאפיטעל 8 און אין די קאפיטלען 10 און 11, צו א שווערער פיזישער און מאראלישער דעגענעראציע פון די מענשען, און ניט בלויז פון זיי אליין, נאר אויך צו א דעגענעראציע פון זייערע זאמען־צעלען און דורך דעם פון זייערע קינדער. איך האב דאס אנגערופען ב ל א ס ט א פ ט ה א ר י ע. די בלאסטאפטהאריע איז אבער ווערליג איהר נאטור ענג פערקניפט מיט דעם סעקסועלען פערנאמען, און דעריבער קאן די ווירקונג פון די דאזיגע גיפטען דורך איין אינדיווידיום אריבערגעהען אויף א סך דורות.

דא איז בלויז פאראן איין ראדיקאלע רפואה וועלכע מען וואלט לייכט געקאנט בענוצען ווען די מענשען וואלטען ניט געווען אזוינע בלינדע שקלאפען, פון איין זייט צו זייערע געוואוינהייטען און פאר־ורטיילען, און פון דער אנדערער זייט צום געלד און צו זייער גענוס־זוכט. אלע נארקאטישע מיטלען, קודם כל דער אלקאהאל, זאלען אב־געשאפט ווערען אלס גענוס־מיטלען, און מען זאל זיי בלויז ערלויבען אין דער אפטייק וואו זיי זאלען נאר געברויכט ווערען אלס רפואה. דער אלקאהאל קאן אויך געברויכט ווערען פאר אינדוסטריעלע צוועקען. דער נארקאז פאראליזירט דאס געהירן, אפילו ווען מען געברויכט איהם אין א בכבוד׳דיגער פארם און אין די שוואכסטע גראדען: תחלת מאכט ער לויז די צונג, אבער ווי עס איז בעוויזען געווארען, צושטערט ער די פערבינדונגען פון די געדאנקען און מאכט זיי אויבערפלאכ־ליכער, אהן אז דער מענש זאל דאס בעמערקען: מאמענטאן רופט ער ארויס אן אנגענעמע שטימונג צו וועלכער דער מענש געוואוינט זיך גיך צו, און וועלכע בעשאפט אין איהם א שוואכערען אדער שטאר־קערען אפעטיט צו דעם ביטערען טראפען און טרייבט איהם אין זיין פערבלענדעניש און שוואכקייט אלעמאל מעהר און מעהר צו דעם דאזיגען בערוישונגס־מיטעל.

די מיינסטע פון יענע מיטלען, ווידער בעזונדערס דער אלקאהאל

רייצט צוערשט אלעמאל דעם געשלעכטס-טריב, אפטמאל אויף א בעס־טיאלישען אופן, און פירט איהם צו די שמוציגסטע און ווידערליכסטע עקסצעסען, טראץ דער אבגעשוואכטער פאטענץ. זייער געגנום האט ניט קיין אמת'ן נוצען, אדרבה, ער פירט בלויז צו די שרעקליכסטע אינדיווידועלע און סאציאלע שאדענס.

די אבסטינענץ פעריינען האבען אונטערנעמען א פערניכטונגס - קאמף קעגען דעם געברויך פון אלע געגנום - מיטלען, אויף וויפיל די ערפארונג האט בעוויזען אז זיי זענען א סאציאלע געפאר. לאמיר האפען, אז זיי וועט געלונגען אין די קומענדיגע יאהרען דעם דאזיגען קאמף צו קרוינען מיט ערפאלג, ווי דאס איז זיי שוין געלונגען אין עטליכע צפון-לענדער. דעמאלט וועט מען האבען ארויסגעריסען א צווייטען הויפטווארצעל פון דער דעגענעראציע פון דעם געשלעכטס-טריב און פון דעם געשלעכטס-לעבען.

3. די בעפרייונג פון דער פרוי. — א דריטער קוואל פון די סעקסועלע אבנארמאליטעטען און אוננאטירליכקייטען קאן נאר דעמאלט אויסגעטרוקענט ווערען ווען די פרוי וועט קריגען דיזעלביגע רעכטען ווי ס'ם דער מאן. ביי קיין חיה איז די זי א געגענשטאנד וועלכען דער מאן בעזיצט. אין ערגיץ ניט אין דער נאטור געפינען מיר דאס שקלאפישע געזעץ וועלכעס אונטערווארפט איין געשלעכט קעגען זיין ווילען צום אנדערען. אפילו ביי די מוראזשקעס איז דער ער, וועלכער איז זעהר א סך אבהענגיג, צוליב זיין גרויסער פיזיאלאגישער מינדערווערטקייט, פון דעם ארבייטער, ניט אונטערגעווארפען צו קיין שום צוואנג און וואלט זיך באלד געקאנט בעפרייען ווען ער וואלט עס נאר געקאנט וועלען. די טענה אז דער מאן שטעהט גייסטיג העכער פון דער פרוי, האבען מיר שוין פריהער בעוויזען אלס פויל און נישטיג.

די עמאנציפאציע פון די פרויען וויל ניט פון די פרויען מאכען מענער, נאר זי וויל זיי צוריקגעבען זייערע מענשליכע, איך וואלט אפילו געזאגט, זייערע חיה'שע נאטור-רעכטען. זי וועט די פרויען אויף קיין שום אופן ניט אוועקנעהמען פון דער ארבייט אדער זיי פון איהר אבגעוואוינען. פונקט ווי די פרויען זאלען ניט פערצויגען ווערען ווי שוים-הינטלעך, פונקט אזוי זאלען זיי ניט געהאדעוועט ווערען כדי

זיי צו ברוטאליזירען ווי לאסט־חיות פאר די מענער. זיי זאלען קריגען די זעלבסטשטענדיגע פאזיציע וועלכע שטעהט אין זעלביגען ערך צו זייער נאטירליכער אויפגאבע אין דער געזעלשאפט.

גראד זייער סעקסועלע ראלע איז אזוי אמת ערענסט, אזוי בעצם וויכטיג, אז זי גיט זיי דאס רעכט צו גרויסע פאדערונגען אין סאציאלען לעבען. איך וויל דא ניט איבער׳חזר׳ען וואס איך האב געזאגט אין קאפיטעל 13, נאר איך וויל דערקלערען קורץ און שארף אז, ווען די פרויען וועלען אין דער געזעלשאפט האבען געווינען זייערע רעכטען און פליכטען (עס פערשטעהט זיך ווערליג דעם געשלעכטס־אונטערשיד) גלייך צו די רעכטען און פליכטען פון די מענער, ד. ה. ווען זיי וועלען אויף זייער אופן און לויט זייער וייבליכען געניוס פונקט אזוי בעשטימענדיג ווירקען אויף דעם גאנג, אויף דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט ווי די מענער, וועט דעמאלט זיין אויסגעריסען נאך א הויפטווארצעל פון די היינטיגע סעקסועלע איבלען. די פולשטענדיגע עמאנציפאציע פון דער פרוי איז דעריבער אונזער דריטער וויכטיגער פאסטולאט; דערין זענען מיר פולשטענדיג איינפערשטאנען מיט אזוינע מענער ווי צ. ב. וועסטערמארק און סעקרעטאן.

ווי מיר האבען שוין געזאגט אין די קאפיטלען 13 און 17, איז דער אונטערשיד צווישען בײדע געשלעכטער ניט קיין אורזאך, אז דער מאן זאל אליין פאר זיך צונעהמען די סאציאלע און פאליטישע רעכטען. די דרויסענדיגע וועלט און אונזערע מיטמענשען, דאס הייסט די געגענשטאנדען פון וועלכע און פאר וועלכע, א חוץ פאר זיך, מיר לעבען גייסטיג און קערפערליך, זענען פאר בײדע געשלעכטער די אייגענע. אפילו ווען די גייסטיגע פעהיגקייט פון איין געשלעכט איז דורכשניטליך אביסעל העכער איידער פון אנדערען, גיט דאס דעם ערשטען ניט קיין רעכט דעם צווייטען אבצוזאגען די פרייהייט צו לעבען פון דעם סאציאלען שטאנדפונקט ווערליג זיינע אייגענע פעהיגקייטען. אז עס איז דא א חלוק צווישען בײדע געשלעכטער איז זיכער אמת; אבער יעדע געזעצליכע און דעריבער קינסטליכע בעשרענקונג פון איין געשלעכט דורך דעם אנדערען, מיינט א שטערונג אין דער פרייער ענטוויקלונג פון בײדע, מחמת יעדעס געשלעכט האט דאס הייליגע נאטור־רעכט אויפצופאסען די וועלט פריי און זי צו פערדייען לויט זיין אייגענעם גייסט, און אויף דעם

דאזיגען אופן צו ענטוויקלען זיין פערזענליכקייט, כדי ניט צו ווערען פערוועלקט ווי א חיה אין א שטאל. נאר דאס רעכט פון דעם שטארקערען, וועלכער האט זיך געהאדעוועט אויף נארישע אונבע־וואוסטע פארורטיילען, קאן דאס דאזיגע אבלייקענען אדער ניט בע־גרייפען. די געזעצליכע בעשרענקונגען וועלכע מיר צווינגען ארויף אויף דער פרוי, די פרוי וועלכע טוט אונז ניט קיין שאדען, האבען אין דער אמת'ן קיין שייכות ניט מיט די גערעכטע בעשרענקונגען וועלכע דאס געזעץ מוז אויפשטעלען קעגען די אנגריפען פון דעם אינדיווי־דועלען עגאיזם, אויף אזוי ווייט ווי די דאזיגע אנגריפען זענען להפוך די רעכטען פון אנדערע מענשען אדער פון דער געזעלשאפט.

4. פארורטייל און טראדיציע. — נאך אן אנדערער שונא הויבט זיך אויף קעגען אלע רעפארמען: דער דאזיגער שונא ליגט אבער אזוי טיף אין דער מענשליכער נאטור, אז מען קאן נאר האפען אויף זיין שטאפעלדיגער אבשוואכונג בלויז דורך א כסדר'דיגער אויפ־הויבונג פון דער מענשליכער קוואליטעט. איך האב דא אין זין די בערג פון טראדיציאנעלע מנהגים, פארורטיילען, מיסטישע אבער־גלויבענס, רעליגיעזע דאגמעס און דגל. מיר וואלטען געמוזט אויספי־לען א סך, א סך זייטען מיט מאראלישע דרשות ווען מיר וואלטען געוואלט אויסרעכענען די אלע אויסגלאסענקייטען וועלכע ווערען אהן אן אויפהער בעשאפען און אויפגעהאלטען פון דער אונגליקליכער מענשליכער טבע יעדען אלטען מנהג צו האלטען פאר הייליג און ניט בערירבאר.

דער פארורטייל און דער גלויבען אין אויטאריטעט, דאס „איי־ביג נעכטיגע", דער מיסטיציזם, א. אז. וו., גיבען זייער הילף, אין א בעוואוסטער אדער אונבעוואוסטער היפאקריטסטווע און מיט מעהר אדער ווייניגער דורכזיכטיגע סאפיזמען, צו אלע נידעריגע מענשליכע ליידענשאפטען — קנאה, שנאה, פוסטע גאוה, קארגשאפט, סעקסו־עלע אויסגלאסענקייט, בערעדריי, הערשזוכט, פוילקייט, א. אז. וו. — כדי אויף זיי ארויפצוציהען דאס ווירדיגע געוואנד פון הייליגע אלטע מנהגים און צו סאנקציאנירען זייער געזונקענקייט שטיצענדיג זיך אויף אלטע אויטאריטעטען. עס איז ניט פאראן קיין שענדליכ־קייט וועלכע איז ניט אויף דעם דאזיגען וועג געווארען גערעכטפער־

טיגט, פערהייליגט און אפילו פערגעטערט. איך וועל קיינמאל ניט פערגעסען די דיסקוסיע וועלכע איך האב געהאט אויף א טראנסאט־לאנטישער שיף מיט קאטאלישע אדעלליים, פראנצויזען, א דיסקוסיע וועלכע האט זיך געצויגען עטליכע טעג נאכאנאנד. מיט אן אונגלויב־ליכער עקשנות האבען די דאזיגע מענשען פערטייטיגט די שענדליכ־סטע סעקסועלע עקסצעסען און אויסגעלאסענקייטען, די גרעסטע פא־ראדאקסען, אונגערעכטיגקייטען און אבסורדען. א זייטיגער מענש אהן פארורטיילען וואלט זיך פון אנהויב געקאנט פרעגען אויב זיי מאכען ניט קיין שפאס. אבער ביי זיי איז דאס געווען א הייליגער ערענסט, פונקט אזוי ערענסט ווי די אנהענגער פון דועל פערטייטיגען זייער נארישען כבוד.

איך בין איבערצייגט אז בלויז די איינפירונג פון א וויסענשאפט־ליכען גייסט, פון א געזונד אינדוקטיוו און פילאזאפיש דענקען אין די שולען און בכלל צווישען די מאסען פון פאלק, אז נאר און נאר דאס אליין וועט קאנען ביז א געוויסען שטאפעל גובר־זיין די פוסטע פלוי־דערייען און די נארישע איבער׳חזר׳ונגען און רוטינעס, וועלכע זענען איינגעווארצעלט אין דעם יראת הכבוד פאר פארורטיילען און אלטע הייליגע פסוקים.

מיר האבען שוין גענוג ארומגערעדט די פארורטיילען און די אב־געלעבטע מדות און מנהגים וועלכע מען דארף בעקעמפען אין דעם סעקסועלען געביט, און מיר ווען זיך צו דעם דאזיגען ענין ניט צוריקקערען. די דאזיגע גאנצע קאטעגאריע פון אורזאכען פון דעם איבעל, א קאטעגאריע וועלכע שפילט א חוץ דא, אויך א געוואלדיגע ראלע אין אלע איבעריגע געביטען פון דעם מענשליכען לעבען, קאן העריבער נאר בעקעמפט ווערען מיט די וואפען פון דער אמת׳ער וויסענשאפט און פון א פרייער אלזייטיגער ערציהונג פון דעם כאראק־טער פון דער יוגענד. איך וויל דא נאך אמאל בעטאנען די נויטיג־קייט פון אזא קאמף. עס איז דעריבער נויטיג, אז די וויסענשאפטס־מענער און געלעהרטע זאלען אלעמאל ארויסקומען פון זייער קדשי־קדשים און מיט זייער לאטערנע ארייגלייכטען אין די נאך אזוי טונ־קעלע ווירבעל־שטראמען פון דער מענשליכער געזעלשאפט. זיי מוזען טון זייער חלק ארבייט אין דעם סאציאלען קאמף שוין דערפאר אליין בכדי צוליב לויטער פראפעסיאנעלער געלעהרזאמקייט ניט צו פער־

לירען דעם חוש פאר דאס וואס איז און וועט אייביג זיין מענשליך.

די פאלגענדע פאסטולאטען האבען א שייכות מעהר צו טיילווייזע אדער לאקאלע געפארען אדער אויסוואוקסען.

5. פארנאגראפיע. — אין די קאפיטלען 5, 10 און 18 האבען מיר בעהאנדעלט די פארנאגראפיע, און אין קאפיטעל 17 האבען מיר גערעדט מכח איהר גרויסער געפאר פאר דער ענטוויקלונג פון א נאר־מאל געשלעכטס־לעבען אין דער יוגענד. הגם די פארנאגראפיע פער־דאנקט איהר קיום און איהר ענטוויקלונג ביז א הויכען שטאפעל צו דער מענשליכער זשעדנעקייט, דארף מען אבער פון דער אנדערער זייט ניט פערגעסען, אז איהרע ווארצלען ליגען אין דעם נאטירליכען עראטיזם, און אז בעזונדערס דער מענליכער עראטיזם העלפט איהר קאמערציעלע ענטוויקלונג. עס איז דעריבער, ווי מיר האבען געזאגט, א סאציאלע פליכט צו בעקעמפען די פארנאגראפישע שאפונגען פון אן אונגעזונדיען, נידעריגען און שמוציגען עראטיזם, אזוי גוט ווי דעם עראטיזם גופא אהן דערביי אויף וועלכען ניט איז אופן אויפצושטעלען א צוים קעגען דער אמת'ער קונסט. דער מענשליכער געשלעכטס־טריב איז דורכשניטליך סיי ווי סיי גענוג שטארק, יא מיר קאנען אפילו זאגען צו שטארק, אין פערגלייך צו די סאציאלע בעדערפע־נישען פון בעשאפונג; מען דארף איהם ניט נאך קיצלען און איהם סטימולירען און אויפהויבען דורך אלערליי קינסטליכע מיטלען. דער קאמף קעגען דער פארנאגראפיע מוז דעריבער אויך אויפגענומען ווע־רען אלס א פאסטולאט. מען דארף אבער ניט פערגעסען, אז די פאר־נאגראפיע וועלען מיר גובר־זיין מיט מעהר ערפאלג אינדירעקט, דורך דער ערפילונג פון די פיער אויבען־דערמאנטע פאסטולאטען, און דורך דער אויפהויבונג פון די אידעאלען און פון דעם קונסט־געפיהל איז מענש, איידער דורך דירעקטע אונטערדריקונגס־מיטלען. די לעצטע זאל מען נאר אנווענדען קעגען די ערגסטע אויסוואוקסען פון דער פארנאגראפיע.

6. פאליטיק און דאס געשלעכטס-לעבען. — איך וויל בלויז בקצור נאך אמאל דערמאנען, אז אלע פאליטישע מיסברויכען מצד דעם געשלעכטס־לעבען, אזוי גוט ווי דער מיסברויך פון דעם איינ־פלוס פון די סעקסועלע פאקטארען אין דעם פאליטישען נעריט, אז:

בעזונדערס יעדער אנגריף, יעדע אונגויטיגע אריינמישונג פון דעם שטאאט אין דעם געשלעכטס-לעבען מיט חער הילף פון ניט גערעכטע געזעצען און רעגולאציעס, און אויך אלע ענליכע געוואלט-אקטען קע-גען די נאטירליכע סעקסועלע בעדערפעניסען פון דעם מענש (אין דער הייראט, א. אז. וו.), — אז דאס אלעס מוז בעקעמפט ווערען.

7. **געשלעכטס-קראנקהייטען.** — ווייטער מוז געפירט ווע-רען א שווערער קאמף קעגען די פאטהאלאגישע דעגענעראציעס פון דעם געשלעכטס-טריב און קעגען די ווענערישע קראנקהייטען. מיט די דאזיגע ענינים האבען מיר זיך ברייטער פערנומען אין די קאפיט-לען 8, 10, 13 און 14. צוזאמען מיט דער פאטהאלאגיע פון דעם גע-שלעכטס-טריב מוז מען בעהאנדלען די סעקסועלע פערברעכענס, מחמת כמעט איבעראל האנדעלט זיך דא מכח אבנארמאליטעטען פון דעם מענשליכען געהירן, וועלכע מען קאן ניט אויסבעסערען אדער אבשאפען מיט געוועהנליכע שטראפען אדער אנדערע מאסרעגלען פון דעם שטראף-געזעץ. ווי מיר האבען שוין געזאגט, קאנען פאר דער געגענווארט העלפען בלויז מעדיצינישע און אדמיניסטראטיווע בע-שרענקונגען, וועלכע וועלען בעשיצען די געזעלשאפט קעגען געפער-ליכע און דעגענערירטע מענשען; בעת פאר דער צוקונפט מוז מען די דאזיגע מענשען מעדיציניש בעהאנדלען, ווי ווייט מעגליך פערהיטען זייער פארטפלאנצונג און אונטערדריקען די אורזאכען פון בלאסטאפ-טהאריע דורך דעם וואס מיר וועלען ערפילען אונזער צווייטען פאס-טולאט.

8. **דער קאנפליקט פון די מענשליכע ראסען.** — לסוף קומען מיר צו אן אויסערגעוועהנליך ערענסטען ענין, אן ענין וועלכען מיר האבען שוין בערירט: — ווי אזוי זאל אונזער ציוויליזירטע מענש-הייט בעגעגענען די געפאר ניט איבערגעשוואומען צו ווערען פון נידע-ריגערע מענשען-ראסען א דאנק זייער גרויסער פרוכטבארקייט? די דאזיגע געפאר טאר ניט פערזעהען ווערען. כדי אבער די דאזיגע געפאר ריכטיג אבצושאצען קאן מען ניט פשוט און אהן א חלוק אלע "ווילדע" און „בארבארען" אוועקשטעלען אויף איין זייט, און אלע „ציוויליזירטע" אוועקשטעלען אויף דער אנדערער זייט. דער ענין איז א סך מעהר קאמפליצירט. א סך ווילדע פעלקער שטארבען גיך

אוים ווייל זיי זענען ניט פרוכטבאר. די אייראפעער האבען צווישען זיי איינגעפירט אזוי פיל אויסגעלאסענקייט, שכרות און וועגערישע קראנקהייטען, אז פון זיי ווערט א תל ניט האבענדיג די קראפט די דאזיגע פלאגען בייצוקומען און זיך צו פערטייטיגען קעגען זיי: אזוי איז עס מיט די ווערדאס, די רויט־הויטיגע פון נארד־אמעריקא, אפילו מיט די מאלייער א. אז. וו.

אבער גאנץ אנדערש שטעלט זיך אוועק דער ענין בנוגע צו די נעגערס, וועלכע זענען זעהר ווידערשטאנדס־פעהיג, זענען שטארק פרוכטבאר און פאסען זיך צו איבעראל צו דער ציוויליזאציע. יענע אבער וועלכע גלויבען אז די נעגערס קאנען ווערען א העכערע קולטור־ראסע אהן א פילאנענטישער אומוואנדלונג, וועלכע וועט פערנעהמען א משך פון אונצעליגע טויזענדער יאהרען, זענען אוטאפיסטען. איך וויל זיך דא אין דער דאזיגער דיסקוסיע ווייטער ניט פערברייטען, אבער איך מיין, אז אין דער לאנגער צייט, בעת וועלכער די נעגערס אין אמעריקא זענען געשטאנען אונטער דעם איינפלוס פון אונזער קולטור, האבען זיי געדארפט פון לאנג שוין בעוויזען זייער פעהיגקייט די דאזיגע קולטור זעלבסשטענדיג אויפצוהאלטען און ווייטער אויפצובויען. אנשטאט דעם זעהען מיר, ווי די פריהער ציוויליזירטע נעגערס פון האיטי, נאכדעם ווי מען האט זיי איבערגעלאזען צו זיך, זענען ווידער צוריקגעפאלען אין דער ערגסטער בארבאריי און האבען אפילו בארבאריזירט דאס קריסטענטום וועלכעס זיי האבען דעמאלט איבערגענומען. אין פערגלייך צו דעם זעהען מיר, מיט וועלכער שנעלקייט, אויף דעם יסוד פון זיין איצטיגער איינגעבוירענער ענער־גיע אליין, א קולטור־פעהיג פאלק, ווי די יאפאנעזער, האט אהן דעם קריסטענטום אסימילירט אונזער קולטור, און אויך ווי די זיד־סלאווען ציוויליזירען זיך רעלאטיוו גיך נאכדעם ווי זיי זענען פריי געווארען פון דעם פאנאטיש פאראליזירענדיגען טערקישען יאך.

דעם ווערט פון א בוים דערקענט מען אין זיינע פרות. די יאפא־נעזער זענען א קולטור־פאלק און זיי מוזען בעהאנדעלט ווערען אלס אזא פאלק; די נעגערס אבער זענען דאס ניט, דאס הייסט, זיי זענען פון זיך גופא פעהיג נאר צו א נידעריגען קולטור־שטאפעל.

אויף ווי ווייט די מאנגאלישע ראסע, און אפילו די אידישע רא־סע, קאן זיך אויסמישען מיט די אינדא־גערמאנישע קולטור־פעלקער,

אהן זיי ביסלעכווייז און אויף א פרידליכען אופן ניט צו פערדרענגען און צו פערניכטען, — איז נאך א פראגע וועלכע, אמת, איך קאן שטעלען אבער אויף וועלכער איך בין ניט אימשטאנד צו געבען אן ענטפער. וואלט עס זיך בלויז געהאנדעלט מכח די יאפאנעזער, וואל־טען מיר דעמאלט ניט געהאט קיין שוועריגקייטען; אבער בעזונדערס די כינעזער און עטליכע אנדערע מאנגאלישע ראסען זענען א געפאר פאר דעם קיום פון אונזער ווייסער ראסע, א געפאר וועלכע נאר א בלינדער קאן ניט זעהען. זיי לעבען מיט צוויי אדער דריי מאל וועניגער נאהרונג און לופטרוים איידער מיר, און דערביי איז ביי זיי ליב צו האבען וועניגסטענס צוויי מאל אזוי פיל קינדער, און שווערער צו ארבייטען. עס איז ניט שווער צו זעהען דעם צוזאמענהאנג פון דער דאזיגער פראגע מיט דער סעקסועלער פראגע.

עס קאן זיין אז מען וואלט בעצייטענס געקאנט קומען צו אן אבמאך, א מאדוס וויווענדי, מיט די מאנגאלען, בעזונדערס מיט די כינעזער. מיר האבען יעדענפאלס מעהר מורא צו האבען פאר זייער בלוט איידער פאר זייערע וואפען. אהן ספק, די כינעזער בעזיצען א הויכע אלטע קולטור און א סך טוגענדען וועלכע פעהלען אונז. אין א סך פרטים שטעהען זיי העכער פון אונז. אבער זייער טענדענץ צו פערשלאפענקייט, צו גרויזאמקייט און צו א שרעקליכער פערמעה־רונג, זענען זייערע טרויריגע אייגענשאפטען, וועלכע ווארפען א אור־מעדיג ליכט אויף דער צוקונפט פון דער מענשהייט, אויב די דאזיגע פרידליכע און פלייסיגע ראסע וואלט דורך הונגער אויף א פרידליכען אופן פערטיליגט אלע אנדערע ראסען.

בכדי די דאזיגע גאנצע פראגע ריכטיג צו לייזען דארף מען ניט, ווי דאס טוט דער פראנצויז לע באן, אריינווארפען אין דער וואגשאל אלס פאטאליסטיש פארויסבעשטימט בלויז די גע'ירש'ענטע ראסען־אייגענשאפטען, און דער עיקר, פערקערט ווידער, ניט ערווארטען די גאנצע ישועה פון דער ערציהונג און פון דער סאציאלער ארגאניזא־ציע. ביידע גרופען פאקטארען מוזען פארזיכטיג ווערען בעטראכט און אבגעוואויגען. מען מוז אויך, און דאס איז דער עיקר, עקספערי־מענטירען: ניי־געבוירענע מאנגאלישע קינדער געבען אן אייראפעישע ערציהונג אין אייראפא און זיי שפעטער פריפען אויף זייער קולטור־

ווערט. פונקט אזוי זאלען פארזיכטיג געפריפט ווערען די קינדער פון געמישטע הייראטען צווישען מאנגאלען און אריער.

ב. פאזיטיווע אויפגאבען.

די אבשאפונג פון די איבלען און געפארען וועלכע מיר האבען אנגעוויזען אונטער דעם קעפעל א. נעגאטיווע אויפ־גאבען, וועט צוגרייטען דעם באדען פאר אן אידעאלער און געזונדער ענטוויקלונג פון די סעקסועלע פערהעלטניסען אין דער צו־קונפט. צו דעם איז נויטיג צו פערהיטען די בלאסטאפטהארישע דעגע־נעראציע פון די זאמען־צעלען, און בכלל די פאטהאלאגישע דעגע־נעראציע פון דעם סעקסועלען לעבען. צו דעם זענען אויך נויטיג אמת'ע און נאטירליכע ליבעס־געפיהלען, פריי פון דעם איינפלוס פון געלד און פארורטיילען, וועלכע זאלען זיין בכח אריבערצולעבען דעם סוגעסטיווען ליבעס־רויש. און לסוף איז צו דעם נויטיג א נא־טירליך־מענשליכע רעגולאציע פון די רעכטען און פליכטען פון פא־טער און מוטער אנטקעגען זייערע בעשאפענע קינדער, א רעגולאציע וועלכע זאל זיין צוגעפאסט צו דעם ווילען פון דער געזעלשאפט.

מיר האבען געזעהען, אז די דאזיגע צושטאנדען קאנען ניט ווע־רען דערגרייכט אהן דער הילף פון א קינסטליך מיטעל וועלכעס איז ביז איצט געווארען אדער כמעט פולשטענדיג פערדאמט אדער אניט איז עס געווארען אנגעווענדט פאר שלעכטע קארופטע צוועקען. איך האב דא אין זין די פרינציפיעלע און פראקטיש דורכגעפירטע אונ־טערשיידונג צווישען דער בעפרידיגונג פון דעם געשלעכטס־טריב און דער בעשאפונג פון קינדער.

הגם עס איז אמת, אז די דאזיגע ביידע זאכען זענען ניט צוטייל־באר פערבונדען ביי חיות און פלאנצען, איז עס אבער פונקט אזוי אהן שום ספק אז די קולטור און די געוואלדיגע סאציאלע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט האט איבעראל אויף אונזער קליין וועלטעל ארויסגע־רופען אנדערע בעדינגונגען און נויטען איידער די ביז איצטיגע, וועלכע טרעטען היינט קלאר ארוים פאר יעדענס אויגען.

דער ברוטאלער קאמף פאר דעם דאזיין, ווי ער הערשט צווישען די פערשידענע מינים חיות, עקזיסטירט כמעט ניט מעהר ביי די מענ־שען. דער מענש האט בלויז איצט ערענסט נאך צו קעמפען מיט

באקטעריעס און ענליכע אונענדליך קליינע בעשעפענישען. דער קאמף צווישען מענש און מענש, דאס הייסט דער קאמף צווישען די בעזונדערע כסדר גרעסער ווערענדיגע נאציעס, געהט אויך צו זיין סוף, ווערענדיג געפירט אד אבסורדום. זאלען מיר איצט איבערלאזען די קוואנטיטאטיווע און קוואליטאטיווע רעגולאציע פון אונזער צוקינפטיגער קינדער־בעשאפונג צו דער „נארישער נאטירליכער צוכטוואהל" — וועלכע איז ביים מענש א דאנק דער קולטור געווארען אן אוננאטירליכער ריקשריטס־פאקטאר — דאס הייסט, איבערלאזען צו דעם ברוטאלען צופאל, קראנקהייט, הונגער, מלחמה אדער קינדער־מארד. אין א צייט פון דער מענשליכער עוואלוציע ווען, אדרבה, די וויסענשאפט און די טעכניק בעקעמפען מיט אלץ מעהר און מעהר ערפאלג אלע צופאלס־אונגליקען, קראנקהייטען, קינדער־שטערבליכקייט און הונגער?

אונזער שטארקער געשלעכטס־טריב שטעהט מעהר ניט אין ערך מיט דער נויטיגקייט פון דער בעשאפונג, ניט מיט דער מעגליכקייט צו ערנעהרען אונזערע קינדער, און דער עיקר ניט מיט זייער רעכט אויף אן אנשטענדיג און מענשענווירדיג לעבען, מחמת זיי געהען מעהר ניט אונטער ווי ביי די פריהערדיגע נאטור־פעלקער אלס קרבנות פון קינדער־מארד, עפידעמיעס, ווילדע חיות, פערווארלאזונג אדער מלחמות. אבער עס איז איבער אונזערע כחות צו ענדערען דעם געשלעכטס־טריב גופא, בעת די רעגולאציע און די קוואליטאטיווע אויסבעסערונג פון דער בעשאפונג ליגט ממש אין אונזערע הענד.

קעגען די דאזיגע פשוט'ע און עלעמענטארע ווארהייטען קאן מען ניט אוועקשטעלען קיין פארורטיילען, קיין דאגמעס און קיין אלטע שפרוכען מכח אזוי־גערופענע ניט פערענדערליכע נאטור־געזעצען. דאס וואס מיר האבען ליב צו רופען „נאטור־געזעצען" איז בלויז יענעס וואס פאר אונזער בעגרעניצטער השגה שיינט צו געהען מיט א

סדר אין דער נאטור. מיר פארמולירען דערנאך א געזעץ, פון וועלכען מיר מאכען אפטמאל אן אבגאט, אנשטאט וואס מיר זאלען די ריכטיגקייט פון אזוינע „געזעצען" כסדר האלטען אויף דעם פריפשטיין פון ניידערגאנגענע ווארהייטען. די פאקטען זענען אבער דא און זיי שרייען הויך: די רעטונג ליגט אין אונזערע הענד אין דער פארם פון מיטלען צו פערהיטען און צו קאנטראלירען די שוואנגערשאפט.

מיר מוזען בענוצען די דאזיגע מיטלען, מיט דער קלוגסטער פארזיכטיגקייט פערשטעהט זיך, בלויז דארט וואו זיי זענען נויטיג. בעת פון דער אנדערער זייט מוזען מיר בעטאנען מיט אלע אונזערע כחות די נויטיגקייט צו האבען א ס ך ק י נ ד ע ר דארט וואו די גייסטיגע און מאראלישע קראפט איז פערבונדען מיט דער קערפערליכער געזונדקייט. דאס איז וואס פראנסיז גאלטאן האט אנגערופען י ו ד ז ש ע נ י ק — בעשאפונג פון די גוטע אדער גוטע בעשאפונג. די יודזשעניק איז א נייע קונסט, וועלכע מיר מוזען זיך אויסלערנען אויף א וויסענשאפטליכען פונדאמענט. דא אין דעם דאזיגען פרט זענען מיר דורכוים קעגען די נעא-מאלטהוזיאנער, וועלכע ווילען אהן וואסערען ניט איז אונטערשיד פערקלענערען די צאל פון געבורטען.

ווי מיר האבען געזעהען אין קאפיטעל 14, איז די מענשליכע צוכטוואהל דאס פרינציפ וועלכעס מוז אונז פירען צו א נאך ווייטערע ציל. דעם דאזיגען פרינציפ מוזען מיר שטאפעלווייז אויפנעהמען, ניט דורך א געזעצליכער צוואנג, נאר מיט דער הילף פון אן אלגעמיינער אויפקלערונג. אין שייכות צו דער געשלעכטליכער צוכטוואהל האבען מיר אין קאפיטעל 6 בעוויזען, אז סעקסועל איז די פרוי א סך מעהר וועהלעריש איידער דער מאן, און אז ביי די ווילדע פעלקער ציהט זי פאר פיזישע קראפט און מוט. היינט-צו-טאג, אלס פעולה פון די פערענדערטע מנהגים, קאן מען מערקען, אז אונזערע אינטעליגענטערע קולטור-פרויען ווערען, אדרבה, וועניגער צוגעצויגען פון דעם מאנ'ס קערפערליכע קראפט איידער פון זיין גייסטיגע פעהיגקייט, און הויכקייט אדער גאונות. דער דאזיגער פאקט גיט אונז א זעהר וויכטיגען ואונק לטובה דער צוכטוואהל וועלכע איז אונזער וואונש און ער בעשטעטיגט די נויטיגקייט פון א גרינדליכער אויפקלערונג פון די פרויען מכח די סעקסועלע פערהעלטניסען. די פרויען וועלכע וועלען זיין אויפ-

געקלערט וועלען וועלפען דער מענשליכער צוכטוואהל מיט אלע זייערע כחות און זיי וועלען ברענגען דעם גרעסטען ערפאלג.

איך זאג נאך אמאל, אז אונזער צוועק איז דא ניט צו בעשאפען א נייע מענשליכע ראסע, צו בעשאפען איבער־מענשען, נאר שטאפעל־ווייז אבצושאפען די קראנקע און אונפעהיגע אונטער־מענשען. דורך דעם וואס מיר וועלען אונטערדריקען די אורזאכען פון בלאסטאפטהאריע און דורך דעם וואס מיר וועלען ווירקליך סטעריליזירען יענע וואס טראגען בירושה שלעכטע זאמען: און אין דערזעלביגער צייט צורעדען און איבערצייגען אלע בעסערע, סאציאלערע, געזונדערע און גליקליכערע מענשען צו האבען וואס א גרעסערע צאל קינדער.

ווען מען שטודירט גרינדליך די בלאסטאפטהאריע און אויך אלע ערשיינונגען פון דער געוועגליכער ירושה, בלייבט מעהר ניט איבער קיין שום ספק אז אונזער ציל איז מעגליך צו דערגרייכען. האט זיך דען ניט פערבעסערט די קוואליטעט פון הינט זינט מען בעמיהט זיך צו ציכטען די גוטע ראסען און צו אונטערדריקען די שלעכטע? זעהען מיר דען ניט ווי געוויסע פאמיליעס און אפילו גרעסערע מענשען־גרופען צייכענען זיך אויס מיט דער מילדקייט פון זייער כאראקטער, זייער ארבייטזאמקייט, זייער אינטעליגענץ און זייערע אידעאלע שטרעבונ־גען, מחמת אין א משך פון א סך דורות, יאהרהונדערטען לאנג, זענען די דאזיגע אייגענשאפטען כסדר אויפגעהאלטען געווארען. און דורך א פארזיכטיגער וואהל אין דער הייראט איז געהאלטען געווארען ריין זייער פאמיליען אדער ראסען־טיפ? און פערקערט, זעהען מיר דען ניט פונקט מיט אזא עקשנות בירושה זיך פארטפלאנצען פאלשקייט, נידער־טרעכטיגקייט, פוילקייט און געזונקענקייט אין אנדערע פאמיליעס? ווער עס וויל דערצו האבען א קלארען און צופערלעסיגען דאקומענט, דעם ווייז איך אן דר. יערגער'ס בעשרייבונג פון א פאמיליע וואגאבונ־דען „פאמיליע זירא" (זעה קאפיטעל 11). די שעדליכע פאלגען פון בלאס־טאפטהאריע און פון דער שלעכטער ירושה ווערען דא נאכגעפאלגט ביי דער גרויסער צאל מיטגלידער פון דער דאזיגער פאמיליע בעת א משך פון כמעט צוויי יאהרהונדערטען.

באמת, מען מוז זיין פערבלענדט פון רעליגיעזע פארורטיילען כדי אבצולייקענען די דאזיגע ווארהייטען. געוויס, אונזערע קרייצונגען און אונזערע פאטהאלאגישע דעגענעראציעס זענען אזוי קאמפליצירט, אז

יערער רגע ברענגט דער אטאוויזם ארוים די עקספאריע פון בעסערע קינדער קומענדיג פון שלעכטע עלטערן, און די עקספאריע פון שלעכטע קינדער קומענדיג פון גוטע עלטערן. אין קאפיטעל 1 (מנעמע א. אז. וו.) האבען מיר קלאר געמאכט דעם צוזאמענהאנג פון די דאזיגע ערשיינונגען. זייער דרויסענדיגער און פאלשער שיין זאל אונז, ביי אן אויבערפלאכליכער בעאבאכטונג, ניט פירען צו א טעות.

וואסערע מענשען־טיפען זאלען מיר זיך בעמיהען צו פראדוצירען?

עס איז בעסער פריהער צו זיין נעגאטיוו און אנצואווייזען יענע טיפען וועלכע זאלען זיך ניט פערמעהרען. די דאזיגע זענען, ראשית כל, אלע פערברעכערס, משוגעים, שוואכזיניגע, און אלע מענשען וועל־כע זענען אונפעראנטווארטליך, בייזוויליג, צאנקזיכטיג און וואס האַ־בען מאראלישע פעהלערס. די דאזיגע מענשען ברענגען דעם סאמע גרעסטען שאדען פאר דער געזעלשאפט און שטעקען זי אן מיט דעם ערגסטען זאמען. אויך יענע וואס האבען א ליידענשאפט צו נאר־קאטישע מיטלען (אלקאהאל, אפיום, א. אז. וו.) שאדען דורך בלאס־טאפטהאריע, הגם אין אנדערע בעציהונגען זענען זיי אפטמאל פעהיגע און נוצליכע מענשען. אין דעם דאזיגען פרט אבער זאל מען מעהר ענדערען די מנהגים און אבשאפען דעם געברויך פון די נארקאטישע מיטלען איידער די נארקאטיזירטע גופא.

א צווייטע קאטעגאריע זענען יענע וועלכע האבען בירושה א פרעדיספאזיציע צו טובערקולאזים, די כראנישע אינוואלידען, ראכיטי־קער, העמאפילען, און אלע יענע מענשען וועלכע זענען ניט פעהיג צו בעשאפען א געזונדען דור צוליב גע׳ירש׳ענטע קראנקהייטען אדער צוליב א שוואכער קאנסטיטוציע.

פון דער אנדערער זייט ווידער זענען יענע מענשען נויטיג פאר א יוגענישער פערמעהרונג, וועלכע זענען ניצליך פון א סאציאלען שטאנדפונקט, דאס הייסט יענע, וועלכע פיהלען א טיפע פרייד צו אר־בייטען, האבען א גלייכמאסיגען טעמפעראמענט, זענען גוטמוטיג און פרידליך. אויב זיי פערמאגען נאך א חוץ דעם א קלארען שכל און אן אויפגעוועקטען גייסט, אדער זיי זענען בעשאנקען מיט א קינסטלערי־שער אדער אין אן אנדערער ריכטונג שאפענדיגער פאנטאזיע, טראגען זיי אודאי די גליקליכע און גוטע זריעה פאר דער צוקונפט! אין אזויגע

פאלען קאן מען יא פערקוקען געוויסע ניט צו שווערע קערפערליכע פעהלערם.

די אמת'ע ווילענס־ענערגיע, איך מיין דערמיט די אויסדויער־קראפט בעת דעם דורכפירען פון אייגענע ענטשלוסען, און ניט די טיראנישע ליידענשאפט צו הערשען, איז אויך איינע פון די בעסטע אייגענשאפטען וועלכע מען דארף ענטוויקלען. די ווילענס־קראפט טאר ניט פערביטען ווערען מיט אימפולסיווקייט, וועלכע איז מעהר איהר הפוך, אבער דער שטורמדיגער אופן אויף וועלכען אן אימפול־סיווער מענש נעהמט זיך דורכפירען זיינע מאמענטאנע ענטשלוסען, מאכט אויף אויבערפלעכליכע בעאבאכטערס ניט זעלטען דעם איינדרוק פון א ווילען.

א דאנק אן אלטער טראדיציאנעלער רוטין ווערען ליידער די פע־היגקייטען און דער גייסטיגער ווערט פון א יונגען מענש היינט־צוטאג נאך מיינסטענס געשאצט לויט די רעזולטאטען פון זיינע שול־עקזא־מענס — און דערמיט געמאכט דעם שווערסטען טעות: מחמת בכדי אויסצוהאלטען אזוינע עקזאמענס, ווי מיר האבען געזעהען, זענען כמעט בלויז נויטיג א גוטער זכרון און א ניט איבעריג שטארקע אויפפאסונגס־קראפט, און דעריבער האבען זיי ניט קיין ברעקעל ממשות. דער פועל־יוצא איז, אז דער אבקלאנג פון די לעהרערס, ד. ה. ניט מעהר ווי קליינינגקייטען פערנעהמען דעם סאמע אויבען־אן אין דער געזעלשאפט, בעת די אמת'ע חכמה, אריגינאליטעט, שאפונגס־קראפט, אויסדויער־קראפט, ערליכקייט, פעראנטווארטליכקייט און פליכט־געפיהל ווערען פערשטויסען אויף די אונטערשטע פלעצער. פאר דער ריכטיגער סא־ציאלער אבשאצונג פון א מענש זאל מען — פונקט ווי מען טוט אין די פריהער ארומגערעדטע „לאנדערציהונגסהיימע" — העכער אבשא־צען די אייגענשאפטען פון זיין ווילען (ענערגיע און אויסדויערקראפט). פון זיין געפיהל (סימפאטיע און פליכט־געפיהלען), זיין שאפענדיגע פאנטאזיע, א. אז. וו., איידער די קראפט פון זכרון און אויפפאסונגס־קראפט; און אפילו העכער איידער א טאלענט צו מוזיק, האנדעל, ספארט א. דגל., מחמת אין שפעטערדיגען לעבען זענען יענע צוערשט דערמאנ־טע אייגענשאפטען א סך וויכטיגער פון דעם שטאנדפונקט פון א מענש'ס ניצליכקייט.

אבער ווי מיר האבען געזאגט, ווערט אפילו די אינטעליגענץ פאלש אבגעשאצט אויב מען מעסט זי לויט די רעזולטאטען פון עקזאמענס, ווייל דער כח הדמיון, די פעהיגקייט קריטיש צו אורטיילען און די קאמבינאציאנס־פעהיגקייט האבען א סך א גרעסערען אינטעלעקטועלען ווערט איידער דער כח צו געדענקען און די פשוט'ע פעהיגקייט אויפצונעהמען און צו בעגרייפען. מענשען חדוש'ען זיך דערנאך פאר־וואס דער שילער וואס האט געהאט א „גילדען קעפעל" און איז געווען דער ערשטער אין זיין קלאס ווערט שפעטער אפטמאל א דורכפאל, און פארוואס דער געוועזענער „שוטה" ווערט טיילמאל גאר א גאון אדער וועניגסטענס א זעהר פעהיגער און ניצליכער מענש. און מען זאגט דעמאלט ארוים פאטאליסטיש, אז „מען קאן קיינמאל ניט וויסען וואס פון א מענש קאן נאך אמאל ווערען". דאס איז א פאלשער שלום, א פועל־יוצא פון דעם פאלשען קריטעריום וועדליג וועלכען מען האט געשאצט די יוגענד.

אהן ספק, קראנקהייטען און אנדערע צופאלען קאנען טיילמאל ברענגען צו א שטילשטאנד א סך גוטע דיספאזיציעס אדער אפילו ארויסרופען פונקט דעם הפוך. מיר וועלען אבער טראצדעם א סך זעלטענער מאכען א טעות אין אונזער נביאות־זאגען ווען מיר וועלען באלד ביים אנהויב אויסמיידען די אנגעוויזענע גראבע פעהלערס וועלכע ווערען בעגאנגען אין דעם אופן ווי אזוי עס ווערט אבגעשאצט א יונגער מענש. ווייטער דארף מען ברייט און ארומפאסענדיג פסיכאלאגיש אויספארשען די ענטוויקלונג פון די בעזונדערע אינדיווידועןן. און זייערע שאפונגען בעת זייערע רייפע יאהרען דארף מען פערגלייכען מיט די אייגענטימליכקייטען פון זייער קינדהייט. מען וואלט דעמאלט מיט א פולשטענדיגער זיכערקייט אלעמאל פון פאראוים געקאנט אויסרעכענען דעם סאציאלען ווערט פון א יונגען מענש, און בכלל פון איטליכען מענש.

א סך מענשען, אפילו וויסענשאפטס־מענער, זייענדיג פערבלענדט פון דער צוויליזאציע און פון דעם וואוילשטאנד, לייקענען אב די פאקטישע דעגענעראציע פון אונזער ראסע. זיי זעהען ניט אז מיר פאלען אונטער דעם קולטור־שטאפעל פון אונזערע פאר־עלטערן און, אז א דאנק דעם קאן א דומקאפ אדער א שוואכלינג היינט־צוטאג אויפטון

מעהר איידער א פעהיגער אדער שטארקער מענש האט געקאנט אויפ־טון פריהער. פשוט, זיי פערבייטען די פארטיגע קולטור־שאפונגען. א דאנק וועלכע אונזער ארבייט ווערט אזוי אהן א שעור פערגרינגערט, מיט דעם גע'ירש'ענטען אינדיווידועלען ווערט פון איטליכען בעזונ־דערען מענש. זיי האלטען אלקאהאלישע די אויפגעלאפענע בייכער און די רויטע פנימ'ער פאר סמנים פון קראפט און געזונדקייט. זיי זעהען ניט ווי די צאל פון די מיליטער־פעהיגע ווערט קלענער און ווי די צאל פון נייראפאטען, פסיכאפאטען, משוגעים, שווינדזיכטיגע, א. אז. וו. ווערט גרעסער; זיי זעהען ניט דעם אלעמאל ערגערען צושטאנד פון אונזערע ציין און אונזער סקעלעט, די אלעמאל גרעסערע אונפע־היגקייט פון אונזערע פרויען צו זויגען זייערע קינדער, א. אז. וו. מיר האבען אהן ספק בעוויזען אז אין דעם דאזיגען צושטאנד זענען שולדיג ניט די סעקסועלע עקסצעסען אין זיך גופא, נאר די שכרות און אלע אנדערע נארקאטישע מיטלען, די פאלשע צוכטוואהל, דאס אונגליק־ליכע פאבריק־לעבען, סיפילים, א. אז. וו. אבער קענען א שטרוים־פויגעל־פאליטיק. וועלכע וויל פשוט דאס גאנצע אונגליק פערדעקען אדער פערלייקענען, מוזען מיט ענערגיש ארויסטרעטען. יעדענפאלס, מיר דעגענערירען ניט דורך דער ציוויליזאציע אין זיך גופא, אבער אהן ספק דורך איהרע פאראזיטען.

קענען דער בערעכטיגונג פון א מענשליכער צוכטוואהל האט מען געברענגט אלס אן ארגומענט די שוואכקייט פון די קינסטליך געציכטע וואריעטעטען פון פלאנצען און הויז־חיות. אבער זייער שוואכקייט קומט דערפון, וואס ביי זייער קינסטליכער צוכטוואהל האבען מיר בשום אופן ניט אין זין זייערע אינטערעסען אין א פרייען קאמף פאר זייער לעבען, נאר אונזערע אינטערעסען האבען מיר דערביי איז אויג: נאר פאר אונזער אייגענעם צוועק אליין הארעווען מיר צ. ב. פעטע, שווערע ענגלישע חזירים וועלכע קאנען שוין כמעט ניט געהען, א. אז. וו. פער־קערט, די מענשליכע צוכטוואהל וועט זיך בלויז פערנעהמען מיט אינ־טערעסען לטובה דעם מענש, סיי אינדיווידועל און סיי סאציאל. דא האנדעלט זיך ניט מכח אן אוטאפיסטישע השערה, נאר מכח פאקטען. די פאלגען פון וועלכע מיר קאנען טאג־טעגליך בעאבאכטען אין אונ־זער געזעלשאפט. אויב מיר ווילען נאר אהן פארורטיילען עפענען אונ־זערע אויגען.

אין א לעקציע מכח די מיטלען ווי אזוי צו פערבעסערען די מענש־ליכע געזעלשאפט אונטער די היינטיגע בעדינגען, צושטאנדען און גע־פיהלס־שטראמען (סמיטהסאניען אינסטיטיושאן, 1902) האט פראנ־סיז גאלטאן בעהאנדעלט די פראקטישע פראגע פון יודזשעניק און האט דערביי צוגעלידערט דאס געזעץ פון וואריאציעס מיט דער הילף פון דער ווארשיינליכקייטס־רעכענונג. דאס דאזיגע געזעץ, וועלכעס מען געפינט איבעראל, האט בלויז צו טון מיט אזוי־גערופענע צופעליגע עלעמענטען, ד. ה. מיט טויזענדער קליינע ביז א הויכען גראד אנטקעג־גען זיך ווירקענדיגע אורזאכען, וועלכע ווערען געגענזייטיג אויסגעג־ליכען אין זייער לעצטער סך־הכל ווירקונג, אזוי אז לסוף ווערען די ביידע עקסטרעמען אלעמאל פערטראטען דורך קליינע צאלען, און דער מיטעלער דורכשניט דורך גרויסע צאלען. אזוי גיך אבער עס הויבען זיך אויף גרעסערע כחות וואס ווירקען אין איין זייט, ווערט דער גאנ־צער סך־הכל, דאס גאנצע אוועקגעבויגען אין איין אדער אין דער אנ־דערער ריכטונג.

גאלטאן ווייזט, אז דאס דאזיגע געזעץ גילט פאר דער גרויס פון דעם קערפער, פאר די סאציאלע פערהעלטניסען אזוי גוט ווי פאר דעם פסיכישען ווערט פון דעם מענש. אין יעדער אנגעוויזענער געזעלשאפט וועלען מיר אלמאל געפינען עטליכע זעהר גוטע מענשען, עטליכע זעהר שלעכטע און זעהר א סך מיטעלווערטיגע. ווען אבער איין בע־שטימטער שטארקער, אלגעמיינער פאקטאר, ווי צ. ב. שכרות אדער די געלד קארופציע, פערקלענערט מעהר אדער ווייניגער דעם גאנצען אינדיווידועלען ווערט, ווערט דעמאלט אראבזינקען דאס גאנצע — דער גאנצער סך־הכל־ווערט — פון דער גאנצער רייהע פעהיגקייטען, און פערקערט. גאלטאן ווייזט דא, אז מען קאן די דורכשניטס־ווערטען ממשות׳דיג אויפהויבען דערמיט, וואס מען וועט די קלאסען פון א העכערען ווערט צורעדען צו א סעקסועלער פערמעהרונג, און די קלא־סען פון א נידעריגען ווערט אבהאלטען דערפון. פראפ. זשול אמאנן האט מיט רעכט אנגעוויזען ווי די אויסוואנדערונג פון דעם בעסטען טייל הוגענאטען נאך דער שווייץ און דייטשלאנד, נאכדעם ווי לואי דער פערצענטער האט מבטל־געווען דעם עדיקט פון נאנטעס (1685), האט געהאלפען אויפבויען דעם גייסטיגען שטאפעל פון יענע לענדער און

טוט דאס נאך עד היום הזה, בעת פראנקרייך האט עם פונקט אויף אזוי פיעל געשאדט.

שטענדיג וועקען זיך אין מיר אויך טרויריגע געפיהלען ווען איך זעה גוטע, פעהיגע און ארבייטזאמע מענשען, וועלכע זענען זעהר ניצליך פון א סאציאלען שטאנדפונקט, בלייבען אונפרוכטבאר צוליב אונזערע סאציאלע פארורטיילען און מנהגים. אזויגע מענשען דארפען וואס פריהער הייראטען און האבען א סך קינדער. אין פאל אין א פעהייראט צוזאמענלעבען די סטעריליטעט פון איין צד (מיינסטענס זענען סטעריל די פרויען) מאכט אונגילקליכערווייז אויך ניט מעגליך די פארטפלאנצונג פון דעם צווייטען צד, דעמאלט זאל די ביגאמיע אדער דאס קאנקובינאט געזעצליך און דורך די מנהגים ווערען אנערקענט, בכדי אויף דעם אופן צוריק גוט צו מאכען דעם שאדען (זעה אנדרע קווארור'ס „לא גרעין"). איך האב נאך אליין ניט גענוג שטארק בעטאנט ווי נויטיג עס איז צו העלפען מיט אלע אונזערע כחות דאס פערמעהרען־זיך פון פעהיגע, געזונדע און ניצליכע מענשען, און אזוי ארום אויסגלייכען דעם פערזאג צו האבען קינדער אלע קראנקע און אונניצליכע מענשען, אזוי גוט ווי די אברוה־צייט וועלכע מען איז שולדיג די פרויען צווישען זייערע שוואנגערשאפטען.

פונקט אזוי טרויעריג איז צו זעהען אזוי פיל געזונדע, פלייסיגע און ניצליכע מיידלעך צו פערזיצען אין זייער גראהען צאפ בלויז נאר דערפאר וואס זיי האבען ניט קיין געלד און ווייל זיי ווילען זיך ניט אריינווארפען אין די ארימס פון דעם ערשטען בעסטען לומפ. באמת, אנשטאט עס זאל ווערען א תל פון אזוי פיל גוטע זריעת, וואלט געווען א סך בעסער צו ערלויבען אביסעל א פרייע פאליגאמיע ביי א גלייכבערעכטיגונג פון ביידע געשלעכטער. איך ווייז דא אן דעם לעזער אויף דעם וואס איך האב שוין געזאגט אין קאפיטעל 13 מכח די פליכטען פון די עלטערן אנטקעגען זייערע בעשאפענע קינדער און מכח די פליכטען פון דעם שטאאט אנטקעגען די בעשאפערס פון א גוטער קוואליטעט קינדער.

ווען די זאך וואלט געווארען א מנהג און וואלט געווארען קאנסעקווענט דורכגעפירט, וואלט מען אויף דעם דאזיגען אופן גאנץ זיכער שוין אין משך פון איין יאהרהונדערט דערגרייכט צו אן אויסבעסערונג פון דער קוואליטעט פון פאלק. און נאך עטליכע יאהרהונדערטען

וואַלטען די דעמאַלטדיגע דורות אונז געקאַנט שענקען עטליכע קרענץ אוים דאַנקבאַרקייט פאַר זייער גליק. זיי וואַלטען זיך אין דערזעלבי־גער צייט געוואונדערט, וואָס זיי שטאַמען אָב פון אַזוינע באַרבאַרען ווי מיר זענען, און וואָס צווישען זייערע אור־עלטערן האָבען זיך גע־פינען אַזוי פיל שכורים, פערברעכערס און אידיאָטען; אַז דער מיס־טיציזם, אונטער דעם נאָמען „רעליגיע", האָט זיך אַזוי ווייט געקאַנט אַריינרייסען אין אונזער געשלעכטס־לעבען, וואָלט דעמאָלט פאַר זיי אויסגעזעהען אַן ערך אַזוי ווי היינט זעהט פאַר אונז אוים דער גרעס־טער געצענדינסט אָדער די לעהרען און די פראַקטיק פון מכשפים ביי ווילדע פעלקער.

אונזער שכרות און איהרע פאָלגען, און אונזער היינטיגע פראָס־טיטוציע וואָלט אויף זיי געמאַכט אַן ענליכען איינדרוק צו דעם, וואָס מיר קריגען בעת מיר בעטראַכטען אין אַ מוזעום אַ פייניגונגס־קאַמער פון מיטעל־אַלטער אָדער בעת מיר הערען מכח די שוידערליכקייטען פון דער אינקוויזיציע, מכח די מכשפים־פראָצעסען און זייערע שויי־דערהויפענס.

דער דאָזיגער פערגלייך וועט פאַר די מייסטע פון מיינע לעזער אויסקומען פאַנאַטיש און איבערגעטריבען, מחמת זייענדיג ארומגענו־מען מיט אונזער מאָדערנעם דענקונגס־אופן, קאָן מען זיך, אָהן אַ גרויסער אנשטרענגונג פון דער פאַנטאַזיע און אָהן דער הילף פון אַ ברייטער ערפאַרונג און אַ סך פערגלייכס־אָביעקטען, ניט אריינגריבלען אין דעם דענקונגס־אופן פון דער פערגאַנגענהייט אָדער פון דער צו־קונפט. איך בעט דעריבער יענע, וועלכע קאָנען דאָס ניט גלויבען, צו לעזען דעם „שליסעל צו אָנקעל טאָם'ס קעבין" פון האַריעט ביטשער־סטאָו (ניט דעם ראָמאַן אַליין). דאָס דאָזיגע בוך ענטהאַלט אַ סך דאָ־קומענטען בנוגע צו דער צייט פון דער נעגער־שקלאַפעריי איידער דער אַמעריקאַנישער בעפרייונגס־מלחמה. ווער עס וועט היינט לעזען וועגען די דאָמאַלטדיגע פאַסירונגען און זעהן צ. ב. ווי מען האָט אַנאָנסירט אין די צייטונגען שפּירהינט צו כאַפּען אַנטלאָפענע שקלאַ־פען, און ווי די אַנאָנסען זענען אילוסטרירט מיט אַ לויפענדיגער נעגער'ן און ווי אַ שפּיר־הונט לויפט איהר נאָך, דער וועט מיר סוף כל סוף מוזען געבען רעכט. דאָס וואָס זעהט היינט פאַר אונז אוים שרעקליך און מאוס, האָט דעמאָלט איטליכען אויסגעזעהען געוועהנליך און נאַטירליך.

אפילו פרומע גלחים האבען דעמאלט פערטייטיגט די לייב-שקלאפעריי, אט פונקט ווי זיי בעשיצען היינט די שכרות.

לסוף מוז איך נאך זאגען, בקצור, אז נעבען דער מענשליכער צוכטוואהל האלט איך די פעדאגאגישע רעפארם אי אין סעקסועלען גע־ביט און אי אין אנדערע געביטען פאר די וויכטיגסטע און פאזיטיווע רעפארמען. (זעה קאפיטעל 17). איך בעט דעם לעזער צו האלטען אין אויג דאס קאפיטעל 17 אין פערבינדונג מיט קאפיטעל 13. הגם די גוטע קוואליטעט פון דער מענשליכער זריעה איז אן עיקר־בעדינג פאר דעם מענשליכען גליק סיי אין סעקסועלען געביט און סיי אויסער איהם, איז זי פונדעסטוועגען נאך ניט גענוג. פונקט אזוי גוט ווי מען קאן פון א רעלאטיוו שלעכטער זריעה ערציהען רעלאטיוו בעסערע און ניצלי־כערע אינדיווידועו, פונקט אזוי גוט קאן מען פערקערט, פילאגנעטיש גוטע זריעה נאך א סך גרינגער פערדארבען דורך שלעכטע איינפלוסען בעת זייער אנטאגעניע.

די געזעלשאפט מוז ווידמען אלע איהרע כחות פאר א ריכטיגער, אלזייטיגער קערפערליכער און גייסטיגער ערציהונג פון די קינדער. אינטעלעקט, געפיהלען און ווילע, כאראקטער, אלטרואיזם און עס־טעטיק מוזען ווי ווייט מעגליך הארמאניש ענטוויקעלט ווערען, ווערליג די פרינציפען וועלכע מיר האבען דערמאנט רעדענדיג מכח די „לאנד־ערציהונגסהיימע“ אין קאפיטעל 17. איטליכער בירושה גוטער טיפ מוז דערגרייכען צו זיין פולסטער בליהונג דורך א ראציאנאלער ערציהונג און ארבייט.

ביי א טיפ וועלכער האט ירושה־פעהלערם קאן מען לכל הפחות די ניצליכערע דיספאזיציעס ביז א געוויסען שטאפעל ענטוויקלען און זיי מאכען ארבייטען, בכדי אין זיין געהירן זאלען זיך וועניגער קאנען ענטוויקלען די שלעכטע דיספאזיציעס. איך בעגניגען זיך מיט דער דאזיגער אלגעמיינער בעמערקונג און ווייז אן אויף קאפיטעל 17.

לאמיר האפען אז אין גיכען וועלען אלע שולען געהען אויף די וועגען וועלכע עס האבען אנגעוויזען אזוינע מענער ווי רוססא, פעסטא־לאצי, רעדדי און ליעטץ. אבער ביי דער גאנצער התפעלות פאר א ראציאנאלער ערציהונג טארען מיר קיינמאל ניט פערגעסען, אז זי קאן בשום אופן ניט פערנעהמען דעם פלאץ פון דער צוכטוואהל. זי דינט פאר די באלדיגע און נאהענטסטע צילען, פאר דעם אויסניצען אויף דעם

סאמע בעסטען אופן דעם שוין בעשאפענעם, איצט עקזיסטירענדיגען מענשען-מאטעריאל: אבער אליין פאר זיך איז זי אויך א האר ניט בכח צו פערבעסערען די קוואליטעט פון דער זריעה פון דער צוקונפט. אבער אויפקלערענדיג די יוגענד מכח דעם סאציאלען ווערט פון דער צוכטוואהל קאן זי צוגרייטען איהר פראקטישע דורכפירונג.

אוטאפיסטישע געדאנקען וועגען דער אידעאלער הייראט פון דער צוקונפט.

דאס דרויסענדיגע לעבען פון די מענשען ווערט ביז א הויכען גראד בעיינפלוסט פון די געשעהענישען פון דער געגענוואַרט; אבער זייער אינערליך לעבען בעשטעהט פון די זכרונות פון דער פערגאנגענ-הייט פערבונדען מיט דער ירושה. פון ביידע הויבען זיך אויף די שטרע-בונגען פאר דער צוקונפט. די פערגאנגענהייט זאל אבער קיינמאל ניט זיין דער טיראנישער און שטרענגער וועכטער איבער אונזער אינערליך לעבען, נאר זי זאל בלויז צונוץ קומען אלס א שוין אויפגעבויטע און בעקוועמע רעפערענץ-ביבליאטעק פון די ערפארונגען פון דער מענש-הייט און דעם אייגענעם איך, כדי צו קאנען העלפען בויען נייע גע-דאנקען און פרוכטבארע ענטשלוסען.

די הייראט פון דער צוקונפט שטעלט פארויס די השערה, אז די מענשען זענען געווארען פון קינדווייז אן פולשטענדיג אויפגעקלערט מכח די נאטירליכע סעקסועלע פערהעלטניסען און זייערע מעגליכע געפארען. ווייטער שטעלט זי פארויס די השערה, אז די מענשען זענען ערצויגען געווארען אהן אלקאהאל און אנדערע נארקאטישע גענוס-מיטלען; אז די מענשען האבען דאס רעכט צו בענוצען די פולע פרוכט פון זייער ארבייט פאר זייער אייגען לעבען און פאר דעם לעבען און אויפהאלטונג פון זייער פאמיליע, אבער זיי האבען ניט דאס רעכט זייער הכנסה צו קאפיטאליזירען פאר זיך אדער פאר זייערע קינדער. ד. ה. ציהען פון איהר צינזען און איבערלאזען ירושה פאר אנדערע— פון דעם פערמעגען, הייסט עס, אויפצובויען א מאכט עקספלואטירענ-דיג פרעמדע ארבייט פאר עגאיסטישע צוועקען. די מענשען וועלען וויסען פון קינדווייז אן, אז די ארבייט איז א לעבענס-בעדינג פאר

איטליכען יחיד: מיידלעך און אינגלעך װעלען ערצויגען װערען געמיינ־שאפטליך מיט אבסאלוט גלייכע רעכטען, אבער זיי װעלען קלאָר פער־שטעהען דעם חלוק פון זייערע אויפגאבען אין לעבען, װעדליג די פער־שידענקייט פון די געשלעכטער און פון דער אינדיווידואליטעט. אין דער פאלקס־שול זענען זיי ביז צו זייער 16טען יאהר, און אפשר נאך לענגער, ערצויגען געוואָרען הארמאניש אינטעלעקטועל, קערפערליך־טעכניש, עס־טעטיש און סאָציאַל. אהן זיי צו סמראשען מיט די אייביגע שטראַ־פען פון גיהנום, און אהן זיי צו פערשפרעכען דאס גן־עדן נאך דעם טויט האט מען זיי געגעבען צו פערשטעהען, אז דער צוועק פון לעבען איז דאס שטרעבען נאך ריין מענשליכע אידעאלען. מען האט זיי גע־לערענט, אז די אמת'ע און העכסטע בעפרידיגונג קאָנען זיי געפינען בלויז אין דער ערפילונג פון זייערע פערשידענסטע אויפגאבען, װעד־ליג זייערע דיספאזיציעס, און אין דער געמיינשאפטליכער ארבייט פאר דעם װאוילזיין פון דער געזעלשאפט און פון זייערע מיטמענשען. מען האט זיי אויך געלערענט צו פעראכטען פוסטע און נוצלאָזע שפילע־רייען, פיינד צו האבען צאַצקעס און צירונג, לוקסוס, נים צו האלטען וויכטיג דאס פערזענליכע אייגענטום; דערפאר אָבער האט מען אויפ־געוועקט זייער גאַנצע אמביציע בלויז בנוגע דער קוואַנטיטעט און דער קוואליטעט פון זייער ארבייט.

אט אזוי צוגעגרייט, װעלען זיי זיין צוגעוואוינט צו פערדינען אלעס דאס װאס זיי געניסען און נים צו פאָדערען עסען און טרינקען אהן דערפאר צו ארבייטען.

ביי זיי װעט זיך דער געשלעכטס־טריב מאניפעסטירען אין פער־שידענע יאהרען, װעדליג די פערשידענע אינדיווידוען. זייענדיג אויס־געלערענט פון קינדהייט אן נים נאכצוגעבען יעדען טריב, נאר זייערע בעגערען אונטערצואָרדענען צו דעם װאויל־זיין פון דער געזעלשאפט. װעלען זיי פון זיך אליין באלד נים נאכגעבען יעדען טריב. נאך מעהר. זיי װעלען װיסען דעם בעדריט פון זייער בעגער. זיי װעלען אויך װיי־סען, אז זייער געדולד װעט נים װערען געפריפט צו לאַנג, אז מכח דער זאך קאָנען זיי אָפען רעדען מיט זייערע לעהרערס, מיט זייערע עלטערן און אפילו מיט זייערע פריינד פון אנדערען געשלעכט.

נו, איצט, װאס װעט זיין די פעולה פון אזא צושטאנד? נייגונ־גען װעלען זיך פריה ענטוויקלען. אבער אנשטאט צו מאַכען כל'ער־

ליי בעהאלטענע חשבונות בנוגע צו געלד, יחוס, א. אז. וו., וואס מיר טון היינט־צוטאג: אנשטאט צו פערבארגען די גערדאנקען אונטער אלערליי פארמען פון קאנווענציאנעלע העפליכקייטען: אנשטאט זיך ארויסצודרעהען פון אן ערליכער דערקלערונג מכח דער עיקר־זאך, און, אין בעסטען פאל, דעם עניין בלויז ארומשמעקען פונקט ווי די קאץ די הייסע יויך: אנשטאט מעהר פון אלעם אין זין צו האבען ווי אזוי אמ־בעסטען ארויסצופוצען די מעלות בכדי צו פערבלענדען דעם (אדער די) וועמען מען וויל ארייננקריגען, — אנשטאט דעם וועט מען זיין דורכ־שניטליך מעהר אפענהערציג, מחמת עס וועלען זיין א סך ווענינער אורזאכען צו זיין פערשטעלט. מען וועט זיך אויסטווישען מיט די צור־קונפטס־פלענער און מען וועט קאנען געגענזייטיג אויספריפען די בעש־טענדיגקייט און די אויפריכטיגקייט אהן דערביי מורא צו האבען צו ווערען בערעדט אדער צו קריגען א שלעכטען נאמען.

ביידע געשלעכטער וועלען קאנען פריי און אהן א געפאר צווי־שען זיך פערקערען, ערשטענס ווייל ביידע וועלען זיין אויפגעקלערט מכח דעם געשלעכטס־לעבען און, צווייטענס, ווייל די מדות און די מנהגים וועלען זיין מעהר פריי. אפילו אהן אן אייגענטליכען געש־לעכטס־פערקער וועט זיך באלד ארויסווייזען אויב ביידע טעמפעראַ־מענטען פאסען זיך געשלעכטליך אדער ניט.

ווייטער וועט בעת דער חתן־כלה־צייט זיין מעגליך פאר ביידע צדדים אויף א פרייען שטייגער אויסצובייטען זייערע געגענזייטיגע לעבענס־בעגריפען, נעהענטער זיך צו בעקענען מיט זייערע כאראקטערס, א. אז. וו., אזוי אז שטאפעלווייז און נענוג בעצייטענס וועט זיך ווייזען אויב מען איז יא אדער ניט צוגעפאסט צו א לאנג צוזאמענלעבען. צו דער פראגע פון ירושה, אזוי גוט ווי צו דער קינדער בעשאפונג און קינדער־ערציהונג וועט מען זיך פערהאלטען רוהיג און אהן בושה. דאס וועט זיכער זיין מעהר מאראליש איידער די געשפרעכען פון די היינטיגע „פיין ערצויגענע" חתן־כלה, זייערע געשפרעכען, וועלכע, א חוץ אלע נואנסען פון די קאנווענציאנעלע העפליך־זיסע ליבעס־רייד, דרעהען זיך מיינסטענס ארום פוסטע זאכען. אויב א בעגאבטער יונגער מאן וועט דעמאלט וועלען ווייטער שטודירען וועט דאס איהם אויף קיין שום אופן ניט שטערען צו הייראטען. ער קאן אפילו הייראטען ביי פיער־און־צוואנציג יאהרען מיט א מיידעל פון אכטצען און ווייטער

שטודירען ביז זעקס־און־צוואנציג. דאס וועט ניט זיין שווער אויס־צופירען, מחמת די איינפאכע געוואוינהייטען פון לעבען פירען צו אן איינפאכער בעל־הבת׳ישקייט און מען וועט זיך לייכט קאנען אויס־היטען ניט צו האבען קיין קינדער אין די ערשטע עטליכע יאהרען א דאנק די מיטלען קעגען שוואנגערשאפט.

ווי אזוי וועט זיך דאמאלט פארמירען די הייראט גופא? קודם כל וועט מען דעם גאנצען ניט נויטיגען לוקסוס, אלע קאנווענציאנעלע אויסערליכקייטען אראבברענגען צו א מינימום. ביידע, אי דער מאן אי דאס ווייב, וועלען ארבייטען, — אדער איטליכער פאר זיך אדער ביידע צוזאמען וועדליג די אומשטאנדען. א חלק פון דער ארבייט, פערשטעהט זיך, וועט געווידמעט ווערען פאר די קינדער. פונקט ווי היינט וועט דער מאן זיך אויך פערזענליך קאנען אבגעבען מיט דער ערציהונג פון זיינע קינדער, אויב ער וועט דערצו האבען בעסערע פע־היגקייטען איידער די פרוי; דאס דאזיגע טרעפט ניט זעלטען.

די גלייכבערעכטיגונג פון דער פרוי און דער מאטריארכיזם (זעה קאפיטעל 13) וועלען אויף קיין שום אופן ניט מאכען ווענינער אינטים די הייראטס־פערהעלטניסען; אדרבה, צוליב די טיפע ווארצלען וועט דאס נאך אויפהויבען דעם מאראלישען שטאפעל. מען וועט האבען ווענינער צייט פאר דעם דרויסענדיגען גלאנץ; פאמפ, אפיציעלע איינ־לאדונגען, צערעמאניעס, סעודות, כל המינים כבודים, חניפה, א. אז. וו. — פון דעם וועט מען מעהר ניט וויסען; דאס זענען זאכען וואס פאסען נאר פאר רייכע פוילענצער, וועלכע זוכען צו בעגראבען זייער געלד און זייער צייט. קומט א חבר, אן אנגענעמער בעקאנטער, ווערט ער פריינדליך און פשוט פערבעטען צום געווענליכען פאמיליען־טיש, אויב אין הויז איז נאר דא גענוג עסען פאר איהם.

די קליידער וועלען זיין בעקוועם, פשוט און היגיעניש. פונדעסט־וועגען קאנען איבעראל הערשען א קונסט־געשמאק און עסטעטיק צו־זאמען מיט דער גרעסטער ריינליכקייט. פאמפ און לוקסוס זענען ניט קיין קונסט, נאר א בלענדענדיגער גלאנץ און אפטמאל אפילו פונקט דער הפוך פון דער קונסט, עקעלדיג. איך האב געזעהען זעהר בעשיי־דענע, קליינע היימען פון ארבייטער, און אין זיי אויך געוואוינט, אין וועלכע די ריינליכקייט און דער קונסט־געשמאק האבען פערנומען זייער נויטיגען און ריכטיגען פלאץ.

אויב צוליב א געוויסער בעשעפטיגונג פון דעם פארפאלק, אדער צוליב דער צאל פון זייערע קינדער, וועט מען מוזען אנקומען צו דער הילף פון פרעמדע מענשען, — ד.ה. דינסטען ווי מיר רופען עם איצט, — וועלען די לעצטע ניט פערנעהמען דיזעלביגע פאזיציע אין דער בעל-הבת'ישקייט ווי אונזערע היינטיגע דינסטען. שטעהענדיג סאציאל און ווערליג זייער ערציהונג אויף דעמזעלביגען שטאפעל וואס די פאמיליע, וועלען זיי אין דער בעל-הבת'ישקייט פערנעהמען א פלאץ א שטייגער ווי היינט א שוועסטער אדער א טאנטע. זיי וועלען ניט בלויז עסען ביי איין טיש מיט דעם פארפאלק און זייערע קינדער, נאר געהערענדיג צו איין קלאס וועלען זיי זיך אויך טיילען מיט זייער פרייד, מיט זייער טרויער און מיט זייער ארבייט. קיין שום ארבייט אין הויז וועט ניט בעטראכט ווערען פאר נידעריגער איידער וואסערע ניט איז אנדערע ארבייט, און זי וועט אויך ניט דערנידעריגען.

אין פאל די הייראט וועט זיין ניט פרוכטבאר, וועט דאס פארפאלק אדאפטירען פרעמדע קינדער פון גרויסע פאמיליעס אדער ערציהען יתומים. אין געוויסע פאלען, מכח וועלכע מיר האבען פריהער גערעדט, וועט צוליב סאציאלע געפיהלען פוןביידע זייטען גיכער פארגעצויגען ווערען א קאנקוביאט, וועלכעס וועט אונטער אזוינע געענדערטע פערהעלטניסען זיין כמעט דאזעלביגע וואס ביגאמיע. אבער אלצדינג וועט דא בעשלאסען ווערען פריי און איינשטימיג, נעהמענדיג דערביי אין בעטראכט די געגענזייטיגע בעקוועמליכקייטען. ווער עס וועט ניט בכח זיין גובר צו זיין די אייפערזוכט, וועט זיך דארפען גט'ען.

מיר דארפען ניט פערגעסען, אז אז אור-אלטע פילאגענעטישע צופאסונג פון איין געשלעכט צום אנדערען האט צוגעגרייט אין דער הייראט א גייסטיגע און סעקסועלע אויספילונג פון דעם מאן דורך דער פרוי, און פערקערט. דעריבער, טראץ זייער זיך פאנאנדערגעהען אין א סך פרטים אין דער הייראט, קומט די דאזיגע אויספילונג צונויף און העלפט צופאסען זייערע כאראקטערס. אבער איז פאל א הייראט איז, ניט קוקענדיג אויף אלצדינג, דאך ניט גליקליך, אין פאל נאך א לאנגער צייט שטעלט זיך דאך ארויס, אז זייערע כאראקטערס קאנען זיך ניט פערייניגען, דעמאלט וועט ווערען די הייראט (די סעקסועלע פערייניגונג) אויפגעלעזט, און דערביי וועלען ווערען געזעצליך רע-

גולירט דעם פאטער'ס און דער מוטער'ס פליכטען וועלכע זיי האבען צו ערפילען אנטקעגען זייערע קינדער. ביידע צדדים זענען דערנאך פריי נאך אמאל צו הייראטען. דאס דאזיגע וועט מסתמא ניט פארקומען אפטער איידער איצט. און אפשר טאקע זעלטענער, בעזונדערס ווען דערביי וועלען זיין קינדער, מחמת דער גט איז שטענדיג פיינליך ווען עס זענען פאראן קינדער.

די ארבייט און די שטרעבונג צו די סאציאלע לעבענס־אידעאלען זענען און בלייבען די געזונדסטע אבווענדונג פון דעם געשלעכטס־טריב. דער מענש זאל תמיד טראכטען מעהר וועגען זיינע פליכטען איידער וועגען זיינע רעכטען און ער זאל קיינמאל ניט מורא האבען אויף זיך אליין ארויפצולעגען וואס מעהר פליכטען. ממש צוזעהענדיג וועט זיך דורך דעם פערשטארקען זיין כאראקטער, פערגרעסערען זיין פעהיגקייט און זיין לעבענס־ענערגיע. דאס פוסט און פאסעווען, דער לוקסוס און די גרויס־שטאדטישע קארופציע זענען מיינסטענס די אורזאך פון דער איינזייטיגער ענטוויקלונג פון זיין געשלעכטס־טריב, און וועלכע פירען צו זיין דעגענעראציע. דאס קאן מען זעהען ביי די העלדען פון ביידע געשלעכטער אין די מאדערנע ראמאנען. א חוץ דעם וועקט אויף די ארבייט די ליבע און לאזט איבער ווייניג צייט פאר פאמיליען־מחלוקות.

עס וואלט געווען בעסער צו פריפען אונזער אוטאפיע פראקטיש צו פערווירקליכען, אנשטאט צו קוקען אויף איהר מיט גאוה און פארורטייל, און שמייכלען. מיט אביסעל אן אונאבהענגיגען כאראקטער קאן מען זי ביז א הויכען שטאפעל שוין היינט אפילו דורכפירען.

די קונסט צו ליבען לאנג. — אין 7טען יאהרגאנג, נר. 30, זייט 240 פון „סימפליציססימוס" געפינען מיר אונטער דעם קעפעל „די הויזפרוי" צוויי קאריקאטורען פון דעם פאמיליען־לעבען. אין דעם ערשטען בילד זעהען מיר די פרוי אבגעריסען, פערשלומפערט, מיט א בעזים אין דער האנד, שמוציג און פערוואָרלייזט; זי קושט איהר מאן, וועלכער פיהלט זיך קענטיג דוקא ניט זעהר שטארק געהויבען דערפון: ער מאכט א פנים ווי איינער וואס האלט זיך איין מיט אלע כחות אראבשלינגענדיג עפעס אן עקעלדיגען ביסען. דאס קינד נעבען זיי זעהט אויס פונקט אזוי פערבלאטיגט ווי די מוטער. אונטער דעם בילד

שטעהט: „אט אזוי קליידט זי זיך פאר איהר מאן“.

אין צווייטען בילד שטעהט די אייגענע פרוי אויסגעפוצט פון קאפ ביז פיס, מיט א קינסטליך אויפגעהויבענעם בוזים, שיניאן און מיט אלע איבעריגע קינסטליכע מיטלען וועלכע די פרוי ווענדט אן כדי צו פערגרעסערען איהר שעהנקייט, סיי אבזיכטליך און סיי ניט אבזיכטליך. דאס קינד שטעהט אויסגעפוצט פונקט ווי די מאמע. זיי שטעהען ביי דער טיר, און א פרעמדע פרוי קומט אן. אונטער דעם בילד לעזען מיר: „און אט אזוי ווען געסט קומען“.

אין די דאזיגע צוויי בילדער זעהען מיר ווידער סאטיריש בע־לייכט א וויכטיגען טייל פון דער ליבעס־פסיכאלאגיע אין דער מאנא־גאמיע. מיר האבען שוין פריהער געזאגט, אז די אידעאלע אמת'ע ליבע ווייזט זיך ערשט ארויס נאכדעם ווי דער ערשטער ליבעס־רויש איז אריבער. מיר האבען אויך געזעהען, אז בכדי די ליבע זאל בלייבען הארמאניש זענען נויטיג קודם כל די העכערע פסיכישע אויס־שטראלונגען פון די איגטימע סימפאטיע־געפיהלען, אבער דערצו איז אויך נויטיג דער געשלעכטס־טריב, מיט וועלכען זיי זאלען בלייבען ענג פערבונדען וועניגסטענס כל־זמן אין דעם מענש דויערט דאס אקטיווע געשלעכטס־לעבען. שפעטער זענען גענוג די ערשטע אליין.

דער שווערסטער פעהלער וועלכען די מייסטע מענשען בעגעהען ווען זיי האבען חתונה איז דער, וואס אזוי גיך ווי די רעליגיע און דאס געזעץ האט זיי פעראייניגט, און די טיר ווערט פערמאכט, פערלאזען זיי זיך אויף דעם דאזיגען באנד, ערציהען זיך ניט ווייטער און לאזען איבער אהן א ווידערשטאנד אלע זייערע מאוס'ע געוואוינהייטען, קאפ־ריזען, נייגונגען, שוואכקייטען און טריבען. איטליכער צד ערווארט א סך פון אנדערען און גיט איהם וואס וועניגער. איטליכער טראכט ביי זיך „איצט האב איך איהם (אדער זי)“, מיט דעם שטעלט מען זיך צופרידען, און מען הויבט אן פערווענדען אלע פעהיגקייטען אויסער דער היים. נאכדעם ווי דער סעקסועלער ליבעס־רויש איז אריבער גע־פינט דער מאן מעהר ניט קיין חן אין זיין פרוי, ער פערליבט זיך אין אן אנדערער פרוי, שענקט דער לעצטער אלע זיינע צערטליכקייטען, און צו זיין אייגענער פרוי ברענגט ער זיין כעס און זיינע קאפריזען; בעת די פרוי האט מעהר ניט אין זין צו ווייזען איהר שעהנקייט אין איהר הויז, זי טוט מעהר גארניט כדי צו געפעלען איהר מאן, און זי דריי־

ניגט זיך און פוצט זיך נאר פאר דער גאס, פאר געסט, פאר בעלער. א. אז. וו.

מיר גיבען צו באלד פון אנהויב, אז דער מענש איז ניט בכח לאנג צו פערלייקענען זיין אמת'ע נאטור; מיר זענען דאס וואס מיר קאנען זיין דורך ירושה. פונ־עסטוועגען זענען פאראן אין לעבען געוויסע קליינע, ליבליכע קונסטען, וועלכע מען קאן דערווערבען דורך געוואוינ־הייט און ערציהונג, און וועלכע אפילו די ארימע פארפעלקער קאנען מאכען פאר זייער געגענזייטיגער פליכט. **די ערציהונג** און **די זעלבסט־ערציהונג** זאלען זיך קיינמאל ניט אבשטע־לען אין לעבען.

דאס אויבען דערמאנטע שרעקבילד פון „סימפליציססימוס" זאל מען פערטויזענדפאכען און איטליכען יונגען פארעל געבען א מתנה צו זייער חתונה. איניינעם מיט די העכערע געפיהלען פון ליבע און א געגענזייטיגען דרך־ארץ, איז די סעקסועלע אנציהונג א באנד, דעם ווערט פון וועלכען, צוזאמענהאלטענדיג א גליקליך און לאנג ביינאנד־לעבען פון מאן און ווייב, מען קאן גארניט דערשאצען. א פערהייראט פארפאלק זאל דעריבער אויסמיידען אלצדינג וואס קאן דעם דאזיגען באנד לויז מאכען אדער צורייסען. אנשטאט איהר דרויסענדיג אויס־זעהען צו פערנאכלעסיגען, פער'מאוס'ען און פערשלומפערען, זאל די פרוי אדרבה אנווענדען איהר גאנצע קונסט פאר שעהנקייט און גראציע, וועלכע די סימפאטיע־געפיהלען פאר איהר מאן און אן אונשולדיגע וייבליכע קאקעטסטווע לערענען זי. זי זאל אלעמאל אין זין האבען, אז איבעראל אין דער היים, יא אויך אין איהר הויזקלייד, זאל זי אין איהר מאנ'ס אויגען אויסזעהען ווי א שעהנער, אנציהענ־־גער מיטעל־פונקט פון א פריינדליך און פרידליך הויז; זי זאל ארויסווייזען איהר שעהנקייט און רייץ אין איהרע אלע האנדלונגען, אין אלעס, יא ביז אין די סאמע אינטימסטע ווינקלען פון הויז און אין איהר אינטימען געניס פון ליבע. נאר אזוי וועט זי איהר מאן יעדען טאג פון דאס ניי צוציהען צו זיך.

נאטירליך, ניט אויף א ברוטאלען זינליכען אופן און ניט מיט דער קונסט פון א פערדארבענער ליידענשאפט צו געפעלען דארף די פרוי געהען צו איהר ציל; זי דארף איהם דערגרייכען מיט דער הילף פון יענעם געזונדען און פיינעם געפיהל פון טאקט און צארטקייט. מיט

יענע אינסטינקטען פאר בעשיידענקייט ווי זיי ווייזען זיך אין זייער העכסטער ענטוויקלונג בלויז אלס א בלום פון דער העכסטער און עדעל־סטער ווייבליכקייט: דאס איז מעהר א ירושה פון דער ווייבליכער נאטור איידער פון דער מענליכער נאטור.

דער מאן ווידער זאל זיך בעמיהען אויף א פריינדליכען און גוטען וועג צו טון זיין חלק אין דעם דאזיגען שפיל פון ליבע און פון לעבען אין דער הייראט, וועלכער געהט אן צווישען די פיער ווענד פון דעם הויז. ער זאל זיין העלדישקייט, וועלכע ער ווייזט ארוים מיט אזא חשק אנטקעגען אנדערע פרויען, ניט בעהאלטען פאר זיין אייגענער פרוי; אויך זאל ער אין דער היים צוריקהאלטען זיינע שלעכטע גע־וואוינהייטען וועלכע קאנען לייכט ארויסרופען מחלוקות. אין דער היים פאר זיין פרוי זאל ער זיין גייסטיג און קערפערליך מעהר ווי אן אנגעכמורעטע פיגור אין א שלאפראק און פאנטאפעל, און האלטען אין איין גענ‍יצען; ער זאל זיין פרוי ניט בעטראכטען פאר דעם בליץ־אבלייטער פון זיין כעס, וועלכער צינדט זיך אפטמאל אן אין איהם ביי זיין ארבייט, אין דרויסען, און וואו ער טאר איהם מיינסטענס ניט ארויסווייזען. די אלע זאכען קאן ער אויסמיידען אויב ער וועט זיך ניט געוואוינען צו בעטראכטען זיין פרוי בלויז אלס א הויז־היטערקע, אלס א מאשין וואס טראגט און האט קינדער, און אלס א בעשעפעניש וואס איז „גוט פאר'ן בעט", ד. ה. וואס קאן שטילען זיין רייז חיה'־שען געשלעכטס־טריב. אין אזא פאל וואלט א פראסטיטוטקע איהם פונקט אזוי גוט, און אפשר נאך בעסער, געקאנט בעפרידיגען, און טאקע גאנץ אפט בעטראכט ער דאס פאר ערלויבט און גאר ניט אויס'ן וועג.

אט פונקט ווי דער דאזיגער בליק מכח דער פאזיציע און דעם בעדיים פון דער פרוי איז מאוס און נידעריג, הגם ער איז ליידער גאר ניט אזא זעלטענקייט, אט פונקט אזוי מוז מען ווידער און אבער בעטא־נען, אז עס איז אויך ניט גענוג ווען דער מאן האט מכח זיין פרוי די העכסטע געדאנקען, ווען ער קוקט אויף איהר ווי אויף א גוטער, גע־טרייער לעבענס־בעגלייטערין, אבער אין דערזעלביגער צייט פיהלט ער זיך צו איהר פערקניפט בלויז דורך דעם באנד פון א ריין גייסטיגער הארמאניע.

בכדי מאן און ווייב זאלען אין דער הייראט באמת אייביג געפינען דאס פולע גליק, מוז די גייסטיגע ליבע זיין און בלייבען בעגלייט פון דער סעקסועלער ליבע. דער מאן זאל די פרוי, וועלכע ער שאצט און וועלכע איז צו איהם פערבונדען דורך דער הייראט, ניט בלויז רעספעקטירען אלס א פערקערפערונג פון אלע היימישע און ווייבליכע טוגענדען, נאר זי זאל אויך מעהר אדער וועניגער פאר איהם בלייבען די געטין פון זיין יוגענדליכער ליבע, דעמאלט ווען אויף איהר האט געשטראלט דער שיין פון איהר יוגענד און האט אנגעצונדען זיינע חושים. אט פונקט אזוי זאל ער אויך שפעטער צו איהר ווערען קערפערליך צוגעצויגען און זיך פיהלען גליקליך אין איהר לעבענס-ווארימער אומארמונג.

דאס דאזיגע אבער קאן און וועט מקיום ווערען אפילו נאכדעם ווי איהר יוגענד איז שוין פארביי, אויב נאר עס האבען באמת עקזיס-טירט די סימפאטיע-געפיהלען פון אן עדלערער און העכערער ליבע, און אויב מען האט זיי אויפגעהאלטען. דעמאלט וועט דער מאן פער-הערליכען די גאנצע פערזענליכקייט און אויך די דרויסענדיגע געשטאלט פון א געליבטער פרוי, און זי וועט בלייבען פאר איהר מאן די געטין וועלכע זי איז שטענדיג געווען.

אבער די פרוי גופא מוז דאס אויך וועלען, און מיט דער אויפפי-רונג וועלכע מיר האבען אויבען אנגעוויזען מוז זי פון איהר זייט ביי-טראגען די פשוט'ע און בערעכטיגטע עסטעטישע פאדערונגען פון דעם מאן בנוגע צו איהר פערזאן. טאמער אבער פערשטעהט זי דאס ניט אדער וויל דאס ניט, וועט דעמאלט דעם מאן, מיט זיינע פאליגאמישע דיספאזיציעס, ניט אלעמאל זיין לייכט צו בלייבען גלייכגילטיג אנט-קעגען א פרעמדער ווייבליכער שעהנקייט. און ער וועט ניט אלעמאל זיין בכח גובר צו זיין דעם רייץ, בעזונדערס דארט, וואו ער געפינט א לייכטען צוטריט. פונדעסטוועגען קאנען אויך דא א סך העלפען די געוואוינהייט און די פאנטאזיע.

איך גלויב אז די פאלגענדע עצה איז ניצליך בעזונדערס פאר דעם מאן (טיילמאל קאן דאסזעלביגע אויך פארקומען ביי דער פרוי):

אין פאל זיין געשלעכטליכע ליידענשאפט ווערט אויפגערעגט דורך א פרעמדער פרוי און ער איז אין א געפאר זיך אונטערצוגעבען, זאל ער אין זיין פאנטאזיע זיך בעמיהען אנצוטון זיין אייגענע פרוי

מיט דער רייצבארקייט פון יענער, וועלכע סטראשעט איהם צו פער־פירען. מיט אביסעל גוטען ווילען וועט איהם דאס אין א סך פאלען אפטמאל פולשטענדיג געלונגען: דורך דעם ווערט שפעטער פער־שטארקט זיין סעקסועלער בעגער צו זיין אייגענער פרוי און, אויב זי האט א נאטור וואס ענטפערט צוריק, ווערט אויך פערשטארקט איהר בעגער. אויף אזא אופן קאן טיילמאל א פלאם, וועלכער האט געסטראשעט צו פערצערען דאס גליק פון א פערהייראט צוזאמענ־לעבען, אדרבה ערשט דערווארעמען די געגענזייטיגע געפיהלען פון ליבע, און זיי פון דאס ניי בעפעסטיגען. אין דעם ערשטען טייל פון זיין „וואהלפערוואנדשאפטען" האט געיטהע דאס דאזיגע אנגערופען גייסטיגער הייראטס־ברוך: מיר אדרבה זענען מיט דער מיינונג אז דאס איז גיכער דער סמן פון דער גייסטיגער הייראטס־טרייקייט, וועלכע מען בעמיהט זיך צו פערשטארקען דורך א זינליכער סובסטיטוציע.

אויב אויףביידע זייטען איז די ליבע אן אמת'דיגע, און אויב אויף ביידע זייטען איז אויך דער ווילען א גוטער, דעמאלט קאנען אזוינע דורכלעבונגען אפטמאל שטאפעלווייז פירען צו אן ענגער זיך־פערבינדען פון די הייראטס־פערהעלטניסען. אויף דעם אופן ווערט ניט בלויז א פערבלאנדזעטע ליבעס־ליידענשאפט צוריק אריינגע־ברענגט אין דעם פאמיליען־בעט, נאר געוויסע דיסהארמאניעס אין דער פאמיליע ווערען אויך אבגעשטעלט און מאן און ווייב קומען זיך אנטקעגען מיט נייע און העכערע ליבעס־פערלאנגען.

אויף דעם דאזיגען אופן קאן א פערהייראט צוזאמענלעבען, טראץ געוויסע שוואכקייטען, אויך ווערען אן אייביגער פריהלינג פון ליבע, און איטליכער טאג קאן ברענגען פרישע זריעה, קנאספען און בלומען. בעת ווילד גראז און דערנער ווערען אויסגעשניטען און אויסגעבראכען. דערצו איז אבער נויטיג ניט בלויז א כסדר'דיגע אונטערדריקונג פון די אייגענע שוואכקייטען און פעהלערס, נאר א בעשטענדיגע עסטע־טישע ארבייט אין דער הייראט, אין וועלכער דער קולט פון דער געטין ווענוס טאר קיינמאל ניט אראבזינקען. אהן ספק, די אבוועקסלונג רייצט דעם געשלעכטס־טריב, און די געוואוינהייט טעמפט איהם אב. דעריבער דארף עפעס געטון ווערען כדי צו פערהיטען א צו גרויסע אבטעמפונג; און דעריבער איז די בעסטע עצה אבצושיידען, אויב

ניט דאס שלאפצימער, איז לכל הפחות דאס בעט צווישען מאן און ווייב.

דער מאטריארכיזם. — אין שייכות צו די פאמיליען־פערהעלטניסען בלייבט אונז נאך איבער צו בעהאנדלען א וויכטיגען פונקט, וועלכען מיר האבען שוין אנגערירט אין קאפיטעל 13. די מאכט פון דעם מאן און דער פאטריארכיזם האבען געפירט דערצו וואס די פאמיליע ווערט גערופען נאך דעם פאטער. דאס דאזיגע סיסטעם איז ניט בלויז ניט נאטירליך, נאר עס ברענגט אויך גאנץ טרויריגע רעזולטאטען. אויב עס איז אמת, אז די זאמען־פלאזמע פון דעם מענש ירש'ענט דורכשניטליך פונקט אזוי פיל פון דעם פאטער ווי פון דער מוטער, איז דאך די מוטער א סך נעהענטער נאך צום קינד אין אלע אנדערע פרטים. יענע פעלקער, ביי וועלכע די מוטער האט די גרעסטע דעה (ניט בלויז בנוגע דעם נאמען־געבען, נאר אויך אין אנדערע בעציהונגען), ד. ה. ביי וועלכע עס הערשט דער מאטריארכיזם, יענע פעלקער האבען דעריבער בעסער פערשטאנען די שטים פון דער נאטור.

קודם כל דער פאקט וואס די מוטער טראגט דאס קינד אין איהר לייב ניין חדשים, און וואס נאך דער געבורט איז זי נאך יאהרענלאנג מיט דעם קינד א סך נעהענטער פערבונדען איידער דער פאטער, גיט איהר א נאטירליך רעכט, א רעכט וועלכעס דעם פאטער קומט ניט. דעריבער האבען מיר נאך פריהער געזאגט, אז די קינדער זאלען טראגען דער מוטער'ס נאמען, נאך מעהר, עס זאל זיין א כלל, אז אין פאל פון א גט זאלען די קינדער אריבערגעהען צו דער מוטער, כיבא דאס געריכט איז געצוואונגען צוליב בעזונדערע ערענסטע אורזאכען ארויסצוגעבען אן אנדערען פסק.

עס איז קלאר פון אויבען אויף, אז אונטער די בעדינגען פון דער מאדערנער ציוויליזאציע קאנען מיר זיך מעהר ניט צוריקקערען צו א מאטריארכיזם אין דעם פרימיטיווען זין. פונקט אזוי וועניג ווי אן אלטער פאטריארך קאן ניט זיין א זעלבסט־הערשער איבער אלע זיינע קינדער און קינדס־קינדער אהן ניט צו פירען צו די שרעקליגסטע מיסברויכען, פונקט אזוי וועניג דארף מען די דאזיגע מאכט איבערגעבען צו אן אלטער באבע'ן אדער עלטער־באבע'ן. רעדענדיג פון דעם מאט־

ריארכיזם, מיינען מיר דערמיט, א חוץ דאס געבען א נאמען נאך דער מוטער־ליניע, אז די פאמיליען־היים און איהר פירונג זאל געזעצליך געהערען בלויז צו דער פרוי, מחמת פאקטיש איז זי דער צענטער פון דער פאמיליע. פון דעם צושטאנד דארפען ניט ענטשטעהען מעהר פאנטאפעל־הייראטען איידער איצט; דער מאן איז און ער וועט זיין דער שטארקערער און ער האט ניט וואס מורא צו האבען פאר דער הערשאפט פון דער פרוי אין דער פאמיליע. אין פאל ער וועט ניט זיין צופרידען וועט איהם דאך קיין שום מאכט ניט צווינגען, ביי פריי איינגעפירטע הייראטס־פערהעלטניסען, צו מוזען וואוינען אין הויז; און די פרוי וועט דאך אנווענדען איהר גאנצע מיה די היים צו מאכען פאר איהם וואס מעהר אנגענעם, אניט איז דא די געפאר איהם צו פערטרייבען. פון זיין זייט וועט זיך דער מאן אויך מוזען אונטער־גארטלען; ער וועט אויפהערען צו זיין האר און הערשער אין הויז, און פונדעסטוועגען וועט ער דארפען מיט דעם פערדינסט פון זיין ארבייט אויפהאלטען די קינדער און די בעל־הבת׳ישקייט.

אין די פאלגענדע פארשלאגען וועל איך דא מאכען א סך־הכל פון דאס וואס מיר שיינט צו זיין נויטיג:

1.) די קינדער דארף מען רופען נאך דער מוטער־ליניע.

2.) א חוץ אין די פאלען וואו די פרוי פערלירט איהרע מוטער־רעכטען צוליב אונפעהיגקייט, מיסהאנדלונג, משוגעת, א. א. וו., אדער מען מוז איהר די דאזיגע רעכטען געזעצליך מבטל־זיין, זאל זי אליין לויט רעכט האבען די גרעסטע דעה אין דער פירערשאפט איבער די קינדער, כל זמן זיי זענען מינדעריאהריג.

3.) די פרוי זאל זיין די בעזיצערין און די הויפט־פערוואלטערין פון דער היים. איהר ארבייט, פירענדיג די בעל־הבת׳ישקייט און ער־פילענדיג איהרע מוטערליכע פליכטען, זאל ווערען געשאצט לויט א גלייכען ערך, ד. ה. די פרוי זאל האבען דאס רעכט צו ווערען בעלוינט פאר איהר ארבייט פונקט אזוי און לויט דעמזעלביגען ערך ווי דער מאן פאר זיין ארבייט.

4.) כל־זמן די הייראט בעשטעהט, האט דער מאן דאס רעכט אויף וואוינונג, עסען און הויז־בעדינונג ביי זיין פרוי, פאר זיין בע־שיצונג פון דער פאמיליע, פאר דער הילף וואס ער גיט אין דער בעל־הבת׳ישקייט און ביי דער קינדער־ערציהונג, אזוי גוט ווי פאר זיין פי־

נאַנציעלער ביישטייערונג כדי צו דעקען די הוצאות פון ביידע.

5.) א חוץ דעם חלק וועלכען ער גיט פאר דער בעל־הבת'ישקייט און פאר דער ערציהונג און ערנעהרונג פון די קינדער, זאָל דער איבעריגער פערדינסט און דאָס פערמעגען פון דעם מאַן געהערען צו איהם אליין, פונקט ווי דער פערדינסט און דאָס פערמעגען פון דער פרוי זאָל געהערען צו איהר אליין. אין פאַל פון א גט וועלען אויך די פערמעגענס זיין צושיידט. מיט דער אויסנאַהם פון די אויבען־דערמאַנטע פאַלען, מכח וועלכע דאָס געריכט וועט דאַרפען פסק'ענען, וועלען די קינדער געהערען צו דער מוטער. אבער דער פאַטער, כל־זמן ער לעבט און איז פעהיג צו ארבייטען, איז פערפליכטעט ביי צושטייערען זיין חלק פאר דער ערנעהרונג און ערציהונג פון די קינדער וועלכע ער האָט בעשאַפען, אזוי לאַנג זיי זענען מינדעריאַהריג, — כל־זמן זיי זענען נאָך ניט פולשטענדיג ערצויגען.

עס פערשטעהט זיך, אז די פאָרשלאָגען 2 ביז 5 האָבען נאָר דעמאָלט דעם בעדייט פון געזעצליכע נאָרמעס ווען מאַן און ווייב קאָנען זיך ניט איינפערשטעהען אויף א פרידליכען אופן. זיי האָבען אָבער ניט קיין שליטה אויף אזוינע פּאָרפּעלקער, וועלכע ליבען זיך און פערשטעהען זיך געגענזייטיג, און אויף קיין שום אופן זאָלען זיי ניט געשטערט ווערען זייער צוזאַמענלעבען צו פירען וועדליג זייער אייגענעם שכל און פרייוויליגען אָבמאַך. א שוואַכע און פרידליכע פרוי וועט ממילא זיך צוהערען צו די מיינונגען און צו די עצות פון איהר שטאַרקערען און קלוגערען מאַן. עס פערשטעהט זיך אויך, אז ביי א גט אדער ביי א צוגעהען־זיך וועט ניט אלעמאָל אלעס זיך ענדיגען פשוט און גלאַט, הגם לייכטער איידער היינט. דער מאַן וועט אלעמאָל האָבען דאָס רעכט צו שטעלען געוויסע פאָדערונגען און דאָס געריכט וועט דאַרפען פסק'ענען אין איטליכען בעזונדערען פאַל. דעמאָלט, ווען דאָס געזעץ וועט ניט זיין אויסשליסליך אין מענליכע הענד, וועלען די רעכטען פון די פרויען ממילא זיין בעסער בעשיצט. ניט אזוי זעלטען קאָן מען בעגעגענען א מוטער וועלכע איז שלעכט און אונפעהיג צו ערציהען איהרע אייגענע קינדער און, פערקערט, א פאַטער וועלכער איז פעהיג צו דער טיפסטער איבערגעבענקייט און דער גרעסטער אויפּאָפּפערונג. אָבער די דאָזיגע פאַלען זענען א יוצא מן הכלל.

מען קאָן ניט ערוואַרטען, אז די אויביגע פאָרשלאָגען זאָלען באַלד

געפינען אן אבקלאנג ביי דער איצט הערשענדיגער מאיאריטעט מענשען, און נאך וועניגער, אז זיי זאלען ווערען אויסגעפירט פון די קערפערשאפטען וועלכע האלטען די רעגירונג אין זייערע הענד, ווען מיר נעהמען אין בעטראכט זייערע אלטע און קאנזערוואטיווע נייגונגען, זייערע טענדענצען, זייער אינערציע. פון דער אנדערער זייט פרעגט זיך אבער, אויב די היינטיגע געזעצען גיבען אונז ניט שוין היינט די מיטלען און וועגען, אין און אויסער דער הייראט, צו פערווירקליכען אזוינע אידעאלען. איך זעה שוין צוויי.

ערשטענס, ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען אין קאפיטעל 13, קאן מען שליסען א הייראטס־אבמאך, וועלכער זאל פולשטענדיג צוטיילען דאס פערמעגען, און ווערליג די עקזיסטירענדיגע לאקאלע געזעצען וואלט מען נאך דערביי געקאנט ערפילען א טייל פון די אויביגע פאסטולאטען. א פרוי קאן צ. ב. דורך אן אבמאך צו זיך צושרייבען דאס פערמעגען און די פירונג פון דער היים, א. דגל.

צווייטענס, איבעראל ווערען די אונגעזעצליכע קינדער גערופען נאך דער מוטער: דאס דאזיגע איז דאך גראד וואס מיר ווילען! אין די לענדער וואו דאס קאנקובינאט ווערט ניט בעשטראפט, קאן מען איינגעהען אויף א פרייער הייראט מיט דער הילף פון פריוואטע קאנטראקטען, האלטענדיג זיך ביי די אויביגע בעדינגען. אמת, דערצו דארף מען האבען מוט, מחמת ניט איטליכער אנשטענדיגער מענש קאן זיך שטעלען אנטקעגען דער עפענטליכער מיינונג, בפרט ווען דערביי שטעהט אין קאן זיין גוטער נאמען. א חוץ דעם וועלען אזוינע פערבינדונגען ניט געניסען די שטאאטליכע בעשיצונג. מיט אביסעל ענערגיע און אויסגעהאלטענקייט קאן מען אין אזוינע פאלען ביסלעכווייז פירען דערצו, אז די פרוי זאל גערופען ווערען „פרוי“ און ניט „פרויליין“. עס איז אויך ניט קיין אונמעגליכע זאך, אז אזוינע פערבינדונגען צווישען ערליכע און אנשטענדיגע מענשען זאלען ביסלעכווייז ווערען אלץ אן אפטערע און אפטערע ערשיינונג, און שטאפעלווייז צווינגען די געזעלשאפט צו אנערקענען די פרייע הייראטס־פערבינדונגען גלייכווערטיג און גלייכבערעכטיגט מיט די טראדיציאנעלע, אזוי־גערופענע געזעצליכע הייראטען, און דעם פארפאלק מיט זייערע קינדער אנצוגעבען דעמזעלבינען כבוד. רופען קאן מען דאס פארפאלק פערבינדענדיג ביידע פאמיליען־נעמען; צ. ב. ווען פרויליין מי־

לער געהט איין אויף א פרייער פערבינדונג מיט הער מייער, קאן זי הייסען פרוי מילער־מייער און איהר מאן הער מייער־מילער.

וויל איך דען אפשר זאגען, אז אונטער אזוינע פערענדערטע צושטאנדען, בעת אבער די געירש׳ענטע קוואליטעט פון די מענשען וועט ניט זיין בעסער איידער זי איז היינט־צוטאג, וועט הערשען אויף דער וועלט דאס גליק פון גן־עדן און לויטער אידעאלען? דער לעזער וועלכער האט מיר אויפמערקזאם נאכגעפאלגט ביז אהער, האף איך, וועט מיך ניט האלטען פאר אזוי נאיוו. דעמאלט, פונקט ווי איצט, וועלען זיין געזונקענקייט, ברוטאליטעט, אינטריגעס, שווינדעל, נאריש־קייט, רייסערייען, שנאה, קנאה, אייפערזוכט, סעקסועלע אונריינקייט, פוילקייט, אונארדענונג, אונריינליכקייט, פליאטקעס, שלומפעריי, קאפ־ריזען, שמאלקעפיגקייט, א. אז. וו., זיי וועלען אבער ניט האבען די מאכט וואס איצט. מען וועט די דאזיגע חסרונות וועניגער קאנען ענט־שולדיגען מיט די היינטיגע געוועהנליכע תרוצים, און די מענשען וועלכע וועלען זיי פערמאגען וועט מען כסדר מעהר און מעהר בעטראכטען פאר מינדערווערטיגע און פאטהאלאגישע אינדיווידוען, וועלכע מען וועט שטאפעלווייז מוזען אבשאפען דורך א צוועקמעסיגער צוכט־וואהל פערבונדען מיט א ראציאנאלער היגיענע און ערציהונג.

אבער געטרייע, אונאבהענגיגע און העכער שטעהענדיגע מענשען וועלען זיך קאנען ענטוויקלען א סך פרייער און נאטירליכער איידער איצט. זיי וועלען מעהר ניט שפילען די ראלע פון שקלאפען, און דינען צו דער מאכט, צום געלד, צו פארורטיילען און צו דער טיראניי פון סדות און מנהגים. זיי וועלען ניט דארפען זיין רעליגיעזע און סאציאלע צבוע׳אקעס, נאר זיי וועלען לעבען, ד. ה. רעדען און האנדלען לויט זייערע איבערצייגונגען. מענשען מיט עגאיסטישע שטרעבונגען וועלען מעהר ניט קאנען ארייננקריגען די גאנצע מאכט. די הייראט, און דער געשלעכטס־פערקער בכלל, וועט מעהר ניט זיין קיין קאנווענצי־אנעלע פאלשקייט און א ליגען. די געפיהלען, ווערענדיג ניט מעהר אונטערדריקט, וועלען בלויז דעמאלט אננעהמען איבערגערייצטע און קרענקליכע פארמען ווען זייער יסוד וועט זיין א פאטהאלאגישע דיס־פאזיציע, מחמת דער תרוץ און בעזונדערס דער פינאנציעלער אינטע־רעס צו בעגעהען שלעכטע האנדלונגען און דערווערבען מאוס׳ע גע־וואוינהייטען וועלען אזוי ווייט ווי מעגליך זיין אבגעשאפט.

צוליב דיזעלביגע אורזאכען וועט די פראסטיטוציע, דער פערקויף פון דעם אייגענעם לייב, ווערען אונמעגליך און אונדערנקבאר. אמת, עס וועלען ניט אויספעהלען פרייע, ניט געצווימטע סעקסועלע פערהעלטניסען און עקסצעסען, אבער זיי וועלען געהאלטען ווערען אין געוויסע גרעניצען א דאנק דער ארבייט, פון וועלכער קיין מענש וועט זיך ניט קאנען ארויסדרעהען. איך וועל דא ברענגען ווארט נאך ווארט די שלוסזאצען פון פרידריך אלבערט לאנגע'ס געשיכטע פון מאטעריאליזם, ווי ער האט זיי אנגעשריבען אין 1874 (3טע אויפלאגע) א יאהר פאר זיין טויט.

„מיר לעגען אוועק די פעדער און שטעלען אב אונזער קריטיק אין א צייט ווען אייראפא ווערט אויפגערודערט פון דער סאציאלער פראגע: א פראגע, אויף דעם ברייטען געביט פון וועלכער, אלע רעוואלוציאנערע עלעמענטען פון דער וויסענשאפט, פון דער רעליגיע און פון דער פאליטיק שיינען צו האבען געפינען זייער קאמף-פלאץ פאר א גרויסער ענטשיידענדער שלאכט. סיי די דאזיגע שלאכט וועט זיין א בלוטלאזער קאמף פון גייסטער, סיי זי וועט זיין ווי אן ערדציטערניש וואס וועט דונערענדיג אראבווארפען אין שטויב די רואינעם פון א פערגאנגענער וועלט פעריאדע און אונטער דעם חרבן בעגראבען מיליאנען מענשען, — **זיכער איז, אז די נייע צייט וועט ניט האבען קיין נצחון, א חוץ אונטער דעם באנער פון א נייער אידעע, וועלכע וועט פעריאגען דעם עגאיזם און וועט איבערגעבען די ארבייט צו פערפולקאמען די מענשליכע ראסע אין די הענד פון א מענשליכער קא-אפעראטיווער געזעלשאפט, אלס א נייער ציל אויף דעם פלאץ פון אונזער פיבערישער ארבייט וועלכע האט בלויז אין אויג דעם פערזענליכען אינטערעס.**"

„די אנקומענדיגע שלאכטען וועלען ווערען געמילדערט, אויב די גייסטער וועלכע וועלען אנפירען דעם קאמף זענען דורכגעדרונגען מיט א טיפען אריינבליק אין דער נאטור פון דער מענשליכער עוואלוציע און אין די געשיכטליכע פראצעסען. מיר דארפען ניט אויפגעבען די

האַפענונג, אז אין דער ווייטער צוקונפט וועלען פאַרקומען די גרעסטע איבערקערענישען אהן אז די מענשהייט זאָל דערביי ווערען בעפלעקט פון פייער און בלוט. עס וואָלט געווען דער שעהנסטער לוין פאַר דער שווערער ארבייט פון דעם מענשליכען גייסט, ווען ער וואָלט געווען בכח אויף איצט צוצוגרייטען א לייכטען וועג צו יענעם אונפערמיידליכען ציל אין דער צוקונפט. דערביי פערמיידען אלע שרעקליכע קרבנות און אויך אהן א שאדען אריבערראַטעווען אין יענער נייער עפּאָכע אלע אוצרות פון דער ציוויליזאַציע".

„אבער די דאָזיגע אויסזיכט איז א שוואכע, און מיר קאָנען ניט בעהאַלטען דעם פאַקט, אז די בלינדע ליידענשאַפטען פון די פאַרטייען האַלטען זיך אין פערשאַרפען, און אז דער ברוטאַלער קאַמף פון די אינטערעסען טרעט אב אליץ ווייטער און ווייטער פון דעם איינפלוס פון די טעאָרעטישע פאָרשונגען. פונדעסטוועגען וועלען אונזערע אַנשטרענגונגען ניט פערלוירען געהען; דער אמת, אפילו צו שפּעט, קומט אליץ גענוג פריה, — די מענשהייט שטאַרבט נאָך ניט. גליקליכע נאַטורען טרעפען די צייט: **דער דענקענדיגער מענש אָבער האָט קיינמאָל ניט דאָס רעכט צו שווייגען פשוט ווייל ער ווייסט, אז איצט איז בלויז פאַראַן א קליינע צאָל וואָס וועט איהם אויסהערען.** (אונטערשטראָכען פון מיר).

מיט 30 יאָהרען צוריק איז לאַנגע'ס פעסימיזם געווען בעגרייפליך. היינט אבער עפענען זיך פאַר אונז נייע פערספּעקטיווען וועלכע פילען אונז אן מיט מעהר מוט פאַר א סאָציאַלער ארבייט. אבער זיין לעצטע נביא'שע פאָדערונג, וועלכע מיר האָבען ציטירט, גילט אינגאַנצען היינט פונקט ווי דעמאָלט. **אָדער דער סאָציאַליזם וועט זיין עטיש, אָדער ער וועט גאָרניט זיין.** זינט 30 יאָהרען זענען אויך מיר מיט דער דאָזיגער מיינונג.

די אוטאָפּיסטישע געדאַנקען וועלכע מיר האָבען אויסגעדריקט האָבען ניט קיין שום פּרעטענזיע אויף נייקייט. אנאַליזירענדיג די פאַקטען אין די פערשידענסטע געביטען, האָבען מיר בלויז געפּריפט צו געפינען יענע, וועלכע קאָנען אמבעסטען לייזען דאָס סעקסועלע פּראָבלעם פון דעם מענשליכען מין אונטער די היינטיגע סאָציאַלע צושטאַנדען, די היינטיגע וואונשען און אנשויזונגען. איטליכער איז מודה, אז אין אונזער סעקסועלען לעבען איז דאָ זעהר א סך צו פער־

בעסערען; מען האט אבער מורא זיך צו צורירען צו דעם ראזיגען פערפוילטען בנין. איך לאז איבער צו מיינע לעזערס און לעזערינס גופא, וועדליג זייער טעמפעראמענט און אנשויונגען צו משפט'ען און זאגען אויב אונזערע „אוטאפיסטישע" געדאנקען זענען באמת ניט מעהר ווי אן אוטאפיע, אבער איך בעט זיי, אז איידער זיי גיבען זייער פסק זאלען זיי ווי ווייט מעגליך קיהל און אהן פארורטיילען אלעס איבערטראכטען.

סוף כל סוף מוזען מיר דאך וועהלען צווישען צוויי ברירות, צווישען א פעסימיסטיש-פאטאליסטישען אונטערגאנג פון אונזער ראַסע (לטובה די מאנגאלען) און א באלדינער, פרישער און ענערגישער צוכטוואהל, כדי צו ברענגען איהר נייע אויפבליהונג. ווער עס שטעלט זיך אויף דער זייט פון דער לעצטער, מוז זיך פערנעהמען מיט דער סעקסועלער פראגע און דערקלערען אז אפענע מלחמה קעגען דעם אל־קאהאל־געברויך (שכרות) קעגען דער הערשאפט פון קאפיטאל און קעגען אלע פארורטיילען וועלכע האלטען אונז אין זייער נעץ און פער־וויגען אונז מיט זייערע אילוזיעס אין א בלינדען צוטרויען.

די טענה, אז די כינעזער זענען גאנץ אנדערע מענשען ווי די יאפאנעזער און, אז זיי וועלען זיי ניט נאכטון, איז אי נאיוו און אי פאלש; זי ווערט שוין איצט אבגעלייקענט מיט פאקטען. מיר זאלען נים ווארטען און ערשט זיך אויפכאפען ווען 450 מיליאנען געלע וועלען שטעהען קעגען אונז גוט בעוואפענט, פולשטענדיג ציוויליזירט, פערייניגט און מיט גרויסע, קלוגע מוחות.

נאך א פערשפרייטע אילוזיע איז די איבערשאצונג פון די גע'ירש'ענטע אינדיווידועלע ווערטען פון אונזער ראסע, אן אילוזיע וועל־כע קומט פון דעם פאקט וואס דער גלאנץ פון אונזערע קולטור־פארט־שריטען האלטען אונז אין איין פערבלענדען. דערביי פערגעסען מיר צוויי עיקר־פאקטען: 1.) אז דער פונדאמענט פון אונזער וויסען און קענען איז די ארבייט פון אונזערע פאר־עלטערן. די ארבייט וועלכע ליגט גרייט פאר אונז אין די ביבליאטעקען, אין די מוזעומס און אין די טויזענדער אינסטרומענטען און אנדערע געגענשטאנדען; א חוץ דעם, אז בלויז עטליכע טעכנישע ענטדעקונגען (דרוק, אייזענבאן, טע־לעגראף, א. אז. וו.) האבען אונז געגעבען די מעגליכקייט איטליכען בליץ פון אונזער גייסט, אפילו דעם קלענסטען, צו פערטוויזענדפאכען

און גיך צו פערשפרייטען איבער ים און יבשה; דאס האבען אונזערע פאר־עלטערן ניט געקאנט טון, און דעריבער איז דעמאלט פערלוירען געגאנגען א סך גאונות, בעת היינט קאן א שוטה אפטמאל א סך מעהר אויפטון איידער פריהער א גאון. 2.) אז אונזערע היינטיגע צוזאצען צו די דאזיגע אלטע קולטור־אוצרות איז בלויז די ארבייט פון א רעלאטיוו קליינער צאל בעזונדערס פעהיגע און ארבייטזאמע מוחות, בעת אונזערע ברייטע פאלקסמאסען בעשטעהען נאך פון וואולגאר אונגעבילדעטע גייסטיג פוילע בארבארען, פערטון אין א געיעג נאך תענוגים, וועלכע וואלטען די קולטור, ווען זי זאל אבהענגען אין זיי, ניט נאר ניט ווייטער ענטוויקעלט, נאר גיכער וואלטען זיי זי שטאפעלווייז געלאזען פערטרוקענען און צוריקגעהען.

ע נ ד ע

פאַרלאַג מאַקס יאַנקאָוויטש

179 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

	בראָשירט	געב.
דער ענגלישער פלירט (The Flirt)	.25	
ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאָר און פאָרלעזער	.30	$ .70
ברוך שפּינאָזא:		
טעאָלאָגישער פּאָליטישער טראַקטאַט		2.25
אַרטור שאָפּענהאוער:		
די חכמות פון לעבען און אַנדערע עסעים		2.25
טאָמאַס פּעין:		
די צייט פון פאַרשטאַנד		2.00
דר. מוזיקאַנט:		
דאָס נייע אָפּערא בוך מיט 40 אָפּעראַס		2.25
מ. אַרציבאַשעוו:		
סאַנין		1.50
מיליאָנען		1.00
פרויען		.80
אייפערזוכט	.35	.70
דער לעצטער שטריך (אין 2 בענדער)		3.50
אָסקאַר ווײַלד:		
דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי		1.50
איסכילאָס:		
דער געשמידטער פּראָמעטעאוס	.20	
לעאָניד אַנדרעיעוו:		
דאָס רויטע געלעכטער		.70

	בראשירט	געב.
פ. דאָסטאָיעווסקי:		
אָרעמע מענשען		1.00
ערנידעריגטע און באַליידיגטע (אין 2 בענדער)		3.00
פאַרברעכען און שטראָף (אין 2 בענדער)		3.50
אידיאָט (אין 3 בענדער, 1,000 זייטען)		6.00
וויקטאָר הוגאָ:		
דער מענש וואָס לאַכט (אין 2 בענדער)		3.00
אויגוסט סטרינדבערג:		
דער רויטער צימער		1.50
געזאַמעלטע דראַמען (אין 2 בענדער)		3.00
מאַרק אָרענשטיין:		
מיין ווייב׳ס משוגעת	.20	
ה. זודערמאַן:		
יאָהאַנעס פייער	.25	
פר. א. פאָרעל:		
די געשלעכטס-פראַגע, קאָמפּליט, אין 2 בענדער		4.00
סט. פשיבישעווסקי:		
דעם טויפעל׳ס קינדער		1.50
ווינטשענקאָ:		
עהרליך צו זיך אליין		2.00
וואָלטער בראַון:		
יעדע פרוי ווי זי זוכט ליבע	.30	
עממא גאָלדמאַן:		
הייראַט און פרייע ליבע	.15	